STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03497

OYF DI SHLYAKHN FUN HEYM

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויף די שליאַכן פון היים

אַנטאָלאָגיע

באָרחות הארץ

אנתולוגיה

מוטיבים ארץ-ישראליים בכתביהם של
סופרי יידיש החיים ויוצרים בארץ

המועצה העולמית ליידיש ותרבות יהודית
תל-אביב, תשמ"ט

אויף די שליאַכן פון הײם

אַנטאָלאָגיע

ארץ־ישראל־מאָטיוון בײַ די ייִדישע
פּראָזאַיִקערס, פּאָעטן און עסייִיסטן
װעלכע לעבן און שאַפן אין לאַנד

רעדאַקציע:

יצחק יאַנאַסאָוויטש, אַברהם ליס, יצחק קאָרן,
ישראל רודניצקי (רעד־סעקר׳)

וועלטראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור

תל־אביב, 1989 — תשמ״ט

רעדאַקציע־קאָמיטעט :

מרדכי חלמיש, יצחק יאַנאַסאָוויטש, אַברהם ליס,
יצחק קאָרן, ד״ר העשיל קלעפּפיש, יעקב־צבי שאַרגעל,
ישראל רודניצקי (רעדאַקציע־סעקרעטאַר)

אַרויסגעגעבן מיט דער פינאַנסיעלער הילף
פון די פריינד רבקה און יהושע גאָלדבערג
צום אָנדענק פון די משפחות גאָלדבערג־
לערמאַן, קרבנות פון היטלעריזם.

©

נדפס בישראל 1989

סודר בדפוס „אורלי״ ת״א, הודפס ברפוס א. גרינשטיין ת״א

אינהאַלט

אַרײַנפיר			7
מבוא			9
צ. אײַזנמאַן	—	די מאַמע װעט מער ניט װײנען	11
אַסיאַ	—	לידער	20
ה. אַשעראַװיטש	—	ליד	24
ר. באַסמאַן	—	לידער	27
ר. בוימװאַל	—	לידער	32
אַ. בוסתּן	—	אַ פאַרשװעכטער יום־טוב	36
י. ח. בילעצקי	—	לידער	41
י. בירשטײן	—	דײַנע פעלדער, ישראל — דײַנע געסלער, ירושלים	44
ה. בנימין	—	סאָנעטן־רינג	59
י. בערקמאַן	—	לידער	67
י. בראַט	—	גוטע צײַטן	70
מ. גורין	—	לידער	76
ר. גלילי־גלאַצער	—	לידער	81
י. גראַנאַטשטײן	—	אויף פאַרנאַכטיקע װעגן (דערציילונג)	84
ב. העלער	—	לידער	89
מ. װאַלדמאַן	—	לידער	97
ש. װאַרזאַגער	—	לידער	100
פ. װײַנינגער	—	לידער	105
ש. װערבער	—	לידער	107
פ. זיגעלבוים	—	דליה	111
ח. זעלצער	—	לידער	118
מ. חלמיש	—	פאַר װאָס נישט ייִדיש ?	122
מ. חרץ	—	לידער צו אײגענע	127
ש. טאַפּ	—	לידער	133
ז. טעלעסין	—	לידער	136
י. יאַנאַסאָװיטש	—	לידער	142
מ. יעלין	—	איצט װעט עפּעס בלײַבן... (דערציילונג)	150
י. לאַצמאַן	—	לידער	162
מ. לאַקיעטש	—	לידער	164
י. לודען	—	משה פישזאָן	168
אַ. ליס	—	ארץ־ישראל אין דער ייִדישער פּאָעזיע	171
י. לערנער	—	לידער	183
מ. סאַקציער	—	לידער	188
ד. סדן	—	דאָס רעטעניש און זײַנע סטראָפן (ש״י עגנון)	193
אַ. סוצקעװער	—	לידער	215
מ. סתּר	—	לידער	226
מ. סטעמפּל	—	לידער	229
אַ. פּאַדריאַטשיק	—	פון קלעם אַרויס	233

י. פּאַפּיערניקאָוו — לידער 245
מ. צאַנין — אין איבערגאַנג פון צײַטן 250
ק. צעטניק — אין אַראַבישן דאָרף (פּערטע דימענסיע) 269
י. קאַפּלאַן — נדן אַ משל 282
ב. קאַפּשטיין — לידער 288
וו. קאַרמיאַל — עמוס 293
י. קאָרן — ייִדיש האָט אַ צוקונפט 305
א. קאַרפּינאָוויטש — די פּאַן 313
ר. קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק די לעצטע (געווידמעט די קאַצעטלער־העלדן) 327
ה. קלעפּפיש — צפת — די שטאָט פון מיסטיק 336
י. קערלער — לידער 343
ר. קראַמף — לידער 351
מ. ראָם — חג־שמח (דערציילונג) 358
ה. רובין — לידער 365
י. צ. שאַרגעל — ביסט אַלט, מײַן בוים (לידער) 368
ש. שווייצער — דב סדן — געשטאַלט און אויפטו 376
מ. שטוקער־פּאַיוק — לידער 382
מ. שטיינבערג — בדמייך חיי (דערציילונג) 385
א. שעדלעצקי — ערשטע יאָרן 394
י. שפּיגל — צוויי לידער 406
א. שרײַער — אין קליינעם פּאַנסיאָן 409
מ. בערנשטיין — „אַ לויב די חלוצים און בויערס" (צייכענונג) 413

רשימה פון ראָשי־תּיבות און קירצונגען 416
ביאָ־ביבליאָגראַפיע 417
Preface 450

אַרײַנפֿיר

די אַנטאָלאָגיע וואָס מיר האָבן צונויפֿגעשטעלט און ברענגען פֿאַרן ייִדישן לייענער אין לאַנד און אין די ייִדישע תּפֿוצות איז אַ פּרוּוו צו רעפּרעזענטירן די וואָרטשאַפֿונגען פֿון די היגע ייִדישע שרײַבערס, אין וועלכע ס'ווערן אָפּגעשפּיגלט די שטימונגען און בענקשאַפֿטן, די אידעען און ראַנגלענישן אין דעם ייִדישן ייִשוב אין ארץ־ישׂראל און מדינת־ישׂראל.

מיטן אויפֿקומען פֿון דער מדינה איז, כּידוע, אַנטשטאַנען אַ נײַע רעאַליטעט סײַ פֿאַר דעם ארץ־ישׂראל־ייִשוב, סײַ פֿאַרן ייִדישן פֿאָלק אין די תּפֿוצות. די דורותדיקע בענקשאַפֿט צו אַן אייגענעם ייִדישן היימלאַנד איז פֿאַרווירקלעכט געוואָרן. צוזאַמען מיט דעם היסטאָרישן הויכפּונקט זענען אויפֿגעקומען נײַע לעבנס־וויכטיקע פּראָבלעמען און בעיקר — דער אומאויפֿהערלעכער געראַנגל פֿאַר אונדזער קיום, פֿאַר אונדזער דערגרייכטער זעלבשטענדיקייט. אוודאי האָט דער ייִדישער וואָרטקינסטלער געשטרעבט צו באַטאָנען דאָס דערהויבנדיקע אין דעם דאָזיקן נײַעם געראַנגל, אָבער אויך די שוועריקייטן און ווידעראַנאַנדן וואָס באַגלייטן תּמיד גרויסע געשיכטלעכע ווענדונגען, ווי דאָס קומט צום אויסדרוק אין די שאַפֿונגען פֿון די ייִדישע פּראָזאַיִקערס, פּאָעטן און עסײַיסטן, תּיכּף נאָך דעם ווי די מדינה איז אַנטשטאַנען, און אַזוי במשך די פֿיר יאָרצענדליקער וועלכע מיר מערקן איצט אָפּ.

יעדער אַנטאָלאָגיע האָט אירע באַגרענעצונגען. אויך אונדזער אַנטאָלאָגיע איז אין אַ געוויסער מאָס באַגרענעצט סײַ טעמאַטיש, סײַ אין פֿאַרנעם. מיר וואָלטן געדאַרפֿט אָנהייבן מיט די ערשטע ליטעראַרישע אויפֿטוען אין ייִדיש אין ארץ־ישׂראל. ס'האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז כּדי אָפּצושפּיגלען די שאַפֿונגען פֿון דער דאָזיקער צײַט, וואָלטן מיר געדאַרפֿט אָנפֿילן אַ סך בענד מיט ליטעראַטור־שעפֿערישקייט, וואָס גרייכט טיף אין פֿאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט. מיר האָבן, בכן, נאָך אַ לענגערן ייִשוב־הדעת, באַשלאָסן צו אַנטאָלאָגירן בלויז אַזעלכע ליטעראַרישע שאַפֿונגען וואָס גיבן זיך אָפּ מיט דער ישׂראל־טעמע.

מיט באַדויער האָבן מיר זיך געמוזט אָפּזאָגן פֿון אַרײַננעמען אין דער אַנטאָלאָגיע שאַפֿונגען וואָס האָבן באַרײַכערט אונדזער ליטעראַטור במשך צוויי דורות

און זייערע מחברים זענען מער נישטאָ מיט אונדז, כאָטש קיין ספק ניט, אַז זיי האָבן צוגעטראָגן אַ וויכטיקן און באַטײַטיקן טייל צו אונדזער ישראל־שאַפן. מיר זענען מחויב צוצוגעבן, אַז אָט די ראשונים, און די שפּעטער צוגעקומענע, האָבן פאַרלייגט דעם יסוד פאַר דער הײַנט צעצווײַגטער ליטעראַטור־שאַפונג אין ישראל.

ס׳איז, בכן, אַן אַנטאָלאָגיע וואָס באַמיט זיך צו געבן, ווי ווײַט מעגלעך, אַן אָנונג וועגן דער שאַפונג פון קרוב 60 יידישע שרײַבערס, וועלכע לעבן צווישן אונדז אין מדינת־ישראל.

בײַם צונויפשטעלן דעם ביאָ־ביבליאָגראַפישן טייל פון דער אַנטאָלאָגיע האָבן מיר זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו געבן, אין קורצן, אַלע ביאָגראַפישע אָנגאָבן וואָס די באַטייליקטע האָבן צוגעשיקט, און וואָס שייך די רשימות פון דערשינענע ביכער, ווו ס׳האָבן געפעלט פּרטים, האָבן מיר זיך אָרויסגעהאָלפן מיט די בענד פון „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור" (נ״י).

מיט ווייטיקלעכן צער פאַרצייכענען מיר די נעמען פון די באַטייליקטע אין דעם בוך, וואָס זענען אין דער לעצטער צײַט ניפטר געוואָרן: פריד ווײַנינגער, יהושע לאַצמאַן, משה לאַקיעטש, מאָטל סאַקציער, וואָלף קאַרמיאַל, רחל קראַמף, מאַשע שטוקער־פּאַיוק.

כבוד זייער אָנדענק!

די רעדאַקציע

מבוא

אנתולוגיה המובאת בזה בפני קורא היידיש בארץ ובתפוצות מהווה נסיון להציג מבחר מתוך מכלול היצירות של סופרי יידיש בארץ, כאשר הפן המשותף ליצירות מייצגות אלה הוא השאיפה לשקף הלכי־רוח, מאוויים ומאבקים המאפיינים את היישוב היהודי בארץ בימים של טרום־המדינה וגם לאחר שקמה.

הקמת המדינה הולידה, כידוע, מציאות חדשה הן בחיי הישוב בארץ והן בחיי העם היהודי בתפוצות. התגשם חלומם של דורות רבים אודות המולדת היהודית. אולם, באחת עם נקודת שיא זו בתולדות העם, עלו בעיות יסוד חמורות חדשות, ובעיקר — הכורח במאבק הבלתי־פוסק להמשך קיומנו ועצמאותנו. ובצד שאיפתו להבליט היסודות הנשגבים במאבק הקיומי, עמד סופר היידיש ביצירתו גם על כל אותם הקשיים והניגודים המלווים תדיר תמורות היסטוריות מכריעות. והדברים אכן תופסים מקום נרחב בכתביהם של המספרים, המשוררים ומחברי המסות ביידיש לאורך כל ארבעת העשורים של קיום המדינה.

כל אנתולוגיה, וכך גם האנתולוגיה שלנו — מטבע הדברים חלות עליה מגבלות מסוימות הן בנושאיה, הן בהיקפה. מן הראוי היה לפתוח בהישגיה הראשוניים של ספרות יידיש בארץ ישראל, אלא שמתן ביטוי הולם ליצירות התקופה ההיא תובע מקום רב מאוד לכתובים שתחילתם הרחק בתוך המאה הקודמת. על כן החלטנו להתמקד ביצירות שנושאן המוצהר הוא ישראל.

ובכך נאלצנו לצערנו לוותר על שורה של יצירות שהעשירו את ספרותנו לאורך שני דורות, ואשר מחבריהן אינם עמנו עוד — אותם הראשונים ויורשיהם אשר הניחו את היסודות ליצירה הספרותית הענפה בארץ.

אנתולוגיה זו מנסה, אם כן, במידת האפשר, להעניק לקורא מושג כלשהו על יצירתם של קרוב ל־60 סופרי היידיש החיים עמנו במדינת ישראל. בחלק הביו־ביבליוגרפי הצבנו לעצמנו כמטרה למסור בקיצור את מרבית הנתונים הביו־גראפיים שנתקבלו מאת המחברים, ובאשר לרשימות הספרים, הרי שנעזרנו ב„לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור" (נ"י) לשם השלמת הפרטים החסרים.

בצער רב הננו זוכרים את שמותיהם של הסופרים אשר הלכו לעולמם לאחרונה, ושמיצירותיהם נכללות באנתלוגיה זו: פריד וויינינגר, יהושע לאצמן, משה לוקיאץ׳, מוטל סאקציר, וולף קארמיול, רחל קראמף, מאשה שטוקר־פאיוק.

יהי זכרם ברוך.

המערכת

ג ע װ י ד מ ע ט
40 יאָר מדינת־ישׂראל

אַ נ ט אָ ל אָ ג י ע
פֿון די ייִדישע שרײַבערס אין ישׂראל

צבי אײַזנמאַן

די מאַמע וועט שוין מער ניט וויינען

א

חיפהר פּאָרט. אַ שיף מיט מעפּילים. די עלטערן האָבן מיך אַראָפּגעטראָגן פון דער שיף אין אַ בלעכן וואַנעלע. דאָס וואַנעלע איז געווען ווייך אויסגעבעט מיט דער מאַמעס קליידער, מיטן טאַטנס העמדער. זיי האָבן געהאַלטן דאָס וואַנעלע בײַ די אויערן. חוץ דעם האָבן נאָך זיי זיך נאָכגעשלעפּט צוויי אויסגעמאַטערטע וואַליזעס מיט שטריק פאַרבונדן.

ס'איז שווער געווען צו וויסן צי איך שלאָף, צי כ'בין וואַך. איין זאַך איז זיכער געווען — כ'האָב ניט געוויינט און ניט געשריִען, כאָטש אַרום אונדז האָט מען זיך געשטופּט און געליאַרעמט.

די פּאָרטהאַלע, ווו מען האָט אונדז אַרײַנגעפּירט, איז געווען שרעקלעך גרויס, נאָר די אומאָרדענונג — נאָך גרעסער. מען האָט אַרומגעזוכט די סדרנים און זיי ניט געפונען. מענטשן מיט פּעק, זעק און קאַסטנס האָבן געוואַנדערט פון אָרט צו אָרט. עלטערן האָבן אין דעם געדראַנג פאַרלוירן זייערע קינדער. מען האָט די נעמען פון די פאַרלוירענע גערופן דורך די הילכערס. בײַ עמעצן האָט זיך צעבראָכן אַ טערמאָס מיט טיי. בײַ אַן אַנדערן — געעפנט אַ זאַק און די בעבעכעס האָבן זיך צעשאָטן אין אַלע זײַטן.

מײַן רויִקייט האָט בײַ דער מאַמען אַרויסגערופן אַ חשד:

— משה — האָט זי זיך פּלוצעם אָנגערופן — שטעל זיך אָפּ אַ ווײַלע. מען דאַרף זען וואָס איז מיטן קינד. ס'ליגט עפּעס צו שטיל!

מ'האָט אָוועקגעשטעלט דאָס וואַנעלע. מ'האָט זיך איבער מיר אַראָפּגעבויגן, אַ טאָפּ געטאָן דעם שטערן צי כ'האָב ניט קיין היץ, צי זיך ניט פאַרנעצט.

צוריק מיר אַרײַנגעשטופּט דעם העסלעכן סמאַטשיק אין מויל און מען איז ווײַטער געגאַנגען.

כ'האָב אַלץ ניט געוויינט. לײַטיש זיך אויפגעפירט און ווײַטער זיך צוגעקוקט צו דער אײַזערנער קאָנסטרוקציע, אויף וועלכער עס האָט זיך געהאַלטן דער דאַך, אויף די עמאַליענע טעלערס מיט די עלעקטרישע לעמפּ, כאָטש איין גאָט אין הימל האָט געוווסט ווי דאָס האָט מיך געלאַנגווײַליקט. כ'האָב אָבער קיין ברירה ניט געהאַט, ווײַל נאָר דאָס קען מען זען ווען מען ליגט אויף דער פּלייצע און מען קוקט אַרויף.

כ'האָב זיך געקאָנט בונטעווען. פֿאָדערן אַז די מאַמע, אָדער דער טאַטע זאָל מיך נעמען אויף די הענט, נאָר כ'האָב אַרויסגעפילט, אַז מען דאַרף טאַטע־מאַמע ניט שטערן און לאָזן זיי אויספירן עפּעס וואָס איז פאַר זיי זייער וויכטיק.

ס'האָט לאַנג ניט געדויערט און די מאַמע האָט זיך אויף ס'נײַ גענומען וועגן מיר זאָרגן:

— משה, כאַפּ נאָר אַ קוק צום קינד. עס דוכט זיך מיר אַז דאָס קינד עטעמט ניט!

דער טאַטע האָט זיך, מיט ניט קיין איבעריקער התלהבות, צו מיר אַריבערגעבויגן און צוגעהערט זיך צו מײַן אָטעם. געוואָלט מיר ווידער אַרײַנשטופּן דעם פּאַסקודנעם סמאַטשיק און אַז כ'האָב זיך געוועהרט, ענערגיש אַוועקגעדרייט דעם קאָפּ, האָט ער אויפגעגעבן. דערפאַר האָב איך אים באַשאָנקען מיט אַזאַ ליכטיקן שמייכל, אַז ער איז שיעור ניט צעגאַנגען געוואָרן פון נחת.

אַרום אונדז האָט נאָך דער מענטשן־בינשטאָק געררויעט און געזשומט. מענטשן מיט פאַרשיידענעם אויסזען, פאַרשיידענעם טעמפּעראַמענט. אָנגעטאָן אין אַלערליי מלבושים. גערעדט אויף כל־מיני לשונות — אָבער אַלע, אַלע זענען זיי געווען ייִדן.

די לופט האָט געאיבלט פונעם שווייס און פונעם שאַרפן די־די־טי־ריח. ס'איז געווען דעמפּיק, קלעפּיק און דושנע. די פענצטער פאַרקראַטעוועט און די שויבן מיט פודן שטויב. בלויז די רוקטירן האָט מען פונאַנדערגעפּראַלט, נאָר דאָס איז ניט גענוג געווען. דער לופטגליוער האָט זיך אײַנגעשפּאַרט און ניט געוואָלט אָפּטרעטן.

עטלעכע קראַנקן־שוועסטער אין ווײַסע כאַלאַטן און ווײַסע טשעפּקעס אויף די קעפּ האָבן זיך דורכגעשלאָגן אַ וועג צווישן דעם אויסגעמאַטערטן עולם און פונאַנדערגעטיילט מאַראַנצן און פּאַפּיראָסן.

בײַ לאַנגע, לאַנגע טישן זענען געזעסן פּקידים, געטריבן פון זיך די פליגן, געווישט דעם שווייס און אויסגעפילט די רובריקן פון די פרעגבויגנס. געפרעגט און איבערגעפרעגט. געשריבן און איבערגעשריבן. מען האָט פאַרלוירן דאָס געדולד. מען האָט זיך דענערווירט. סײַ די פּקידים און סײַ די עולים. עס האָט

זיך שוין געוואָלט זײַן פון יענער זײַט האָלע און די לאַסטאויטאָס זאָלן זיי צעפירן איבער די מעברות.

ב

ביים אַרויסגאַנג פון דער האָלע האָט אויף אונדז געוואַרט דעם טאַטנס אַ ווײַטער קרוב. ער איז געווען רײַך. געהאַט אַ גרויסן פּרדס און אין פּרדס — אַ הויז. דער קרוב האָט אונדז פאַרגעשלאָגן דערווײַלע ווױנען אינעם הויז וואָס אין פּרדס און דאָרט אויך באַשעפטיקט ווערן, דערבײַ צוגעגעבן, אַז אין דער מעברה מיט די שורות געצעלטן וועט מען אַלע מאָל אָננעמען.

דער טאַטע האָט זיך געקווענקלט. זיך מישב געווען מיט דער מאַמען. די מאַמע האָט געפּסקנט אַז דער טאַטע דאַרף זײַן דער, וואָס זאָל באַשליסן און דער טאַטע האָט באַשלאָסן — מען פאָרט אין פּרדס. דעם טאַטן האָט בלויז פאַרדראָסן וואָס דער קרוב האָט אונדז ניט פאַרבעטן צו ערשט צו זיך. מיר זאָלן בײַ אים זײַן עטלעכע טעג. אויסרוען די ביינער. באַקענען זיך מיט זײַן משפחה. האָבן צײַט צו דערציילן אים און זײַן הויזגעזינד וואָס מען האָט איבערגעלעבט אין דער מלחמה. ווי אַזוי זיך געראַטעוועט. אַנשטאָט צו זיך, ווי מיר האָבן זיך געריכט, האָט ער אונדז גלײַך געבראַכט מיט זײַן אויטאָ אין פּרדס. אמת, ער האָט אונדז באַזאָרגט מיט אַ פּרימוס צום קאָכן, מיט אַן אײַזקאַסטן, געשיר, אַלטע, אויסגעדינטע מעבלשטיק און מיט פּראָדוקטן ס׳זאָל סטײַען אויף די ערשטע טעג.

ס׳הויז איז געווען אַלט. דיקע ווענט. הויכער באַלקן. הויכע פענצטער. פון דרויסן בלוי געפאַרבט. אינעווייניק — ווײַס געקאַלכט. אַ יענוועלטיקע קילקייט האָט געווייעט פון אַלע זײַטן. אַפילו די נײַגעריקע זונשטראַלן, וואָס זענען אַרײַנגעדרונגען דורך די אָפענע פענצטער צו זען און צו באַקענען זיך מיט די נײַע אײַנוווינער, האָבן זיך געשווינד אָפּגעטראָגן כּדי ניט צו פאַרלירן פון זייער געבענטשטער היץ.

צו אָט דעם הויז האָט זיך געפּאַסט דער אַרומיקער פּרדס און צום פּרדס איז געווען ווי אָנגעמאָסטן דאָס בײַדל מיט דער מעכאַנישער וואַסער־פּאָמפּע. דער שוואַרצער מאָטאָר (שוואַרץ פון סאָזשע און סאָלער) האָט מיט שווערער האַרעוואַניע און אַסטמעדיקער סאַפּערײַ אַרויפגעצויגן דאָס ברונעם־וואַסער צו דעם שטיינערנעם, אויסגעקאַלכטן באַסיין. פונעם באַסיין איז דאָס וואַסער בהדרגהדיק אַריבער אין די בעטאָנירטע, לענגלעכע קאַריטעס. די קאַריטעס האָבן שוין געדאַגהט אַז דאָס וואַסער זאָל אָנקומען צו יעדן בוים.

דאָס קאָפּלעכערנדיקע קרעכצערײַ פונעם מאָטאָר איז געווען ווי פון אַ האַרץ. פון אַן אויסגעמאַטערט, אַלט האַרץ וואָס אָט־אָט־אָט וועט עס זיך אָפּשטעלן און עס האָט זיך טאַקע אָפּגעשטעלט, אָבער ווונדער איבער ווונדער, נאָך אַ באַשטימטער צײַט האָט עס ווידער אויפגעלעבט און ווײַטער געטאָן דאָס, וואָס מ׳האָט געהייסן טאָן — שעפּן וואַסער פון די דנאָען.

ג

די מאַמע האָט זיך דאָ געפילט זייער איינזאַם און אַפילו אומגליקלעך, כאָטש הונדערטער פאַררויטלטע, קיילעכדיקע מאַראַנצן־בעקלעך האָבן צו איר אַזוי פריינדלעך אַרויסגעשיינט פון צווישן די זאַפטיק־גרינע בלעטער און אַלעביימער פונעם גאַנצן פּרדס האָבן איר צוגעטראָגן אי אין די פאַרנאַכטן, אי אין די פרימאָרגנס גאַנצע זשמעניעס זיסן, שמעקעדיק פאַרשיכּורנדיקן ווייס־ראָזן צוויט.

איך, איר איין־יאָריק מיידעלע, וואָס האָט זיך פאַרמאָסטן (דערווייל אָן הצלחה) סוף־כּל־סוף אויפצושטעלן אויף די צוויי דיקע פיסלעך און נעמען גיין אָן אָנצוהאַלטן זיך אין אַ בענקל, אָן דער מאַמעס קלייד — בין געוואָרן איר פאַרטרויונגס־מענטש. מיט מיר איז איר לייכטער געווען צו רעדן ווי מיטן טאַטן. אייגנטלעך איז זי געווען די רעדערקע. איך האָב זי בלויז אויסגעהערט.

דער טאַטע האָט איר אַלע מאָל פירגעהאַלטן אַז זי זינדיקט. זי דאַרף זיך שעמען אַזוי צו רעדן, אַז אין די די־פּי־ס־לאַגערן איז איר געווען בעסער ווי דאָ, אינעם אייגענעם לאַנד. זי האָט זיך מיט אים ניט געוואָלט אַרייַנלאָזן אין אַ וויכּוח. אַנשטאָט מיט אים האָט זי דעם שמועס שפּעטער פאַרגעזעצט מיט מיר:

— אים איז גוט אַזוי צו רעדן. ער שטייט אויף אין דער פרי, גייט אַרייַן אין פּרדס. מישט זיך אויס מיט די אַנדערע אַרבעטערס. זעט מענטשן. רעדט מיט טראַקטאָריסטן, מיט שאָפערן וואָס ברענגען די קאַסטנס צו אָנלאָדן די פּרוכט. טראָגט כּלים פון אָרט צו אָרט און איך דאַרף קאָכן, וואַשן, רוימען, אָבער אַלץ אַליין. אָן צו זען גאַנצע טעג עמעצן פאַר די אויגן.

מיך האָט זי, ווייַזט אויס, ניט גענומען אין חשבון, ווען זי האָט געזאָגט „אָן צו זען עמעצן פאַר די אויגן". כ'האָב זיך ניט באַליידיקט.

צום ערגסטן איז דער מאַמען געווען אין די נעכט. אין שטוב האָבן בייַ נאַכט געבערנט און באַלויכטן צוויי גרויסע נאַפטלעמפּ. די נאַפטלעמפּ זענען ניט מסוגל געווען צו צעטרייַבן די אַלע שאָטנס וואָס האָבן אין דער צו גרויסער, צו הויכער שטוב געפויזעט פון איין ווינקל צום אַנדערן, געשטשירעט מיט די ציין, געסודעט זיך, געקניפּן איינער דעם אַנדערן, געקיצלט זיך, געוויצלט זיך און געלאַכט אָן אַ קול.

אין דרויסן, פאַר דער טיר, איז ניט בעסער געווען. די ביימער זענען געשטאַנען פאַרצאַגט און אומבאַוועגלעך. דער חושך האָט אויף זיי געדריקט פון אַלע זייַטן. די בלעטער און די פייגל זענען געשלאָגן געוואָרן מיט אַ בלינדקייט. אויף זיי האָבן מורא געהאַט זיך צו באַוועגן. די פינצטערניש האָט זיך ניט גערירט פונעם אָרט. עס האָט אויסגעזען אַז די פינצטערניש וועט שוין דאָ פאַרבלייַבן אויף שטענדיק. עס איז שווער געווען צו גלייבן אַז די ערשטע זונשטראַלן וועלן בכּוח זייַן אַדורכצורייַסן איר שווערן געוועב.

געװען אױך אַנדערע נעכט. נעכט פֿון פֿולער לבֿנה־שײַן. פֿון צאַרטע װינטעלעך װאָס האָבן ליבעס געפֿירט מיט די ביימערקרוינען. אַזעלכע נעכט האָט מײַן מאַמע פּשוט ניט געזען.

בײַ נאַכט האָט מיך די מאַמע געהאַלטן לעבן זיך. זי האָט זיך געטוליעט צו מיר מער װי איך צו איר. דער טאַטע האָט אױסגעלאָשן מיט אַ לאַנגן בלאָז די צװײ נאַפּטלעמפּ און איז דער לעצטער געגאַנגען אין בעט אַרײַן. דער לעצטער געגאַנגען, נאָר דער ערשטער אײַנגעשלאָפֿן. אײַנגעשלאָפֿן און עס איז אַװעק אַ שנאַרכערײַ, אַז דער דאַך האָט זיך געהױבן. די מאַמע האָט אים געשטורכעט. ער האָט אַ צאַפּל געטאָן, אַרױסגעלאָזט אַן אומפֿאַרשטענדלעכן מורמל און אױפֿגעהערט צו שנאַרכצן, װי עס האָט אױפֿגעהערט די װאַסער־פּאָמפּע אינעם פּרדס־בײַדל איר אַנגעשטרענגטע פּלאַפּלערײַ — און פּונקט װי די װאַסער־פּאָמפּע האָט זיך אומגעקערט צו איר סקריפּערײַ, אַזױ האָט זיך דער טאַטע אומגעקערט צום שנאַרכצן.

לעצטנס האָט די מאַמע אױפֿגעהערט דעם טאַטן צו שטורכען. זי האָט אים געלאָזט שנאַרכצן. מן־הסתּם זיך צו דעם צוגעװױנט. אױך צום רעש פֿון דער װאַסער־פּאָמפּע האָט די מאַמע מן־הסתּם זיך צוגעװױנט, װײַל זי באַקלאָגט זיך מער ניט פֿאַר מיר, אַז דאָס טעמפּע קנאַקערײַ װעט זי אַראָפּפֿירן פֿונעם זינען. נאָר די יללות פֿון די שאַקאַלן האָבן זי אױפֿגעטרייסלט אַלע מאָל פֿון דאָס נײַ. ס׳האָט זיך איר געדאַכט, אַז זי הערט דורך זײער געװױ אַ רופֿן, אַ בעטן, אַ קלאָגן װי פֿון קינדער, װאָס מ׳האָט אַרױסגעריסן פֿון די מאַמעס הענט. זי האָט געװײנט צוזאַמען מיט זײ.

איר שלוכצן האָט מיך אַרױסגעריסן פֿונעם שלאָף. זי האָט מײַן קעפּל צוגעדריקט צו איר ברוסט און מיט אירע טרערן מיר אױסגענעצט דאָס גאַנצע פּנים. צום סוף האָט זי אױפֿגעװעקט דעם טאַטן. דער טאַטע האָט לאַנג געשאַרט מיט די הענט ביז ער האָט געפֿונען די שװעבעלעך און אָנגעצונדן אײנעם פֿון די לעמפּ. אַװעקגעזעצט זיך לעבן דער מאַמען און געפּרוּװט זי אײַנבעמען, געפּרוּװט זי באַרויִקן, װי ניט איך װאָלט דאָ געװען דאָס קלײנע, אומבאַהאָלפֿענע קינד, נאָר זי, די מאַמע:

— נאַרעלע — האָט ער צו איר גערעדט מיט אַ גלעטנדיקער שטים — מען רײַסט דאָ ניט מער קײן ייִדישע קינדער פֿון די הענט. מיר לעבן שױן ניט צװישן גױים. דאָס בילן פֿון שאַקאַלן קאָן טאַקע אַפּשרעקן. זײ זענען אָבער ניט געפֿערלעך. זײ נערן זיך מיט פּאַדלעס און מײַדן אױס דעם מענטש.

די מאַמע האָט אים געהערט און ניט געהערט. זי האָט שױן ניט געװײנט אױף אַ קול, נאָר די טרערן זענען נאָך אַלץ גערונען, זי װיל דאָ מער ניט זײַן און שױן. זי װיל װױנען צװישן מענטשן. זאָל זײַן אַ מעבֿרה. זאָלן זײַן בײַדלעך. זאָלן זײַן צריפֿים פֿון בלעך. זי איז אַפֿילו גרײט צו שלעפּן עמערס װאַסער פֿון די װאַסערטאַנקן. זי קאָן דאָ מער ניט אױסהאַלטן — און דער טאַטע ס׳זײַניקע:

— ביסט דאָך אַ פאַרשטאַנדיקע. אונדזער אויפהאַלט דאָ איז צײַטווײַליק. מען בויט שוין פאַר נײַע עולים שיכונים. מ׳דאַרף האָבן געדולד. אויך מיר וועלן באַקומען אַ וווינונג.

ד

ווײַטער פונעם הויז, ווײַטער פון דער בודקע מיט דער וואַסער־פּאָמפּע, ווײַטער פונעם פּרדס — אויפן האַלבן וועג צו דעם ליסעוואַטן באַרג, ווו מען האָט זיך געקליבן אויף זײַן שטייניקן רוקן אויפשטעלן אַ שיכון פאַר די נײַ־געקומענע ייִדן, צווישן וועלכע מיר זענען אויך אַרײַנגערעכנט געוואָרן, איז געלעגן דאָס, וואָס איז אַ מאָל געווען אַן אַראַביש דאָרף. די אײַנוווינער פונעם דאָרף — רוצחים און רויבערס פון ייִדישן האָב־און־גוטס — זענען בעת דעם באַפרײַונג־קריג אַנטלאָפן איבער דער גרענעץ און דאָס דאָרף איז חרוב געוואָרן.

אין די שבתדיקע טעג פלעגן מיר גיין מיטן טאַטן אַהין שפּאַצירן. דאָ און דאָרט האָט מען נאָך געזען אַ טרעפּל, אַ שטיקל וואַנט, אַן אײַזערנעם שטאַנג פון אַן אײַזערנער טיר. אַ צעבראָכענע דזשאַרע. אַ פאַרוואַלגערטע נאַרגילע. אַ צעלעכערטע שיסל. אַ צעפוילטער סאַנדאַל. געבליבן זענען די מישמיש־ביימער, די פײַגנביימער, די לעבעדיקע אַרומצוימונגען פון די שטעכיק־האַרטע סאַברעקוסטעס און די הויכע אַקאַציעס. עס האָבן אויך ניט געפעלט קוסטעס מיט ברוינע, אויסגעדאַרט־געקרײַזלטע שויטן. בײַם מינדסטן האַנטבאַריר האָבן זיך די שויטן אָן עפן געטאָן מיט אַן אומדערוואַרטן טרוקענעם קנאַק און עס האָבן זיך פון זיי אַ שאָט געטאָן גלאַנציקע, פיל־קאָליריקע זריעה־קערנער. מען האָט זיי, די קערנער, געקאָנט אויפסיליען אויף אַ שנירל, ווײַל זיי האָבן אויסגעזען ווי עכטע קרעלן. מען האָט זיי אויך געקאָנט ניצן צו אַנדערע באַפּוצונגען.

דער טאַטע האָט זיי געוואָלט אויפקלײַבן, פּונקט ווי ער האָט געוואָלט אָפּרײַסן אַ ביסל פײַגן. מיר איז דאָס זייער געפעלן, די מאַמע האָט זיך ניט געוואָלט צו דעם צורירן. עס האָט איר עפּעס געשטערט צו געניסן פון אָט דער פרוכט. זי האָט געוווּסט אַז די ביימער גהערן שוין צו קיינעם ניט, און אַז עס וועט ניט זײַן ווער עס זאָל זיך מיט זיי פאַרנעמען, פלעגן און באַאַרבעטן, וועלן די ביימער מיט דער צײַט אָפּדאַרן, אָפּקווארן. און עס איז טאַקע אַזוי געשען — במשך פון די דרײַ יאָר, וואָס מיר האָבן געוווינט אין פּרדס, זענען די ביימער פאַרדאַרבן געוואָרן און מער קיין פּירות ניט געבוירן.

יאָ, כ׳האָב שיִער פאַרגעסן צוצוגעבן אַז אין משך פון די דרײַ יאָר איז צו אונדזער געזינדל צוגעקומען נאָך אַ באַשעפעניש. אַ צאַפּלדיק, זשוואַווע ייִנגעלע מיט חן־גריבעלעך און מיט צעשמייכלטע ליפּעלעך. אַפילו פונעם שלאָף אַרויס האָט ער געשמייכלט. אַזוי אַרום בין איך שוין געווען די „גרויסע״. די מאַמע האָט געזאָגט אַז אַ מיידעלע פון פיר יאָר מעג זיך שוין ווינציקער שפּילן און מער אָפּהיטן דאָס קליינע ברודערל.

ה

ענדלעך, ענדלעך האָבן מיר באַקומען אַ שיכּון און דער שיכּון איז טאַקע אויף יענעם אָפּגעקראַכענעם באַרג.

אויך דאָס מאָל, ביַים אַריבערפאָרן צום נייַעם אָרט האָט אונדז אַרויסגעהאָלפן אונדזער וויַטער קרוב מיט זיַין אויטאָ. אין די מינוטן איז די שטוב געווען צענומען. אין די מינוטן איז אַלץ געלעגן אין אויטאָ.

דאָס מאָל איז אינעם וואָגעלע געלעגן מיַין ברודערל און איך, די „גרויסע״, בין פריַי געווען צו קוקן אויף די פעלדער, ווו עס האָבן שורותוויַיז אַרומגעזשומט ממטרות און יושרדיק פאַרטיילט דער ערד זייער וואַסער־פּאַרמעג; אויף די פּאַשענדיקע קי; אויף די פּאַרבייַפאָרנדיקע אויטאָבוסן און אויף אַלץ וואָס האָט פאַרבייַגעשוועבט פאַר די אויגן.

אַ שמאָלער כּביש, אַ פריש־געפלאַסטערטער, האָט זיך געצויגן אַרויף צו, ווי אַ שוואַרצער, אַנגעדראָלענער אָדער אויפן געלבלעך־גרויען, שטיינערדיקן לייַב פונעם באַרג.

פון ביידע זייַטן כּביש, פון צווישן די פּאַרטריקנטע דערנער, האָבן אַרויסגעשפּראָצט עטלעכע צענדליק וויַיסע היַיזער, ווי עמעצער וואָלט זיי אויף דעם הויכן, פּוסטן באַרג צעשאָטן און באַפוילן — וואַקסט!

פון די נייַע בנינים האָט זיך נאָך געטראָגן דער ריח פון קאַלך און פרישע פאַרב. אויך די מענטשן, וואָס האָבן שוין אין אַ טייל פון זיי געוווינט, זענען געווען נייַ־געקומענע, אַרויסגענומענע פון די מעברות.

די היַיזער־רייען האָבן זיך מיט גאָרניט אונטערגעשיידט איינס פונעם אַנדערן. אַפילו די קאָלירן פון פענצטער און טירן זענען געווען די זעלבע. אָן אַ ביימל, אָן אַ ביסל גרינס איז דער ייִשוב געווען אַ העלער פלעק אויפן גרויען בגד פונעם באַרג.

מיר זענען שוין מיט מזל אין דער נייַער דירה. די מאַמע האָט געהאַלטן אין איין איבערשטעלן דאָס ביסל אָרעמקייט, וואָס מיר האָבן מיטגעבראַכט. זי איז אַרומגעגאַנגען איבער די צוויי צימערלעך מיט אַ שמאַטע און געהאַלטן אין איין ווישן, און אַז דער טאַטע האָט ניט געהערט — אויסגערופן, אַז ערשט, פּילט זי, זענען מיר אַנגעקומען אין ישראל. זי האָט געוואָלט אויסמעקן פון איר זכּרון די דריַי יאָר אין פּרדס. וויַיזט אויס געהאַט פאַרגעסן, אַז זי האָט עס מיר שוין איין מאָל געזאָגט, וויַיל אין אַ פּאָר טעג אַרום איז דאָס איבערגעחזרט געוואָרן און אויך אין אַזאַ ציַיט ווען דער טאַטע איז געפאָרן צו זיַין אַרבעט אין פּרדס. דער טאַטע איז שוין ניט מער קיין פּשוטער אַרבעטער. אונדזער וויַיטער קרוב האָט אים אַנגעפּאַרטרויט צו פאַרוואַלטן מיטן פּרדס און אַכטונג געבן אַז די סעזאָן־אַרבעטן זאָלן אויסגעפירט ווערן ווי עס דאַרף צו זיַין.

טראָץ דעם וואָס אי די מאַמע און אי דער טאַטע האָבן מיר איַינגערעדט (און

איך האָב אין דעם שוין געגלייבט) אַז כ'בין אַ „גרויס מיידל", האָבן זיי מיך געשיקט אין דעם פּריש־געעפנטן קינדער־גאָרטן.

אין די ערשטע טעג האָב איך זיך געהאַלטן אַ ביסל ווײַטלעך פון די פיר־פינף־יעריקע קינדער. ס'האָט מיר ניט געפּאַסט זיך צו חברן מיט אַזאַ קליינוואַרג. זייער זינגען, זייער דרייען זיך אין אַ ראָד. זייער אומפּאַלן און אויפשטיין. זייער שרײַען און לאַכן, פּליעסקען מיט די הענט צום טאַקט פון דער גננתס פּײַקל, איז מיר אויסגעקומען זייער קאָמיש. כ'האָב ניט געפילט ווי די זאָרגלאָזע צעשפּילטקייט איז אין מיר אַרײַנגעדרונגען און מיך באַוועלטיקט. דער „איך" און דער „זיי" איז ביסלעכווײַז פאַרווישט געוואָרן.

די גננת אַהובה האָט מיך זייער געריטמט פאַר דער מאַמען: ווי זעלבשטענדיק איך בין. ווי קלוג. ווי גרייט איך בין יעדערן צו העלפן.

אָט האָט די גננת אַהובה דערציילט דער מאַמען אַ זייער טשיקאַווע מעשׂה:

— איך מוז אײַך זאָגן אַז בנוגע קליטת־עליה פּאַסן זיך קינדער גיכער צו צו דער נײַערווירקלעכקייט ווי דערוואַקסענע. אָט האָבן מיר דאָ אין גן אַ מיידעלע פון אַ יאָר פיר. זי איז ערשט ניט לאַנג געקומען מיט אירע עלטערן פון רומעניע און זי רעדט שוין מיט אַלעמען און צו אַלעמען עברית. דערקעגן דער מיידעלעס עלטערן זענען נאָך אַלץ צעטומלט מיט דער שאַרפער ענדערונג פון זייער לעבן. זיי פּלאָנטערן און קאָנען זיך ניט קיין עצה געבן מיטן „בײַ אונדז". איין מאָל מיינט עס די אַלטע היים אין רומעניע און אַ צווייט מאָל איז דער „בײַ אונדז" אין ישׂראל. זיי פּלאָנטערן זיך, אָבער ניט זייער קינד. זי ווייסט ווי אײַנצוטיילן איר וועלטל: צו דער ליאַלקע, וואָס הייסט „קאַטאַרינאַ", מיט וועלכער זי האָט זיך נאָך געשפּילט דאָרט, אין רומעניע, רעדט זי רומעניש און צום האָריקן בערעלע „דובי", וועלכן זי האָט שוין דאָ באַקומען — עברית. צו טאַטע־מאַמע רומעניש און צו די קינדער אין גאַס, אין גן־ילדים און צו סתם מענטשן — עברית, אַפילו ווען די מענטשן פאַרשטייען ניט די שפּראַך אַזוי גוט, אָדער זיי קענען נאָך אין גאַנצן ניט קיין עברית.

דאָ אַנומלט האָט דער טאַטע אין גוטן־מוט זיך אָנגערופן צו דער מאַמען:

— ווייסט, מײַן אוצר (אויך מיך רופט ער טייל מאָל „מײַן אוצר". ער דאַרף איין מאָל פאַר אַלע מאָל באַשליסן ווער פון אונדז ביידע איז זײַן „אוצר"), בעתן פאָרן, ווען איך האָב אַרויפגעקוקט צום באַרג האָבן די נײַע הײַזער אויסגעזען אין מײַנע אויגן ווי אַ מחנה ווײַסע בושלען, וואָס האָבן זיך אַרונטערגעלאָזט אַפּרוען אויף אַ ווײַלע. איצט, אַז כ'קוק פון דער נאָענט אויף די הײַזער, זעען זיי ווײַט ניט אויס ווי קיין פייגל וואָס דאַרפן זיך באַלד אַ הייב טאָן און אַוועקפליִען. מיט דער גאַנצער שווערקייט פון זייערע בעטאָנענע גופים זענען זיי אַרײַנגעקלאַמערט אינעם באַרג.

די מאַמע האָט מיט אַ קלוגן שמייכל געלאָזט אים אויסרעדן זיך און אים צוגעטראָגן די טיי צום טיש.

כ׳זאָל זאָגן אַז כ׳האָב אַזוי גוט פֿאַרשטאַנען וואָס דער טאַטע האָט געמיינט ווען ער האָט געדעדט וועגן הײַזער וואָס זענען ווי פֿייגל, אָדער פֿייגל וואָס זעען אויס ווי הײַזער. איין זאַך האָב איך יאָ געוווּסט, אַז די מאַמע וועט שוין מער ניט וויינען אין די נעכט, ניט דריקן מער מײַן קאָפּ צו זיך און ניט אויסנעצן מײַן פּנים מיט אירע טרערן. עס הערן זיך ניט מער און עס וועלן זיך מער ניט הערן אין די נעכט די גוואַלדגעשרייען פֿון שאַקאַלן און ניט דער איינטאָניקער ריטעם פֿונעם מאָטאָר וואָס ציט מיט די לעצטע כּוחות דאָס וואַסער פֿון די גרונטן.

אסיאַ

אַ מיזמור

אייביק איינציקע, געקרוינטע,
שטאַט פון געטלעכער ירושה,
כ׳גיי אַרום דאָ ווי פאַרכּישופט
אין געפּלעכט פון רייץ און קדושה.

ניין, איך גיי ניט, נאָר אין חלום
כ׳שוועב אַוועק מיט דײַנע וועגן,
ניט צוויי אויגן, נאָר צוויי פליגל
מיך באַוועגן.

נידער איך אין דײַנע טאָלן,
הויז און בוים צונויפגעוואַקסן,
הייב איך זיך צו דײַנע הייכן,
טורעמס גרויע אויף די אַקסלען.

צוגעטוליעט צו די ביימער,
תפילה־הײַזער דײַנע שטילע
האָרכן פרום און ציטעריק
ווי עולם פאַר נעילה.

מיט דער עפענונג אין טויער
רוקט זיך נאָנטקייט צו די ווײַטן,
לויכטסט אַרויס דורך אַלע גרויען,
זונסט אַרויס פון אַלע צײַטן.

כ׳גיי אַרום אין שרעק און שטוינען,
דאָרשט־פאַרשמאַכטע אַלע חושים.
אייביק איינציקע, געקרוינטע,
שטאָט פון געטלעכער ירושה.

1970

אין פעלד בײַ רמלה

ווי ראָבן שוואַרצע די פליגל אײַנגעצויגן,
געבויגן איבערן אייגענעם געשריי,
ווי פלאַנצן אין הייסן ווינט באַהאַלטן
די בלאָזונג, ליפּן לעכצנדיקע,
אין פינצטערניש פון שאַרסטקע שאָלן —
צאַפּלט זייער ברוסט
צום אומבאַוווּסטן ליכט,
תּמיד דאָס געזיכט פון צײַט באַהאַלטן.

נאָר איינער נעמט זיי דורך און דורך
די אויגנשפּאַלטן
אין ווײַסן טוך, אַ רויבפויגל
אַרום, אַרום די סטײַעס
וואָס רויען אין דעם פעלד,
געבויגן איבערן אייגענעם געשריי.

1966

אַ מאָמענט פון פּחד

אין דעם גאָרטן וועלן מיר ניט טאַנצן,
יוגנט האָט דאָרט חתונה אַצינד.
ראָז דער סאָד אין ראָזן סוד אין גאַנצן
איידער־ווינט.

הערסט עס פליִען אַפּ כּמעט חתנים,
אויך זיי וועלן פעלן דאָ אַצינד.
אין וואָלקנס זייער פּנים —
שוואַרצע חופּות וואָלקנט אָן דער ווינט.
1970

עין־גדי

צו דײַן קוואַל כ׳בין ניט דערגאַנגען, דוד,
דאָרט ווו קלאַנגען פאַלן גלײַך פון הימל
אין הויפּנס פון די בערג און ווערן ליד —
אַהין האָב איך ניט דערגרייכט.

נאָנט אַזוי האָט איבער מיר געהייכט
דאָס ליד וואָס האָסט צונויפגענומען,
צעבוואַליעט זילבער איז אַראָפּגעשוווּמען
דורות לאַנג איבער דײַן גרינעם גוף.

ווי טעבטער פון אַ מאָל,
פון דײַן געזאַנג באַטרונקען,
געקלעטערט כ׳האָב אַ דאָרשטיקע
פון טאָל.

נאָר וועגן באַווילדערטע,
וואָס האָסט צו זיך געלאָזן,
מיך האָבן ניט דערלאָזן
צום מקום ווו עס קוואָלט אַרויס דײַן קול.
1967

צו אַ סאַברע

ווי זאָל איך צו דיר ריידן,
זיך צו דיר דעררײדן ?
מײַן זיידע האָט אין דײַן לשון געקידושט,
די טעג פון וואָך געיִידישט.

אַסיאַ

פון זײַן שוועל, די בלאָנדע צעפּ צעלאָזן,
מײַן מאַמע איז אַ באָרוועסע אין ווײַנשלסאָד געלאָפן,
פון דעם חידוש, ווײַנשלסאָד און קידוש,
ביז איך מיט שקיעה־האָר געבוירן.

פון ליכטבענטשן ביז ליכטבענטשן
האָב איך אין מאַמע־לשון אַלץ געלערנט פאַרגעדענקען.
דערפון אין וואָכיקן גערזאַנג מײַנעם
דער יום־טוב און דאָס בענקען.

1970

הירש אַשעראָוויטש

י פ ו
(שיבת־ציון־שורות)

יפו — דרײַ אותיות, אַרײַנגעאייביקטע
אין אוראַלטע אַנאַלן, הייליקן תנ״ך און זוניקע מאַראַנצן —
געקומען כ׳בין צו דיר פון ווילנע, דער פאַרשריבענער
אין הערצער ייִדישע און אויף די פאַדערבלעטער פון מסיכתות.

ניט איין מאָל שוין האָבן דאָס רישעות און די בענקשאַפט
מיך געגלייט דאָס אָרט צו בײַטן.
מײַן היים די ערשטיקע —
מײַן ווינגלשטאָט, די קהילה־קדושה פּאַנעוועזש,
איז אָפּגעשמדט געוואָרן,
און פונעם שאַרפזינזאַג יל״ג׳ישן „פה ניבו״
געוואָרן איז „פה נישחט״.
זי איז הײַנט טאָפּלט גרויס, מײַן פּאַנעוועזש,
דאָך זי איז מער ניטאָ.
זי לעבט אַצינד נאָר ווי אַ דיבוק אין בני־ברק...

און ווילנע — די געאָכפּערטע,
די האַרינטע פון ייִדישע קיבוצים —
איר ברויזיק וואַקסן
(אַזש ביז צו אומפאַרשעמטקייט ייִדנלאָזיק וואַקסן)

צווינגט, ווי מיט בײַטשן, פון איר לויפן
און איבערלאָזן די זינט דורות ליב־געוואָרענע מקומות...

געקומען, יפו, כ׳בין צו דיר
מיט מײַנע דרײַ און זעבציק גלותדיק פאַרהעצטע יאָרן,
מיט בענקשאַפט טויזנט מאָל געשטאָכענער
פון דער אַכזריותדיקער פעלקער־שׂינאה —
אַט דער אַ שיפלות־שפּיז, וואָס ייִדנהאַס איר שפּיץ איז.

פון ווילנע כ׳קום צו דיר.
דו מיינסט, ס׳איז גרינג צו פּועלן בײַ זיך פאַרלאָזן ווילנע?
ס׳איז ביטער־שווער!
האָסט אַ געפיל: ווי וואָלסט פאַרראַטן דײַנע זיידעס.
און מער נאָך איז עס שווער,
וואָס מוזסט זיך מודה זײַן, אַז ס׳איז דיר גרינג געוואָרן,
און אַן שום קווענקלעניש דו ווילסט פון איר אַנטלויפן...

אַוועק פון מײַן געבוירן־לאַנד,
אַראָפּגענידערט דרײַ און צוואַנציק צפון־פּאַראַלעלן, —
אַ פּיצינק שטייבעלע פון קאַלטן באַלטיק־ברעג
דערפלויגן כ׳בין צו גלײַענדיקע ים־התיכון־זאַמדן.
כ׳גיי, יפו, אום אין דײַנע אַלטע גאַסן, נײַע שׂדרות
און כ׳מאַך אַ וואָרע
ניט נאָר פאַר פאַרשײַטע, צעפּאַלאָשעט־יאָגנדיקע רכבס,
נאָר אויך פאַרן געטאָקטן גאַנג פון בראַווע אייזעלער,
וואָס אַזוי חשיבותדיק, טויט־ערנסט טשוועקלען דריבנע טריטלעך.

איך לעב אין דיר. אין דיר, יפו, —
דער שטאָט מיט אַלטסטן שם און קירצסטן נאָמען
(אַ נאָמען, וואָס באַשטייט
בלויז פון אַ „פ״־ספּיראַל און אַנדערטהאַלבן פלעקלער).
די פען, דוכט זיך, באַוויַזט גאָר ניט זיך אײַנפּאַכען,
ווי ביסט שוין אָנגעשריבן...
דרײַ אותיות באַהאַפטן זינט דער צײַט פון מבול,
דרײַ אותיות געווייקטע אינעם בלוט
פון דורות חלוקה־ייִדן, מקובלים און חלוצים,
באַטראַטענע פון פיס פון מאַמעלוקן, קרייצצוגלערס
און ברידער־שבטים — שׂונאים.

דרײַ אותיות געוועזענע שוין
אין באַלאַגערונג, געפּאַנגענשאַפט, פאַרחרובטקייט,
נאָר קיין מאָל ניט אויף אַלע מאָל פאַרלענדטע.

געקומען, יפו, כ׳בין צו דיר.
אויף ברוינעם באָדן דײַנעם כ׳טרייסל אָפּ פון מײַנע פיס
די איבערבלײַבענישן פון אייראָפּעס שוואַרצערד.
בײַ דײַנע שמונה־עשׂרה־שטייענדיקע פּאַלמעס
כ׳בין זיך מתייחד מיט מײַן ענדלעך אָנגעקומענעם
מאַראַניש אויסגעבענקטן ייִדן־עתיד.

יאָ, יפו, תל־אָביבס געטרײַע מאַמע,
אַזוי ווי שׂרה, אונדזער מוטער,
דו האָסט דײַן קינד — די שטאָט דורכוויסיק ייִדישע —
געבוירן אויף דער עלטער.
און מער נאָך וווּנדער איז, וואָס דו, די מאַמע,
ביסט אַליין אַ גליד געוואָרן פון דײַן טאָכטערס לײַב...
אַ נס? ס׳איז ניט בלויז נס. ס׳איז נס געקניפּט מיט סימבאָל!

איך וויקל, יפו, זיך
אין דײַנע אָפּגעריבענע, דאָך אַזוי שטײַפע געסלעך־שנורן
און כ׳פיל, אַז איך דערוועג מיט זיי
די אין אייראָפּע אויפגעקומענע אין מיר קאַשמאַרן.
איך זיץ אין אַלטן האָפן דײַנעם און איך שמייכל,
ווי ס׳איז נאַטירלעך פאַר אַזאַ,
וואָס האָט פון ים־שטורעם אַרײַנגעכאַפּט זיך אין אַ האָפן.
איך שווענק מיט דײַנע ווינטן, די געזאַלצענע, מײַן איך
און יעדע ווײַלע כ׳שפּײַ אַ שטיקל גלות אויס...
פאַר וואָס האָט יונה ניט געוואָלט פאַרויסזאָגן
אויף נינוהס שלעכטיקייט דעם אומקום??...

פונקט איצט. פונקט דאָ
כ׳באַגרײַף עס ניט מיט שלמותדיקסטן ניט־באַגרײַפן!
און ווי גאָר זאָל עס אַנדערש זײַן,
אַז ס׳זײַנען אַזוי היפּוכדיק
די תקופות אונדזערע, גורלות און פאַרלאַנגען?!
ע ר האָט געוואָלט דורך דיר, יפו, פון גאָט אַנטלויפן,
און א י ך — איך קום דורך דיר צו זיך!

יפו, 25—1972.8.28

רבקה באַסמאַן

צוויי לידער

★

די שטילקייט פון צפת
איז אַ זילבערנער שפּיגל,
מען זעט אין אים טויבן מיט ווינטיקע פליגל,
מען הערט זייער פלי
אין דער לופטן, פון ווײַט.
די שטילקייט פון צפת
איז די צײַט.

אין שטילקייט פון צפת
ווערן ווערטער געבאָרן,
דערקענסט זייער פּנים
וואָס אָטעמט זכרון,
דערשפּירסט זייער אָטעם
מיט באַרגיקער ווײַט.
אין שטילקייט פון צפת
רעדט די צײַט.

*

די קערנדלעך זריִעה
שוין ביימער געוואָרן.
דער חלום אין קערן —
מיט זון און מיט טרערן
דורך שטאַמען
געפלאַסן
פון וואָרצל
צו קרוין.

די קערנדלעך זריִעה
שוין ביימער געוואָרן.
אַז ווינט טוט זיי וויגן,
דערהערט מען דעם ניגון
פון קרוין ביז אין וואָרצל, —
צום האַרץ פונעם בוים,
צום אָטעם פון רינגען —
אַ זוניקער זינגען.

קינדער, מײַנע קינדער

קינדער, מײַנע קינדער,
איך בין פול מיט סוד.
אויף די שטילע וועגן
זע איך אומגיין גאָט.

טראָגט ער אויף די אַקסלען
פרישע פעלדער ברויט,
און זײַן באָרד צעוואַקסן
זוניק־רויט.

קומען אים אַנטקעגן
ציגעלעך ווי שניי,
קומען זיי און פרעגן
וואָס ער האָט פאַר זיי.

נעמען פּלוצעם ציגן
ריידן האַרבע רייד:
— זאָג, ביסטו דער זעלבער
אין אַ ביסן ברויט,
און בײַ שוואַרצע שײַטערס,
דער, פון קינדערס טויט?

און די ציגן הערן
ווי פון רײַפער ערד
שפּראָצט אַרויס אַ קערן
ווי אַ קינדערטרער.

יום־טוב

ווי קען איך תּמיד אָפּלייגן
מײַן סודותדיקן שפּעטער,
אַז יעדער האַרבסט באַגעגנט מיך
מיט געלע בלעטער.

איידער האַרבסט פאַרגנבעט זיך
אין אויסגעווײנטע שויבן,
און איידער ס'וויל דער בלעטערפאַל
פאַרוועלקן מיר מײַן גלויבן,

פאַרפלאַנץ איך מיר אַ סאָסנעלע
אויף בענקענדיקע וועגן
און גיי צו גאַסט צום פלאַנצעלע, —
גוט־יום־טוב דיר אַנטקעגן.

דערציילט עס מיר, דאָס גרינינקע
פון קערנדיקע גרונטן,
פון רעגנס קלאָרע, דינינקע
און וואָלקנדל באַזונטן.

באַפריש איך עס מיט שטראָמיקייט
און לאַך מיט אים צוזאַמען,
און כ'ברענג אַהיים אַ טרוימיקייט
פון וואַקסנדיקע שטאַמען.

דאָס ליד פון די אַלטע בושלען

בײַ די אַלטע בושלען וויינען שטיל די פליגל
און דער פרילינג בליט אָן זיי.
זע איך אויף די גראָע הימלען,
ווי יונגע פליִען און פאַרלאָזן זיי.

ווער זשע וועט אײַך טרייסטן אַלטע בושל־מאַמעס?
איר דערמאָנט אַזוי פיל, ווי אין אונדזער היים
פלעגן יונגע פליִען איבער ימען
און אײַך לאָזן גרוי, אַליין.

נעמט אײַך מײַנע פעלדער־שטראַלעכלעך און קערנער,
נעמט אײַך מײַנע לאַנקעס, עסט וואָס איר געפינט,
אויף מײַנע פעלדער אַלע מאַמעס
וויינען נאָך די זין.

און בײַ נאַכט, אַז קיל ווערט אויף די וועגן,
קומט ניט מער דער שלאָף צו מיר,
בלאָנדזשע איך אַרומעט צווישן אַלטע בושלען
און איך הער די שטומקייט בײַ מײַן טיר.

אין בלי

איך ווייס ניט דעם יאָרטאָג נאָך דיר,
דעם טאָג פון דער ווײַט,
פון ניט־היי, —
זוך איך אַ סימן צו דיר
אין פעלדער, אין בלי;
אין שפּראָצן אין ערשטע, אָט די
וואָס זינגען מיט רעגן און ברויט,
ווען זון דעמפּט פון גלידער אַרויס
דעם וואַרעם פון גרינלעכע טעג
און ס׳גייט אויף דאָס ברויט פּאַזע וועג.

די פערד מן־הסתם פילן אויך
אין לופטן דעם בלי

און ציִען דעם האַלדז צו דער הייך,
באַפרײַט ווי צום פלי.

אַ רויִקייט לײַכט פון דער ערד
דורך דינעם וואָרצל־געזאַנג,
ווּ האָב איך דעם ניגון געהערט —
אין אויגן בײַ דיר, צי אין זאַנג?
פלוצעם אַנטפּלעקט זיך פאַר מיר
דײַן ווײַטער טאָג פון ניט־הי,
וואָס זייגט זיך אין וואָרצלען אַרײַן
און בעט זיך צום בלי.

מיט אײַערע נעמען

פרילינג פאַרווונדיקט.
זוך איך אַן אַנדערן נאָמען
פאַר פרילינג.
נאָר אַלץ וואָס בליט
האָט ניט קיין נאָמען.
מײַן ליד איז אַ יתום.

וועל איך רופן דעם פרילינג:
יוסי,
אורי,
דני.
וועלן די פאַרביקסטע בליטן
שטומען.

כ׳וועל רופן מיט אײַערע נעמען
די בלומען.

רחל בוימוואַל

אַט דאַ!

דער ירושלימער הימל
מיט ליכטיקער בלויקייט מיך גלעט.
פון וואַלקנדלעך טרעפט אַ געווימל,
ווי דאָרט, אין די רוסישע שטעט.

און באַרגיק, ווי ערגעץ שוין פריִער,
די גאַס, ווו די גייסט און די פאַרסט.
צי איז עס אַ מאָל ניט קיִעוו,
צי אפשר גאָר פּיאַטיגאָרסק?...

ניין, קיִעוו, זי איז דאָך ניט מײַנע
כאָטש זי אויך איז וווּנדערלעך שיין.
עס האָט מיר ניט איין אוקראַיִנער
געגעבן דאָס גוט צו פאַרשטיין.

און לערמאָנטאָווס לעבנס-געשיכטע —
געווען פּיאַטיגאָרסק איז זײַן סוף —
זאָגט עדות, אַז דאָרט איז אַ דיכטער
געווען מיט עלנט געשטראָפט.

די וועלדער, די טײַכן, די גראָזן,
דעם ריזיקן שטח־פּאַרקער —
כ׳האָב אַלץ מיט אַן אַנדער געלאָזן
און איך בין געקומען אַהער.

נאָך לאַנגע חדשים שטוינען
פון אַלץ, וואָס דאָס אויג נאָר באַמערקט,
איך הייב זיך שוין אָן צו געוווינען
צו פעלדזיקע שטיינער און בערג.

ס׳איז באַרגיק, ווי ערגעץ שוין פריִער,
די גאַס, ווי דו גייסט און דו פאַרסט.
אָט דאָ איז דײַן אייגענע קיִעוו,
אָט דאָ איז דײַן פּיאַטיגאָרסק!

ירושלים

אַ דאַנק די ווינטן אָטעמט זיך דאָ פרײַ.
די לופט פון גאָר דער וועלט איז דאָ פאַרטראָטן.
די זון איז צו די שטיינער צוגעזאָטן.
אַהער מע קומט, און ניט מע גייט פאַרבײַ.
פון פּיליגרימען וויגט זיך דאָ דער שאָטן
לענג־אויס דעם כּותל — אָט דעם אייביקן געבײַ.

ירושלים, וווּנדערלעכע שטאָט,
געלײַטערטע דורך בלוט און טרערן!
ס׳וועט מער מײַן פאָלק ניט זײַן צו שאַנד און שפּאָט.
דײַן מינדסטער שטיין דורך צײַט פאַרהיט זאָל ווערן!
כ׳האָב דיך דערקאָנט — דײַן חסד און דײַן גנאָד.

מאַמעס

זעלנער פאַלן אין שלאַכט — קרבנות.
זייערע קינדער בלײַבן יתומים,
די ווײַבער — אַלמנות.
אָבער די מאַמעס!

די מאַמעס אַ נאָמען ווי געבן ? —
זיי בלײַבן די אייגענע מאַמעס
דעם גאַנצן לעבן.
פאַרשטײַפטע, פאַרגליווערטע מאַמעס
פון קינדער, וואָס זײַנען ניטאָ מער,
מאַמעס, וואָס קוקן מיט אויגן
פול מיט יאָמער.
עס קאָן קיין שום טרייסט דאָ ניט טויגן.
אַלץ ווערט געהייליקט
אין זייערע דלת אַמות,
אין פײַנלעכער שײַן
פון אויף אייביק באַגזלטע מאַמעס.

אין אויטאָבוס

ליב כ׳האָב לאָזן זיך אויף גאָטס באַראָט
אין אַן אויטאָבוס — אַרויס פון שטאָט.

אויב פון רעכטס אַ באַרג איז, אַלע מאָל
פון דער לינקער זײַט וועט זײַן אַ טאָל.

אויב פון לינקס אַ טאָל, איז רעכטע זײַט
וועלן ציִען בערג די גאַנצע צײַט.

צו די טאָלן קוקסטו אויף אַראָפּ,
צו די היגלען הייבסטו אויף דעם קאָפּ...

אויבן שטעלן זיך די הײַזער אויס,
אונטן זעען זיך די דעכער בלויז.

און דער אויטאָבוס פאָרט אין דער מיט —
סײַ פון נידער, סײַ פון הייך געהיט.

מיט אַ מאָל — אַ גרינער, פלאַכער אָרט.
פאַלמעס זיך באַווײַזן דאָ און דאָרט,

פּאַמעראַנצן גילטן אַפּ דעם בליק,
די פּרדסים לויפן אויף צוריק...

און דער אויטאָבוס, ער גליטשט זיך נאָכאַנאַנד,
ווי אַ בליצשלאַס אויף אַ גרין געוואַנט.

טיול

פול מיט קינדער!
שוואַרצע, בלאָנדע קעפּלעך...
און דער וועג אין טרעפּלעך,
טרעפּלעך,
טרעפּלעך.
און די בערג — געהאַקט אין ווענטלעך,
ווענטלעך.
גרעזעלעך זיך האַלטן פאַר די הענטלעך...

שטיין אויף שטיין — מחיצות גרייטע,
לאָזן ניט צעוויען דאָס פאַרזייטע.
ס'קאָן אַ שטיין פאַרשטיין
און ניט דערלאָזן,
ס'קאָן אַ שטיין באַשטיין,
ס'זאָל ניט צעבלאָזן.

הייבן אָן די הוילע בערג צו גרינען,
פעלדער, וועלדער קאָנסט אויף זיי געפינען.
וואָרעם טאַקע, ס'ווייס דאָך יעדער איינער,
אַז אַ גרעזל קאָן צעשפּאַלטן שטיינער.

ביבל־שיינקייט אין די יונגע מענער.
איינער פון דעם אַנדערן איז שענער.
לאַנגע מאַנדלאויגן, בויגנס — ברעמען.
אַז פון וואַנען קאָן אַזוינס זיך נעמען!

פול מיט זון, מיט קינדער אין די וויגן,
קעמלען, לעמער, אייזעלעך און ציגן...
אוי איז דאָס אַ לאַנד — אַ פאַרגעניגן!

אריה בוסתן

אַ פאַרשוועכטער יום־טוב

נישט נאָר זי אַליין, לאה, איז אַן איבערגעגעבענע, געטרײַע חברטע אין „השומר־הצעיר״; אַפּילו איר אייניקל גדעון גייט אין אירע טריט, און זי דאַרף דאָך אוודאי קיינעם ניט באַווײַזן, אַז איר טאָכטער יעל איז פון די סאַמע בעסטע אין די שורות פון דער פּאַרטיי.

הײַנט איז לאה אַ פרוי אין די זעכציקער, אין לאַנד איז זי שוין אַריבער דרײַסיק יאָר. אין שיכון „נוה עובד״ באַציט מען זיך צו לאהן מיט דרך־ארץ, און ווען ניט איר „פּאַרטייִשער ברען״ וואָלטן מענטשן געשפּרייט אמתע ליבשאַפט אַרום איר. וואָרן לאה איז אַ באַרעמהאַרציקע, גוטע פרוי. זי ווייס פון יעדן אָרעמאַן און נויטבאַדערפטיקן. איר טאַטנס לערע פון „מתן בסתר״, וואָס וועגן דעם האָט זי זיך אַ סך אָנגעהערט אין קליינעם גאַליציאַנישן שטעטל, איז טיף אײַנגעקריצט אין איר האַרץ. אמת טאַקע, אין די סאַמע ברען־יאָרן פון איר „השומר־הצעיר״־לעבן פלעגט זי ניט איין מאָל ריידן מיט ביטול וועגן סענטימענטאַלער גוטסקייט, וועגן העלפן אַ מענטשן מיט צײַטווײַליקע טובות; דער עיקר, פלעגט זי זאָגן אין יענע יאָרן, איז די רעוואָלוציע, דער ראַדיקאַלער שניט, וואָס דאַרף ברענגען גלײַכהייט און פרײַהייט אויף דער וועלט. איצט איז אָבער לאה אויף דער עלטער און עפּעס פוילט זי זיך צו אַמפּערן קעגן איר טאַטנס תורות, וואָס גייען אויף אין איר האַרץ וואָס אַ מאָל עפּטער. אויפן גרויסן יום־טוב פון ערשטן מײַ איז אָבער לאה ניט מוותר. באַלד מיט די ערשטע פרילינג־צייכנס שטײַגט אויף אין איר די אַלט־יונגע ליידנשאַפט פון ערשטן מײַ, דעם גרויסן אַרבעטער־יום־טוב. דאָס זעלבע איז אויך געשען דעם יאָר. דאָס מאָל איז צוגעקומען דער קאַפּיטל פון „לערנען דעם נײַעם עולם, וואָס דער יום־טוב באַדײַט״. ערשטנס

האָט זיך לאה געגומען צו גלאָריאַן, די נײַע עולה פֿון טערקײַ, וואָס אַרבעט בײַ איר אַ טאָג אין וואָך.

„גלאָריאַ, זאָלסט וויסן זײַן", האָט צו איר לאה אײַנגעטענהט, שוין מסתּמא צום צענטן מאָל, „אַז קומענדיקער פֿרײַטיק איז דער ערשטער מײַ, און ס'איז אַ זינד צו אַרבעטן דעם טאָג. וועסט אָנטייל נעמען אין פּאַראַד צוזאַמען מיט אַלע, און דו מיט דײַן מאַן — איר וועט טראָגן איינע פֿון די פֿאָנען וואָס מײַן אײדעם גרייט צו".

גלאָריאַ איז אַ געהאָרכזאַמע עוזרת, טוט וואָס מען הייסט איר, און שווײַגט. דער גאַנצער ענין פֿון ערשטן מײַ איז איר אָבער קשה. ערשטנס, האָט זי קיין מאָל ניט געהערט אין איר שטעטל וועגן אַזאַ יום־טוב און, צווייטנס, אויב שוין יאָ אַזוי, איז וואָס זײַנען די תּפֿילות פֿאַרן נײַעם געהויבענעם טאָג? נאָר מסתּמא איז לאה גערעכט, טראַכט זיך גלאָריאַ. אַ סך זאַכן קומען איר אויס מאָדנע און אומפֿאַרשטענדלעך אין נײַעם לאַנד, און דער ערשטער מײַ וועט זײַן נאָך איינע פֿון די נײַעסן, וואָס מען דאַרף אָננעמען.

אַז גלאָריאַ האָט זיך מער צוגעהערט צו לאהס רייד, איז איר דער נײַער ענין געוואָרן קלאָרער און אַפֿילו נעענטער צום האַרצן. זי וועט טראָגן, הייסט עס, אַ גרויסע אויפֿשריפֿט איבער די גאַסן, און אין דער אויפֿשריפֿט וועט זיך זאָגן, אַז עס דאַרף ניט זײַן קיין הונגער אויף דער וועלט, אַז מען דאַרף פֿאַרטרײַבן נויט און פֿינצטערקייט פֿון אַלע היימען וואָס אויף דער ערד. אַוודאי, אַוודאי זײַנען עס יושרדיקע רייד, און ווער ווייס עס מער ווי זי וועגן געדריקטע הערצער און פֿאַרפּײַניקטע לעבנס. דער עיקר וואָס ס'האָט געפֿרייט גלאָריאַן, איז געווען דאָס געפֿיל פֿון גרויסקייט און שטאָלץ, וואָס לאה, די אַלטע שומר־הצעיר־ניצע, האָט אין איר אַרײַנגעהויכט. זי קנעלט איין מיט איר:

— זאָלסט וויסן זײַן, גלאָריאַ, אַז דו ביסט פֿון די סאַמע געהויבענע בירגערס אין לאַנד. דו ביסט אַן אַרבעטאָרין, לעבסט ניט פֿון גרינגע פֿאַרדינסטן, האָרעוועסט שווער פֿאַר דײַן ברויט. אָבער דערפֿאַר איז דײַן עסן ניט קיין אומזיסטס, יעדער ביסן דײַנער איז אַ כּשר פֿאַרדינטער. ניט יעדן איינעמס ברויט אויפֿן טיש איז אַזוי ציכטיק ווי דײַן ברויט. דעריבער דאַרפֿסטו זײַן שטאָלץ מיט זיך. זײַן אַן אַרבעטאָרין הייסט געבן אַ בײַשפּיל דעם צווייטן ניט צו פּוסטעווען, ניט צו לעבן פֿון יענעמס חסדים, אָדער יענעמס שוויס, לכן, דאַרפֿסטו דעם ערשטן מײַ פּאַראַדירן אין די גאַסן און זיך פֿרייען. און אַחוץ דעם, זאָל די וועלט וויסן וועגן דײַנע נויטן און דײַנע ווונטשן.

אַזוי פֿלעגט לאה אײַנטענהן מיט גלאָריאַן, און זי, די נײַע עולה פֿון טערקײַ, פֿלעגט דעם ענין פֿונאַנדערנעמען אין אירע מחשבות אויף איר אופֿן און אַרט. זי טוט אָפּט מאָל אַ שמייכל, גלאָריאַ, ווען זי גיט אַ טראַכט וועגן איר נײַעם שטאַנד. אין מאָמענטן אַזעלכע גיט זי מיט פֿרייד אַ קלעם אין האַנט די שמאַטע, וואָס מיט איר וואַשט זי די דילן אין די הײַזער פֿון אירע באַלעבאָסטעס. זי גלײַכט אויס איר רוקן און עס לויכטן אויף אירע אויגן.

גלאָריאַ באַשליסט, אַז זי וועט אַנטייל נעמען אין פּאַראַד. די לעצטע פּאָר טעג האָט זי געמאַכט אַ גרויסן שפּרונג אין אירע מחשבות, וועגן איר החלטה גיט זי צו וויסן לאהן, דער גוטער פרײַנדין אירער.

אָבער דאָ, ערב דעם גרויסן יום־טוב, לייגט זיך אַרײַן אין בעט מיט ווייען די תּימנקע, די שכנטע אירע פון זעלבן שטיבל, אין דער מעברה. וואָס שייך ווייען בײַ דער תּימנקע? זי האָט פאַרביסן די ליפּן, פאַרקלעמט די פויסטן, געקלאַפּט מיט זיי אויף די ברעטער פון איר געלעגער, און געשוויגן. איז דער מאַן עוזיאל אַרויסגעלאָפן אין דער נאַכט זוכן אַ דאָקטער. עוזיאל איז אַ ייִד אַ שווײַגער. ער מאַכט אַן אײַנדרוק ווי ער וואָלט קיין פלאַך ניט פאַרנומען אויף דער וועלט. זײַן פּנים פאַרלאַנגט גאַרנישט, זײַנע אויגן זײַנען שטילע, פאַרחלומטע, און די פינגער אַזעלכע, ווי זיי וואָלטן בשום־אופן ניט געוועןן פעיִק זיך צו פאַרקלעמען אין אַ פויסט. איז עוזיאל אַרומגעלאָפן ערגעץ אין דער נאַכט און צוריקגעקומען אין דער הײַזקע מיט ליידיקע הענט. ניטאָ קיין דאָקטער אַרום, האָט ער געזאָגט אַ פאַרשעמטער, אַרײַנרוקנדיק זיך אין ווינקל פון דער בידנער דירה.

גלאָריאַ איז שוין אָבער געשטאַנען לעבן דער שכנטע אירער. און דאָ אַזאַ אָרעמקייט, נעבעך. אַ שמאַטקעלע ניט צו געפינען אין דער גאַנצער דירה. איז גלאָריאַן אַ מורא באַפאַלן. אָפּנעמען אַ קינד בײַ אַ געווינערין אין אַזאַ שטאַנד איז איר קיין מאָל ניט אויסגעקומען צו הערן אַפילו. דאָס צימערל — אין גאַנצן לער. ניט אַ טעפּל, ניט אַ קריגל. ניט קיין האַנטעך, ניט קיין לײַלעך. ניט אַ פּאָר קאַרטאָפל, ניט אַ ביסל מילך. ניט ווײַט פון דער געווינערין, אין אַן אַנדער ווינקל, זײַנען געשלאָפן צוויי קינדערלעך, צוגעדעקט מיט אַ צעפליקטער קאָלדרע. עוזיאל איז אַרײַן אין קיכל, זיך געוואַשן די הענט בײַם קראַן און געשעפּטשעט שטילע תּפילות.

גלאָריאַ האָט זיך צו ביסלעך געשטאַרקט איבער איר פּחד. ניין, ניין, די שטוב איז ניט אין גאַנצן לער. עס קוקט אַרײַן דורכן פענצטערל אַן אויסגעשטערנטער הימל, עס פּילט זיך דער אָטעם פון ים, און פון גאָט אַליין אויף עוזיאלס תּחנונים און תּפילות.

גלאָריאַ לויפט אַרײַן אין איר אייגן צימער, צערײַסט אין פּירן איינעם פון אירע דרײַ לײַלעכער. זי קאָכט אויף אַ טאָפּ וואַסער אויפן פּרימוס. גרייט צו אַ גלאָז שטאַרקע קאַווע, נאָר ווי זי אַליין וויים עס ווי צו מאַכן, און איז ווידער בײַ דער תּימנקע. גאָט מײַנער, סאַראַ שמאָלער בויך, סאַראַ ענגע לענדן, באַפאַלט גלאָריאַן ווידער דער פּחד, ווען זי קוקט אויפן אָפּגעדעקטן גוף פון דער געווינערין. זי ווישט דעם קאַלטן שווייס פון דער תּימנקעס קאָפּ און דערלאַנגט צו אירע ליפּן די גלאָז שוואַרצע קאַווע. אַ פּרוי דאַרף זײַן שטאַרק, רעדט זי צו דער תּימנקע, און זי פּילט אַ טרער אין איר אייגן קול. פּלוצעם האָט בלוט אָנגעהויבן פּליצן אויף די סענקעוואַטע ברעטער, און אַ נײַער בירגער איז געקומען אויף דער וועלט. גלאָריאַ האָט זיך דערזען פּנים־אל־פּנים מיטן גרויסן סוד, מיטן אויפקום פון אַ נײַ לעבן דורך בלוט און ווייען. זי האָט אַ קוק געטאָן אויף די שטערן

פון הימל און צו זיי געשעפטשעט: נאָך אַ וועלט איז געבוירן געוואָרן, נאָך אַ וועלט. די שטערן האָבן איר אָנטקעגנגעקוקט מיט זילבערנעם געפינקל, ווי זיי וואָלטן אויף זייער לשון איר מודיע געווען, אַז זיי ווייסן וואָס ס'איז מיט מינוטן פריִער געשען אין דער הײַזקע פון עוזיאלן, דעם תימני. גלאָריאַ איז אַרויסגעלאָפן אין דרויסן, אירע אויגן זײַנען געווען פאַרלאָפן מיט טרערן, און פון די טיפענישן פון איר האַרץ האָט זיך געשפּאַרט אַ געוויין, אין וועלכן ס'איז געווען ניט נאָר צער, אָבער אויך פרייד, און באַוווּנדערונג אָן אַ שיעור. זי האָט זיך צעוויינט האַרציק און געשמאַק: גאָט, גרויסער גאָט, האָב אונדז ליב, האָב אונדז ליב.

אויף צו מאָרגנס איז גלאָריאַ אַרומגעלאָפן איבער דער מעברה, געזוכט לײַלעכער, געזוכט אַ דאָקטער, געזוכט מילך. די משרדים זײַנען אָבער געווען געשלאָסן, ניט געווען צו וועמען צו ריידן. ס'איז געווען דער טאָג פון ערשטן מײַ, דער טאָג פון אַרבעטער־יום־טוב.

איז וואָס וועט זײַן מיט דער תימנקע, וואָס וועט זײַן מיט איר? — איז גלאָריאַ אומגעלאָפן איבער דער מעברה אַ צעטראָגענע.

און דאָ האָט זיך דערנענטערט די שעה פון פּאַראַד. בײַ לאהן איז געלעגן די אויפשריפט אויפן גרויסן פּאַפּיר, מיט די צוויי שטאַנגען, וואָס זי האָט געדאַרפט טראָגן צוזאַמען מיט איר מאַן. עס האָט אויך אויף איר געוואַרט די רויטע פאָן און דער גאַנצער אײַנגענומער גערודער פון יום־טוב. טאַקע אַזוי, טראַכט זיך גלאָריאַ, לאה איז גערעכט: ניט בעטן קיין נדבות, נאָר פאָדערן, קעמפן! אָבער די תימנקע איז אַליין און זי האָט נאָך דערווײַל ניט געהאַט אַ ביסל מילך אין מויל. איידער וואָס ווען וועט צופאַלן דער שבת, און אַלץ וועט ווערן פאַרשטערט, אי די שימחה פון געבורט, אי די פרייד פון שבת־קודש. גלאָריאַ פאַרלירט זיך אָבער ניט. אַ גוטער אײַנפאַל לײַכט אויף אין איר מחשבה. זי וועט אײַלן צו דער אַמעריקאַנערין, זי וועט יאָ אַרבעטן דעם ערשטן מײַ. עס זײַנען נאָך פאַרבליבן אַ פינף שעה ביז שבת, זי קען נאָך פאַרדינען אַ גענויע דרײַ פונט. מיט דעם געלט וועט זי אײַנקויפן מילך, קאַרטאָפל, אַ ביסעלע אייל און צוקער. אײַלנדיק צו דער אַמעריקאַנערין דאַכט זיך איר, מאָמענטנווײַז, אַז זי טרעט איבער דער הייליקייט פון יום־טוב, איר יום־טוב. זי גייט פאַרקויפן איר יום־טוב פאַר אַ פּאָר פונט. אָבער גלײַך יאָגט זי פון זיך די שווערע ספקות. זי דערמאָנט זיך אין וואָרעמען, רויטן בלוט אויף די ברעטער פון דער תימנקעס געלעגער. בלוט, רויט ווי די פאָן וואָס לאה האָט צוגעגרייט פאַר איר און אירע גלײַכע צום הײַנטיקן פּאַראַד. זי דערמאָנט זיך אין דער לײַדיקער הײַזקע, ווו עס ליגט אַ פאַרשמאַכטע די תימנקע. און טראַכטנדיק וועגן שטילן עוזיאלן וואָס מוז איצט זיצן אַ פאַרשעמטער אַנטקעגן דעם ווײַב, אײַלט זי זיך מיט די לעצטע כוחות צו דער אַמעריקאַנערין.

דעמאָלט איז גלאָריאַ געווען נערוועז און אומגעדולדיק בײַ דער אַרבעט, ניט ווי איר שטייגער איז. פון צײַט צו צײַט נעמט זי זיך אָן מיט מוט און

דערציילט דער אַמעריקאַנערין וועגן דער לעצטער נאַכט און רעדט, מיט ליבשאַפט און רחמנות אין איר קול, וועגן דער תּימנקע און איר גרויסער אָרעמקייט.

זי איז נערוועז גלאָריאַ, און ווי עפּעס איבערגעשראָקן.

עטלעכע מאָל האָט געקלונגען בײַ דער טיר. בײַ יעדער קלונג פאַרמאַכט גלאָריאַ די טיר פון דער קיך, וווּ זי אַרבעט. זי האָט מורא, לאָה זאָל דאָ פּונקט ניט אַרײַנפאַלן און זי טרעפן בײַ דער אַרבעט.

יאָ. זי איז נערוועז און צעשראָקן, גלאָריאַ. זי איז דאָך פאַרט מחלל דעם ערשטן מײַ, איר טאָג, איר יום־טוב.



י. ח. בילעצקי

מײַן לאַנד

א

גרין מײַן לאַנד, ווי גרין ס'דאַרף זײַן
דער גאָרטן
פון אַ פאָלק וואָס האָט געטרונקען עלנט, צער און פּײַן
אויף אַלע שליאַכן פון דער וועלט.
גרין מײַן לאַנד, ווי גרין אַלע סאָרטן
פון די פלאַנצן, פון די ביימער.
אין יעדער זאַנג איז שווייס פאַרקנאָטן.
אין יעדער רידל איז פאַרטראָטן
המשך.

גרין מײַן לאַנד, אויב אַפילו ס'פּײַפט אַ ווינט,
און שטיפט
זיך סתם אַזוי מיט פאַרברענטע שײַערן.
אויב אַפילו טריפט
ניט האָניק פון די ביימער;
אויב אַפילו שלאַכט נאָך שלאַכט,
נאַכט נאָך נאַכט
קומט דער רידל צו פאַרשיטן

ד׳ אמות פון אַ זון,
וואָס אַ קויל האָט אים פאַרשניטן.

גרין מײַן לאַנד. אויף אַ ווייזקן געמיט אַ קרוין.
זאָגט דער דיכטער הײַנט צו זיך אַליין:
אויב אַ תּפילה קען פאַרהיטן אַ לאָבן ברויט,
אַ שמייכל פון אַ קינד,
און דאָס לעבן זאָל אין אויפגאַנג אָפּמעקן דעם טויט,
זאָג איך הײַנט אַ תּפילה בײַ דעם שיינעם זונפאַרגאַנג:
היט מײַן גאָרטן פון אומקום און פון אונטערגאַנג.

ב

פאַר וועמען? פאַר מיר, פאַר דיר
ליבשאַפט אָן אַ שיעור.
כ׳האָב ליב די פּירות פון די ביימער,
כ׳האָב ליב דײַן פּלוים,
די פלאַנצן, אַפילו אויף אַ גוטן רעטער,
אויף דעם קליינעם שטח
פון דײַן גאָרטן.
כ׳האָב ליב דײַן חסד, חן אין דײַן געיאָג,
כ׳האָב ליב דײַן טאָג
וועלכער נעמט מיך אין די הענט
אויב אַפילו צעריסן איז די העמד.
מיטן קריי פון האָן שטייט אויף אַ ייִד
און גיט אַ שפּאַן
פון סידור צו דעם תּהילימל
און דאַוונט אויס אַ זאָג: פאַראַן.
פאַראַן אַ בלויער הימל, פאַראַן אַ שטערן
וועלכער זוכט
אויף אַלע ביימער פרוכט נאָך פרוכט.
פאַראַן.

ג

בין איך אויך געקומען הײַנט פאַרזוכן
פון דײַן מי.
בין איך הײַנט אין מאָרגנפרי
געקומען זוכן
דײַנע טריט.

ווייל איך ווי אַ קבלה־ייִד
אין דײַן שטומען ניגון אַרײַנוואַקסן, פֿאַרפּלייען
און מיט די ניצוצות וועלכע גלייען
אויף דײַן ערד
שעפּטשען שטיל:
אויך מיר זענען די בשמים הײַנט באַשערט.
באַשערט — יעדן טאָג צו זײַן, יעדן טאָג צו ווערן,
און אָפּווישן די טרערן
פֿון מײַן דור.
ס'האָבן זיך אין שוואַרצע נעכט
געתּפילהט און געשוואָרן:
דאָ וועט אַ בלום הײַנט שפּראָצן, וואַקסן,
ניט קיין דאָרן.

ד'

אָפֿן איז דער ספֿר. ניט אַלץ
נאָך דאָ פֿאַרשריבן,
נאָך צוויי־דרײַ ווערטער אויפֿגעקליבן
פֿאַר דײַן ברויט און זאַלץ.
ניט כּדי די צײַט פֿאַרטרײַבן
ווייל איך הײַנט דײַן נס פֿאַרשרײַבן,
נאָר כּדי
באַרויִקן מײַן צער, באַרויִקן מײַן וויי,
און זאָלן גרינע גראָזן
קיין מאָל מער דעם חלום פֿון מײַן היים פֿאַרלאָזן.

יאָסל בירשטיין



דײַנע פעלדער, ישראל — דײַנע געסלעך, ירושלים

10 קלײנע דערצײלונגען פון דער זאַמלונג אין כּתב־יד „אַ טראָפן שטילקײט"

1

כ'וועל אָנהייבן וועגן שעפסן וואָס הוסטן בײַ נאַכט, ניסן און שאַקלען פאַרדרעמלט מיט די קעפּ, ווי מענטשן אויף אַ באַן, כאָטש די מעשׂה איז גאָר וועגן עוועלין, אַ יונגער קריסטין פון ענגלאַנד, און מיט דער צײַט שׂרה בת־אַברהם פון דער שכונה בית־וגן אין ירושלים.

איך האָב איר אויסגעזען קענטלעך ווען איך האָב זי פאַרהאַלטן אויף דער גאַס און זיך נאָכגעפרעגט אויף אַן אַדרעס אין דער געגנט, און בײַ מיר איז זכּרון איז פאַרבליבן פון יענע יאָרן דאָס בילד פון אַ יונגער פרוי וואָס זיצט אַ פאַרטראַכטע אויף דער שוועל פון איר הײַזל, דאָס עקסטע אינעם קלײנעם ייִשוב אין טאָל פון עמק־יזרעאל.

ווײַל מיר האָבן זיך דעמאָלט געזעגנט אויף תּמיד.

איך בין געווען אין יענער צײַט אַ פּאַסטעך פון שעפסן אין קיבוץ גבת און סוף זומער, ביזן אָנקום פון די רעגנס, האָב איך געוועכטיקט מיט דער סטאַדע אויף אַ פעלד וואָס האָט זיך דערצויגן ביז עוועלינס שטיבל.

ווען איך האָב אין איינעם אַ טאָג געזען ווי דער כּרמל־באַרג האָט געמאַכט ידי־אחת מיט די וואָלקענעס און די וועלט איז געוואָרן גרוי און טונקל, האָב איך געוווּסט אַז עס איז געקומען די צײַט אײַנפּאַקן מײַן האָב־און־גוטס: אַ האַנטעך, אַן אַלטן זשורנאַל, אַ צאַנבערשטל, אַן איבעריק העמדל; זיך אויפזוצן אויפן אייזל און אָוועקאײַלן וואָס שנעלער אַהיים.

אויך עוועלין האָט דעמאָלט באַשלאָסן צוריקפאָרן אַהיים קיין ענגלאַנד. ווײַל וואָס איז איר פאַרבליבן דאָ צו טאָן אינעם קלײנעם דערפל? פעלדער.

א מאל גרין. געל. ברוין. א מאל אלע קאלירן צוזאמען. ווינטערצייט צעשפילט זיך די זון מיט די וואלקענעס און ווארפן אין טאל פלעקן פון ליכט און שאטן.

לאנגווייליק.

טרויעריק.

לאנדאן איז א שטאט.

איצט, זיך אנטרעפנדיק אזוי פלוצעם, האבן מיר בידע געהאט וואס צו פרעגן איינער ביים אנדערן. ווייל איר הייזל אין קליינעם יישוב איז פארבליבן ליידיק א לאנגע צייט. דעם צווייטן זומער, ווען איך בין געקומען אהין נעכטיקן מיט די שעפסן, איז שוין נישט געווען ווער עס זאל מיר מכבד זיין מיט א הייס גלאז טיי. מיט א טרונק.

„נישט לאנדאן," האב איך געפרעגט, „נאר ירושלים? נישט עוועלין — נאר שרה?"

„ווי אזוי?"

צוליב מיר.

„צוליב מיר?"

אין יענעם גרויען, פארוואלקנטן פרימארגן איז זי געבליבן זיצן אויף דער שוועל פון איר הייזל און געבעטן גאט, ער זאל איר באווייזן א צייכן וואס צו טאן; צוריקפארן קיין ענגלאנד אדער בלייבן אויף תמיד אין ארץ־הקודש.

שטראלן פון דער זון האבן זיך דורכגעריסן דורך דער גרויקייט און אויפן הימל איז אויפגעגאנגען א רעגן־בויגן וואס האט פארבונדן דעם הר־הכרמל אין מערב פון טאל מיטן הר־תבור אין מיזרח. אין דעם רעגן־בויגן האט געריטן א פאסטעך אויף אן אייזל און א טשערעדע שעפסן האט זיך געצויגן נאך אים אין לאנגע רייען. דער פאסטעך און די שאף זענען געווארן דורכגענומען מיט די קאלירן פון רעגן־בויגן. אויך עוועלין, געדענקענדיק דעם צייכן פון גאט, האט איצט געוואלט וויסן ווי אזוי איך האב זיך געשפירט.

„ווי אזוי?"

דער שליאך האט זיך דעמאלט געצויגן פאר מיר צווישן צעאקערטע פעלדער א זיבן קילאמעטער פון גבת. דער גאנצער ארום האט געווארט שטיל און שטום אויפן רעגן. וואלקנעס זענען געהאנגען איבער מיר זייער נידעריק. איך האב געטריבן דעם אייזל ער זאל לויפן שנעלער אבער אין מיטן וועג בין איך געבליבן שטעקן אין בלאטע.

2

אין מיטן פעלד האט דער פאסטעך ארויסגעכאפט פון מיינע הענט דאס ביכל וואס איך האב געלייענט.

„יידיש!?" האט ער אויסגערופן און פארקרימט די נאז.

ס'איז געווען אין די פופציקער יארן, אין עמק־יזרעאל, נישט ווייט פון

דערפּל היוגב. איך בין געזעסן אויף אַ נידעריקן שטיין, דערשלאָגן פון דער היץ און פון דעם לאַנגווײַל אין דעם ביכל. דער מחבר האָט, באַשרײַבנדיק זײַן לעבנס־געשיכטע, דאָרט דערציילט, אַז ער האָט געהאַט צוויי זיידעס און צוויי באָבעס און כּדי מען זאָל נישט האָבן קיין טעות האָט ער צוגעגעבן אַז איין זיידע־באָבע פון טאַטנס צד און די אַנדערע פון דער מאַמעס צד.

פֿאַרזונקען אָט אַזוי אין היץ און אין לאַנגווײַל האָב איך זיך קוים אײַנגעהערט צום גלעקל אויפן האַלדז פון דער ציִערין אין דער סטאַדע, וואָס האָט זיך פון מאָל צו מאָל קורץ צעקלונגען. די גאַנצע סטאַדע שעפּסן איז געשטאַנען אָפּגערוקט פון מיר אַ מהלך פון אַ פופציק טריט. זיי האָבן זיך צונויפגעשטופּט אין דער היץ פון פריִען נאָכמיטאָג, קעפּ צווישן פיס, און זייערע געלבלעכע רוקנס האָבן זיך צונויפגעמישט מיט דער געלקייט פון איבערגעבליבענעם שטרוי אויפן פעלד. ס'האָט אויסגעזען אַרום מיר, אין דער היץ און אין דער שטילקייט, ווי אַלץ וואָלט אָפּגעשטאָרבן, און בלויז דאָס גלעקל, דער דינער דין־דון, איז געווען דער איינציקער סימן, אַז עפּעס לעבט נאָך אויף דער וועלט.

און דעמאָלט האָט דער פּאַסטעך זיך באַוויזן לעבן מיר. ער האָט איבערגעלאָזן זײַן סטאַדע שעפּסן אין דער נאָענטער וואַדי, און ווי ער וואָלט פּלוצלינג אַרויסגעשפּרונגען פון דער ערד, געשטאַנען לעבן מיר צוזאַמען מיט אַ ציגנבאָק מיט לאַנגע דורכגעלעכערטע אויערן. דער פּאַסטעך האָט אַרײַנגערוקט אַ טרוקענע מוצא ברויט דעם ציגנבאָק אין מויל אַרײַן, אָפּגעבראָכן אויף פּאָר זיך אַ ברעקל און קײַענדיק אַרויסגעלייענט פון ביכל אָט די שורות אין וועלכע דער מחבר האָט אָנגעגעבן די צאָל פון זײַנע זיידעס און באָבעס. צו מישפּטן לויטן חוזק אין זײַן טאָן, איז דער פּאַסטעך געווען גרייט צערײַסן די בלעטער פון ביכל און דער ציגנבאָק — זיי אויפפרעסן. ביידע האָבן געהאַט קרומלעכע אויגן.

איך בין אויפגעשפּרונגען מיט רוגז פון שטיין און דעמאָלט איז נאָך אַ ביכל אַרויסגעפאַלן פון מײַן רוקזאַק. היץ אָדער קעלט, פעלד אָדער שטאָט, גאַנץ דערצאָרנט בין איך גרייט געווען פאַרטיידיקן לשון־ייִדיש.

דער פּאַסטעך האָט אויפגעהויבן דאָס צווייטע אַרויסגעפאַלענע ביכל מיט קורצע מעשׂיות אין ענגליש און געזאָגט:

„פּע!"

איצט האָב איך שוין באַדאַרפט צוויי מאָל שפּרינגען.

איך בין געשטאַנען אין דער היץ אויפן שטעכלדיקן שטרוי ביז זיי זענען ביידע צוריק פאַרשווונדן געוואָרן אין דער וואַדי. אָבער פון דעמאָלט אָן קומען זיי פון צײַט צו צײַט צוריק צו מיר. זיי ברענגען מיט זיך די היץ פון פעלד, דעם קלאַנג פון גלאָק, די סטאַדע שעפּסן, און איך שפּרינג פאַר זיי ביידע צו פאַרטיידיקן לשון־ייִדיש און אויך די מעשׂיות אויף ענגליש. זיי קוקן זיך צו ווי איך שפּרינג, מיט קרומלעכע אויגן, און ס'טרעפט אויך אַז זיי פאַרבײַטן זיך מיט זייערע פּנימער, דער פּאַסטעך און דער ציגנבאָק.

3

פון די יאָרן ווען איך בין געווען אַ פּאַסטעך פון שעפּסן זענען פאַרבליבן אין מײַן זכרון שטילע בילדער. צוויי שוואַרצע שלאַנגען, אַנגעלענט אויף די עקן, פאַרוויקלט אַרום זיך ביז צו די קעפּ, ליבן זיך שטייענדיק. אַ מעלקעדיקע לאַם פאַרוואָרפט דעם קאָפּ אויף הינטן, כאַפּט אַן צווישן אירע ליפּן דעם לענגלעכן אָפּל פון איר גרויסן אײַטער און זויגט זיך אָן מיט איר אייגן מילך. אַ דראַבנע קיילכל וואָל, צויט און פאָדעם קוים, אָנגעהאָנגען אויף אַ שפּיץ פון אַ דאָרן באַוועגט זיך לײַכט אין מאָרגנווינט. מײַן אייזל, בײַגעריק, פאַרזיכטיק, דערנענטערט זיך מיט חשד, רײַבט אָן זײַן נאָז אין דאָרן און עסט אים אויף צוזאַמען מיטן וואָל, דער לעצטער איבערבלײַב פון אַ לאַם וואָס האָט געגנבעט בײַ אים ברויט. די לאַם האָט זיך אויפגעשטעלט אויף אירע הינטערשטע פיס און אַרויסגעצויגן אַ מוציא ברויט פון דער זאַטל־קעשענע אויף זײַן רוקן. ס׳איז געווען ווען דער אייזל אויפן פעלד איז געשטאַנען אָן אַ ריר צו טאָן מיט אָן אבר און איך בין דעמאָלט געלעגן מיטן קאָפּ אין זײַן שאָטן.

אין די הייסע טעג פלעג איך זוכן אַ שאָטן אויף די פעלדער. די שעפּסן האָבן אין די הייסע נאָכמיטאָג־שעהען פאַרשטעקט קעפּ אונטער פיס זיך צו באַהאַלטן פון דער זון און דער איינציקער שאָטן פאַר מײַנע אויגן איז געווען דער טונקעלער פלעק אונטערן בויך פון אייזל, וואָס האָט געהיפּערט איבערן געלן אויסשפּרייט נאָכן שניט פון דער תבואה. אַלץ וואָס איך האָב געטאָן אַז דער פלעק זאָל זיך פאַרהאַלטן אויף אַ ווײַלע אויף איין אָרט, איז נישט געראָטן.

איין מאָל, אין אַ הייסן טאָג, ווען איך האָב זיך אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד עסן, האָט דער אייזל מיך געטאָרקעט מיט זײַן קאָפּ אין אַקסל אַרײַן, איך זאָל אים אויך געבן עפּעס פון זײַן טאָרבע. דאָס מאָל האָב איך אים געגעבן פון מײַנער, אַ שיסל ווײַסן קעז מיט ברוינע ווײַנטרויבן. ווען ער האָט אויסגעלעקט דעם מאכל איז געקומען איבער אים אָן איבערקערעניש. אַזוי פלעגט ער אַפילו שטייענדיק נישט אײַנרוען אויף אַ מינוט. ער האָט זיך געקאָפּעט אין בויך, זיך געשמיסן מיטן ווידל, געבלאָזן מיט דער נאָז, געוואָרפן דעם קאָפּ צו פאַרטרײַבן די זלידנע פליגן. איצט, נאָכן קעז און ווײַנטרויבן, איז ער געבליבן שטיין ווי פאַרגליווערט מיט אַ פאַרהאַקט מויל און דער שפּיץ צונג האָט אים אַרויסגעשטעקט ווי אַ שנירל, רויט און דין, אַרום זײַנע ווײַסע פּירקאַנטיקע ציין.

דאָס דערזען, האָב איך לאַנג נישט געטראַכט, זיך אויסגעצויגן אויף דער ערד און אַרײַן מיטן קאָפּ אינעם טונקעלן פלעק אונטער זײַן בויך. וואָס אַרום האָט זיך געטאָן האָט זיך אָנגעצייכנט אויף זײַנע אויערן. זיי זענען געווען אַראָפּגעהאָנגען, ווייך און לויז און זיי האָבן זיך אָנגעהויבן הייבן, ווען אין דער ווײַטנס, אויפן זאַמדיקן שליאַך האָט זיך באַוויזן אַ טראַקטאָר די גרייס פון אַ פּינטל. וואָס נענטער ער איז געקומען אַלץ העכער און שטײַפער זענען געוואָרן דעם אייזלס אויערן. זיי זענען געוואָרן שאַרף און אָנגעשפּיצט ווען דער טראַקטאָר

איז פאַרבײַ און זיך אַנגעהויבן אַראָפּלאָזן און ווידער געוואָרן ווייך און לויז ווען דער טראַקטאָר איז צוריק געוואָרן אַ פּינטל אין ווײַטן האָריזאָנט.

דעמאָלט האָט די לאַם זיך אונטערגעגנבעט פון הינטן אויף שטילע טריט וואָס האָבן זיך נישט פאַרצייכנט אויף די אויערן פון אייזל. ערשט ווען זי האָט אַרויסגעצויגן אַ מוציא ברויט פון זאַטל און אָנטלאָפן, האָט ער אויפגעשפּרונגען, ווי ער וואָלט זיך אויפגעוועקט פון אַ טיפן טימטום, זיך נאָכגעיאָגט נאָך איר, און אַרײַנגעביסן זײַנע פּירקאַנטיקע ציין אין איר ברייטן פעטן וויידל. די לאַם האָט זיך געריסן, דער אייזל האָט נישט אָפּגעלאָזט, זיי האָבן זיך געדרייט אין אַ ראָד אַרום זיך אַליין, ווי אויף אַ בינע, אַרומגערינגלט פון דער סטאַדע שעפּסן.

דעם זעלבן טאָג איז שוין די לאַם נישט אַהיימגעקומען מיט דער סטאַדע שעפּסן. און ווען איך בין פאַר נאַכט צו צוריקגעקומען אין פעלד אַרײַן מיט אַ וואָגן זי אַהיימברענגען, איז שוין נישט געווען כּדאַי, אַחוץ אפשר דעם פּאַסיק מיטן גלעקל וואָס איז געהאָנגען אויף איר האַלדז. איך האָב אָוועקגעיאָגט די דרײַ שאַקאַלן וואָס האָבן געפּראַוועט אַ סעודה און אָוועקגעשלעפּט דאָס איבערבלײַבעכץ פון דער לאַם אויף אַ פלאַץ צווישן געדיכטע דערנער, לעבן זאַמדיקן וועג. אויף צו מאָרגנס, אויפן וועג צו דער פּאַשע, פאַרבײַגייענדיק דעם פּלאַץ צווישן די דערנער, זענען די שעפּסן אַראָפּ פון זאַמדיקן שליאַך, געמאַכט אַ האַלבן קרײַז, און אויסגעדרייט זייערע קעפּ צום אָרט פון וואַנען עס האָט געשלאָגן דער ריח פון טויט.

יעדן פרימאָרגן אַזוי, אויפן זעלבן אָרט, דער זעלבער פּאַראַד, ביז פון דער לאַם איז פאַרבליבן נישט מער ווי דאָס קײַלעכל וואָל, צויט און פּאָדעם, אויפן שאַרפן שפּיץ פון טרוקענעם דאָרן. צו אַט דעם דאָרן האָט דער אייזל, אין גרויען פרימאָרגן, זיך דערנענטערט מיט חשד, אָנגעריבן זײַן נאָז, אויפגעעפנט אַ מויל ברייט ווי אַ פערדישע פּאַדקעווע און אײַנגעשלונגען ביידע, דעם דאָרן און דאָס קנײַלעכל וואָל. ווען ס'איז פאַרשוווּנדן געוואָרן דער לעצטער איבערבלײַב פון דער לאַם, איז אויך פאַרשוווּנדן געוואָרן דער ריח פון טויט, מיט אים — דער פּאַראַד פון די שעפּסן אין האַלבן קרײַז, און ווען די רעגנס זענען געקומען איז אויך פאַרווישט געוואָרן דער זאַמדיקער וועג.

4

אין נצרת־עלית, אַ שטעטל אין גליל, וווּ איך האָב געוווינט אַ לענגערע צײַט, האָט אין דער זעלבער שכונה געלעבט אַן אַלטער מענטש מיט אַ געבויגענעם רוקן, וואָס זײַן שטייגער איז געווען צו זיצן ס'רוב שעהען פון טאָג אויף אַ שטיין אין גאַס און עסן פּאָמעראַנצן. צו מאָל פלעגט זיך צוזעצן אויף אַ צווייטן שטיין לעבן אים אַ ווײַסע קאַץ און אויך זי האָט געבויגן איר רוקן אַזוי ווי בײַם אַלטן.

איין מאָל, ווען די קאַץ איז נישט געווען, האָב איך זיך דאָרטן צוגעזעצט

לעבן אים אויף עטלעכע מינוט. ס׳איז געווען אויף וואָס צו קוקן; אַ לאַנגער בנין מיט פאַרשידענע קלייטן. אַ באַנק. אַ וואַנט מיט אַפּישן. פאַרבײַפאָרערס, קונים, אַ מיידל מיט אַ הונט. דער זקן האָט מיט מיר נישט גערעדט. אפילו ער וואָלט עס געטאָן וואָלט איך נישט פאַרשטאַנען זײַן לשון.

ער האָט אַרויסגעצויגן אַ בילד פון קעשענע, איך זאָל אַ קוק טאָן. ער אַליין טאַקע, ווען ער איז נאָך געווען אַ יונגער־מאַן. איצט איז שוין אַלץ אויף אים געווען זייער צעקנייטשט. די הויט ברוינלעך ווי זאַמד. זײַן פּנים — קיין הערלעך נישט צו געפינען. ווען ער איז געווען יונג, אויפן בילד — אַ באָרד. וואָנצעס. אַ טשופּרינע. אַ געלער. איך האָב אים צוריקגעגעבן די פאָטאָגראַפיע און אויף שטום־לשון צוגעזאָגט נאָך אַ מאָל, בײַ אַ געלעגנהייט, זיך צוזעצן לעבן אים אויף אַ ווײַלע.

ווען די געלעגנהייט האָט זיך געמאַכט איז ער שוין מער נישט געווען דאָרט. אויך די קאַץ איז ווו פאַרשוווּנדן געוואָרן.

קעגן איבער די צוויי שטיינער, אויף דער צווייטער זײַט פון גאַס — אַ לוויה. אין לאַנגן קאָרידאָר פון פּילשטאָקיקן בנין געבויט אויף זײַלן, האָבן זיך מענטשן געטומלט. דעם אָרון האָט מען אַנידערגעשטעלט אויפן דיל און אים פאַרדעקט מיט אַ באַבלימטן טעפּעך. אויפן טעפּעך — אַ פאַרגרעסערט בילד פון דעם ניפטר: אַ באָרד, וואָנצעס, אַ טשופּרינע. אַ געלער. אַ קלאָגערין אין שוואַרצע קליידער האָט אַ נעם געטאָן דאָס בילד אין דער האַנט, צו לויבן דעם פאַרשטאָרבענעם און באַווײנען זײַן טויט. צו ערשט האָט זי אים פאַרגעשטעלט פאַר די מיידלעך און ווײַבער וואָס זענען געזעסן אויסגעזעצט אַרום דעם אָרון אין דער צורה פון אַ ח׳ און נאָך דעם האָט זי אים פאַרגעשטעלט פאַר די ברייטבייניקע מענער, נידעריקע, פּולבײַכיקע, אין היטלען רונדיק און פלאַך, וואָס זענען געשטאַנען אין דער עפענונג פון דעם ח׳.

הינטער זיי, אינעם צווייטן עק פון קאָרידאָר, האָט זיך אַנגעזען אַ שטיק הימל מיט אַ וועלדל אויפן רוקן פון אַ באַרג. אויך די מענער זענען געווען אַ געדיכט וועלדל, שטיל און טונקל, בעת די קלאָגערין האָט אויסדערציילט פאַר זיי די גוטע מעשׂים פון דעם פאַרשטאָרבענעם.

איך אַליין האָב געדענקט ווי אַזוי דער זקן פלעגט אויסלייגן די שאָלעכצער פון די פּאָמעראַנצן אין אַ רעדל אַרום דעם שטיין אויף וועלכן ער פלעגט זיצן. פון דער ווײַטנס האָט דאָס שאָלעכץ אויסגעזען ווי אַ קראַנץ בלומען. אַ מאָל — ווי אַ קרוין אַרום זײַנע פיס.

ווען וועט זיך אָנהייבן די לוויה? — האָב איך געפרעגט.

מען האָט געוואַרט אויף דער הויפּטקלאָגערין אין לאַנד. און ווען די טאַקסי איז אָנגעפאָרן און די קלאָגערין איז אַרויס אָן אײַנגעבויגענע פון דער נידעריקער טיר, איז זי געוואָרן, ווען זי האָט זיך אויסגעגלײַכט, מיט צעשפּרייטע הענט, אַ שוואַרצער פויגל, וואָס אַ ציטער גייט דורך זײַנע צעשפּרייטע פליגל. זי האָט אײַנגעהאַלטן איר אָטעם און ערשט ווען דאָס שיינע בילד פון פאַרשטאָרבענעם

איז געווען אין איר האַנט האָט זי אויפגעהויבן איר קול און די גאַס האָט געוויינט.

פון מאָל צו מאָל פלעגט מיר אויסקומען פאַרבײַגיין דעם פּלאַץ פון די צוויי שטיינער און צו מאָל פלעגט דאָרט זיצן אויף אַ שטיין די ווײַסע קאַץ און איר רוקן געבויגן אַזוי ווי בײַם זקן.

5

בײַ מײַן שכנה אין נצרת־עלית האָט זיך דורך דער צײַט גאָרנישט געענדערט. אַזוי האָט זי געזאָגט און זיך באַקלאָגט אויף איר מאַן דעם קאָרטן־שפּילער און אויפן ווינט, וואָס האָט אַרײַנגעווויינט אין פענצטער. זי איז געווען צופרידן מיך ווידער צו זען און זי האָט אונטערגעקרעכצט אויף די קאָרטן און אויפן געוויין. אָבער דווקא דעם טאָג ווען איך בין געקומען צו גאַסט איז דער ווינט געווען גאַנץ שטיל. ער האָט זיך צעוויכערט ערשט פאַר נאַכט, אָבער איר מאַן האָט נאָך באַלד אין דער פרי געכאַפּט אַ כוסע און זיך אַרויסגעיאָגט אין דרויסן צו די קאָרטן.

זי האָט אָנגעוויזן אויף אים דורכן פענצטער. פון דער הייך, אויפן דריטן שטאָק, ווו זי האָט געוווינט, האָבן זיך אָנגעזען אין דער ווײַטנס די גרינלעכע בערג, אין מיטן — די ווײַסע הײַזער, און פון דער נאָענט, לעבן די נידעריקע געוועלבער, האָבן דרײַ מענער אין לאַנגע טונקעלע מאַנטלען געפּאַרעמט צווישן זיך אַ דרײַעק אויפן גראָז.

„אַלע טאָג אַזוי. און אַלע מאָל אויפן זעלבן פּלאַץ,״ האָט די שכנה געזאָגט.

ס'האָט זיך טאַקע אָנגעזען מיטן אויג. אַרום זיי איז דאָס גראָז געווען גרין און זיי אַליין זענען געשטאַנען אין אַן אויסגעקראָכענעם געלן פלעק. זיי האָבן זיך גערוקט נענטער צו זיך און וואָס ווײַטער אין טאָג אַרײַן האָט דער דרײַעק זיך פאַרקלענערט. צוליבן ווינט.

אין דער פרי האָט מען דעם ווינט אין גאַנצן נישט געשפּירט. אַן אַרויסגעלאָזטע קאָרט איז געפאַלן אינעם פלעק לעבן בערגעלע געלט. אַ באַגלייטע קללה אָדער אַ שפּײַ האָט נישט אָנגעטראָפן דעם מיטשפּילער. צוליבן ריווח אין דרײַעק. דער ריווח האָט זיך פאַרקלענערט ווען דער ווינט האָט זיך פאַרשטאַרקט. מײַן שכנה האָט געמאָסטן דעם כּוח פון ווינט לויט דער גרייס פון דרײַעק. ווען ער איז געוואָרן גאָר קליין און דער ווינט האָט זיך צעוויינט אין פענצטער, האָט די שכנה אַ נעם געטאָן איר טעכטערל בײַ דער האַנט און אַרויס אין דרויסן, אַהיימרופן איר מאַן, דאָס אַכט־יעריקע מיידעלע זאָל וויסן אַז זי האָט נאָך אַ טאַטן אויף דער וועלט.

„מײַן לעבעדיקע יתומה,״ האָט זי אָפּגעזיפצט און אַ צי געטאָן בײַ דער האַנט די טאָכטער, וועלכע האָט גייענדיק זיך נאָכגעשלעפּט מיט אַ טענצל.

דער ווינט האָט דעם גאַנצן אַרום געמאַכט טאַנצן; אָנגעבלאָזן נײַלאָן־בײַטלען ביז אַרויף צו די דראָטן. אַ שלײַדער געטאָן אַ קאַרטאָן, אַ בלאַט פון אַ צײַטונג,

אונטערגעהויבן אַ ווײדל פון אַ הונט. דער ווינט האָט אויך אויפגעבלאָזן דער מאַמעס קלייד ווי אַ פּאַרריסן געצעלט. בלויז איבער די קליינע צעפּלעך פון מיידל האָט דער ווינט נישט געוועלטיקט. זיי זענען אָפּגעשטאַנען פון הינטן, קורץ און שטײַף.

די מאַמע איז געגאַנגען און געקרעכצט, ווי דער גאַנצער צער פון דער וועלט וואָלט זיך אַנגעזעצט אויף איר, אָבער די טאָכטער האָט ווײַטער אונטערגעטענצלט און זיך אונטערגעזונגען אויף פּויליש:

דאָבזשע נאַם, דאָבזשע נאַם — גוט איז אונדז.

לעבן די בידעריקע געוועלבער איז שוין געווען פינצטער. מען האָט פאַרמאַכט די אַרײַנגענג און געעפנט די הינטערטירן כּדי ווײַטער אָנצוגיין מיטן מיסחר. דער דרײַעק אויפן פּלעק איז שוין געוואָרן אַ פינטל. איינעם פינטל זענען די דרײַ מענער אין די לאַנגע מאַנטלען געשטאַנען צוגערוקט איינער צום אַנדערן, דער ווינט זאָל נישט אַרויסיאָגן קיין קאָרט פון זייערע הענט. זיי זענען געשטאַנען נאָז צו נאָז, דאַשעק צו דאַשעק, קאָרט צו קאָרט. זייערע ברייטע היטלען, פלאַך און קײַלעכדיק, זענען געוואָרן אַ דעכל אויף וועלכן ס'איז געפאַלן דאָס בלוילעכע ליכט פון גאַסנלאָמפּ און אונטערן דעכל איז ווײַטער אָנגעגאַנגען די שפּיל אין קאָרטן.

6

איך האָב געבעטן דעם פּאַליציאַנט ער זאָל מיר אָנווײַזן די ריכטונג צו דער יעלין־גאַס אין מקור ברוך, ירושלים, און ער האָט מיך באַגלייט ביז אַהין צו דעם גאַנצן וועג. מען האָט דאָרט געפּײַערט חנוכּת ספר־התּורה און איך בין געגאַנגען אַהין קוקן אויפן פרײלעכן עולם. דער פּאַליציאַנט איז געגאַנגען אַהין אים צו צעטרײַבן.

נאָך אַ לאַנגן און שווערן טאָג אַרבעט, האָט ער זיך באַקלאָגט, ווען ער איז שוין געווען אויפן וועג אַהיים, האָט מען אים געשיקט בודק זײַן דעם רוישיקן עולם וואָס איז זיך צונויפגעלאָפן אָן אַ דערלויבעניש. דער פּאַליציאַנט האָט נישט אָנגעהויבן פאַרשטיין וואָס מען האָט דאָס צו זײַן אַזוי פרײלעך אין מיטן ווינטער. און נאָך אין דרויסן דערצו. אַ קעלט. אַ מיאוסער ווינט. ס'האָט געדראָט מיט רעגן אַ ליאַדע מינוט און ס'איז שוין אויך געווען גוט פינצטער. דער פּאַליציאַנט האָט צוגעזאָגט דעם שאָפער אין דער טאַקסי, וועלכער איז געבליבן שטעקן אין אָנהייב פון דער יעלין־גאַס און נישט געקענט פאָרן ווײַטער, אַז באַלד וועט דער וועג ווערן פרײַ. דאָס מאָל וועט דער פּאַליציאַנט זיך נישט שפּילן מיט קיינעם. ער וועט אַלעמען שנעל צעטרײַבן, אָן חכמות.

אָבער דורכן הילכער האָט מען אָנגעזאָגט די פאַרזאַמלטע, מען זאָל זיך נישט צעגיין. צו ערשט אויף יידיש און נאָך דעם אויף העברעיִש האָט מען צוגעזאָגט די קינדער אַז באַלד וועט מען טיילן צוקערלעך, קיכלעך און נאָך נאַשוואַרג. אַ קליין מיידל פון אַ יאָר בײַן, האָט דאָס דערהערנדיק, זיך געלאָזט

לויפן אַהיים רופן איר ברודערל און זי איז פון אײַלעניש אַרײַן צווישן די פיס פון פּאַליציאַנט.

„הירש־חײַמל!" האָט זי געראָפן.

דער פּאַליציאַנט האָט זיך פון איר אָפּגעשאָקלט. ער האָט אַרויסגעצויגן פון זײַן לעדערן טעשל דעם פּינקס צו פאַרשרײַבן אַ פּראָטאָקאָל און ער האָט זיך געשטופּט צום פּלאַץ פון וואַנען די קולות האָבן זיך געטראָגן, צום שוואַרצן, פאַרמאַכטן וואָגן מיטן הילכער אויפן דאַך. אויפן וואָגן איז געווען אָנגעמאָלט מיט ווײַסע אותיות אַ פּסוק פון תּהילים און דער אַדרעס פון דער חברה־קדישא. אויפן דאַך, העכער נאָך פאַרן הילכער, האָט מען אַרויפגעשטעלט אַ פּראָזשעקטאָר וואָס האָט זיך געוויגט אין ווינט און געוואָרפן דאָס ליכט אַרויף און אַראָפּ.

דעם פּאַליציאַנט איז נישט געלונגען זיך דערשטופּן צום וואָגן. ער איז אַרײַנגעכאַפּט געוואָרן אין מיטן פון טאַנץ, אין דעם טומלדיקן געווירבל פון שטרײַמלעך, קאַפּאָטעס, בערד און קאַפּעליושן, כּמעט אַלץ אין שוואַרץ. דער פּאַליציאַנט האָט אָנגעכאַפּט בײַ די אַקסלען אַ געלן חסיד וואָס האָט געטאַנצט מיט דער ספר־תּורה אין זײַנע אָרעמס, און פאַרלאַנגט דעם נאָמען און משפּחה־נאָמען. אָבער דער געלער חסיד האָט צוריקגעשריגן אַז ער וועט אויסזאָגן זײַנעם אויב דער פּאַליציאַנט וועט פריִער אָנגעבן זײַן אייגענעם און אויך זײַן טאַטנס נאָמען. מען האָט געשטופּט דעם פּאַליציאַנט פון אַלע זײַטן אָבער מיט אַ מאָל איז די ספר־תּורה געווען אין זײַנע אָרעמס און דורכן הילכער האָט זיך געהערט דאָס קול פון געלן חסיד, ווי ער רופט מיט אַ ניגון דעם פּאַליציאַנט צו דער עליה: „יעמוד השוטר אברהם־משה בן נח־נפתלי!"

דער פּאַליציאַנט האָט אַרומגענומען פעסטער די ספר־תּורה, דער חסיד האָט אים געהאָלפן אַרײַנשטופּן דעם פּינקס צוריק אין טעשל אַרײַן, ער האָט אויך גלײַך געמאַכט דאָס היטל אויפן פּאַליציאַנטס קאָפּ, און די גאַס האָט זיך אויף ס'נײַ צעטאַנצט אין דער גאַנצער ברייט פון הײַזער צו הײַזער אין אַ קרײַז, ביז דער עולם האָט זיך אַ לאָז געטאָן מיטן פּאַליציאַנט בראש צום בית־הכּנסת אויפן נאָמען פון „ישיבת הבנים השבים". ערשט דעמאָלט האָט מען אָנגעהויבן צעטיילן די צוגעזאָגטע צוקערלעך. קינדער האָבן געשפּרונגען צווישן די פיס ווי היימישע עופות און געכאַפּט דאָס נאַשוואַרג.

ווען דער וועג איז געוואָרן פרײַ האָט דער שאָפער פון דער טאַקסי, בייז און ביטער, זיך פאַרדרייט אין עק פון גאַס מיט אַ שנעלקייט, אַזש די רעדער האָבן געסקריפּעט. אין אָט דער רגע איז אָנגעלאָפן אַנטקעגן אויפן טראָטואַר דאָס קליינע מיידל וואָס האָט פריִער זיך פאַרפּלאָנטערט צווישן די פיס פון פּאַליציאַנט. אויך זי האָט אַ פאַרסאָפּעטע זיך געטאָן אַ פאַרדריי, כּמעט אַזוי שנעל ווי די טאַקסי.

„שנעלער! הירש־חײַמל!" האָט זי געראָפן איר ברודערל וועלכער איז געלאָפן נאָך איר, און זי האָט זיך ראַפּטעם פאַרהאַלטן לעבן שוואַרצן וואָגן פון דער חברה־קדישא.

ווײַט אַוועק, בײַם סוף פון דער גאַס האָבן זיך נאָך אָנגעזען שאָטנס פון טאַנצנדיקן עולם. זיי זענען פאַרשווונדן געוואָרן אין דער פינצטערניש, און דאָ, אויפן דאַך פון פאַרמאַכטן וואָגן, האָט דער פּראָזשעקטאָר זיך נאָך אַלץ געוויגט אין ווינט, אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ, און ממשיך געווען אויף דער אויסגעליידיקטער גאַס דעם שטילן טאַנץ פון ליכט און שאָטן.

7

ווען איך בין אַראָפּ פון אויטאָבוס נומער 9 אויף דער מלך דזשאָרדזש־גאַס אין ירושלים, איז אײנער אַרויף און זיך באַגריסט מיט מיר:

„שלום, סאַמאַל!"

באַלד האָט ער געפּאַכעט מיט אַ האַנט וואָס ער האָט אַרויסגעשטעקט דורכן פענצטער פון אויטאָבוס און אונטערגעזאָגט ווער ער איז:

„דער זעלבער וואָס האָט מורא געהאַט בײַ נאַכט שיסן פון אַ ביקס!"

„אַבשלום פון טבריה! אַבשלום!"

נאָך אַזוי פיל יאָרן זינט יענער נאַכט האָט ער אויסגעזען עלטער און שענער. זײַנע באַקנבערד זענען געוואָרן עפּעס ווי רײַכער און ברייטער. אָבער אין יענער הייסער זומערנאַכט איז ער געזעסן אַ טרויעריקער אויף אַ בערגל הינטער טבריה, אײַנגעהילט אין אַ גרויער קאָלדרע און אויף אַלע מײַנע רייד געהאַט איין ענטפער: „הכל מאלוהים. אַלץ איז באַשערט."

„אַלע זעלבער האָבן שוין געשאָסן. בלויז דײַן ביקס איז קאַלט!" האָב איך געשריגן אויף אים ווי עס שרײַט אַ סערזשאַנט אין דער אַרמיי. אַבשלום האָט געמאַכט אַ שפּאַלט אין דער קאָלדרע, אַרויסגעקוקט מיט איין אויג און פאַרגעלייגט איך זאָל אים מוותּר זײַן דאָס שיסן, וועט ער מיר אויסלערנען פאַרטרײַבן שדים.

זיצנדיק אָן אײַנגעהילטער אויפן שטיין האָט ער אין דער שײַן פון דער לבנה טאַקע אויסגעזען ווי אַ טרויעריקער שדים־פאַרטרײַבער.

דאָס איז געווען זײַן פּרנסה. ער האָט איין מאָל דערציילט ווי אַזוי ער האָט געכאַפּט אַ שד אויפן אַקסל פון זײַן אייגן ווײַב. ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן: אַ קליינער, טערקישער שד. קיין סך פּרנסה האָט עס אים נישט אַרײַנגעבראַכט. אַבשלום איז געווען אַן אָרעמאַן. ס'האָט זיך אָנגעזען אין דעם אופן ווי ער האָט זיך מטפּל געווען מיט זײַנע צעריסענע זאָקן אין אַ הייסן טאָג צווישן די בערג. ער האָט זיי אַראָפּגעצויגן פון די פיס, לעכער און צויטן, זיי אויפגעהאָנגען צום טריקענען, זיי נאָך אַ מאָל אָנגעטאָן און מאַרשירט ווײַטער. אין זײַן געדולד מיט וועלכן ער האָט זיך מטפּל געווען מיט די זאָקן האָט געשטעקט אַן אָרעמאַן.

„וועסט גיין זיצן אין תּפיסה אויב דו וועסט נישט שיסן!" האָב איך געשריגן.

אַבשלום האָט זיך נישט מיאש געווען. ער האָט מיר אָנגעזאָגט אַז עס איז די וואָך פון תּישעה־באָב און אויב איך וועל וועלן פאַר אים שיסן, וועט ער פאַר מײַנעט וועגן תּפילה טאָן.

דער אויטאָבוס האָט זיך אַ ריר געטאָן און דאָס אַלץ איז פאַרביַי זייער גיך אין מיַין זכרון. איך האָב זיך דערמאָנט דעם שווערן ספר־הקינות וואָס ער האָט אַרויסגעצויגן פון זיַינע ברייטע הויזן, ווי אַזוי ער האָט אויפגעהאָנגען זיַינע צעריסענע זאָקן אויפן שפיץ פון אַ ווייסן דאָרן צווישן די בערג אין דער הייסער זון, ווי אַזוי דער דאָרן האָט זיך געזילבערט, זיך אַ ביסל אָנגעבויגן און איך האָב געוואָלט כאַפּן אַ לעצטן בליק אויף דעם איצטיקן אַבשלום פון טבריה.

ס׳איז מיר אַ שאָד געווען וואָס אַלע יאָרן בין איך פאַרבליבן אין זיַין זכרון דער סערזשאַנט וואָס שריַיט, דער בייזער ,סאַמאַל׳ וואָס פיַיפט און זידלט, איך האָב געוואָלט עפּעס צוגעבן אין זיַין זכרון און עפּעס פון דאָרטן אויסמעקן. איך האָב אים געוואָלט דערציילן וואָס איך האָב אַלע יאָרן פאַרגעדענקט, אַז אין יענער נאַכט, ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויף זיַין סידור, נאָך איידער איך האָב באַשלאָסן וואָס צו טאָן, האָט ער שוין אַראָפּגעלייענט דעם ענטפער פון מיַין פּנים. נאָך איידער איך האָב זיך אַריַינגעלייגט מיט זיַין ביקס אין גריבל אויף צו שיסן, האָט ער זיך אויפגעשטעלט פון שטיין, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די גרויע קאָלדרע און אַ באַפריַיטער פון שרעק און פון תּפיסה אָנגעהויבן זאָגן, מיט אַ דערהויבן געמיט און מיט אַ פריילעך האַרץ, די טרויעריקסטע קינות פון אונדזער פאָלק.

אומזיסט בין איך נאָכגעלאָפן דעם אויטאָבוס צו כאַפּן אַ לעצטן בליק אויף אים. מענטשן ביַי דער זיַיט האָבן זיך אונטערגעשמייכלט, וויַיל איך האָב נישט געשריגן:

„רגע! רגע!" נאָר גערופן:

„נישט בלויז אַ סערזשאַנט, אַבשלום! נישט בלויז אַ ,סאַמאַל׳!"

8

כ׳האָב זיך אַרומגעדרייט איבער די גאַסן פון ירושלים און זיך אַריַינגעשטעלט אין אַ ריי וואַרטן אויף אַן אויטאָבוס. דער אויטאָבוס וועט אָנקומען, די מענטשן וועלן אויפשטיַיגן, וועל איך זיך לאָזן גיין וויַיטער ערגעץ ווו. ס׳איז נישט געווען צו דערוואַרטן אַז עפּעס זאָל געשען. און וואָס האָט שוין געקענט פאַרקומען וואַרטנדיק דאָ אויפן אויטאָבוס נומער אַכצן אין אַ זיַיטיק געסל? ס׳איז געווען צווישן צוויי און דריַי אַ זייגער נאָך מיטיק. די זון האָט געברענט. אַפילו די ריי איז נישט געווען קיין וואַזשנע ריי.

אַ פרוי, קליין און איַינגעדאַרט, אַ פּאַפּיראָסל צווישן אירע ליפּן, און אַ זקן וואָס האָט, וואַרטנדיק, זיך אָוועקגעשטעלט מיטן פּנים צו דער וואַנט און גערעדט צו זיך אַליין.

אין אָנהויב האָט זיך מיר אויסגעדאַכט אַז דאָס איז גאָר מיַין שכן פון דריטן שטאָק. אפשר צוליב דער הויכער פוטערנער טשופּע אויף זיַין קאָפּ, ערשט, אין חודש סעפּטעמבער, און אפשר גאָר צוליבן ריח פון וויַין וואָס האָט זיך געטראָגן

פון אים. האָב איך זיך צוגערוקט הינטערוויַילעכץ, אַ טראָט נאָך אַ טראָט, בענטער צו אים, זיך אונטערהערן וואָס ער רעדט דאָרט צו זיך אַליין. ער האָט גערעדט צו דער וואַנט. געגלעט מיט ביידע הענט די שטיינער און געבעטן די וואַנט, זי זאָל זיך אָוועקרוקן אַן אַ זייַט און פריַי מאַכן פאַר אים דעם וועג.

אַרום אים האָט זיך גאָרנישט געריירט. די איַינגעדאָרטע פרוי איז געשטאַנען אויף איר אָרט. דאָס ווייַדעלע אַש פון איר פּאַפּיראָסל האָט זיך פאַרלענגערט און זיך געבויגן. אויך די פרוי איז געשטאַנען אַ ביסל אָנגעבויגן אַזוי ווי דאָס ווייַדעלע אַש. די שערערייַ קעגן איבער דער ריי איז געווען פאַרשלאָסן. אין פענצטער האָט זיך אָנגעזען אַ שייטל.

אַ הונט איז פאַרבייַ.

אַ פּאָליציאַנט האָט זיך דערנענטערט. אַ סערזשאַנט, לויט די פּאַסיקלעך אויף זייַן אָרבל, אין דער פאָרעם פון אַ לאַטייַנישן V. זייַנע לאַנגע וואָנצעס — אַ פערטער „ווי״, אַן איבערגעקערטער. ער האָט געוואָרפן צוויי בליקן אויפן זקן לעבן דער וואַנט. דער ערשטער אַ קורצער. דער צווייטער — אַ ביסל לענגער. באַלד האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און מיט אַ פינגער אים אָנגערירט אין אַקסל. איידל און פרייַנדלעך האָט ער אים דערקלערט אויף העברעיִש, אויך מיט די הענט, און אויף נאָך עפּעס אַ לשון, אַז דער ריכטיקער וועג פאַר מענטשן צו גיין איז נישט דורך ווענט נאָר לענג־אויס די גאַס. און מיט אַ מאַך מיט דער האַנט האָט ער פאַרגעשטעלט פאַרן אַלטן די גאַס, אַז דער וועג איז פרייַ.

דער זקן, הויך און גלייַך, האָט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו דער גאַס, אונטערגעהויבן זייַן פוטערנע היטל, אַראָפּגעבייגט דעם קאָפּ און אָפּגעענטפערט דעם פּאָליציאַנט.

„אַ דאַנק, אדוני, אַ דאַנק״, האָט ער געמורמלט, און אויף זייַן נישט ראַזירטן פּנים האָבן די קנייטשן דאָרטן זיך צעשפּריצט אין אַ שמייכל. ער האָט נאָכגעשיקט אַ שיקלדיקן בליק דעם אָפּגייענדיקן פּאָליציאַנט, אריבערגעפירט דעם זעלבן בליק אויף דער קליינער פרוי, און נאָך דעם אויפן קערטל פון פּאַפּיראָס וואָס האָט זיך אָוועקגעקאָלערט ביזן ברעג פון טראָטואַר און נאָך אַלץ גערייכערט, אַ רויכל דין ווי אַ בלויער פאָדעם.

און ווען אַלץ איז פאַרשוווּנדן געוואָרן: דער פּאָליציאַנט אויפן ראָג פון דער גאַס, די פרוי — אין אויטאָבוס, און געבליבן איז בלויז דאָס שייטל אויפן קאָפּשטיק אין פענצטער פון דער שערערייַ, האָט דער זקן זיך צוריק אויסגעדרייט מיטן רוקן צו דער גאַס. ער האָט אָנגעהויבן אויף ס׳נייַ גלעטן די שטיינער און געבעטן די וואַנט, ווייך און איידל, זי זאָל זיך אָפּרוקן אַן אַ זייַט און פרייַ מאַכן פאַר אים דעם וועג.

9

די גאַס איז געווען גענוג באַלויכטן און נאָך פון גאַנץ ווייַטלעך, אַ מהלך פון עטלעכע הייַזער, האָבן מיר געזען לויטן געשטעל פון זייערע פיס, אַז זיי

זענען יונג, דאָס פּאָרל וואָס איז אונדז געקומען אַנטקעגן. מיר האָבן באַמערקט די האַנט פון מיידל. אומגעריכט האָט זי אַ צי געטאָן דעם בחור און אים ראַפּטעם פאַרקערעוועט אויף רעכטס, אינעם וועלדל אַריַין.

מיר האָבן זיך צעשמייכלט, מיַין וויַיב און איך. עפּעס אַנדערש האָט זיך נישט גערירט אין דרויסן אויף אונדזער אָוונטיקן שפּאַציר. ס'איז געווען די צײַט ווען מען זיצט אין די שטיבער און מען קוקט אויף טעלעוויזיע. אַפילו אַ קאַץ האָט זיך נישט דורכגעשלײַכט אויפן וועג און די אַנגעשטעלטע אויטאָס אויף ביידע זיַיטן גאַס האָבן געצויגן די שטילקייט לענג־אויס די היַיזער. ס'האָט זיך גאָרנישט באַוועגט אין דרויסן און די האַנט פון מיידל איז פאַרבליבן אין אונדזער בליק.

„אַ חברה־מאַנטע."

ווי זי האָט דאָס פּלוצלינג אַ נעם געטאָן דעם בחור ביַים אָרעם און אים אַריַינגעפירט צווישן די ביימער זיך ליבן אין דער פינצטער. אַ שאָד וואָס מיר האָבן נישט באַוויזן אַ קוק טאָן פון דער נאָענט איר אין פּנים אַריַין. אָבער אויך אָן דעם האָבן מיר זיך שוין געקענט פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ פאַרשווינטע דאָס וואָקסט. דער צי מיט איר האַנט האָט אַלץ קלאָר געמאַכט. אַזאַ מיידל וועט שוין נישט גיין פאַרלוירן אין דער וועלט. זי וועט וויסן ווי זיך צו פירן מיט מענער. מיר האָבן געקענט אַ מאָל אַזאַ מיידל. זי האָט גענומען אַ לא־יוצלח פאַר אַ מאַן און געמאַכט פון אים אַ מענטש. אָנגעטאָן די הויזן און געפירט די געשעפטן.

איך האָב דערציילט מיַין וויַיב וועגן אַ מומען אין מיַין משפחה. מע האָט געזאָגט אויף איר אַז זי האָט אָוועקגעקוילעט פיר מענער. איינער פון זיי פלעגט אין מיטן טאָג אַרונטערקריכן אונטערן בעט צו כאַפּן אַ שלאָף. און איר האָט עס דווקא געצויגן צו הויכע בעטן. אונטערגעלייגט אַלע מאָל נאָך אַ מאַטראַץ. ווען דאָס בעט איז שוין געווען זייער הויך, כּמעט ביזן סופית, האָט זי זיך איין מאָל פון דאָרטן אַראָפּגעקאָלערט און געשטאָרבן.

אויף ראָג האַנטקע און העגריעטאַ סאָלד, ווו די גאַסן קרייציקן זיך, האָבן מיר זיך פאַרנומען אויף לינקס צו פאַרענדיקן דעם קריַיז פון אונדזער שפּאַציר. ס'האָט זיך גאָרנישט פאַרלאָפן אויפן וועג, וואָס זאָל אָפּווענדן אונדזערע מחשבות פון מיידל. איר כאַראַקטער האָט שוין אָנגעווייקען אַ רמז אויך אויפן בחור. מיר האָבן געזען די־טלעך, ווי אין דער לעצטער מינוט, ווען זיי זענען פאַרביַי דאָס פינצטערע שטעגל, האָט זי אַ קער געטאָן דעם בחור צום וועלדל, כאָטש דער בחור, לויט זיַינע טריט, האָט געמיינט צו גיין וויַיטער פאָרויס.

„אַ מאַן איז נישט בלויז אין בעט אַריַין" האָט מיַין וויַיב זיך אָנגערופן, „און צו לעבן מיט אַ שלימזל ווי דיַין פעטער, וואָס קריכט שלאָפן אונטער די בעטן, איז נישט קיין גרויס גליק".

אַזוי האָבן מיר געזען אין געדאַנק דאָס פּאָרל וואָס איז פאַרשוווּנדן געוואָרן צווישן די ביימער. מיר האָבן נישט געקענט צו נישט מאַכן וואָס דאָס אויג האָט

באַמערקט. אָן אויג קען מען נישט אָפּנאַרן. װעגן דעם האָבן מיר ביידע צוגעשטימט און נאָך אַלץ געשמייכלט אויפֿן חשבון פֿון פּאַרל. זיי זענען געװאָרן אַ נײַער גילגול פֿון מײַן מומען מיט איר פֿאַרשלאָפֿענעם מאַן.

עפּעס נאָך װעגן דער מומען איז מיר געקומען אויפֿן זינען װען דאָס פּאַרל איז אונדז פּלוצלינג װידער געקומען אַנטקעגן. זיי האָבן דורכגעשניטן דאָס װעלדל און זיך דערנענטערט צו אונדז. מיר האָבן פֿאַרשנעלערט די טריט כּדי ס'זאָל אונדז אויסקומען זיי פֿאַרבײַגיין פּונקט אינעם ליכט פֿון דעם גאַסנלאָמפּ. דאָס מאָל װעלן מיר נישט פֿאַרזאַמען כאַפּן אויף זיי אַ בליק פֿון גאָר נאָענט. לאָמיר זען װאָס פֿאַר אַ פּנים זיי האָבן, דאָס מיידל און דער שעמעװדיקער בחור.

און ס'איז אונדז געלונגען. מיר זענען זיי פֿאַרבײַ אינעם פֿלעק פֿון ליכט װאָס דער גאַסנלאָמפּ האָט צעשפּרייט אויפֿן טראָטואַר און מיר האָבן געזען אַז דער בחור איז בלינד.

10

מיט צוויי קיישלעך בין איך געפֿאָרן אין מחנה יהודה, דעם גרויסן מאַרק אין ירושלים, אײַנקויפֿן עפּעס אין שטוב אַרײַן. אָנגעקומען בין איך אַהין פֿון דער צווייטער זײַט, נישט אויף דער גאַס יפֿו, און דאָרטן איז דער אַרײַנגאַנג געװען אָנגעפּאַקט מיט מענטשן. הייס איז געװען, צװישן צוויי און דרײַ נאָך מיטיק, האָב איך זיך אַרײַנגעשטעלט אונטערװאַרטן אין שאָטן פֿון אַן עלעקטרישן סלופּ. מען װעט זיך צעגיין אַ ביסל װעל איך אַרײַן אין מאַרק.

איז אָנגעפֿאָרן אַ לאַסטװאָגן און זיך פֿאַרנומען אין מאַרק אַרײַן. האָב איך אַ הייב געטאָן אַן אַקסל פֿאַר זיך אַליין: איך האָב זיך נישט געקענט אַרײַנשטופּן און ער, דער לאַסטװאָגן, יאָ, װי אַזוי? אַזאַ גרויסע מאַשין, געל און ברייט.

דער שאָפֿער, אין דער הייך, אין זײַן קאַבינע, האָט געטאָן אַ פֿײַף און אַ פּאָר, אַ פֿײַף און אַ פּאָר און די מענטשן האָבן זיך צעשטופּט אין די זײַטן. זיך געדריקט צו די װענטלעך פֿון אויטאָ. געמאַכט אַ װעג. פֿונעם אָרט װוּ איך בין געשטאַנען, אין שאָטן פֿון עלעקטרישן סלופּ, האָט עס אויסגעזען װי די מאַסע װאָלט געעפֿנט אַ גרויס מויל און געשלונגען דעם װאָגן.

אַ מאָל האָב איך שוין געהאַט געזען אַזאַ בילד.

אַ פֿאַסטעך פֿון שעפּסן, בין איך געשטאַנען מיט דער סטאַדע אין אַ װינקל פֿון אַ פֿאַרװאָרפֿן פֿעלד, אין טאָל פֿון יזרעאל, און דאָרטן צװישן די דערנער געזען אַ שװאַרצע שלאַנג שלינגען אַ װײַסן האָז, און אַרום און אַרום איז געװען שטיל. קיין זאַך האָט זיך נישט גערירט. אַ לענגלעך אונטערגעבראַכן בלעטל, אויף אַ הויכן, דינעם סורגום־שטאַנג, האָט געטאָן אַ ציטער. אַן אויער פֿון מײַן אייזל — עפּעס ענלעכס. און זייער שטיל אַרום און אַרום.

װען דער ברייטער לאַסטװאָגן איז פֿאַרשװוּנדן געװאָרן און די מענטשן האָבן װידער פֿאַרשטעלט דעם אַרײַנגאַנג, האָט זיך דערהערט אַ דינער קלאַנג

פון אַ גלעקל. אין זכרון בין איך נאָך אַלץ געווען אויפן פאַרוואָרפענעם פעלד, האָב איך געמיינט אַז איך הער אין געדאַנק דעם קלאַנג פונעם גלאָק אויפן האַלדז פון די לאַם וואָס גייט פאַרויס און ציט נאָך זיך די גאַנצע סטאַדע.

אָבער ניין.

אַ בלינדער זקן, אין זײַן האַנט אַ שטעקן, איז מיר פאַרבײַגעגאַנגען און אויף זײַנע פיס, אונטער די קני — גלעקלעך. אויך ער האָט זיך פאַרנומען אַרײַנצוגיין אין מאַרק אַרײַן.

מילא — האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין — מילא.

די מאַסע האָט פאַרשלונגען דעם וואָגן. די שלאַנג האָט פאַרשלונגען דעם האָז, אָבער דער בלינדער — ווי אַזוי וועט ער אַרײַן אין מאַרק ?

לעבן ערשטן געשטעל האָט ער אויסגעשטרעקט זײַן האַנט און געגלעט אַ באַנאַנע פון דעם צווײַג באַנאַנעס וואָס איז דאָרטן געהאַנגען. נאָך עטלעכע טריט האָט ער געטאַפּט אוגערקעס צעשפּרייטע אין אַ פלאַכן קאַסטן. בין איך אַרויס פון שאָטן און זיך געלאָזן גיין נאָכן בלינדן זקן, זען ווי אַזוי ער געפינט זײַן וועג אין מאַרק אַרײַן, לויט די פרוכטן פון סעזאָן.

כ׳האָב געזען ווי ער האָט געפירט די שפּיצן פון זײַנע פינגער איבער אַ פּיראַמידע פּאָמעראַנצן און נאָך דעם איז ער מיר פאַרשוווּנדן געוואָרן.

עטלעכע סעקונדעס האָט זיך נאָך געהערט דער קלאַנג פון גלאָק וואָס האָט איבערגעלאָזט אין מיר, דאָ אין דער ענגשאַפט, אין דעם גרויסן טומל, אַ טראָפּן שטילקייט.

ה. בנימין



אין שפּעלטל צווישן קאַסקע און דער ערד
(סאָנעטן־רינג)

מאַניעקן — איינעם פון אַ דור, געפאַלן
אין אונדזער באַפרייונג־מלחמה.

א

דאָס גרויסע ליד איז היינט אַ שוועל פון בליי
אויף שטעגן פון געוואָגטקייט קויל־צעגליטער.
אַ שוועל — אין האַרץ אַ לעבעדיקער שפּליטער
פון יענעם פייף, וואָס האָט אין מיטן מיי

אונדז שניי־פאַרבלענדט די אויגן... און פאַרביי —
מיט טירן אויפגעפּראַלטע צום געוויטער.
ווי וועלף — אין ציינער טראָגן מיר זיין ציטער
און וויען אויס זיין הונגער פון דאָס ניי.

מיר — פייער־זייערס בלינדע אין אַ שאָבט —
געפאַנגענע אין קלאַנגען פון דער שלאַכט,
וואָס מוזן זייער יאָר אין ליד צעברומען, —

מיר טראָגן עס: ס׳געזאַנג פון אונדזער שניט.

— — ביז ס׳וועט אויך אונדזער גוף זיין שניי־פאַרבליט
ווי טריט אויף שטעגן בלוט פאַרהויבן בלומען.

ב

ווען טריט אויף שטעגן בלוט — פאַרהויבן בלומען,
שטאָט קברים — צאַרטע בלומען פון פאַרראַט, —
דאַן רײַסט זיך אויף מײַן האַרץ ווי אַ גראַנאַט
און פאַלט מיט שוואַרצן קטורת־רויך, מיט פרומען, —

צופוס דעם בוימגראַנאַט דעם צונטער־שטומען:
זײַן רײַפקייט — אויפגעפלאַצט, זײַן שמייכל — מאַט,
זײַן איבער־דורות־בליק — ווי פון סאָלדאַט,
וואָס האָט די ריי בײַם לעצטן שטיין פאַרנומען.

אויך דו — ווען ס'האָבן ווי אין טרוים די פעלזן
אין רויטער רויז פון אויפרײַס זיך צעבליט:
אָן זומער־ווינטערס — נאָר אַ רגע העל זען! —

ביסט דאָרט געווען, מיט שטיין אַרומגענומען.

— — איך שפיר שוין ווידער דײַנע דינע טריט —
מיט קני, ווו ס'רעגנט טיף דער וויי פון קומען.

ג

אין קני וואָס רעגענען מיט וויי פון קומען,
ווי דערנער — מיט דער בענקשאַפט נאָך אַ גראָז, —
איז אונדזער בלאָנקען צו אַ חלומדיקן שלאָס
ביז בערג־צעלטן געהויקערטע פאַרשווומען.

דער זקן דאָרט, מיט שטאָק צעבערענטן, קרומען,
הייבט זייער טריפן אויף ווי ווײַן אַ כּוס
און טראָגט אַנטקעגן זיי ווי ציטערדיקן גלאָז
דעם רעגן־בויגן־פלאַקער אויף זײַן גומען.

און דאָן הייבסט דו זיך אויף. אין קנאָספּן־פײַער
צעשפּריצט זײַן דאָרשט דײַן גורלדיקן בלײַ.
די קני פאַרברעכן זיך. אַ גאָט אַ נײַער

צעשפּאַלט דעם וויסטן פעלדז. אויף טאָצן שקיעה
שווימט אויף אַ גרינע וווּנדערלעכע קריע,
גייט אויף אַ קריע גלויבן פון דאָס נײַ.

ד

גייט אויף אַ קריַע גלויבן פון דאָס נײַ,
אַן אײַזבאַרג פרייד, וואָס קלערט נישט פון צערינען,
ווי ס׳וואָלטן נישט געלויערט קיין חמסינען
אויף אונדזער אײַז־דורס הפקר־שטיפערײַ.

אויף אונדזער אײַז־דורס הפקר־שטיפערײַ.
וועט יעדנס גוף אַ בלײַ אַ מאָל געפינען —
טאַ לאָמיר איצט די וועלט פאַרמאַנדאָלינען
מיט בליק וואָס טרוימט דאָס שטראָליקסטע געבײַ.

אַזוי ביסטו אויך דאָן, בײַם שווערן שטײַגן,
מיט אויגן סאָוויקע מײַן פעלדז פאַרבײַ,
ווי ס׳וואָלט די פולקייט שפּראָצן פון דײַן שווײַגן

און שמייכלען — מיך און אַלעמען אַריבער...

— — און נאָר דײַן בלוט — געבליפּעט ווי אַ ביבער,
בײַם ראַנד פון מידבר און פון איין מאָל ח״י...

ה

בײַם ראַנד פון מידבר און פון איין מאָל ח״י
האָט אונדזער דור זײַן ווינטיקייט פאַרגראָבן.
און ס׳האָט דאָס סקריפּענדיקע ליד פון ראָבן
אַ בריק פאַרהאַנגען צווישן הערצער דרײַ.

האָסט שטיל צעטיילט פאַר אונדז דעם לעצטן קײַ,
דעם לעצטן טראָפּן בלאָטיקע מיקראָבן.
און רויע שאָל פון אומעט האָט געשאָבן
דײַן בליצנדיק־געשלײַפטע וויצלערײַ.

ביז ס׳האָט צעשיילט אַן אַנדער שאַרף דעם רוים,
אונדז דרײַ אין גרוב — מיט שוואַרצן זאַמד פאַרשאָטן...
און ס׳האָט דײַן אײַזיק־אויפגעפלאַצטער אָטעם

מײַן קאָפּ פאַרשפּריצט מיט שנייִק־ווײַסן שוים.

נאָר אונטער דײַן צעשאָטן בינטל בלומען
האָב איך דײַן לעצטן דופק נאָך פאַרנומען.

ו

איך האָב דעם לעצטן דופק נאָך פאַרנומען
פון לעצטן בלוט־און־פײַערדיקן קאַן.
אין זאַמד. אין נאַכט. אַליין. און צאָן אויף צאָן.
און אויג אויף אויג מיט שטערנדיקן אומענד.

און ס'האָט אַ ווײ געטאָן פון טיפסטע תּהומען,
פון קלוגן, הויך געאויגטן אויבנאָן —
ווי ס'וויט נאָר פון אַ ליידיקן פּאַטראָן
ווען ס'איז זײַן בלײַען האַרץ אים אומגעקומען.

אַ הוילע הייל פון טונקל — איז זײַן טרויער
מיר טיף אין בלוט מיט שטערן־לויש פאַרשווומען:
דער רינג פון שטילקייט איז אַ בריק אַ בלויער

פון עמוד־ענן — ביזן עמוד־אש.
און מיר זײַנען דער שטעג פון בלוט און פלייש
דורך וועלט ווו עדרס איידער־אויפרײַס שטומען.

ז

דורך וועלט ווו עדרס איידער־אויפרײַס שטומען
שפּאַנט אום אַ הפקר־וועלט־מויד — די געפאַר.
אויף יעדן ראָג באַגעגנט זי דער צער
אין קוליעס האַלציק־פּראָסטע פון בעל־מומען.

נאָר איר באַגער — מעטאַל־געפליגלט זשומען,
לונאַטיש שטײַגן, האַפערדיק און שטאַר.
אַ טאָג וועט זײַן — און מיר וועלן ד'ערפאַר
באַצאָלן איר דעם בייניקן מזומן.

אַ טאָג וועט זײַן — און אָן אַ קלייד אויף ריפּן,
מיט שערבלעך קאָסמאָסווערטער אויף די ליפּן,
מיט נעגלען אײַנגעקאַרבטע אין די גריבער,

אַ **נח** פליסטערן וועט, וואָרעם־פּרײַ:
ס'איז ווידער גוט צו זײַן אין וואַלד אַ גיבור,
ס'איז ווידער דאַוונען צו דער ערד כּדאַי.

ח

ס'איז ווידער דאַוונען צו דער ערד כּדאַי,
ווײַל זון האָט אונדזער פּלאַטערן געצונדן.
מיר וואָלטן נישט אַזוי פיל קניפּ צעבונדן
ווען ס'לעבן בלײַבט אויף אייביק אונדז געטרײַ.

נאָר אַז געפּלאַצט האָט אויך דער שטײַג־געשריי
און זיך אַליין דעם גאָרגל אָפּגעשוונדן, —
איז בעסער פראָסטן ליים אונטער די וווּנדן,
שטאָט פליגלען פון אַ סקולפּטאָרשן געוויי.

דער שויס פון ערד — פאַר אונדזער שטרוי אַ שײַער.
און ווו עס גיסט אַ טאַנק נאָך שלאַנגען פײַער —
מיט זאַמד אין אויגן אים אַ האַנט פאַרשיט.

עס וועט אין פעלד אַ קנאַכן אויף אַ קנאַכן
צו דר'ערד זיך טורעמען אין תּפילה־ליד,
ווען לעצטע מויל איז דערנערדיק צעשטאַכן.

ט

ווען לעצטע מויל איז דערנערדיק צעשטאַכן
בליט אויף אַ וואָרט אַ פּשוטס ווי אַ רויז,
אַ וואָרט, וואָס רופט זיך: שלום, גאָרטן, הויז,
אַ וואָרט וואָס הייסט: אמונה, הייסט: בטחון.

ווען רייפן־גראַמען ליגן אויפגעבראָכן,
ווען אַלע שמעטערדיקע ריטמען ווערן לויז,
ווײַל לופט צעטרייסלטע — איז אויך צו גרויס
פאַר זייער שווינדלדיקן פּאַטאָס אין דער וואָכן, —

דאַן ווערן פלוצעם אותיות באַגלייבט,
אין פראָסטן כּאַקי און אין דעמבנהאָלץ געראַמט.
ווי אַלטן מידן ווײַן פון פרייד — פאַרהייבט

אַ וואָרט אַזאַ אַ זעלנער צו זײַן שכן:
אין לעצטער שורה שוצגראָבנס פון זאַמד
גייט הייליק אויף לית־ברירהקער בטחון.

י

ס׳ווירט אויף אין בלוט לית־ברירהקער בטחון
ווען טאַנקען שווימען אָן אויף לעצטן ראַנד,
ווען קייטן שטאָלגרילץ קנעטן רעש־און בראַנד
אין אויער איַין. און סטרונעס „היתּכן?״ —

געשפּאַנטע ביז פּאַרטויבונג — הייבן יאָכן
פון דורות פּחד אויף: אין בלויער האַנט
מיט פלאַש בענזין ווי יום־טובדיק געוואַנט
פאַרשאַטענע אַקאַפּעס זיך צעפּאַכן.

ווער ס׳קען דאָס פלאַטערן אין מויל פון זיג,
ווער ס׳קען די שרעק פון הייבן זיך אַ הויכער
פון ערד צעוואַקלטער ווי פון אַ וויג —
אויף טאָן דאָס האַרץ אין וואַגונג אַ צערויכער, —

ווערט ווידער קומען איַינפּאַקלען די ערד
אין אַקער־חלומס גרויע פון אַ שווערד.

יא

אין אַקער־חלומס בונטע פון אַ שווערד
האָט מען געוויקלט ווי אין בלינדקייט אונדזער חלום.
נאָר טעג געקומען — ווינדעלעך פון שטאָל אים
פאַרביטן האָבן פיַיערדיקע בערד.

ביז אונטער אונדז — ווען בריק נאָך בריק צעשטערט —
איז ניַיער אוראַלט אייטערדיק געשוואָלן,
ווען ס׳האָט אַ כוואַליע־דור אין מידע טאָלן
דעם קול פון זיַינע ציטער־טריט דערהערט:

„האָסט אַלע וויסטע וועגן אויסגעטראָטן,
נאָר דו צעטראָטן ביסט פון זייער שטויב.
אויף פעלדער וויַיט צעשאָטן איז דיַין שאָטן...

טאָ ברענג דיַין האַרץ אויף פעלדזן — זיך פאַרגרעבן,
ווי אין אַ ראָזשינקע — דאָס האַרץ פון טרויב.
ס׳קען איידל זיַין דאָס האַרבסטע פון געוועבן״.

יב

ס׳קען אײדל זײַן דאָס האַרבסטע פון געוועבן,
עס קען בײַם אויפרײַס אויך אַ קאַלטער שטײן
צעטריפן זיך אין רעגן פון געוויין
אויף קאָפּ־צעשפּאָלט פון אַן אַקאַפּ דערנעבן.

נאָר ווער קען נאָך אַזוי פיל האַרצוואָג געבן,
אַזוי פיל יאָרן טעגלעכקייט — פאַר אײן,
אײן רגע בלויז פון אָדער־נאַקעט שטײן
אין ליכט פון אײגן אויפגעסקאַלפּעט לעבן —

און גלעטן בעטלערס גאָר אויף זכר־שטעגן ?! — —

...אין „ווער־וויס ?״־שאָטן — הוליען מיר אין נעכט.
נאָר מיר — אַ דור כּהנים פון דער רגע —

מיר קענען אויך די טרײַשאַפט וואָס איז עכט,
און קענען שווײַגנדיק אַ טרוים דערוועבן,
ווי ס׳קען פאַרצימצומט אויפבליצן אַ לעבן.

יג

עס קען — פאַרצימצומט — אויפבליצן אַ לעבן
אַפילו אין אַן אויג וואָס ווערט פאַרקרעלט,
ווען ס׳הייבט זיך צינען ס׳צינגל פון דער וועלט
און הערט אין שאָס ווי אינדזלען צוקונפט שוועבן ;

ווען קוילן בלינדע זײער וויגליד וועבן,
ווי איבער גלי־לאַנד אַ פאַרשפּרייט געצעלט, —
פאַרנעמט נאָך ס׳אויג, ווי ס׳פּויזעט אינעם פעלד
איר גוף — צו דיר, דײַן יונגלשקייט פאַרגעבן.

זי בינדט דײַן וווּנד פון אײן שאָס ביזן צווייטן
און דו פאַרגליסט דײַן בלוט אין אירע בײַטן :
איר מאַרגנזון — דײַן קברן זײַן באַשערט.

עס בינדט די ליבע אונדז אין פײַערדיקע סטויגן
ווען ס׳לעבן ווערט אַ שפּעלטל פאַר די אויגן,
אַ שפּעלטל צווישן קאַסקע און דער ערד.

יד

אין שפּעלטל צווישן קאַסקע און דער ערד
שווימט ווידער אויף די קינדהייט ווי אַ חלום.
אַן ווערטער. אָן אַ סדר. שמייכלען גאַלע
פון ליכט. אַ זון־צעפּינקל אויף אַ שווערד.

דאָס לעצטע שפּעלטל איבער ביקס און ערד
איז מאָס פון לעבן, זעעוודיקייט שמאָלע
ווי ס'טיפּט די וועלט — אָן פּחד, אָן בהלה —
ס'טראָגט יעדער בילד זײַן נאַקעטקייט, זײַן ווערט.

אַ דינער פּנים קומט ווידער נאָנט פאַרבײַ
די גלאַטקייט פון דײַן שויבערבליק פאַרבראַנען,
אין גלי פון זײַן עשירות — אים דערמאָנען:

אַז לעבסט און ליבסט און... שיסט — פאַר דרײַ,
פאַר טויטע ברידער דרײַ, דײַן ליד אויף פאַנען —
דאָס גרויסע ליד — איז הײַנט אַ שוועל פון בלײַ.

טו

דאָס גרויסע ליד איז הײַנט אַ שוועל פון בלײַ,
נאָר טריט אויף שטעגן בלוט פאַרהויבן בלומען.
אין קני וואָס רעגענען מיט ווײ פון קומען
גייט אויף אַ קרײַע גלויבן פון דאָס נײַ.

בײַם ראַנד פון מידבר און פון איין מאָל ח״י
האָב איך אַ לעצטן דופק נאָך פאַרנומען:
אין וועלט ווי עדרס איידער־אויפרײַס שטומען
איז ווידער דאַוונען צו דער ערד בדאי.

ווען לעצטע מויל איז דערנערדיק צעשטאָכן
גייט הייליק אויף לית־ברירהקער בטחון
אין אַקער־חלומס גרויע פון אַ שווערד:

ס'קען איידל זײַן דאָס האַרבסטע פון געוועבן,
ווי ס'קען — פאַרצימצומט — אויפבליצן אַ לעבן
אין שפּעלטל צווישן קאַסקע און דער ערד.

געשריבן בעת אַ „הפוגה" צווישן שלאַכטן אין נגב,
1948. געדרוקט אין צוקונפט (נ״י, מײַ־יוני 1953).

יונה בערקמאַן



ירושלים של־מעלה

מײַן ערשטן הויז כ׳האָב אויסגעבויט
אין האַרץ פון דײַנע חורבות,
ווען פון דעם טיש איך בין געווען ניט העכער;
אויף מײַנע טרערן קינדישע געשווומען איז צו דיר
מײַן בענקען —
פולע בעכערס;
אין חלום האָט מײַן שמייכל אויסגעפוצט זיך,
דיר אַנטקעגן,
אין כּלה־שלייערס,
מיט שיר־השירים אין די אויגן,
און כ׳האָב געשפּירט די פּעמי־משיח,
פון בין־הבתרים־ברית דעם ריח.

הײַנט —
ווער ווייס אין וועמעס זכות —
שטיי איך פאַר אַלע רעטעניש פון דײַן דויער,
פאַר דער געדעכעניש פון אורצײַט,
וואָס איז אין יעדן שטיין דײַנעם פאַרמויערט,
מיט אַ געבויגן האַרץ,
צעטרייבערטן פון פּלערליי עקדות,

און ס׳פּעלט אים אויס דער כּוח אויסצוזוכן טראָפּנס מוט
פון צוגעטיילטע, קאַרגע פריידן.
אַלע אברים מײַנע האָרכן דײַן של־מעלה־שווײַגן,
פון בלוט און נס,
און כ׳פּיל —
דער סוד פון מײַן צעגליטן בענקען איז עד־היום
אין דײַנע שטיינער אײַנגעטוליעט,
ווי אין אַ נעסט,
און תּהילים וואָס פאַרטײַעט זאָגן דײַנע טאָלן, דײַנע היגלען,
און אַלע פסוקים, וואָס האָלדזן דײַנע פעלדזן,
בלחש טרייסטן מיט די דורותדיקע ערי־מיקלט.
ווער איך אָן אויגנבליק, אַ קוים דערזעען פּינטעלע,
פון דער געזאָלבטער שעה וואָס איז מתפּלל,
און אַלע צוגן פײַן פון אויסקום מײַנעם טרעטן אָפּ,
בטחון פולע הויפּנס כ׳שעפּ בײַ דײַנע סקאַלעס,
ווי ס׳פּאַלט, צופוסנס זײַ, מײַן פײַערטרער אַראָפּ
מיט קדושה־ציטער אָנגעטליתט.

מודה אַני

אַלע טאָג שטיי איך אויף און איך זאָג מודה־אַני,
באַגינען, צום אייגענעם הימל מיט זון אין שוואַרצאַפּל.
ס׳חלומט אין שאָטן פון בוים מײַן פאַרטוויעטער גאַניק
און האָרכט — אין די תּכלת־קופּאָלן אַ שלווה זיך זאַמלט.

ער איז ניט אַלט נאָך מײַן גאַניק אין לאַנד פון די שבטים,
כאָטש איך טרעט שוין באַלד אויפן שוועל פונעם ווינטער,
ער האָט אינעם וואָגל פאַרהיט מײַנע טירן באַדראָטע
און האָט מײַן חלשות מיט טראָפּנס פון דויער געמינטערט.

איך זעץ זיך אַראָפּ. מיר פאַרפירן אַ שמועס אין שווײַגן,
מיר קערן באַהאַוונט די בלעטער פון אַלע ניט־טאָרנס,
וואָס האָבן געדאַרנט אין אונדזערע דאגות,
און ס׳ציײַטיקט אַ הימען זיך אויס צו דעם הײַנט במשרים.

אַ הימען צום אייגענעם באָדן, צי זאַמדיק, צי שטייניק,
צו קינדער וואָס טרינקען פון קוואַל ווי געערוט האָבן דורות,

צום ייִדישן ברויט, וואָס רײַפֿט אויס אין גליל און אין עמק,
צום שלום, וואָס איז פֿון ישׂראל דער שם־המפֿורש.

צו פֿיל

צו פֿיל האָט אויף דײַן קאַרק דער גורל אָנגעהויערט,
צו אָפֿט מיט יונגן בלוט געלאָשן שׂרפֿות,
דערפֿאַר — דײַן לײַב אַזוי פֿאַרשפּיצט צו גרענעצן אין לויער,
און וואַכקייט פֿון ראַדאַר אין דײַנע שלייפֿן.

צו טויב די וועלט איז דײַנע טענות צו דערהערן,
דײַן שלום־תּפֿילה אין דער שכנות פֿון קאָראַן.
אַז זינט געעפֿנט האָסט אַ טירל אין גדרה —
אין ברויט און וואַסער שפּיגלט זיך דאָס לאַנד.

אויך הײַנט, ווען קינד־און־קייט אין וווּנדער פֿון דײַן גבֿורה,
מײַדט אויס בראַוווּר און שיכּרות דײַן ניצחון;
ווײַל ניט קיין שׂינאה האָט באַפֿליגלט דיך אין שטורעם,
נאָר ליבשאַפֿט צו ישׂראל־סבֿאס דרכים.

גייט נאָך דער שאָטן דיר פֿון רייען אויסגעשיטערט,
דער זוד פֿון בלוט, וואָס שרײַט אַרויס פֿון דר׳ערד
ווײַל זיי דערלעבן איז געווען באַשערט...

אַזאַ דער שטערן אונטער וועלכן ביסט געבוירן,
און שוועריד מיט זאַנג — לאַנגאָניקע ירושה;
אויך דײַן צוואָה פֿאַר די ווײַטערדיקע דורות
איז — פֿײַן מיט ווײַן צו פֿאָרן בחבֿרותא.

נאָר דײַן קאַפּיטל אינעם האַרץ פֿון זײַן זכּרון
דײַן פֿאָלק פֿאַרשריבן האָט מיט קדושה־לידער;
ביסטו דער נס פֿון אייביק ברענענדיקן דאָרן,
אַ תּפֿילה וועסטו בלײַבן אין זײַן סידור.

יצחק בראַט

גוטע צײַטן

אוי, ווי די וועלט האָט זיך דאָס געענדערט — ממש נישט צו דערקענען! בלויז די ערד איז געבליבן די זעלבע. און זי, די דאָזיקע ערד, האָט אײַנגעשלונגען יענע גוטע צײַטן פון אַ מאָל. ווער קען איצט פאַרשטיין, ווי גוט דעם פשוטן בשׂר־ודם איז דעמאָלט געווען. אַ מענטש האָט געלעבט ווי אַ מענטש. זײַן בעסטער פרײַנד איז געווען דאָס אייזעלע, דאָס שעפּסעלע, דער קעמל. האָט עמעצער געדאַרפט אַ מאָל אויספירן אַ וואַזשנע שליחות, האָט ער אָנגעזאָטלט זײַן אייזעלע, איבערגעלייגט צוויי גרויסע טאָרבעס מיט פײַגן איבער זײַן רוקן — און הײַדאַ אין וועג אַרײַן.

נעמט, למשל, בלעם הרשע. מען האָט אים מאָביליזירט אויף שנעל צו שעלטן די ייִדן. נו, האָט ער זיך געאײַלט? ניין! פּאַוואָלינקע האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף זײַן אייזעלע און געפאָרן. ס'איז נישט געווען קיין „רמזור", נישט געווען קיין רויטע ליכט, קיין גרינע ליכט. ער האָט נישט געדאַרפט אומעטום זיך אָפּשטעלן. ער האָט זיך נישט דענערווירט. קיין שום אַנדער אייזל האָט אים נישט געפּרוווט אויסמײַדן, פאַרפאָרן, אַרײַנפאָרן. מען האָט צו אים נישט געשריגן „חמור!" דאָס אייזעלע האָט לאַנגזאַם געשטעלט די דראָבנע טריטלעך. בלעם האָט באַקוועם זיך געהאָצקעט, הנאה געהאַט פון דער פרישער לופט און אונטערגעברומט אַ לידל. און האָבנדיק אַזאַ גוטע שטימונג, ווי האָט ער געקענט שעלטן? איז טאַקע קיין חידוש נישט, וואָס אַנשטאָט שעלטן האָט ער גאָר געבענטשט די ייִדן. געוויס, ווײַל ער האָט געהאַט אויסגערוטע נערוון. ער איז געווען זיכער, אַז ער וועט צוריקקומען בשלום. הײַנט אָבער, אַז דו פאָרסט אַרויס אין אַן אויטאָ אויף אַ שפּאַציר, אָדער צו דער אַרבעט, ביסטו נישט זיכער, אַז דו וועסט זיך צוריקקערן אַ גאַנצער אַהיים. פאָרנדיק דאַכט זיך דיר,

אַז עפּעס אַ טיַיוול, אין געשטאַלט פון אַ ווילד־פאַרנדיקער מאַשין, וועט אַ ליאַדע מינוט דיר געבן אַזאַ „גלעט", אַז דו וועסט געמען פליִען גלײַך אין די אָרעמס פון דעם מלאך גבריאל.

אָט, אַ שטייגער, אַזאַ ייִד ווי משה רבנו, עליו־השלום — דער גרעסטער ייִד פון אַלע ציַיטן. נו, האָט ער זיך געיאָגט, געאיַילט, געפלויגן? ניין! דאָס שטיקל וועג פון מצרים ביז ארץ־ישראל האָט ביַי אים געדויערט גאַנצע פערציק יאָר. היַינט אָבער, אַז מען האָט געדאַרפט דורכגיין דעם זעלבן וועג — נאָר אין אַ פאַרקערטער ריכטונג — פון ארץ־ישראל ביז מצרים — האָט מען עס געמאַכט נישט מער ווי אין זעקס טעג. פאַר וואָס? ווײַל די ציַיט האָט זיך געענדערט. מען לויפט, מען יאָגט זיך.

ייִדן, ווו נעמט מען די אַמאָליקע יאָרן? מען האָט דאָך דעמאָלט געלעבט ממש ווי אין אַ גן־עדן! שטעלט אייַך פאָר: גאַנצע פערציק יאָר זענען מענטשן געזעסן אין רחבותדיקן מידבר און פאַסמאַקעוועט זיך מיטן מן. קיינעם פון זיי האָט נישט געדאַרט דער קאָפּ וועגן אַ דירה פאַר זיַינט וועגן. מען האָט נישט געהאַט צו טאָן מיט קבלנים, מיט אַרכיטעקטן, מיט בענק, מיט משכנתּאות געבונדן מיטן אינדעקס. אין דער סוכּה־דירה האָט מען נישט געדאַרפט אַריַינשטעלן קיין יוגאָסלאַוויש מעבל, קיין בראַזיליאַנישע סאָפעס, קיין שפּאַנישע אַנטיקן. אויף די ווענט זענען נישט געהאַנגען קיין אַבסטראַקטע בילדער. די סוכּה איז נישט געווען צעטיילט אויף אַ גרויסן סאַלאָן, אויף באַזונדערע שלאָפצימערן, קינדער־צימערן. נישט געווען דאָרט קיין גרויסע קיך, קיין באַזונדערער פּינת־אוכל. אין קיך האָבן זיך נישט געפונען קיין עלעקטרישע מכשירים, קיין מיקסערס. יעדער איינער פון די יוצאי־מצרים איז זיך רויִק געזעסן אין דער סוכּה. ביַי טאָג האָט ער אַרויסגעקוקט צום בלויען הימל און ביַי נאַכט — צו דער לבנה מיט די פינקלדיקע שטערן. און ווען אַזאַ ייִד האָט זיך אָוועקגעלייגט שלאָפן האָבן אים נישט געמאַטערט קיין חלומות. ער האָט געכראָפּעט מיט מתיקות. ווײַל וואָס פאַר אַ דאגות האָט ער געהאַט? ער האָט דען אונטערגעשריבן לאַנג־טערמיניקע אָדער קורץ־טערמיניקע וועקסעלעך? ער האָט אויסגעשטעלט טשעקן אָן דעקונג? זיַין וויַיב האָט פון אים געפאָדערט טיַיערע קליידער, אַ נסיעה קיין אויסלאַנד? אָן אייגענעם אויטאָ?

ווען אַ ייִד האָט דעמאָלט געדאַרפט חתונה מאַכן אַ זון אָדער אַ טאָכטער, האָט ער דעם יונגן פּאָרל געגעבן אַ מגרש אין מידבר. זיי האָבן אוועקגעשטעלט זייער סוכּה־שיכּון — און פאַרטיק. קעסט האָבן זיי באַקומען פון הימל. פאַר דער סוכּה האָט מען נישט געצאָלט קיין שטיַיערן אין דער עיריה. די רעגירונג האָט נישט געמאָנט קיין מס־רכוש. מען האָט נישט געצאָלט פאַר עלעקטריע, פאַר גאַז, פאַר וואַסער. ווען ס'האָט אַ מאָל יאָ אויסגעפעלט וואַסער, האָט משה רבנו געגעבן אַ קלאַפּ מיט זיַין שטעקן איבער אַ שטיין און ס'האָט געשטראָמט קוואַליק וואַסער — נאָר זיך צו קוויקן.

און מיינט איר, אַז משה רבנו האָט נישט געקענט שאַפן פאַר די ייִדן קיין ווילעס מיט וואַסער־באַסיינען? מיט איין שאָקל פון זײַן צויבערשטעקן האָט ער דאָס אַלץ געקאָנט מאַכן. אלא וואָס? קען זײַן, אַז ער האָט דאָס נישט געוואָלט טאָן, ווײַל ער האָט געוווּסט, אַז ווי נאָר די ייִדן וועלן זיך באַזעצן אויף סטאַביל אין מידבר, וועלן זיי נישט האָבן קיין חשק צו גיין ווײַטער, קיין כּנען. דעריבער טאַקע האָט ער אַרומגעפירט די ייִדן פון אָרט צו אָרט, אַזוי ווי אין פּסוק שטייט: ויסעו — ויחנו... ווי נאָר זיי זענען אָנגעקומען אויף איין פּלאַץ און האָבן נאָך נישט באַוויזן רעכט זיך אָפּצורוען, איז באַלד געקומען אַ באַפעל: געגאַנגען! מען האָט געשפּאַנט די אייזעלעך, אַרויפגעלייגט אויף זיי די קלומיקעס מיט די שטריק און מיט די פּלעקענער פון די סוכּות — און ווײַטער זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן.

זיי זענען געווען לײַכטע פּאַסאַזשירן, אונדזערע אורעלטערן. וואָס האָבן זיי דען געדאַרפט מיטשלעפּן מיט זיך? אַ גאַזאָוויון? אַ פרידזשידער? אַ קאָלירטן טעלעוויזאָר? אַ וואַשמאַשין? אַ טייפּ־רעקאָרדער? אַ ווידעאָ? אַ סטערעאָ? ניין! דאָס ביסעלע מעל און דאָס קאַפּיטשקע האָניק מיט די עטלעכע אייער האָבן קיין סך נישט געוווגן. די אייער און די מצות האָט מען געבאַקן אויפן גלײַענדיקן זאַמד און דעם האָניק האָט מען געלעקט. איז דער האָניק אויסגעגאַנגען — איז געווען מרור.

אָט אַזאַ לײַכט לעבן האָבן ייִדן געהאַט. מען האָט נישט געטראַכט פון קיין נײַע מאָדעס. אין משך פון גאַנצע 160 סעזאָנען האָבן פרויען געטראָגן די זעלבע קליידלעך, די זעלבע שיך, נישט געפאַרבט זיך די האָר. אַפילו נישט איבערגעטאָן קיין העמד — פּונקט ווי די הײַנטיקע היפּיס. און געוואַשן האָט מען זיך נאָר איין מאָל אין אַ שמיטה. פון דעסטוועגן זענען אַלע געווען געזונט — אײַזן־בעטאָן. איר וועט דען עֶרגעץ אין תּנ״ך געפינען, אַז עמעצער פון יענע ייִדן איז געשטאָרבן פון אַ האַרצאַטאַק אָדער געכאַפּט אַ לונגען־אָנצינדונג צוליב דעם, וואָס ער איז געשלאָפן אויף דער פײַכטער ערד? האָט עמעצער אַ מאָל געוווּסט וואָס ס׳איז אַזוינס אַ קאַנסער? אַן אולקוס? אַ רעוומאַטיזם? אַ מענטש האָט אַזוי לאַנג געלעבט, ביז ער האָט פאַרלוירן דעם חשבון וויפל ער איז אַלט.

שווער צו פאַרשטיין, ווי אַזוי זענען ייִדן דעמאָלט געווען אַזוי געזונט, ווען ס׳איז בכלל נישט געווען קיין קופּת־חולים, קיין שפּיטאָלן? אַפילו אַזאַ לעבנס־וויכטיקע זאַך ווי אַ מוהל איז אויך נישט געווען. ווען אַברהם אָבינו האָט באַשלאָסן צו ווערן אַ ייִד, האָט ער גענומען אַ מעסערל — מסתּמא אַזאַ מין שאַרף שטיקל שטיין — און ער האָט זיך אַליין מל געווען. ער איז נישט געגאַנגען צו קיין רבנים, דיינים, רעליגיעזע עסקנים. זיי האָבן אים נישט געהייסן קומען אין אַ יאָר, צוויי, דרײַ יאָר אַרום. ווי נאָר ער האָט מיטן שטיינדל זיך געגעבן אַ כיק — איז ער שוין געווען אַ פולנער ייִד. קיין מאָל האָט ער דערפון נישט געליטן. מען האָט אים נישט פאַרגעוואָרפן אַז ער איז אַ זשיד, אַ יעוורעי, אַ פאַשיסט, אַ ציוניסט, אַן אימפּעריאַליסט, און געווען איז ער געזונט —

אויף אונדז אַלע געזאָגט געוואָרן. אַ פאַקט: צו הונדערט יאָר האָט ער נאָך געפּראַוועט אַ ברית. אַדרבא, זאָלן די הײַנטיקע חכמים באַווײַזן אַזאַ קונץ!

און אַ דאַנק וואָס, מיינט איר, האָט אונדזער טאַטע אַברהם, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן, דערלעבט אַזאַ עלטער? ווײַל ער האָט זיך נישט געאײַלט. ווען דער איבערשטער האָט צו אים געזאָגט: אַברהמל, נעם דײַן בנאָק און פיר אים צו דער עקדה — האָט ער, דער טאַטע, נישט באַקומען קיין האַרצקלאַפּעניש, קיין היוכן בלוטדרוק. ער האָט נישט פּראָטעסטירט, נישט גענומען אײַנטענהן צום רבונו־של־עולם: „סטײַטש! היתּכן? קוים דערלעבט אויף דער עלטער אַ שטיקל קדיש, ווילסטו אים גאָר בײַ מיר אַוועקנעמען? ס'איז אַ ביטערער רחמנות אויף שׂרהן. זי וועט עס דאָך נישט אויסהאַלטן!"

אַברהם אָבינו האָט אַוודאי געליטן, אָבער ער האָט געשוויגן. אַז מען הייסט, מסתּמא דאַרף אַזוי זײַן. ער איז אויפגעשטאַנען פאַר טאָג, אײַנגעשפּאַנט דאָס אייזעלע, אָנגעהאַקט דריבנע העלצלעך, צוגעבונדן צום אייזעלעס רוקן, — אַלץ פּאַוואָלינקע, נישט געכאַפּט זיך. דערנאָך האָט ער אויפגעוועקט דעם זון און געזאָגט: „איציקל, שטיי אויף! מיר פאָרן אויף אַ פּיקניק אויפן מוריה־באַרג". דער זון האָט נישט געשטעלט קיין פראַגע: „מה פּתאום?" נישט געזאָגט: „לא רוצה". ער האָט אויסגעריבן די פאַרשלאָפענע אויגן און געגאַנגען אַהין וווּ דער טאַטע האָט אים געפירט. ער האָט געוווּסט: אַ טאַטן דאַרף מען פאָלגן. דרך־ארץ!

און דער אַמאָליקער יונגער דור? — דאָס מיידל איז געווען אַ מיידל און דער בחור — אַ בחור. מען האָט זיך נישט אַרומגעשלעפּט יאָרן לאַנג פאַר דער חתונה. ווען ס'איז געקומען די ריכטיקע צײַט האָט מען חתונה געהאַט. מען האָט נישט געפּראַוועט קיין האָניק־חודש. אַ פּרוי האָט געטראַכט וועגן מן פון הימל אָבער נישט פון אַ פרעמדן מאַן. מען איז נישט געזעסן ביז שפּעט אין דער נאַכט און געשפּילט אין קאָרטן. ווען ס'איז געקומען אַ באַפעל אַריבערצופאָרן אין אַן אַנדער מקום האָט מען נישט געדאַרפט קיין וויזעס, מען האָט נישט געצאָלט קיין נסיעות־שטײַערן. קיינער האָט נישט מורא געהאַט, אַז מען וועט אים אונטערלייגן אַ באָמבע אונטער זײַן אייזעלע אָדער מ'וועט אים פאַרכאַפּן. בײַ קיינעם האָט מען נישט געמאַכט קיין רעוויזיעס. אין מס־הכנסה האָט מען קיינעם נישט געפרעגט פון וואַנען ער האָט גענומען די שטאָבעס גאָלד. משה רבנו און אהרון הכהן האָבן נישט געהאַט צו טאָן מיט שטרײַקן, מיט הסתּדרות. ייִדן זענען געזעסן אין די מעברות גאַנצע פערציק יאָר און האָבן קיין מאָל זיך נישט באַקלאָגט, אַז די אַשכּנזים האָבן פאַרכאַפּט די מאַכט און מען דיסקרימינירט די ספרדישע משפּחות מיט אַ סך קינדער. נישט געווען קיין דעמאָנסטראַציעס פון „שוואַרצע פּאַנטערן". מען האָט נישט אויסגעהאַקט די פענצטער פון די סוכּות.

ס'איז געווען חי־געלעבט! יענע ייִדן האָבן געקענט זיך באַגיין אָן אויטאָס, אָן טעאַטערס, אָן קינאָס, אָן דיסקאָטעקן. אפילו אָן אַ נאַכטלאָקאַל. און האָט

מען אין יריחו געפונען איינע, אַ רחב־הזונה, האָט זי גאָר אויסגעפירט אַ גרויסע פּאַטריאָטישע שליחות — אויסגעבאַהאַלטן אונדזערע מענטשן בײַ זיך אין שטוב. אַ דאַנק אירע אינפאָרמאַציעס האָט מען געבלאָזן מיט די שופרות און די מויערן פון יריחו זענען אײַנגעפאַלן.

איר וועט דאָך אוודאי טענהן: וואָס האָבן די מענטשן דעמאָלט פאַרשטאַנען? וועל איך אײַך זאָגן, אַז זיי זענען געווען קליגער פון אונדז. והראיה: די תורה. דער אייבערשטער האָט זיך מיט איר אַרומגעטראָגן איבער דער גאַנצער וועלט, צווישן אַלע פעלקער, און קיינער האָט זי נישט געוואָלט נעמען. אָבער ווי נאָר ער האָט די דאָזיקע „סחורה" פאַרגעלייגט די ייִדן, האָבן זיי זי געכאַפּט מיט ביידע הענט. אײַ, איר וועט זאָגן, אַז הײַנט כאַפּט מען אויך? איז די פראַגע: וואָס? זעט איר דאָך: מיליאָנען מענטשן האָבן געכאַפּט די תורה פון לענין און סטאַלין, נו, פאַרשעלטן זיי זיך נישט דאָס געביין?

אדרבה, זאָגט: וואָס האָט מען הײַנט באַנײַט? אַלץ איז שוין געווען מיט טויזנטער יאָרן צוריק. אין די צײַטן פון משה רבנו זענען שוין געווען פאַרטייען. מען האָט זיך דעמאָלט אויך אַרומגעקריגט. עס זענען געווען גבירים, רײַך ווי קורח, און אַ צווייטע שיכט, האַלצהעקערס און וואַסער־טרעגערס. דער אמת איז, אַז אפילו אַן אָפּאָזיציע האָט משה רבנו געהאַט — די „קרחיסטן". נו, וואָס האָט ער געטאָן ווען זיי האָבן אָנגעהויבן מאַכן צרות? מיינט איר, אַז ער האָט געפּראָוועט נײַע וואַלן? דורכגעפירט פּלעביסציטן? ניין! ער האָט רויק אויפגעהויבן זײַן שטעקן, פּאַוואָלינקע געגעבן מיט אים אַ שאָקל הין און צוריק, די ערד האָט אַן עפן געטאָן איר מויל, געגעבן אַ שלונג אײַן קרחן מיט זײַן עדה און פּטור אַן עסק. אַלץ איז געמאַכט געוואָרן שטיל, רויק, אויף אַ דעמאָקראַטישן אופן.

שטײַערן, ווי געזאָגט, זענען נישט געווען. אָבער קאַמפּיינען — יאָ. אַז מ'האָט געדאַרפט מאַכן דעם משכן אָדער, להבדיל, דעם עגל, דאָס גאָלדענע קאַלב, האָט מען דורכגעפירט אַ מגבית און מענטשן האָבן געגעבן גאָלדשטיקער, אויערריינגלעך, פינגערלעך. און אַזוי האַלטן ייִדן אין איין געבן ביזן הײַנטיקן טאָג.

פאַראַן אַ יש אומרים, אַז די ייִדן זענען געזעסן אין מידבר אַזאַ לאַנגע צײַט, ווײַל ערשט נאָך פערציק יאָר האָבן זיי געמעגט אַרײַנפירן פרײַ, אָן צאָל, זייערע פאַרמעגנס קיין ארץ־ישׂראל. אין דעם גלייב איך נישט. איך מיין, אַז אין משך פון דער גאַנצער צײַט האָט מען צווישן זיך געפירט דיסקוסיעס צי מען זאָל יאָ אַרויסגיין פון סיני, צי נישט. ייִדן האָבן געוואָלט וויסן וווהין זיי גייען. וואָלט דעמאָלט געווען אַ סוכנות, אַ קליטה־מיניסטעריום, אַ הסתדרות, וואָלטן די געקומענע שליחים געגעבן דעם עולם צו פאַרשטיין, וואָס מען דאַרף מיטנעמען קיין ארץ־ישׂראל — און וואָס נישט. זיי וואָלטן דערציילט, אַז אין לאַנד, וואָס גאָט האָט זיי צוגעזאָגט, גיסט זיך מילך און האָניק, אַלץ איז דאָ, מען דאַרף נאָר קומען און זיך באַזעצן אין די צוגעגרייטע שיכונים.

איז דאָך אָבער דאָס אַלץ נישט געווען. און אַנשטאָט צו גיין פון פענצטערל צו פענצטערל און פון פקיד צו פקיד, איז מען זיך רויִק געזעסן אין די ביידלעך — און געוואַרט. און ווען ס'איז אַריבער די שטיקל צײַט, כ'מיין די פערציק יאָר, זענען זיי געקומען און זיך באַזעצט אין לאַנד.

מ'ווייסט שוין, אַז דעמאָלט זענען אויך נישט געווען קיין מושבים, קיבוצים, „מקורות", „סולל בונה" און נאָך אַזעלכע זאַכן. מען האָט נישט געמאַכט קיין קורסן, נישט געשאַפן קיין אולפּנים, נישט געפאָדערט קיין געשוואָלענע בודזשעטן. פון דעסטוועגן האָבן אַלע געהאַט אַרבעט. ס'איז געווען אַזאַ פּראָספּעריטי, אַז יעדער איינער איז זיך געלעגן אונטער זײַן ווײַנשטאָק אָדער אונטער זײַן פײַגנבוים און זיך געקילט אין זייער שאָטן.

און די עליה — ווי איז זי דעמאָלט צוגעגאַנגען? הלוואַי אויף די הײַנטיקע צײַטן געזאָגט געוואָרן. אַז רות האָט באַשלאָסן עולה צו זײַן פון מואב אין הייליקן לאַנד אַרײַן, האָט זי אײַנגעפּאַקט דאָס קלומיקל און געקומען צוזאַמען מיט איר שוויגער נעמי אינעם לאַנד פון יהודה. ווי נאָר זי האָט אָפּגעזאָגט דעם פּסוק: „דײַן פאָלק איז מײַן פאָלק — און דײַן גאָט איז מײַן גאָט" — איז זי שוין געווען אַ ייִדישקע. דאָס איז געווען דער גיור. און שוין האָט דער מושבניק בועז אַרײַנגענומען זי צו זיך אין שײַער אַרײַן. האָט מען דען דעמאָלט געשיקט צוויי רבנים קיין מואב, צו קאָנטראָלירן צי דער גיור איז געווען לויט דער הלכה? ניין!

מיר ווייסן: מלחמות זענען אַ מאָל אויך געווען. מען האָט זיך געשלאָגן, אָפּגעהאַקט קעפּ, אָבער דערנאָך האָט מען שלום געמאַכט. ס'א'יז נישט געווען קיין אונ"אָ, קיין זיכערהייטס־ראַט, די גרויסמאַכטן האָבן זיך נישט אַרײַנגעמישט — און מ'איז יאַקאַש אַדורכגעקומען.

נו, פרעג איך אײַך: ווען איז געווען בעסער: אַ מאָל, אין דער „אַלטער וועלט", אָדער הײַנט, אין דער „נײַער וועלט"? און אויב מיר טענהן, אַז מיר זענען קליגער, טאָ וואָס זשע, מישטיינס געזאָגט, האָבן מיר מיט אונדזער חכמה אויפגעטאָן?



משה גורין

צווילינגשטאָט

פאַר פרידאַ און פײַוול סעגאַל

פאַרצווילינגט קומסטו אויף אין מיר — ירושלים:
ווי דער וואָלקן און דער רעגן־בויגן,
ווי דער דונער און דער בליץ,
ווי די אַנטווישונג און דער ווונדער.
כ׳באַנעץ מײַנע ליפּן מיט דײַן נאָמען,
קריך אַרײַן אין יעדן שפּאַלט פון דײַן אָטעם
און ס׳עכאָט אָפּ ממעמקים אַ זיפץ
אַן אָפּגעטובלטער און רופט זיך אָפּ:
דליטע, דליטע...
קען אַ פּשוטער בשׂר־ודם פאַרנעמען
צוויי ירושלימס?

איך האָב דיך געזען אין מײַן ערשטער פאַרליבטקייט
ירושלים דליטע — ווילנע בלעז.
אַז ווויל איז צו מיר וואָס אין יענע ייִנגלשע יאָרן
האָב איך געקענט אָפּשפּאָרן צו דער עלטער
אַזוי פיל געהאַקטע צרות,
וואָס זינגען זיך אויס פון אַלע זײַטן
פּירקאַנטיק ווי בײַם דאַווענען.

נאָר וואָס ?
אין זייער זכות בין איך שוין
אַוודאי פּטור פון גיהנום.

בחינם, בחינם, אַלץ איז בחינם
און ניט נאָר אויף די ראַגאַטקעס.
האַלץ אָנצוּוואַרעמען דעם ווינטער גיט דער וואַלד,
אַניט מוזן אַ פּאָר וויאַזקעס אַרונטערפאַלן פונעם שליטן.
אַניט איז דאָ אַ שכן וואָס גיט
אַ האַלבן בוים וואָס טרייסלט אויף דעם אויוון.
ווײַל ווי קען מען ריידן בײַ אַ קאַלטן אויוון ?
— מעשׂיות האָבן ליב וואַרעמקייט,
ווערטער האָבן ליב אויפצוגיין ווי חלה־טייג.
פון אַ פאַרפרוירן האַרץ קענסטו אַפילו
קיין שטיקל אָכץ ניט אָפּברעכן
בײַם אָפּפאַסטן אַ תענית.

פאַרצווײַלינגט קומסטו אויף אין מיר — ירושלים :
די חורבה פון ר׳ יהודה החסיד
און די חרובע קלויז פון הגר״א,
הר־הזיתים וואָס פלאַטערט
אַנטקעגן דעם שער הרחמים
און פאַנאַר...
כ׳טו אויס מײַנע ליפּן,
קוש אויס דעם אַש
און אײַער צעצונדענער יאָד
צעבײַסט מײַנע אויגן אין חלום.

ירושלים, הרים סביב לה,
אויף דאָרטן בערג פאַרפלאָכטענע ווי חסידים
פון פאַרובאַנעק ביז די בערג שישקינער.
אין מײַנע שלייפן קלאַפּסטו אויס דײַן נאָמען
ירושלים, ירושלים, אַזוי אַן אויפהער
און ס׳רופט זיך אָפּ אַ בת־קול —
ד׳ליטע, ד׳ליטע.
קען אַ פּשוטער בשׂר־ודם פאַרנעמען
צוויי ירושלימס ?

איך האָב דיך געזען דורך די שויבן פון ספּעקטעס:
פרילינגדיק־גרין, באַלאָדן מיט שפע.
פאַר וועמען?
פאַר די וואָס האָבן געגעסן און ניט באַצאָלט
פאַרן עסן. פון וואַנעט זשע זאָל מען באַצאָלן?
פאַרשריַיבט מען די חובות אין ביכער.
סאַראַ גערעטעניש אויף ביכער —
מען עסט און מען צאָלט ניט.
די לופט איז פול מיט ניגונים,
ס׳געזאַנג איז דער לוין, איז דער ענטפער.

איך האָב דיך, ווילנע, געזען
אין טעג פון פּאָגראָמען, נאָך ערגער —
אין וויסטן געיעג פון די הענקער,
און פאַרצוקט איז געוואָרן מיַין טרוימער,
מיַין בענקער.

פאַרצווילינגט קומסטו אויף אין מיר — ירושלים:
ווי אַ סיאַמישער צווילינג —
ירושלים ד׳ישׂראל און ירושלים ד׳ליטע.
ביַי דיר זענען אָפן די הימלען
פאַרן דאַרטיקן וויי
נאָך דער שחיטה.

ירושלים של מלכות, ירושלים פון לעבן;
דיַינע געגאָסענע דעבער אָטעמען ווי מיַין הויט —
אַריַינגעוואַקסענע אין טיפקייט פון דורי־דורות,
דיַינע געגאָסענע דעבער אָטעמען ווי מיַין הויט —
ווען כ׳שטיי אַן איַינגעטונקטער אינעם כּותל.

איך שריַי אין די טונקעלע היילן פון שילוח —
או־הו טונקעלע היילן פון עבר,
כ׳שייל אָפּ דעם אָנגעטריפטן חלב פון דער צײַט
און קלעטער צו די אויפגעפּראַלטע הימלען,
פון דאָרטן שיטן זיך אַרונטער צנחנים
און אין געשאַט זאָגן זיי שירה,
קריצן אויס אין דער לופטן דעם מיזמור קנ״א...
ביז כ׳וועל זיך אַליין מקנא.

יד־אבשלום און מגדל־דוד זענען מײַנע
סימני הקריאה. כ׳דערהויב זיי
צו די אויגן פון דער גוישער וועלט.
זעט און שטוינט, קוקט און פאַרשטייט ניט —
מיר לעבן אין פאָנאַר מיט די טויטע
און ציִען אויס דעם „אחד״
ביז פון לעצטן שטיין וועט ווערן מעל,
אין דיר, ירושלים דישׂראל.

יולי 1968

אָרט וועט קלעקן

און אָרט וועט קלעקן פאַר אונדז אַלעמען,
צעלייג זיך אין דער לענג און אין דער ברייט.
אַ לאַנד אַזאַ — אַפילו אַ שאָטן גיט זיך אַ צעשטראַלעווע
און הונדערט מאָל צעבליצט זיך בייט נאָך בייט.

אָרט וועט קלעקן פאַר אונדז אַלעמען
און לאָמיר ווייניקער זיך יאָגן נאָכן אָרט.
און אויב עס איז פאַראַן אַ זאַך וואָס זאָלסט ניט זשאַלעווען,
איז דאָס — אַ גוט, אַ פּראָסט, אַן איינפאַך וואָרט.

חלוצים

חלוצים ווײַסן אויס דעם הויכן הימל,
באַנעצן מיט חלום שטיין און ערד,
זיי לאָזן אויפגיין די בייטן אין דלאָניעס
און לאָפּשן אײַן מיט אָפענע אויגן
צופוסנס פון די בערג.

ס׳ברענען פעלדער,
די תּבואה פלאַקערט,
ס׳קנאַלן קוילן און די טיר איז אָפן.
זייער שרעק איז אויבנאָניק, ניט פאַראַקערט.
וועט מען פרישע פעלדער אויסבאַקן
פון זשוויר און שטיין ?

די גלידער זאָגן: לויט דער מידקייט איז שוין שפּעט,
די לידער זאָגן: פּיס אין קאַראַהאָדן!
חלוצים פאַרלאָזן אײַנגעפונדעוועטן גלות
אַרויסצונעמען זשאַר פון מידבר־באָדן.

זיי פאַרפלאַנצן אינעם שאָטן
אַ דור וואָס וועט אַריבערוואַקסן שטעט,
אַ דור וואָס זײַנע הענט זענען ווי קאָרע
און אין די אויגן ברענט דער סנה.

אַזוי זענען געגאַנגען יאָרן.
דער דאָרן האָט צעבליט זיך אין אַ בוים
און ברויט האָט מען געגעסן
אין ברויז פון צער און צאָרן,
און ס׳פלאַקערט אַלץ נאָך זייער טרוים...

סטרומאַ

אויפן שוואַרצן ים גייט אַ ווײַסע שיף,
קומט די גרינע ערד און פאַרנייגט זיך טיף.

ווערט דער ים פאַרכאַפּט פון דער גרינער פּראַכט,
ווערט די שיף אַ בלום אין דער בלויער נאַכט.

ס׳איז קיינער אויפן שיף פון לאַנג ניטאָ, ניטאָ.
פאַרטונקלט בלײַבט דער סוד,
באַזעצט מיט זאַלץ דער דנאָ...

אויפן שוואַרצן ים גייט אַ ווײַסע שיף,
פאַרנייגט זי זיך אַליין און פאַרזינקט זיך טיף.

דוד גלילי־גלאַצער

אַ באַגער

וועז יענע שעה וועט קומען — זי וועט קומען —
וואָלט איך וועלן מיט מײַן לעצטן ריר
גלעטן דײַנע ציטערדיקע בלומען,
וואָס וואַקסן, לאַנד־מײַן־לאַנד, בײַ דיר.

ווען מײַן נשמה וועט פאַרגיין אין נעפּל —
וואָלט איך וועלן מיט מײַן לעצטן בליק
זען אין די אָוונט־פענצטער גאָלדן־עפּל
פון ליכט, וואָס שײַנט פון ייִדיש גליק.

אויף דער שוועל

ווען כ'האָב פון וואָר און חלום זיך אויפגעוועקט —
האָב איך מיט אַ מאָל דערזען מײַן גאַנץ פאַרמעגן:
פונעם שטערן ביז די שיך בין איך געווען באַדעקט
מיט שטויב פון פרעמדע וועגן.

אין ווײַטער ווײַטעניש געווען איז הייס און קאַלט,
אין וועג נישט איין מאָל איך האָב וועלף באַגעגנט.
און עס האָט פאַרטונקלט מײַן געשטאַלט
דער שטויב פון פרעמדע וועגן.

נאָר געוועזן פאַרעקשנט איז מײַן האַרץ
און מיך געפירט מײַן אַלטער היים אַנטקעגן —
און אויף דער שוועל פון מײַן באַגערטן לאַנד
כ׳האָב אויסגעטאָן דעם שטויב פון פרעמדע וועגן.

***

איך שטיי בײַ מײַן וועג מיטן אָוונט צוזאַמען —
און ס׳נידערט דער טוי אויפן גראָז.
כ׳פאַל צו צו מײַן ערד — צו דער שויס פון מײַן מאַמען —
און ס׳וויינט זיך — איך ווייס נישט פאַר וואָס.

און קושן איך וויל יעדן בוים, יעדן שטיין —
כ׳האָב אויסגעבענקט טעג אָן אַ שיעור...
דו קאָנסט, אַ לאַנד מײַנס, אָן מיר זיך באַגיין —
נאָר וואָס וועל א י ך טאָן אָן דיר?

אַהיים

דער אַלטער „הערמעס״,
אַ מידער פונעם וועג,
שלאָגט צו צום ברעג.
דאָס האַרץ צאַפּלט און נאָגט.
ס׳טאָגט.
ווײַסע הײַזער מיט אויגן צעעפנטע פון פענצטער
לאָזן זיך באַרג־אַראָפּ מיר אַנטקעגן —
זיי ווילן מיך עפּעס פרעגן.
איך דערזע מײַן מאַמע —
די זון.
זי פאַרריכט אויף איר קאָפּ די שאַל פון באַגינען
און גלעט צו די האָר פון שטראַלן.
זי פרעגט מיך מיט טרערן:
— זון מײַנער,
דײַן אַלטע מאַמע
און דײַן היים דײַן אַלטע
איז פרעמדע ווײַסטעגישן קאַלטע

נאָך צוויי טויזנט יאָר דו האָסט גישט פאַרגעסן ?
— ניין, מאַמע.
און צוזאַמען
מיר לאָזן זיך איבער בלויע גאַסן
אַהיים.

צו מײַן לאַנד

עס זענען מיר ליב דײַנע שטאָלענע וועגן
און דײַנע צעשמייכלטע שטעט.
ס׳גאַנצע לעבן בין איך דיר געגאַנגען אַנטקעגן —
און אפשר געקומען כ׳בין שפּעט ?

ווען דו האָסט געוואַרט אויף מײַן בלוט און מײַן שווייס —
געווען איז מײַן טאָג אין דער פרעמד אַזוי טריב...
איך האָב דיך ליב געהאַט תּמיד — איך ווייס —
איך וויל נאָר זאָלסט מיך האָבן ליב.



יחיאל גראַנאַטשטיין

אויף פאַרנאַכטיקע וועגן

(דערציילונג)

זײַנע פּיס האָבן זיך אַזוי געהוידעט, אַז פון דער ווײַטנס האָט מען געקאָנט מיינען, אַז נישט איינער, נאָר צוויי מענטשן שלעפּן זייערע צעקרומטע גופים.

ער איז געגאַנגען אַקעגן דעם אָנקום פון דער נאַכט. ס'האָט אויסגעזען, אַז צוזאַמען מיט אים, צוזאַמען מיטן גאָלד־פאַרשלייערטן פאַרנאַכט, שלײַכן מיט די ביימער בײַ די זײַטן וועג, די פּוסטע הײַזקעס וואָס שטעקן אין די בערגלעכער, ווי מצבות נאָך פאַרשטאָרבענע יאָרהונדערטער, און אין וועלכע עס שפּאַרן זיך אַרײַן אָן אַ שיעור גאָלדצויטן, לעצטע פאַרנאַכט־מינוטן, כּדי דאָרט איבער־צונעכטיקן, אַדורכשלאָפן אַ נאַכט ביזן אויפשטיין פון ס'נײַ.

עס האָט זיך פאַרגלוסט אים צו חכמהנען זיך אויף זײַן אייגענעם חשבון, געזאָגט צו זיך, אַז די רויט־צעפלאַמטע בערגשפּיצן, די אַראָפּהענגענדיקע פון זיי ליכטשטראַלן, דאָס אַלץ וואַרט מיטן לעשן זיך אויף זײַן דורכמאַרש כּדי אָפּצוגעבן אים כּבוד — אים, דעם מלחמה־גיבור מיטן קינסטלעכן פוס, מיט דער אַלומיניום־האַנט, און איינציקן אויג וואָס איז אים פאַרבליבן צו זען וואָס ס'איז פון אים געוואָרן.

ער האָט געוווּסט אַז זײַן גאַנג דאַרף דויערן, אַז ס'דאַרף נעמען שעהען ביז ער וועט אָנקומען דאָרט אַהין ווו ער האָט פון לאַנג שוין געקליבן זיך גיין. דאָס גיין איז אים נישט אָנגעקומען לײַכט, אָבער דווקא דער קינסטלעכער פוס זײַנער האָט אים אונטערגעטריבן, געשטופּט פאָרויס.

✶

אַ פאַרוווּנדעטער, אין שפּיטאָל, איז לעבן אים, אין שכנותדיקן בעט, געלעגן אַ יונגער זעלנער, אויך אַ געבראַכטער פון דאָרט, פון סועץ. אַ זעלנער — אַ

קינד. אַ נישט דערברענטער גוף. דאָס לײַלעך וואָס האָט אים צוגעדעקט האָט געבלאַנקט פון ווײַסקייט, און ער, דער פאַרווונדעטער, איז געווען טונקלהויטיק, שטאַרק טונקל, נאָענט צו שוואַרץ. שוואַרץ און ווײַס. ווײַס און שוואַרץ. דיקע באַנדאַזשן האָבן באַדעקט די הוילקייט פון זײַנעביידע אויגן וואָס זענען אַרײַנגערונען אין סועץ.

איין מאָל, אין אַ סוף טאָג, האָט ער אַריבערגערעדט צום יונגן שכן, געשלאָסן קאָנטשאַפט, אויסגעפרעגט זיך פּרטים וועגן אים, וועגן דורכגעמאַכטע שלאַכטן. אויף איין וועגס האָט ער אים אַ פרעג געטאָן, וואָס ער מורמלט אַזוי יעדן פאַרנאַכט אין קישן אַרײַן. — „צו וועמען רעדסטו, וואָס פאַרלאַנגסטו ?"

דער יונגיטשקער שכן האָט אומגעקערט זיך צו אים מיטן האַלב־פאַרשטעלטן פּנים, און מיטן פולן מויל אָפּגעענטפערט :

— כ'דאַוון מינחה, יעדן פאַרנאַכט.

זײַן ענטפער האָט אים צעטומלט. ער'ט אַ קער געטאָן זײַן האַלבן גוף, עלעהיי ער וואָלט נישט געפונען פאַר אים גענוג פלאַץ אין זײַן ברייטן בעט. „געהערט אַ מעשׂה ? צוויי פינצטערע אויגנלעכער, אַ האַלב־פאַרברענטער גוף, און ער דאַוונט... גיט אַ לויב צו גאָט פאַר אַלע זײַנע חסדים, נו ? נישט אַראָפּ פון זינען ?"

אַליין האָט ער נאָך דעמאָלט אויסגעטראָגן שטאַרקע ווייטיקן פון זײַן צעשניטענעם גוף, און אין מאָמענט ווען דאָס יונגע זעלנערל האָט אים אַזוי אָפּגעענטפערט, האָט אים גאָר פאַרגלוסט זיך צו לאַכן פונעם גיבור מיט די אויסגעסמאַליעטע אויגן וואָס דאַוונט יעדן טאָג איידער עס ווערט פינצטער. איין בעט איז געשטאַנען לעבן צווייטן. איין טאָג היגטערן אַנדערן. יעדער טאָג האָט געהאַט זײַן פאַרנאַכט, און דעמאָלט האָט יחיא אומגעקערט זיך צו אים מיט דער פלייצע און געדאַוונט. געציילט די ווערטער. זיי אויסגעזונגען, ווי ס'וואָלט אים גאָר גוט געווען אויפן האַרצן...

נאָר ס'איז געשען, אַז יעדן טאָג, ווי נאָר עס האָבן גענומען זיך דערנענטערן די שקיעה־מינוטן, זון האָט אָנגעהויבן צעברעקלען אַ ביסל גאָלדפּעדעם אויפן פאַראַפּעט פון שפּיטאָל־פענצטער, לעבן זײַן בעט, האָט ער געוואָלט שוין הערן דאָס שטילע געשעפּטש פון יחיאן, זײַן מעלאָדיש מינחה־דאַוונען צום באַשעפער אין הימל...

✶

אַצינד גייט ער אים באַזוכן אין שפּיטאָל. ער איז זיכער, אַז ער געפינט זיך נאָך דאָרט. אַ האַלב־פאַרסמאַליעטער גוף, אָן אויגן, קומט נישט אַזוי שנעל אַרויס פון דאָרט. אַ לאַנגע געשיכטע. ער וואָלט אים שטאַרק געוואָלט זען. וויסן ווי עס האַלט מיט אים, וואָס ס'איז געלונגען די דאָקטוירים אויפצוטאָן בײַ אַזאַ שווער פאַרווונדעטן. ער ווייסט נישט פאַר וואָס, אָבער עס ציט אים צו אים. מען איז דאָך אַזוי לאַנג געלעגן איינער לעבן אַנדערן.

דאָס דויערנדיקע גיין האָט אים מיד געמאַכט. דערזען אַ בוים לעבן דער סטעזשקע מיט וועלכער ער איז געגאַנגען, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַנגעשפּאַרט זיך אין אים, און דערנאָך פּאָרזיכטיק אַראָפּגערוטשט זיך צו דער ערד צו, אויפגעבונדן די פּראָטעזן פון דער האַנט און פוס, אַוועקגעלייגט זיי לעבן זיך און פרײַער אָפּגעאָטעמט.

אַ לײַכט ווינטל האָט געטריקנט דעם שווייס וואָס איז געווען אָנגעזאַמלט אויפן פּנים, און פּאָר איין וועגס שוין אויך געהוידלט מיט דעם לויז אַראָפּהענגענדיקן אַרבל פון זײַן ווײַס העמד, געטריבן אים אַהין און אַהער, אויף און אָפּ, ווי ס׳וואָלט געווען אַ שטיקל וועש אויפגעהאַנגען אויף אַ טשוואָק צום טריקענען. די אויסגעלייגטע אָרום אים מעטאַלענע פּראָטעזטיילן האָבן אויסגעזען ווי כּלי־זין וואָס וואַרטן אַז דער מידער פּראַנטזעלנער זאָל ענדיקן זײַן אָפּרו און אַוועקלאָזן זיך מיט זיי אין אַ גורלדיקער שלאַכט.

זון האָט נאָך מער אַראָפּגענידערט. די פליכעוואָטע בערגשפּיצן, בײַ וועמעס צופוסנס ער האָט אַצינד זיך געשלעפּט, האָבן אויסגעזען ווי זיי וואָלטן אַרויפגעצויגן אויף זיך טונקעלע הוטן, צי אַזעלכע גרויסע קאַפּלען, אפשר אויך, ווי די פרומע, כּדי צו דאַווענען מינחה, זייער אָוונטיק געבעט. ווער ווייסט? — האָט ער געטראַכט — ווער ווייסט ווער אַלץ עס לויבט גאָט פּאַר עקזיסטענץ, פּאַר דאָזײַן, פּאַר קוילן וואָס טרעפן נאָר איין אויג, אין האַנט און פוס און לאָזן איבער פּאַרן לעבן־געבליבענעם אַנדערע גופטיילן? ווער ווייסט?

נאַכט האָט זיך צוגעשאַרט צו אים מיט שטילע, זײַדענע טריט, אײַנגעהילט אים ווי אין אַ ווייכער דעק. ער האָט מורא געקראָגן, אַז פון מידקייט וועט ער אײַנשלאָפן לעבן בוים. „כ׳בין נישט אַרויס אין וועג אַרײַן כּדי אין ערגעץ נישט אָנצוקומען", האָט ער כּמעט ווי אַ הויכן ברום געטאָן אין אַהייב נאַכט אַרײַן. אָבער שטאָט אַ שטעל טאָן זיך אויפן אײַנציקן פוס, אַרויפציִען אויף זיך די פּראָטעזן און לאָזן זיך אין וועג אַרײַן, האָט ער נאָך מער געשפּאַרט זיך מיט דער פּלייצע צום בוימגוף.

...די גורלדיקע שלאַכט בײַם סועץ־ברעג. ווי אַזוי האָט זי זיך אָנגעהויבן? פון וועלכער זײַט איז געקומען דער ערשטער פײַער־האָגל? אין טאַנק, אין וועלכן ער איז געזעסן, איז פלוצלינג געוואָרן מוראדיק הייס, ווי ער וואָלט געלעגן אין אַ ברענענדיקן אויוון. ניין, קיין סך פּרטים געדענקט ער נישט. זענען נישט געבליבן אין זכּרון. מיטן פײַער אַוועקגעקומען. ווייסט אַפילו נישט ווען און ווי אַזוי ער איז אָנגעקומען אין שפּיטאָל. בלויז איין זאַך געדענקט ער, אַז נאָכן איבערוועקן זיך פון דער אָפּעראַציע וואָס האָט געדויערט — מ׳האָט אים אַזוי דערציילט — אַ טאָג מיט אַ נאַכט, מיט איבעררײַסן, איז ער נישט געווען אַזוי דערשלאָגן. געפילט זיך עפּעס אַזוי לײַכט, אַזוי גרינג, עלעהיי עס וואָלט אַלץ וואָס איז בײַ אים נאָכגעהאַנגען און אָפּגענומען געוואָרן, טאַקע געווען איבעריק, נישט נייטיק אין גאַנצן, אַ משא אַזאַ וואָס ס׳איז גלײַכער, אַז ער איז פון דעם פּטור געוואָרן...

ער האָט פון דעסט וועגן זיך צוזאַמענגענומען, אָנגעטאָן האַנט און פוס, ווי מען טוט אָן אייבערמלבושים פאַרן אַרויסלאָזן זיך אין וועג.

✶

טונקעלע נאַכט האָט פאַרשלונגען זײַנע טריט, ביז זי אַליין איז מיד געוואָרן און געבליבן הינטערשטעליק, צוריקגעצויגן זיך, געלאָזט אים אַליין אין וועג. מיט דער ערשטער ליכט איז ער אָנגעקומען אין שפּיטאָל.

עטלעכע קראַנקן־שוועסטער האָבן אים באַמערקט אַרײַנמאַרשירן אין שפּי־טאָלהויף, האָבן אים דערקענט, זענען גלײַך צו אים צו און דערשטוינטע אַ פרעג געטאָן:

— וואָס איז געשען, עופר? פון וואַנעט זיך דערנומען אַהער, פאַרטאָגס?

— אָן אויסגעטראָטענער וועג — האָט ער האַלב אין שמייכל, האַלב ערנסט אָפּגעענטפערט — פאַר אַלע זעלנערס אין שלאַכטן — און נאָך אַ רגע האָט ער צוגעגעבן — ניין, ניין, שרעקט זיך נישט. ס'האָט גאָרנישט פּאַסירט מיט מיר, בלויז געוואָלט זען יחיאַן, דער פון צווייטן בעט לעבן מיר, דאָס „זעלנערל" אָן די אויגן.

— אַה, יחיא, דער פרומער תימנער? אַ שיינע מעשׂה! שוין פון לאַנג אין דער היים!

— אַפילו שוין חתונה געהאַט — האָט איינע אַ שוועסטער צוגעגעבן אין געלעכטער — יאָ, אָן אויגן, און חתונה געהאַט...

✶

פון די אָפענע שפּיטאָל־פענצטער זענען צו אים דערגאַנגען שנײַדיקע קרעכצן פון שווער קראַנקע. ער האָט עס נישט געקאָנט פאַרטראָגן, און דערפאַר צוגעשלעפּט זיך אַ מידער, אַ דערשלאָגענער צוליב דער אַנטוישונג פון נישט טרעפן יחיאַן אין שפּיטאָל, צום גרויסן גאָרטן פול מיט אייקאַליפּט־ביימער און בלומענבייטן, אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ באַנק און אַוועקגעלייגט דעם פוס־פּראָטעז אויף דער צווייטער קני. פון די שטאַרק געדיכטע צווייגן אַראָפּ האָט צו אים זיך דערטראָגן אַ פייגל־צוויטשערײַ, אוודאי גאָר וואָס איבערגעוועקטע. אין דמיון האָט ער פאַרגליכן דאָס צוויטשערײַ פון די פייגל צו יחיאס מעלאָדיש געברום ווען ער האָט געדאַוונט זײַן מינחה.

„האָבן אויך יעדן אין דער פרי יחיאס ליפּן געשעפּטשעט אַ תּפילה, ווי די פייגל? וואָסערע ווערטער זענען דאָס געווען? וואָסערע ווערטער?"

ניין, ער האָט נישט געקאָנט זיך דערמאָנען. קאָן זײַן אַז ער אַליין פלעגט נאָך דעמאָלט, אין די גאָר פריִע שעהען, שלאָפן זײַן שלאָף. קאָן זײַן. אַזוי זיצנדיק אויף דער באַנק האָט ער אַ בליק געטאָן איבער זיך און דערזען אַז

די זון שטייט שוין גענוג הויך, אַז ס׳איז שוין גרויסער טאָג, האָט ער זיך צונויפגענומען און געלאָזט זיך צוריק מיטן וועג מיט וועלכן ער איז געקומען.

„איך וועל אים אָפּגעפינען, האָט ער זיך געטרייסט. פאַר יעדן פּרײַז וועל איך אים אויפזוכן... כ׳וויל זען זײַן שמייכל אויפן פּנים וואָס לייגט זיך בײַ מיר קיין מאָל נישט אויס. עס ציט מיך צו אים, ווײַל שטענדיק, ליגנדיק לעבן אים, האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז צוליב דעם וואָס זײַנע אויגנלעכער קאָנען נישט אויסטרערן זיך, נישט אויסוויינען זיך, זינגט ער אַזוי אויס זײַן מינחה־דאַוונען אין די פאַרנאַכטן. כ׳האָב עס ליב געהאַט צו הערן, כ׳האָב דעמאָלט געפילט, אַז זײַן דאַוונען באַזאַפּטיקט מײַן האַלב־איבערגעבליבענעם גוף״.

בינם העלער

מאַמע רחל

אַ יונגער זעלנער לעבן מיר אין אויטאָ.
ער דרעמלט, אַ צעקנייטשטע איז זײַן בלוזע.
די אויגן זײַנע — פֿול מיט שטויב און רויטע,
און אָנגעשפּאַרט זײַן האַנט איז אויפֿן „עוזי".

מיר פֿאָרן ביידע צו דער מאַמע רחל.
יאָרטויזנטער בײַ מיר שוין אַלט דער טרויער איז,
און ער — אין טעג האָט ער אַדורכגעבראָכן
דעם וועג, וואָס האָט בײַ מיר געדויערט דורות.

און אָנגעקומען — זאָגן מיר די תּפֿילה
און הייבן אָן דערמאָנען זיך צוזאַמען,
ווי זי זעט אויס, אַ שיינע און אַ שטילע —
אַז זי איז ענלעך צו אַ יעדנס מאַמען.

מיר שטייען אין אַן איבערהיפּ פֿון יאָרן,
און רחלס חן ווערט אויסגעמישט מיט פּחד.
פֿון יונגן זעלנער איז אַ קינד געוואָרן,
און איך דערזע פּאַר זיך מײַן מאַמע יאַכעט —

אַ יונגע נאָר, די אויגן פול מיט טרערן,
און איבער זיי — די צניעותדיקע ברעמען.
און דורך איר מויל איך הייב אָן צו דערהערן
פון אַלע אומגעקומענע — די נעמען.

1967

כותל־מערבי ביי נאַכט

אַ נאַכט — אַ חלום, און איך מוז אים גלייבן.
פון דער לבנהס קאַלטן ליכט איצט גלי איך.
איך גיי אַדורך דעם טויער פון די לייבן
און זוך די אַלטע שפורן פון משיח.

עס קרעכצן אונטער מיינע טריט די שטיינער,
און באַלד אַנטפּלעקט זיך מיר דער פּלאַץ — אַ פּוסטער,
און בלויז אַ מנין אייביקע באַוויינער,
וואָס רופן צו אַ וויינט אָן אומבאַוווּסטער.

דער מנין ייִדן מיט די בערד און פּיאות
איז איינגעהילט אין שוואַרצן און אין בלייכן,
זיי שרייען, און די וואַנט פול מיט געשריי איז,
נאָר צו דער טרייסט זיי קענען נישט דערגרייכן.

בלויז איינער, אין אַ זייט, שטייט אָן אַ תּנועה,
דאָס פּנים צו דעם הימל אויפגעהויבן.
ער הערט זיך איין אין זייער תּפילה־טוען
און שטיל ער בעט אַ טייל פון זייער גלויבן.

דער מנין ייִדן ענדיקט שוין די תּפילה,
דער לעצטער „אָמן" טוט אַ הילך בציבור.
אַ גאָלדענע לבנה און אַ פולע
באַקריינט דעם איינציקן, וואָס בלייבט דאָרט איבער.

צו דין איז נאָך דער שיכט

צו דין איז נאָך פון פרוכפּערערד דער שיכט,
און אונטער אים — בלויז עבר ליגט באַהאַלטן.
געגנוג איז פון אַ שאַרפן בליץ דאָס ליכט —
דער באָדן זאָל זיך עפענען און שפּאַלטן.

פון שטיינער צעקאַליעטשעט ווערט דער טראָט,
און האָרב איז נאָך די שפּראַך פון די נביאים,
און אייפערזיכטיק איז נאָך אונדזער גאָט —
דער מידבר־דאָרן גיט נאָך פון זײַן גלי אים.

צו ווייניק רו און בלומען אין די שטעט,
און אויף די פעלדער — נאָך צו ווייניק שלווה.
אַ פרעמדער בליק פון יענער זײַט דערזעט —
און שיקט זײַן שׂינאה מיט אַ פײַער־סאַלווע.

די פרוכט פון גאָרטן איז נאָך ווייניק זיס,
דער וואַלד אין די געבערג איז נאָך צו שיטער,
און פון דעם שונאס בלוט, וואָס איך פאַרגיס —
דאָס האָרץ ווערט טרוקן, און פון פײַנטשאַפט — ביטער.

צו ווייניק מילדע ליבשאַפט אינעם בליק,
צו ווייניק נאָך באַוואונדער אינעם אָטעם,
צו ווייניק גרייט בין איך נאָך פאַר דעם גליק
אַליין צו זײַן בײַם אומקער פון די שבטים.

און אין דעם לאַנד איז נאָך צו ווייניק גרוים
פאַר ווערטער אײַנגעהאַלטענע און שטילע,
און מיר, דעם איינצלנעם, זיי סטײַען קוים
אויף ליד און תּפילה.

צעבליטע אַפּעלסינען

דער ריח פון צעבליטע אַפּעלסינען —
מען קען פון אים אַראָפּגיין פונעם זינען.
ער פאַלט אָן אויף דער שטאָט פון אַלע סעדער —

נישטאָ פאַר אים קיין אַפּהאַלט און קיין גדר.
ער דרינגט אַרײַן אין רווישנדיקן צענטער
און מיט זײַן זיסן סם די לופט פאַרברענט ער.
ער קלעטערט איבער שטאָקן, איבער דעכער —
פון אַלע ריחות איז ער איצטער העכער.
ער זאַפּט אַרײַן אין לײַב, אין די בגדים,
ער ווערגט בײַם האַלדז, אַז עס פאַרכאַפּט דעם אָטעם,
ער נעמט אַדורך די שטיינער און אַספאַלטן —
נישטאָ קיין ווינקל ווו זיך צו באַהאַלטן.
אין ווײַטסטן צימער וועט ער דיך געפינען —
דער ריח פון צעבליטע אַפּעלסינען.

אויפֿן הר־מירון

מײַן עבר, ווי דער באַרג, געווען איז האַרט —
זיי האָבן ביידע שטומערהייט געוואַרט
אויף דער באַגעגעניש, ווען אומגעריכט
אַ נײַער וועג וועט עפענען דאָס ליכט.
מײַן חלום איז געווען פון זײַן געשטאַלט,
איך האָב געפילט זײַן יעדן איינעם פאַלד,
וואָס האָט זיך אײַנגעגראָבן ווי אַ שניט
פון דורותדיקער בענקשאַפט — אין געמיט.

יאָ, איך געדענק נאָך יענע ווינטערנאַכט,
ווען ס'האָט דער אַלטער טאַטע אויפגעוואַכט
אויף אויסצויאָמערן זײַן חצות־געוויין —
צום שווײַגן פון עקשנותדיקן שטיין.
ערשט ווען עס האָט אַ שפּראָץ געטאָן אויף טאָג,
דערהערט האָט ער אין ירמיהוס קלאָג
דאָס שטילע שעפּטשען פון אַ ווײַטער טרייסט —
און ס'האָבן אים די טרערן אויסגעלייזט.

דעם מירון־באַרג פאַרטרוי איך איצט דעם סוד:
אין זכות פון טאַטן שטעל איך דאָ מײַן טראָט
אויף אָט דעם וועג, וואָס פירט מיך צו דײַן הייך —
און ביז צום ווײַסן וואָלקן איך דערגרייך.
איך שטײַג מיט טויזנט־יאָריקן געדולד,

נאָר מיט דער שווערער משׂא פֿון מײַן שולד,
און אָנגעזאָפּט מיט ווייטיק, ווי אַ שוואָם
איך שטעל זיך צו דעם מישפּט פֿון דײַן תּהום.

אַזוי פֿיל זון

אַזוי פֿיל זון אין לאַנד, אַזוי פֿיל זון.
אַ האַרבסט — כּמעט אַן וועלקנדיקע בלעטער.
נאָר איך בין דער, וואָס ווייסט נאָך נישט דערפֿון,
און יעדן טאָג איך דאַרף אַן אַנדער וועטער.

וואָס וויל איך דאָ, וואָס וויל איך מיט מײַן ליד ?
נאָך מער — וואָס וויל איך איצטער מיט מײַן שווײַגן ?
דער ווינט, וואָס קומט פֿון מידבר אָנגעגליט,
וועט זיך נישט לאָזן שפּאַנען אין די צווײַגן.

און דאָס פֿאַרשײַטע לאַכנדיקע ליכט
דער ווינטער וועט נישט קאָנען לאַנג פֿאַרדעקן.
דער דונער וועט אַ קלאַפּ טאָן אומגעריכט
און בלויז די ברוינע טויבן איבערשרעקן.

און ווען די וואָדי ווערן וועט פֿאַרפֿולט —
קיין רעגן וועט זיך מער שוין נישט באַמיִען.
די ערד דאָ האָט דערצו נישט קיין געדולד —
גענוג אַ טראָפּן — און זי הייבט אָן בליִען.

נאָכן רעגן

איך גיי אַרום אַ נאָר וואָס אויפֿגעוועקטער,
וואָס יעדע זאַך צום צווייטן מאָל אַנטדעקט ער.

דער רעגן אָפּגעוואַשן האָט דיביימער —
זיי זעען אויס איצט אַנדערש און געהיימער.

און נײַגעריקער זענען אויך די גראָזן —
דער ווינט האָט זיי צו שטאַרק שוין אָפּגעבלאָזן.

די ערד אַליין איז שווערער איצט און פֿײַכטער.
נאָר גיין אויף איר איז מיר געוואָרן לײַכטער.

אַט באַלד, און פון די הייסע אײַנגעווײדן
אַ פּאָרע טאָן עס וועלן מײַנע פרײדן.
און מעגלעך אויך — צוזאַמען מיט די זאָרגן,
פון יאָרן און פון טריקעניש דערוואָרגן.

דאָס יונגעביימל

פּאַר הדסה

דאָס יונגע ביימל,
וואָס דו האָסט פאַרפלאַנצט,
רוף איך מיט דײַן נאָמען.
נאָר זײַ נישט בייז,
אויב איך בין היימיש
מיט אַלטע ביימער,
וואָס האָבן געלעבט דאָ
נאָך איידער איך בין געקומען.
די פייגל,
וואָס זינגען אויף זייערע צווײַגן,
האָבן נעמען פון תנך
און קאָלירן — פון גן־עדן.
זייער ליד האָט נאָך נישט צעטײַעט
דאָס אײַז אויף מײַן האַרץ.
נאָר אין שטילן פאַרנאַכט
שפּרינגען זיי
אויפן יונגן ביימל,
און אין זייער געפּילדער
דערהער איך דעם קלאַנג פון דײַן נאָמען.

דאָס נײַע מאָל פּרילינג

דער קנאָספּ שרײַט שוין ווידער.
ער שרײַט
פון ליבע און ווייטיק.

דאָס נײַע מאָל פֿרילינג באַטײַט:
ווי דאָס לעבן נייטיק.

דער רעגן האָט געוואַשן די ערד,
דער רעגן.
די שפּיציקע קעפּלעך פֿון גראָז
פֿרעגן
נײַגעריק און גרין:
פֿאַר וואָס?
און וווּהין?

די זון און די שטערן
זאָגן ליגן
לויטן קאַלענדאַר.
איך וועל זיי נישט שטערן.
די וועלט ווערט ייִנגער.
מיך דראָט די געפֿאַר
ווידער
צו ווערן אַ זינגער.

■

די נײַע גאַסן וואָלט איך אָנגערופֿן
מיט נעמען פֿון די אַלע יונגע דיכטער,
וואָס תּיכּף נאָך די סאַמע ערשטע פּרוּוון
פֿאַרשניטן האָט אַ טויט אַן אומגעריכטער.

פֿאַראַן בײַ מיר אַ פּאָלקע אויף דער שאַפֿע
מיט דינע ביכלעך פֿון די ערשטע לידער,
און דאָרט פֿאַרזאַמלט איז דאָס גאַנצע שאַפֿן
פֿון די פּאָעטן — מײַנע יונגע ברידער.

און יעדעס ביכל גרינג איז ווי אַ שאָטן,
נאָר ווי איך נעם און מיש דערין די בלעטער,
דערפֿיל איך ווי עס וואָלט געווען געלאָדן
מיט נישט דערלעבטע ליבשאַפֿטן פֿון שפּעטער.

די שורות זענען נאָך נישט קיין געניטע,
די לײַדנשאַפטן — נאָך נישט קיין באַהערשטע,
און דאָך, מײַן האַרץ שטעלט אָפּ זיך לוויטן ריטעם
פון אַט די לידער — איינציקע און ערשטע.

■

אַ דאַנק דיר, גאָט, פאַר נאָך אַ שיינעם זומער,
אַ דאַנק דיר פאַר דעם בוים אין פולן גרין.
און כאָטש מע זאָגט, אַז איך בין נישט קיין פרומער —
אין יעדן ליד מײַנס נאָר צו דיר איך דין.

אַ דאַנק דיר, גאָט, פאַר נאָך אַ זומער שפּעטער,
פאַר יעדער זײַן געזעגענונג — אַ דאַנק.
אויך הײַיאָר וועט ער זײַן דער גוטער רעטער
פון גאָר דער לעצטער פרייד — פון מײַן געזאַנג.

אַ דאַנק דיר, גאָט, איך קען דיך נישט בײַם נאָמען,
און כאָטש איך שטיי פאַר דיר נישט אויף די קני,
בין איך דיר אונטערטעניק ווי דער זאָמען,
וואָס ווייסט, אַז ער פאַרשווינדט צוליב דעם בלי.

מ. וואַלדמאַן

גאַנג אַרויף צו ירושלים

א

פון דעם ערשטן אַלף אין רבינס אַלטן סידור,
אין פריִען אָנהייב, יאָר נאָך יאָר,
אויף דײַנע טרעפּ איך בין געשטיגן —
מײַן חלומדיקע, בלויע וואָר.

אויף אַלע נע־ונדן מײַנע —
דורך קאַלטן צפון־וואַלד דעם ווײַסן,
דורך וויסטן דרום־מדבר הייסן —
געגאַנגען כ׳בין צו דײַנע הייכן.
וואָר, מײַן ליכטיקע וואָר,
וואָס איך זע ערשט אין רײַפקייט
פון מײַנע פרי פאַרגרויטע האָר.

ווער האָט מיך הײַנט געבריינגט אַהער,
שטאָט פון מײַן טאַטנס חלום,
פון מײַן זיידנס ליכטיקער בענטשונג —
ווען אַ קינד קוים פון יאָרן פיר,
איך האָב געהערט די בראשיתדיקע ברכה
אויף דער שוועל פון זײַן אָפענער טיר.

ב

הײַנט איז מײַן עליה צו דיר
נישט מיט פאַרשטויבטע באָרוועסע פיס,
ווי ס'איז דער זקן פון תּימן געגאַנגען —
פול מיט שירה, מיט תּפילה און לויב.

מײַנע שיך האָבן אַפילו נישט דעם שטויב
פון יענע צעריסענע, שטייניקע וועגן,
ווו די געבליבענע בלוט־טראָפּנס
בלײַען אויף אין ווינטיקע נעכט.

ג

מײַן ספרדישער טאָכטערס אַ שטאַמברודער,
פון די אַטלאַס־בערג געקומען אַהער,
ער פירט מיך אויף אַ געפלאַסטערטן וועג —
וואָס געפירט האָט דײַנע זין צו נצחון.

גריסן מיך די בערג פון יהודה
מיט זוניק־העלן געזאַנג,
שטאָט דו ליכטיקע — ירושלים של זהב.

מײַן שכן, פון די אַטלאַס־בערג געקומען אַהער,
זינגט אויף דאָס צעצויגן פאַרבענקטע ליד,
אין וועלכן כ'הער דעם ניגון פון זײַנע זיידעס.

און אפשר גאָר, אפשר איז פאַרקערט? —
דאָס געזאַנג פון דעם יונגן בן־זקן
מאַכט עס זינגען די ליכטיקע בערג,
וואָס צעצאַפּלן דעם קלאַפּ פון מײַן הארץ
מיט דער בענקשאַפט פון פאַרוואָגלטע פרינצן
וואָס האָבן געזוכט זייער פאַרלוירענע היים.

ד

שוועסטער, וואָס קומסט מיר אַקעגן
מיט זוניקן גלי אויף די ליפּן,
מיט גאָלדענעם ברי אין די האָר —
ברענג מיר וואַסער צו וואַשן די פיס,
אַ געלײַטערטער צו טרעטן אויף די שטיינער

פון דײַן היים — מײַן טאַטנס חלום,
וואָס ער האָט אַרײַנגעחלומט אין מיר.

ה

טאַטע מײַנער, יונגער טאַטע,
פאַרגאַנגען אין רויכן —
איך נעם דיך מיט אויף מײַן גאַנג,
איבער די אויפגעאַקערטע רחבותן,
אונטער אַ תּחלתדיקן הימל,
צו וועלכן האָסט געדאַוונט יעדן טאָג —
מיט בענקשאַפט פון יום־טוב צו יום־טוב —
לשנה הבאה בירושלים.

מאַמע מײַנע, מאַמע ליכטיקע,
שטענדיק בענקענדיק — אין שווערע עולן,
מיט לידער צעזונגען — אין שטילע פאַרנאַכטן
פון „יאַנקעלעס וויגעלע"
און „ראָזשינקעס מיט מאַנדלען" —
פון בעלמנאַ איך רוף דיך,
קום איבער מיר — טו אַ שוועב,
באַגלייט איצט דײַן זון,
ווען ער קומט נאָענט צו דער אַלטער מויער
וואָס האָט געשטראַלט אומעטום —
אויף זײַן וועלט דער גרויער.

ו

שוין גריסן מיך די הײַזער פון ד'ער ווײַטנס;
שוין זוניקן אַקעגן די ביימער
מיט גרינסן פון פרוכטיקן בלי —
וואָס גיט שאָטן דעם אוראייניקל מײַן זיידנס —
געבוירן אין דײַנע מויערן — ירושלים.

קום איך הײַנט צו דײַנע הייכן,
געוואַשן אין מײַנע צערן —
שטאָט פון מײַן טאַטנס חלום,
שטאָט פון מײַן זיידנס בענטשונג.

ירושלים, אויגוסט תשל"ה

שלמה וואַרזאַגער



דאָ גייט אויף די זון

דאָ גייט אויף די זון.
גרויס
און קלאָר
ווי דײַן נויטוועגדיקייט.

דאָ גייסט דו אויף:
ווונדיק־וווּנדערלעך־לעגענדיק
אין שאָטן פון אַ בוים
אַ וואַקסנדיקן, גיפטיקן.
דאָ גייסט דו אויף:
אַ בינטל האָפענונג,
אַ פינטל בלוי,
אַ צווײַגל
אויף די ליפּן
פון אַ ים קריצנדיקע ציין — —

כהרף־עין
גייט אויף די זון דאָ:
אַ חלום איבער בערג־אומקום,
אין די שויבן — גאָלד.
קום, לאָמיר אויפקלויבן

די שטויבן
ליכט.
לאָמיר נישט פאַרשפּעטיקן דעם אויפגאַנג.

זיי זענען געלאָפן און געברענט

זיי זענען געלאָפן און געברענט.
ברענענדיק געלאָפן קעגן װענט
פון צעגליטן אײַזן און פון שטאָל,
און פון קאַלטער שׂינאה.
אין טאָל
צופוסנס פון הר־סיני
איז אויפגעגאַן אַ ליכטיקער געשפּריי:
צעפלאַמטע אויגן
און לוחות צוויי.
און אַלע „לאַוון".
פײַל פון בויגן,
געטראָפענע פון פּלישתּימס קוילן־רעגן
מיטגעלאָפן זענען און געברענט,
ברענענדיק געלאָפן
מיט אײַך, מיט אײַך אויף אַלע מידבר־װעגן
צו די אין־סופן...
...און דער מידבר אין זײַן שיינקייט
געטלעכער,
העראָישער,
פאַרגליװערטער —
איז געשלאָפן.
און איר װאַכט,
געדײַעט אין זכּרון פון אַן אומה:
אַז װײַל איז איר מיט אַזעלכע זין.
אַ לעגענדע װעט דור־אײַן דור־אויס
זיך װעבן,
אַן אייביקייט:
זי װעט אײַך אַלע אַרבן.
נאָר די, װאָס נערן זיך מיט ליבשאַפט
צום לעבן,
קענען אַזוי שטאַרבן.

ירושלים

שלום, שלום ירושלים.
דו אייביקע,
גלייביקע,
וואָרע.

פון פעלדער, הויכקייטן און טאָלן
אַרום הר־הבית
ווידער גייט אויף צו מײַן ראיה
דײַן חסד און דײַן חידוש;
ווער האָט לשון?
ווער קאָן מאָלן?

אויסגעגאַנגען ס׳חיות איז מײַן זיידן
נאָך אַזאַ עליה.
געקומען בלויז זײַן שטויב איז.
שטויבן פון אַ חלום;
אַ באָרד אַ בלויע,
אַלטע ברילן איבער געלן סידור,
זיבן אותיות אין אַן אויסטערלישער חידה —
ירושלים.

אין דער שעה דער אָפענער
גרויס, ווי דער נס פון דײַן באַפרײַען:
ווײַט
און ברייט
אַריבער דעם נײַן און צוואַנציקסטן נאָוועמבער —
שטיי איך אַ באַנײַטער לעבן דיר
געטליכט אין בלוי, וואָס איבער הר־הצופים
מתפלל כ׳בין צום נס
פון צוויי אלפים.

אין דער שעה דער אָפענער
פאַר מלחמה, פאַר שלום,
ווונדיק־וווּנדערלעך, לעגענדיק,
אַ גאַנצע
גייסט אַרויס פון חלום.

מיט לוחות גראַניטענע,
בלענדיק
גייט אַקעגן דיר דער סיני.
און איך פון נס געטראָפן,
ווי פון אַ בליץ,
גיי שווער נישט אַראָפּ פון זינען:

— לאָמיר גאַנץ זײַן ווי דו.
— לאָמיר גרויס זײַן ווי די שעה.
— די שעה, די גרויסע, נישט פאַרשלאָפן.

עולים

איך קוק אויף די שיפן און קאָן נישט באַנעמען,
צי גייט אויף דאָ אַ חלום צו ברעמען,
צי שיפלט פון אויג דעם פריידיק־צעשיינטן
אַ טרער זיך אויף „על נהרות" נישט־דערוויינטן.

די וואָר — דער שענסטער נס פון די נסים
מאַכט בולט די זװנג, דעם חלום פאַרגעסן.
אַ לאַך פון אַ קינד. אַ זקנישער קאָפּ איבער באָרטן
טראָגט בליציק מיך איבער צום „דאָרטן".

ברידער
אָרעמע, מידע,
פאַרהונגערט אין גלויבן,
זאַט מיט מרידה.

איך קוק אויף די שיפן און זע
די גרויס פון דער רגע און אייגענע
קליינקייט אין ים פון געשען
און איך שטרעק
מײַנע הענט
צום ברעג
פון אַלצײַטיקע שטראָמען.
קלײַב אײַך
אַזוי ווי איר גייט מיט געפּעק —

פּערל
נאָך אויסגוס פון ימישע תהומען.
און איך צי מײַנע הענט צום ליכט פון שווימענדיקן טאָג —
אויף פאַר די, וואָס דאַרפן ערשט קומען.

נתן אַלבאַז *

ווי נאָענט, אייגן איז דײַן לעבן מיר געוואָרן
נאָכן טויט —
ווײַטער ברודער מײַנער פון מאַראָקאָ.

גאַנץ, מאָנומענטאַל אויסגעוואַקסן ביסטו
נאָך דײַן צעשטיקלונג —
יונגער ברודער מײַנער פון מאַראָקאָ.

ווויל און ווײ איז צו וואַרעמען בײַם פלאַם
פון דײַן תמים־האַרץ, פון ליבשאַפט אַ צעריסנס,
מײַנע פינגער
קאַלטע,
ווי די גלײַכגילט אַרום דײַן גרויסן טויט.

אַ שטראַל דײַן אייביק לעבן איז
אין פינצטערער פאַרגעסעניש פון צײַט.
דײַן בלוט, בענקשאַפט נאָך שלום,
קאַכט אויף דאָס שווײַגן.

ווער האָט עס דײַנע צוואַנציק פרילינגס
אַנגעקאַרמעט מיט אַזוי פיל לעבן
אַזוי צו קענען שטאַרבן ?

...קומט, ווערטער מײַנע, חיילים.
לאָמיר בייגן די קעפּ פאַרן פרישן בערגל :
זיך אַנצינדן מיט יאָרן פון זײַן נישט געלעבטן לעבן
און אויפרײַסן דעם חלום
פון אַ גלויבן.

---

* דער חייל נתן אַלבאַז, 21 יאָר אַלט, פון מאַראָקאָ, האָט אויפגעריסן זיך אַליין מיט אַ גראַנאַט, כּדי צו ראַטעווען דערמיט זײַנע חברים.
(פון דער פּרעסע)

פריד ווײַנינגער



גליל — אין גאָרטן פון דער גימל

געקומען איז מײַן עלטער־זיידע ז"ל
קבלה לערנען אין גליל, און שטאַרבן.
איך האָב געלאָזט דאָס גאָלד
אין ניו־יאָרקס גאַסן...
געבענקט האָט זיך, מײַן גורל זאָל
געפינען אַ געלעגער
און שעפּן דאָ בײַם קוואַל,
אַ בעכער פול מיט גינגאָלדפאַרבן.

מײַן עלטער־זיידע ז"ל
האָט אין די סודות פון גימטריא
געפונען זײַנע אוצרות און זײַן גליק.
איך דאַנק דעם גוטן הימל —
דעם ליבן בליק
אין בלויען אויבן...
וואָס אין מײַן גובר זײַן
דעם גרויל פון גרויסשטאָט...
און גלות...
די געצן־דינערײַ פון גאָלד
און איר געווימל...
דאָ אינעם גאָרטן פון גליל
בין איך אַ רינגל אין

דער קייט דער גאָלדענער...
צו מאָל מיט גנאָד,
צו מאָל אויך מיט אַ טראָפּן גאַל.

דאָ הייב איך ווידער אָן צו גלייבן
ווי גוט עס איז צו זײַן
אין גאָרטן פון דער הימל...
און זוכה זײַן
צו זען דעם גילגול פון אַ שטיין,
וואָס ווערט אַ גרעזל —
וואָס ווערט אַ בלימל.

ט"ו בשבט אין דאָרף

ווי אַ העל־בלויִ האַלבע „ה"
פליט דער הימל איבער מיר
וווּ איך שטיי און גיי.
און די צווייטע העלפט זי הוידעט
ערגעץ וווּ זיך אין העט־העט...
הוידעט זיך פאַרסודעט.
נעם איך אין דער האַנט דעם בלײַער
און פאַרצייכן עס אַזוי:
אַזאַ העלער טאָג אויף פעלדער
אינעם הימלבלויען דאָרף.

וווּ זשע איז די צווייטע העלפט
פון דער האַלבער הימל־„ה"?
יאָג איך זיך נאָך יענעם ענטפער
און ווער מיט אַ מאָל געוווּיר...
אַז אין לאַנד פון סאַמע ייִדן
גייט עס תמיד אויף קאַפּויר,
סימן האָט איר אַז אין עמק
וווּ איך שטיי און וווּ איך גיי,
האָבן קווייטן וואָס דער פראָסט מאָלט
זיך פאַרוואַנדלט איינס און צוויי —

ס'איז דאָ נאָר וואָס אויסגעפאַלן
אויפן פעלד אַ גרינער שניי.

ט"ו בשבת, תש"מ

שפרה ווערבער

אַ רעגן אין תּמוז

א

די זון דעמפּט אויס איר בלוט
אין פֿײַערדיקן גלוט.

בײַ שלײַכנדיקע טריט
פֿענטן זיך מיד
פֿאַרחלשטע שאָטנס...
מען שטיקט זיך אַליין
מיט אייגענע אָטעמס.

אומזיסט דאָס געבעט
פֿון גלײַיקע שטיינער.
עדות —
דער שטויביקער גראָ
פֿון דערנער בײַ וועגן,
און דורשטיקע וואָדיס —
אַז ביז צום געבורט פֿונעם יורה
איז די ערד קיין מאָל
ניט זוכה

צו קילער באַפּײַכטונג
פון רעגן.

ב

קאָן זײַן, אַ תּפילה
פון שטיינער אַפילו
זאָל רירן אַ וואָלקן
אַ שטומען,
וואָס רוט איבער זומער
באַהאַלטן
הינטער ווײַס־צעפרייעטן הימל,
אַז ער, פון רחמים צענומען,
זאָל זיך פּלוצעם
צעוויינען.

און זע —
צום שטוינען!
רעגן־טראָפּנס דריבנע
פרישנען
אין סאַמע תּמוז,
און צווישן זיי —
פּאַסמעס געלבלעך ליכט.

און אַלץ וואָס ביז איצט
אין פאַרשמאַכטן דומם,
צאַפּלט
אין די רוימען.

צום איילבערטבוים

דו איילבערטבוים,
איך שטיי נשתּומם
פאַר דײַן דויער,
דו — אין ערד פאַרקנאָדערט
מיט דינעם וואָרצל־אָדער,
מיט אויסגעקרימטן גוף

און געדיכטן בלעטערקאָפּ,
האָסטו גענערט מיט דײַנע פּירות
מײַנע עלטער־זיידעס
און ביסט געווען אַן עדות
פון וויפל נידערן אַראָפּ
צו בראשיתן אויף ס׳נײַ.

דו, יונג און אַלט,
און תּמיד טרײַ
פּרוכפּערדיק צו אַרבן —
דורות ווערסטו ווײַזן,
ווי ניט צו שטאַרבן.

אויף די בערג פון יהודה

יונגע סאָסנעס,
אויסגעסטרויעטע
אויף אַראָפּהאַנג
פון בערג,
פֿאַרנייען
מיט נאָדלען גרינע
די טעג,
וואָס פֿאַרגייען
אַהינטער
פֿאַרשקיעהטן
נידער —
צו זוניקן
ווידער
אויף באַרגיקע
הייכן.
— —

אַזוי מעת־לעתיקן
מעת־לעתן
אין געעכפּל.

און צווישן זיי אַלע

אין מיטן פון שטויבן־געהויב,
אין זאַלפּיקן פײַער,
ווען נאָך צאַפּלט
עמוד־הענן אין בראַנד
פון עמוד־האש —
אַלמעכטיק, מיט פעלדזיקן גוף,
ציטערט אויף
מיט געבאָטיקן קול
פון אַ מאָל
דער באַרג דער סיני׳ער.

ער שטייט אַקעגן דעם פײַער,
אין ליכט פון העלישע פונקען,
רונד־אַרומיק באַפּאַנצערט
מיט גראָען פליגל־געשפּרייט
פון אָדלערס די יונגע —
און צווישן זיי אַלע
ביסטו אויך פאַראַנען.

נאָר פון וואַנען אַזאַ מין פאַרוואַנדל,
פון וואַנען?
אין דײַן בליק דער גראַנגל
פון שטאָלענעם אָדלערשן שאַרף
מיט דער מילדקייט פון טויבן,
וואָס האָט תמיד געטירקלט
אין דעם העל
פון דײַנע בלאָ־קינדישע אויגן.

פּיִיוול זיגעלבוים

ד ל י ה

דעם דריטן טאָג חנוכה האָט זיך איבער ירושלים געטראָגן אַ שטורעמווינט מיט אַ רעגנגאָס, ווי אַלע זיבן הימלען מיט זייערע וואָלקנס וואָלטן זיך צעריסן. די קופּעס זאַמד, ליים און צעמאָלענע פאַרביקע שטיינדלעך, בײַ בנינים וואָס מ׳האַלט אין בויען, האָבן קיין ברירה נישט געהאַט און געלאָזט פון זיך מאַכן אַ מאָזאַיִק־בלאָטע.

די בוי־אַרבעטערס, ייִדן און אַראַבער, אויסגעווייקטע, האָבן זיך באַהאַלטן טיפער אין די רושטאָוואַניעס און צוגעזען וואָס עס ווערט פונעם בוי־חומר. די אַראַבער האָבן אויף זייער לשון געשאָלטן דעם בייזן ווינט, געררייכערט אַן אויפהער, געקוקט צום נידעריק־גרויען הימל מיט נײַגער און תחנונים.

דליה האָט אין טונקעלן הימל געזוכט אַ סימן, אַז דער שטורעם זאָל זיך אָפּשטעלן. זי האָט זיך אַליין געטרייסט: „און אויב נישט? וועט דאָס שטערן מײַן חנוכה־יום־טוב? אין שליחותן, אָן פרײַנד, האָב איך נישט געפּראַוועט מײַן יום־טוב אַליין אין האָטעל־צימער?”

דאָך האָט זי דאָס וועטער דערדריקט און געשראָקן.

שוין אַ סך יאָרן ווי דליה פאַרבעט צו זיך פרײַנד צום דריטן חנוכה־ליכטל. זי צינדט אָן די דרײַ ליכטלעך, באַוועגט די ליפּן, ווי בײַ אַ שטילער תפילה, כאָטש אירע פרײַנד ווייסן, אַז דליה איז אַ קיבוצניצע פון השומר־הצעיר, וואָס גלייבט נישט אין קיין נסים.

שוין פערצן יאָר פּראַוועט דליה איר חנוכה־יום־טוב, פריִער אין קיבוץ און הײַנט אין ירושלים.

אין קיבוץ האָט חברה געוווּסט די סיבה. אירע נײַע פרײַנד אין ירושלים האָבן עס אָנגענומען ווי אַ געבוירן־טאָג־שימחה. קאָן זײַן, אַז זי האָט אַן אַ

באַמערק מקבל געווען אַזאַ רעיון פון אַ נײַעם פרײַנד, און אַזוי איז בײַ אַלע געבליבן. ברענגט מען איר מתּנות און מ׳ווינטשט איר „עד־מאה־ועשרים״. דליה דאַנקט זיי, נעמט זיי אויף געמיטלעך, מיט כּיבוד, איז זיי מהנה מיט אַ קורצן פידל־קאָנצערט פון קיבוץ־שאַפונגען, וואָס נאָר יונה ווייסט וועמענס מוזיק זי שפּילט מיט פאַרמאַכטע אויגן און מיט צאַפּלענדיקע נאָזפליגלען בײַ יעדן צי פון בויגן... ערשט דער אַפּלאָז ברענגט זי צוריק פון אַ ווײַטער וועלט צו זײַן דאָס וואָס זי איז.

די געסט עסן און טרינקען, פירן געמיטלעכע שמועסן, טייל וויציקע, דער עיקר סידני, דער אַמעריקאַנער אינזשעניר מיטן בלאָנדן בערדל, וואָס וויל שטאַרק נושא־חן זײַן בײַ דליהן. ער טעלעפאָנירט איר אָפט, גיט איר אָנצוהערעניש וועגן זײַן איינזאַמקייט, וועגן זײַן בקיאות אין מוזיק און וועגן אַ גרויסן אַפּאַרטאַמענט, וואָס ער האַלט בײַם קויפן אין רמת־דניה.

נישט געקוקט אויפן שלעכטן וועטער דעם חנוכּה אין ירושלים, זענען אַלע געסט געקומען.

יונה איז דליהס איינציקע חברטע פון קיבוץ וואָס וווינט הײַנט אויך אין ירושלים און ווײַל איר מאַן, פּראָפעסאָר אורן, האָט הײַנט נישט געקאָנט קומען צו דער שׂימחה, איז זי געבליבן העלפן דליהן נאָך דעם ווי די געסט זענען אוועק. זי האָט דליהן נישט געווונטשן „עד־מאה־ועשׂרים״, נאָר זי האַרציק געקושט בײַם דערלאַנגען איר די מתּנה — אַ בוקעט געלע טולפּאַנען מיט רויטע רויזן. ביידע קיבוצניצעס האָבן זיך פאַרשטאַנען אויפן ווונק... ס׳איז דאָ אַ סך פון וואָס צו שווײַגן. די מינים בלומען האָט דליה מיט אַ באַזונדערער מי צוגעהיטן אין איר קיבוץ־גערטנדל, ווײַל עוזר האָט ליב געהאַט דעם פאַרבן־קאָנטראַסט און די פאַרעם פון די טולפּאַנען־בעכערלעך. איצט, אַז זי איז געבליבן אַליין מיט דליהן, איז אַוועק די געמיטלעכקייט, געבליבן איז נאָר אַ נערוועז שווײַגן און אַ שטילקייט וואָס צעשווײַגט אויף שטיקער...

יונה וויל צערײַסן די שווערע שווײַגעניש, אָבער זי בלײַבט אַפּהענטיק, קוקנדיק אויף דליהן, אויף אירע גרין־קעצישע אויגן, געטאָקטן מויל, פאַרזיגלט מיט לײַדנשאַפטלעכע פולע ליפּן, אויף איר באַצערט, שיין פּנים וואָס האָט לעצטנס אַרויסגעצויגן אַ שטאָטיש־מאָטע צאַרטקייט, אויף אירע בלאָנדע האָר וואָס גרויען פון ביידע שטערן־ווינקלען און אויף דעם בילד פון עוזרן, וואָס ציטערט אין דליהס הענט.

אויב נישט אַ געשריי טאָן און צערײַסן די שווײַגעניש, ווער דאַרף מיך דאָ? זי האָט זיך דערפילט אַן איבעריקע און איז שטיל אַרײַן אין קיך וואַשן די כּלים, געלאָזט אַ דינעם שטראָם וואַסער פון קראַן און מיט פּחד געהערט ווי דליה רעדט צו עוזרן, זינגט צו אים פּלמ״ח־לידער און לידער פון די שלאַכטן און זי האָט פּלוצעם דערפילט אַ האַס און רחמנות צו איר קיבוץ־חברטע וועמען זי האָט אַזוי ליב באַקומען פון ערשטן טאָג אָן, ווען זי איז געקומען אין „קיבוץ א״, אַ העל־צעפלאַמט יונג, שיין מיידל. זי ווייסט פון דליהס ליבעס און פון

עוזרכ השפעה אויף איר, פון זייער גליק, אָבער פערצן יאָר שוין ווי עוזר איז גישטאָ... אין צווישן אַזוי פיל געפאַרן מיט נײַע, ייִנגערע אַלמנות פון זעקס־טאָגיקן קריג. דער וווּנדער־נצחון האָט נאָר אַ גלעט געטאָן די נײַע וווּנדן. אַזעלכע ריסן היילן זיך בײַ קיינעם נישט אויס אַזוי שנעל. און זי איז נישט די איינציקע און דאָך אַזוי אַנדערש. דליהס שטים האָט איבערגריסן איר טראַכטן. זי האָט גערעדט מיט אַזאַ טאָן, ווי מ׳רעדט צו וועמען אין אַ צווייטן צימער אַרײַן:

אַפילו דורך די אויסגעלאָשענע, נאַסע פענצטער קומט דײַן אַנגסטיקער עכאָ פון סיני און שוימט אַריבער דאָס הארץ. אין פידל, אין בויגן, מעלאָדיע, בײַ נאַכט צי אין טאָגליכט, אין די יהודה־בערג, צי אין רחבות פון עמק זע איך דיך, עוזר... איך זע דיך אין קיבוץ באַגינען, ווען די פאַרגליווערטע פעלדער זענען באַדעקט מיט אַ ווײַס־בלויען לײַלעך פון טוי, די טראַקטאָרן צערײַסן דעם טוי מיט גרודעס ערד וואָס קײַקלען זיך — אַ סימן פאַר די פייגל צו שפּרינגען איבער זיי כּדי צו כאַפּן אָן אויפגעגראָבן ווערעמל. זיי סווישטשען צו פון הנאה, די קולות מישן זיך אַרײַן אין מאָטאָרן־בראַזג פון שכנותדיקע קיבוצים און פון דאָרט צוריק צו אונדז. זע נאָר, די זון, אַ פרימאָרגנדיק־מילדע, שווימט אַרויף צו וואַרעמען דעם יונגן צוויט אויף די ביימער, צעשפּרייט איר גאָלד, נעמט אַלץ אַרום: די ערד, דעם געפלעכט פון פעלדער, וואַדיס און בערג, און אָט רוען מיר שוין, טרינקען טיי מיט קיכלעך, נאָר דו, עוזר, טרינקסט פרישע מילך. די ערד שמעקט מיט איר זאַפט. אָט דער ריח גייט מיר נאָך עד־היום, ווי דײַן קול, ווי דו, ווי דײַן האַנטפלאַך, דער „טעלער" פאַר פייגל, זיי זאָלן שפּרינגענדיק עסן פון אים.

יענע חנוכּהס האָבן מיך געבערענגט צו דיר. און מיט דיר, עוזר, בלײַב איך.

אויף יעדער גרודע ערד איז פאַרגליווערט דײַן טראָט אין קיבוץ און אויף יעדן בוים הענגט דײַן געזאַנג. האָסט מיך געטוליעט צום שטאָם פון דעם ציפּרעסבוים וואָס האָט הויך אויבן אַרויסגעצויגן צוויי שפּיצן, ווי די באָרד פון דײַן פעטער דוד פון לובלין. האָסט מיך צוגעדריקט צום בוים, פאַרריסן מײַן קאָפּ און געזאָגט: מײַן פעטער האָט געהאָט פינף קינדער און אַלע זענען אַוועק מיטן רויך... איך שווער אַז דו ביסט מײַן בוים, פון דיר וועלן וואַקסן אונדזערע צווײַגן... זיי וועלן אַקערן דעם עמק, די ערד איז אונדזער אָנשפּאַר, קיבוץ־לעבן איז דאָס איינציקע היילמיטל פאַר אַ קראַנקער וועלט... הײַנט רעדט שוין קיינער נישט אַזוי. אויסער דו אין מיר. האָסט מיך געלערנט ליב האָבן דאָס לעבן. מײַנע זאַרגלאָזע קינדער־יאָרן בײַ רײַכע עלטערן האָבן מאָט געשײַנט קעגן דער צוקונפט פון אונדזערע קינדער אין קיבוץ. פון מײַן פּערפעקטן דײַטש האָסטו געמאַכט אַ היימיש־פּוילישן ייִדיש און אַ קיבוצישן עברית מיט אַ דײַטשישן נאָכקלאַנג. האָסט זיך געפרייט מיט מײַן ייִדיש רעדן, כאָטש דײַן באַרימען זיך איז

אַנדערע נישט געפעלן געוואָרן. האָסט מיך געלערנט יידישן פאָלקלאָר, דעקלאַמירן אַ ווייניק באַקאַנט ליד פון שלום-עליכמען, אַ ליד נישט מיט הומאָר, נאָר פון אומעט און נויט:

גוט-מאָרגן, וואָס מאַכסטו, ווי גייט עס דיר, אסתּר?
אַ קוק טאָן אויף דיר איז אַ שרעק,
מיר דוכט זיך דו וויינסט, מײַן טײַערע שוועסטער,
געגנוג שוין וויינען — אַן עק!
ווי זאָל איך נישט וויינען, ווי זאָל איך נישט קלאָגן:
געשטאָרבן מײַן לייזער, מײַן קרוין!
געבליבן בין איך, יענטעלע, וואָס זאָל איך דיר זאָגן,
מיט זיבן יתומים אַליין.

לייזער, עוזר... נישט מיט זיבן יתומים, נאָר אַליין... אַליין... זיסע מעלאַנכאָליע-לײַדנשאַפטן גראָבן אַרויס גרודעס ווײ, טייל מאָל דאַכט זיך מיר, אַז כ׳האָב מײַן שאָטן פאַרלוירן און ס׳שרעקט מיך — קומסטו און וואַרעמסט אַרויס אַן אַלטן ניגון וואָס פאַרטרײַבט די אַנגעדראָלענע שרעק, זינגסט אין מיר, עוזר, אין אַלע לשונות זינגסטו. כ׳געדענק דײַן לידל:

לויף מײַן פערדל, לויף געשווינד,
אין פאַרמעסט מיט יעדן ווינט,
ביסט אַן אָדלער מיט פיר פיס,
ווײַז דײַן רײַטער וואָס דו ביסט.

אַך! ווי פלינק האָסטו מיך אַרויפגעצויגן אויפן פערד, אין גאַלאָפּ מיך אײַנגעדרעטגט אין דײַנע אָרעמס און אַראָפּגעהויבן, ווי אַ קינד, זיך צו שפּילן אין באַהעלטעניש און יאָגעלעך אויף פעלד, אין וואָדי און טאָל, ווי שולקינדער פערינצײַט.

איין מאָל האָסטו זיך פלוצעם אָפּגעשטעלט, אַראָפּגעשפּרונגען פון פערד און געלאָפן צום ראַנדוועג. פון ווײַטן האָב איך געזען אַ גרויסן פויגל פלאַטערן מיט די פליגל אויף דער ערד, האָסט אים אויפגעהויבן, אויפגעדרייט אַ לאַנגן שלאַנג פון אַרום זײַן האַלדז, געשלײַדערט דעם שלאַנג אין גראָז אַרײַן און דעם פויגל אַ הייב געטאָן אין דער לופטן, דער פויגל איז אַוועקגעפלויגן און דו האָסט אים נאָכגעשריגן: „קריך נישט ווו מ׳דאַרף נישט”!

אַ שפּאָן פון פענצטער איז געשטאַנען דאָס טישעלע מיט געטראַנקען. דליה האָט אָנגעגאָסן אַ כּוסעלע ווײַן, אויפגעהויבן די האַנט צו אַ לחיים, אַ זופּ געטאָן, דאָס כּוסעלע אין בײדע הענט איז געבליבן רוען אויף איר ברוסט, אַ יוגנטלעכער שמייכל האָט ליכטיקער געמאַכט דאָס צימער, איר קאָפּ האָט זיך אַ

ווײַלע געוויגט איןביידע זײַטן, ארויסצוויגן נאָך אַן עפּיזאָד פון איר זיסן אַמאָל.

יונה איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין קיך. זי האָט אַלץ געהערט, געזען און מורא געהאָט אַפילו צו לאָזן וויסן, אַז זי איז נאָך דאָ. נאָך מער האָט זי געשראָקן צו לאָזן דליהן אַליין. זי איז געשטאַנען אין קיך אַן אײַנגעשרומפּענע און נישט געוווּסט וואָס צו טאָן. זי ווייסט פון נאָך איין אַלמנה, וואָס שטעלט יעדע נאַכט אָן אַ פּליטע פון איר באַרימטן מאַנס רעדעס, אָבער דאָס וואָס געשעט הײַנט מיט איר חברטע האָט זי אין גאַנצן דערשיטערט. זי האָט אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם, דורך דער שפּאַרע האָט זי געזען ווי דליה באַוועגט זיך, ברומט אַ ניגון, ווי אין טאַנץ מיט אַ פּאַרטנער, דער פּאַרטנער איז עוזרס בילד און זי רעדט צו אים:

עוזר, מיט דעם נאָמען ביסטו געקומען, אַ חלוץ פון פּוילן, אין קיבוץ פון „השומר־הצעיר". שאול האָט דיך פּײַנט באַקומען, געמיינט האָסט מיך צוגענומען פון אים, האָט ער דיר אַ נאָמען געגעבן „גר", איש זר, די פּאַרקירצונג האָבן אַלע אויפגעכאַפּט, און מיר ביסטו געוואָרן נענטער מיט יעדן טאָג, ביסט געוואָרן מײַן נס־חנוכּה... מײַן שייַנער יום־טוב. אַז מ'האָט געזונגען אַקטועלע לידער צום ניגון פון „מעוז צור ישועתי", האָב איך געזונגען: „מײַן עוזר צור ישועתי"...

כ'האָב מער נישט געקאָנט בלײַבן אין קיבוץ, אַ פּאַרדאַרטן בוים אַן צווײַגן האָקט מען אין קיבוץ אויס. כ'האָב געוואָלט אַוועק ווײַט, האָט מען מיך געשיקט אין שליחות קיין אייראָפּע אַרבעטן מיט יוגנט. זיי האָבן געמיינט גוט און געטאָן מײַן ווילן, כ'בין גיך צוריקגעקומען אין קיבוץ אַרײַן און ווידער גיך אַוועק קיין ירושלים, אונדזער אַלטע שטאָט, נישט פון גאָלד, נאָר ווו גאַס הערץ קלאַפּט. דאָ האָב איך אַרבעט זיך פּאַרשאַפּט, נײַע פרײַנד, דאָ האַלט איך אונדזער חנוכּה־יום־טוב צום דריטן ליכטל, וואָס די סיני־מלחמה האָט פּאַרלאָשן... וואָרעם איך זיך בײַם פּאַרלאָשענעם ליכטל... מײַן ווײַבלעכקייט וויאַנעט...

מײַן אומרויִק בלוט צוימט דער צער, וואָס וועבט גרויע די האָר און גיט מיר רו. כ'פּיל דײַן באַריר, עוזר, און קאָן קיין אַנדערן מאָן צו זיך נישט צולאָזן. כאָטש...

— כאָטש, וואָס? — האָט זיך יונה מער נישט געקאָנט באַהערשן.

— אָ, ביסט נאָך דאָ?

— יאָ, כ'בין דאָ און כ'האָב אַלץ געהערט. ביסט עקסצענטריש, דליה, ווילסט זײַן אַנדערש, עס טרײַבט דיך צו עגאָפּאַביע און משוגעת. ביסט נישט די איינציקע אין לאַנד, דאָס איז אונדזער גורל, דער צער פון אַ מאַמען איז קאָנען קיין אַנדערע זין נישט האָבן!.. אָבער די אַלמנות קאָנען אַנדערע מענער יאָ האָבן! זיי קאָנען ווידער חתונה האָבן. האָב נישט חתונה, נעם סידגין אין בעט

אַרײַן. איר זענט גאַנץ נאָענט און ער האָט דיך ליב. נעם וועלכן מאַן דו ווילסט, לעב מיט מיטן לעבעדיקן לעבן, גיי נישט געאָרעמט מיטן טויט אין בעט אַרײַן...

— שווײַג, יונה!.. שווײַג... כ׳האָב נישט געוווּסט אַז ביסט דאָ און ס׳אַרט מיך נישט, אַז ביסט דאָ און האָסט אַלץ געהערט. האָסט געזען בײַם כּנרת, זומער בײַ נאַכט, ווי דער טאָג בלײַבט לאַנג הענגען? אַזוי אין גליל, די משׂכּילישע שטאָט צפת, קרום, צעהויקערט און אַזוי גלײַך, הענגט אויף שפּינגעוועב און אַזוי פעסט... פריִער האָסטו געזאָגט כ׳בין בירגערלעך, אַלטמאָדיש, נאַיִוו, פאַנאַטיש, מיסטעריעז פאַרליבט אין אַ מאַן, וואָס אָטעמט שוין נישט פערצן יאָר... און אַז איך פיל זײַן אָטעם?... כ׳ווייס, שיכחה איז אויך אַ ברכה פון גאָט. האָט מיך גאָט פאַרשאָלטן נאָר מיט זכרון. אַלע מײַנע רמ״ח אברים געדענקען... רינה, צפורה, רות, אביבה, נורית, שׂרה, ציפּה פון אונדזער קיבוץ און הונדערטער אַלמנות האָבן חתונה געהאַט, האָבן קינדער, לעבן און פאַרגעסן, אַזוי דאַרף זײַן. נאָר אַז איך קאָן דאָס נישט?... וואָלט איך הײַנט געווען אַ שולמיידל, וואָלט איך אפשר אויך געשלאָפן מיט בחורים, נישט ווײַל אַנדערע טוען עס, נאָר — ווען איך וואָלט געוואָלט און געקאָנט בײַ זיך פּועלן.

— אַ קינד ווילסטו נישט האָבן?!

— ניין, יונה! איך וויל נישט. ווונדערסט זיך, האַ? האָסט אַנגערירט אַ ווייטיקדיקן ענין... ניין, ניין, נישט דאָס וואָס דו מיינסט, כ׳האָב קיין מאָל קיין קינד נישט געהאַט, קיין אַבאָרטן אויך נישט. עוזר איז געווען אַ געזונטער מאַן, כאָטש ער איז שווער פאַרוווּנדעט געוואָרן אַ נײַנצן־יעריקער בחור בײַם שער־הגיא, בײַם באַפרײַען ירושלים, און די דאָקטוירים האָבן געספּקט צי ס׳האָט נישט געשעדיקט זײַן כּוח־גברא. ער איז אַרויס פון דער געפאַר אַ געזונטער מאַן און מיר האָבן זייער געוואָלט קינדער. „איך האָב זיך דורכגעריסן קיין ירושלים אין נײַנצן אַכט און פערציק, וועל איך זיך צוריקרײַסן פון סיני צו מײַן דליהן און באַפעלקערן דעם קיבוץ״. מיט די ווערטער האָבן מיר זיך געזעגנט, ער האָט זײַן וואָרט נישט געהאַלטן...

די זעקס־טאָגיקע מלחמה, דער נסימדיקער נצחון, די היים־הורבות מיט יונגע אַלמנות. די צײַטונגען פול מיט נעקראָלאָגן. דאָס אַלץ האָט אויף מיר שטאַרק געדריקט און כ׳בין געוואָרן אַנדערש, ביז כ׳בין געווען אין סיני און געהערט זײַן קול. פאַרשטייסט, יונה... אַזאַ שטום געשריי... צי קאָן נאָך שקיעה ווידער אויפגיין די זון?...

יונה האָט געפונען אַן אויסרייד איבערצורײַסן דליהס ווייגאָס, זי האָט טעלעפאָנירט, זאָגן איר מאַן ווו זי איז און אַז באַלד קומט זי צוריק אַהיים. דליה האָט אַרומגעשפּאַנט אין צימער מיט פאַרשלאָסענע הענט פאַר זיך.

— ווייסט, יונה, שוין לאַנג בין איך געקומען צו דער מסקנה, אַז פרויען זאָלן אויפהערן קינדלען, נישט געבוירן קיין קינדער מער, אפשר וועט דאָס אָפּשטעלן מלחמות.

— דאָס מיינט אָפּשטעלן די וועלט! אומברענגג!

— אומברענגען די װעלט װעלן מלחמות! װען מיר פֿאַרלירן, חלילה, איין מלחמה, איז נישט אונדזער װעלט אונטערגעגאַנגען? די אבלי־ציון האָבן געטרויערט הונדערטער יאָרן. נאָכן ייִדישן חורבן אין אייראָפּע טרויערן נאָר מיר, אונדז רירט דאָס מער אָן. אָבער, צי איז נישט די גאַנצע װעלט פֿול מיט הריגה? מיט אבלים? גיי אַהיים, יונה, געהאַט געגוג פֿון מיר. לילה טוב.

— לילה טוב, דליה, זאָרג מער פֿאַר זיך װי פֿאַר דער װעלט, לילה טוב.

✶

דליה האָט זי אַרויסבאַגלייט מיט װאַרעמע קושן, צוגעשלאָסן די טיר און עפּעס געזוכט אין צימער. גענומען פֿון טישל אַ גלעזעלע קאָניאַק און צוריק אָװעקגעשטעלט, געקלאַפּט מיט אַ לעפֿעלע אַ ניגון צום טאַקט און עס אָװעקגעשליידערט, דער טראַנס האָט װידער גענומען רעדן, דאָס מאָל אַראָפּנעמענדיק דאָס זייגערל פֿון האַנט:

דו גייסט נישט צוריק קיין איין סעקונדע. קאָן מען אַ לעבן צוריקכאָפּן?

צי קאָן נאָך זײַן װער, װאָס זאָל מיך אַזוי פֿאַרשטיין פֿון אַ באַװעג, װוּנק, שמייכל, צי פֿון אַ ניגון?

אין קיבוץ, װען כ׳גיי אַרײַן אַפּילו הײַנט, זע איך אים, ביז עמעץ גייט פֿאַרבײַ און װישט אים אָפּ.

די אַלטע ליטעראַטור דערציילט אַ סך פֿון גײַסטער.

אונדזער תּנ״ך רעדט אַזוי לעבעדיק פֿון די אָבות, פֿאַר װאָס זאָל איך אַנטלויפֿן פֿון אים?... ער גיט מיר רו און שלווה אַפּילו װען גופֿישע שטורעמס צאַפּלען אַרויס טרערן... יעדע טרער איז אַ טראָפּן טוי פֿאַר שלווה... לילה טוב, עוזר.

פֿון בוך „משיח פֿון רמלה“

חיים זעלצער



אויף מײַן גאַס

א

קיין ביימעלע נישטאָ נאָך לעבן הויז,
קיין שאָטן —
די גערטנער ווינען אויף מײַן גאַס
און פלאַנצן ערשט דעם קינדער־גאָרטן.

ב

זעכצן וועגעלעך אין דרויסן,
זעכצן וויגעלעך אין שטיבער,
פּופּצן ווײַסע טײַבעלעך —
איינס איז שוואַרץ געוואָרן.

ג

פּירווינקלדיק, פּירשטאָקיק גליק —
אַ טיר, אַ שילדעלע, צוויי נעמען.
דער שלאָס — געליימט,
דאָס גלעקל — שטום.

אויף לוחות שטיינערנע אין בערג
הײַנט פלאַנצט מען איבער איינעם...

רעננה, 1974

שטייט אַ בוים

רויטע ערד און הייסער שטיין
נישט פון ברענענדיקער לופט,
נאָר פון מי און שלאַכטן —
שטייט אַ בוים מיט בלויער קרוין
און ער וואַרפט אויף רויטער ערד
טויזנט בלויע אויגן.

אויגן קוקן זיך אַרום —
איַינגעקאָרטשעט אויף דער ערד
ליגן טויטע ביימער.
צווײַגן־וואָרצלען צו דער הייך,
וואָרצלען־צווײַגן צו דער טיף
אין געפלעכט געהיימען.

לויפן הירשן אינעם וואַלד —
הירשן־ביימער לויפגעדריי,
הערנער־צווײַגן־פּלאָנטער.
הער איך טרוקענעם געקנאַל,
אויפן ביימער־ביינער־באַרג
טאַנצן קרומע שדים.

קום איך מיט אַ שאַרפער זעג
און צעטרײַב דעם שדים־טאַנץ
מיט דעם בליץ פון ציינער.
לייז איך אויס פון טויטגעפלעכט
און איך שענק דעם בלויען בוים
לעבעדיקע וואָרצלען.

1974

די זון איז דאָ אַ וואַרעמע

אויפן צווײַגעלע אַן אַנדער פייגעלע,
און אַן אַנדערער דער הימל,
און די גראָזן אונטן
אויכעט אַנדערע,

און איך אַליין בין אַנדערש —
נישט קיין וואַנדערער.

און די זון איז דאָ אַ וואַרעמע,
אַ מילדערע,
און די קינדער דאָ —
ווי אומעטום די קינדערלעך,
שפּילן זיך אין זאַמד,
מיט שטיינדעלעך,
און צו זיבן יאָר
בײַטן זיך די ציינדעלעך.
און צו אַכצן יאָר
נעמען זיי די ביקסעלעך,
און אַז גאָט באַשערט,
און אַז מען דערלעבט
גיט מען אויס קדישים
נישט פּאָר שיקסעלעך,
וועלבע סודען זיך:
— מײַן זשידעקל איז אומעטיק
אַ ביסעלע.
— בלוטצאַפּערס פּאַרביסענע...

1974

דער ספר־הזכּרון פון תּשל״ד

און דרײַסיק מאָל פון האַנט צו האַנט
געגאַנגען איז דאָס בוך.
— דאָס בוך איז רויט — האָב איך געזאָגט.
און דרײַסיק שטימען:
— ווײַס!

האָב איך געפרעגט:
— דאָס גראָז איז גרין?
און דרײַסיק שטימען:
— גרין!

האָב איך געפרעגט:
— דער ים איז בלאָ?
און דרייַסיק שטימען:
— בלאָ!

האָב איך געפרעגט:
— דאָס בלוט איז רויט?
און דרייַסיק שטימען:
— רויט!

און נאָך אַ מאָל פון האַנט צו האַנט
געגאַנגען איז דאָס בוך
און פּלוצעם האָבן מיר דערזען —
געוואָרן איז עס
רויט.

מרדכי חלמיש

פאַר וואָס נישט ייִדיש? *

דאָס וואָרט איז איינע פון די מיסטעריעס אין דער מענטשלעכער קולטור, וואָס קיינער ווייסט ניט עד־היום זײַן געגויען בראשית און אורקוואַל. אַזוי דאָס גערעדטע וואָרט, און קל־וחומר דאָס געשריבענע וואָרט, וואָס גייט איבער ניט בלויז פון מענטש צו מענטש, נאָר אויך פון איין דור צו אַלע קומענדיקע דורות.

אין ספר בראשית ווערט דערציילט, אַז „גאָט דער האַר האָט געפורעמט פון דער ערד אַלערליי חיות פון פעלד און אַלערליי פויגלען פון הימל, און געבראַכט צו דעם מענטשן, צו זען וואָס ער וועט זיי רופן, און וואָס נאָר דער מענטש וועט רופן איטלעך לעבעדיקע באַשעפעניש, דאָס זאָל זײַן זײַן נאָמען. האָט דער מענטש אָנגערופן נעמען פאַר אַלע בהמות, און פאַר די פויגלען פון הימל און פאַר אַלע חיות פון פעלד״...

הייסט עס, אַז אַפילו ווערליק אונדזער אַלטער תּורה האָט גאָט בלויז באַשאַפן די וועלט, אָבער דער מענטש איז עס געווען דער, וואָס האָט זי אָנגערופן מיט אַ נאָמען. לגבי דעם בן־אָדם איז דאָס גלײַך ווי ווידערבאַשאַף. ווײַל פאַר אים הייבט אָן יעדע זאַך ערשט דעמאָלט צו האָבן אַ קיום, ווען זי באַקומט אַ נאָמען.

זינט דער צײַט פון ערשטן וואָרטבאַשעפער אָדם־הראשון ביז צו אונדזערע טעג איז שוין אַ ווײַטער מהלך. אין די היסטאָרישע צײַטן האָט כּמעט יעדער דור געהאַט זײַנע „אָדמס״, זײַנע וואָרטבאַשעפערס. ס׳רוב זענען דאָס די גאָט־געבענטשטע דיכטערס און דענקערס, וועלכע „רופן אָן בײַם נאָמען״ זייערע הערונגען און זעונגען, געפילן און מחשבות, וואָס ערשט דעמאָלט ווען זיי ווערן פאָרמולירט אין שעפערישן באַפליגלטן וואָרט, באַקומען זיי לעבן און ווערן

---

* „גאָלדענע קייט״, נומ׳ 52, 1965

אײַנגעגלידערט און אַרײַנגעפלאָכטן אין דער קולטור פונעם פאָלק, אין גײַסטיקן אוצר פונעם מענטשלעכן מין. דער קינסטלער פון וואָרט (פונקט אַזוי ווי די קינסטלערס פון קלאַנג, פאַרב אָדער פּלאַסטישער פאָרעם) — ער איז דאָס דער וואָס פאַרזיכערט די געדויערדיקייט פאַר דעם וואָס איז לויט זײַן מהות פאַרגאַנגיק. און דאָס איז בעצם די מיסטעריע פון דער קונסט, פון גײַסטיקער שאַפונג — זי באַרײַכערט און דערהייבט, פאַרטיפט און ברייטערט אויס די מענטשלעכע האָריזאָנטן, אונדזער קאָלעקטיוון זכרון, אונדזער נשמה און געדאַנק.

*

ניט פאַראַן כּמעט קיין איין פאָלק וואָס האָט אין פאַרלויף פון זײַן געשיכטע ניט געהאַט זיך צו אָמפּערן מיט שפּראַכפּראָבלעמען. עד־היום פאַרמאָגט דאָס רוב פעלקער עטלעכע שפּראַכן (אָדער דיאַלעקטן), בעל־פּה און בכתב. אָבער אַלע קולטורפעלקער האָבן פאַרשטאַנען, אַז ביז עס שאַפט זיך אַן אײנהייטלעכע נאַציאָנאַלע קולטור־און ליטעראַטור־שפּראַך מוז מען אַרײַנגעמען אין פאָלקס־אוצר אַלע ווערטן וואָס ווערן געשאַפן דורך די מיט טאַלאַנט באַשאָנקענע זין און טעכטער פונעם פאָלק, אין וועלכער שפּראַך עס זאָל ניט זײַן. דער ענין איז אַזוי פּשוט און קלאָר, אַז עס נייטיקט זיך אָפּילו ניט אין קיין באַווײַזן.

בלויז בײַ פּרימיטיווע פעלקער זענען פאַראַן ווערטער, אָדער אָפּילו דיאַלעקטן, וואָס זענען פאַרהייליקט, אָדער אַזעלכע וואָס ווערן באַטראַכט פאַר פאַרשאָלטן אַזוי ווײַט, אַז מען טאָר זיי פאַרן מויל ניט ברענגען, ווײַל מען שרײַבט זיי צו עפּעס אַ מאַגישע קראַפט. עס ווערט אָפּילו דערציילט וועגן געוויסע פּרימיטיווע שבטים אויף די קאַריבישע אינדזלען, וואָס די מענער ריידן דאָרטן איין לשון און די פרויען אַן אַנדער לשון.

אָבער בײַ די קולטורפעלקער ווערן געהאַלטן בכּבֿודיק אַלע זייערע שפּראַכן, אין וועלכע עס רעדט און שאַפט דאָס פאָלק און זײַנע קינסטלערס. אָפּילו בשעת עס גייט אָן אַ געראַנגל פאַר העגעמאָניע צווישן פאַרשיידענע דיאַלעקטן ווי, למשל, אין סקאַנדינאַוויע, אָדער צווישן פאַרשיידענע שפּראַכן, ווי אין איטאַליע, אָנהייב רענעסאַנס־עפּאָכע (דאַנטע, פּעטראַרקאַ, באָקאַטשיאָ זענען דאָך געווען די וועלכע האָבן אָנגעהויבן צו שאַפן אויף איטאַליעניש, בשעת ביז זיי איז די קולטורשפּראַך געווען די לאַטײַנישע שפּראַך), אָדער אין אינדיע — שפּילט זיך אָפּ דער געראַנגל בעיקר אויפן פּאָליטישן געביט און ניט אינעם תּחום פון קולטור און קונסט.

*

דאָס ייִדישע פאָלק האָט אין זײַן פאַרשפּרייטקייט שוין גערעדט און געשאַפן, אַחוץ אין זײַן אייגענער אייביקער שפּראַך העברעיִש, אויך אין פרעמדע שפּראַכן. איינע פון די דאָזיקע פרעמדע שפּראַכן איז דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אַ

ליטעראַטור־שפּראַך בלויז אַ דאַנק אונדז, ייִדן, — דאָס איז די אַראַמישע שפּראַך אין אירע צוויי דיאַלעקטן: דער מיזרח־דיאַלעקט פון תּלמוד־בבלי אין דער גאונים־ליטעראַטור, און דער מערב־דיאַלעקט פון תּרגום אונקלוס צום תּנ״ך און פון תּלמוד־ירושלמי און מדרשים.

אין מדינת־ישׂראל, אינעם לאַנד פון קיבוץ־גלויות, ווו עס זאַמלען זיך צונויף אַלע אונדזערע צעזייטע און צעשפּרייטע שבטים און עדות, גיסט זיך ווידער צונויף אונדזער גײַסטיקע שאַפונג אין אַלע אירע אַנטפּלעקונגען און שפּראַכן און עס הייבט זיך ווידער אָן צו שאַפן די אייגהייטלעכע קולטור פונעם באַנײַטן ייִדישן פאָלק. עס ווערט געשאַפן ניט בלויז אַ נײַע ישׂראל־ליטעראַטור, נאָר אויך אויף די געביטן פון אַנדערע קונסטצווײַגן און פון דער וויסנשאַפט זעט מען וואָס אַ מאָל מער נײַע אויפטועכץ פון גרויסן שווונג.

די מדינה און אירע פאַרשיידענע אינסטאַנצן טוען ניט ווייניק, כּדי די דאָזיקע שעפערישקייט צו סטימולירן און דערמוטיקן. כּלערליי סטיפּענדיעס און פּרעמיעס ווערן צוגעטיילט פאַר קינסטלערס און וויסנשאַפטלערס, ווי אויך פאַר די שעפערס אויף אַנדערע קולטור־געביטן. נעמענדיק אין באַטראַכט אַז ניט אַלע שעפערס אין די שטחים פון קונסט, ליטעראַטור און וויסנשאַפט ציִען זייער יניקה פון ייִדישע קוואַלן, ווערן צוגעטיילט מלוכישע און געזעלשאַפטלעכע סטיפּענדיעס און פּרעמיעס אויך פאַר שאַפונגען אין פרעמדע שפּראַכן, אויב נאָר זייער תּוכן איז אַ ייִדישער און טראָגט עפּעס צו נײַס און וויכטיקס צו אונדזער קולטור־אוצר.

אַזוי, למשל, איז די חשובֿע ביאַליק־פּרעמיע צוגעטיילט געוואָרן מיט יאָרן צוריק דעם באַרימטן שרײַבער מאַקס בראָד, הגם ער האָט געשאַפן אין דער דײַטשער שפּראַך. דעם פּרס־ישׂראל פאַר סאָציאַלע וויסנשאַפטן האָט באַקומען די סאָציאָלאָגין ד״ר יהודית שובל, כאָטש איר פּרעמירט בוך איז געשריבן געוואָרן און דערשינען אויף ענגליש. ווײַל אַזאַ פאָלק ווי מיר, וואָס אונדזער באַנײַטע מדינה איז ערשט אַלט זיבעצן יאָר, קאָן גאָר אַנדערש ניט האַנדלען, אויב מיר ווילן ניט זיך אַליין אויסשטעלן פאַר גײַסטיקע אביונים... נאָך מער. אין לעצטן יאָר האָבן מיר געהערט וועגן מלוכה־פּרעמיעס אין ישׂראל פאַר די ישׂראלדיקע אַראַבישע שרײַבערס. מיר באַגריסן עס מיטן גאַנצן האַרץ. ווײַל אויב ס'ווערן באמת געשאַפן אין ישׂראל וואָגיקע ווערק פון אַראַבישע קינסטלערס, בירגערס פון דער מדינה, פאַר וואָס זאָלן זיי ניט ווערן דערמוטיקט?

*

אָבער בלויז איין שפּראַך ווערט בײַ אונדז איגנאָרירט, ווען עס קומט צו פּרעמירן אירע שעפערס און שאַפונגען. און דאָס איז גראָד ניט קיין פרעמדע שפּראַך, נאָר פאַרקערט: זי איז כּולה ייִדיש און אַזוי איז אויך איר נאָמען...

מיר וועלן זיך דאָ ניט אַרײַנלאָזן אין דער האַרבער סוגיה: דער גורל פון ייִדיש, איר מערכה און איר צוקונפט. דאָס איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך און עס ווערט

לעצטנס אַ סך געשריבן און דיסקוטירט וועגן דעם אין דער גאַרער ייִדישער וועלט. מיר דאַ ווילן בלויז קאָנסטאַטירן אַ פאַקט, אַז אין מדינת־ישראל, איבעם לאַנד פון קיבוץ־גלויות, האָבן זיך גרופּירט הונדערטער טויזנטער עולים וואָס זייער לעבנס־ און געפיל־שפּראַך איז ייִדיש. וואָס אַ מאָל ווערט אויך גרעסער און באַדײַטנדיקער דער קיבוץ פון ייִדישע וואָרטקינסטלערס — פּאָעטן, פּראָזאַיִקערס, עסייִסטן, פּובליציסטן, בינע־קינסטלערס אאַז״וו — וואָס ישׂראל איז זייער היים, און ייִדיש איז די שפּראַך פון זייער טראַכטן, פילן און שאַפן.

נאָך מער: עס זענען פאַראַן אין ישׂראל אַ צאָל העברעיִשע שרײַבערס, וועלכע האָבן תּמיד געשריבן און שרײַבן הײַנט אויך ייִדיש, פּונקט ווי זיי שרײַבן העברעיִש. עס זענען אויך באַקאַנט באַדײַטנדיקע העברעיִשע שרײַבערס, וואָס ערשט אין די לעצטע יאָרן (און אַוודאי ניט צופעליק!) האָט זיך אין זיי דערוועקט דער דראַנג אָנצוהייבן שרײַבן ייִדיש, אין דער שפּראַך פון זייער קינדהייט און יוגנט.

לאָמיר נאָך צוגעבן, אַז די מיסטעריע פון ייִדיש־שאַפן, דאָס ברענגען צום אויסדרוק יענע נשמה־פּראָצעסן, וואָס נאָר אין דער דאָזיקער שפּראַך קאָנען זיי באַקומען זייער תּיקון, איז אַן ענין פאַר וועלכן עס דאַרף טראָגן די אַחריות יעדער דענקענדיקער ייִד.

*

פרעגט זיך טאַקע די שאלה: פאַר וואָס איז ביז איצט איגנאָרירט און פאַרשעמט געוואָרן די ייִדישע שאַפונג אין ישׂראל בײַם פאַרטיילן די צענדליקער פּרעמיעס און די חשובסטע פון זיי — פּרס־ביאַליק און פּרס־ישׂראל? אין זייערע סטאַטוטן ווערט דאָך געזאָגט, צווישן אַנדערן, אַז זיי זענען געשאַפן געוואָרן „...כּדי צו דערמונטערן און שטאַקן די... שרײַבערס און קינסטלערס וועלכע ווױנען און שאַפן אין מדינת־ישׂראל". איז דען צופעליק ניט דערמאָנט געוואָרן דער ענין שפּראַך?

און פאַר וואָס ניט ייִדיש? עס איז אַ האַרבע און ווייטיקלעכע פראַגע! צו ווערמען געהערט די יצירה פון ייִדישע פּאָעטן און פּראָזאַיִקערס, בירגערס פון מדינת־ישׂראל, וואָס טראָגן אויס און ברענגען פאַר דער וועלט אַלע אירע ליידן און פריידן; וואָס באַזינגען איר קאַמף פאַר איר קיום, איר לעבן און איר ווערן, און גיסן אַרײַן אין איר אוצר אָנגעזאַמלטע ירושות פון דורות, וואָס מיט זייערע שאַפונגען וואָלט זיך ניט געהאַט צו שעמען קיין שום ליטעראַטור אין דער וועלט — צו ווערמען געהערט זייער יצירה? ווער זאָל זיי סטימולירן און דערמונטערן — אויב ניט מדינת־ישׂראל?

מיר שטעלן די דאָזיקע מיט ווייטיק אָנגעגליטע פראַגע, ניט נאָר ווײַל עס ווערט באַגאַנגען אַ שרײַענדיקע עוולה לגבי אַזאַ גרויסן און אינטעגראַלן טייל פון אונדזער פאַלקסשאַפונג. מיר פרעגן עס, ווײַל עס מוז אַ מאָל אַרויסגעבראַכט ווערן פאַר דער עפנטלעכקייט די שאלה: ווער איז שולדיק אינעם דאָזיקן

משונהדיקן מצב, וואָס דער משרד־החינוך און די פּאַראַנטוואָרטלעכע אינסטיטוציעס פון דער מדינה ווילן בשום־אופן ניט פּרעמירן וויכטיקע ייִדיש־ווערק וואָס ווערן געשאַפן אין ישׂראל?

דער ייִדישער שרײַבער היט אָפּ זײַן ווערדע און גייט אַריבער איבער דעם ענין מיט אַ שטיל־שטאָלצן שווײַגן. אָבער עס איז דאָך ניט קיין ענין וועלכן מען מעג פאַרשווײַגן! מען מוז פאַרלאַנגען אַ קלאָרע תשובה פון די מאָסגעבנדיקע אינסטאַנצן: זעט איר, זעט מדינת־ישׂראל אירע ייִדישע שרײַבערס, די ייִדיש־שאַפערס, בירגערס פון דער מדינה, ווי אַ גלײַכבאַרעכטיקטן טייל פון פאָלק און לאַנד, וועלכע זענען ווערט אָנערקענט און דערמוטיקט צו ווערן צו גלײַך מיט זייערע קאָלעגעס וואָס שאַפן אין העברעיִש? אָדער אַ ייִדישער דיכטער, אַ ייִדישער שרײַבער — מעג ער האָבן די גרעסטע פאַרדינסטן פאַר דעם פאָלקס יצירה — איז פון אַן אַנדערער מדרגה, בלויז דערפאַר ווײַל ער שרײַבט ייִדיש?!

מאיר חרץ

לידער צו אייגענע

1. ניט אין דײַנע בערג

ניט אין דײַנע בערג בין איך געבוירן,
ניט געזויגן כ'האָב פון דײַנע קי,
ניט פון דײַנע שאָף האָב איך געשוירן
זיך אַ מאַנטל ביז איבער די קני.

ניט גענעבטיקט כ'האָב אין דײַנע היילן,
ניט געוואַנדערט איבער דײַנע שטעט,
ניט געהערט, וואָס דײַנע נעכט דערציילן,
אויף דײַן לשון האָב איך ניט גערעדט.

ניט גערעדט און ניט געטראַכט דײַן לשון,
דײַנע פאַרבן פריִער ניט געפילט,
דײַנע קוואַלן האָבן ניט געלאָשן
מיר מײַן דאָרשט און ניט מײַן קאָפּ געקילט.

וואָס זשע פיל איך איצט, ווי מ'וואָלט געשאָטן
דײַנע הייסע זאַמדן אין מײַן בלוט,

גלײַך מײַן קינדהייט וואָלט אויף זיי געטראָטן
און פּאַרהיט אויף שטענדיק זייער גלוט.

וואָס זשע פיל איך איצט אין מײַנע בלוטן,
גלײַך ווי עמעץ גיסט מיר פײַער צו
און ער ווינטשט מיר: זאָל דיר זײַן צו גוטן —
גלײַך ער איז מיט מיר שוין לאַנג אויף דו.

כ׳זע אַצינד אין חלום אָפּט אַ מיידל,
וואָס אין לעבן האָב איך ניט געזען,
און איך ווער מײַן עלטער־עלטער־זיידע,
ווען ער איז אַ יונגער־מאַן געווען.

2. צו די ישׂראל־הימלען

אָ, הימלען, גיט מיר אָפּ אַ פּלאַץ,
איך וויל מקבר זײַן מײַן מאַמען.
זאָל איר מצבה — ברײַנע חאַראַץ —
אין די ישׂראל־וואָלקנס פלאַמען.

איך ווייס ניט ווו זי אויסגעהויכט
האָט איר נשמה, אויף וועלכע וועגן,
איך בעט אַ ביסל הימלרויך
בײַ אײַך, בײַ אײַך פון אירעט וועגן.

איך בעט אַ וואָלקנדל אַ ווײַס,
תּכריכים ווײַסע אויפצוניי׳ן,
און שטערנדלעך, כאָטש איינציקווײַז —
זיי זאָלן בײַ איר קבר שטיין.

אָ, הימלען, גיט מיר אָפּ אַ פּלאַץ,
איך וויל מקבר זײַן מײַן מאַמען,
זאָל איר מצבה — ברײַנע חאַראַץ —
אין די ישׂראל־וואָלקנס פלאַמען.

3. לוד 1972

פֿאַר טאָג. אַראָפּ פֿונעם בריקל,
אַרויף אויף דער הייליקער ערד
און גאַרניט. איך האַלט אויף אַ שטריקל
מײַן פּעקל פֿון קלײנער װערט.

אין פּעקל אַ העמד מיט אַ זײפֿל.
איך טראַכט, איך בין נאָך ניט ראַזירט,
מײַן פֿרױ, זי איז ממש פֿאַרצװײפֿלט —
פֿאַרגעסן ס'בריװן־פּאַפּיר.

און שױן װיל זי שרײַבן אַ בריװל
דער שװעסטער, װאָס זי האָט פֿאַרלאָזט,
סאָלדאַטן אין שיך (ניט אין שטיװל)
פֿאַרװאַקסן און אָפּגעלאָזט

זיך דרײען אַרום מיט די ביקסן
אױף אַקסל און גלאַט אין דער האַנט,
אַ ייִדישע מױד, װי אַ שיקסל,
אין קלײדער פֿון אַ סערזשאַנט,

װאָס רעגולירט די באַװעגונג,
די טאַקסיס און זי רעגירט
מיט אױטאָבוסן און װעגן
און פֿירט די באַװעגונג און פֿירט.

מע ברענגט אונדז אַרױף ערגעץ אױבן,
ס'איז הײס, טו איך אױס דעם ראָק;
און דורך די גרױסע שױבן
פֿון סאַמע, פֿון העכסטן שטאָק

מיר קוקן אַראָפּ אױף אונדזערס,
מיר קוקן צום לאַנד אַרױס
און חוץ דעם לאַנד קײן באַזונדערס
געפֿינט מײַן פֿרױ ניט אױס.

און אַט איז די טאָכטער, דער איידעם,
זיך טרעפן לאָזט מען נאָך נישט,
זיי קוקן אַרויף צום בוידעם,
מיר קוקן אַראָפּ אויפן כּביש

און אַט זע׳מיר אַלע צוזאַמען,
די קינדער, דער קוש און די טרער,
די טאָכטער מיט דער מאַמען,
דער איידעם מיטן שווער.

4. טומלט ניט!

טומלט ניט און שטעלט מיר ניט קיין פֿראַגן,
איידער נאָך איך האָב מײַן האַרץ דערהערט —
צי איך בין צופֿרידן מיט מײַן לאַגע
אויף דער אויסגעבענקטער ערד.

לאָזט מיך קוקן, לאָזט אַליין מיך פֿילן
ווי די שטראַלן קלעטערן אויף בערג,
כ׳וועל נאָך הײַנט דאָס אויג ניט קענען שטילן
אויף די ברוינע ראַזשינקעס־און מאַנדלען־מערק.

לאָזט אַליין מיך אומגיין, לאָזט מיך שטײַגן,
גיט דעם רעדנער, וואָס אים קומט — אַ וואָרט,
מיר — אַ ביסל פֿרײַהייט אויף צו שווײַגן,
שווײַגן היט די הייליקייט פֿון אָרט.

5. חיפה

אין דער צײַט פֿון דראַנג און שטורעם
בויען מיר די בבל־בערג
אויפֿן קאַרק פֿון כּרמל־טורעם
און סע שפּיגלט זיך דאָס ווערק

אינעם אומרו פֿון די כוואַליעס,
אינעם אומרו פֿונעם ים,

וואָס אַ מאָל איז ער אַ טלית
און אַ מאָל אַ בלוויקייט סתּם.

אויף די זאַמדן אויף די נאַסע,
אויף די זאַמדן פונעם ברעג,
וואַרפט אַ ייִד די גלות־משׂא
אין דער שקיעה־שײַן אַוועק.

און ער שפּיגלט זיך אין וואַסער
און ער טובלט זיך אין ים
און ער גייט אַרויס אַ נאַסער
פונעם פּורפּור־פּלאַם.

און ער שטײַגט אַרויף צום טורעם
און ער קוקט צוריק אַט־אַט
און סע פורעמט זיך אַ שטורעם
אויפן שפּיגל פון דער שטאָט.

6. אין באר־שבע

איך קוק און איך זע: אַברהם אָבינו
טרעט אויפן דאָזיקן טראָטואַר
און אויף דער אימפּראָוויזירטער בינע
ער האַלט אַ רעדע ווי אַ שׂר.

זײַן שטעקן איז נאָך פון תּרח׳ס צײַטן,
נאָר אויפן קאָפּ ער טראָגט גאָר אַ הוט,
ער איז אויף אַן אייזל געקומען צו רײַטן
צום הײַנטיקן יום־העצמאות.

דאָס אייזל געלאָזט בײַם פאַרשוווּנדענעם טויער,
דעם מאַנטל־טלית אויסגעטאָן
און זיך פאַרקוקט אויף דער ווײַסער־בלויער
יצחקדיקער ישׂראל־פאָן.

די אייניקלעך — אַלטע, באַיאָרטע ייִדן
און יונגע חברה מיט בערד,

פון אַלע ווילדע וועלט־ירידן
צום זיידנס ברונעם זיך אומגעקערט.

ס׳איז שווער דאָס וואַסער אַרויסצובאַקומען
פון ברונעמס טיפן, פון דער טיפקייט פון צײַט,
נאָר אויסגעשליפן איז דער ברונעם
און ס׳לוינט זיך צו קומען פון אַל די ווײַט.

אין שווייס פון פּנים איר וועט דאָ פאַרדינען
דעם לויטערן טרונק, דאָס וואַסער־קרישטאָל,
סע שמעקט באר־שבע מיט אַברהם אָבינו,
וואָס כ׳האָב אים געזען הײַנט עטלעכע מאָל.

7. שטערן אויפן הימל

און דאַנקען גאָט, די שטערן האָבן ווידער
באַוויזן זיך אין הימל ווי אַ מאָל
און ווידער קלינגען אַלטע שטערן־לידער
און טאַקע ווידער און טאַקע נאָך אַ מאָל.

דאָס זעלבע לאַנד. די זעלבע שטערן ווידער,
וואָס שײַנען ווידער איבער באַרג און טאָל,
פון בבל ברענגט מען היים די ציון־לידער,
די ניט־באַפּלעקטע לידער פון אַ מאָל.

און ווער סע נעמט אונדז אויף מיט קידער־ווידער,
מיט בבל־דזשאַז, מיט הייזעריקן קול,
מיר ענטפערן: די שטערן האָבן ווידער
באַוויזן זיך אין הימל ווי אַ מאָל.

ירושלים, 1974.10.27

שמואל טאָפּ

מײַן לעצטער האָפּן

מײַן חנהן

א

עס האָט מײַן נײַגער מיט אומרו געוואָגלט,
נײַע האָריזאָנטן זען, פרעמדע לענדער, ווײַטע,
פילן דעם אָטעם פון צעגרינטע לאָנען
אויף בערג, וואָס האָבן מיט אײַז געהאָגלט
איבער שטעט מיט פאַרכּישופטע אָגמען.*

מיך האָט מײַן אומרו, אַ צעוויגטע זעגלשיף,
געטריבן איבער צעכוואַליעטע ימען.
איך האָב מיט שרעק געקוקט אין תּהומישן טיף,
און ווי אַ קינד געהוידעט און געוויגט
אויף וואַסער־שטורעמס פון צעברויזטע אָקעאַנען.

מײַן צעגליטע בענקשאַפט כ׳האָב טייל מאָל געקילט
אין בלוי־גרינע וואַסערן פון שטילע טײַכן,
דערלאַנגט ווי אַן אָדלער צו בערגיקע הייכן.
אין מיר האָט געפלאַטערט אַ פריידיק געפיל —
איך קאָן די זון מיט דער האַנט דערגרייכן!

---

* אָזערעס

ב

פאַר פרעמדע אויגן פאַרצוימט מיט הויכע צאַמען,
מײַן האַרץ, באַהאַלטן אין דינע קעמערלעך, עס גאַרט —
פון ליבשאַפט צום באַשאַף צינדט עס בלויע פלאַמען.
עס האָט די נײַע צײַט מיך קיין מאָל נישט פאַרנאַרט,
ווי זי פאַרנאַרט אַ יונגן מענטש צו נאַרקאָ־סמען.

כ׳וואַנדער תּמיד מיט ליבשאַפט אין האַרץ — און חלום.
אין וועלט פון שׂינאה זוכט מײַן שיף אַ שטילן ברעג,
אַ האַפן מיט אַ וועג־לאַמטערן אויפן ים —
מיט אַ גרינעם פײַער אין אויג — פון שלום,
וואָס ווײַזט די וואַנדערערס, פאַרבלאָנדזשעטע, דעם וועג.

ס׳טרײַבט דער ווינט — עס אײַלט מײַן וואַנדערשיף אַהין,
צום אויסגעבענקטן חלום — זיסן וואַסערפאַרט.
האָפענונג, מײַן קאָמפּאַס, פירט די שיף מיט קלאָרן זין.
איך האָף, אַז דו ועסט זײַן מײַן לעצטער האַפן —
ווי דו, בין איך פאַרליבט אין אייביק האַפן!

תּל־אָביב, 4טן אָקטאָבער 1973

בײַם קבר פון שמואל הנביא

ירושלים, אין שכנות פון סנהדרין־קברים,
אויף אַ שטילן, בלויען באַרג — בײַם גרענעצ־ראַנד
איז דײַן קבר, נביא שמואל, דאָרט פאַראַן,
דײַן גײַסט לעבט אין די תּנ״כישע ספרים.

דײַן קבר, נביא, איז אונטער ירדנס צאַמען,
דײַן גײַסט שוועבט פרײַ אַרום, לעבט אין פאָלק,
אין יעדן מענטש וואָס האָט דײַן אמת־פּאַסיע האָלט,
דײַן גערანגל — מיט די הערשער אויף די טראָנען!

דורך דורות, נביא שמואל, טראָג איך שטאָלץ דײַן נאָמען
מיט אַ מיריאַדן־ניצוץ פון דײַן נבואה —
דורך די שײַטער־הויפנס, קרעמאַטאָריע־קוימענס,

קום איך צו דײַן קבר — מיט אַ שטילן ציטער,
און צו דיר, ירושלים, האָרץ פֿון נביאים־לאַנד,
וועל איך עולה זײַן מיט געזאַנג פֿון תּבֿואה־שניטער.

ירושלים, 9טן סעפּטעמבער 1952

בלויע אויגן צוויי

עס האָט מײַן לאַנד אויגן צוויי,
טיפֿע, ווי די הימלען בלויע.
מיט פֿרייד אין האַרץ איך קוק אויף זיי —
ווערן זיי מיר ליב און טײַער.

קוקט איין אויג צו מיר פֿון צפֿון,
קוקט דאָס צווייטע אויג פֿון דרום.
ס'אויג פֿון ים־המלח — בלייך, פֿאַרשלאָפֿן,
ס'כּנרת־אויג — מילד, ווי נאָך אַ שטורעם.

פֿון די גרינע בערג אויף צפֿון,
פֿון פֿאַרברוינטע בערג אויף דרום,
ווען איך זע די אויגן, וויל איך האָפֿן,
ס'וועלן מער נישט זײַן קיין פֿײַער־שטורעמס.

עס האָט מײַן פֿאָלק פֿון דורות לאַנג
פֿון „אחרית־הימים" אַ חלום:
קומען וועלן טעג, ווען וואָלף און לאַם,
ווי ברידער, וועלן לעבן זיך בשלום.

עס האָט מײַן לאַנד אויגן צוויי,
טיפֿע, ווי די הימלען בלויע.
מיט פֿרייד אין האַרץ איך קוק אויף זיי —
ווערן זיי מיר ליב און טײַער.

תּל־אָבֿיבֿ, 6טן יוני 1978

זיאַמע טעלעסין

לידער

*

מײַן האַרץ
איז ערגעץ אין די בערג,
נאָר איך בין אין דער נידער...
מײַן האַרץ
פֿאַרגייט זיך דאָרט מיט לידער,
און איך מיט טרערן דאָ זיך ווערג.

מײַנע אותיות

ווי נאָר כ׳גיי פֿון שטוב אַרויסעט,
לויפֿן תּיכּף מיר אַנטקעגן
גאַנצע מחנות אותיות, אותיות —
פּונקט ווי נאָר פֿאַר מײַנעט וועגן.

אָט די אותיות, וואָס זיי זײַנען
דאָרט, אין יענעם לאַנד פֿאַרשטויסן,
העל צעשמייכלטע זיי שײַנען
אין דעם זוניקן אינדרויסן.

אַט די אותיות, וואָס פאַרבליבן
זײַנען דאָ אין הענט אין פעסטע,
וואָס מיט זיי מע האָט פאַרשריבן
דעם תּנ״ך — דאָס בוך דאָס גרעסטע, —
אומעטום אין דרויסן זעסטו:

אויף די ליכטיקע פראָנטאָנען,
אויף די שפּיגלדיקע שילדן,
יעדער אות איז מיט זײַן פּנים —
יעדער — טראָגט אַ גרוס אַ מילדן.

אויף די טומבעס מיט אַפישן,
אויף די פּלויטן מיט מודעות,
ס׳נעמען זיך צוזאַמענמישן
אותיות ווײַסע, רויטע, בלאָע, —

אויף די זײַטן פון די טאַנקען,
אויף די טויערן פון סקווערן,
אויף די שולן, אויף די באַנקען,
אויף די קינאָ־טעאַטערן,

אויף אַ מיצל בײַ אַ יאַטל,
אויף אַ זײַל, פון שטיין געטעסעט,
אויף אַ שוסטעריש וואַרשטאַטל,
אויף דעם מירמל פון דער כּנסת.

צו דעם בושל

איך האָב דיך גלײַך, מײַן טײַערער, דערקענט, —
געלעבט האָסט אויפן דאַך פון יאַנקעס שײַער,
האָסט אַזש אַהער דערקלײַבן זיך געקענט
דעם ווינטער איבערווינטערן, וואָס ברענט
איצט דאָרטן מיט אַ העליש־ווײַסן פײַער.

ווי דו וואַלסט אומגעקערט מיר אויף צוריק
אַהין, ווו כ׳בין אַ באַרוועסער געלאָפן,
און ווו דער זומער איז איין אויגנבליק.

נאָר ניט אַזוי דער ווינטער דאָרטן דריקט,
ווי ס'דריקט די כמאַרע וואָס שווימט אָן פון צפון.

אַוועקפליִען איז דיר געווען ניט שווער.
דאָ וואַרט דיך אָפּ אַ זומער אַ צעגרינטער.
ווי פון די קרומע לאַפּעס פון אַ בער,
האָב איך אַרויסגעריסן זיך אַהער
ניט נאָר אויף איבערווינטערן דעם ווינטער.

און ווי נאָר ס'ועלן פּלאַצן דאָרט די פרעסט,
וועסטו זיך קערן צו דײַן קאַנט דעם ליבן,
ווײַל דאָרט בײַ דיר פאַרבליבן איז אַ נעסט.
נאָר איך וועל זיך ניט קערן, ווי דו זעסט,
ווײַל דאָרט בײַ מיר איז גאָרנישט ניט פאַרבליבן.

אַ האָגל אין ירושלים

אַ האָגל אין ירושלים!
אין ירושלים אַ האָגל!
די קינדער, זיי זײַנען צעטראָגן,
פאַר שׂימחה זיי נעמען אַזש שרײַען:
— ברד בירושלים! —
אַ האָגל אין ירושלים.

ער קלאַפּט אויף די פּלאַטשיקע דעכער,
אין שויבן די האָגעלער פּײַקלען,
אין שטיינערנע שפּאַלטן און לעכער
די קײַקלענדיקע זיך פאַרקײַקלען.

ער האָפּקעט אַריבער די טרעפּלעך,
ער טאַנצט דורך די אײַזערנע צאַמען,
ער שנעלט אין די קינדערשע קעפּלעך
און שפּרינגט מיט די קינדער צוזאַמען...

אין שטוב וויל שוין קיינער ניט בלײַבן,
מע לאָזט זיך אין דרויסן, אין דרויסן!
דעבן זילבערנעם האָגל צו קלײַבן —

די קינדער נאָר דאָס זײַנען אויסן.
די קינדער, זיי זײַנען פאַרטראָגן:
אין ירושלים אַ האָגל!

מע בראָמקעט אויף אים מיט די פּיסלער,
מע שאַרט אים צונויף אין די הויפנס,
די אויסערגעוויינלעכע ניסלער,
וואָס קאָנסט זיי אין ערגעץ ניט קויפן.
פּאַר קעלט נעמען שטעכן די נעגל...
נאָר וואָס פאַר אַ ווערט האָט אַ נאָגל!
די פרייד גייט אַרויס פון די ברעגן —
אין ירושלים אַ האָגל!

פון אויבן, פון וואָלקנדלער ווייכע
דער האָגל זיך שיט ווי פון זעקלער.
דערוואַקסענע קוקן און שמייכלען,
ווי ס'פלאַמען די קינדערשע בעקלעך
בײַם כאַפּן די האָגעלער רונדע —
זיי קאָנען, חלילה, ניט סטײַען...
עס איז דאָך בפירוש אַ וווּנדער —
אַ האָגל אין ירושלים!

אויך איך ווער פאַרכאַפּט מיטן האָגל,
כ'נעם אויך מיט די קינדער זיך פרייען.
...נאָר גלײַך כ'ווער פון דאַנען פאַרטראָגן
אַהין צו, ווו ס'ווייען זאַווייען,
וואָס איבער די רחבותן וואָגלען
דורך וועלדער און פעלדער וואָס דרימלען,
ווו ס'פאַלן ווי שטיינער די האָגלען
פון דאַרטיקע בלײַענע הימלען...

מע הערט ניט אַפילו דײַן שרײַען —
ווער ווייסט ווו דײַן קול ווערט פאַרטראָגן...

אַ האָגל אין ירושלים!
אין ירושלים אַ האָגל!

יום־כיפור־מלחמה

איך זיץ אין עיר־גנים ביַי זיך אין שטוב.
דער טעלעוויזאָר האַלט מיך ווי אַ פּאַסטקע.
...און מיט אַ מאָל כ׳דערזע זיך אין אַ קאַסקע,
פון אונטער וועלכער ס׳קוקט אַרויס מיַין טשוב.

דער מידבר־שטויב אויף מיר זיך זיפּט און זיפּט.
דאָס כאַקי־העמדל איז אַ דורכגעשוויצטס.
צו פוס עס גייט ניט די פּעכבאַטע איצט,
מיר טראָגן זיך אויף אַ פאַרשטויבטן דזשיפּ.

צו דעם קאַנאַל מיר איַילן פון אילת.
די אָרטשאַפט איז דאָ אַנדערש ווי ביַי אָרשע.
וואָס אויסצושטיין איך האָב דאָרטן געהאַט!
מיַין לעבן איז געהאַנגען אויף אַ האָר שוין.

צו וועלכן אָפּגרונט נאָר, צו וועלכן ראַנד
געקראָכן איז ער, דער מלחמה־וועג דער שווערער:
געוויס אַ העלפט אייראָפּע, אויב ניט מערער,
כ׳האָב אין קירזאָווע שטיוול דורכגעשפּאַנט.

כ׳האָב דורכגעשפּאַנט? — עס רעדט זיך נאָר אַזוי.
כ׳האָב דורכגעפּויזעט ממש אויף די עלנבויגן.
געפלאַקערט האָבן דערפער פונקט ווי שטרוי,
געפּאַלן זיַינען שטעט אויף מיַינע אויגן...

געשריגן האָט די גטעאָ אָן אַ קול
דורך זאַרגלען פון די קרעמאַטאָריע־קוימענס.
מיט הייסן בליַי און גליִענדיקן שטאָל
מיר האָבן אויסגעפּשרט די מקומות.

עס איז אין מיר נאָך יענע קראַפט פאַראַן,
מיט וועלכער כ׳בין אַדורך די שיבעה־מדורי־גיהנום.
כ׳קען לאָזן זיך מיט דעם חייל אַט יענעם,
וואָס איז דערשינען ערשט אויפן עקראַן...

אַרײַן איז די מלחמה אין מײַן שטוב,
געוואָרן ביזן ביין כ'בין אויפגעציטערט.
...אַט רוק איך אָן זײַן קאַסקע אויף מײַן טשוב,
וואָס איז שוין דורכגעגרויט און עטוואָס שיטער.

איך בין דאָך אַ דערפאַרענער סאָלדאַט —
עס האָט דער טויט אויף מיר קיין שליטה ניט געהאַט.

אַ לעבן האָסטו אויסגעפּעלט מיר

צו שפּעט בין איך צו דיר געקומען
דאָ אויפצושטעלן מײַן געצעלט.
עס האָבן וויוגעס און סאַמומען
צו דיר דעם גלײַכן וועג פאַרשטעלט.

נאָר פאַרט האָב איך זיך דורכגעריסן, —
ווי פונעם וואָלקן יענער בליץ,
וואָס וויל פון קיין שום זאַך ניט וויסן, —
דעם וועג מיט פײַער דורכגעקריצט.

אַ לעבן האָסטו אויסגעפּעלט מיר.
מײַן צײַט כ'האָב אויסגעשעפּט כּמעט...
איז גיב זשע מיר אַ יונגע עלטער, —
אָן אַלטע יוגנט כ'האָב געהאַט.

יצחק יאַנאַסאָוויטש

היט מיך, גאָט...

היט מיך, גאָט, פון דער נסיונדיקער שעה,
ווען ס׳לעבן ווערט אויף יאָרן לאַנג אַנטשיידן
און אין דער רגע ווען קיין רחמים איז נישטאָ
זאָל איך אָן ברירה זײַן — מיט אַלעמען צו ליידן.

היט מיך, גאָט, פאַר דער צעהווידעטער מינוט,
ווען בלוט און פלייש זיך קריגט מיטן געוויסן.
נעם, אויב נייטיק איז פאַר עמעצן מײַן בלוט,
נאָר פּרווו מיך נישט מיט וואַקלונג פון באַשליסן.

היט אויס מיך, גאָט, פון שיכּרות־רויש פון מאַכט
און פון דער גבורה צו הערשן איבער יענעם.
ווען אין מײַן גבול זײַן עמעץ קליין און שוואַך,
בענטש מיך, גאָט, צו זײַן פון אים נאָך קלענער.

פון דער בלינדקייט, אַז תּמיד כ׳בין גערעכט,
היט מיך און באַשיץ מיך, גאָט געטרײַער.
און זאָל דאָס שלעכטס אין מיר, ווי אַ דאָרנשפּיץ וואָס שטעכט,
ברענען אין מײַן לײַב מיט יסורימדיקן פײַער.

היט מיך, גאָט, פון דער נסיונדיקער שעה,
ווען ס׳ווערט דאָס לעבן שוין אויף יאָרן לאַנג אַנטשיידן
און אין דער רגע ווען קיין רחמים איז נישטאָ
זאָל איך אַן ברירה זײַן — מיט אַלעמען צו ליידן.

המשך

פון זינט מ׳האָט זיי פאַרשניטן פון דער וועלט
האָב איך מיט זייער קול געגומען ריידן.
ווי דורך דעם פרישן גראָז ס׳גייט אויף דאָס אַלטע פעלד,
איז אויפגעגאַנגען אין מיר דער המשך פון מײַן זיידן.

איך טראָג דאָס פּנים פון אַן אומגעבראַכטן דור,
אין אַלע מײַנע שפּראַכן הערט זיך נאָר זײַן קלאָגן.
איך בין דער חלום נאָך אַן אויסגעבערענטער וואָר,
די לאַנגע נאַכט נאָך אַן אויסגעלאָשן טאָגן.

אין דעם באַוועג פון מײַנע אויפגעפּאַכטע הענט
איך זע איצט תּנועות פיל וואָס זענען גאַרנישט מײַנע.
אין קרומען בויג פון מײַנע אַקסל איך דערקען
זייער עול און זייער שטומע טענה.

ס׳איז מײַן געדאַנק דעם ווילן מער נישט טרײַ,
ווי אַ רויך אין ווינט ער הוידעט זיך און וואַקלט.
רגילותן פון דורות מיך בינדן און דערבײַ
זיי פירן מיך אַוועק צום אומפאַרמײַדלעכן סך־הכּל.

קיין ירושלים

קיין ירושלים קומט מען נישט,
קיין ירושלים קערט מען זיך אום.

קיין ירושלים שטײַגט מען אויף,
אויף דער לייטער פון דורות,
אויף די שטאַפּלען פון בענקשאַפט,
אויף די טרעפּ פון דערלייזונג.

פולע לאָגלען מיט וויַין פון געדענקשאַפט
טראָגט מען מיט זיך קיין ירושלים.
אויף יעדן באַרג, אויף יעדן היגל,
אין די שטיינערנע געסלעך, די וויַיסע,
טרינקט מען לחיים
מיט יאָרן
פון זכּרון
וואָס זענען אויפגעשטאַנען תּחית־המתים.

קיין ירושלים קומט מען נישט,
קיין ירושלים קערט מען זיך אום.

דאָ איז אונדזער היים

פון אַלע עקן וועלט
זענען מיר געקומען דאָ אַהער
און דעם כּזית ערד
באַוואָסערט מיט אונדזער טרער,
אויסגעלייזט מיט אונדזער בלוט
און אויפגעריכט מיט אונדזער מאַרך און שווייס.

פון אַלע עקן ערד
זענען מיר געקומען דאָ צוריק,
צו זיך אַהיים.
געטריבענע פון מעלאַס אין מאַראָקאָ,
געיאָגטע פון קרעמאַטאָריעס בײַם ריין,
פון זאַטן נע־ונד,
פון רויטן שמד.

דאָ איז אונדזער היים,
פון גאָר אַ מאָל און אויך פון היַינט.
מיטן גוף פון בכורים האָבן מיר געלייגט איר פונדאַמענט
און מיטן בלוט פון אונדזערע יינגסטע,
מיר שיצן היַינט נאָך אירע ווענט.

דאָ איז אונדזער היים,
נישטאָ מער ווו צו גיין.

דאָ בלײַבן מיר אַ גאַנצע נאַכט
אין פּײַן,
דערוואַרטנדיק דעם אויפשײַן
פונעם טאָג,
אַפילו ער פאַרשפּעטיקט זיך...
דעצעמבער 1973

ייִדיש

האַר פון מײַנע חלומות,
ווען דער ווײַסער צוויט האָט געבליט אויף די ווײַנשלבּיימער
האָסטו געהייסן מיך ציילן די שטערן אין הימל
און דאָס זאַמד בײַם ברעג ים.
האָסט מיר צוגעזאָגט אַזאַ נחלה
וווּ מײַן ייִדיש וועט אייביק גרינען
און וווּ די פייגל אויף די דעכער
וועלן לערנען מײַנע קינדער און קינדסקינדער
דאָס ליד פון אמונה אין דײַן צוזאָג.

ווען די גרינע קנאָספּן האָבן געפּלאַצט אויף די צווײַגן
האָסטו געפּרוּווט מיך מיט אַלע נסיונות פון וואָגל
און מיט דעם פאַרטויבנדיקן פּײַן פון נע־ונד,
און ווען איך בין אויף הפקר־שטרוי געלעגן,
וואַרטנדיק דער מאָרגנדיקער טאָג זאָל מיך פאַרגעסן,
האָסטו געזאָגט צו מיר: שטיי אויף און נעם דײַן לשון
און דערטראָג עס מיט אמונה צו מײַן צוזאָג.

ווען די עפּל זענען רײַף געוואָרן אויף די ביימער
האָסטו מיך צוריק געפירט צום לאַנד פון דער עקדה
און צום אַש פון אַ פאַרברענטער היים.
האָסט מיך געטראָפן צווישן חורבות
און באַפוילן: גיי פון דאַנען;
גיי, זוך אויף מיט יאָמער דײַנע ברידער,
ווײַל דורך געוויין וועל איך דעם לשון דײַנעם
פאַראַרבן די נחלה פון מײַן צוזאָג.

איצט פאַלן שוין אויף דער ערד די לעצטע בלעטער,
אוי, נישט די בלעטער בלויז, נאָר אויך די הויכע ביימער
אויף וועלכע ס'האָט אַ מאָל געבליט מײַן לשון.
איצט אָבער האָב איך מער שוין נישט קיין גילוי־חלום.
פאַרשווונדן ביסטו אין דער נאַכט, כאָטש איך רוף דיך
אין דער באַדרענגעניש פון אָפּגענאַרטקייט
אַז דו זאָלסט מיך ווי אַ קינד פאַרשפּילן מיט דײַן צוזאָג.

האָר פון מײַנע חלומות,
פאַר וואָס האָסטו פאַרלאָזן מיך אין דער ענגשאַפט
ווען כ'וויל שוין גאָרנישט, גאָרנישט,
אַחוץ דעם שימער פון דײַן נאָרנדיקן צוזאָג?

מלווה־מלכּה

דאָס כּזית דאָרע חלה איז אײַנגעטונקט
אין שלוש־סעודותדיקן אומעט.
דעם טאַטנס בני־היכלא־ניגון
און דער לעצטער זונשטראַל אויפן שבתדיקן מוציא־מעסער
און דער פליגנזשום אין דער אײַנגעוויגטער טונקלעניש —
אַלץ איז ווי אַ וואָר וואָס האָט זיך שוין אַ מאָל געחלומט.

באַלד וועט אַ שטערן אַ פינקל טון אין שויב,
באַלד וועט די מאַמע זאָגן צו גאָט פון אַברהם אַ לויב
און וועט אויסטאָן די זײַדענע שאַל, די ווײַסע...
אוי, עס גייט מיר דען אין דער מאַמעס שאַל?

דער געלער שוועבלפלאַם רײַסט זיך פון דער מאַמעס פינגער.
די אויפגעוויגטע לאַנגע שאָטנס
און דעם טאַטנס אַנגעטערערטער קול בײַ ויתן לך
און דאָס צישענדיקע פלאַקערן פון דער הבדלה —
אַלץ איז ווי אַ חלום וואָס איז אַ מאָל געווען וואָר.

באַלד וועט מען באַהאַלטן דעם הבדלה־כּוס,
באַלד וועט דער טאַטע פאַררייכערן זײַן אַסטמע־פּאַפּיראָס
און וועט צעבינדן דעם געפלאָכטענעם גאַרטל, דעם שווערן...
אוי, עס גייט מיר דען אין דעם טאַטנס גאַרטל?

דער טאַטע נעמט זיך גלײַכלייגן דעם שווערן וואָלענעם טלית.
דאָס שמאָלע, שוואַרצע חשבון־ביכל
און די קנייטשן אויף זײַן הויכן פּאַרמעט־שטערן
און דער אײַזערנער טאָפּ וואָס באַווײַזט זיך אויף דער קיך —
אַלץ זאָגט אָן אַז ס'איז אַ סוף צום זיסן חלום.

באַלד וועט קומען דער קצב מיט אַ פֿאַרבלוטיקטער פּעל,
באַלד וועט דער גאַרבער־ריח אַריבער אונדזער שוועל
און די שרעק וועט אויפֿגיין פֿון אָקסישע הערנער, קרומע...

אוי, מײַן מורא פֿאַר די קרומע־אָקסן־הערנער!

ווען כ'וועל אַוועק...

מלכּהלען

און ווען איך וועל אַוועק פֿון דאַנען,
וואָס בלײַבט פֿאַר אײַך מיך צו דערמאָנען?

— עס בלײַבט אין סאָד אַ גרינע צווײַג
וואָס וויגט דעם ווינט אין אירע בלעטער
און אין דער שעה ווען אַלצדינג שווײַגט
מיט סוד פֿון ווערטער נישט־דעררעדטע —
וועט עמעצער פֿון אײַך, קאָן זײַן,
פֿאַרקוקן זיך אויף גרינע צווײַגן
און זאָגן שטיל אין אָוונטשײַן:
ס'איז גוט געווען מיט אים צו שווײַגן.

וועט עמעצער פֿון אײַך, ווער ווייסט,
דערמאָנען זיך אין מײַנע לידער
און זאָגן: גאָט, דו איינער ווייסט,
אַז אויך אין שעהען פֿון ירידה
האָט ער זײַן וואָרט פֿון רעש געהיט
און נישט געלאָזט אין טומל שטײַגן.
כאָטש אָרעם האָט זײַן וואָרט געבליט,
דאָך רײַך געגרינט האָט עס מיט שווײַגן.

דאָס שװײַגן װאָס אין האַרצן זינגט
האָט ער מיט שאָטנפֿאַרב פֿאַרשריבן
און ס'איז, אָ, האַר, פֿון אַלעמדינג
אַ ביסל שטילקייט נאָר פֿאַרבליבן;
די שטילקייט פֿון אַן אָװנט־שעה,
װען װינטן חלומען אויף צװײַגן...
דער װינט איז דאָ, דער בױם איז דאָ
און דאָ איז אױך זײַן גרינגער שװײַגן.

אָט דאָס, קאָן זײַן, מיך צו דערמאָנען
פֿאַרבלײַבט װען כ'װעל אַװעק פֿון דאַנען.

לעבן מײַנס

איך װיל נישט קײן סך פֿון דיר אָ, לעבן מײַנס.
איך בעט בײַ דיר די פּראָסטע רו נאָר פֿון אַ בױם,
װאָס דרימלט מיד אין זומערדיקן פֿעלד
װען זײַנע צװײַגן װיגן זיך קױם־קױם
אין חלום פֿון אַן אײַנגעמידטער װעלט.
כאָטש שװער איז אפֿשר אױך בײַ נאַכט, אין פֿעלד אַלײן,
אַ בױם אין גאַנצער גרײס — צו זײַן פֿון אַלעם העכער
און איבער אַלעם, הױך, אין פֿינצטערניש צו שטײן,
פֿון יעדן װינט אין חושך אױפֿגעפּעכערט.
ס'װיל אפֿשר אױך דער בױם פֿון אָרט זײַנעם אַװעק
און אין דער פֿינצטער דאָ — ער װיל װי גראָז בײַ דר'ערד,
זײַן קלײן און אומבאַמערקט אין יענער שעה פֿון שרעק,
אין יענער שטילער שעה, װען אַלץ אַרום װערט שטום
און פֿאַרכטיק אײַנגעהערט אין זיך און אין אַרום.

איך װײס אָ, לעבן מײַנס: ס'איז אפֿשר שלעכט דעם בױם,
װאָס קאָן נישט נאָכיאָגן זײַן אײגן בלאַט אין װינט,
װי ס'יאָגט די קװאָקע נאָך איר הינדעלע — דאָס קינד
און אונטער אירע פֿליגל נעמט עס צוריק אַרײַן.
נאָר אױב איך בעט בײַ דיר די רו פֿון בױם אַצינד,
איז עס דערפֿאַר,
װאָס אױב ס'װעט נאָך אַ מאָל אַ שטורעם זײַן,
װיל איך אַ בױם אין פֿעלד דאָ בלײַבן שטײן

פאַרשטאַרט.
און אויפן זעלבן אָרט פאַרעקשנט, פעסט און שטום,
מיט וואָרצלען אין דער טיף פון שוואַרצער רויער ערד,
שטיין אָט דאָ ווי איצט אין הונדערט יאָר אַרום,
אין אייגענעם געראויש פון בלעטער איינגעהערט.
דאָ אויפן זעלבן פעלד, אין גאַנצער גרויס געשטרעקט
אין פחד פאַרן שטורעם, דאָך נישט פון אָרט אַוועק.

און וויסן, לעבן מיינס: אַז אויפן זעלבן אָרט,
ווי ס'האָט געדראָעט מיך די טעמפּע האַק פון מאָרד,
וועט אויפגיין פון מיין שטאַם אַ בלינדע רויע צווייג
און ווידער ווערן בוים, וואָס פון די גרונטן שטייגט,
אין גאַנצער גרייס אַליין, פאַרעקשנט, שטייף און שטום —
אַ בלעטערדיקער בוים אין הונדערט יאָר אַרום.

מאיר יעלין



איצט וועט עפּעס בלײַבן...

(דערציילונג)

א

אַזוי פּלוצעם, אַזוי אומגעריכט. אַוועקגעפאַלן, צו קבר־ישׂראל געקומען, און אויס, ניטאָ, געענדיקט. ווען ער קרענקט, ווען ער ראַנגלט זיך מיטן טויט, וואָלט זי געהאַט צײַט צו קעמפן פאַר זײַן לעבן. ווועלטן וואָלט זי אײַנגעלייגט. און אפשר אויך צעשטערט די כּוונה פונעם מלאך־המוות. אויב אַפילו דאָס געראַט איר ניט, וואָלט דער ווייטיק פאַרט ניט געווען אַזוי פּלוצעמדיק שאַרף, אַזוי אומגעריכט בייז און וואָלט ניט מיט אַזאַ אַכזריות אײַנגעוואַליעט איר וועלט.

געווען אַ מענטש, פאַרשווונדן געוואָרן, ווי ניט געווען. און אַ ייִדישער שרײַבער דערצו! אַ שרײַבער — ער זעט און הערט טיפער, פילט טיפער, דענקט טיפער פון אַ פּשוטן בשׂר־ודם. און קאָן דאָס געזעענע, דערהערטע און דערפילטע אָנטאָן אין אַ וואָרט־לבוש, קאָן זײַנע מחשבות געבן אויסדרוק. ווי אַ שליח־ציבור. און דער פאַראײן פון די ליטעראַטן... ניט געפונען פאַר נייטיק אָפּצודרוקן אין צײַטונג עטלעכע ווערטער וועגן דעם אַוועקגעגאַנגענעם אויף שטענדיק. אָפּגעקומען מיט אַ טרוקענער מודעה אין אַ שוואַרץ רעמל, אַז ס'איז געשטאָרבן דער מיטגליד פונעם פאַראײן בערל וואַסערשטרום, און שוין. יאָ, אויסגעדריקט מיטגעפיל — איר, זײַן אַלמנה. געזשאַלעוועט אָבער צוצוגעבן צו זײַן נאָמען די צוויי ווערטער „דער שרײַבער". ניט פאַרגונען צו זאָגן וועגן אים די דרײַ ווערטער „דער באַקאַנטער שרײַבער". און אַזוי פאַרשעמען אַ ניפטר ברבים — ניט געשיקט קיין פאָרשטייער צו דער לוויה!

אויך זײַנע פען־חברים! קיין איינער האָט זיך ניט מטריח געווען אָפּצוגעבן דעם לעצטן כּבוד אַ געשטאָרבענעם קאָלעגע. צוליב אַ קרענק ניט געקומען אים באַגלייטן אַפילו זײַן גוטער פרײַנד, דער לא־יוצלח, — אַ ניט קיין

אַנערקענטער פּאָעט, וואָס אויך בערל האָט פון אים ניט געהאַלטן. בײדע — ברוגזע, פאַרביטערטע, פלעגן זײ אָפט אײנער פאַרן צווײטן אויסגלײַכן זײערע פאַרדראָסן און פאַראיבלס אויף די ראָשי־המדברים פון די שרײַבערס; זיך געקאָכט, געשוימט אויף ליטעראַטן, וואָס טוען אַלץ אין דער שטיל, סקראַבען צונויף פון פאַרשײדענע פאַנדן די מיטלען אויף צו דרוקן זײערע ביכער, גיבן זײ אַרויס בסוד־סודות, אַ צווײטער זאָל חלילה ניט אַנשפּאַרן צו די מקורות וואָס העלפן זײ דערין, — צי גאָר אַרויסכאַפּן די בכורה פון אַ וועלכער ניט איז ליטעראַטור־פּרעמיע.

זי דערמאָנט זיך: עמעצער פון די שרײַבערס פלעגט צו מאָל אַרײַנשיקן זײַנס אַן אָקערשט אַרויסגעקומען בוך (צי אויס אַמאַליקער גוט־פרײַנדשאַפט, צי ווײַל ער, דער מחבר, האָט סײַ ווי ניט געהאַט ווו די ביכער צאַהינצוטאָן). זײער אָפּגעהיט, איר בערל זאָל ניט פילן זיך געטראָפן און ניט מײנען, אַז זי מישט זיך אין זײַנע ענינים, פלעגט זי פרוּוון אָנדײַטן:

— אויך מיר קאָנען. מיר'ן זיך אָנשטרענגען און שאַפן די בײטיקע מיטלען. גיב עפּעס אַרויס. ס'דערשײַנט אַ בוך, מאַכט מען לכּבוד דעם אַן אָוונט, לכּבוד דעם מחבר...

אויך די דאָזיקע באַדאַכטע ווערטער פלעגט ער ניט פאַרטראָגן, און אויפגערעגט־גאַליק איז שטענדיק געווען זײַן ענטפער:

— בענקסט נאָך נײַע פּעקלעך ביכער אונטער די בעטן? פּעקלעך, דירעקט פון דער אײַנבינדערײַ. ס'ערשטע בוך מײַנס מאַריגירט זיך נאָך דאָרטן. אַ ייִדיש בוך נעמט הײַנט קײנער אין האַנט ניט אַרײַן.

אַזוי אײַנגעשפּאַרט געווען. אָן אַ שמץ פון אײגן־ליבע. אין גאַנצן אָן אַמביציע. בלויז פאַרביטערט, פול תּרעומות אויף דער גאַנצער שרײַבערישער חברותא.

ווען ער דרוקט זיך עפּעטער, ווען ער לאָזט אַרויס ביכער, וואָלט ער געוויס ניט געווען אַזוי פאַרשוויגן, פאַרגעסן און פאַרלאָזט. אַזאַ נעבעכדיקע לוויה! ניט קײן באַגלײטערס, ניט קײן הספּדים. האַסטיק האָט אָפּגעשאַלעמויזעט די סקאַרבאָווע פּסוקים דער אָפּריכטער פון דער קבורה־צערעמאָניע און בעת ער איז דערגאַנגען צום קדיש זאָגן, האָט מען געמוזט אָפּהאַלטן פאַרבײַגײענדיקע מאַנסלײַט צו אַ מנין. די עטלעכע עלטערע שכנות וואָס זענען מיטגעפאָרן אים אַרויסצובאַגלײטן, האָבן עס געטאָן אפשר מער כּדי אַרײַנצוכאַפּן פאַר אײנס אָן איבעריקע געלעגנהײט צו לאָזן אַ טרער אויף קברים פון אײגענע גוטע בעטערס.

אַזוי באַוועלט, אַזוי פאַרשעמט צו ווערן! אַוועק אָן דעם ביסל אָפּשײַ און דרך־ארץ, וואָס קומט אַ מענטשן בעת ער צעשײדט זיך פון דער וועלט. דערצו דער בזיון פון איר אײנאַלײניקײט...

פון אַ שיף וואָס צעאַקערט די וואַסערפלאַך בלײַבט ניט קײן סימן אויפן וואַסער. אַ פויגל לאָזט ניט איבער אין דער לופט קײן סימן פון זײַן פלי. אַ קרעכץ הויכט אויס זײַן ווײ אין חלל און פאַרגײט, ווי ניט געווען. און אַ

מענטש? און אַ שרײַבער דערצו? צי דען איז ער געגליכן צו אַ שיף אויף וואַסערן, צו אַ פויגל אין דער לופט, צו אַן אַרויסגעהויכטן קרעכץ?

אַרויסגעבאַגלייט האָט זי איר בערלען אין אַ לויטערן נאָכמיטאָג און איבערגעלאָזט אים אין שויס פון גלײַכגילטיק־שווײַגנדיקע, קאַלטע, ווײַסע מצבֿות. איז ער ווי פאַרזונקען געוואָרן אין אַ ווײַס ניט־ווערן. זי ווייסט פון דער שול, אַז ווײַס איז דווקא די פאַרב פון זײַן — דאָס געמיש פון אַלע ספּעקטערפאַרבן. ווו זשע איז בערלס זײַן? דער זכר, די שפּור, דער פאַרבלײַב זײַנער? איר שולד איז עס געווען, וואָס זי האָט ניט אויסגעטראָגן בערלס אַן אָפּשפּראָץ. האָט איר נאָך מער געקרענקט זײַן פאַרשווינדן אי ווי אַ מענטש, אי ווי אַ שרײַבער.

זי ווייסט ניט, צי בעתן שיבֿעה זיצן מעג מען מיט עפּעס זיך פאַרנעמען. זי זוכט ניט קיין היתּר, ווײַל פאַרנעמען זיך מיט ענינים, וואָס זענען נוגע דעם ניפטער, מעג מען אוודאי. אָט, זײַנע כּתבֿ־ידן. קיין מאָל האָט זי זיך ניט דערוועגט זיי אָנצורירן. איצט מוז זי. און טאַקע באַלד, ניט אָפּלייגן.

אין אַ באַזונדערער פּאַפּקע האָט ער געהאַלטן זײַנע פאַרענדיקטע און ניט קיין פּובליקירטע שריפטן. אין די שופלאָדן פון זײַן שרײַבטיש איז אַן אָרדענונג, ווי ס׳געהער זיך אַ פּעדאַנטישן קאַנצעלאַריסט, וואָס ער איז געווען אַ לעבן לאַנג. געפינט זי די דאָזיקע פּאַפּקע. פלעמלעך נעמען זיך צינדן אין אירע שפּיץ פינגער, ווען זי רירט זיך צו צום פּאַפּיר, און טרערן פאַרנעפּלען די ראיה, צווינגען אַראָפּנעמען די ברילן, וואָס זי האָט אָנגעטאָן צום לייענען, צווינגען אויסווישן די אויגן.

אויף בערלס שרייבמאַשינקע אָפּגעדרוקטע זײַטלעך, פאַריתומטע און פאַרלאָזטע, לייגט זי אויס אויפן טיש. אויך עטלעכע צוזאַמענגעקלאַמערטע זײַטלעך — אַ דערציילונג. די ברעגעס פונעם פּאַפּיר — פאַרגעלט. אַ פּנים, שוין מיט אַ צײַט צוריק אָפּגעקלאַפּט. די אונטערשטע לינקע ווינקלען פונעם פּאַפּיר־בויגן — צעקנייטשט, אָפּגעריבן. קענטיק, דורכגעגאַנגען הענט — מ׳האָט זיי געבלעטערט, געלייענט. רעדאַקטאָרן, מסתּמא. מעגלעך, אַז דער כּתבֿ־יד איז לאַנג אָפּגעלעגן אין רעדאַקציעס און אומגעקערט זיך צום מחבר. אוודאי צוליב בערלס נאָכגיביקייט, טראַכט זי. אַ ווייכער און אָפּהענטיקער מענטש געווען. ניט אַזוי גייט מען דורכן לעבן. איצט, צו די שלושים, וועט אַ צײַטונג מוזן אָפּדרוקן עפּעס פון זײַנע שריפטן. און כאָטש אַ קאַפּ גוט מאַכן די עוולה, וואָס מ׳איז לגבי אים באַגאַנגען. אויפשטעלן זײַן כּבֿוד, רעהאַביליטירן זײַן שרײַבערישן נאָמען. וועט דער ווייטיק פון איר אַבֿדה אַ ביסל געלינדערט ווערן.

זי געפינט אין דער פּאַפּקע נאָך עטלעכע צונויפגעהאָפטענע מאַשינשריפט־זײַטלעך — אַ צווייטע קורצע דערציילונג. די ערשטע זײַט אירע — מיט רויטן טינט שטאַרק צעמעקט און פול מיט תּיקונים. ווי ס׳זעט אויס, האָט מען אין אַ

רעדאַקציע אָנגעהויבן פּראָווען דעם טעקסט, אויפגעהערט און צוריקגעשיקט דעם מחבר זײַן כתב־יד.

נאָך אַ פּאַפּקע האָט זיך אײַנגעפונען. אין איר — לויזע בלעטלעך, פאַרשריבענע מיט בערלס קלאָרע און שיטער צעשפּרייטע אותיות. עטלעכע אָנהייבן פון דערציילונגען און בעיקר — נאָטיצן אויף שטיקלעך פּאַפּיר, אָפּגעריסענע פאַרצייכענונגען, פּרווון עפּעס צו באַשרײַבן. און דאָס גאַנץ. די שופלאָדן פונעם שרײַבטיש זענען פול געווען מיט זאָרגעוודיק געסדרטע דאָקומענטן, געהאַלט־צעטלעך, הודעות פון דער באַנק וועגן אָפּשפּאָרונגען און שטאַנד פון זייער קאָנטאָ, קבלות פון געסילוקטע חשבונות פאַר עלעקטריע, וואַסער, גאַז, טעלעפאָן. אַלץ גענוי צונויפגעהאָפטן לויט חדשים און יאָרן...

מ׳האָט זי אַ ביסל געשטערט. שכנים זענען אַרײַן מקיים זײַן די מיצווה פון מנחם־אָבל זײַן. אַ טעלעפאָן־קלונג האָט זיך אַרײַנגעמישט. פאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז געווען בערלס פרײַנד, דער שלימזלדיקער פּאָעט. ווידער געבעטן מוחל זײַן, וואָס ער קאָן ניט קומען צוליב זײַן קרענק.

אויף דער אײַנשלעפעריק־קלעפּיקער עלעקטרישער שײַן, אויף די געהאַמעוועטע באַוועגונגען פון די מענטשן און אויפן שווער אויפקומענדיקן געריידש זייערן האָט געדריקט אַ לאַנגער טאָג האָוועניש און אַ לוויה דערצו. זענען די שכנים באַלד זיך פונאַנדערגעגאַנגען און איבערגעלאָזט זי מיטן טויט־מידן אָוונט פון אָט דעם לאַנגן טאָג, דעם לענגסטן אין איר לעבן, וואָס זי האָט ניט געלאָזט קומען צו קיין סוף. פאַר איר האָט זיך אַלץ געצויגן דער המשך פונעם נעכטן, וואָס האָט בערלען די אויגן פאַרמאַכט. ס׳איז דער לעצטער טאָג, אין וועלכן זי האָט געהאַט אויפגעהאַלטן צו בערלען דעם לעצטן ערדישן צובונד.

אויפהאַלטן, אויפהאַלטן דעם צובונד! האָט זי זיך ווידער גענומען צו דעם, וואָס פון אים איז געבליבן. אויפן שרײַבטיש — פונאַנדערגעלייגטע זײַטלעך. אַלע זיי איבערגעלייענט, אַלע, אַלע, און... ווי עמעצער וואָלט זי אָן רחמנות דערשלאָגן און טיף ווי געטאָן, באַליידיקט, דערנידעריקט. וויי, וויי, אַזוי פּוסט, ליידיק, אַזאַ אָרעמקייט, אַזאַ דלות! און איבערגעלעבט האָבן זיי דאָך ניט ווייניק: געטאָ, לאַגער. איבער ביטער־שווערע אומוועגן זוכה געווען צו באַטרעטן די ערד פון אַן אייגענער היים. און באַלד אַרײַן אינעם געראַנגל פאַר דער אייגענער טאָג־טעגלעכער אויסקומעניש און קיום. בערל, ער האָט געהאַט וואָס צו דערציילן און באַקומען האָט זיך אַ בידנע, אומזיכערע שטאַמלערײַ. אַ שרײַבער? אפשר בלויז אַ פּשוטע אײַנרעדעניש בײַ אים, אַ קליינלעכע כּבוד־זוכערײַ... זי איז געבליבן זיצן בײַם שרײַבטיש אַ פּריטשמעליעטע און צעוזאָטענע צו אים. אויפגעהערט האָט זי פּלוצעם זיך צו וווּנדערן, וואָס מע האָט לעצטנס קיין זאַך בערלס ניט געדרוקט. אויב זי זאָל דערפון איצט אָנבאָטן אַ רעדאַקציע, צו שלושים, למשל, וועט מען עס ווידער פּסלען. אַלץ איז גאָרניט זאָגנדיק, מסופּק בלוטאָרעם. אַן אומבאַהאָלפן, אַ טרוקן שרײַבעכץ, אָן אַ פּיצל דערהייבונג,

אָן ליבע און לײַדנשאַפט, אָן אַסאָציאַציעס, אָן אַ נשמה־יתירה, אָן דער װאַרעמקייט פון לעבן. פון אַ מענטש אין די יאָרן, װי בערל איז געװען, האָט מען געמעגט פאָדערן: מאַך אָדער לאָז געמאַך!...

אַרויסגעטראָגן דעם דאָזיקן פּסק־דין, האָט זי זיך פונאַנדערגעכליפּעט און לאַנג ניט געקאָנט קומען צו זיך.

זי האָט זיך דערמאָנט: אויך אין זײַנע מיט יאָרן צוריק געדרוקטע זאַכן, הגם זיי זענען געװען זײַנע, האָט זי קיין טעם ניט געפונען. ניט געפּועלט בײַ זיך דעמאָלט אָפן און ערלעך צו זאָגן איר מיינונג. ניט געװאָלט אים אַנטאָן עגמת־נפש. אויף זײַנע שאלות, װי ס׳געפעלט איר, פלעגט זי אָפּקומען מיט אַ פאַרעװעט „ניט שלעכט". איצט אָבער קאָן זי ניט, טאָר ניט בלײַבן גלײַכגילטיק צו זײַן שרײַבערישן גורל.

עטלעכע מאָל האָט זי איבערגעלייענט דעם כתב־יד, װאָס עמעצער האָט אָנגעהויבן פּראַװען. געפּרוּװט פאַרשטיין, װאָס דאַרטן האָט זיך געזאָלט אָפּשפּילן, און גענומען איבערשרײַבן, איבערדערציילן פון דאָס נײַ דעם סיפּור־המעשׂה. זי האָט װי געטונקט די פען אין פאַרב און חיות און אָפּגעפרישט די שורות פון דער דערציילונג; בילדערישער געמאָלן די סביבה, װוּ די געשעענישן זענען זיך פאַרלאָפן. נאַטירלעכער און שאַרפזיניקער האָט בײַ איר גענומען רעדן דער פּערסאָנאַזש. דעם סוזשעט האָט זי דערגעבן שפּאַנונג, פאַרשאַרפט דעם קאָנפליקט און דערפילט, אַז זײַן לאָגישע אַנטוויקלונג מוז דערפירן צו אַן אַנדער סוף און ניט צו אַזאַ, װי פריִער. דערפירן צו אַ נײַעם סוף — אַן אומדערװאַרטן, אַזאַ װאָס זאָל אַרויסרופן בײַם לייענער נאַכטראַכטעניש און איבערלאָזן אים מיט אַ ניט קיין געשטילטן נײַגער.

דער מיט רויט געפּראַװעטער טעקסט איז איר לכתחילה געװען אַ שטיקל װעגװײַזער. באַלד איז זי אָבער אַװעק מיט אַן אייגענעם דרך.

יונגערהייט האָט זי אונטערגעזינדיקט מיט דער פען — געשריבן לידער. אין איר לעבן האָט זי אַ סך געלייענט, געהאַט אַ תּאַװהדיקע הנאה פון גוטער ליטעראַטור. פאַר חברטעס פלעגט זי לײַדנשאַפטלעך איבערדערציילן גאַנצע ביכער, אָפט ענדערנדיק דעם אינהאַלט לויט איר אײַנפאַל און געשמאַק. אַ לעבן לאַנג האָט זי געגאָלטן פאַר אַן אויסגעצייכנטער בריװשרײַבערין. האָט זיך איר טאַקע מאָדנע לײַכט איצט געשריבן. פון האַרץ האָט עס געשטראָמט אויפן פּאַפּיר דורכן שפּיץ פון דער פען...

ביז שפּעט אין דער נאַכט איז זי געװען פאַרטאָן בײַם שרײַבטיש און געפילט בערלס נאָענטקייט, זײַן אינטימען באַריר, װי אין דער זיסער יוגנט. ביזן באַגינעני װאָס האָט אַ טויט־בלייכער און פאַרחלשטער זיך אַרײַנגעשפּאַרט דורכן פענצטער, האָט זי אָנשטאָט בערלען אות פאַר אות אויסגעקלאַפּט אויף דער שרײַבמאַשינקע שורות. שורות, װי זיי האָבן, לויט איר נאָך, געדאַרפט אָנגעלאָדן װערן מיט אינהאַלט.

בערל האָט זיך עטלעכע מאָל פאַר איר באַוויזן און צופרידן געשמייכלט, צושטימענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

ב

ס'איז געווען קענטיק, אַז דער רעדאַקטאָר פון דער יידישער צייטונג האָט ניט מיט קיין גרויסן חשק אויפגענומען די קליינוווקסיקע, איינגעשרומפּענע, געעלטערטע פרוי אין שוואַרצן, וואָס האָט זיך אָנגעמאָלדן ווי די אַלמנה פונעם שרייבער בערל וואַסערשטרום. וואַסער שרייבער איז ער געווען?! יאָרן האָט ער ניט אָפּגעדרוקט קיין שורה. ריכטיקער — מע האָט אים ניט געדרוקט. חברה־לצים פלעגט זיך חכמהנען: „טאַקע וואַסער, אָבער ניט קיין שטראָם. גיכער — אַן אויסגעטריקנטע קאַלוזשע". איצט קומט זי אַוודאי, זיין אַלמנה, ווי אַ סך אַלמנות פון אמתע שרייבערס קומען מכּוח, אַזוי צו זאָגן, פאַראייביקן זייערע מענער — דרוקן פון זייערע שריפטן אין דער צייטונג, העלפן אַרויסלאָזן אַ בוך וואָס איז געבליבן אין כּתב־יד, אַרויסגעבן אַן „אָנדענקבוך". אין די אויגן פון יעדערער פון זיי איז איר מאַן — דער בעסטער, דער פאַרדינסטפולסטער שרייבער און ס'קומט אים. האָט ער געוואַרט, דער רעדאַקטאָר, אויף אַן אויסגאָס פון קשות, טענות, פאָדערונגען.

און זי האָט אַן ווערטער, פּאַמעליע אַרויסגענומען פון איר האַנטבייטל אַ כּתב־יד. אויסגעשטרעקט אים, אַ מורמל טוענדיק מיט פאַרכט:

— פון בערל וואַסערשטרומס שריפטן. איך בעט אייך, דרוקט אָפּ צו די שלושים.

דער רעדאַקטאָר האָט מיט אַ ניט קיין באַהאַלטענער סקעפּטישקייט צוגענומען דעם כּתב־יד, אַ בלעטער געטאָן, אויפגעזוכט די לעצטע ציפער אויף דער לעצטער זייט. דערזעענדיק אַ פינף און דערצו נאָך ווייניקער ווי אַ האַלב זייטל מיט טעקסט, איז אים אַ קאָפּ לייכטער געוואָרן. נאָר באַלד האָט ער זיך געכאַפּט: וואָס איז שוין דער חילוק — פינף אָדער פופצן. במילא וועט מען עס ניט קאָנען דרוקן. אָ, ווען ס'איז פופצן, וואָלט אָנגעגאַנגען דער בעסטער אויסרייד — צו גרויס פאַר אַ טאָגצייטונג...

אָנגעשפּאַנט האָט זי נאָכגעקוקט זיין איטלעכע תּנועה און דערקלערט מיט אַ קענטלעכן ציטער:

— ס'איז פון די איבערגעבליבענע שריפטן. ווי מע זאָגט — פון דער ליטעראַרישער ירושה. ער פלעגט אַלץ אָפּקלאַפּן אויף דער מאַשינקע.

— מיר'ן זען, — האָט דער רעדאַקטאָר אָוועקגעלייגט דעם כּתב־יד אין אַ זייט, און שווער איז געווען צו דרינגען, ווי ער'ט זיך באַציִען צו דער זאַך.

האָט זי געפּרוווט אים באַווירקן:

— מע האָט שטאַרק באַעוולט מיין מאַן. טיף באַליידיקט. אַ וואָרט וועגן אים זאָל זיך באַווייזן אין דער פּרעסע. פאַרט אַ שרייבער, און קיין איין

פענמענטש ניט געקומען צו דער לוויה. און געווען איז ער דאָך אַ מיטגליד פונעם ליטעראַטן־פאַראיין.

דער רעדאַקטאָר האָט זי געטרייסט:

— כ׳פיל אײַך מיט. וואָס קאָן מען אָבער טאָן? די צײַט איז אַזאַ. יעדערער מיט זײַנע זאָרגן און כלאָפּאָטן. דער טעמפּ פון סוף צוואַנציקסטן יאָרהונדערט מאַכט עס. ניטאָ קיין סענטימענטן, און אויס מיט דער ראָמאַנטיק. פאַרשטיין מוז מען — יידישע שרײַבערס עלטערן זיך. ס׳אַ דור וואָס גייט אָוועק. ס׳איז שוין באַלד ניטאָ וועמ עס זאָל שטאַרבן און ווער עס זאָל באַגלייטן. נאָר דאָס איז אַגב־אורחא. מיר׳ן זען. אויב ס׳וועט זײַן אין די גרענעצן פון ליטעראַטור, ס׳הייסט דרוקפּעיִק, וועלן מיר געבן פאַר דעם אַן אָרט. צו שלושים, זאָגט איר, — אין די רייד האָט ער ווידער גענומען די דערציילונג אין האַנט. — און ווי איך זע, גיט איר אָן די דאַטע, ווען ס׳איז געשריבן. זייער שיין. אָט מאַך איך אַ פּוסנאָטע: „פונעם שרײַבערס עזבון, צו שלושים״.

נאָר דאָ איז דער רעדאַקטאָר אָנגעשפּיצט געוואָרן:

— זעט נאָר, די זאַך איז מיר עפּעס קענטלעך, דער נאָמען. ניט געווען אַ מאָל בײַ אונדז?

זי האָט זייער רויִק געענטפערט:

— מעגלעך. כ׳האָב געפונען די דערציילונג אַ פּריש איבערגעקלאַפּטע. מעגלעך, ער האָט איבערגעאַרבעט. די לעצטע צײַט האָט ער אַ סך געאַרבעט. געשריבן, איבערגעשריבן...

— גוט, מיר׳ן זען. איך קאָן איר אָבער ניט.

רעדנדיק איז ער אויפגעשטאַנען — ניט קיין הויכער, מאָגערער, אין אַ שייִנעם גאַרניטער, אין אַ רויט־ברוין אייבערהעמד. זײַן פּנים — בלייכהויטיק, מיט אײַנגעפאַלענע באַקן, ווי בײַ אַ חלוש. אין אירע אויגן האָט ער אָבער אויסגעזען אַ מענטש, אַ בעל־יכולת, מיט אַן אומבאַגרענעצטן כּוח.

ווי אַ גנבטע, ווי אַ שמוגלערין, ווי זי וואָלט עמעצן אונטערגערוקט אַ געפעלשט שטיקל סחורה, איז זי האַסטיק געגאַנגען טרעפּ־אַראָפּ. אָפּגענאַרט דעם רעדאַקטאָר? און אויב ער וועט אָפּדרוקן, וועט זי האָבן אָפּגענאַרט די לייענערס? און אפשר אָפּגענאַרט אויך אים, וועמענס נאָמען זי איז אויסן צו פאַראַנקערן אין לעבן. זי ווייסט, אַז ליטעראַטור, דעם לעבנס אייביקע אַלִיִרטע, האָט אריכת־ימים. דעריבער טאַקע...

אַנשטאָט צו וואַרטן אויפן ליפט, האָט זי זיך אַראָפּגעלאָזט איבער די טרעפּ. שמוציק־גרויע ווענט מיט פלעקן פון שוואַרצער דרוקפאַרב. שמוציק־גרויע בעטאָנענע שטיגן מיט שוואַרצע פליאַמעס — ניט גרוי און ניט שמוציק האָבן זיי איר אויסגעזען. זי האָט זיך געפונען אין אַן אָרט פון דערהויבענער עבודה, אין אַ היכל מיט אָפענע טירן, דורך וועלכע ס׳האָבן זאַץ־ און דרוק־מאַשינען אויסגעקלאַפּערט זייער לעבנס־געשריי צו דער וועלט און אָנגעלייגט קופּעס פרישע זײַטן פונעם נײַעם צייטונג־נומער. דאָס געפיל, אַז בערלס נאָמען וועט

אויף צעפּיקעניש די אַלע וואָס האָבן מיט אים מזלזל געווען, זיך באַוויזן אין טויזנטער שטיבער, דערמאָנען אין אים, — האָט איר מאָדנע וויל געטאָן און פאַרטריבן אַלע ניט נייטיקע איבערטראַכטענישן.

מע זאָל נאָר אָפּדרוקן!

אַ וואָך פּאָר שלושים האָט זי טעלעפאָנירט צום רעדאַקטאָר. זיך פאַרגעשטעלט, געבעטן מוחל זײַן פאָרן שטערן און געפרעגט, צי ער האָט ניט פאַרגעסן.

— דערווײַלע נאָך ניט געלייענט, — איז געווען דער ענטפער אין טרײַבל, — כ׳וועל עס אָבער טאָן. כ׳וועל אויפזוכן.

איידער דאָס טרײַבל האָט זיך אַוועקגעלייגט אויפן אַפּאַראַט אין דער רעדאַקציע, האָט עס באַוויזן איבערצוטראָגן צו איר אויער דעם רעדאַקטאָרס אומגעדולדיק געוואָרטש: „אַן אָנשיקעניש״.

און זי האָט צעשראָקן אַרויסגעקוקט דורכן אָפענעם פענצטער, אויפגעהויבן די אויגן צום לויטער־בלויען, זומערדיק הויכן הימל מיט אַ געבעט: „גאָט, מע זאָל נאָר אָפּדרוקן!״

ג

מ׳האָט אָפּגעדרוקט. געניי צו די שלושים. אויף אַ בכבודיק אָרט. דאָס קעפּל אויסגעזעצט מיט שיינע אותיות.

זי איז געבליבן זיצן פאַר דער געעפנטער צײַטונג, דער בליק צוגעשמידט צום נאָמען פון מחבר איבערן שיינעם קעפּל פון דער דערציילונג. זי האָט ניט געלייענט. אַ פאַרגליווערטע בלויז געשטאַרט אויף דער צײַטונגזײַט. ביז ס׳האָט זי אויפגעהויבן פון אָרט אַ טעלעפאָן־קלונג. ס׳איז געווען בערלס פרײַנד, וואָס האָט זיך געהאַלטן פאַר אַ פּאָעט און ליטעראַטור־מבין.

— איך באַגריס אײַך. איך פריי זיך. ס׳אַ שיינע בלום אויף בערלס קבר. זײַן אָנדענק... ס׳אַ קליינער שעדעווער וואָס וועט פאַרשאַפן כבוד זײַן נאָמען. אַזוינס האָט ער ניט אָפּגעדרוקט בײַם לעבן.

נאָכגעפרעגט האָט ער זיך, ווען זי פאָרט אויפן בית־הקברות. ער וויל אומבאַדינגט מיטפאָרן. הײַנט איז דאָך שלושים, וועט מען מסתמא אָפּהילן די מצבה.

איר ענטפער איז געווען, אַז די מצבה וועט זי שטעלן צום יאָר, ווי דער מינהג אין דער אַמאָליקער היים. און געטראַכט האָט זי: צום יאָרטאָג, דאַרף מען האָפן, וועט קומען אַ מנין...

באַלד נאָך זײַן קלונג האָט ממש אויפגעלעבט דער טעלעפאָן. ניט באַוויזן אַוועקצולייגן ס׳טרײַבל, און ווידער האָט עמעצער געקלונגען. דערנאָך אַ נײַער קלונג און ווידער אַ קלונג. עטלעכע שרײַבערס, זייערע נעמען האָט זי ניט דײַטלעך דערהערט, אָבער דײַטלעך האָבן זיי זיך אויסגעדריקט, און אַלע אין איין קול, ווי צוזאַמענגערעדט זיך: אַן אמתע איבערראַשונג איז בערלס

אָפּגעדרוקטע דערציילונג. גאָר־גאָר גוטע פּראָזע. און איר אויסגעדריקט מיטלייד צו דער אבדה.

אַלעמען האָט זי מיט שטילן באַדויער געענטפערט:

— ס׳טוט וויי, וואָס ער האָט ניט דערלעבט...

אויך דער צײַטונג־רעדאַקטאָר בכבודו־ובעצמו האָט געקלונגען. אויב ס׳איז געבליבן נאָך עפּעס פון זעלבן זגאַל, וועט ער גערן דרוקן. זי קאָן ברענגען.

זי האָט געבראַכט, און די צײַטונג האָט געדרוקט „פון בערל וואַסערשטרומס ניט פּובליקירטע שריפטן". אַפילו אויסגעשריבן האָנאָראַר, הגם די צײַטונג האָט, ווי אַ כלל, ניט געצאָלט פאַר בעלעטריסטיק.

ווען זי האָט אויסגעשעפּט די טעמעס פון די עטלעכע דערציילונגען, געפונענע אין דער ערשטער פּאַפּקע, האָט זי זיך גענומען צו די אָנהייבן און פראַגמענטן פון דער צווייטער. מיט אַ שטיקל פּענסיע איז זי געווען פאַרזאָרגט, האָט זי געקאָנט זיך אָפּגעבן מיטן שרײַבן, לייענען און אויך מיטן לערנען די תקנות פונעם מאָדערנעם ייִדישן אויסלייג, ווי בערל פלעגט עס טאָן, האַלטנדיק שטענדיק די תקנות אונטער דער האַנט.

די פּענמענטשן האָבן זיך געחידושט, למאַי האָט בערל וואַסערשטרום די אַ זאַכן ניט געדרוקט בײַם לעבן. צי דען זענען די רעדאַקטאָרן געווען אַזוי קורצזעיִק? עמעצער האָט אַפילו זיך אויסגעדריקט:

— מע דאַרף, אַ פּנים, שטאַרבן כּדי מע זאָל דיך דרוקן, אָנערקענען, אָפּשאַצן.

און שאַרפצונגיקע ליטעראַטן האָבן ווידער זשאָנגלירט מיט בערלס פאַמיליע־נאָמען. פאַרגעלייגט אים צו פאַרלענגערן אויף: ניטקייןוואַסערשטרום...

אויך אַן אָנגעזעענעם ליטעראַרישן זשורנאַל האָט זי אָנגעבאָטן, און די צײַטשריפט האָט אָפּגעדרוקט זײַנע אַ ליריש־עמאָציאָנעלע דערציילונג, אַן אָנגעלאָדענע מיט אָריגינעלער בילדערישקייט און קערנדיקער דראַמאַטישקייט. פאַר זײַן לעבן האָט ער ניט זוכה געווען זיך צו באַווײַזן אויף די זײַטן פון דער דאָזיקער רעפּרעזענטאַטיווער טריבונע.

דער זשורנאַל האָט דערבײַ מודיע געווען, אַז ער וועט נאָך מפרסם זײַן ווײַטערדיקע פּראָזעווערק פון זעלביקן מחבר — פון זײַן ליטעראַרישן עזבון. אַגב, דער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל האָט זי געבעטן ברענגען אַ זײַטל פונעם אָריגינאַלן טעקסט, וועט מען פּובליקירן אַ פאַקסימילע. זאָל מען זען דעם אויטאָרס כּתב, זײַן שרײַבמאַניר.

זי איז ניט מבולבל געוואָרן:

— אַ מאָדנע טבע האָט געהאַט מײַן מאַן, עליו־השלום, ער פלעגט אָרויסוואַרפן די האַנטגעשריבענע, די אַזוי גערופענע טשערנאָוויקעס. אַלץ געקלאַפּט אויף דער מאַשינקע. פלעגט ניט אונטערשרײַבן, ניט מאַכן קיין פּראָוקעס מיט דער האַנט, אַלץ מיט דער מאַשינקע. אַ מאָדנער פּעדאַנט געווען. און אַ גאָלדענע נשמה — דעם זעצער זאָל זײַן לײַכט...

נאָכן דאָזיקן שמועס האָט זי דאָס ביסל געשריבענע מיט בערלס האַנט אַזוי באַהאַלטן, קיינער אויסער איר זאָל צו דעם ניט צוקומען.

דעם רעדאַקטאָר פון דער צײַטונג האָט עס, משמעות, געקרענקט, וואָס וואַסערשטרומס אַלמנה איז אים אומגעטרײַ געוואָרן, און וואָס אָט דעם אויטאָרס טשיקאַווע דערציילונגען האָט „איבערגעכאַפּט" דער זשורנאַל. איז ער ניט פויל געווען און אַנגעקלונגען צו זײַן רעדאַקטאָר:

— הערט אויס, קאָלעגע. מיר זענען ניט קיין קאָנקורענטן, וועט איר מיך ניט חושד זײַן אין קיין הינטער־כוונות. ווי איך זע, זענט איר אויך אַרײַנגעפאַלן. ס'אַן אָפּערע. דער וואַסערשטרום איז געווען אַ ליטעראַרישער אימפּאָטענט. די אַלמנה זײַנע... זי צאָלט, און עמעצער שרײַבט פאַר איר. פאַר אים. דרוקט אונטער זײַן נאָמען. איך וועל די זאַך אויפדעקן און מאַכן אַ סוף צום נאַרן דעם עולם. הערט אויס, כ'האָב מוחל געווען אויף מײַן כבוד, צוגעכאַפּט זיך צו איר אַהיים. געבעטן װײַזן דעם ניפטרס שרײַבערישן אַרכיוו. אַפילו צוגעזאָגט אַ הויכן האָנאָראַר, צוגעזאָגט מאַכן רעקלאַמע אַרום דער זאַך; אַרויסרופן אַ געוויסע סענסאַציע, אויפוועקן אינטערעס ביי אַ ברייטן לייענער־קרײַז. וועט עס אַדורכלייגן דעם וועג פאַר זײַנס אַ בוך... ברײַעט זי מיר אַ מעשׂה, אַז איר מאַן פלעגט אַלץ דרוקן אויף דער שרײַבמאַשינקע, און אַז זי האָט מיט אײַך שיִער ניט אַן אָפּמאַך, ס'הייסט, אָפּגערעדט צו געבן אײַער חודשניק... ס'איז קלאָר, אָט די קליינע, די צוריקגעהאַלטענע אַלמנה איז אַן אַפּעריסטקע.

געדולדיק אויסגעהערט דאָס אַלץ, האָט דער רעדאַקטאָר פונעם זשורנאַל געענטפערט מיט זײַן געוויינטלעך מאַנאַטאַן־קאַלטער, צו מאָל האַרבלעכער שטים:

— וואָס דאַרף אונדז אָנגיין — ווי, ווער, ווי אַזוי? די סחורה איז דער עיקר. אין אָט דעם פאַל איז עס ליטעראַרישע סחורה פון אַ הויכער פּראָבע. כ'וואָלט געזאָגט — ס'אַ בײַטראַג צו אונדזער פּראָזע. אַזוי זעלטן באַווײַזן זיך איצט נײַע כוחות. למען־האמת, אויך מיר זענען אויפגעקומען חששות. האָב איך אויפגעזוכט עפּעס פון זײַנע אַ מאָל געדרוקטע זאַכן. זיך אויך דערמאָנט אין דעם, וואָס מיר האָבן בשעתו אָפּגעוואָרפן. מאָדנע, די „גראַמאַטיקע" איז דאָרטן געווען אין אָרדענונג, אַלץ אויף אַן אָרט. אין די איצטיקע כתב־ידן הינקט די „גראַמאַטיקע". דער אַמאָליקער וואַסערשטרום איז געווען פלאַך און טרוקן ווי אַ ברעט. איצט איז ער עמאָציאָנעל, פריש, אײַנפאַלעריש, פאַלקסטימלעך, פאַרמאָגט הומאָר...

דער זייער אימפּולסיווער צײַטונגס־רעדאַקטאָר האָט איבערגעהאַקט זײַן בעל־שמועס:

— זעט איר! ס'איז דער בעסטער באַווײַז. האַלט איך, אַז מע טאָר ניט פאַרפירן די עפנטלעכקייט. מע מוז אַרויס מיטן אמת, כאָטש מיר זענען ביידע מיאוס דורכגעפאַלן און ס'קאָן לײַדן אונדזער פּרעסטיזש. ניט שווער צו דערווײַזן, אַז וואַסערשטרום איז געווען אַ פּוסטע כלי, אַ טענטלער. אַפילו ניט קיין גראַפאָמאַן.

אַזאַ איינער האָט דאָך ליב צו שרײַבן, אַזאַ איינער האָט אַ שרײַב־שילשול, וואַסערשטרום, דערקעגן, האָט געליטן פון ליטעראַרישער עצירות.

און אַז די שטים אינעם טעלעפאָן־טרײַבל האָט זיך אויף אַ רגע פאַרכליניעט מיטן אייגענעם אימפעט, האָט דער זשורנאַל־רעדאַקטאָר איבערגענומען די איניציאַטיוו אינעם וואָרטגעפעכט:

— מײַן פרײַנד, ווען מען אָרט עס וואָס ער איז פריִער געווען. וויכטיק איז, וואָס אָט דער וואַסערשטרום שטעלט מיט זיך פאָר איצטער. ווען מען נאָרט זי און ווען מען פאַרפירט זי, די אַלמנה זײַנע? זי גיט גוטע פּראָדוקציע. און אַז ס׳קומט אויס אַ ביסל אונטערצופּראַווען, פאַרפּינקטלעכן דעם אויסלייג, איז וואָס? די סחורה איז פאַרט ערשטער סאָרט. עס גראַמט זיך אַזש. ס׳איז יצירה און ניט קיין פּלאַגיאַט, דאַרף מען דרוקן. ס׳איז אמתע ליטעראַטור און אַ געווינס פאַר אונדזער פּילגעפּרוווטער שאַפונג אין יִידיש־לשון. און וואָס שייך דער אַלמנה, דאַכט זיך מיר, אַז מע טאָר זי ניט טשעפּען, מע טאָר ניט צעשטערן איר אילוזיע, ניט אַוועקנעמען איר סטימול. צו וואָס זיך גריבלען אין איר אינעווייניקסטער וועלט און אַרויסשלאָגן זי פונעם טראַנס, אין וועלכן זי געפינט זיך? מע טאָר ניט לעשן איר שאַפונגסגלי און אַרויפוואַלגערן אַ שטיין אויפן פלוצעם אַרויס־געשפּרודלטן קוואַל. פאַרקערט, זאָל ווײַטער קוואַלן די באַגײַסטערונג! זאָל זי...

— ניין, קאָלעגע. ווי זעען מיר אויס, אַז די אַלטע פּירט אונדז אין באָד אַרײַן? מע וועט פון אונדז לאַכן. ס׳איז דאָך אַ מיסטיפיקאַציע! — איז דער צײַטונגס־רעדאַקטאָר געווען אײַנגעשפּאַרט.

— אָט, אָט, די ליטעראַטור־געשיכטע ווייסט טאָקע פון ענלעכע מיסטיפי־קאַציעס, — האָט אונטערגעכאַפּט דער צד־שכנגד. — און זיי האָבן דער ליטעראַטור קיין שאָדן ניט אָנגעטאָן. פאַרקערט, צוגעגעבן אַ וואויל־יונגעריש חן־פּינטל. זאָל מען לאַכן, שמייכלען.

און די אַלמנה? מיט אַ שטענדיק פרישער באַגײַסטערונג האָט זי געאַרבעט בײַם שרײַבטיש, געקלאַפּט אויף דער שרײַבמאַשינקע, ווי אַן ענטפער און אַרויסרוף צו די אַלע, וואָס האָבן פון בערלען ניט געהאַלטן, אים מבטל געמאַכט, מבייש געווען.

און בערל איז אַלץ געווען מיט איר, און אַלע מאָל צופרידן געשמייכלט, צושטימענדיק געשאָקלט מיטן קאָפּ.

ד

ס׳האָט זיך דערנענטערט דער ערשטער יאָרטאָג נאָך זײַן טויט. צו אָט דער דאַטע האָט זי באַשטעלט אַ מצבה אויפן קבר פון מאַן. אַוועקגעטראָגן אַ דערציילונג אין זשורנאַל מיט דער בקשה, זי זאָל אָפּגעדרוקט ווערן צו דער יאָרצײַט.

מיט אַן אָראָפּגעלאָזטן בליק איז זי געזעסן אַנטקעגן דעם רעדאַקטאָר — אַ פאַרזינדיקטע אויף דער באַשולדיקונג־באַנק. ווי שטענדיק, מורא געהאַט אים צו קוקן אין די אויגן. געווען אָפּגעהיט מיט אַ וואָרט און בכלל געזוכט וואָס

ווינציקער זיך צו פאַרהאַלטן אין די רעדאַקציעס. אויסגעמיטן דאָרטן מענטשן, אויסגעמיטן איבעריקע רייד. ווײַל געציטערט פאַר נײַגעריקע אויספרעגענישן.

ווען דער רעדאַקטאָר האָט אַ בלעטער געטאָן דעם כתב־יד, איז איר אויסגעקומען, אַז אַ פּאַטאַלע פראַגע ראַנגלט זיך, וויל צווינגען זײַנע ליפּן זי אויסצודריקן אויפן קול. איר האַרץ האָט האַסטיק גענומען טיאַכקען און ווי אונטערגעאײַלט דעם רעדאַקטאָר צו פאַרלויפן זײַן פראַגע דעם וועג און זאָגן:

— געוויס וועלן מיר דרוקן. און מיט אַ קליינעם אַרײַנפיר וועגן צווייטן ליטעראַרישן לעבן פונעם שרײַבער בעריל וואַסערשטרום. און איר ווילט מסתמא, מיר זאָלן ווידער געבן אין אַ פוסנאָטע, אַז ס'איז פונעם מחברס ליטעראַרישער ירושה.

איר איז לײַכטער געוואָרן צו אָטעמען. אַ סך לופט און רחבות האָט זי דערפילט אַרום זיך. האָט עס באַפרײַט די לאַנג שוין אין איר אויפגעקומענע שאלה, צי מע וועט אפשר קאָנען אַרויסגעבן אַ בוך פון בערלס כתבים. דער ענטפער איז געווען אַ קלאָרער — מע וועט איר העלפן דערין.

האָט זי זיך דערוועגט ווײַטער צו פרעגן:

— ווי מיינט איר, כאָטש אַ שפור... איצט וועט עפּעס פון אים בלײַבן?

— אוודאי וועט איצט עפּעס בלײַבן...

יהושע לאַצמאַן

אין מײַן לאַנד

װען כ׳זע פאַר נאַכט װי יעדער אײקאַליפּטוס
אַזױ װי איך אין לאַנד פאַרליבט איז,
און יעדער צעדער זײַן שכנותדיקן צעדער בענטשט,
װי ס׳טוט אײן גוטער מענטש לגבי צװײטן גוטן מענטש
(און יעדערער פון זײ איז דאָך מײַן ברודער),
פרײט מיך אַזױ װאָס יעדן װאַקסנדיקן דאָ בױם
האָב איך געזען אַ מאָל אין טרױם,
געהערט װי יעדער ברוש שעפּטשעט „קדוש!
קדוש! קדוש!״ — דער טאַנץ פון ברושים.
דאָ זײַנען אַלע בײמער קדושים,
דאָ זײַנען אַלע בײַמער טרױמער...
דערהער איך, װי אַ װינט אַן אומגעריכטער
נעמט טרײסטן מיך: „געזונט ס׳טו װערן, דיכטער,
און נאָך דײַן איצט־צעקריכנדיקן טרױער
דער הימל װערן װעט פאַר דיר אַלץ בלױער, בלױער, בלױער״.
דערפּיל איך טאַקע באַלד, אַז אַלע מײַנע װײען,
פּונקט װי די זון פאַר נאַכט, אין ים אַרײַן פאַרגײען,
און אַז דער װינט מיט זײַן צוליביק בלאָזן
צערטלט אױך מיך צוזאַמען מיט די האַרציקײט־באַגערנדיקע גראָזן...
און שפּעטער — װען דער װינט איז שױן אַריבער —

פאַרבלײַבן מיט זײַן צערטלדיקייט אָנגעזאַפּט די שטיבער,
און אַלץ וואָס ליב איז, ווערט נאָך ליבער, ליבער,
ליבער!

1974.10.4

צו ירושלים

ירושלים, אויב כ׳האָב דיך האָלט,
איז דאָס ניט דערפאַר וואָס ביסט פון גאָלד,
נאָר ווײַל דו ביסט די פידל פאַר מײַן ליד,
ווײַל דאָ, אין דיר, איך פיל זיך מערער ייִד,
ווײַל איטלעך הויז דײַנס איז אַ טייל פון גרויסן סוד
וואָס האָט פון גלות מיך אַרויסגעשלעפּט,
ווו כ׳האָב אַ מינערווערטיקער געלעבט,
און יעדער שטיין דאָ מיר דערציילט,
אַז נאָר אין דיר כ׳קען ווערן אויסגעהיילט.

משה לאַקיעטש



ג ל י ל

1

יהוה האָט בערג, די גלילער, מיט שטיינער באַשלאָגן,
זיי זאָלן, וויביינער פאַרקאַלכטע, דערמאָנען פאַרטאָגן
פון פאָלק, וואָס געלעבט האָט אין זייערע קנייטשן און פאַלדן
און גוף זײַן צעשטויבט אינעם וואַנדער ביז צפון דעם קאַלטן.

שטיינער צעלעכערט דורך ווינטן, פעלדז צעבויערט דורך צײַטן,
ווי אויערן פון קנעבט נישט באַפרײַטע, צו וויַזן לײַטן,
ליגן פאַרפרעסטע, ווי אַ טשערעדע שעפּסן פאַרשטיינטע,
און וואַרטן אויפן פײַף פון פאַסטער, אין גלות געליימטן.

שטיינער — וואָל פאַרגעלטער — באַרוקנט שעפּסענע סטאַדע,
וואָס האָט זיך פאַרהאַלטן אַ ווײַל בײַם זוכן פאַשע אַוודאי,
ליגן מיט קעפּ אַרונטער, צו טרינקען שאָטן צוזאַמען,
און באַשטיגן שיפּועים צו אַלטע דורות און שטאַמען.

מע לייענט זייערע פאַלדן — אַלטע שמות פון ספרים;
צופוסנס שפּיגלט בלויער בנרת, עמק אין דרום;
בערג פון נפתּלי אין אַ קריג מיט די טאָלן פון דנ'ען.
גאָט האָט דאָ, קמצניש, פאַרוואַרט זיי זיך ברייטער צעשפּאַנען.

אַהער קומען שליחים — ים־ווינטן — אין פּינקטלעכע ציַיטן
אַרויף צו מיט בשורות, געשיקטע אין הייכן פון וויַיטן,
באַגלייט מיט אַ שטילקייט, אַ טיפער, אַ ריינער,
צו מעבירן סדרהס פון חומש, מיט אַלטיטשקע שטיינער.

2

ס'האָבן בערג פון גליל זיך צוזאַמענגעגומען,
אַן אסיפה געמאַכט און געזאָגט די טאָלן:
— „ווי עגונות מיר האָבן געוואַרט אויפן קומען
פון אייגענעם פאָלק דאָ, פאַרקנסט פון אַמאָלן —

בלויז אים זענען מיר ווערט, אונדזער טראַכט פון עקרות,
פאַרשלאָסן פון ציַיטן מיט פעלדזן און שטיינער;
אויך ס'פאָלק האָט זיַין טריַישאַפט, דורך גלותן און צרות,
געטראָגן דורך דורות, אין בלוט און אין ביינער" —

האָבן טאָלן געענטפערט מיט עכאָ און ברומען,
געשלאָגן אין שיפועים, ווי אָדלערשע פליגל:
— „אויך מיר האָבן אין בענקשאַפט געוואַרט אויף זיַין קומען,
און צנועות, די גרינע, מיט שטיינער פאַרזיגלט" —

— „היַינט דעקן מיר אָפּ פון אונדזער פנים דעם שלייער,
אַנטהילן דאָס לײַב פון פאַנצער מיט שטיינער,
מיט וויַין און מיט פּירות אים פאַרפולן זיַין שיַיער,
פון טאָל זאָלן אויפשטיין נביאיש די ביינער" —.

עלעגיע

שלום איז אַ מצב, ווען קינדער
באַערדיקן זייערע עלטערן; מלחמה —
ווען עלטערן באַערדיקן זייערע
קינדער.
הערָאָדאָס

די שלאַכט ז'אָפּגעשטעלט, נאָר אַ פּײַער נאָך ברענט:
ס'האַרץ פון אַ מאַמען האָט טרויער באַקענט.
איר זון איז אַוועק, געוועזן איז עס באַשערט,
און האָט קריק אַהיים זיך נישט אומגעקערט.

איר האַרץ איז קוים גרויס ווי די פויסט פון איר האַנט,
ער איז אין איר האַרץ — און אין אים איז דאָס לאַנד.
ביידן זי טראָגט: די זכיה און טרויער.
זײַן האַרץ — אין איר האַרץ — שטיל זי באַדויערט.

צוויי ברידער

(אשכנזי און ספרדי אין ישראל)

עס האָבן צוויי ברידער אַ מאָל זיך צעשיידט,
אַ מאָל אין אוראַלטן באַגינען.
און טויזנטער יאָרן געוואַרט אויף דער פרייד,
אַ טאָג זיך צוריק צו געפינען.

איז איינער געוואָרן פאַרטונקלט אין הייס,
אין געטאָס, אין תימנישע ערטער.
און צווייטער, צעהעלט פון שניי און פון אײַז —
איצט ביידע אויף ערד דער באַשערטער.

איז איינער פאַרטונקלט און צווייטער צעהעלט,
— דורך יאָרן אויף שפּראַכן געביטן —
האָט איינער אין וואַנדער באַרײַכערט די וועלט
און צווייטער — בלויז ס'אייזל געהיטן.

האָט איינער געבלאַנקעט אין לענדער, אין ווײַט,
און נעסטן געבויט אויף פּאָר צווייטע.

געאַקערט, געבראַנעט, גאונות געזייט,
און באַלוינט: מיט לאַטע און שײַטער.

האָט דער צווייטער געטראָגן פון גאָט דאָס געשטאַלט,
און געוואַרט, אַז די כנפי־הנשרים,
זיי זאָלן אים ברענגען צום לאַנד פון אוראַלט,
ווי ס'זאָגט זיך אין הייליקע ספרים.

איז תימנער פאַרטונקלט, פעכהאַריק און שטיל,
צום ליכטיקן ברודער געקומען.
באַקינדלט, באַפּאותט, מיט ווײַבער מיט פיל,
אַזוי ווי אין צײַט פון אַברהמען.

— — — — — — — — —

צוויי ברידער, צעשיידטע, מע קאָן זיי פאַרשטיין;
ס'לאַנד האָט זיי צוריק אָפּגעפונען.
זיי וועקן דעם מידבר צו גרינען מיט חן,
און שרעקן זיך נישט פאַר חמסינען.

יצחק לודזש



משה פישזאָן

יעדער מאָל ווען עס קומט מיר אויס צו זײַן אין דער אַמאָליקער אַלטשטאָט פון יפו און זיך אַראָפּלאָזן מיט די שטיינערנע טרעפּ אין די געשלענגלטע געסלעך פון דעם נײַ־געבויטן ייִדישן קינסטלער־קוואַרטל אין דער אַלטער אַראַבישער שטאָט, פאַרקלעמט מיר דאָס האַרץ מיט נאָסטאַלגיע, בעת איך גיי פאַרבײַ די פאַרהאַקטע טיר, אויף וועלכער עס איז מיט געציילטע יאָרן צוריק געווען אײַנגעפּאַסט דאָס קליינע וויזיט־שילדעלע מיט דער אויפשריפט: משה פישזאָן. איך פלעג אַ מאָל דאָרט אָפּט אַרײַנגיין און זיך וואַרעמען מיט אַ לעבהאַפטן שמועס און מיט אַ טערקישער קאַווע, וואָס מיר פלעגן טרינקען זיצנדיק אויף קליינע, נידעריקע בענקעלעך בײַ אַ וואַקלדיק קליין טישעלע. דער צימער האָט גיכער דערמאָנט אַ שוסטער־וואַרשטאַט, איידער אַ „סאַלאָן״ פון אַ קונסטמאָלער. די סאָפע איז געווען באַלייגט מיט פאַרטיקע און נישט־פאַרטיקע בילדער, מיט נישט־אײַנגעראַמטע לײַוונטן און דיקטן, און אַזעלכע פאַרטיקע און האַלב־פאַרטיקע בילדער זענען געווען אויך אַרומגעשטעלט אין אומאָרדענונג אַרום די ווענט פון דער טונקעלער וווינונג.

אין אָט דעם באַהעמישן באַלאַגאַן פון אָנגעוואָרפענע לײַוונטן, פּענדזלען און פאַרבן האָט געווירבלט אַ לעבן, וואָס האָט שוין מער נישט עקסיסטירט אין דער ווירקלעכקייט. אַ לעבן, וואָס איז פאַרשניטן געוואָרן אונטערן חלף פון דער דײַטשער ייִדן־פאַרניכטונג, און איז געוואָרן אויפגעלעבט אין אַ נײַעם גילגול אויף די לײַוונטן אין דער סטודיע פון משה פישזאָן אין יפו.

עס איז אַ ביסל שווערלעך זיך פאַרצושטעלן — און דאָך איז עס אַ פאַקט: דער ייִדישער בעל־עגלה, דער כלי־זמר און דער מלמד, דאָס הדר־ייִנגעלע מיטן חנוכה־דריידל און חתן־כּלה אונטער דער חופּה, דער חסיד מיטן טשעלאָ און

אריה מיטן באָס, און דער שוחט מיטן עוף, דער למדן איבערן ספר און די ייִדענע איבער דער באַליע — אַט די אַלע טיפֿן און געשטאַלטן פֿון ייִדישן עבר, די שטייגערבילדער פֿון ייִדישן לעבן אין די חרוב געוואָרענע מקומות — זיי אַלע האָבן, דאַכט זיך, נישט געקאָנט געפֿינען קיין מער צוגעפּאַסטע אַכסניה, ווי דווקא אין יענעם אַלטן אַראַבישן שטיבל מיט די אויסגעקרומטע און געוועלבטע הויכע ווענט אין דער אַלטשטאָט פֿון דער אוראַלטער יפֿו.

דאָ, אין די ענגע, שמאָלע געסעלעך, מיט די טיפֿע שטיינערנע טרעפּלעך, לעבן דעם ברייטן פּלאַץ פֿון דעם „שטח הגדול״, ווו די שטאָט־פֿאַרוואַלטונג האָט אין דער פֿאַרוויסטעטער און פֿאַרהפקרטער געגנט פֿון דעם אַמאָליקן אַראַבישן שטאָטפּערטל אויפֿגעשטעלט דאָס ווינקעלע פֿאַר קינסטלערס — האָט אויך משה פּישזאָן זיך אײַנגעשאַפֿט אַ סטודיע, האָט זיך דאָ געעפֿנט אַן אייגענע קונסט־גאַלעריע און האָט אײַנגעקוואַרטירט אין איר זײַן היימישע ייִדיש־ייִדישע וועלט.

ווײַזט זיך אַרויס, אַז גראָד אין אָט דער אַראַביש־מיזרחדיקער עקזאָטיק האָט דער אכזריותדיקער פֿאַרשניטענער נאַענטער עבר אויפֿגעלעבט מיט זײַן גאַנצער מיזרח־אייראָפּעיִש־ייִדישער עקזאָטיק אין זײַן נײַעם גילגול: אויף משה פּישזאָנס לײַוונטן.

דער קינסטלער משה פּישזאָן, אַ שילער פֿון דער קונסט־אַקאַדעמיע אין וואַרשע פֿון פֿאַר דער נאַצישער פֿאַרניכטונג־מלחמה, איז געקומען אין לאַנד בײַם סוף פֿון די פֿופֿציקער יאָרן נאָך אַ 15־יאָריקער פֿאַרשיקונג אין די לאַגערן פֿונעם ווײַטן, וויסטן סיביר. קומענדיק צו מיר אין שטוב פֿלעגט ער אַרויפֿזעצן מײַנע צוויי קליינע טעכטערלעך אויף די קני און פֿלעגט זיי פֿאַטערלעך דערציילן וועגן יענע מקומות, און ווי אַזוי ער האָט אַרײַנגענומען אין זײַן „זעמליאַנקע״ אַרײַן אַ קליין בערעלע און האָט אים געהאָדעוועט אין געהיים, אַן דעם וויסן פֿון די לאַגער־אויפֿזעערס, און ווי אַזוי דער אויסגעוואַקסענער בער איז שפּעטער אַנטלאָפֿן צו דער פֿרײַהייט... יענע קאַלטע מקומות האָבן אָבער נישט מצליח געווען אָפּצוקילן בײַ אים דעם פֿלאַמיקן עקסטאַז, מיט וועלכן ער האָט אַרויסגעבערענגט אין זײַן דמיון, און האָט אויפֿגעלעבט אויפֿן לײַוונט, די העלדן פֿון זײַנע שאַפֿונגען — די געשטאַלטן פֿון דער ייִדישער פֿאַרגאַנגענהייט.

נישט מיט קיין נאָסטאַלגישער פֿאַרהערלעכונג, נישט מיט קיין אידעאַליזירונג און נישט מיט קיין רוחנישן אַרעאָל האָט ער געשילדערט זײַנע טיפּן; משה פּישזאָן פֿלעגט זיי שילדערן מיט ליבשאַפֿט, אָפֿט מאָל מיט הומאָר — אָבער דורכויס רעאַליסטיש, ווי פּשוטע בשר־ודמס, מיט זייערע טאָג־טעגלעכע גשמיותדיקע זאָרגן און פֿאַרלאַנגען.

פֿון משה פּישזאָנס בילדער שטראַלט אַראָפּ די התלהבות פֿונעם קינסטלער, זײַן אוממיטלדיקע, ממש פֿאַנטאַסטישע צוגעבונדנקייט צו דער טעמאַטיק פֿון טאָג־טעגלעכן ייִדישן שטייגער, וואָס האָט אים געדינט ווי אַן אומאויסשעפּלעכער רווישטאָף פֿאַר זײַן שאַפֿן. אָט די טעמאַטיק איז אויך געווען פֿאַר אים אַ טיפֿע

גײַסטיק־קינסטלערישע באַדערפעניש, אָן עמאָציאָנעלע אויסלעבונג. און אָט די עמאָציאָנעלע אויסלעבונג פונעם קינסטלער איז שטאַרק אינדוקטיוו, זי גיט זיך איבער דעם צוזעער און ווירקט אויף אים מיט דער גאַנצער קראַפט פון אויסדרוק.

משה פּישזאָן איז געווען אַ באַגײַסטערטער תּלמיד פון דעם באַרימטן ייִדישן מאָלער חיים סוטין, וועלכער איז ממש פאַרברענט געוואָרן אין דער עקזאַלטאַציע פון זײַן שאַפן. חיים סוטינס געשטאַלטן זענען אָבער געווען לרוב טראַגישע, דורכגענומען מיט פּעסימיזם ביז פאַרצווייפלונג, אַזוי ווי דער קינסטלער אַליין. אין קעגנזאַץ צו חיים סוטינס שאַפונגען, זענען די בילדער פון משה פּישזאָן געווען שטאַרק אָפּטימיסטיש. זײַנע טיפּן זענען אַזוי שטאַרק באַשעפטיקט מיט זייער טאָג־טעגלעכן לעבנספּולס, אַז זיי אָנען נישט וועגן די געפאַרן, זיי פילן נישט די שווערד, וואָס רוקט זיך אָן אויף זיי, כּדי זיי צו פאַרטיליקן; ווי זיי וואָלטן נישט געאָנט, אַז אויף די לײַוונטן פון משה פּישזאָן וועלן זיי שוין זײַן נישט מער ווי אַ ווײַטע לעגענדע פון אַ נאָר וואָס טראַגיש פאַרשוווּנדענער וועלט.

דער קינסטלער משה פּישזאָן, וועלכער האָט זײַן גאַנצן טאַלאַנט געווידמעט דער פאַראייביקונג פון דעם פאַרטיליקטן ייִדישן לעבנס־שטייגער איז, אַזוי ווי חיים סוטין, פאַרברענט געוואָרן אין זײַן גרויסער התלהבות און איז דאָרט, אין זײַן טונקעלער סטודיע, אויסגעגאַנגען אין איינזאַמקייט, אַ פאַרגעסענער פון זײַנע אומצאָליקע פרײַנד.

אין מאַרץ 1982 איז ער אַוועק פון דער וועלט אין עלטער פון 70 יאָר.

ער איז פאַרשוווּנדן פון דעם אָרטיקן פּייזאַזש, פון דעם קינסטלער־ווינקל און פון דער קינסטלער־באַהעמע, און צוזאַמען מיט אים איז פון אָט דער סביבה פאַרשוווּנדן אויך דאָס קליינע וואַרשעווער ייִדיש ווינקעלע אין דער אַלטער אַראַבישער שטאָט אין ישׂראל.

יעדער מאָל ווען איך גיי פאַרבײַ לעבן דער פאַרשלאָסענער טיר פון דער סטודיע, הילכט אָפּ אין מײַן זכּרון דער אָפּקלאַנג פון די אַלטע ייִדישע לידער, לידער פון די וואַרשעווער הייף, וואָס משה פּישזאָן פלעגט אונטערברומען מיט בענקשאַפט בעת ער פלעגט אויפלעבן אויפן לײַוונט דעם ייִדישן שטייגער פון אַ מאָל.

אַברהם ליס



ארץ־ישׂראל אין דער ייִדישער פּאָעזיע

די טעמע ארץ־ישׂראל איז אַ קאַרדינאַלע אַקס אין דער ייִדישער שאַפונג. דאַכט זיך, אַז נאָך דער שטעטל־טעמאַטיק, וואָס האָט אַזוי טיף און ברייט געוואָרצלט אין די אָנהייבן פון דער הײַנטצײַטיקער ייִדישער ליטעראַטור — איז דער ארץ־ישׂראל־מאָטיוו פון די קענטיקסטע און דאָמינירנדיקסטע. ס'איז קיין חידוש נישט: די תשוקה צו ארץ־ישׂראל, די ציון־בענקשאַפט האָט דאָך אין אַלע תקופות געוואָרצלט אינעם פאָלק. דורות האָבן דאָך געטראָגן אין זיך און אַרויסגעזונגען פון זיך די בענקשאַפט צו ארץ־ישׂראל, צו ירושלים, די דערמאָנונג פון דער אַלט־אָבותדיקער ערד. — —

מיר מיינען דאָ נישט בלויז די תפילות און פיוטים, וואָס זענען אָנגעזאַפּט מיט יחידישן באַגער און זײַי דריקן אויך אויס די שורשדיקע געפילן פון כלל — הגם זיי האָבן, אָן ספק, משפּיע געווען אַז דער מאָטיוו פון נאַציאָנאַלער בענקשאַפט זאָל קולמינירט ווערן אין די פאָלקסגעזאַנגען און אויפגעהיט ווערן דורך דורות און צײַטן. מיר האָבן דאָ אין זינען די ארץ־ישׂראל־שאַפונג זינט ס'איז אויפגעקומען און ס'האָט זיך אָנגעהויבן פאָרמירן דאָס נײַ־ארץ־ישׂראלדיקע לעבן, דאָס פּיאָנערישע און געוואַגטע, וואָס האָט זיך גענומען געשטאַלטיקן, אַרײַנברענגענדיק נײַע פאָרמען און נוסחאות, נײַעם גלויבן און נײַעם אינהאַלט אין לעבן פון די ייִדישע מאַסן. איך וועל גאָרנישט מחדש זײַן — ווען איך וועל דערמאָנען אַז די ייִדישע שאַפונג, די ייִדישע ליטעראַטור, די ייִדישע גײַסטיקייט איז געווען אַ פּראָדוקט פונעם יוירנדיקן, דורותדיקן ייִדישן לעבן קודם־כל אין די ייִשובים פון מיזרח־אייראָפּע: פּוילן, רוסלאַנד, ליטע, רומעניע. די שעפערס פון דער ייִדישער ליטעראַטור זענען דאָך געקומען פון די שטעט און שטעטלעך פון אַט

די קערנדיקע יישובים, ווו מען האָט געלעבט ייִדיש, ווו מען האָט גערעדט ייִדיש אין היימען, אין די בעל־מלאָכהשע ווערקשטעלן, אין די ישיבות און בתי־מדרשים. מען האָט געהאַנדלט אויף ייִדיש אויף די מערק, און מען האָט געזונגען פאַרבענקטע ייִדישע לידער. שטעלט זיך אַ פראַגע: אין די אַלע ייִדישע קהילות אין ארץ־ישראל האָט מען דאָך אויך גערעדט ייִדיש, ס׳איז געווען דאָס לשון פון אַשכּנזישן קיבוץ אין צפת און אין חברון, אין אַלט־ירושלים און אין מאה־שערים, אין די ערשטע ייִדישע קאָלאָניעס, אין עקרון, פּתח־תקוה, זכרון־יעקב. אַ סך פון די בילויים האָבן דאָך גערעדט ייִדיש?

טאָ פאַר וואָס זענען נישט אויפגעקומען קיין ייִדישע שרײַבערס, קיין דיכטערס און דערציילערס פון וועלכן ס׳איז באַטײַט, פון אָט דער עלטערער ארץ־ישראלדיקער אַשכּנזיש־ייִדישער געזעלשאַפט? בפרט אַז דאָס געדרוקטע וואָרט איז דאָ געווען אין גאַנג. נישט נאָר האָט מען דאָ אַרויסגעגעבן ייִדישע ספרימלעך — אין די לעצטע יאָרן פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט און אָנהייב הײַנטיקן יאָרהונדערט זענען אַרויס אינעם אײַנגעזעסענעם ירושלימער יישוב אַזעלכע 11—12 וואָכנבלעטער און צווייוואָכן־בלעטער אין ייִדיש און אין ייִדיש־העברעיש. טאָ פאַר וואָס איז דאָ קיין שום בײַטראָג נישט געווען צו ליטעראַטור?

איז דער טעם, דאַכט זיך, אַ פּשוטער, און די סיבה אַ קלאָרע, מחמת דער סאָציאַל־געזעלשאַפטלעכער קלימאַט איז נישט געווען פאַר דעם. דער ציבור איז נישט גרייט געווען פאַר אַזאַ שאַפונג. די אינטערעסן־וועלט פון אָט דעם קיבוץ איז געווען אַן אַנדערע. און איך וועל זיך אײַנשטעלן צו זאָגן, אַז וואָלט די דעמאָלטיקע ייִדישע ספערע געזען אין ייִדיש אַן עלעמענט פון לעבן און קולטור און נישט בלויז אַ שפּראַך, ווי אַ מיטל צו פאַרשטענדיקן זיך בין אדם־לחברו, וואָלט אויך דאָ, אין די ארץ־ישראלדיקע קהילות געדײַעט ייִדישע וואָרטשאַפונג, און עס וואָלטן אויפגעקומען דיכטערס און דערציילערס.

והראיה: אַ צאָל געבוירענע אין ירושלים און צפת זענען, צו מאָל, אויף דער פלאַך פון אַן אַנדער ייִדישער וואָר, בײַ אַן אַנדער געזעלשאַפטלעכער און סאָציאַלער קאָנסטעלאַציע געוואָרן אָנגעזעענע ייִדישע שרײַבערס, באַטײַטיקע שאַפערס אין דער ייִדישער ליטעראַטור און פּרעסע. לדוגמא וועל איך דערמאָנען דרײַ, וואָס זענען געקומען פון דער אַמאָליקער ירושלים און געוואָרן אָנגעזעענע שרײַבערס אין אַמעריקע. אברהם פרומקין (1873—1940), דער זון פון ישראל דב פרומקין וואָס האָט אין יאָר 1877 אַרויסגעגעבן די ערשטע ייִדישע צײַטונג אין ארץ־ישראל „די ראָזע" — „חבצלת די ראָזע". אברהם פרומקין איז געווען אַ בעלעטריסט, אַן איבערזעצער און אַ פּובליציסט אין ייִדיש. אַ צווייטער, משה ריבלין, פון דער באַרימטער ריבלין־משפּחה איז געוואָרן פון די אויסגערופענע צײַטונגסמענטשן אין אַמעריקע. ועל־כּולם דער מלומד, לעקסיקאָגראַף און ביבליאָגראַף א. ר. מלאכי, וועמענס אַרבעטן אויפן געביט פון ליטעראַטור־פאָרשונג און ביבליאָגראַפיע איז גאָרנישט אָפּצושאַצן.

הייסט עס, אויך אין דעם אַלטן יישוב זענען געווען מענטשן מיט שאַפערישער

פּאַטענץ. אָבער לאָמיר זיך צוריק אומקערן צום נײַעם ארץ־ישׂראל. און ווי אַט דער מאָטיוו טרעט אויף אין דער ייִדישער פּראָזע און פּאָעזיע.

אוודאי, די שטרעבונג פֿון שיבת־ציון וואָס האָט דורות לאַנג געטליִעט אין פֿאָלק איז אין פֿאַרשידענע נוסחאות געקומען צום אויסדרוק אין דער ליטעראַטור. דער דראַנג צום אייגענעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן לעבן האָט זיך אַרויסאָנטפּלעקט סײַ אינעם געזונגענעם פֿאָלקסליד — און דאָס פֿאָלקסליד איז דאָך, אָן צווייפֿל, דער געטרײַסטער באַראָמעטער פֿאַר די שטימונגען און באַגערן, פֿאַר דעם פֿאָלקישן טראַכטן און שטרעבן, — סײַ שפּעטער אין דער קינסטלערישער ליטעראַטור, אין דער פּאָעזיע און פּראָזע.

מיט קרוב אַכציק יאָר צוריק האָט מאָריס ראָזענפֿעלד אויסגעזונגען אַזוי זײַן בענקשאַפֿט־געפֿיל און שטימונג צו ארץ־ישׂראל:

> ווו כ'זאָל נישט זוכן קיין רו און קיין גליק,
> שטענדיק אין ציון פֿאַרבלאָנדזשעט מײַן בליק.
> שטענדיק אַהין צו דעם הייליקן לאַנד
> צײַגט מיר דעם וועג אַ פֿאַרבאָרגענע האַנט...

מאָריס ראָזענפֿעלד איז כּידוע געווען פֿון די פּיאָנערן פֿון דער הײַנטצײַטיקער, בעיקר סאָציאַלער ייִדישער דיכטונג, הגם ער איז טאַקע געווען פֿון די ערשטע, איז ער אָבער ווײַט נישט געווען פֿון די איינציקע — אין זײַן צײַט — וואָס האָבן געשריבן ארץ־ישׂראל־לידער.

אַז מיר קוקן זיך אום, וואָס עס איז במשך פֿון אַ צוויי דורות געשאַפֿן געוואָרן, ווערן מיר ווי געפּלעפֿט פֿון דער דיכטערישער שפֿע: פֿון דער פֿאַרשיידנאַרטיקייט וואָס ריזלט אינעם געזאַנג פֿון און צו ארץ־ישׂראל.

דער טרוים פֿון אַ נאַציאָנאַל־אייגנדיק לעבן איז געוואָרן אַ גרונטמאָטיוו אין דער ייִדישער אויפֿגעקומענער שאַפֿונג. ייִדישע דיכטערס און וואָרטמײַסטערס האָבן נאָך אין וויַיטן נעכטן, נאָך ווײַט פֿאַרן נײַעם בראשית, אינטויִטיוו־נשמהדיק דערשפּירט און באַגריפֿן די וויטאַלע פֿאָלקס־כּוחות וואָס וועלן אויפֿקומען, צי דאָס איז געווען דער פֿאָטער פֿון ייִדישן טעאַטער אַברהם גאָלדפֿאַדען, מיט זײַן מעלאָדיש־האַרציקן, חנעוודיקן ליד, צי דאָס איז געווען דער בדחנותדיקער דיכטער אליקום צונזער, וועלכער האָט מיט „אין זײַן סאָכע ליגט די מזל־ברכה" און מיט זײַנע חיבת־ציון־לידער באַגלייט די בילויים; צי גאָר דער רוסיש־לירישער און ייִדיש־צערפּולער דיכטער שמעון פֿרוג, און מאָריס ראָזענפֿעלד און ש. אַנסקי. אויך אַנסקי אין זײַן ליד „שווין טויזנטער יאָרן", נאָך דעם ווי ער באַקלאָגט די מערכה פֿון ייִדישן פֿאָלק אין גלות און רעדט וועגן דער „נע־ונד־אומה, די פּרה־אדומה, בײַ יעדער מהומה, ווערט שיעור נישט פֿאַרלענדט"... און אַז ער זינגט אָפּ וועגן דעם אַל דאָס בייז, וואָס ייִדיש פֿאָלק שטייט אויס, זאָגט ער אָן די בשׂורה:

און פּלוצלינג — אַ וווּנדער וואָס טרעפט זיך גאָר זעלטן,
עס טראָגט זיך אַ בשורה פון מעכטיקע וועלטן;
— ישׂראל! דערוואַך זיך! צו דײַנע געצעלטן!
דײַן נחלה וועט ווערן פאַרזייט.

אמת, אין דער ייִדישער ליטעראַטור האָט ארץ־ישׂראל און אַלץ וואָס איז מיט דעם פאַרבונדן, נאַטירלעך, נישט פאַרנומען אַזאַ כּמותדיקע פּאָזיציע ווי אין דער העברעיִשער ליטעראַטור (האָט ריכטיק באַטאָנט אויך מרדכי יאָפע ע״ה אין זײַן אַרײַנפיר צו זײַן אַנטאָלאָגיע „ארץ־ישׂראל אין דער ייִדישער ליטעראַטור״), וואָרעם אין העברעיִש איז דאָך ארץ־ישׂראל באַהאַנדלט געוואָרן אין די פאַרשיידנסטע תּוכנס און פאָרמען פון מיטאָס, רעליגיע, טראַדיציע און וועלטלעכקייט. עס איז — אין דער העברעיִשער ליטעראַטור — פאַראַן דער לאַנגער וועג פון תּנ״ך, תּלמוד, מדרש און אגדה ביז די ערשטע פּייטנים, ביז דער גאָלדענער שפּאַניש־העברעיִשער תּקופֿה, און ביז די חסידישע און רבנישע ווערק, וואָס האָבן זיך אויסגעדריקט אין זייער באַזונדערן לשון־קודש, ביז אַלע עטאַפּן פון חיבת־ציון, השׂכּלה און נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. עס זענען פאַראַן אַ סך גרויסע שאַפונגען, וואָס דריקן אויס די בענקשאַפט, די ליבשאַפט צו ארץ־ישׂראל, וואָס דאָס מיינט שוין נאַטירלעך אויך אָנערקענען און דערקענען דאָס לאַנד. מיר פאַרמאָגן אַ שלל פּסוקים, אַפאָריזמען, ווערטלעך, וואָס זענען ווערטיק; און מעדיטאַציעס, באַטראַכטונגען, וואָס זענען אין זייער מעטאַפאָריק די בעסטע אילוסטראַציע צו ארץ־ישׂראל, און איבער אַלץ: די גרויס־קינסטלערישע שאַפונגען וועגן ציון, אָדער ארץ־ישׂראל, ווי מיר האָבן עס בײַ יהודה הלוי, אבן־גבירול, אבן־עזרא און אַנדערע פון יענער ווילטיקער גאָלדענער תּקופֿה.

אַוודאי איז אין ייִדיש, אין דער ייִדישער שאַפונג, דער וועג נישט אַזאַ לאַנגער, נישט אַזאַ ווײַטער און טיפער, אָבער דערפאַר איז ער אַן אינטענסיווער, אַן אוממיטלדיקער, דער תּוכן איז מער נוטה צו לעבעדיקער וואָר, צו ממשותדיקער ארץ־ישׂראל־ווירקלעכקייט, ס׳איז טרוים וואָס טראָגט אין זיך תּכלית. — —

פאַר די לעצטע 80—90 יאָר, אייגנטלעך, זינט ס׳האָט גענומען אויפגיין די ייִדישע ליטעראַטור אין אירע אייגנאַרטיקע נײַע פאָרמען, איז ארץ־ישׂראל געוואָרן אַ צענטראַלע אַקס אין דער ייִדישער שאַפונג סײַ אין איר אידעיִשער שײַכותדיקייט, אין איר נאַציאָנאַלן פּאַטאָס און סאָציאַלן טאָן, און סײַ אין איר פּאָלקישן גאולת־מאָטיוו. ס׳איז ווידער אַ מאָל קלאָר געוואָרן די גורלדיקע פאַרבינדונג צווישן פאָלק־ישׂראל און ארץ־ישׂראל. ס׳איז נישט בלויז סענטימענט און נאָסטאַלגיע־אויסגוס ווען דער זעלבער מאָריס ראָזענפעלד, דער בונטאַר פון די אַמעריקאַנער שוויצשאָפּן זאָגט אין זײַן ליד „אַ תּפילה״:

באַווײַז אונדז דײַן רחמנות, באַפרײַ אונדז פון סכּנות,
פאַרהיט אונדז פון פאַרדאַרבן, און לאָז אונדז
ענדלעך אַרבן דײַן זיסע לאַנד.

ס׳איז בפירוש מערקווּדיק וואָס דווקא אויפן פלאַך פון אַמעריקאַנער פּאַריאַכטן און שווער געפּרוּווטן עמיגראַנטישן לעבן האָט ער דערפילט די נויטווענדיקייט און דעם באַגער צו נאַציאָנאַלער זעלבשטענדיקייט.

קענטיקער און שטאַרקער האָט זיך אָפּגערופן און אָפּגעפילט דער פּלאַטער פון חיבת־ציון און ארץ־ישׂראל אין דער ליטעראַטור־שאַפונג פון די מיזרח־איירָאָפּעיִשע צענטערס. אַפילו י. ל. פּרץ, וועמענס באַציִונג צום ציון־געדאַנק, צום נײַעם ארץ־ישׂראל איז נישט קיין גאַנץ קלאָרע, לאָזט אײַנעם פון זײַנע העלדן אויסחלומען: „אַז האַלט מען בײַם פּאָרן, דאַכט זיך מיר פּאָרט, אַז ארץ־ישׂראל איז דאָס אייגנציקע אָרט" און הגם בײַ פּרצן ציט עס אַהין, ווײַל „דאָ ליגט אַ מלך... אַ כּהן... אַ נביא. און הײַנט זשע די כּותל, דער כּותל־מערבי"... איז אָבער זיכער, אַז פּרץ איז נישט נאָר צוליב „כּהן און נביא" אָנגערעגט געוואָרן צו טראַכטן וועגן ארץ־ישׂראל, נאָר ער איז געווים באַווירקט געוואָרן צו באַנעמען דאָס נײַע ארץ־ישׂראל, ווײַל די ווירקלעכקייט האָט אין יענער צײַט געצויגן אַהער דעם ייִדישן פֿאָלקסמענטש. אויך „טביה דער מילכיקער", דער טביה פון האָרעפּאַשנער מי, פון ייִדישער גורלדיקייט און טרוימערישער צעפּלאַטערטקייט זאָגט דען נישט, ווען זײַן איידעם פדהצור, דער אויפגעקומענער גביר, וויל אים משלח זײַן פון יעהופּעץ קיין אַמעריקע, און אויב נישט אַמעריקע איז קיין ארץ־ישׂראל. זאָגט אויף דעם טביה: „און אַגב דאַרפט איר וויסן, פּאַניע שלום־עליכם, אַז מיך ציט שוין לאַנג אַהין, קיין ארץ־ישׂראל". פון דער זעלבער צײַט אָן ערך (און פון נאָך פריִער) קומען שלום־עליכמס חיבת־ציון־דערציילונגען „פאַרבענקט אַהיים", „אַ קאָנסוליום פון דאָקטוירים", „די רויטע ייִדלעך" און מנחם־מענדל, שלום־עליכמס אייביקע געשטאַלט, טענהט אין דער לעצטער בריוו־סעריע, צו שיינע־שיינדלען, געשריבן אין יאָר 1913, לאמור:

„וואָרעם אַז איך דערהער דאָס וואָרט ציון אָדער ירושלים כאַפּט מיך אַוועק דער רוח. עס טוט מיך אַ ברען און עס נעמט מיך דורך אַ בענקעניש נאָך אונדזער אַלטער היים און נאָך אונדזער מלוכה. און מײַן נשמה לעכצט, גייט אויס, חלשט נאָך וואָס נישט איז, אַבי אַן אייגנס, כאָטש אַן אייגענעם ייִדישן גאַראַדאָוואָי, כאָטש אַן אייגענעם, אַ ייִדישן פּאַספּאָרט מיט ייִדישע אותיות אָפּגעדרוקט: ,זה הפּספּורט שייך להרבנו מהר"ר מנחם־מענדל'. אוי ווי דערלעבט מען דאָס: און אין דער אמתן אַרײַנגערעדט, למאַי זאָלן מיר זיך נאַרן? לאָז מען אונדז געבן דרײַצן אַנגלאָלעס מיט אַכצן גאַלוויסטאַנס, מיטן גאַנצן לאַנד אַמעריקע אַפילו לאָז מען אונדז אַוועקשענקען, וועלן מיר עס דען אַוועקגעבן פאַר איין שטיקעלע ערד אין ארץ־ישׂראל? ס׳איז דאָך נאַריש".

האַלטן מיר, אַגב, בײַ די ערשטע, בײַ די קלאַסיקערס, וואָס האָבן אַ הייב געטאָן דעם נאַציאָנאַלן ווערט פון אונדזער הײַנטצײַטיקער ליטעראַטור, איז כּדאַי צו דערמאָנען דעם בריוו וואָס י. ל. פּרץ האָט געשריבן צוזאַמען מיט י. דינעזאָן צו יהואשן, בעת יהואש האָט זיך אין יאָר 1913 אַריבערגעקליבן פון אַמעריקע

קיין ארץ־ישׂראל. דער בריוו איז איינער פון די אינטערעסאַנטסטע עפּיסטאָלאַרע דאָקומענטן. שרײַבט פּרץ צווישן אַנדערן:

„נעם אונדז מיט אין דײַן האַרץ, אין דײַן געדאַנק... און זאָג, אין אונדזער נאָמען, די בערג פון יהודה, דעם לבנון און אַלעס וואָס געבליבן, — מיר וועלן זיך אין קיין אַנדער לאַנד נישט אַרײַנפּליישן, ציון איז אונדזער וועג, די וועלט מיט ציון אין דער שפּיץ איז אונדזער צוקונפט״...

טאַקע פּרץ, וואָס איז געווען אַזוי געבונדן מיטן יידישן מאַסן־לעבן, מיט דעם רענעסאַנס פון דער יידישער ליטעראַטור און קולטור האָט עטלעכע יאָר פאַר זײַן טויט דערפילט — „מיר וועלן זיך אין קיין אַנדער לאַנד נישט אַרײַנפּליישן״; דאָ איז שוין פאַראַן דאָס קאָנקרעטע און ווירקלעכע, ווי דער גרויסער קינסטלער האָט דערזען און אָפּגעפילט — ארץ־ישׂראל ווי דאָס לאַנד פון יידישן טרוים און יידישן לעבן.

★

ס'איז, פאַרשטייט זיך, אַ מהלך רב פון די שטימונגספולע, תּמימותדיקע ציון־ און ארץ־ישׂראל־לידער פון אליקום צונזער, פון אַברהם גאָלדפאַדען און אַנדערע פון זייער צײַט, דורך די שאַפונגען פון די אויסגערופענע גרונטלייגערס פון אונדזער וואָרטשאַפונג, ביז דער הײַנטיקער ארץ־ישׂראל־ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן פון יידישע דיכטערס און דערציילערס באַהויכטע פון דער ארץ־ישׂראל־ווירקלעכקייט — — ס'איז, אָן צווייפל, אויך די המשכדיקייט פון יידישער שאַפונג אין אַלע אירע פאָרמען און טענער. — —

קענטיקע יידישע ליטעראַטור־שאַפונגען קומען אויף אין ארץ־ישׂראל גופא האַרט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה. ס'איז כּדאַי צו וויסן — און ווי איך האָב שוין פריִער דערמאָנט — אַז אַ פאָלקס־ליטעראַטור אין יידיש איז געווען אין לאַנד שוין מיט דרײַ דורות צוריק. דאָס זענען געווען תּחינות־און מוסר־ספרים, מעשׂה־ביכלעך און צײַטונגען, ס'רוב לשון־קודש און יידיש צוזאַמען. יידיש דעמאָלט איז אָפט מאָל געווען אַ ווילדוואָלד פון ווילן, האַרציקן מאה־שערים־יידיש מיט סקאַרבאָווע דײַטשמעריזמען. דער באַדײַט פון אָט די ספרימלעך און צײַטונגען איז הײַנט, פאַרשטייט זיך, אַ ריין פאָלקלאָריסטישער. בשעתו אָבער איז עס געווען אין אײנקלאַנג מיטן לעבנס־שטייגער און מיט די דעמאָלטיקע לעבנס־באַדינגונגען פון אַלטן אַשכּנזיש־יידישן יישוב.

קלאָר, אַז די נײַע יידישע שאַפונגען, וואָס האָבן זיך גענומען אַרויסקענטיקן מיטן אָנקום פון דער צווייטער עליה, זענען נישט געווען קיין המשך פון אָט דער פאָלקסשאַפונג וואָס איז דאָן געווען בנימצא אין לאַנד. זי איז נישט אַרויסגעוואַקסן פון איר. די נײַע יידישע שאַפונה איז געווען אָנהייב, בראשית — ווי בראשיתדיק ס'איז געווען די תּקופה פון ארץ־ישׂראלדיקן נײַלעבן. אַגב, לאָמיר פאַרגעדענקען, אויך די נײַע, די הײַנטיקע העברעיִשע ליטעראַטור איז געשאַפן געוואָרן דורך שרײַבערס, פּאָעטן און דערציילערס, וואָס זענען געקומען פון

גלות. פון די ייִדישע שטעט און שטעטלעך פון וואָלין און רײַסן, פון פּוילן און גאַליציע און ליטע.

ס'איז געווען די צײַט — ווי מיר זענען דאָ שוין געווינט צו באַצייכענען — פון דער „צווייטער עליה", צו די ברעגן פון ארץ־ישׂראל האָבן זיך דעמאָלט געריסן פּיאָנערן און בויערס, די וואָס האָבן אויסגעטראָטן און געבאָנט דעם וועג פאַר מאַסן־עליה. מיט די שיפן קיין יפו זענען דעמאָלט אויך אָנגעקומען די ערשטע ייִדישע שרײַבערס. ווער ס'איז געקומען צו בלײַבן, צו בויען דאָ זײַן היים און ווער נאָר צו זען, צו דערקענען דאָס לאַנד. ס'זענען געקומען שוין אויסגערופענע שרײַבערס: שמואל יעקב אימבער, דער פּלימעניק פון „בעל־התקווה", וואָס האָט שפּעטער אַרויסגעגעבן, ווי די פּרוכט פון זײַן באַזוך אין 1912, זײַן לידער־זאַמלונג „פון ייִדישן לאַנד". ס'איז געקומען צום ערשטן מאָל שלום אַש, וואָס פון אַט דעם ערשטן באַזוך זײַנעם שטאַמט זײַן וווּנדערלעכע דערציילונג „אַ טאַלאַנט צו ארץ־ישׂראל", יהואָש איז געוואָרן אַ תּושב אין רחובות און האָט אויפגעשריבן זײַן פּרעכטיק רעפּאָרטאַזשן־בוך „פון ניו־יאָרק קיין רחובות און צוריק", באַגלייט מיט ציקלען ארץ־ישׂראל־לידער. תּלוש האָט דאַן דאָ געשריבן דעם ערשטן ייִדישן ארץ־ישׂראל־ראָמאַן, און ז. ברכות האָט דערפילט און אַרויסגעבראַכט די שיינקייט פון גליל און די ריטמישע רוישן פון ירדן אין זײַן ראָמאַן „דער ירדן רוישט", ראובני, אַ ברודער פונעם צווייטן נשיא פון מדינת־ישׂראל, האָט געשריבן דעמאָלט נאָר ייִדיש און האָט אין אַן אָריגינעל דערציילערישער פאָרעם פאַרפיקסירט אין זײַן דערציילונג „אונטערן וואָגט", דאָס לעבן פון שומר. זישע ווײַנפּער איז שפּעטער אָנגעקומען מיטן ייִדישן לעגיאָן — אַגב, סאָלדאַטן אין דעם לעגיאָן זענען געווען אַ צאָל ייִדישע דיכטערס און דערציילערס — זײַן אָפּפילן דאָס לאַנד האָט אים דיכטעריש באַאײַנפלוסט. ער האָט צו מאָל, יאָרן שפּעטער, געשריבן ארץ־ישׂראל־לידער, אָנגעשריבן זײַן ראָמאַן „אויף די זאַמדן פון יהודה". אהרון צייטלין האָט בײַגעשטײַערט זײַן איינציקאַרטיקן ראָמאַן „ברענענדיקע ערד", וואָס שפּיגלט אָפּ ארץ־ישׂראל אין די מלחמה־יאָרן און די ניל"י־עפּאָפּעע. דורך די אַלע ווערק קומט אויף, ווי אַן עיקר־מאָטיוו, די דורותדיקע פאַרבונדנקייט מיט ארץ־ישׂראל. אַט דעם דורות־באַוווסטזײַן פילן מיר אַרויס בײַ אַ צאָל דיכטערס, סײַ פון די ערשטע, סײַ פון די שפּעטערע. בײַ אפרים אויערבאַכן, וואָס קאָן מיט רעכט באַטראַכט ווערן ווי איינער פון די פּיאָנערן פון דער מאָדערנער ארץ־ישׂראל־פּאָעזיע, וועמענס ערשטע זאַמלונג ארץ־ישׂראל־לידער „קאַראַוואַנען" איז דערשינען מיט זעכציק יאָר צוריק.

אויערבאַכן, דעם זון פון בעסאַראַביע, וואָס איז געווען אין יענער צײַט אַן אַרבעטער און אַ שומר אין אַ קאָלאָניע, איז באַשערט געווען צו ווערן איינער פון די ערשטע באַזינגערס פון דער חלוציש־העראָישער תּקופה, און ער דערקלערט עס אַזוי פּשוט און אוממיטלדיק:

ס׳האָט אַ פאָדעם זיך געצויגן,
דורות לאַנגע נאָך אַנאַנד,
און פאַרקניפּט מיך און פאַרבונדן
מיט מײַן ווײַט פאַרוויסטן לאַנד.

יעדער הייל און יעדער בערגל
האָט בײַ מיר אין האַרץ געלעבט,
כ׳האָב פון קינדווײַז נאָך דעם חלום
פאַר מײַן אייגן לאַנד געוועבט.

אָבער אויך דיכטערס, וואָס זענען לכאורה ווײַט געווען פון ארץ־ישׂראל האָבן געטראָגן אין זייער וועזן, אין זייער מהות טיפע נאַציאָנאַלע געפילן צו דער אויפוואַכונג פון ארץ־ישׂראל.

אָט ווי אַברהם רייזען, מיט זײַן אייגנאַרטיקער, היימישער שפּראַך, ברענגט אַרויס זײַן באַנעם און באַציִונג צו ארץ־ישׂראל אין זײַן ליד „היימלאַנד״:

איך ווייס נישט פון נאָענט,
איך ווייס נישט פון ווײַט;
און וואָס זענען יאָרן
פון טויזנטער צײַט?

מעג ליגן מײַן היימלאַנד
פאַר טויזנטער מײַל —
איך זע זי, איך גרייך זי
אָט באַלד אין איין ווײַל.

און מיט יאָרן שפּעטער באַזינגט דאָס היימלאַנד אַברהם לעוו, דער דיכטער פון חלוצישער טוונג, דער מענטש פון קיבוץ, פון פעלד און האַרעפּאַשנעם יאָך. ער גיט אָפּ אַ דאַנק דעם אויפגייענדיקן טאָג. אין זײַנע לידער איז פאַראַן צו מאָל פון רייזענס שפּראַך — פּשטות. אָבער וויפל פּאַטעטישע שטײַגערונג, שפּירונג און אייגנדיקייט איז פאַראַן אין זײַן „פרימאָרגנדיקן טאָג״:

פרימאָרגנדיקן טאָג, וואָס גייט איצט אויף,
האָב איך אַ פריידיקער באַגעגנט,
אַ פויגל דרייט אַרום זיך ווי אַ שרויף
אין אָט דער ברייטער פליִענדיקער געגנט.

אַ שוואַרצע פעטע קראָ אויף בוימערישער קרוין,
זי וויגט זיך, וויגט זיך אויפן דינעם ריטל,

עס ליגט די ערד, די ייִדישע, צעאַקערטע, ברוין,
און צוגעדעקט מיט ווײַסן טוי, ווי מיט אַ קיטל.

ווי אַנדערשדיק עס איז דער אויסדרוק, די אינערלעכע שפּאַנונג, די פּאַרמירונג פונעם ליד בײַם דיכטער, וואָס האָט פאַרבונדן זײַן לעבן און שאַפן מיטן לאַנד, ווי אַנדערשדיק ס'איז זײַן דיכטערישע באַשטימונג. נאָענט און אייגנדיק איז אים דער בוים און דאָס פעלד און די בלום, און דער פויגל וואָס פלאַטערט און דאָס וואַסער וואָס ריזלט און דער פעלדז אויפן באַרג, און דער זאַמד אין מידבר — —

ס'איז, דאַכט זיך, אויסער יעדן ספק, אַז גראָד דער ייִדישער דיכטער פילט אָפּ אינטענסיווער און שטאַרקער דעם פּייזאַזש פון לאַנד. — — עלעהיי פון דורותדיקער דערוואַרטונג פאַלט ער צו צו דעם צעהעלטן פּייזאַזש, ווי באַגלייט פון נאָגנדיקן חומשדיקן ניגון. — — אַוודאי האָט דאָ געהאַט אַ השפּעה דער דורכגעגאַנגענער טראַגישער וועג, אויף וועלכן אונדזער פאָלק איז געפּרוווט געוואָרן, דער וועג אויף וועלכן ניט ווייניק ייִדישע דיכטערס זענען דורכגעגאַנגען און אַרויס פונעם פײַער־טיגל מיט יסורימדיקער געלײַטערטקייט, מיט ייִדיש־פאָלקישער פּאַרטיפּעטקייט. — —

✶

אונדזער אויסגעראַנגלטע זעלבשטענדיקייט האָט, נאַטירלעך, דערנענטערט דעם ייִדישן שרײַבער און דיכטער אין גאָר דער וועלט צו די פּראָבלעמען און געשעענישן אין לאַנד, ער איז דורכגעדרונגען געוואָרן מיט דער ממשותדיקייט פון אונדזער נאַציאָנאַלן לעבן. דער ייִדישער שרײַבער איז וואַך און שפּירעוודיק צו דעם אַלץ, וואָס עס געשעט דאָ. ער איז אָנגעשפּיצט צו די דערהויבונגען און נעמט אויך אויף די דורכפאַלן. אָבער מער ווי אַלץ — און קודם־כּל — האָט עס אים אָנגעלאָדן מיט נאַציאָנאַלער ווערדע און געשטאַרקט אים אויך אין די תּפוצות. דערפאַר זענען מיר אַזאַ שפע פון לידער, דערציילונגען, מעדיטאַציעס אויף ישׂראל־טעמעס בײַ ייִדישע שרײַבערס און פּאָעטן ווו זיי זאָלן ניט זײַן. זיי האָבן אויפגעכאַפּט די נײַע ייִדישע ווירקלעכקייט אין אַלע אירע פאַרלויפענישן, באַנומען די גרייס פון דער געשעעניש, דעם אויפקום און אַנטוויקלונג פון דער מדינה, זיי האָבן אָפּגעפילט די היסטאָרישע חשיבות און שליחות פון דעם ווידעראויפקום. ס'איז כּמעט ווי ניט מעגלעך דורך דעם שלל פון ארץ־ישׂראל־מאָטיוון, פון דער קינסטלערישער פּאָעזיע און פּראָזע זיך אָפּצושטעלן איצט אויף דער באַזונדערקייט, אויף די באַזונדערע שטריכן פון אָט דער צעצווײַגטער שאַפונג. איך האָב אַנומלט אָנגעסיליעט אַ רעגיסטער, האָט זיך באַקומען אַזוי: איבער הונדערט און צען ייִדישע דיכטערס האָבן אויפגעשאַפן ארץ־ישׂראל־לידער. עטלעכע און זעכציק פּראָזאַיִקערס האָבן געשריבן ארץ־ישׂראל־דערציילונגען, ראָמאַנען, קינסטלערישע רעפּאָרטאַזשן. — —

פון דער אימפּאָזאַנטער, באַטײַטיקער צאָל פּאָעטן אין די תּפוצות דערמאָן איך דעם פאַרשטאָרבענעם דיכטער י. י. סיגאַל, וואָס איז געווען אַזוי אָפּגעהיט מיט זײַן וואָרט און אויסדרוק, און זײַן ליד איז אַלע מאָל מײַסטעריש געפורעמט און געלײַטערט, האָט ער זיך דאָך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן אין זיינע געציילטע לידער מיט ארץ־ישראל־טעמאַטיק אַרויסצוברענגען מיט אַזאַ התלהבות זײַן טיפע איבערלעבונג, ווי מיר פילן עס אָפּ אין די סטראָפעס פון זײַנע געזאַמלטע „לעצטע לידער״:

און אַלץ איז דאָ פאָלקסטימלעך יונג,
און אַלץ איז דאָ פונקט ווי בײַ זיך.
בײַ זיך, ווי די פיס און די שיך,
און אַלע וועלן נאָך קומען אַהער,
אַפילו — משיח.

אַגב, דער גאולה־ און משיח־מאָטיוו און די אַקצענטירונג פון טרעטן אויף דער ערד פון ווײַט־נעכטיקן און הײַנטיקן ארץ־ישראל איז אַ דאָמינירנדיקער שטריך אין דער ישראל־שאַפונג, איז ווי אַ באַגלייט־טאָן אין דער פּאָעזיע און פּראָזע. צום בולטסטן קענטיקט זיך עס אויס אין די שאַפונגען פון אַהרון צייטלין, פון יעקב פרידמאַן און קאַדיע מאָלאָדאָווסקי, אין די ישראל־לידער פון יעקב גלאַטשטיין און ה. לייוויק. בײַ לייוויקן איז עס אויך „וווּנדער איבער וווּנדער״:

איך שפּאַן איבער ערטער,
ווו אַ פוס האָט זעלטן געטראָטן —
איך גיי אין אַ שליחות:
איך טראָג אויף די ליפּן ווערטער
וואָס זענען פאַרטרויט מיר געוואָרן.

און בײַם באַטרעטן ירושלימער אַלטשטאָט, בײַם אָנקוקן די שטיינערוואַנט, דעם „כּותל״, זאָגט ער:

איך זע צום ערשטן מאָל דיך,
און איך וויל דיך אָנרירן
מיט מײַנע פינגער,
און —
איך ריר נישט אָן.
ביסט אַלט צוויי טויזנט יאָר
און איך — נישט יינגער.

ס'איז כאַראַקטעריסטיש — און אויך פֿאַרשטענדלעך — אַז שאַרפֿער און אימפּולסיווער האָבן דערפֿילט דעם באַציאַנאַלן קער און ווענד אין אונדזער הײַנטצײַטיקער, מיט טראַגיק און העראָיִק אָנגעפֿילטער געשיכטע — די ייִדישע דיכטערס, וואָס זענען דורכגעגאַנגען דעם גיהנום-וועג פֿון אונדזער פֿינצטערער תּקופֿה אין אייראָפּע. זייער געמיט איז סענסיטיווער און צוגעשפּיצטער, כאָטש נישט לײַכט זענען געווען די ווייען פֿון אַקלימאַטיזאַציע, דאָס דערקענען און אויפֿנעמען דעם פּייזאַזש און טיפּאַזש פֿון ארץ־ישׂראל. אָט די אינערלעכע איבערברוכן האָבן אויך איבערגעלעבט די העברעיִשע שרײַבערס, האָט דאָך דערציילט אַ מאָל דער דיכטער דוד שמעוני, ווי שווער עס איז אים אָנגעקומען אַראָפּצורײַסן די בלאָנע, וואָס האָט פֿאַרשטעלט זײַן אויג, און צו דערזען דאָס אייגנדיקע און נײַע...

דאַכט זיך אַז דער ייִדישער דיכטער איז מסוגל גיכער און טיפֿער צו דערפֿילן דעם אַרום, זיך אײַנלעבן אין מיט און געמיט. פֿאַר וואָס דאָס איז אַזוי, איז אַ טעמע פֿאַר זיך, וואָס האָט צו טאָן מיט דער גענעזע און מיט דעם גאַנג פֿון ייִדיש־פּאָלקישן שאַפֿן. אָט די שפּירונג טרעט אַרויס גאָר בולט אין די שורות פֿון סוצקעווערס ערשטע ישׂראל־לידער, ווו ער זאָגט:

ווען כ'וואָלט אַצינד, נאָך מײַן עקדה,
נִיט אָטעמען דאָס גליק און ווײַ דאָ, —
ווען כ'וואָלט ניט ברענען מיטן לאַנד,
ווולקאַניש לאַנד אין חבלי לידה;
ווען כ'וואָלט אַצינד, נאָך מײַן עקדה,
ניט מיטגעבוירן מיטן לאַנד,
ווו יעדער שטיינדל איז מײַן זיידע —
געזעטיקט וואָלט מיך ניט דאָס ברויט,
דאָס וואַסער ניט געשטילט מײַן גומען.
ביז אויסגעגאַנגען כ'וואָלט פֿאַרגוי'ט
און בלויז מײַן בענקשאַפֿט וואָלט געקומען...

סוצקעווער האָט באַרײַכערט די ארץ־ישׂראל־דיכטונג ניט נאָר מיט זײַן אייגנציקאַרטיק קינסטלערישן בײַטראָג, — זײַן מאָדערן געלײַטערטע פֿאָרעם, דאָס מײַסטערשאַפֿט פֿון זײַן וואָרט און אימאַזש, די פֿילפֿאַרביקייט פֿון זײַן בילד און פֿרישקייט פֿון פּאָעטישן אויסדרוק האָט באַאײַנפֿלוסט צו מאָל אַנדערע דיכטערס צו זוכן נײַע פֿאָרמען, נײַע טענער, נײַע בילדער. ניט אַלע מאָל — און ווײַט ניט פֿאַר אַלע — איז עס געווען לטובֿה. אָבער עס האָט אויסגעברייטערט די ראָם מיט דיכטערישן עקספּערימענט און ס'האָט אָנגעלאָקט מיט נײַעם געשליפֿענעם וואָרט.

איך וויל דאָ נאָך דערמאָנען דרײַ דיכטערס: י. פּאַפּיערניקאָוו, אריה שמרי,

יעקב צבי שאַרגעל. אַלע דרײַ געהערן צו דעם אָנהייב פון אונדזער ייִדישער דיכטונג אין ארץ־ישׂראל. וועגן יעדן איז מיר שוין אויסגעקומען צו שרײַבן באריכותדיק, וועגן זייער ליד און דיכטערישן דרך.

כמעט אַלע דרײַ, אין איין צײַט, האָבן אָפּגעצייכנט אַ יובל יאָרן אין ארץ־ישׂראל. אין די פינף צענדליק פּאַרלאָפענע יאָרן איז געווען נישט ווייניק עצבות אָבער אויך חדווה; געווען די פרייד פון שאַפן, פון געראַנגלען און דערגרייכונגען.

אין פּאַפּירעניקאָווס לידער, סײַ אין די ליריש־יחידישע, סײַ אין די סאָציאַלע זעען מיר ווי ער איז געגאַנגען מיט זײַן אייגענעם וועג, מיט זײַן נוסח און סטיל. דער ארץ־ישׂראלדיקער קלימאַט און פייזאַזש האָט געפורעמט ניט נאָר זײַן ניגון און תוכן, נאָר האָט, ווי אויף פליגלען, צעטראָגן זײַן עכטן, אויפריכטיקן וואָרט. איבער אַלע ייִדישע תפוצות טראָגט זיך זײַן מעלאָדיש ליד מיט דעם אומעט און מיט דעם זעלטענעם אייפער פון איינעם פון די ערלעכע ראשונים.

יעקב צבי שאַרגעל, כאָטש אַן ארײַנגעוואַקסענער, אַ פּאַרוואָרצלטער אין דער ישׂראלדיקער מיליע, איז ער אַלע מאָל ווי אויף רוי ערשטפעלד מיטן פלאַטער פון יוגנשאַפט און מיט פאַרליבטקייט פון איינעם, וואָס דערזעט די נאַטור־שיינקייט צום ערשטן מאָל. איז גוט צו פילן מיט אים די בלום אין זײַן גאָרטן און דעם בוים בײַ זײַן הויז, ס'איז אַ טרייסט פאַר ניט ווייניק ביטערע דערפאַרונגען וואָס אַ ייִדישער דיכטער האָט דאָ געהאַט אויסצושטיין.

מקורותדיק און אייגנדיק איז די שאַפונג פון אריה שמרי, וועמענס ליד קומט אויף פון אַ טיפער שורשדיקער דיכטערישער וועלט. אין זײַן ליד שפּירן מיר סײַ דעם ריח פון די קיבוץ־פעלדער, סײַ מיר דערהערן דעם וווּנדערקלאַנג פון אונדזער נעכטיקער היים און ייִדישן גורל. דעם טרויער פון פאַרשניטענעם נעכטן און די שטילע, ציטעריקע פרייד פון הײַנט. — —

ווי ווייטיקדיק. אריה שמרי איז געווען פול מיט לעבן און מיט שאַפערישע פּלענער, ער איז אַזוי פּלוצעם אַוועק פון אונדז.

זיי, און אַ צאָל דיכטערס און שרײַבערס אין לאַנד (לאָמיר דאָ דערמאָנען דעם דיכטער יעקב שטאָל — שמחה איַזן — אויך איינער פון דער גרופּע „ערשטע״), האָבן מיט זייער באַשיידענעם און התלהבותדיקן אָנהייב אויסגעברייטערט און געשאַפן דעם וועג פאַר דער איצטיקער צעצווײַגטער ייִדישער ליטעראַטור־שאַפונג אין ישׂראל. מען האָט זיך דערוואַרט, מיר האָבן זיך דערוואַרט. עס זענען געקומען, עס זענען צוגעקומען ייִדישע דיכטערס, ייִדישע פּראָזאַיִקערס, געקומען פון אַן אָפּגעמעקטער דורותדיקער וועלט צו אַ נײַער, גרויסער ייִדישער וואָר.

צוזאַמען איז עס אַ געזאַנג פון דורות וואָס באַקומט זײַן תיקון אין דער ייִדישער ליטעראַטור אויף דער ייִדישער ערד.

יאָסל לערנער

מײַן היימגעזאַנג

א

דער שמעטערלינג בענקט נאָך זײַן בלימל,
דער סאָלאָוויי — נאָך זײַן געזאַנג.
יעדער מיט זײַן ערד און זײַן הימל,
מיט זײַן אייגענעם פלי און געקלאַנג.

דו בענקסט נאָך אַ טראָפּנדל נחת,
איך — נאָך לידער אַ באַנד.
צו אונדזערע טרוימען דער מאָרגן
שוין וואָך איז
און עס שענקט אונדז אַ פּאָר צווײַגעלעך
צוויט —
אונדזער בליִענדיק לאַנד.

ב

קום אַרײַן אין קאַראַהאָד,
ווע'מיר גיין אַ טאַנץ צוזאַמען.
ברייטער ווערט ער, אונדזער ראָד,
לענגער און אָן צאַמען.

קום אַרײַן אין קאַראַהאָד,
וועסט דײַן בענקעניש דאָ שטילן.
וועסט באַפרײַען זיך פון שאָד,
וואָס דײַן לעבן טוט פאַרהילן.
קום אַרײַן אין קאַראַהאָד,
אינעם שויס פון אונדזער מאַמען.
ענדיק מיט דײַן נע־ונד
וואָס קען דײַן זײַן פאַרסמען.

ג.

איך האָב געוווּנטשן זיך אַ מאָל צו זײַן
אַן אייביק קינד,
אַז אַלץ איך זאָל באַנעמען מיט קינדערישע אויגן.
טע זאָל דער „זײַן" נישט וויסן פון קיין ווײ און ווינד,
און שטענדיק זען אויף גרויע כמאַרעס
אַ שיינעם רעגן־בויגן.

כ'האָב נישט געוווּסט אַז צו פיל וועלן
איז אַ זינד,
אַז אַלץ איז אינעם לעבן אָפּגעוווגן.
אַז אונדזער מזל איז געגליכן צו אַ הינד,
אַט איז דאָס דאָ, און באַלד — ווי נישט געשטויגן.

איז גוט און וווּל וואָס ס'איז מײַן לאַנד
שוין וואָר,
און טוט פון מאָל צו מאָל מײַן פּנים גלעטן,
עס שפּילט אַ פריילעכס מיר דער פידלער אויפן דאַך
און איך פאַרבלײַב אַן אייביק קינד —
ווי כ'האָב געבעטן.

טרער פון פרייד

וואָס איז די טרער?

ווען דער אומעט ער פּליסט אין דײַן רער
און דו ביסט אין אַלעמענס אויגן אַ גר
מיט דײַן ייִדישן קלאַנג,

מיט דײַן ייִדיש געזאַנג,
בײַ דײַן ווענד און דײַן קער...

וואָס איז די פרייד?

ווען דער אומעט פאַרגייט
און אַ שטראַל פון אַ פרײַנדלעכן שמייכל באַגלייט
דײַן ייִדישן קלאַנג,
דײַן ייִדיש געזאַנג
פון דער גאָלדענער קייט...

*

מיט הייליקע טריט גייט אַרום דאָ גאָט
און בענטשט איעדן נײַ־געקומענעם ייִד,
הערט זיך אײַן צום קלאַנג פון יעדן וואָרט
אויף עברית,
טיף אין די אויגן קוקט ער אים אַרײַן
און שענקט אים אַ פולן בעכער מיט שײַן.
צעבליט זיך דער דרויסן מיט אַ רויזיקן שמייכל:
שלום־עליכם!
שלום־עליכם!

פון די בערג נידערט די רו אַראָפּ,
די רו פון אַן אייגענער היים —
די טײַערסטע גאָב,
וואָס דער מענטש פאַרמאָגט.
לײַטערט זיך אויס דער הימל אין הארץ,
און עס טאָגט.
און אויסגעגלײַכט ווערט דער ייִדישער רוקן
פון הויקער.
און עס זינגען די בערג
און דער גאַנצער אַרום
פריידיק און פרום:
ויהי בוקר...

מײַן שטעטל ווו איך וווין

אויף קרית אונו, דעם שטעטל ווו איך וווין,
האָט דער דרויסן אָנגעטאָן אַ גרינע קרוין.
באַצירט מיט ביימער, קוסטן, גראָזן,
אין די פאַרנאַכטן זאָלן ווינטלעך פרישע
בלאָזן.

אַזאַ בישוף ליגט דאָ. עס שמייכלט דער אַרום.
אַ בין צעזשומעט זיך זייגנדיק אַ בלום.
דער טאָג שפּאַצירט דאָ אום מיט זײַנע גרינע לאָקן,
דער אָוונט גייט דאָ אום אין טונקל־גרינע
זאָקן.

די הײַזער וואַקסן אין דער לענג און אין דער ברייט
און זענען צו חתונות און צו בריתן גרייט.
קינדער שפּילן זיך, שפּרינגען אום און און לאַכן,
און גוטינקע מלאַכימלעך שוועבן אַרום זיי
און וואַכן.
יווירט אין מיר די ווונדערונג צו מײַן גרינער שטאָט,
און עס זינגט מײַן לעבן אַ תּפילה אויס צו גאָט:
שענק אונדז רו און שלום! מיר זאָלן פון קיין בייז נישט וויסן,
מיר זאָלן פון דעם אויסגעבענקטן היימלאַנד אונדזערן
געניסן!

איכפּת

מיך גייט עס אָן — מיך אַרט עס
ווען עמעצער נאַרט, צי גענאַרט איז,
ווען עמעצער רויבט, צי באַרויבט איז,
ווען עמעץ פאַרטויבט, צי פאַרטויבט איז,
ווען ערגעץ אין לאַנד איז נישט גלאַט, —
לי׳ איכפּת.

לי׳ איכפּת,
ווען עמעצער שטראָפט, צי געשטראָפט איז,
ווען עמעצער בלאָפט, צי געבלאָפט איז,

ווען אין לאַנד איז נישט אַלצדינג צום בעסטן,
די יוגנט — פֿאַרלאָזט און צעפּעסטעט,
ווען ערגעץ פֿאַרדרייט איז דער פּשוטער פּשט, —
לי איכפּת.

לי איכפּת,
ווען עמעצער בלענדט, צי פֿאַרבלענדט איז,
ווען עמעץ פֿאַרלענדט, צי פֿאַרלענדט איז,
ווען יורדים די עולים עס ווערן,
ווען אונדזערע זאָרגן זיך מערן,
די אַרבעט זי פֿויזעט לאַט־לאַט, —
לי איכפּת!
לי איכפּת!

1974

מאָטל סאַקציער



האָב ניט מורא

וואָס ציטערסטו? מיט פינגער ווי קלעמער
וואָס אָנגעכאַפּט קראַמפּיק אַזוי
האָסטו פּלוצעם מײַן האַנט?
פאַר וואָס אין קילן פאַרנאַכטיקן דעמער
בײַ דער פאַרוויינטער, הייליקער וואַנט,
מיט איר קדושה דורכגענומען,
אומרויִק שפּרינגען דײַן האַרץ האָט גענומען
ווי אין די בערג, מיט ציטעריקער פעל,
פון די פאַרפאָלגערס געיאָגט אַ גאַזעל,
וואָס אויף טויט איז דערשראָקן...

דאָס קלינגען נאָר גלאָקן, פרידלעכע גלאָקן
אין דודס אייביקער שטאָט,
ווו ס'האָט גערעדט דער נביא מיט גאָט,
און געפּריידיקט ליבשאַפט און גנאָד,
און זײַן אחרית־זעונג ער אויסגעגליט האָט,
זיי קלינגען צום אָוונט־געבעט, אָדער חגא,
גלי־גלאָן נאָך אַנאַנד,

פאַר וואָס זשע אַ פלאַטער געטאָן אין טרעוואָגע
האָט פּלוצעם דײַן האַרץ? די גלאָקן דערמאָנט

דיר האָבן די שרעקן,
דעם שפּאָט און די שאַנד
ווען מיר זײַנען געווען ווי גראָז
פֿאַר אַכזרישע שניטער,
און פֿאַר זיי זיך פֿאַרטײַעט
אויף בווידעמס, אין קעלערס, אָן ליכט?
האָב ניט מורא, ניט ציטער.
סע שלאָפֿן דאָך ניט אין שטאָט אירע היטער
געטרײַע, ווי זין, זייער פֿליכט.

שׂינאה

ווידער, ווידער האָט די שׂינאה
מיט צעקרומטן פּיסק אין משוגעת־פּינע
איר פּרצוף אין מײַן שויב אַרײַנגעשטעקט,
און ס'האָט מיר נאָך אַ מאָל פֿאַרשמעקט
מיט גאַז, מיט אויוונסטשאַד
און שײַטערס ברענענדיקע קנאַליק.

איך האָב דערזען זי אין דעם מידבר־שאַליק
אַ צישנדיקע קריכן ווי אַ שלאַנג
צווישן גלאַטע, אָפּגעשלײַפֿטע שטיינער,
און כ'האָב דערקענט אין אירע ציינער
דאָס מעסער מיט דעם שטאָל־געבלויטן בלאַנק
פֿון דעם וואָס האָט געשמידט עס,
און אין דעם דערקענלעך זײַנען זײַנע שיטות,
זײַן מהות, זײַן גאַנג...

יעדן אָוונט ווען מיט ווייכע פֿליגל
ס'דעקט די שטילקייט אײַן
דעם „טייטלען־היגל" —
אַזוי הייסט דער שיכון בײַם יפֿו־ראַנד,
בײַ וועלכן איך האָב סוף־כּל־סוף געלאַנדט,
און ווו דער סוף איז שוין
פֿון מײַנע וואָגלענישן אַלע —
ווען כ'דריי דאָס ראַדיאָ־שפּינדל
אויף טאָוועלע פֿון כוואַליעס־שקאַלע,

טויט מיך די שׂינאה אַ באַפאַל
מיט כאַרכלענדיקע קולות, מיט געשאַל,
זי גייט אויף מיר
פון אַלע וועלטן־עקן.
נאָר איך טו פאַר איר מיך שוין ניט שרעקן
ווי זי ניט שטשירען זאָל די ציין.

אומדערשיטערט אין געפאַר צו שטיין
ביי מײַן פאָלק געפרווווטן איך מיך לערן,
וואָס מיט קלוגשאַפט
און מיט מוט
עס שפײַזט
מײַן זיך אויסגעגליַיכטן גײַסט,
און צו זײַן ברוסט כ׳דריק צו
מײַן גלײענדיקן שטערן.

אומזיסט, מײַנע פרײַנד, איר מיר עצהט

אומזיסט, מײַנע פרײַנד, איר מיר עצהט
כ׳זאָל אויפשטיין איין מאָל גאַנץ פרי,
נעמען דעם זאַק אויף דער פלייצע,
און טאָן קיין אייראָפּע אַ פלי.

זאָל זײַן צו דער שטאָט אויף דער סענע
(כ׳געדענק פון דער יוגנט איר טעם),
קיין רוים, צי גאָר קיין אַטענע,
ווו זײַן פון דער שיינקייט כ׳וועל נהנה,
וואָס וועט מיר ניט שאַטן מיסתּם...

אומזיסט אײַער טענהן אַז בײַטן
דעם שטייגער איך מוז און די לופט,
ווײַל ס׳איז זיך פאַרזעסן דער פיטן,
און טויב צום דעמאָן פאַרשײַטן
וואָס אין אומבאַקאַנטקייט ער רופט,
ווי איר כ׳זאָל מיט דאָרשטיקע בליקן
פון מיראַזשן מיך לאָזן פאַרלאָקט,
מיט פרעמדער שיינקייט זיך קוויקן.

מיט אַלע וווּנדער־אַנטיקן
וואָס פיל די וועלט זיי פאַרמאָגט...

וווּנדער? אויך דאָ זיי מיר קלעקן.
זעט, וווּהין כ'זאָל ניט גיין,
צו וועלכע ניט קערן זיך עקן,
טוט דאָך דאָס היימלאַנד אַנטפּלעקן
די פינטעלעך אירע פון חן...
כ'האָב ניט געזען דאָ נאָך אַלעס,
ניט אַלץ שוין דערלערנט, דערקענט,
וואָס יעדערן ברענגט אין התפּעלות
ווער נאָר צו דער שיינקייט געגעבנט,

איך דאַרף נאָר אַזוי פיל געניסן,
וואָס אונדזער באַוווּנדער פאַרדינט,
אין וואָס ס'האָט אַרײַנגעלייגט וויסן
און דמיון מײַן פאָלק ביז אַצינד.

דאָס שיינע אויך דאָ איך געפין עס,
מיט וואָס מיר שעצן זיך רײַך,
דערפאַר אין די פרעמדע מדינות
מיך ציט ניט, אַזוי ווי אײַך,

די לופט כ'וויל ניט בײַטן דעריבער
אויף יענער איבערן ים,
זאָל זײַן אַז די היגע איז טריבער,
פון סכּנות אונדז טרייסלט דאָס פיבער,
די הײם איז מיר אייגענער, ליבער
פון חסר־דעהשן וועלטן־בעדלאַם...

1980

ברודער, היט אָפּ דעם פּרדס

ברודער, היט אָפּ דעם פּרדס,
למען־השם, ברודער, שוין אים!
אים האָבן אין זיבעטן שווייס
דאָ געפלאַנצט די ראשונים.

זיי האָט זיך פון מידבר די טראַכט
געגעבן ניט גרינג צו דערוועקן,

אַז ס'זאָל זיך פון אַט־אָ־דער פּראַכט
ווי אַ גנאָד דער מופת אַנטפּלעקן.

געגראָבן די ערד מיט די הענט,
געאַקערט, געזייט, באַמיסטיקט,
פון אַ וווּנדער־זעונג פאַרבלענדט,
אָן אַ שמץ פון מיסטיק.

דאָ אויך גערוט אין געצעלט
צוקאָפּנס מיט עקדעשן, שלאַנגען,
פון זומפּן־קדחת געקוועלט,
זײַנען יונג פון דער וועלט
ווײַפל אַוועקגעגאַנגען,
איידער ס'האָט זיך פאַרוואָרט
דער טרוים,
וואָס אַהער זיי געצויגן
פון ווײַטן, אומפאַרגעסלעכן דאָרט,
ווי אין ליד,
„מיט פאַרווייִנטע אויגן"...

נאָר זיי האָבן כּוחות געשפּאָרט,
מיטן שווייס געהייליקט דאָס אָרט,
און מיט זיי זיך אומגעקערט פאַרט
אין חרובער נעסט
ס'האָט די שכינה,
און דורך די נעפּלען פון צײַט
דורך ערשטע קנאָספּן די גרינע,
אויפגיין געזען פון דער ווײַט
ווי דעם פעניקס פון אַש,
די מדינה...

הײַט זשע פון בראַנדיקן ווינט,
הײַט פון פאַרדאַרב, פון צעשטערונג,
דעם פּרדס וואָס פרילינגדיק גרינט,
וואָס אונדז מיטן זכר ער בינדט
פון די ערשטע וואָס האָבן פאַרדינט
אונדזער טיפסטע פאַרערונג.

1979

דבֿ סדן

דאָס רעטעניש
און זײַנע סטראָפֿן

ש״י עגנון

מאמר א׳: דער שטורעם אונטן און דער שפּיגל אויבן

א

ווי אַ גרויס רעטעניש, וואָס קוקט אַפֿיר פֿון איר טיף קלוגער באַהאַלטנקייט אויף די פֿאַרשיידנסטע טראָפּן פֿון גרויס און קליין און לאָזט זיי זיך שטופּן און טומלען אַרום איר פֿאַרבאָרגענער שוועל — אַזוי, דוכט זיך, קוקט ש״י עגנונס ווערק אויף די צווישן־זיך־צעאַמפּערטע טײַטשן, וואָס האָבן זיך אַרום אים, במשך פֿערציק יאָר און מיטן אָנטייל פֿון דרײַ דורות, צוזאַמענגעקליבן. ס׳איז דער טיף קלוגער קוק פֿון אַ רעטעניש, וואָס איר עיקר איז צו אַנטפּלעקן זיך אַליין, און וואָס אַ זעלטענע זיכערקייט האָט איר דעם וועג צו איר אייגענעם באַוווסטזײַן אָפּגעהיט פֿאַרן מינדסטן אָפּנייג און פֿאַרבלאָנקעניש, דערהאַלטנדיק זי בײַ אַ געשפּאַנטער, כּמעט שווינדערלעכער געטרײַקייט צו זיך אַליין. ווי ס׳ווײַזט אויס, שפּײַזט זיך די זיכערקייט פֿון אַ דומפּן אָבער מאַסיוון פֿאַרגעפֿיל, אַז די באַוווסטזיניקייט פֿון דער קעגנוואָרט איז אַ צו שמאָלע רעם פֿאַר אַ פֿולקומען קריטישן באַנעמען פֿון דעם ווערק, און ערשט קומענדיקע דורות וועלן קאָנען באַהערשן זײַן גאַנצן פֿאַרנעם און באַטײַט.

אַזוי אַרום ווײַזט זיך די פֿראַגמענטאַרישקייט פֿון דער קריטישער אָפּשאַצונג לגבי דעם דאָזיקן ווערק, נישט ווי אַן אומפֿעיִקייט פֿון די אָפּשאַצערס, נאָר ווי אַן אומדערוואַקסנקייט פֿון זייער צײַט. די פֿראַגמענטן, כראָנאָלאָגיש גענומען, סומירן זיך אַפֿילו, נאָכן אָפּפֿאַל פֿון זייערע סתירות, ווי אַ טיפֿגאַנג פֿון די

איבערשטע צו די אונטערשטע שיכטן, אָבער דאָס קריטישע דערגרייכן פון זייער לעצטן שטאַפּל פאָדערט אַ מאָס פון ווײַטקייט און באַפרײַטקייט, וועלכע איז אין די גרענעצן פון אונדזער דור און זײַן אידעאָלאָגישער צײַטלעכער אָפּהענגיקייט, — אַן אילוזאָרישע.

ב

אויב מיר קוקן זיך אײַן אין די פראַגמענטן, הערן מיר קודם־כל דעם טײַטש, וואָס איז אַנגעגאַנגען בשעת ס׳האָבן זיך באַוויזן די ערשטלינגען (דערהויפּט „והיה העקוב למישור״) און האָט נאָך הײַנט זײַנע אַנאַכראָניסטישע אָנהענגערס: אָט — זאָגן זיי — האָבן מיר פאַר זיך אַן אויסטערלישע דערשײַנונג: אַ שרײַבער און אַ שרײַבן, וואָס ווייסן גאָרנישט פון דער איבערקערעניש אין די לעצטע דורות, גלײַך דאָס יידישע לעבן איז נישט אויפגעטרייסלט געוואָרן דורך די באַוועגונגען פון השׂכּלה, עמאַנציפּאַציע, סעקולאַריזאַציע, וכּדומה. גלײַך דער יידישער שטייגער איז נישט אויפגערודערט און צעבראָקלט געוואָרן אין שטורעם פון וואַקלענישן און קריזיסן, און ס׳לעבט נאָך די אַלטע אין זיך געשלאָסענע וועלט מיט איר האַרמאָנישער גאַנצקייט און אין פּרעגנאַנטן אויסדרוק, מיט דער תּמימות. נישט אַנדערש, נאָר דער דערציילער האָט שלאָפנדיק איבערגעהיפּערט אַ קאַרגע אַנדערטהאַלבן יאָרהונדערטער און געגנומען מיט אַ נאַיִווער ממילאדיקייט שפּינען ווײַטער דעם פאָדעם, וואָס האָט זיך פאַר אים אײַנגעריסן, און ממילא נישט אָפּגעריסן.

אמת, אַזאַ קוק אויפן דערציילער און זײַן דערציילערײַ האָט זיך געהאַט אויף וואָס צו שטיצן — סײַ אינהאַלטלעך: דער נוסח פון אַ סיפּור־המעשׂה, סײַ שפּראַכלעך: דער נוסח פון ספרי־יראים — אָבער עס איז געווען אַן אויבנאויפיקער קוק און האָט זיך, אַזוי צו זאָגן, געלאָזט אָפּנאַרן פון יענער באַזונדערער עפּישער קונסט, וואָס ווייסט מיט דער אייבערשטער פלאַך פון פאַרפירערישער גלאַטקייט צוצודעקן דעם אונטערשטן דנאָ פון טיפע קעגנזאַצן. דער דאָזיקער קוק האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז דער העל שימערנדיקער שפּיגל פון דער האַרמאָניע איז נישט קיין אַריטמעטישער צוזאַמענשטעל, נאָר אַ שאַפערישער איבערגאָס פון זײַנע שטאָפּלעכע און פאָרמעלע קאָמפּאָנענטן; דאָס הייסט, אַז די האַרמאָניע איז אייגנטלעך די מיטן כּוח פון שאַפערישקייט אײַנגעשפּאַנטע צעפאַרנקייט פון דיסהאַרמאָניעס, — דער גן־עדן וואָס באַווײַזט זיך אויף דער שפּיגלפלאַך פון דער דערציילונג איז דער קינסטלערישער היפּוך פון גיהנום אין דער טיפקייט פון דעם דערציילער. הײַנט זעען מיר באַשײַמפּערלעך, ווי ווײַט דער דערציילער האָט מיט זײַן פּילפּאַלטיקער טעמאַטיק צו נישט געמאַכט יענע ערשטע פלאַטשיקע אויפפאַסונג, אָבער אויך דעמאָלט האָט אַ טיפערער בליק אין דער תּמימותדיקער פאַסאַדע פון יענע ערשטלינגען באַדאַרפט דערזען דעם פּראָבלעם־שווערן און קאָמפּלעקס־באַלאַדענעם תּוך, פּונקט ווי ער האָט געדאַרפט פאַרשטיין, אַז נאָר ווער ס׳האָט אין זיך אײַנגעוועבט איעדן הויך שפּראַכלעכן געראַנגל אין די

לעצטע דורות, און האָט דעם גוואַלדיקן פּראָצעס אין זיך פאַראַרבעט, האָט זיך געקאָנט דערהייבן צו יענער אָריגינאַליטעט, וואָס האָט מיט אַ מאָל אַלטע פאַרשטאָפּטע שפּראַכקוואַלן לעבעדיק געמאַכט פאַרן יונגן קינסטלערישן אויסדרוק, און זיי אויסגעברייט און פאַרטיפט, אַזוי, אַז דער מענדעלישער אויפטו האָט זיך פון אַ שטראָם פאַרוואַנדלט אין אַ ים. די רעוואָלוציאָנערישקייט פון דעם זיך אומרעוואָלוציאָנעריש מאַניפעסטירנדיקן שפּראַכלעכן אויפטו קומט דערפון, וואָס אַן אויפגאַב וועלכער האָט געקאָנט גיין אויפן פלאַכן זאַמדיקן שטעג פון אומפּערזענלעכער סטיליזאַציע, איז דאָ געגאַנגען אויפן באַרגיקן שליאַך פון פּערזענלעכסטן סטיל.

ג

און אַזוי צעפאַלט זיך אויך אַ שפּעטערדיקער טײַטש: אָט האָבן מיר פאַר זיך די אמתע, ריינע פאָלקסטימלעכקייט, וואָס גרויסע און קליינע האָבן געשטרעבט צו איר און בלויז אָנגערירט די פרענדזן פון איר זוים, אָבער נישט דערגאַנגען צום פּינטל פון איר הארץ; אָט האָבן מיר פאַר זיך אייגעם, וואָס ווייס נישט פון דער פּראָבלעמאַטישער צעפּרעסנקייט פון דער מאָדערנער יִדישער נשמה, איר עלנטער, פאַרייִאושטער יתומדיקייט, און זײַן בונד מיט גאָט, וועלט און געמיינשאַפט, וואָס איז אַן שפּאַלטן און שפּאַלטונגען, ווייס נישט פון קיין עקיקן צוזאַמענשטויס און איז די סאַמע רונדיקע רויִקייט (דער הויפּט „בלבב ימים״). אויך דאָ האָט מען די קאַלעמוטנע און זידנדיקע טיפקייט פון דעם קינסטלערס נשמה־טײַך פאַרביטן מיט דעם בלאַנקן און שטילן שפּיגל, וואָס ער האָט פון זײַן אייגענער טיפקייט אַרויפגעצויבערט. מען האָט נישט פאַרשטאַנען אַז פאַרקערט, דער עצם צויבער, וואָס דערהייבט די פאָלקסטימלעכקייט צום העכסטן שטאַפּל פון קינסטלערישן אויסדרוק, באַווײַזט די אומברחמנותדיקע שפּאַנונג צווישן דער וועלט פון וועלכער און צווישן דער וועלט צו וועלכער דער קינסטלער אַנטלויפט, און אַ געניט אויג וועט אויך אין די זײַדנסטע פאַלדן פון דער האַרמאָנישער אויסגעגליכנקייט דערקענען די כראָפּעוואַטע קנייטשן פון דער דיסהאַרמאָנישער צערודערטקייט.

אמת, אַ צײַט האָט זיך די טעאָריע איבער דער תּמימות פון פאָלקסטימלעכקייט געהאַלטן מכּוח דער נישט אומבאַרעכטיקטער טענה, וואָס האָט אָנגעוויזן אויף דער פאַרשיידנקייט פון צווייערליי סאָרטן דערציילונגען — די וואָס האָבן באַהאַנדלט אַ ווײַטן דור (דער הויפּט „הכנסת־כּלה״) האָבן געשפּראָצט מיט בלוטפולער וועזנטלעכקייט; די וואָס האָבן באַהאַנדלט אַ נאָענטן דור (למשל, „גבעת החול״) האָבן געאָטעמט אַ שאָטנדיקע בלאַסקייט. נאָך מער, דער איינער סאָרט דערציילונגען האָט זיך געוויגט אין אַ הייליקער ערנצטקייט, פאַרברעמט פון אַ געטאָקטן הומאָר; דער אַנדערער סאָרט פון דערציילונגען האָט זיך געוואָרפן אין אַ וואָכנדיקער אָפּלאַכערײַ, אונטערגעליאַמעוועט פון אַ געקרײַזלטער סאַטירע („בנעורינו ובזקנינו״). אָבער אויך די טענה איז הײַנט שוין פון לאַנג

אָפּגעבליאַקעוועט — די דערציילונגען און ראָמאַנען פון נאָענטן עבר, סײַ די וואָס זענען דורכגעזאַפּט מיט לײַכטן עלעגישן ליריזם („בדמי ימיה"), סײַ די וואָס זענען אָנגעזאַפּט מיט אַ פײַנעם הומאָר־דינעם שמייכל („ספור פשוט") און באַשרײַבן דאָס שטעטל מיט אַ דור צוריק; די דערציילונגען און ראָמאַנען, וואָס זייער עפּישע ברייטקייט נעמט אַרום אַ גאַנצע תּקופה, סײַ אויף דער שוועל פון אונטערגאַנג („אורח נטה ללון"), סײַ אויף דער שוועל פון אויפגאַנג, („תמול שלשום"), זיי אַלע באַווײַזן, אַז דער כּוח צו געשטאַלטיקן דאָס נאָענטע איז נישט מינער פונעם כּוח צו געשטאַלטיקן דאָס ווײַטע, און אדרבה — אַ פאַרגלײַך פון ווערט און אויפטו צווישן די באַשרײַבונגען פון ווײַט־ווײַט און די באַשרײַבונגען פון נאָענט־נאָענט ווײַזט דעם פאַרגאַפנדיקן וווּקס פון אַ שאַפערישער קראַפט, וואָס האָט פון איר זאָמען געלאָזט אויסשפּראָצן אַזאַ רײַך פאַרצווײַגטן בוים, אין אַ וווּנדערלעכן שפּיל פון טעמאַטישער פילפאַלטיקייט און וועזנטלעכער איינהייטלעכקייט.

און נישט נאָר דאָס אַליין, די דערציילונגען וועגן דעם נאָענטסטן עבר, וואָס בײַסן זיך אײַן אין הײַנטיקן טאָג („אלו ואלו") ביז צו דעם איצט פאַרעפנטלעכטן ראָמאַן („שירה") באַווײַזן, אַז פּונקט ווי מיר זענען פאַרגאַפּט געוואָרן פון דעם כּוח קינסטלעריש צו באַהערשן דעם שטייגער פון אַ ווײַטן, תּמימותדיקן יודל בטלן, ווערן מיר פאַרגאַפּט פון דעם כּוח קינסטלעריש צו באַהערשן דעם שטייגער פון אַ נאָענטן פּראָבלעמאַטישן אינטעליגענט, און אַז דער פולקומענער באַהערשער פון היסטאָרישן און פאָלקלאָרישן גרויסוואָרג און קליינוואָרג, איז אַ פולקומענער באַהערשער פון פּסיכאָלאָגישע עלעמענטאַרישקייטן (דער הונט בלק אין „תמול שלשום") און פײַנקייטן („שבועת אמונים").

ד

צווישן די ראָמאַנען און דערציילונגען האָט זיך עפּעס אַזוי ווי פאַרוואָלגערט אַ באַזונדער, יוצא־דופנדיק בינטל פון משונהדיקע זאַכן, וואָס רופן זיך: ספר המעשים, און זיי זענען דאָס ביז גאָר אינטערעסאַנטע דאָקומענטן. אין זיי לאָזט אונדז דער קינסטלער אויף אַ ווײַל דערשנאַפּן, ווי עס זעט אייגנטלעך אויס בײַ אים אין דער היימישסטער היים, ווי עס זעט אויס זײַן אינעווייניקסטע וועלט אָן דער קינסטלערישער דיסציפּלין, וואָס שפּאַנט צוזאַמען די אָפּגרונטיקע צערודערטקייט. דאָ, אונטן, מישן זיך גרויליק צוזאַמען די וועלטן, וועלכע דער קינסטלער ווײַזט זיי אונדז דאָרט, אויבן, ווי געשלאָסענע ספערן; דאָ איז דער העטעראָגענער מאַטעריאַל פאַר יענע האָמאָגענע געשטאַלטונגען. דאָ זעען מיר דעם דיאַמעטראַלן חילוק צווישן עגנון און אַנדערע שרײַבערס פון זײַן דור — ווײַל ער איז טיפער אײַנגעוואָקסן, איז ער אויך העכער אויסגעוואָקסן פון זיי. דען בשעת זיי האָבן אין זייער קינסטלערישן באַנעם געלעבט ממשדיק העכסטנס צוויי דורות, ס׳רוב פון פאָטער און זון, און דערבײַ האָט די אידעאָלאָגישע, ס׳רוב

פובליציסטיש באַטאָנטע שטעלונג פאַרהאַלפן צו פאַרלײַכטערן די שפּאַנונג צווישן די דורות, האָבן מיר דאָ פאַר זיך אַ דערציילער, וואָס אין זײַן קינסטלערישן באַנעם לעבט ער ממשדיק, צום ווינציקסטן, פיגנף דורות, וואָס פילן אויס דעם גרויסן היסטאָרישן אינטערוואַל צווישן אָנהייב פון חסידות ביזן הײַנטיקן טאָג, און ער לעבט זיי אין זייער קעגנזײַטיקײט, פון וועלכער ער ראַטעוועט זיך שאַפעריש דורך דער קינסטלערישער געשטאַלטונג פון אַ יעדער וועלט ווי אַן אויטאָנאָמע אָפּגעשלאָסנקייט פון ספערן, וואָס די אָפּגרונטן צווישן זיי זענען אידעיִש פאַרבונדן דורך דער פעלדזיקער זיכערקייט פון אַ היסטאָרישער קאָנטינואיִטעט און קינסטלעריש גאַראַנטירט דורך דער אָנטעותדיקער זיכערקייט פון מאַרקאַנטער פערזענלעכקייט.

[שבט, תשי״ט]

מאמר ב׳: קאַפּיטל יידיש

א

די פאַרשאַרבעט אַרום ש״י עגנונס שאַפן איז זיך ברייט פונאַנדערגעוואַקסן, כּמעט דרײַ דורות קאָמענטאַטאָרס און אָפּשאַצערס פאַרנעמען זיך מיט אַ פּרטימדיקן קריטישן אַנאַליז פון זײַנע ווערק. און לעצטנס זענען מיר שוין דערגאַנגען צו אַן איבערשאַצונג פון זײַנע שאַצערס און אָפּשאַצערס, צו אַ קריטיק פון דער עגנונישער קריטיק. ווער עס איז באַהאַוונט אין דער פאַרצווײַגטער פּרשה ווייסט, אַז די עצם יסודות פון דער אינטערפּרעטאַציע האָבן זיך געביטן. דער גרויסער בויגן, וואָס פירט פון אליעזר־מאיר ליפשיץ דורך ברוך קורצווײַל, ביז משולם טאָכנער, און דערצווישן אַ היפש בינטל אָפּשאַצערס און קריטיקערס, איז גאָר כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם דאָזיקן בײַט, און עס איז נישט פאַראַן קיין שום יסוד אָנצונעמען, אַז אויך להבא וועט נישט מקוים ווערן דער כּלל פונעם גרויסן חכם: מה שהיה הוא שיהיה, כּלומר, אַז דער פּראָצעס פון איבערשאַצונג איז נאָך לאַנג נישט קיין פאַרענדיקטער. מעגלעך אַז עס פאָדערט זיך אַ גרעסערער משך צײַט צו דערגיין סײַ די וואָרצלען, סײַ דעם מהות פון דעם באַזונדערן פענאָמען, און ערשט אַ שפּעטערן דור וועט עס באַשערט זײַן צו דערזאָגן, וואָס די קריטיק מאַטערט זיך איצט צו זאָגן. אָבער וואָס מען קאָן שוין איצטער טאָן, איז צוגרייטן אַ פאַרלאָזלעכע דאָקומענטאַציע פון זײַנע אָנהייבן, וואָס זאָל אָנטפּלעקן דעם עצם אויפקום פון דעם מײַנסטער. עגנונס היים, זײַנע קינדער־יאָרן, זענען נישט בלויז די עיקר־טעמע פון זײַנע ווערק, נאָר אויך זייער עיקר־יניקה. דאָס איז דער ערשטקוואַל, וואָס אַלע איבעריקע שפּעדיקע קוואַלן באַלעבן און באַפאַרבן זיך פון אים, גלײַך ווי דער ירדן, וואָס די לעגענדע לאָזט אים נישט זיך פאַרלירן אין די געוואַסערן פון כּנרת. דער דאָזיקער צוגרייט דאַרף אויך (און אפשר: בעיקר)

פאַרענטפערן די גרויסע קשיא: וואָס איז דער קולטור־פאַרמעג און דער מענטאַלער פאַרמעג, וועלכן ער האָט מיטגעבראַכט פון זײַן היים און אַרײַנגעבראַכט אין זײַן ווערק, און ווי אַזוי האָבן זיך קאָמפּאָנענטן פון דעם פאַרמעג פונאַנדער־געטיילט אין זײַן ווערק. מען דאַרף דאַכט זיך נישט פאַרלירן קיין סך איבעריקע רייד, אַז איינער פון די חשובסטע קאָמפּאָנענטן איז זײַן מאַמע־לשון.

דער קאָמפּאָנענט צעפאַלט זיך אין צוויי טיילן. דער ערשטער טייל, דער וויכטיקסטער, איז לײַכטער צו באַאַרבעטן: מיר זענען זיך מתכוון צו אַ סיסטעמאַטישן דורכקוק פון דער השפּעה פון ייִדיש און אירע גילגולים אין עגנונס ווערק. די ווערק ליגן אָפן פאַר אונדז און אַן איבערגעגעבענע פאַרשאַרבעט קאָן קלאָר באַלײַכטן, ווו און ווי אַזוי דער ייִדיש־עלעמענט האָט זיך אַרײַנגעגראָבן אין העברעיִשן נוסח, סײַ אינעם דעסקריפּטיוון, סײַ אינעם דיאַלאָגישן יסוד פון זײַנע דערציילונגען, ראָמאַנען און לעגענדעס. מיר האָבן געזאָגט: אַן איבערגעגעבענע פאַרשאַרבעט; מיר דאַרפן נאָך צוגעבן: אַ כּמעט דעטעקטיווישע פאַרשאַרבעט, ווײַל אַזאַ סווערענער בעל־בית אין אונדזער טאָטאַלן שפּראַך־רשות ווי עגנון איז אַ מאדים אויף אײַנצופלעכטן מקורות, ווײַטע אין צײַט און אין אָרט, אין אַן איינציק בילד, אַפילו אין אַן איינציקער פראַזע, אַזוי אַז דאָס אויסאַנאַנדערפלעכטן פאָדערט נישט־געוויינטלעכע בקיאות און חריפות, אויב נישט אַ קאָנגעניאַליטעט, וועלכע איז, בײַם הײַנטיקן מצב פון שפּראַכאַנאַליז בײַ אונדז, מער חלום ווי וואָר. עס איז דערפאַר נישט קיין חידוש, וואָס לעת־עתה האָבן זיך געפונען, און דאָס אויך קנאַפּ, בעלנים נאָר אויף דער גרינגסטער סוגיא אין דער פאַרוויקלטער מסכתא — אויפן ווערטל און אויף זײַן באַנוץ. אויך די קליינע אַרבעטן זענען ווײַט נישט קיין פאַרענדיקטע, אָבער גוט, וואָס ס׳איז שוין פאַראַן אַן אָנהייב. לאָמיר האָפן, אַז עס וועט אויך קומען די צײַט צו פאַרענטפערן האַרבערע קשיות.

דער צווייטער טייל, דער נישט ווייניקער וויכטיקער, איז שווערער צו באַאַרבעטן: מיר מיינען דאָס קליינע קאַפּיטל פון עגנונס ייִדיש געשריבענע חיבורים. מיר ווייסן שוין פון זײַן הקדמה צו „אַ פּשוטע מעשה״, אַז ער האָט זיך אין זײַן יוגנט אויסגעצייכנט מיט אַ ממש גוזמאַדיקער פּראָדוקטיוויטעט, און דווקא אין יענע יאָרן האָט ער געשריבן אַ סך ייִדיש, און עס איז צו באַדויערן, וואָס דער גרויסער מאַטעריאַל, טאַקע ווײַל ער איז מסתמא געווען רויער מאַטעריאַל, איז פאַרלוירן געגאַנגען. דער פאַרגלײַך פון זײַנע העברעיִש געשריבענע מיט זײַנע ייִדיש געשריבענע חיבורים פון זײַן פריִער יוגנט באַווײַזט, אַז ער האָט אין העברעיִש נאָך לאַנג נישט, ווען ער האָט אין ייִדיש שוין לאַנג געהאַט געפונען די עלעמענטאַרערע יסודות פון זײַן שפּראַך־נוסח, אַזוי אַז מיר זענען באַרעכטיקט אָנצונעמען, אַז דער פּראָצעס, וואָס איז אונדז באַקאַנט פונעם צײַטיקן מענדעלע, האָט געהאַט אַ נייעם אָריגינעלן אויפלעב בײַם יונגיטשקן עגנון; מיר מיינען דעם פּראָצעס, וואָס זײַנע דרײַ גרויסע ליניעס זענען: העברעיִשע מליצה — ייִדישער ריידסטיל — העברעיִשער נוסח, אַזוי אַז די מיטל־ליניע איז

די דיאַלעקטישע בריק צווישן מליצה און נוסח. דאָס וואָס עס האָט פּאַרנומען ביי מענדעלען צענדליקער יאָרן, ביז ער האָט, אַן אויסגערייפטער יידיש־מייסטער און אויפן גרונט פון זיין יידיש־מייסטערשאַפט, צונויפּפאַרוועבט אַלטע מדרש־טראַדיציעס מיט יינגערע השׂכּלה־טראַדיציעס (מענדל לעפין), דאָס האָט, אויך מחמת דעם מענדעלע־אויפטו, פאַרנומען ביי עגנונען אַ פּאָר געציילטע יאָרן. אָבער אַ פאַרגיכערטער פּראָצעס אַנדערשט נישט איבער זיינע געזעצן: אויך ביי עגנונען איז זיין יידיש שרייבן די דיאַלעקטישע בריק צווישן זיין העברעישער מליצה און זיין העברעישן נוסח.

ב

מחמת דעם באַקומט אַ באַזונדער חשיבות דאָס ביסל יידיש געשריבענע זאַכן, וואָס האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט. ס'איז צו באַדויערן, וואָס מיר האָבן ביז איצט נישט קיין ביבליאָגראַפישן אינווענטאַר פון דעם מאַטעריאַל, כאָטש מיט זיין ביבליאָגראַפיע האָבן זיך פאַרנומען אַזעלכע אויסגעצייכנטע מומחים ווי יערי, האַבערמאַן און אַלקושי. עגנונס שרייבן אויף יידיש האָט זיך, בעצם, זייער פּרי פאַרענדיקט — מיט זיינע אַכצן אָדער נייַנצן יאָר. אָבער אויך דאָס וואָס ער האָט מפרסם געווען איז צעזייט און צעשפּרייט — אין לעמבערגער „טאָגבלאַט", אין דאָרטיקן „יידישן פאָלקסקאַלענדער", און בעיקר אין ביטשאַטשער „דער יידישער וועקער". די דאָרט, סיי מיטן פולן נאָמען, ש"י טשאַטשקעס, סיי מיט איניציאַלן אָדער מיט פּסעוודאָנימען (אַ שטייגער: מזל טוב) אונטערגעשריבענע חיבורים, זענען ביז איצט נישט אויפגעזאַמלט, אַפילו נישט ביבליאָגראַפיש רעגיסטרירט. און צווישן זיי געפינט זיך דאָך אַ בינטל דערציילונגען, „קליינע מעשׂות פון גרויסע זאַכענישן", געדרוקט אין דערמאָנטן „טאָגבלאַט", וואָס זענען נישט בלויז קערנער פון מאָטיוון, וואָס האָבן זיך ערשט שפּעטער אויסגעקריסטאַליזירט, נאָר אויך קערנער פון פאַרשיידענע שאַפערישע ריכטונגען, וואָס האָבן זיך שפּעטער אַנטוויקלט. און עס איז דער פאַרדינסט פון אַברהם באַנד, איינעם פון די פלייסיקסטע עגנון־פאָרשערס, וואָס ער האָט אויפגעזאַמלט אַ גרויסן טייל פון די דערציילונגען, און מיר האָפן, אַז אין די פּובליקאַציעס, וואָס ער גרייט צו, וועלן מיר האָבן אַ שעת־כּושר זיך צו באַקענען מיט זייער תּוכן און זייער אַנאַליז. ער האָט עס אויך, אין „די גאָלדענע קייט", איבערגעדרוקט די ערשטע יידישע שאַפונג פון עגנון — אַ יידיש־געשריבענע באַלאַדע וועגן ר' יוסף דילה ריינה, וואָס איז צום ערשט געדרוקט אין אַ יידישער צייטונג אין סטאַניסלאַוו.

דער ערשטער באַשיידענער אָנהייב צו פאַרריכטן דעם דאָזיקן פעלער איז געווען מיין פּרוּוו אין „די גאָלדענע קייט" (האַרבסט 1949, העפט 4) און אין „הפּועל הצעיר" (יאָרגאַנג מ"ז, העפט 37, ט"ו אייר תשי"ד), וואָס איך וויל אים איצט איבערחזרן, — נאָך אַ מאָל איבערצודרוקן אַ קליין בינטל לידער אויף יידיש, וואָס זענען געווען געדרוקט אין דערמאָנטן „וועקער". די דאָזיקע וואָכן־

צײַטונג איז רעדאַקטירט געוואָרן דורך אליעזר רוקח, אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטער פּאַרשוין: געבוירן אין ירושלים, אַן אייניקל פון ר׳ ישראל ב״ק, איינער פון די באַנײַערס פון אַשכּנזישן יישוב אין צפת און אין ירושלים, באַגרינדער פון אַ דרוקערײַ, בויער פון דער באַקאַנטער שול אין אַלטשטאָט „תפארת ישראל״ אויפן נאָמען פונעם ריזשינער — האָט ער, דאָס אייניקל, געירשנט דעם זיידנס ווערווע און אימפּעט. אַנגעקומען ווי אַן איידעם קיין צפת, האָט ער זיך תחילת געפירט ווי די איבעריקע ייִדן דאָרט, אָבער מיט דער צײַט האָט זיך אין אים אָנגעזאַמלט אַ פּערמענט פון אומצופרידנקייט מיטן אַרומיקן שטייגער, און ער האָט גענומען פּראָפּאַגירן דאָס אַריבערגיין צו אַ פּראָדוקטיווערן קיום. זײַן רעוואָלוציאָנירנדיקער גײַסט, וואָס האָט זיך באַוויזן צווישן השכלה און חיבת־ציון, האָבן אים צוגעצויגן די שינאה פון דער סביבה, און זײַנע פּראַקטישע פּרוּוון האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ האַרטער וואַנט פון ווידערשטאַנד און חרם. אַ געמיש פון אַ וואַגאַבונד און אַ פּראָפּאַגאַטאָר, האָט ער זיך געלאָזט וואָגלען איבער אייראָפּע, געדרשנט בעל־פּה און בכתב, רעדאַקטירט כּלערליי בלעטער, ס׳רוב עפּעמערישע; פּאַרכאַפּט מיט זײַן אויסערגעוויינטלעכן נאַראַטאַריש־אַנעקדאָטישן טאַלאַנט, איז ער געוואָרן אַ שם־דבר פון אַ באַהעם. דאָס באַגעגעניש פון אַזאַ טיפּ מיט דעם ייִנגל ש״י טשאַטשקעס, וואָס דער רעדאַקטאָר פון „וועקער״ האָט אים געמאַכט נישט בלויז פאַר אַ מיטאַרבעטער, נאָר אויך פאַר אַ מיטרעדאַקטאָר, געהערט אָן שום ספק צו די דעצידירנדיקע מאָמענטן אין אָנהייב־פּעריאָד פונעם יונגן שרײַבער. עס וועט אפשר נישט זײַן קיין גוזמא משער צו זײַן, אַז די שטורעמדיקע מענטאַליטעט פון אליעזר רוקח האָט דאָס צום ערשטן לײַטיש אויפגעטרייסלט און צערודערט די פרידלעך דרימלענדיקע כּוחות פון אַ ייִנגל, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין דער רויק־סטאַטעטשנער אַטמאָספער פון אַ גאַליציש שטעטל אין פּאַטריאַרכאַלישן שאָטן פון קיר״ה. אויב מיר זענען זיך נישט טועה, האָט אונדזער דערציילער ביז הײַנט דעם קאַלירפולן, סתירותדיקן פּאַרשוין, וואָס האָט זיך כּל־ימיו פיבערדיק געוואָרפן צווישן אַ מאַזשאָרן ענטוזיאַסט און אַ מינאָרן ניהיליסט, נישט גענומען אויף זײַן דערציילערישער קאַנווע, און במילא אים נישט געמאַכט פאַר אַן אָביעקט פון זײַן פּאָרטרעט־פּלאַסטיק; אַ סימן אַז ער רעזערווירט זיך אים פאַר אַ באַזונדערער קינסטלערישער עובדא.

ג

דאָס בינטל לידער, וואָס האָט זיך געדרוקט אין „וועקער״ (איצט אַ ביבליאָגראַפישע זעלטנקייט; אַ קאָמפּלעט געפינט זיך אין דער פּעוזנער־קאָלעקציע אין תל־אביב, אַ ירושה פון אַן אַבאָנענט אין מצרים), לאָזט אין אונדז איבער אַ קלאָר געפיל, אַז סײַ זיי, די לידער, סײַ די דאָרט געדרוקטע פּראָזע־קאַפּיטלעך, צייכענען זיך אויס מיט בערך אַ סך אַ העכערן ניוואָ ווי די דעמאָלט העברעיִש געשריבענע זאַכן; און דאָס געפיל שטאַרקט אַן אַנדער

געפיל, אַז ווען דער שרײַבער וואָלט ממשיך געווען זײַן שרײַבן אויף ייִדיש, וואָלט זיכער צו אונדזערע בעסטע טאָפּלשפּראַכיקע שרײַבערס, צוגעקומען גאָר אַן אָריגינעלער כּוח. די לידער גופא טראָגן אין זיך די בולטע השפּעה פון דער דעמאָלט פּאָפּולערער דיכטונג אויף ייִדיש. עס הערן זיך קלאָרע אָפּקלאַנגען פון ראָזענפעלדן, רייזענען, יהואשן ווי אויך י. ל. פּרצן. מיר מוזן מודה זײַן, אַז דער רושם לאָזט זיך נישט פאַרווישן, אַפילו ווען עס זאָל זיך אַרויסשטעלן, אַז די שאַפונגען פון די דערמאָנטע דיכטערס זענען צו אים כּלל נישט אָדער גאָר קאַרג דערגאַנגען, וואָרן זייער השפּעה, וואָס האָט געקאַנט זײַן אַן אומדירעקטע, איז דאָך געהאַנגען אין דער לופט. וואָס מיר ווייסן יאָ, איז די השפּעה פון דוד עדעלשטאַטן (עס וואָלט זיך, אַגב, געלוינט צו דערגיין, אויב די שאַרפע אַנאַרכיסטישע נאָטע, וועלכע האָט אונדזער שרײַבער לסוף דערפירט צו זײַן סאַטירע „ספר המדינה״, און וואָס שפּראָצט אַרויס פון זײַן כאַראַקטער, האָט זיך נישט, נאָך ייִנגלווײַז, געזוכט דאָ אַן אידעאָלאָגישן אָנשפּאַר), אָבער דווקא פון אים לאָזן זיך נישט באַווײַזן קיין סימנים פון ממשותדיקער השפּעה. אָבער איין זאַך איז דער נאָכווײַז פון השפּעות און אַן אַנדערע זאַך איז דער אָנווײַז אויף אַן אייגענעם שטעל אָדער לפּחות אַן אייגענעם זשעסט — די לידער פון יונגן בחור ווײַזן אַרויס אַ שטיק אייגנקייט אָדער לפּחות אַ שטאַרק אָנצוהערעניש דערויף, סײַ אין דער פאָלקישער שפּראַך, סײַ אין פאָלקישן טאָן, און בעיקר אין גרונטמאָטיוו פון זײַנע באַלאַדעס — די סאָציאַלע דיסהאַרמאָניע, וועלכע מאַכט אַ תּל פון דער האַרמאָניע פון די יום־טובים, צעשטערט זייער רו און פאַרטרײַבט זייער גליק. דער מאָטיוו חזרט זיך איבער אין ווײַטערן המשך פון דער עגנונישער טעמאַטיק. און דערפאַר פאָדערט זיך קלאָר צו מאַכן דעם טיפערן צוזאַמענבונד צווישן די ערשטלינגען, מיטן חן פון זייער אומרײַפקייט, פונעם אָנהייבנדיקן שרײַבער און צווישן די אויסגעצייכנטע שאַפונגען פונעם שלימותדיקן קינסטלער.

מיר גיבן דאָ די לידער אין זייער אָריגינעלן אויסזעץ, מאָדערניזירט נאָר אין אויסלייג און אין פּונקטואַציע (פאַר וועלכע איך דאַנק דעם געלערנטן חיים גינינגער).

דאָס ערשטע ליד, „אסרו חג״, האָט זיך געדרוקט אין „וועקער״, יאַרגאַנג 2, נומער 2, 2טער יוני 1906:

אַפּגעריסן פון דער סטעליע\
זענען אַלע גרינע שטריקלעך\
און עס פאַלן דאַרע בלעטלעך\
אויף דער ערד שטיקלעך, שטיקלעך.

און אַ פאַרך איז אין קלויזל\
דושנע און מוראַדיק הייס;

פון די דאָרע, טרוקענע פּנימער
גיסט זיך אַראָפּ דער שווייס.

און ווידער זיצט אַ שוואַכער בחור
און ער וויקט, וויקט בײַם ש״ס,
און אין דרויסן אַזוי ליכטיק,
אַזוי פריילעך אויף דער גאַס.

דאָס צווייטע ליד, „אזכרות", האָט זיך געדרוקט דאָרט, יאָרגאַנג 2, נומער 33, 6טער יולי 1906:

נישט פון בוימל, אַך ליבע ברידער,
שטעלן מיר אײַך [אַ] יאָרצײַט אויף,
נאָר פון בלוט, פון בלוט, וואָס רינט
אַזוי לאַנג אָן שיעור, אָן סוף.

און דער קנויט, אַך ליבע ברידער,
איז נישט קיין פּראָסטע פאָדעם;
גופים איז דאָס, אוי גופים, גופים
פון אונדז עלנטע בני־אָדם.

און אין האַרצן וועט דאָס ברענען,
הייליק פײַער אויף אײַער זכרון,
און אַ דונער פול נקמה וועט
קדיש זאָגן לאַנגע יאָרן.

און דאָס בערגל אויפן קבר,
אוי שרעקלעך איז עס הויך!
פון צעבראָכענע הענט און פיס,
פון שטיקער פאַרגליווערטן מוח.

פון אויגן, וואָס זענען אַרויס,
פון הערצער, וואָס זענען פאַרקלעמט,
און אַ מצבה אויף אײַער טויט
און אונדזער לעבן אין דער פרעמד.

דאָס דריטע ליד, „איר זאָלט נישט מיינען", האָט זיך געדרוקט דאָרט, יאָרגאַנג 2, נומער 35, 20סטער יולי 1906:

איר זאָלט נישט מיינען, אַז כ׳שרײַב,
איז דאָס פּראָסטע, מיט טינט געשריבן,
ניין — בלוט רינט פון מײַן לײַב
און דערפון איז אותיות געבליבן.

איר זאָלט נישט מיינען, אַז כ׳בין בייז,
איז דאָס דערפאַר וואָס כ׳בין אַ שלעכטער,
ניין — כ׳רעד, עס באַגיסט מיך דער שווייס
און מ׳וויל מיך נישט הערן, גאָט גערעכטער!

איר זאָלט נישט מיינען, אַז איך רעד,
איז דאָס רעדן דער עיקר,
ניין — מײַן האַרץ ווערט אַ שקעלעט,
דערפון איז ווערטער (שטיקער, שטיקער).

דאָס פּערטע ליד, „וואָס???" (צום נאָמענסטאָג פון מײַן חברטע — —)",
האָט זיך געדרוקט דאָרט, יאָרגאַנג 2, נומער 39, 17טער אויגוסט 1906:

מײַנע געדאַנקען, איר זאָלט אײַך דערוועקן,
עפּעס אַ שיין ליד זאָלט איר מיר אַנטדעקן,
איך וויל זינגען אַ ליד, כ׳וועל זינגען אַ שיר,
ווײַל הײַנט איז דער נאָמענסטאָג בײַ איר.

נאָר וואָס זאָל איך זינגען, כ׳האָב קיין געדאַנק,
עס איז שוין ערשעפּט פון גאַנץ לאַנג.
איך קען העכסטנס געבן מײַן האַרץ דיר,
ס׳איז שוין אָבער נישט מײַנס, דײַנס פון פריִער...

דאָ וויל איך באַמערקן, אַז דער מחבר האָט, ווײַזט אויס, געהאָט אַ באַזונדערן סענטימענט צו דעם לידל — ער חזרט עס איבער אין זײַן וווּנדערלעכער נאָוועלע „טויטן־טאַנץ", געדרוקט אין גרשום באַדערס לעמבערגער פאָלקס־קאַלענדאַר. די נאָוועלע גופא, וואָס קאָנצענטרירט שפּעטערע, גאָר וויכטיקע מאָטיוון, פאָדערט אַ ספּעציפישן באַהאַנדל — איך האָב עס געפּרוּווט צו טאָן אין מײַנס אַ לעקציע לכבוד עגנון, און מיט זײַן אַנטייל, צוליב זײַן באַקומען דעם נאָבעל־פּריַיז, און איך וועל זי פּובליקירן באַזונדער. נאָך מער, עגנון האָט דעם עצם מאָטיוו פון לידל פיליגראַן אויסציזילירט אין זײַן ביבליש סטיליזירטער העברעיִשער נאָוועלעטע „עם לבי" (אלו ואלו, עמ׳ קמ״א—קמ״ג), וועלכע איך האָב פּרטימדיק אַנאַליזירט אין מײַן בוך איבער עגנון (תשי״ט, זז׳ 160—172). אַגב האָב איך

דאָרט אָנגעוויזן אויף אַ פּיקאַנטן דעטאַל — די פֿאַקטע פון דעם לידל געפינט זיך אויך אין אַ העברעיִשׁ יוגנטליד פון י. ל. פּרץ, געשריבן אין 1874 (עגנון האָט עס נישט געקאָנט לייענען, ווײַל עס איז געבליבן אין מאַנוסקריפּט), און איינס פון זײַנע סטראָפֿעס לייענט זיך: „זה כבר אחשוב / מזמות בלי מנוח / ליום הולדתך שרתי / מה לך לשלוח? / האת נפשי ולבבי / אראה פניך? / כבר אלה לקחת / כבר תוכו לרגליך". טײַטש: שוין לאַנג ווי איך קלער אומרויִק פּאַרטלען: צו דײַן געבוירן־טאָג, מײַן האַרינטע, וואָס זאָל איך דיר שיקן; אפשר מיט מײַן זעל און האַרצן זאָל איך פֿאַר דיר קומען, האָסט דאָך זיי שוין צוגענומען, זיי ליגן שוין באַזיגט צו דײַנע פֿיס.

ד

די פיר לידער, ווי מיר זעען, זענען אַ פּראָדוקט פון גאָר אַ קורצער צײַט, קוים עפּעס מער ווי צוויי חדשים. פריִער און שפּעטער האָבן זיך דאָרט אויך געדרוקט פּראָזעזאַכן, אַ שטייגער אַ מין קריטיק איבער העברעיִשע דיכטערס (איבער מרדכי־צבי מאַנע, נומער 27, 25סטער מײַ 1906), אַ צווײַג, וועלכן אונדזער שרײַבער האָט זיך, ווײַזט אויס, מתכוון געווען צו אַנטוויקלען (ערשט אַנומלט האָט ג. קרעסעל אויסגעפונען, אַז עגנונס ערשטע העברעיִשע זאַך, וואָס ער האָט געדרוקט אין ארץ־ישׂראל, איז געווען אַן אַרטיקל אין „הפועל הצעיר" — געחתמעט מיטן פּסעוודאָנים: אדונדון — אַ מין ווילנער־ליטוויש שטיפֿערײַ וועגן זײַנע מיטצײַטלערס, די גאַליציאַנישע העברעיִשע שרײַבערס, און עס האָט באַדאַרפט צו זײַן אַן אָנהייב פון אַ סעריע: גזוזטרא של מתים, טײַטש: אַ באַלקאָן פון טויטע), אָבער ער האָט דעם ענין ליטעראַטור־קריטיק גיך און אין גאַנצן פֿאַרלאָזט. מען דאַרף באַמערקן, אַז דער טאָן פון זײַן ממשדיקער און מכּלומרשטער קריטיק איז, בעצם, דער טאָן פון עגנונס ווייניקע, נישט דערציילערישע, נאָר אָפּשאַצערישע זאַכן, אָבער דער חילוק צווישן זײַן קריטיק און זײַן אָפּשאַץ איז אַ דיאַמעטראַלער — דאָרט וואַרפט ער אַראָפּ, דאָ הייבט ער אויף. די דאָזיקע אָפּשאַצערישע זאַכן זענען טאַקע שטיקער מײַסטערווערק — עס שמועסט זיך אין זיי בלויז איבער גאָר נאָענטע, ווי אַ שטייגער, יוסף־חיים ברענער, בערל קאַצענעלסאָן, אליעזר מאיר ליפשיץ, אַברהם יעקב בראָווער, מאַרטין בובער, אורי־צבי גרינבערג, גרשום שלום, שמואל ביאַלאָבלאָצקי, שלמה זלמן שאַקען און אַנדערע.

אויך צו די לידער האָט זיך עגנון שפּעטער כּמעט נישט מער אומגעקערט — כאָטש אַ שוואַכקייט דערצו האָט אים אפשר ביז הײַנט נישט אָפּגעלאָזט. בדרך־כּלל איז דיכטונג, דהײַנו, געבונדענע דיכטונג, נישט פון זײַן שאַפערישן רײַסטער — אַ באַשײַמפּערלעך עפּישע פּראָזע־נאַטור, האָט ער זיך אין איר אויך דיכטעריש, און בעיקר דיכטעריש־ליריש, אויסגעלעבט, און אין זײַנע פּראָזעווערק געפינען זיך טאַקע שטאַרקע לירישע קאַפּיטלעך, טייל מאָל פון אַ באַזונדערער

ריטמיק, און אַפילו מיט אַ מין פּראָזעמעסיקן סטראָפישן אויפבוי. דאָס איינציקע וואָס איז אים געבליבן פון זײַן ליד־מאַניפולאַציע זענען קליינע, אין זײַנע דערציילונגען צעשפּרייטע, לידלעך, וואָס היטן אָפּ אויך אין העברעיִשן נוסח אַ בכיוונדיקע אָפּהענטיקייט און אַפילו אַ בכיוונדיקע רויקייט. מען קאָן כּמעט זאָגן, אַז דאָס וואָס דער אָנהייבער האָט געטאָן לכּרחו, טוט דער אויסגעצײַטיקטער מײַסטער לרצונו, — די טעכנישע אומגעלומפּערטקייט, וואָס איז אין די יוגנטלידער אַ בולטער הסרון, ווערט אין די קליינע פֿאָלקסטימלעכע פּזמונדלעך, וואָס פֿלעכטן דאָ און דאָרט דורך זײַן פּראָזע, אַ בפּירושע מעלה. נאָך מער, מען קאָן זיך נישט אָפּווערן פון אַ רושם, אַז אַזוי וואָלט דעמאָלט אַ פּנים געהאַט אַ העברעיִש פֿאָלקסליד, ווען עס וואָלט געהאַט אונטער זיך אַ העברעיִשע שמועס־אַטמאָספער, ווי עס פֿאַרמאָגט זי הײַנט.

אָבער אין איין פּונקט איז קענטיק אַ בפּירושע דיכטערישע הצלחה פון דעם קומענדיקן פּראָזע־מײַסטער אויך אין זײַנע יִינגלשע פּרוּוון. מיר מיינען דעם סאָרט דיכטונג, ווו עס באַגעגענען זיך ענג און האַרט לירישע, עפּישע און דראַמאַטישע מאָמענטן — די דיכטעריש־דערציילערישע באַלאַדע. מיר האָבן פֿאַר זיך צוויי אַזעלכע באַלאַדעס פון דעם נײַנצן־יעריקן שרײַבער, און כאָטש זיי זענען געשריבן אין דער זעלבער צײַט, אין וועלכער ער האָט פּראָדוצירט די פריִער געבראַכטע לידער, זענען זיי אַנדערש סײַ אין דער פֿאָקאַבולאַרער לעבעדיקייט און סײַ אין דער דערציילערישער אויפגערוימטקייט. די ערשטע באַלאַדע טראָגט דעם נאָמען, וועלכן דער שרײַבער האָט שפּעטער געגעבן אַ גרויסן ראָמאַן, אַט דעם ראָמאַן, וואָס עס האָט איבערגעזעצט אויף יִדיש אליעזר רובינשטיין; די באַלאַדע הייסט: אַ פּשוטע מעשה און האָט זיך געדרוקט דאָרט, יאָרגאַנג 3, נומער 59, 1טער פעברואַר 1907, חמשה־עשׂר בשבט:

אין דער אָרעמער גאַס
דאָרט אויפן באַרג
שטייט אַן איינגעהויקערטע שטוב,
פינצטער און נאַס,

ס׳אָרעמקייט שטאַרק
חושך, ווי אין אַ גרוב —
דאָרט וווינען
אַכט פֿאַרשווינען.

אַ גאַנץ הויזגעזינד: אַ פֿאָטער און מוטער,
זעקס קינדער אויך,
און איינס דערקוטשעט דער מאַמען ביטער
אין בויך.

איר ווייסט, דאָס הייסט —
ס׳זאָל אײַך נישט זײַן צו קיין שמאָכע —
נײַן (9) וועט באַלד זײַן
די משפּחה,
קיין עין־הרע!

דערווײַל איז דאָרט אַ צרה.
ס׳איז נישטאָ קיין ברויט,
די קינדער ווילן עסן,
די מאַמע ווינטשט זיי דעם טויט:
די ווערעם זאָלן זיי פרעסן.
זי שעלט און וויינט,
זי שעלט און וויינט,
און איר, רבותים, מיינט,

אַז דאָס וועט זיי דעם הונגער שטילן?
אָסור,
אַזוי ווי ס׳איז הײַנט חמשה־עשׂר,
אויב אַפילו אויף אַ האָר!
ראָזשינקעס מיט מאַנדלען,
טייטלען, באָקסערן, פײַגן —
אויב נישט, זאָל מיר זײַן אָסור!
נאָר אַז איר וועט שווײַגן,
וועט איר באַקומען אײַער חמשה־עשׂר.
ס׳איז אַוועק מער
ווי אַ שעה
און ער,
דער טאַטע, איז נישטאָ!

די קאַץ, וואָס איז צוגעבונדן צום בעט,
מיוויקעט צו: מיוי!
גלײַך ווי איינער רעדט:
אוי, אוי, אוי,
ס׳איז שוין געווען שפּעט בײַ דער נאַכט,
די קינדער פאַרשמאַכט,
גאָט זאָל מיך נישט שטראָפן,
האָבן זיך געלייגט שלאָפן.

פלוצעם האָט זיך די טיר אויפגעמאַכט,
די קינדער האָבן זיך אויפגעוועקט
און אויסגעשטרעקט
די הענט מיט גדולה,
ס'איז געוואָרן אַ לעבן,
עס פרייט זיך יעדע נשמה:

דער טאַטע... דער טאַטע... מסתמא
איז געקומען, און ער וועט געבן
די זיסע זאַכן
און אַ שׂימחהלע וועט זיך מאַכן.

די טיר האָט זיך אויפגעמאַכט
און מע האָט אַרײַנגעבראַכט
דעם טאַטן צו טראָגן —
צעהרגעט, צעשלאָגן,
דאָס בלוט האָט גערונען.

אַזוי האָט מען אים געפונען
אונטער אַ פּלויט
באַלד טויט.

וואָס איז געשען מיט די קינדער,
וואָס לאָזן זיך אויס פאַר הונגער? —
און אַז איר וועט שוין יאָ וויסן,
וועט דען זיי ווערן גרינגער?

און אַחרון אַחרון חשוב — די צווייטע באַלאַדע, וואָס פאַרמאָגט אַ באַזונדערן בוי און איז אַן אָנזאָג פון אַ סאָרט באַלאַדעס, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט זייער קורצער אידיאָמאַטישער שמועס־פאָרעם. זי הייסט „די קבצנים" און האָט זיך געדרוקט דאָרט, יאָרגאַנג 3, נומער 61, ט"ו אָדר תרס"ז, 1טער מאַרץ 1907:

א

אַ צעבראָכענער דאַך,
אַן אײַנגעהויקערט שטיבל,
און לעבער איין די ווענט
און לעבער אַ סך.
און קאַלט איז אין שטיבל,

קאַלט און פוסט,
און דאָס דאָרטיקע מעבל
אַ קופּע מיסט:
אַ צעשטיקלטער טיש,
אַ צעבראָכן בעט.

אויף אַ טשוואָק הענגט
אַ שמירה פאַר אַ שד;
אַ ווונטשקאַרטע הענגט,
פון אַמעריקע געשיקט —
די זיבעטע ערד
אויף איר ליגט;
אַ שטרויזאַק, אַ סידור,
אַ מחזור און אַן עק —
און אַ שטיבל איז טרויעריק,
ס'איז אַזש אַ שרעק.

ב

ס'ליגן דאָרט צוויי נפשות:
אַן אַלטער, אַ יונגער,
ציטערן פאַר קעלט,
גייען אויס פאַר הונגער.
הערשעלע, אַ קליינינטשקער,
אָשר, זײַן זיידע,
אײַנגעקאָרטשעט אין צווייען
ליגן זיי ביידע.
אַזוי קאַפּאַרען זיי אָפּ
ביטער די יאָרן,
זײַט אָשר איז בלינד
אויף די אויגן געוואָרן.
געווען איז אַ מאָל אַ טרעגער
דער בלינדינקער אָשר,
פאַרדינט האָט ערלעך
דעם גרײַצער כּשר.
אויסגעהאַלטן האָט ער
די גאַנצע משפּחה,
און גאָט האָט צוגעשיקט
דאָס שטיקעלע ברכה.

ער האָט אויך געהאַט
זײַן אייגענע נחלה
אַ טאָכטער אַ בריליאַנט
און זי, מחלה,
אַ װײַבל אַן אַנטיק,
אַ כּשרע נשמה,
אָסור אויב איר טרעפֿט הײַנט
אַזאַ קלוגע חכמה.

ג

ס׳איז אָבער געקומען
דאָס אומגליק שנעל
און פֿון אַלעם דעם גוטן
איז געוואָרן אַ תּל:
געשטאָרבן איז מחלה
נאָך אַ ביטערער קרענק
און אָשר איז געפֿאַלן,
צעבראָכן ס׳געלענק,
און בלינד איז ער געוואָרן,
נישט געזען ס׳ליכט,
און ס׳איז געקומען די נויט,
די צײַט אַזוי שלעכט.
און צרות נאָך צרות.
ס׳האָט נישט געדויערט לאַנג
און זײַן איינציקע טאָכטער
איז געגאַנגען אַ גאַנג.
איבערגעלאָזט האָט זי
דעם סגי־נהור
אַ ייִנגעלע אַ קליינס
פֿון אַ זעקס־
זיבן יאָר.

ד

און שכנים פֿון געסל
פֿלעגן געדענקען
די אָרעמע נפֿשות
עפּעס צו שענקען:
ווער אַ ביסעלע באָרשט,
ווער אַ לעפּל געקאָכט[ע]ס

ווער אַ באָבעלע
מיט אַנדערע שמאַכטעס.
אַזוי פלעג זיי שפּײַזן
דאָס געסל לשם מיצווה,
געהאָדעוועט כּל־ימיו,
איצט נעמט ער קיצבה;
פאַרדינט תּמיד זײַן ברויט
מיט די פינף פינגער —
און אויף דער עלטער
שטאַרבט ער פאַר הונגער.
אַ פּרנסהלע געהאַט,
אַ פּרנסה בהרחבה
און אויף דער עלטער
בעט ער אַ נדבה.

ה

אַזוי האָבן געלעבט
אין דחקות און נויט,
געפּעכגעט אויפן פּיסק
פאַר אַ שטיקעלע ברויט.
פאַרבראַכט זייערע טעג
אין צרות און פּלאָג,
געשטאָרבן פאַר הונגער
צען מאָל אין טאָג.
געקומען איז פּורים,
דער טאָג פון פרייד,
אַ גליקלעכער טאָג אויך
פאַר אָרעמע לייט,
געהאָפּט האָבן זיי שוין
אויף אים פיל טעג
און האָבן זיך געלאָזט
גיין אין וועג.
זיי זענען געגאַנגען
אין דאָרף אַרײַן פריִער:
אַ ייִד איז דער גידעטש,
נישט אָרעם דער רענדאַר,
לויט ווי מע זאָגט,
אַז קורחס אוצרות

ער פאַרמאָגט —
וועלן אין דאָרף פיל מאַכן
און וועלן האָבן גליק,
דערנאָך זיך אומקערן
אַהיים צוריק.
און בײַ אַלע בעלי־בתּים
בײַ זיך אין דער היים
איז אויף אַ סך צו האָפן
אם־ירצה־השם.
פיל וועלן זיי מאַכן —
וועלן גיין אומעדום —
אַ היפּשע פּאָר זילבער,
אַ וואָזשנער סכום.
און זיי זענען געגאַנגען,
געשפּאַנט און געשפּאַנט,
הערשעלע האָט געפירט
דעם זיידן בײַ דער האַנט.
האָבן אין דאָרף
אַ פּאָר זעקסער געמאַכט,
ביז ענדלעך איז צוגעפאַלן
די זינקנדע נאַכט
און זיי האָבן זיך שוין
אַהיים געלאָזט.
אין דרויסן האָט געברענט,
געבראָטן אַ פראָסט,
און וואָלקנס ווי שמאַטעס
האָבן דעם הימל באַדעקט
און די נאַכט, און די נאַכט
האָט זיך צעשטרעקט
אויפן הימל, אויפן טאָל,
אויפן הויכן באַרג,
און אַ ווינט האָט געבלאָזן,
געבלאָזן שטאַרק,
און אַ שנייִ איז געפאַלן,
געשיט און געשיט,
און אין זיי איז געפרוירן
יעדווידער גליד.
זיי שפּאַנען און שפּאַנען

נאַקעט כמעט,
דאָס פליש פונעם לײַב
קוקט אַרויס דורכן כאַלאַט,
און עס בלאָזט דער ווינט
אימער מער,
און עס שיט דער שניי
אָן אויפהער.

ו

קאַלט אין יעדן אבר,
אַזש די ציין פרעסן,
זיי בלאָנדזשען, זיי בלאָנדזשען,
האָבן דעם וועג פאַרגעסן.
זיי האָבן פאַרלוירן די אַלע סימנים
און דער ווינט ער בלאָזט,
בלאָזט זיי אין פנים.
גאַנצע כוואַליעס שניי
ציִען זיך און ציִען,
מיד איז הערשעלע געוואָרן,
ער וויל זיך אָפּרוען;
און אויף ס'לעצט
אויף אַ בערגעלע שניי
האָט ער זיך געזעצט...
דערווײַל האָט צוגעכאַפּט
צו ביסלעך אַ דרימל,
איז געפאַלן דער שניי
פונעם קויטיקן הימל.
לעבן אים איז געשטאַנען,
אַנגעשפּאַרט אויפן שטעקן,
דער אַלטער און האָט אים
געהאַלטן אין וועקן.
די פיס ציטערן פאַר קעלט,
די הענט פעבירן,
הערשעלע שלאָפט,
ער קאָן זיך נישט רירן.

ס'בילן די הינט,
ס'ווייעט דער ווינט,

דב סדן

עס ציטערט דער אַלטער פּאָר קעלט,
עס פֿאַלט דער שניי
און באַדעקט זיי
מיט ווײַסע תּכריכים אויפֿן פֿעלד.

נאָך דעם ווי מיר האָבן דעם יונגן מחבר געזען אַ פּאָר מאָל אונטערגעשריבן מיט זײַן פֿולן נאָמען אָדער זײַנע איניציאַלן, ווונדערן מיר זיך צוליב וואָס ער האָט זיך איצטער געחתמעט: דבורה טשאַטשקעס. מעגלעך, אַז דאָס איז נישט מער ווי אַ קאַפּריז, פֿון יענעם סאָרט, וואָס האָט זיך שוין געטראָפֿן אין זײַן היימשטאָט. דאָ זענען דאָך אַרויס די באַקאַנטע „ספֿרי שעשועים", רעדאַקטירט פֿון דעם שפּעט־משׂכּיל און אידעאַליזאַטאָר פֿון מתנגדים און מתנגדות איטשע פּערנהאָף, און אין איינעם פֿון די העפֿטן האָט זיך געדרוקט אַ ליד אונטער־געשריבן: מרים טשערניכאָווסקי, און מיר ווייסן דאָך, אַז אויך משה לייב האַלפּערנס ערשטע לידער זענען געחתמעט געוואָרן: פֿרידאַ האַלפּערן, יעקב גלאַטשטיין האָט געצייכנט קלאַראַ בלום, מאַקס ווײַנרײַך האָט זיך אונטערגעשריבן שׂרה ברענער, און ה. א. שעפּס האָט זיך רוב ימיו אַרומגעטראָגן מיט אַ מיידלשן נאָמען, אַלמי, וכדומה.

מעגלעך, אַז דאָס באַזונדערע מין ווייכקייט פֿון עגנונס באַלאַדע, אין וועלכער דער שטומער כּעס און פֿאַרבאַהאַלטענער אויפֿבורויז ווערן פֿאַרשלונגען אין אַ מין צאַרטן רחמנות, לאָזט זיך באַטראַכטן ווי אַן אויסדרוק פֿון מוטערלעכער מענטאַליטעט, כאָטש דער אמת איז מחייב צו זאָגן, אַז דאָס אײַנגעהאַלטנקייט פֿון כּעס און אויפֿבורויז און דאָס אויסגעהאַלטנקייט פֿון דעם אידיאָמאַטישן באַרעדעוודיקייט, אַרײַנגעדאַפּטשעט אין שמאָלע פֿערזן, זענען אַ רמז אויף אַן עפּישער נאַטור, וואָס שטעלט בלויז אויף זיך אַליין. אין דיביידע באַלאַדעס — סײַ די אין וועלכער אַן אָרעמע משפּחה קוקט אַרויס אויף דער פֿרייד פֿון חמשה־עשׂר־מתּנות, וואָס דער טאַטע דאַרף אָט־אָט ברענגען, און צום סוף שטעלט זיך אַרויס, אַז די מתּנה איז דער געהרגעטער טאַטע גופֿא; סײַ די אין וועלכער אַן אַראָפּגעקומענער בלינדער זיידע מיט זײַן פֿאַריתומט אייניקל קוקן אַרויס אויף דער פֿרייד פֿון די פּורים־הכּנסות און צום סוף ווערן זיי ביידע פֿאַרפֿרוירן אין שניי און קעלט — אין ביידע זעען מיר נישט בלויז אַ שטאַרקע השפּעה פֿון דעם שאַרפֿן סאָציאַלן באַנעם, וואָס האָט געשפּײַזט די ייִדישע דיכטונג בעיקר אין איר אָנהייב און המשך, נאָר אויך אַן איבערבראָך אַ גאָר קענטיקן אין עגנונס טעמאַטיק. ווער עס האָט זיך באַמיט צו אָבסערווירן די ראָלע פֿון שבת און יום־טוב אין אונדזער ליטעראַטור פֿון דער מיט השׂכּלה און ווײַטער, מוז זיך אָפּשטעלן אויף צוויי ליניעס — איין ליניע, וואָס ווײַזט, אַז שבת און יום־טוב זענען דער איינציקער אויסשניט אין לעבן און אין שטייגער, וואָס די טאָטאַלע משׂכּילישע קריטיק און היפּערקריטיק האָבן זיי באַטראַכט ווי אַ שוין־רעוויר אין אַ וואַלד, וואָס איז הפקר פֿאַר אַלע מינים יעגערס, און דיאַלעקטיש זענען טאַקע די

שבתים און יום־טובים געוואָרן די ערשטע, שטילע, אָבער גרויסע אָפּפרעגפונקטן פון דעם משׂכּילישן צוגאַנג; די אַנדערע ליניע, וואָס ווײַזט, אַז שבת און יום־טוב זענען, אין זייער רשות, מבטל די ווידעראַנאַנדן אין ייִדישן לעבן, און צווישן זיי אויך — און אפשר: בעיקר די סאָציאַלע ווידעראַנאַנדן, אַפילו די קלאַסן־ווידעראַנאַנדן. פֿאַראַן דערויף אַן אַ שיעור ראיות און משלים, מיר וועלן איצט אָנווײַזן בלויז אויף איין כאַראַקטעריסטישער שטעל בײַ אײַזיק־מאיר דיקן — אין זײַן ספרל איבער ייִדן אין ליטע, וואָס באַשטייט פון צוויי טיילן, דער ערשטער טייל איז אַ בעלעטריסטישער, כּולו אַנקלאַגעריש; דער צווייטער טייל (ווײַזט אויס אַן איבערגעזעצטער) איז אַ פּובליציסטישער, כּולו פֿאַרטיידיקעריש, און אין דעם טייל לייענען מיר: „און עש איז צו בעניידען זייער שטילעס פרידליכעס אונ פֿאַרטיארכאלישעס לעבין וואָש זיי פירען אין זייערע שבתים אונ אין זייערע ימים טובים. דאַש גאַנצע אידעשע ניציאַן שייַנט דאַן צו זיין איינע פֿאַמיליע, עש זיינען דאַן אָפּין דיא טירען פון דיא רייכען פֿאַר דיאַ אָרעמען. מען באזוכט זיך איינער דעם אנדערין אונ מען נעמט יעדערין אויף פֿאַר איינען גוטין גאַסט אונ מען בעווירטעט אים זייער פריינדליך אונ ברידערליך. עש איז דאַן קיין שפּור פון שטאָלץ צו בליקען אונ דער נידעריגסטע פינדעט אין דעם גרויסין זיינעם גלייכין" („דיא יודען אין ליטע", 1871, זז' 37—38). קומט אונדזער יונגער מחבר, וואָס לויטן אָנגענומענעם שאַבלאָן האָט ער דאָס אין זײַנע ווערק פון יוגנט אויף און ווײַטער עפּיש אַרויסגעבראַכט דעם האַרמאָניע־גאַנג אין ייִדישן לעבן און ער צעבראָכט, אין די צוויי באַלאַדעס, דעם עצם אינסטרו־מענט פון דער דאָזיקער האַרמאָניע — דער יום־טוב, וואָס ווערט באַטראַכט ווי דער טאָג פון אַחדות און דער טאָג, וואָס אין אים ווערן בטל די ווידעראַנאַנדן, דווקא ער ווערט געשילדערט ווי דער טאָג פון צוזאַמענבראָך פון יענעם אַחדות. אמת, ער באַנוגנט זיך ביז מיט האַלב וואָכעדיקע יום־טובים — חמש־עשׂר און פורים. אָבער אין אַ העברעיִשער דערציילונג פון יענער צײַט, וואָס איז געדרוקט געווען אין אליעזר רוקחס „הירדן", איז דער פֿאַרשטערטער יום־טוב אַ שאַרפערער — אין דער עצם סדר־נאַכט; נישט אַ רעליגיעז־נאַציאָנאַלער (עלילת־דם), נאָר אַ סאָציאַלער שטער. גראָטעסק פֿאַרשפּיצט האָבן מיר עס שפּעטער אין „הכנסת כלה" — די פֿאַרשטערטע סדר־נאַכט פון אַן אָרעמען ישיבה־בחור, וואָס האָט דאָס ערשטע מאָל געזאָלט טועם זײַן פון שלאָפן אין אַ בעט ממש, און זײַן באַגער ווערט אים פֿאַרשטערט אין דער מינוט, ווען זײַן פוס דאַרף נאָך דעם סדר באַרירן דאָס ווייכע געלעגער. אַ פֿאַרגלײַך מיט „החצוצרה נתבישה" פון ח. נ. ביאַליק, ווו דער שטער איז בפירוש אַ נאַציאָנאַלער (דער גירוש־אוקאַז פון דאָרף), זאָגט מער ווי אַ־יעדער אַנאַליז. די משלים לאָזן זיך פֿאַרמערן און זיי באַווײַזן, אַז אונדזער דערציילער איז געטרײַ געבליבן דעם באַנעם, וואָס האָט אין אים געדעמערט נאָך אין זײַנע ייִנגלשע יאָרן, און האָט זיך אויסגעלײַטערט אין כּלערליי, סײַ אויסגעברייטערטע און סײַ פֿאַרטיפטע דרכים.

[כסלו תשכ"ח]

אַברהם סוצקעווער



●

וועז כ׳וואָלט ניט זײַן מיט דיר בײַנאַנד,
ניט אָטעמען דאָס גליק און וויי דאָ, —
ווען כ׳וואָלט ניט ברענען מיטן לאַנד,
וווּלקאַניש לאַנד אין חבלי־לידה;
ווען כ׳וואָלט אַצינד, נאָך מײַן עקדה,
ניט מיטגעבוירן מיטן לאַנד,
ווּוּ יעדער שטיינדל איז מײַן זיידע —
געזעטיקט וואָלט מיך ניט דאָס ברויט,
דאָס וואַסער ניט געשטילט מײַן גומען.
ביז אויסגעגאַנגען כ׳וואָלט פאַרגוי׳ט,
און בלויז מײַן בענקשאַפט וואָלט געקומען...

1947

לאַנד פון מײַנע קינדער

אַזאַ מין שלאָף האָב איך שוין ניט געהאַט אַ האַלבע אייביקייט.
אַזאַ מין שלאָף קומט נאָר צו גאַסט פון אינגעווייד אין קופּער.
צי בין איך דען פאַרוואַנדלט אין אַ בינשטאָק?

עמעץ, פיל איך,
געוועלטיקט אין מײַן לײַב און ציט אַרויס אַ הענגל האָניק.

ערשט דעמאָלט ווען דער מאָרגן־שטערן,
בלוי ווי ער אַליין,
האָט אָנגערופן מיך בײַם נאָמען און איך האָב דערשפּירט
אַ חילוק צווישן האַרצקלאַפּ און מײַן הירשלדיקן שאָטן,
באַנומען האָב איך, אַז אין שלאָף איז מיר אַ ריפּ פאַרשוווּנדן.

פאַרשוווּנדן איז אַ ריפּ פון מײַנע ריפּן.
פאַרשטאָפּט איר אָרט מיט ווערטער האָט מײַן האַר,
וואָס רײַסן זיך פון זיגל אויף די ליפּן.
און מיר אַנטקעגן, פון מײַן ריפּ, האָט ער געבויט, מײַן האַר,
אַ לאַנד,
אַ מאָרגן־שטערן־לאַנד,
באַשטימט פאַר מײַנע קינדער.

1968

פון אַלט־יפו אין רעגן

קרוינען פון כוואַליעס

קאַראַלן אויף קאַראַלן. דור אויף דור. און קאָפּ אויף קאָפּ.
אָן דײַנע ווענט פאַרזונקענע אין יחוס —
געפּלאַצטע, פאַלן קרוינען פון די כוואַליעס, אין גאַלאָפּ,
און שטורעמס — ווי די מויערן יריחוס.

און אויפן באַרג, ווו רעגן בויט פאַר זונפייגל אַ נעסט,
איך זע אים אין די שטיוול גלאַנציק האַרטע,
צעווישן זײַנע זעלנער די געשלאָגענע פון פעסט,
דעם וווּנדערלעכן קאַרליק באָנאַפּאַרטע.

זיי וואַרפן זיך צו אים ווי פיש אויף זאַמד אין לעצטן טראַנס.
מוזיק פון זיג אין צאַנקענדיקע חושים.
אַ זעלנער סאַלוטירט מיט האַנט אָן פינגער: וויוו לאַ פראַנס!
אַ צווייטער — צו אַ שטיוול, און אַ קוש אים.

ער ציט צוריק דעם שטיוול מיטן פלעק פון רויטן מאָן:
— דער טויט. קאַפּאַבל דורכצוקושן לעדער.

אַזאַ מין שׂונא זעסטו ניט אין שלאַכט, נאַפּאָלעאָן,
און זיכער זעסטו וואָס עס זעט ניט יעדער.

די אוצרות אויפן מאַרק

אַ סאַבליע פון באָמביי. אַ צניעות־גאַרטל פון באַגדאַד.
צלאָח אַ־דין אין רײַטנדיקער גלאַריע.
אַ האַלבע אַפּראָדיטע קוקט מיך אָן מיט גאַנצן חשד.
ס׳פאַרשפּילט זיך מיט איר שפּילצײַג די היסטאָריע.

צילינדער מיטן אַטלעסענעם אונטערשלאַק, אַהוי,
עס דרימלט איצט אין דיר אַ געלער קאָטער.
איר, אוירינגען, ווי טרערן פון אַ פרוי, כ׳וויל זען די פרוי.
כ׳וויל זען אַ שטיקל מאָרגן, טאַטע־פאָטער.

אַ קונסטווערק אָן אַ נאָמען, פון אַ פלעמישער פּראָווינץ,
אין סטיל פון לודוויק זעכצעטן — אַ שאַפע.
אַ שערבל פרעגט די זעלבע שאלה וואָס דער דענער פּרינץ,
געשלאָסן אינעם ים־געוויין פון יפו.

אָן אייזעלע מיט בודאַ־אויגן, שמייכלענדיק און ראָז,
באַווײַזט זיך אויפן מאַרק. און וואָס צו ריידן? —
די וועלט־געשיכטע אָטעמט־אײַן זײַן וואָגן פרישן גראָז
און האָט הנאה פונעם טעם־גן־עדן.

שטילקייט און שטורעם

אַ זוניק פענצטערל אין חצות. אַ ציגל גרויס. איך וועל
(אַנשטאָט פון ים־געוויין אַראָפּ פון זינען)
אַרויפגיין זען, וואָס טוט אַ מאָלער אין זײַן ציטאַדעל.
זיי לעבן דאָ ווי טויבן אין רוינען.

— מײַן פרײַנד, „אין האַרצן רעגנט״ — זינגט ווערלען. איז נעם באַגילד
אין האַרץ דעם רעגן. ס׳פײַער האָט געצויגן.
און פּלוצעם זע איך: בײַ אַ לײַוונט שטייט און מאָלט אַ בילד
אַ בלינדער מאָלער, מיט פאַרברענטע אויגן.

— — דײַן שאלה, חבר, אויפֿן שפּיץ פֿון צונג, אומזיסט־אומנישט.
איך קען אַן ליכט ניט מאָלן אין דער פֿינצטער.
די פֿאַרבן ווילן זען זיך גופֿא — פּרוּווט ער זײ און מישט —
אַן ליכט־און־שאָטן וועל איך זײַן דער בלינדסטער.

אַזוי איז אויפֿן דעק פֿון ים ווי זון האָט ניט געזונט,
נאָר צוליב איר געדײַען דאָרט יצורים.
און קומט זי בלויז צו חלום — ווערט אַ שׂימחה אויפֿן גרונט:
ס'האָט חתונה די שטילקייט מיטן שטורעם.

דער גאָלדשמיד פֿון סאַלאָניק

צום גאָלדשמיד פֿון סאַלאָניק, מיט די אויגן דרײַ (אַן אויג
איז צווישן ביידע ברעמען אויך די לופּע),
אַרײַן בין איך אַ נאַסער מיט אַ שולדיקן פֿאַרנויג:
אַ מלכותדיקע, פּיאַלעטע חופּה.

— דו צערטלער פֿון אַנטיקן, איך בין אויסגעוועזן אַחוץ
דײַן אַלט־געשמידעטער קראָם אין אַלע קראָמען:
אַנטפּלעק מיר דאָס באַהאַלטענע, באַווײַז מיר עפּעס גוטס
פֿאַר דער וואָס איך האָב ליב און בענטש איר נאָמען.

ער ציט אַרויס אַ צירונג־שאַכטל און אין בלויסטן צער
צעמיניען זיך סאַפּירן אויף זײַן דלאָניע:
— קיין איידעלערע איידלשטיינער האָב איך ניט, מײַן האַר,
זיי דעקן צו דעם פּגם צו דער האַרמאָניע.

נאָר זאָגן וועל איך דיר דעם אמת: די וואָס דו האָסט האָלט
און אירע הענט באַפֿליגלען דיר צוקאָפּנס,
איז ווערט אַ שענערן געשאַנק. באַקומסט עס אומגעצאָלט:
פֿון רעגן — טו איר אָן אַ שנירל טראָפּנס.

אַ גילגול

מיט פֿעסטונגווענט ווי דאָקטער צײַט האָט קעגן זיך אַליין
געשטעלט זיך פּאָקן — איז באַשיצט מײַן צימער.

אַ פֿענצטערל אין קראַטן. און די שויב, ווי ציין־אַן־ציין,
דערציטערט אַ ניואַנס צו שרעק און שימער.

צעפֿלעקטע אותיות פֿון אַן אַלט־אַראַבישן כּתבֿ־יד —
ס'געשריפֿטס פֿון וואַסער אויף דער שויב. די קראַטן
דערמאָנען: ס'האָט זיך אָפּגעשפּילט אַ הייסער מאַסקאַראַד,
מיט אונטערצינדער, געטער, און פּיראַטן.

איך לענגער אויס די אויגן צו דערזען, ווער ס'האָט אַ מאָל
געלעבט אין אַלטן ציגלשלאָס. און שמועס
מיט פּנימער פֿון דערנער אין אַ בלויען אָרעאָל,
מיט קענטלעכע באַוועגונגען און תּנועות.

איך לענגער אויס די אויערן, די חושים, און פֿאַרנעם
געבורט פֿון גסיסה און מײַן אייגן וויגל.
איך בין געבוירן דאָ. געשטאָרבן. ס'האַלטן מיך אין קלעם,
אַלט־יפֿו, דײַנע סודותדיקע ציגל.

1967

גלאַדיאָלעס אויף שבת

אַן אייזעלע פֿירט אין אַ וואָגן גלאַדיאָלעס אויף שבת.
אַ תּימנער האָפּקעט אויף אים און ער זוכט זײַנע קונים:
גלאַדיאָלעס אויף שבת!

דאָס אייזעלע ווייס יעדן פּרײַטיק זײַן דרך
און פֿירט די גלאַדיאָלעס אויף שבת
מיט גרויס דרך־
ארץ.

נאָר הײַנטיקער פֿרײַטיק איז גאָר ניט דער זעלבער
פֿון העט־פֿאַראַכטאָגן.
דער באַקסענער בלומען־פֿאַרקויפֿער פֿון תּימן
דערקענט ניט די שטאָט און דערקענט ניט די היימען:
אַפֿילו די זון איז געבויגן און קאָסע.
און פּוסט איז די גאַס. אַן גלאַדיאָלעס
וועט בלײַבן די שבת־מלכּתא.

נאָר פּלוצעם — די גאַס איז ניט הפקר.
עס קומען
חילות, חילות.
דער תּימנער שענקט זיי די איידעלע צמחים צום פּראַנט,
אַז דער שבת זאָל האָבן הנאה פון זײַנע גלאַדיאָלעס.
1968

אין וואַדי־פּיראַן

א

דאָ פּאַלט נאָך באַגינען דער מן אויף אַן אֵשל
און צוגעווינט זענען די צווײַגן ׳לאַנגאַניק...
אַ פּאַסטעכל קלײַבט די מתּנה אין קײשל
און ס׳האָט נאָך דעם טעם ווי אַ פּלעצל אויף האָניק.

דאָ לעבט נאָך אַ לשון, וואָס דאַרף ניט קיין ליפּן,
דאָ שטוינט נאָך אַ שטיין צום אַרויסשלאָגן וואַסער.
און איך בין געקומען מיט דעם זיך פֿאַרקניפּן,
און לעשן אין וואַסער אַ נײַ קול־מבשׂר.

אַנטרונענע ייִדישע ווערטער, אין אַלטן
העברעיִשן פּוסטראַט! — איך לאָז אײַך אין היילן.
אַ מאָל וועט, קאָן זײַן, דאָ זיך קומען באַהאַלטן
אַ נביא, און הערן וואָס היילן דערציילן.

ב

וכל העם רואים את הקולות / שמות, יתרו כ, טו

דאָס פֿאָלק איז ניטאָ מער. בײַ נאַכט איז אַ היכל
דער וואַדי־פּיראַן. און פֿאַרזיגלט מיט שלאַנגען.
האָט עמעץ געלאָזן אַ שאָטן, אַ שמייכל?
געבליבן בלויז קלאַנגען. איך זע בלויז די קלאַנגען.

זיי בליצן אַצינד פון די קופּערנע בלאָקן
און פּנימער ווערן זיי. הוילן ווי חיות
צום איבערגעוואַקסענעם, שטראַליקן זקן...
דאָרט קניִען די קלאַנגען אין ווײַסע אַבײַעס.

און מײַנע שוואַרצאַפּלען, צום פֿאָלק נע־ונדע,
זײ גיסן זיך איבער פֿון קלאַנגיקער פֿילקײט.
ווי לעבעדיק בלוט איז נאָך וואַרעם דער וואָדי.
אַ שטײנערנער קלאַפּט אין פֿאַרזיגלטער שטילקײט.

ג

„און זעסטו מײַן חלום — איז דאָ זאָלסטו בלײַבן,
אַלײן אים צו טרינקען ווײַט־ווײַט פֿון געזעמל,
ווי ס'טרינקט פֿון זײַן אינגעווייד־ברונעם דער קעמל,
ביז וואַנען איך וועל דיך אין מידבר אַנטלײַבן".

דאָ בלײַב איך. ביז וווּנדיקן אָפּגרונט — אַ מאַמין.
געזאָלבט צו זײַן אונטער אַ שטראָם פֿון רובינען.
ווער בין איך? אַן אוראַלטע פֿידל אַזאַ מין,
ווו הונגעריק זשומען פֿאַרבלאַנדזשעטע בינען.

אין־סופֿיקע אײנזאַמקײט איבער די סקאַלעס.
אין אײנזאַמקײט האָט ניט דער עלנט קײן שליטה.
פֿאַר נאַכט, אין אַ צײַטיקער שעה פֿון התגלות,
באַגעגענען וועל איך מײַן מאַמען פֿון ליטע.

ד

דאָ בלײַב איך, פֿון דאַנען צו שיקן מײַן ברכה.
אַ פֿײַערקויל צוקט נאָך אין אַש פֿון זכרון.
אומזעיִקער פֿליגל וועט געבן אַ פֿאָכע
און אָנצינדן ווי אַ מנורה די יאָרן.

און דאָ וועל איך שרײַבן אָן אויפֿהער, מיט אײגן
באַגנעדיקטן פֿײַער, באַדאַכט, מײַן מגילה.
מיט שטערן־פֿאַרלאָפֿענע אויגן זיך בייגן
בײַם פֿאַרמעט — פֿון הירשנפֿעל זילבערדיק־לילע.

דערנאָך וועל איך הייבן דעם פֿאַרמעט צום גײַער,
וואָס עיגולט און היט מיך אין לופֿטיקן קטורת:
— אָ, נעם די מגילה, באַצוויגן מיט פֿײַער,
און ברענג זי בשלום צו גליקלעכע דורות...

1958—1957

פּירקאַנטיקע אותיות און מופתים

פּירקאַנטיקער טויער:
פּירקאַנטיקע אותיות און מופתים.
פּירקאַנטיקע שטיינער —
געשפּאָלטן אײַך האָט ניט קיין אײַזן, עס האָבן אײַך ליפּן געטעסעט.
און ווײַס איז דער שטויב דורכן טויער, אַ תּחית־המתימדיק ריינער,
ווי אויבן די יונה הומיה, זיך אויסגעפּיקט נאַר־וואָס פון חסד.

די זון הינטער בערג איז פון ריף פון דער נאַכט שוין געקנאָטן,
די שטויביקע פּנימער זענען מיט איר דורכן טויער אַצינד עולה־רגל.
פון זעלביקן ליכט איז געבוירן די זון און דער שאָטן,
אַ שטויב נאָך אַ שטויב זינגט אַ לויב צו זײַן שבט און דגל.

אַ קאַלכאויוון שטויב איז דער שטויב דורך פּירקאַנטיקן טויער:
דער שטויב פון פּירקאַנטיקע דורות, דער שטויב פון מײַן מאַמען.
מײַן אייגענער שטויב איז געוואָרן גראַניט אין סוף־נאַכטיקן, זוניקן זוהר,
מיט אַלע פּירקאַנטיקע אותיות און מופתים
צוזאַמען.

דערציייל מיר, באַשטויביקטער ברודער, בײַ שטיינער ווי לײַב און פּירקאַנטיק,
דערציייל מיר, וואָס דאָ איז געשען, אַז דײַן קאָפּ איז היינט אַנדערש
געבויגן!

— אַ האַנט איז געגאַנגען אין פֿײַער און האָט פון דער צײַט אייגנהאַנטיק
באַשאַפן אַן אייגענע רגע
פֿאַר דיר און פֿאַר מיר אין די אויגן.

בײַם כּותל, ד׳ סיוון תּשכ״ז

פֿאַראַן אַן אויסטערלישער טעם

פֿאַראַן אַן אויסטערלישער טעם, פון מילגרוימזאַפט באַטעמטער
און אויך פון ווײַנטרויבן אין מידבר ווען אַן שאָטן פלאַמט ער;
בשעת אַ רעגן קוילערט זיך אין רויטן שטויב פון שטעגלעך
און אויף ירושלים־בערג פאַרזוכן אים איז מעגלעך.

איעדער שטויבל ווערט אַ פּרי אַ קדמוניש־היגע,
אַ פּרי פונעם הימל און דער ערד, אַזאַ מזיגה.

און אַז דו מאַכסט אַ ברכה און פאַרזיגלסט זי מיט ליפּן,
פאַרקניפּן וועט זי דיך מיט הימל און מיט ערד פאַרקניפּן.

ווי זידנדיקע מילך לויפט אויס אַ וואָלקן; און אַ צווייטער
גינגאָלדיק נידערט אויפן רעגנס הענגענדיקן לייטער.
עס קנעטן שטראָמען שטיקער פעלדז מיט מבולשער דינאַמיק,
נאָר גאָרנישט איז אַזוי ווי שטויב אין רעגן פריש און טעמיק.

פאַראַן אַ טעם פון חלום (צו אַ גומען קוים דערגאַנגען),
פאַראַן אַ היילנדיקער טעם פון גאָט־געבענטשטע קלאַנגען;
דער טעם פון שטויב אין רעגן איז פון מילגרוימזאַפט באַטעמטער
און אויך פון ווײַנטרויבן אין מידבר ווען אַן שאָטן פלאַמט ער.

1975

גײַסטיקע ערד

■

פאַראַן אַ שטאָט — אַן אָדלערנעסט אַ הויכע,
געהעקלט אויף אַ סקאַלע, סאַמע צפון.
צו זען דעם אָדלער איז ניט יעדער זוכה,
פאַרהוילן, מאַכט ער ציטערן אין־סופן.
פאַרהוילן איז דער אָדלער! נאָר זײַן שאָטן
איז אויסגעזעצט מיט חושנדיקע שטיינער,
צו פילנעווען די נעסט, וואָס איז געקנאָטן
פון הימלבלוי — פון קינדעראויגן ריינער.
נאָר ס'טרעפט, באַשיצן מוז אַ מאָל דער פליִער
אַליין די נעסט. געשען איז דאָס תש״ח אין חודש אייר.

■

די אָדלערנעסט איז צפת. כּדאי דערמאָנען,
אַז כ'האָב צום ערשטן מאָל געקלעטערט יעמאָלט
צוזאַמען מיטן מאָלער — צוויי סקאָרפּיאָנען —
צו אירע הייכן, שטאָציק און געקעמלט.
אַ פײַערשניט אין בעלמע פון אַ בלינדן,
וואָס ברענגט צוריק די ראיה — דער כּנרת.
געבוירן ווערט דאָס בלוי אין זײַנע אינדן,
און ס'פּליעסקען זיך פונאַנדער בלויע ספערעס

אַרויף, אַרויף, אַרום דזשערמאַק. און שטיקלעך
פון הימלבלוי, דאָס זענען קעגן איבער — צפתער ליקלעך.

■
באַלאַגערט איז נאָך צפת. אַזוי אַ חודש
ווי ס'האַלטן אונטער כּהונה־העַנט איר כּתר.
אין שול פון דעם אַר״י, אין אָרון־קודש
אַן אַמבראַזור. און ווי אַ בייגיק מעסער —
אַ בלויע שלאַנג, וואָס טוקט פון דאָרט איר קעפּל
צום שׂונא און פאַרצויבערט זײַנע פאַלקן.
באַדאַכטיק, מיט אַ סמיקן געפּרעפּל,
פאַרוואַנדלט זי בײַם כּנען־באַרג אַ וואָלקן
אין הימל־חיות מיט אַ ווילדער שרײַונג.
און הינטער זיי — אַ גדוד פּלמח. אַ, מיסטישע באַפרײַונג!

■
„ווער ס'האָט אין צפת אַ שטיבל, האָט אַ פענצטער
אין הימל״. נאָר עס האָבן אויך די צפתער
אַ גאָרטן, וואָס וועט בלײַבן שוין דער נענטסטער;
און מאַמעס קומען מיט אַ קריגל וואַסער
און טרינקען אַן דעם קינדס אַ קינד — אַ בלימל.
מלאָכים זענען דעמאָלט זיי מהנה —
צעפינקלען אַלע פענצטער אינעם הימל.
דעם חלק פון בית־עלמין רופט מען „חנה
מיט אירע זיבן זין״. און ס'ליגן ווײַטער
מצבות פון די היגע מקובלים צווישן קרײַטער.

■
די דעכער הענגען אויף אַ האָר, אויף גאַרניט,
ווי אויפן מידבר־האָריזאָנט פּרדסים.
נאָר איבערשנײַדן קיינער קאָן די האָר ניט,
ווײַל גייענדיקע סטרונעס אין טליתים
באַוווינען צפת: אַ שטאָט — פון אַלע העכער
און טיפער אויך. איר לופט, אַ מילכיק־זיסע,
געצונדן איז בײַ נאַכט, ווען איבער דעכער
ליגט אויסגעצויגן זי, די מטרוניתא,
און עמעץ פּײַניקט זײַנע גלידער ברעניק
אין קליידער פיר מאָל ווײַס, דער מטרוניתא אונטערטעניק.

■

דאָס צפתער ייִדיש האָט אַ חן פֿון באָבעס:
אַ טאָסע מילך... אַ שיסל הייסט גאָר פּיִילע,
און פּוטער — זיבדע. שבת איז דאָ שאָבעס.
דאָ לעבט נאָך ווי אַ קוימען. (ס׳איז אַ מעלה:
אין תּל־אָביב שוין ליידער ניט בנימצא).
אַחוץ אַ גן פּאַרמאָגט נאָך צפֿת אַ גאַניק,
אַחוץ אַ לביבה — אַ וואַזשנע בלינצע.
און סאַמאָוואַרן זידן אויס דעם תּענוג,
וואָס האָט אַ מאָל, אין רחבֿותדיקער ענגשאַפט,
באַטײַט: משפּחה. איבער אַלעם רײַסט אין צפֿת — די בענקשאַפט.

■

עס האָבן צוויי חבֿרים זיך געפֿעדערט
באַגעגענען דעם זונאויפֿגאַנג. מנחם
און איך. אַ פֿלעדערמויז האָט נאָך געפֿלעדערט.
געמאָלן אָן אַ פּענדזל האָט מנחם:
— „פֿון וואַנען האָט געשעפּט אַזוי פֿיל גינגאָלד
רעמבראַנדט? און טיציאַן, ראַפֿאַעל, וועלאַסקעס —
ווי קומט צו זיי אַזאַ רובינגאָלד, גרינגאָלד,
אַזוינע פּרויען, קעניגלעכע מאַסקעס?
איך וועל דיר ווײַזן זייערע מאָדעלן:
דאָס זענען צפֿתער וואָלקנס. מיטן זונאויפֿגאַנג זיי קוועלן!"

■

מנחם איז גערעכט. ער איז אַ ידען
פֿון סודות. אָט אַ וואָלקענען די בילדער:
קאַסקאַדן פּרויען פּורפּורנע... קאַסקאַדן...
דער זונאויפֿגאַנג, דער שאַפֿער און באַגילדער,
צעטרײַבט זיי איבער האָלאַנד און איטאַליע,
אַווו עס האָבן דאַרשטיקע זשעני̇ען
געפֿאַנגען זייער פּנים, לײַב און טאַליע,
כּדי די שיינקייט זאָל באַשטענדיק בלי̇ען.
דערזע די וואָלקנס, און דו זעסט אַזאַ דאָ
מוזיי, וואָס בלויז דו קענסט אים זען אין לוווּר און אין פּראַדאָ.

פֿון בוך גײַסטיקע ערד, פֿאַרלאַג „דער קוואַל", ניו־יאָרק 1961, אָריגינאַל־האָלצשניטן — אַרטור קאָלניק.

משה סחר

אין זייער נאָמען

אַ רויטע זון
פאַרלוירן גייט
צווישן די בערג
פון ירושלים,
און שפּורן בלוט
אין פלאַכלאַנד
טוען זיך צעגיסן.
איין איינציקער וואָלקן
הענגט אויף די קאַנטורן
און וווּנדערט זיך
אַז איך וויל
עפּעס דאָ געפינען.
כ'באַוויין נישט די טעג
וואָס זענען דאָ
דערשטיקט געוואָרן
אין די טראַנשעעס
אין דײַנע קאַלטע זיסע נעכט.
דאָרט ערגעץ איז חרוב געוואָרן
עפּעס אַ בינשטאָק

נאָר איך האָב
געלעבט בשלום
מיט די בינען.
זיי האָבן שפּאַצירט
אויף מײַנע אָרעמס,
מיך נישט געשטאָכן,
געגלעט מײַנע אויגן
וואָס האָבן זיך געבעטן צו פֿאַרמאַכן.
די קוילן האָבן געפּײַפֿט
און מיך נישט
דורכגעלעכערט.
כ׳בין וואַך געווען
און גרייט צום קאַמף
ווי אויך פֿאַרחלומט.
און מײַנע פֿרײַנד
וואָס זענען פֿאַרלוירן געגאַנגען
אַזוי ווי די זון,
האָבן מיך געהייסן
מקיים זײַן
זייער האָפֿענונג:
אַ פּשוט לעבן
מיט אַ משפּחה
און אַ שטיקל ברויט
צו דער זעט
און אַ מעלאָדיע
וואָס צעגיסט זיך
אָן בושה
און צעשפּילט זיך
קיין מערב
פֿון דער הייך
בײַם פֿאָרן דירעקט
צום פֿלאַכלאַנד.

זיי געזונט,
מײַן שטאָט, מײַן שטאָט
ירושלים,
זאַט פֿון קאַמפֿן
און חלומות,

פון דיכטערס.
און וואָס בין איך?
צו דײַנע פאַלדן שיק איך דיר
אַ קלײנעם מיזמור
אין מײַן נאָמען
און אין זײער נאָמען.

מנחם סטעמפּל

ירושלים

מיט גרויס פרייד
טאַנץ איך
איבער דײַנע גאַסן,
ירושלים —

טאַנצן דײַנע גאַסן
מיט מיר,
האַנט אויף פּלייצע פאַרפלאָכטן.
די גרויסע פרייד פון דורות
אין ליכטיקע הענט
הייבן די פרייד
צו דײַנע בלאָ־זײַדענע הימלען —

טאַנץ איך,
טאַנץ איך
מיט פיס הויך געהויבן,
מיט הענט — צעשפּרייטע זעגלען —
צו דײַנע בלאָ־זײַדענע הימלען —

טאַנצן בלאָ־זײַדענע הימלען
מיט מיר,
מענטש,
שרײַ איך אין אַלע וועלטן:
יהוה איז מײַן האַר
אלוהי!
לאָדן אויף
די פרייד פון דורות
אויף גמלים —

גייט איבער די פרייד
מיט קאָכעדיק בלוט,
צעגיסט זיך
די פרייד
ווי פולע פעסער ווײַן —

גייען די גמלים
אויף זון־באַגאָסענע שליאַכן
אַנטקעגן דײַנע הימלען,
אלוהי!

איך גראָב אַ ברונעם

ווײַס געקאַלעכט שטייט דאָס הײַזל,
ליגט אַ פרייד אויף שוועל פון שטוב —
באָרוועס בין איך, גראָב אַ ברונעם,
שלעפּ דאָס ליים אַרויס פון גרוב —

ליגט די זון אויפן רידל
באַגינענדיק רויט און הייס,
פולע עמערס שיט איך אָן,
פון די דלאָניעס רינט מיר שווייס —

זענען לונגען הייס צעעפנט,
איז דאָס פּנים העל צעשטראַלט,
אַנטקעגן וואַרעמע ווינטן
טויערן אויפגעפּראַלט —

כ׳פאַרנייג דאָס פּנים צום ברונעם,
צו ליימיקן דנאָ איך רוף:
ברונעם, ברונעם, גיב מיר וואַסער
פון דײַן טיפסטער טיף —

דערבאַרעמט זיך דער ברונעם
און וואַסער אַ דינינקע שנירל
עגבערט ליימיקע ערד,
צעעפנט אַ ווינציק טירל —

גיט וואַסערשטראָם אַ גאָס,
פאַרפלייצט די ליימיקע ווענט.
זיבן־פאַרביק איז די שׂימחה,
פאַרלייג צו אַ ברכה די הענט,

צום קלאָרן וואַסער
פאַרנייג איך זיך און רוף:
ברונעם, ברונעם, כ׳גלעט דײַן אומרו,
איך גלעט דײַן קרישטאָלענע טיף —

אויף דער קאַרבע פון דעם ברונעם
הענגט דער עמער אויף אַ קייט —
די שוועל פונעם ווײַסן הײַזל
לאַכט צום ברונעם מיט פרייד...

מײַן אוהל

מײַן ווײַסער אוהל מיט פאַלעס צעשפּרייטע,
ווי פליגלען פון אַ טויב צום פליִען,
— קעץ, הינט, פייגל, חיות פון מײַן לאַנד,
קומט אויף מײַן זאַמדיקער שוועל צו רוען —

לייגט אײַערע דינע פיסלעך אין מײַן האַנט,
איך בין אַזוי פרײַ און גליקלעך ווי איר,
איך באַדעק מיט האַנט אונדזער ברודערשאַפט,
דאָס לאַנד מיט זון פאַרכלינעט ווי מיר —

דאָס בלוט אין אונדז ווי שטורקאַצן צעגליטע
לײַכטן אונדזערע טריט אויף זאַפטיקער ערד!
ליכטיק זענען די פעלדער פון מײַן לאַנד,
אין גראָז ביז צום קנעכל פּאַשען זיך יונגע פערד —

טאַנצן טראַקטאָרן און אַקער־אײַזנס
מיט גלאַנציקע מעסערס אין שוואַרצער ערד.
קאַץ, הונט, פויגל, חיה און מענטש פון מײַן לאַנד
באַרירן מיט ליפּן און שנאָבלען שוואַרצע גרודעס!
מאַמע, מאַמע־ערד!



אליעזר פּאָדריאַטשיק

פון קלעם אַרויס

א

לאָמיר צו ערשט דערמאָנען אייניקע ביאָגראַפישע פּרטים.

מ. סאַקציער שטאַמט, ווי באַוווסט, פון באַסאַראַביע, אַ געגנט וואָס האָט פאַרמאָגט אַן אייגנטימלעכן יידישן שטייגער און מענטאַליטעט. אַ שטייגער וואָס איז געווען זאַפטיק, ערדיש און גלײַכצײַטיק, און אפשר טאַקע דערפאַר, דערהויבן און שיין. הײַנט דער ניגון פונעם באַסאַראַבער יידיש, מיט זײַן הילכיקן קמץ און שאַרפן סגל! אַ לשון — מלא־חן און מלא־טעם. עס טראָגט פון אים דער ריח פון קאָדרעס און דער געשמאַק פון מאַמעליגע מיט ברינדזע. מען פילט אין אים דעם געוויטער פון די בערעס אין טאָמנע און די מאַראַקעס פון וועסנע. פון דאָזיקן לשון האָט מ. סאַקציער געשעפּט אימאַזשן און שפּראַך־חידושים פאַר זײַן דיכטונג. ווי טיפּישער באַסאַראַבער גראַמט ער פויער מיט זוהר, סטינעס מיט תחינות, סטריכעס מיט כצפּיחית וכדומה.

הײַנט זײַן געבורטשטעטל — לעאָווע. אַ שטעטל, אַ לעגענדע. מיט אים איז פאַרבונדן די דראַמע פון דעם אוריאל אַקאָסטאַ פונעם נײַנצעטן יאָרהונדערט, מיט דעם הסידישן רבין, רב בערעניו פון לעאָווע — אַן אָפּצווײַג פון דער ריזשינער דינאַסטיע, וואָס איז ניכשל געוואָרן מיט השכלה־אידעען און אַפּיקורסות.

אין דעם שטעטל לעאָווע האָבן געלעבט און געשאַפן די יידיש־העברעישע שרײַבערס יהודה שטיינבערג און יעקב פיכמאַן. דאָרטן האָט אליעזר שטיינבאַרג דער ערשטער אַרײַנגעקוקט אין מאָטל סאַקציערס ביכורים־לידער.

אין אַן אַרטיקל וועגן מ. סאַקציערס דרך אין דער דיכטונג האָט יעקב שטערנבערג דערציילט אַן עפּיזאָד מיט יהודה שטיינבערגס אַ לײַכטער. ומעשה־שהיה כך־היה: ווען יהודה שטיינבערג האָט געלעבט אין לעאָווע איז ער געווען

באַפרײַנדעט מיט מ. סאַקציערס פֿאָטער — אַברהם. און ווען שטיינבערג האָט זיך געקליבן צו פֿאַרלאָזן דאָס שטעטל און אַריבערפֿאָרן קיין אָדעס, האָט ער זײַן פֿרײַנד איבערגעלאָזט אַ מתּנה דעם לײַכטער וואָס האָט באַשײַנט זײַן שרײַבטיש ווען ער האָט געשאַפֿן זײַנע וווּנדערלעכע דערציילונגען פֿון „בעיר וביער".

און ווען אין יאָרן אַרום האָט אַברהם סאַקציער באַמערקט אַז זײַן בכור זינדיקט מיט דער פֿעדער, האָט ער אים איבערגעגעבן שטיינבערגס לײַכטער, אויסן זײַענדיק דערמיט, אַז די שײַן פֿון עלטערן דור זאָל אויך באַשײַנען דעם וועג אויף וועלכן זײַן מאָטעלע האָט זיך אָוועקגעלאָזט.

אויף אַלע וועגן און שטעגן פֿון זײַן שעפֿערישן שטײַגן האָט פֿאַר מ. סאַקציערן געדינט ווי אַ סימבאָל פֿון מאָנונג און דערמאָנונג די צוואה פֿון זײַן טאַטן דעם בעל־מידות און משׂכּיל:

> וועלכער זיך געקוויקט אַ מאָל מיט אַ מליצהדיקן לשון־קודש־מאמר
> און ביז האַלבע נעכט פֿאַרטיפֿט זיך אין די שריפֿטן פֿון דעם אַמסטערדאַמער.

זייער יונג האָט מ. סאַקציער פֿאַרלאָזט דעם טאַטנס שטוב און זיך אָוועק־געלאָזט קיין ווין לערנען אין דעם דאָן באַרימטן העברעיִשן סעמינאַר פֿון ד״ר צבֿי חיות. דערנאָך קומט פּאַריז מיט אירע עטישע און סאָציאַלע ווידעראַנאַנדן.

אָנהייב דרײַסיקער יאָרן קערט זיך מ. סאַקציער אַהיים שוין אַ רײַפֿער דיכטער מיט אַן אייגענעם שעפֿערישן חוט־השדרה. אַ דיכטער אין וועלכן עס האָט האַרמאָניש זיך באַהאַפֿטן די טעמאַטיק פֿון דעם דרום־באַסאַראַבישן שטעטל לעאָווע מיט די אורבאַניסטישע מאָטיוון פֿון ווין און פּאַריז. דאָס אייגנטלעך איז געווען דער סימן־מובהק פֿון זײַן ערשטער לידער־זאַמלונג „דערפֿאַר" (1936).

דער פּאַטעטישער פּאַטאָס פֿון דעם דאָזיקן בוך איז דורכגעדרונגען מיט דעם גײַסט פֿון די עטיש־סאָציאַלע ראַנגלענישן, וואָס זײַנען כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דער לייוויק־שול אין דער ייִדישער דיכטונג. זינט זײַן דעביוט האָט דער דאָזיקער אַטאַוויסטישער פּאַטאָס באַגלייט דעם דיכטער. ער איז געקומען צום אויסדרוק אין די לידער געשריבענע „מיט אַ פֿאַרבאָטענעם בלײַער" (1977), — וועגן דעם סאָוועטישן עמק־הבכא ווו דער איינפּאַכער מענטשלעכער זין ווערט פֿאַרוואַנדלט אין וואַנזין, און אין דעם לידערבוך „דער שײַטער בײַם וועג" (1978), — וואָס איז אַ פּאָעטישער פּינקס וועגן דעם תּוהו־ובֿוהו אינעם לעבן פֿונעם יחיד און כּלל פֿאַר און בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה.

דער סוד און יסוד פֿון מ. סאַקציערס שעפֿערישן וועג איז דאָס אומדערמידלעכע זוכן אַ טרייסט פֿאַר די מענטשלעכע ליידן און אַ זין פֿאַר זײַנע פֿריידן. און הגם די וועלט איז פֿול מיט רישעות און אַכזריות, און כאָטש דער פֿערזענלעכער גורל האָט אים אויך ניט געפֿעסטעט, האָט דער דיכטער, מאָטל סאַקציער, נישט פֿאַרלוירן דעם גלויבן און ניט אויפֿגעהערט זוכן דאָס מענטשלעכע אינעם מענטשן. אין אַלע באַדינגונגען איז ער געווען (און געבליבן) פֿול מיט גלייבן

אין גנאָד און גוטסקייט, גרייט געווען (און געבליבן) זיך אָוועקלייגן אויף דער עקדה, אַבי נאָר דעם מענטשן זאָל גוט זײַן:

מײַן דודעלע נעמען זאָל איך צו די ליפּן,
מיט די שפּיץ פינגער עס טאָן אַ באַריר,
מײַן אָטעם אַרײַנהויכן זאָל אין איר
און בײַ הערצער מײַן ליד זאָל אַ נעם טאָן,
און אין געמיט פון מײַנס גלײַכן, צעקלעמטן
פון יִיאוש, גראָטן זאָל מיר

דעם גלויבן אין גוטסקייט, אין גנאָד צו דערוועקן,
אין ליבשאַפט וואָס גובר די שינאה וועט זײַן,
און שפּילן, און שפּילן, צו להכעיס דעם פּײַן,
ביז עס וועט זיך די האָפענונג־שײַן
אין זייערע פינצטערע בליקן אַנטפּלעקן...

דער עקסטאַז פון מ. סאַקציערס שאַפן טראָגט אויף זיך דעם חותם פון די ווידעראַנאַנדן אין אונדזער ווילדער און סתירהדיקע עפּאָכע. די נידעריקע און אַמאָראַלישע דערשײַנונגען אין לעבן פּונעם כּלל שטעלט דער דיכטער אַנטקעגן די דערהויבענע מענטשלעכקייט פון יחיד, וואָס קומט אָפּט מאָל אין קאָנפליקט מיט די פאַרדאָרבענע מידות און שיטות פון דער געזעלשאַפט. נישט די שטרויכלונגען, נישט די סטאַלינישע תּפיסות, זענען בכוח געווען צו צעשטערן דעם עטישן יסוד פון מאָטל סאַקציערס דיכטונג.

זײַן פּאַעטישן שײַטער האָט מ. סאַקציער אָוועקגעשטעלט אויף דעם פּרשת דרכים, ווו עס קרייצן זיך פאַרשיידענע צוגווינטן פון דער געשיכטע. און אין דעם טאָקע באַשטייט די בפירושע חשיבות פון זײַן דיכטונג, וואָס חוץ די יחידישע איבערלעבונגען פילט מען אויך די לופט און דעם אָטעם פון זײַן דור. און כאָטש זײַן דיכטונג איז אײַנגעראַמט אין באַשטימטע כראָנאָלאָגישע און געאָפיזישע ראַמען, וואַקסט זי אַריבער די גרענעצן פון צײַט און אָרט און פאַרמאָגט אַן אַלגעמיינעם און דויערנדיקן ווערט.

מאָטל סאַקציער געהערט ניט צו די דיכטערס וואָס אַנטלויפן פון דער ווירקלעכקייט און דאַכטן אויס אַבסטראַקטע און אילוזאָרישע וועלטן. ער שטייט אויפן באָדן פון דער רעאַליטעט, פון איר שעפּט ער זאַפטן און קראַפטן, טעמעס און טוזשעטן. ער האַלט, אַז פּאָעזיע האָט אַ געזעלשאַפטלעכע שליחות, אַ צוגאַנג וואָס איבערגעשפּיצטע עסטעטן נעגירן. אָבער פּונקט אַזוי ווי עס איז שווער זיך פאָרצושטעלן די קונסט אויסער רוים און צײַט, אַזוי איז אויך ניט גרינג זי צו באַנעמען אויסער דעם קאָמפּלעקס פון מענטשלעכע לײַדן און פריידן וואָס ווערן באַשטימט דורך אָרט און צײַט. אַפילו פּאָול צעלאַן, דער שאַפער פון לידער „וועגן יענער זײַט פון דעם מענטשן", אַפילו ער האָט געהאַלטן

אַז דאָס ליד איז קיין מאָל ניט צייַטלאָז. ער האָט געשריבן: „געוויס האָט דאָס ליד אַ נטיה צו אומענדלעכקייט. עס זוכט אָבער צו באַגרייַפן די צייַט דורך איר און ניט אויסער איר". שיין האָט בשעתו וועגן דעם באַמערקט יוסף באַוושאָווער: „די פּאָעזיע — האָט ער געשריבן — איז די זינגענדיקע געשיכטע פון די צייַטן".

יעדער באַדייַטנדיקער קינסטלעריש ווערק פאַרמאָגט אין זיך בולטע הומאַניס־טישע טענדענצן. די עסטעטיק וואָס דערגייט ניט צו עטיק, ווי שיין זי זאָל ניט זייַן, איז גלאַט אַקראָבאַטישע קונץ, אָבער ווייַט ניט קיין ערנסטע קונסט. די עטיק אין דער קונסט איז פון אַ העכערער מדרגה ווי די אין דער געזעלשאַפט. זי פאַרמאָגט אין זיך אויך די פּראָפּאָרצן פון שיינקייט. אַלץ וואָס איז ניט עסטעטיש איז שוין במילא אויך ניט עטיש, די עטישע נאָרמעס, אין היפּוך צו די ריין עסטעטישע, זענען פון אַן אייביקן ווערט. זיי פאַרטיפערן אויך דעם דויערנדיקן באַדייַט פון דער קונסט.

מאָטל סאַקציערס שאַפן פאַרמאָגט אין זיך בפירוש עטישע ווערטן. ער געשטאַלטיקט זייַ קינסטלעריש אַן דער איבערגעטריבענער פּאַטעטיק, אַן דער כלומרשטער געדאַנקלעכקייט מיט וועלכע עס זשאָנגלירן איניקע, אַזוי גערופענע מאָדערניסטן.

ב

אונטער די קראַטעס פון אַ סאָוועטישן צוואַנגסלאַגער האָט דער דיכטער מאָטל סאַקציער פאַרצייכנט:

בדייט בייַם אַרייַנגאַנג איז דער טויער, מייַן ליבער,
נאָר צום אַרויסגיין — אַ שמאָלער ער איז.
„ביסטו אַרייַן — לאָז די האָפענונג איבער"...

די לעצטע שורה האָט מ. סאַקציער אַנטליִען בייַ דאַנטען און מיט דעם אייגנטלעך ענדיקט זיך די אַנאַלאָגיע מיט דער „געטלעכער קאָמעדיע". די גרוילבילדער וואָס דאַנטע שילדערט אין זייַן ווערק זעען אויס ווי אידיליעס קעגן דעם, וואָס עס איז געשען (און וואָס ס'געשעט) אין אַ סאָוועטישן לאַגער. אין דאַנטעס גיהנום האָבן דאָך זיך געפונען, אין תוך, בלויז רשעים, בעת אין סאָוועטישן זענען, דער עיקר, פאַרפּייַניקט געוואָרן צדיקים.

מאָטל סאַקציערס בוך „מיט פאַרבאָטענעם בלייַער" איז דאָס ערשטע אַרומנעמיק קינסטלעריש ווערק אין ייִדיש וועגן דער דאָזיקער דראַמע. דאָס בוך דאַרף באַטראַכט ווערן פון צוויי אַספּעקטן: פון אַן עסטעטישן און פון אַן עטישן, נאָר דאָ קאָן מען עס באַנעמען אין זייַן פּולער חשיבות.

דאָס בוך איז ניט סתם אַ זאַמלונג פון גוטע אָדער בעסערע לידער. דאָס איז אַן אייגנאַרטיקע מגילת־איכה וועגן דעם סאָוועטישן גרויליקן עמק־הבכא; וועגן דעם יאָמערטאָל אין אַ וועלט פון עקדות, ווו די שענסטע מענטשלעכע אידעען ווערן גצעלסטערט און די בעסטע בויערס און שאַפערס פאַרגוואַלדיקט און פאַרטיליקט.

צווישן דעם בוך „מיט פאַרבאַטענעם בלײַער", וואָס איז דערשינען אין תּל־אָביב 1977, און מאָטל סאַקציערס ערשטע לידער־זאַמלונג „דערפאַר", וואָס איז דערשינען אין בוקאַרעשט 1936, ציִען זיך דראַמאַטישע פערציק יאָר. אין דעם דאָזיקן גורלדיקן צײַטאָפּשניט שלענגלט זיך דער דערגערוועג פון אונדזער דור.

די פּועטע פון מ. סאַקציערס ערשטן בוך איז רעוואָלוציאָנערער פּאַטאָס, אידעאַליזם און ראָמאַנטיק. דער דיכטער איז שטאָלץ מיט דעם וואָס אים איז באַשערט צו זײַן „ניט (קיין) פּוילער אָפּפאַל בײַ דער זײַט פון מענטש־פאַרמעסטונג". ער האָט דאָן געהאַט פאַר זיך אַ „ווהין", אַ האָפענונג און אַ גלויבן, וואָס האָט אים אויפגעהויבן און געצויגן ווײַטער, העכער, צו אַ ליכטיקן מאָרגן.

די באַגעגעניש מיט דער סאָוועטישערווירקלעכקייט אָבער, האָט אַלץ חרוב געמאַכט. דער אײַנריס צווישן דעם אידעאַלן און רעאַלן איז געווען אַ שוידערלעכער. די האָפענונגען און דער גלויבן פון אַ מאָל האָבן איבערגעלאָזט הינטער זיך בלויז אַ ווײַט־דומפּיקן ווידערקול. מיט פּאַטעטישער אויפריכטיקייט און עטישער ריינקייט פאַרצייכנט דער דיכטער מיט אַ פאַרבאַטענעם בלײַער זײַנע שטרויכלונגען און אַנטוישונגען. אין זײַנע שאַפונגען איז פאַראַן פאַר־ביטערונג אָבער ניט קיין יִיאוש. די נסיונות און איבערלעבענישן אויף דער „פרײַ" און אין פאַרשיקונג האָבן ניט צעבראָכן זײַן אינערלעכע וועלט. די אָבֿני־נגף און דערנער אין וועג זענען ניט געווען ביכולת צו פאַרשטאָפּן דעם קוואַל פון ליבע צום לעבן, צו מענטשן:

— — אויך הײַנט, נאָך דעם וואָס אָפּגעריכט
כ'האָב זיבן גלות־יאָר אין ווײַטן צפון,
כאַטש באַדראָענדיק דער חרם־שטר קריכט
מיר נאָך פוס־טריט,
כ'דאַרף ניט באַהאַלטן מײַן געזיכט — —
געטאָן אָן פּניות תּמיד כ'האָב מײַן פליכט,
מײַן טיר ווי אויך מײַן האַרץ פאַר מענטשן תּמיד אָפן...

מאָטל סאַקציערס שאַפן איז לויט איר נאַטור אַן אָפּטימיסטישע. אונטער די גרויע פלאַסטן פון גרויל־שילדערונגען ריזלט אַ העלער קוואַל פון האָפענונג, אַז דאָס בייזע און מיאוסע וועט פאַרשווינדן און דאָס גוטע און שיינע מוז און דאַרף סוף־סוף באַזיגן דאָס שלעכטע און העסלעכע:

דו מיינסט, אַז אָן זון און אָן פרײַהייט
ליגט די נשמה אין גליווער פאַרטײַעט?
— — — — — — — — — —

דו מיינסט, אַז טאָמער
ליגט אויף די פליגל
פון אַכזרישע פּענטעס דער זיגל
און כ'האָב זיי פון לאַנג ניט צעשפּרייט,
האָב איך פאַרגעסן פון פליִען די פרייד,
האָב איך אין די יאָרן
דעם אימפּעט, דעם דראַנג אָנגעוואָרן,
די לוסט צו דערלאַנגען די רוימען
די לויטערע, בלויע? — — —
ביסטו, מײַן ליבער, זיך טועה...

מ. סאַקציער איז ניט גלאַט אַ האָפּערדיקער זינגער, נאָר — און דער עיקר — אַ מאַנער און דיכטער. קלינגען טאַקע אַ סך פון זײַנע לידער ווי אָנקלאַגעס אויף די רויבערס און פאַרדאַרבערס פון די עטישע און סאָציאַלע מידות.

דאָס הארץ וויל ניט פאַרגעבן
פאַר דעם צעטראָטענעם לעבן — —
טענהט עס,
שרײַט עס,
טוט עס פאַרצווייפלט זיך וואַרפן.
וועט קיינער קיין חשבון
ניט אָפּגעבן דען?
פאַרענטפערן דען
ניט באַדאַרפן?

די טעמעס און פּראָבלעמען פון מ. סאַקציערס בוך „מיט פאַרבאָטענעם בלײַער" זענען באַדינגט פון רעאַלע צײַט־און אָרט־אומשטענדן. ער פירט אונדז אַרײַן אין די פאַרהוילענע ווינקלען פון דעם סאָוועטישן רעזשים, וואָס איז לויט זײַן נאַטור און עצם וועגן די פאַרקערפּערונג פון ליגן און באַטרוג. אַ רעזשים וואָס באַשרענקט און באַרויבט די מענטשלעכע אינדיווידואַליטעט.

עס ווערט לעצטנס אָפּגעמערקט דער יובל פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע. ווי עס זענען פאַרקריפּלט געוואָרן די אָקטאָבער־אידעען איז באַוווּסט. דער יידישער סך־הכל אָבער, איז דער טראַגישסטער — אַ פּערמאַנענטע ליקווידאַציע פון דער יידישער קולטור און אַכזריותדיקער מאָרד פון אירע בויערס און שעפערס, אַן אומאויפהערלעך העסלעכע פאַרמינערונג פון יידן און יידישקייט און אַ מיאוסע אַנטיסעמיטישע העצע קעגן מדינת־ישראל.

און איר, מײַנע טײַערע, זיך וווּנדערט
וואָס איך צאָרן, וואָס איך ברויז,

וואָס איך שעלט דעם שטראָפער
גרויזאַם בייזן.
ווייַל ער האָט באַשרענקט מייַן וועלט,
מיר די טיר צו איר פאַרשטעלט,
ניט געלאָזט קיין טרייסט מיר
(פּרווו ניט שעלטן)
אַז ס'קאָן עמעץ דיך דערלייזן...

★

יעדער דיכטער פאַרמאָגט זייַן באַליבטע פאַרבן־פּאַליטרע וואָס דריקט אויס זייַן געמיט־צושטאַנד. בייַ איציק מאַנגערן, למשל, דאָמינירט דאָס גראָ און בלאָ, וואָס סימבאָליזירן פאַרשיידענע גייַסטיקע מדרגות. מאַנגערס ייִד וואָס איז דער־גאַנגען פון גראָ ביז בלאָ האָט דערגרייכט די העכסטע מדרגה פון מעטאַפיזישע פריידן. דער מעדיום פון מאָטל סאַקציערס בוך „מיט פאַרבאָטענעם בלייַער", איז דער כּף־הקלע פון מענטשלעכע ליידן. איז עס טאַקע אין גאַנצן אייַנגעטונקען אין גאָלע גרויע פאַרבן.

בייַם צייכענען דעם פּאָרטרעט פון דעם פּאָעט־מאַרטירער משה בראָדערזאָן שרייַבט מאָטל סאַקציער:

איך טונק מייַן פּענדזל אין גראָ־אַש
פון צער וואָס טיף זיך אייַנגעזויגן
האָט ער אין זייַן האַרץ — —
איך טונק אים אין זייַן ווייטיק גרויסן
וואָס שפּאַרט אַרויס אין דרויסן
אויף זייַן גראָ געוואָרענעם געזיכט — —
און וויפל גראַווס איך וועל ניט געבן
צום פּאָרטרעט צו זייַנעם,
כ'לעבן,
וועט אַלץ ווייניק זייַן,
וועט אַלץ זייַן קאַרג...

ג

מ. סאַקציער איז קודם־כּל אַ פּראָבלעמען־דיכטער; דאָס איז בולט אין זייַן בוך „טויבן אויף אַנטענע" (1982). איינע פון זייַנע צענטראַלע טעמעס אין דעם בוך איז ישׂראל אויפן מילשטיין פון דער געשיכטע. מ. סאַקציער דערשייַנט דאָ ווי אַ פּאָעט, אַ בירגער און פּאַטריאָט. מען דאַרף זיך נישט שרעקן פאַר די ווערטער, מכּל־שכּן ווען זיי טראָגן מיט זיך אַ הומאַניסטישן וועלטגעפיל און

זענען אויסגעדריקט מיט קינסטלערישער מאָס און טאַקט. חוץ אַלץ זענען זיי ביי מאָטל סאַקציערן אַן אויסדרוק פון אַן איבערלעך-גייסטיקער עמאַנציפּאַציע; אַ דערוואַכונג פון נייע שעפערישע כוחות, וואָס האָבן יאָרן געהיים געשלומערט אין זיין געמיט:

מען דערציילט אַז ערב זיין טראַגישן אומקום האָט מען געפרעגט ביי איזאַק באַבעל פּאָר וואָס ער שרייבט אַזוי ווייניק. אויף דעם זאָל ער האָבן געענטפערט: „אַדרבא, איך שרייב איצט זייער אַ סך, נאָר אין זשאַנער פון שווייגן”... אויך מ. סאַקציערן איז אין סאָוועט-רוסלאַנד אויסגעקומען אַ סך צו שרייבן אין זשאַנער פון „שווייגן”, און נאָך מער אין „זשאַנער” פון פאַרשוויגן טעמעס, אידעען און פּראָבלעמען. קומענדיק קיין ישראל זענען זיי מיט אַ באַזונדערער קראַפט אַרויס אויפן פאָדערגרונט פון זיין יצירה. זיינע ישראל-לידער פאַרמאָגן אין זיך די פרייד פון באַנייאונג, די פרייד פון נייעם זיין:

יונגער דראַנג נאָך אין די בלוטן זידט,
און טראָגן פרייד אין לאָגלען פון ליד
איך קען נאָך צו מיין פאָלק פון ריינסטע קוואַלן,
און טאָן די פליכטן ניט געטאָענע ווי אַ ייִד —
איז דען שפּעטלעך שוין? איז דען פאַרפאַלן?
און אַלץ וואָס איך האָב אויסגעליטן,
דעמפּט זיך אויס אַצינד פון די געבליטן,
ווי די נעפּלען אין דער פרי
פון דעם אתרוגים-טאָל,
און אויסגעלייטערט ווערן רייד
און די געפילן ריינע,
און גלייך פון ים וואָלט הערן איך אַ קול
מיך רופן איצט מיט עכאָס אָן אַ צאָל.
אַ שריי טאָן ווילט זיך מיר
הנני!...

איז ער דאָ, דער דיכטער-בירגער מאָטל סאַקציער, וואָס דריקט אין זיינע לידער אויס איבערגעגעבנקייט און זאָרג פאַרן גורל פון דעם אַלט-נייעם היימלאַנד, אין וועמעס קיום ער זעט אַ זין און תכלית.

איז ער דאָ, דער פּאָעט-פּאַטריאָט, וואָס האָט זיך אָרגאַניש באַהאַפטן מיטן דראַמאַטיש-העראָישן געראַנגל פון דער ייִדישער מדינה. און „טאָג נאָך טאָג” גייט ער נאָך די שפּורן פון די אַמאָליקע חלוצים וואָס האָבן כוחות ניט געשפּאָרט.

מיט שוויים געהייליקט דאָס אָרט,
אין חרובער נעסט

ס׳האָט די שכינה,
און דורך נעפּלען פון צײַט
דורך ערשטע קנאָספּן די גריגע,
אויפגיין געזען פון דער ווײַט
ווי דער פעניקס פון אַש, די מדינה...

עס זענען אים האַרציק ליב און נאָענט די סאַבּרעס, די ווײַטער־שמידער פון דער וואַנדערוואַר:

איך גלייב, עס וועלן נאָך לעגענדעס
אויך וועגן זיי ווי וועגן ערשטן דור
— — — — — — —
דאָס פאָלק אַ מאָל דערציילן מיט התפעלות
פון זייער מוטיקייט פאַרגאָפּט...

מיט אַ באַזונדערער כוונה האָב איך אויסגעטיילט מ. סאַקציערס פּאָעטער־לענדישער יצירה. די פּראָבלעם האָט אַ שײַכות נישט נאָר צו אים גופא, נאָר צו דער היסטאָרישער שליחות פון דער ייִדישער ליטעראַטור אין מדינת־ישׂראל. די הײַנטצײַטיקע עברית־ליטעראַטור איז צעקריגט מיט די באַגריפן „פּאָטערלאַנד״, „פּאַטריאָטיזם״. זיי באַטראַכטן עס ווי אַן אויסדרוק פון פּראָווינציאַליזם. אַפילו וועגן אַזאַ פּאָעט ווי נתן אַלטערמאַן האָט באַמערקט דער שרײַבער משה שמיר: „הוא אהב את הארץ ודבק בה ולחם למענה. אבל כשאמר ‚ארצי׳, חש כדורך על נחש...״, איז, אם בארזים נפלה השלהבת, וואָס זשע קען מען שוין דערוואַרטן פון די, אַזוי צו זאָגן, מאָדערנע, כּלומרשט „הײַנטצײַטיקע״? זיי זענען שוין אין גאַנצן אַוועק צו ווײַטע אַבסטראַקציעס. דער פּאָעט נתן זך האָט געשריבן אין זײַן בוך „צפונית מזרחית״: „כל אשר קורות אותי לחיים הוא: הרחוק, הריק, השאיננו...״ (ז׳ 91) און וואָס שייך „מולדת״, „פּאָטערלאַנד״, דאָס באַפּרוכפּערט שוין ניט דעם מאָדערנעם, טאַלאַנטפולן העברעיִשן פּאָעט. ווי זאָגט ער אין זײַן נאָר וואָס דערמאָנטן בוך: „המולדת אינה מצמיחה, / אלא כמיהה לדבר אחר / לא מולדתי...״ (ז׳ 107).

דעם דאָזיקן וואַקום, וואָלט איך געזאָגט, אין דער ליטעראַטור פון דער מדינה, פאַרפולט די יצירה אין ייִדיש. בײַנאַנד מיט מאָטל סאַקציערן פאַרנעמען די פּאָטערלענדישע מאָטיוון אַ בולט אָרט אינעם שאַפן פון אַ סך באַדײַטנדיקע ייִדישע פּאָעטן, פון די ראשונים ביז די פּאָעטן־עולים אין דער לעצטער צײַט.

אין אָפּשאַצן אַבּרהם סוצקעווערס שאַפן אין ייִדיש אין שײַן פון דער עברית־פּאָעזיע (א. שלאָנסקי, ע. זוסמאַן, לאה גאָלדבערג און נ. אַלטערמאַן) האָט דער שרײַבער משה שמיר באַמערקט: „היקלטות ארץ־ישראל באדמת מטעו היתה רהוטה יותר, מחובקת יותר — מן הנורמה הידועה לנו בספרות העברית... ייִדיש

בשורשיותה המעשיות, היומיומית — הצליחה, כנראה, לעבור ביתר פשטות מסמטאות העיירה אל אדמת ארץ־ישראל" („מעריב", 1983.8.19).

ובכן, מאָטל סאַקציערס בוך „טויבן אויף אַנטענע" איז אַ פּאַטריאָטיש־פּאַטעטישער פּינקס וועגן לעבן אין דער ייִדישער מדינה. ווי אַ געטרײַער כראָניקער האָט דער דיכטער אין אים אַלץ פאַרצייכנט: די מלחמות און דעם שלום, די וואָך און דעם יום־טוב, די אַרבעט און די רו.

ער זעצט זיך פאַר טאָג אַוועק אין אויטאָ און באַגלייט דאָס מיידל מיט דעם „געשניצטן גופל, ווי אַ תימן־קרוג", וואָס אײַלט זיך צו דער אַרבעט, און דעם סברא, וואָס איז „שוואַרץ ווי אַ צעדער" און זײַן „שוואַרצער קאָפּ־קאַראַקול". ער פאַרזעט אויך ניט זײַן שכן וואָס רעדט לאַדינאָ. ער האַלט אַז אַלע זענען מיר די זעלבע ייִדן,

לויטן גורל, דעם מהות,
וואָס אונדז איין טיגל
דאַרף ערשט איבערשמידן,
איבערשמעלצן אין איין נצחדיקן גוס...

דער דיכטער־פּאַטריאָט מ. סאַקציער פאַרזעט נישט די יורדים, וואָס זוכן גליקן אין דער פרעמד. ער פּרוּווט אויך באַפרײַען די נושרים פון זייערע אילוזאָרישע כימערעס:

ווהין טראָגט אײַך דער ווינט?
איר באַגייט דאָך אַ זינד
וואָס אײַערע קינדער
אײַך וועלן אַ מאָל ניט פאַרצײַען!

דאָס אַלץ איז מעיד וועגן אַ נײַעם עטאַפּ אין דעם דיכטערס שעפערישן וועג. ער אַליין שטרײַכט אונטער בײַ פאַרשיידענע געלעגנהייטן, אַז „נאָך זײַן בלאָנדזשען צווישן שיטות, פּיתות, מענטשן", האָט ער „אויף דער אייגענער ערד זיך דערפילט אַ דערלייזטער". און אַז דאָס פאָלק און די מדינה שפּייַזן איצט מיט קלוגשאַפט און מוט זײַן זיך אויסגעגלײַכטן גײַסט:

זאָל מײַן ליד דאָס פאָלק כאָטש ניט אַנטוישן,
וואָס האָט מיר אויפגעמאַכט די טיר
ווען די שרעק האָט מיך געבראַכט
אהער צו טראָגן,
און איך האָב אַ רופלאָץ — דאָ געקראָגן...

— — — — — — — —

און ליב געוואָרן ס'איז מיר דאָס לאַנד,
און איך האָב צו אים מיך צוגעבונדן,
און מיך מיט די פאַרבן אָנגעצונדן
פון זײַן לאַנדשאַפט
פון זײַן שטייגער,
פון זײַן ליד
און פון זײַנע מעשׂיות,
איך — — — דער ייִד,
וואָס פון מערבֿס גאָפּל מיט די נעגל
און מיט די ציין
כ'האָב אָפּגעריסן זיך אַליין — — —

★

ווי געזאָגט, איז מאָטל סאַקציערס שאַפן דורכגעדרונגען מיט דעם גײַסט און טראָגט אויף זיך דעם חותם פון די עטישע און סאָציאַלע ראַנגלענישן, וואָס זענען אייגנטימלעך פאַר דער ה. לייוויק־שול אין דער מאָדערנער ייִדישער דיכטונג.

גלײַך מיט זײַנע ערשטע טריט אין דער ליטעראַטור האָט מ. סאַקציער דערקלערט: „מיך פאַרכאַפּט אין לייוויקס לידער, נישט אַזוי די פּײַן און אַפילו נישט די טרייסט, נאָר פאַר אַלעמען די אָנמוראַדיקייט פונעם געליטענעם, וואָס אים שרעקט נישט דער שײַטער... אָט דער כּוח איז דאָס די טרייסט און די שליחות פון ה. לייוויקס דיכטונג". אַ שליחות, וואָס איר זין און באַדײַט איז דער דיכטער מאָטל סאַקציער ווערדיק ממשיך שוין איבער אַ האַלבן יאָרהונדערט.

בשעתו האָט שלמה ביקל געשריבן אַז מ. סאַקציער „איז פון זײַן פּאָעטישער נאַטור נישט קיין לעסטערער, נישט קיין האָפערדיקער אויסטענהר, נאָר אַ טרויעריקער זינגער, מיט ליבשאַפט און וועגן ליבע..." און באמת, מאָטל סאַקציערס לידער צו און וועגן דער פרוי, וואָס פאַרנעמען אַן אָנזעעוודיק אָרט אין זײַן ליריק, רירן מיט זייער לירישער צאַרטקייט און דערשיטערן מיט זייער מאָראַלישן סך־הכּל. די געשטאַלט פון דער פרוי שײַנט אַרויס פון סאַקציערס לידער ווי די פאַרקערפּערונג פון די שענסטע מענטשלעכע מידות. צו איר, צו דעם „לאַקנדיקן וווּנדער אין דעם עטער פון דער וועלט" (האָפּשטיין) דאַוונט ער זײַן „ווערטערלאָזע שטילע, מן המיצר תּפֿילה"...

אין מ. סאַקציערס פּערזאָן איז פאַראַן אַ ספּעציפֿישער רעטשיטאַטיוו וואָס שאַפט אין זיי אַ באַזונדערע ריטמישע קאָמפּאָזיציע. ער געהערט צו דער ריכטונג אין דער מאָדערנער ייִדישער דיכטונג, וואָס האָט געבראָכן די צוימען פון אַלטע פּאָעטישע קאַנאָנען. זײַן שאַפן געשטאַלטיקט זיך אין נײַע פאָרמען און ריטמען. גלײַך מיט זײַן דעביוט — האָט ער פּאָעטיש דערקלערט:

ענג געוואָרן ווי פאַר רחבֿות־שיכּורע און אומגעצוימטע אַלבאַטראָסן,
וויל איך נישט און כ׳קאָן נישט מער, ווי די אַלטע פורעם־קנעטער,
אַרייַנפּרעסן מייַן ליד אין אָפּגעצוימטע, אויסגעזוונגענע
פּאָעטיק־מאָסן.

די אינערלעכע שייַכותן פון מ. סאַקציערס ריטמען און אימאַזשן ליגן נישט שטענדיק אויף דער אייבערפלאַך. מע באַדאַרף באַזיצן אַ באַשטימטע ליטעראַרישע קולטור כּדי צו געפינען דעם שליסל צו זיי. זייַן פּאָעטישער נוסח דערמאָנט אין יעקב שטערנבערגס אינטעלעקטואַליזם און משה נאַדירס שׂכלדיקן ליריזם.

מאָטל סאַקציערס דיכטעריש וואָרט פאַרמאָגט אַן אינהאַלט און אַן אָנהאַלט, טראָגט אין זיך וואָגיקייט און לויטערקייט:

— — — כ׳לייַטער זיי, און גלי זיי אויס, די ווערטער,
מיט דער שאַפונגס־פרייד און לייד, דער מיר באַשערטער,
אַז דורכזיכטיק זיי זאָלן זייַן — בורשטין,
דעם קערן זאָלן זיי אין זיך נישט דרויבן,
און קלינגען זאָל אין זיי דער זין פון אַלץ,
מיט וואָס איך לעב און וואָס מיך טוט דערהויבן...

יוסף פּאַפּיערניקאָוו

פון עמק

נישט צום דערקענען — ווי ס'האָט זיך געביטן.
איך בין דאָ געווען, ווען מען האָט נאָך געשניטן
דעם ווייץ און דעם גערשטן פון שניט פונעם ערשטן,
דער אָרעמער שניט, וואָס ער האָט נאָר געגעבן
אויף בלויז, ווי מען זאָגט: צו דערהאַלטן ביים לעבן,
און זאַט זיין דערוויַיל פונעם צוזאָג אויף מאָרגן.

האָט מען אַזוי זיך געטרייסט און געוואָרגן
מיט ביסנס מיט האַרטע, אַזוי ווי די שטיינער,
און ס'האָבן די זאַמדן פון סטעפּ און פון מידבר
אין משך פון יאָרן געקנאַקט אין די ציינער,
און האָבן נישט איינעם די ציינער צעבראָכן
פון בייסן און רייסן דעם באָדן דעם האַרטן,
דערנאָך זענען אויגן פון קאָפּ אַזש געקראָכן —
פון שטענדיקן אויסקוקן, שטענדיקן וואַרטן.

און אָט, ווי עס האָט זיך אין קיבוץ געביטן —
עס איז מיר דעם עמק איצט שווער צו דערקענען,
די זון נאָר ברענט ווייַטער, און דראָט מיט פאַרברענען,

נאָר ס׳פעלט נישט קיין וואַסער צום לעשן אַ שׂרפה,
און ס׳פעלט נישט קיין שאָטן דאָס פּנים צו לעשן —
ווי ס׳פעלט נישט אין שײַער, ווי ס׳פעלט נישט אין שפּײַכלער,
די פּרוכט פון פאַרעקשנט־צעבלוטיקטע הענט
פון כּוחות פון יונגע, וואָס האָבן חמסינען —
מיט אייגענעם פײַער אַנטקעגנגעברענט,
אַנטקעגנגעפלאָקערט, אַנטקעגנגעפיבערט,
אַנטקעגנגעשטעלט און — אַנטקעגנגעקרענקט,
און ביז אין חצות — מיט געזאַנג און מיט טענץ
אַרום שײַטערס — די רעשט זיך אַ קרבן געברענגט.

און אָט איז אַ קיבוץ אַ פּריצישער הויף שוין,
אַ פּריצישער גוט, נאָר אָן האַר און אָן קנעכט,
עס לעבט זיך איצט גוט אין אים, גוט, ווי עס האָט זיך
בשותּפות געלעבט אַ מאָל ערגער פון שלעכט —
אַז געדאַרפט האָט מען שטילן דעם בראַנדיקן דאָרשט,
און אַרויסשלאָגן ס׳מאָגערע טעגלעכע ברויט,
ווי עס האָבן זיך פייגל אַפילו געשראָקן
אַראָפּלאָזן זיך אין דער וויסטקייט פון טויט...

און אָט אַזאַ שיינקייט! און אָט אַזאַ רחבות!
און אָט ווי עס וואַקסט און עס בליט אַלץ און גרינט!
זאָל ווויל זיי באַקומען! כ׳פאַרגין עס דער „חברה״ —
זיי האָבן זיך כּשר עס, כּשר פאַרדינט.

אין דער פרעמד

כ׳בין ווידער אין דער פרעמד אַצינד, נאָר ס׳שרעקט מיך שוין נישט אָפּ
די קעלט אירע, און כ׳פאַל פאַר איר בײַ זיך שוין נישט אַראָפּ, —
מיך וואַרעמט דאָס געפיל, וואָס שטאַרקט און לאָזט נישט פאַלן מיר:
ס׳געפיל, אַז איך האָב אויך אַן אויגן היימלאַנד הינטער זיך.

מײַן היים איז קליין, מען קאָן זי פון דער הייך אין גאַנצן זען,
נאָר וווּנדער איבער וווּנדער האָלט אין איר אין איין געשען,
און ס׳גרעסטע וווּנדער איז אין איר: דער אויפגאַנג פון אַ דור,
וואָס האָט דעם חלום פון זײַן פאָלק פאַרוואַנדלט אין אַ וואָר.

און זי, די וואָר די זוניקע, וואָס וואַרעמט אין דער פּרעמד,
ווי אויפן לײַב — דער מאַמעס מיטגעגעבן קלאָרע העמד, —
זי פיר איך איצט אין וועג מיט זיך, ווי ס'פירט אַ פרומער ייִד,
אַן אָפּגעהיטענער, דעם טלית מיט די תּפילין מיט.

צוריק צו מײַן היימלאַנד

ס'איז אומעטום גוט, אין דער היים אָבער — בעסער.
ס'איז אויגוסט. דער ים וויקלט ווייך זיך פונאַנדער,
און ס'שנײַדט זיך די שיף ווי אין פּוטער אַ מעסער,
און פירט מיך צוריק פון דער פרעמד און פון וואַנדער;

צוריק צו מײַן היימלאַנד, מיט וואָס כ'האָב געשלאָסן
אַן אייביקן בונד שוין, אויף טויט און אויף לעבן, —
כאָטש כ'האָב צו אים טענות מיט טויזנט פאַרוואָסן,
וואָס איך קאָן אַליין דעם באַשייד אויף זיי געבן.

מײַן היימלאַנד איז אָרעם און קאָן נאָך נישט נערן
און שטילן דעם הונגער פון אַלע, וואָס קומען
מיט אָפּפלוס פון בלוט און מיט צופלוס פון טרערן,
וואָס מאַכן נאָר ביטער און זאַלציק דעם גומען.

מײַן היימלאַנד איז אָרעם, נאָר שיין און דערהויבן,
און יום־טובדיק אויכעט אין נויט און אין מאַנגל, —
געשפּײַזט און געקרעפטיקט פון אַלעמענס גלויבן,
אַז ס'וועט אונדז כּדאַי זײַן דער קאַמף און געראַנגל.

צו מײַנע ברידער — דיכטערס

ברידער מײַנע, ייִדישע דיכטערס!
אַנדערש וואָלט מען אונדז געהערט,
אַנדערש וואָלט צעגאַנגען זיך און אָפּגעקלונגען
אונדזער ליד —
ווען ס'וואָלט פון אונדז געשלאָגן זאַפט
און קראַפט
פון ערד;

ווען ס'וואָלט פון אונדז געשמעקט
מיט לאָנקע און מיט פעלד,
מיט טוי
און גנוי,
מיט שטאָלגערוך,
מיט מיסט פון קי און פערד:
וואָלט אַנדערש זיך געזונגען, דיכטער־ברידער,
אַנדערש, ברידער, וואָלט מען אונדז געהערט.

אַ ברוגזער

ווי מען בייזערט זיך אויף אַ געליבטער,
און מען ווערט צו איר פון טענות אָנגעצונדן —
בין איך, צווייטע היים מײַנע,
מיט דיר געוואָרן ברוגז,
און אַ ברוגזער — מיט דיר מײַן גורל שוין פאַרבונדן.

כ'האָב שוין מער און גאָרנישט — אויסער דיר,
ס'איז הינטער מיר געריסן שוין די בריק.
נישטאָ, נישטאָ שוין קיין צוריק
צו אַלץ, וואָס כ'האָב געלאָזט ווו הינטער זיך.

נישטאָ! נישטאָ!
און כ'האָב זיך, לאַנד, מיט דיר פאַרבונדן,
ווי מיט אַ באַנדאַזש אויף מײַנע וווּנדן...

אַכזריותדיק שיין...

אַכזריותדיק שיין ביסטו היים מײַנע, נײַע,
אַכזריותדיק אפשר נאָך מערער פון שיין,
ביסט אַנשטאָט אַ האַרציקע מאַמע, אַ טרײַע —
אַ טאַטע אַ שטרענגער, אַ האַרטער ווי שטיין.

אויך איך, דײַן באַזינגער, טראָג אויס דײַן אַכזריות,
טראָג אויס זי אַפילו בײַ מיר אין געזאַנג,

וואָס אָטעמט מיט ווינטיקער היץ פון מידבריות,
מיט אָפּהילך פון סטעפּ, און מיט דאָרשט און פאַרלאַנג.

ווער ווייסט דען, ווי דו, וויפל ס׳האָט שוין געקאָסט אונדז
דאָס ברויט פון דײַן האַרטער, פאַרעקשנטער ערד ?
פאַר וויפל נסיונות פאַר שווערע דו האָסט אונדז
געשטעלט — צו דערפילן די אייגענע ווערט !

ווער ווייסט דען, ווי דו, וויפל טויטקלעפּ מיר האָבן
באַקומען פאַר אונדזער געוואַגטן פאַרמעסט —
צו וועלן דײַן קוואַליקע טיפקייט דערגראָבן
און גרייכן די הייך צו דער אָדלערשער נעסט...

אויך מיר, דײַן באַזינגער, האָט וווּנדן אויף ווונדן —
די דאָרניקע שטעכיקייט דײַנע פאַרשאַפט,
דאָך האָב איך מײַן גורל מיט דיר נאָר פאַרבונדן,
ווײַל כ׳צי, ווי אַ בוים, פון די וואָרצלען — דײַן קראַפט —

אויף בײַשטיין און בײַקומען דײַנע קאַפּריזן,
פאַר וואָס מען דאַרף זײַן ווי צום קאַמף אָנגעגורט —
צו קאָנען באַווײַזן, וואָס ס׳האָט שוין באַוויזן
אַ דור — אינעם גאַנג צו דײַן ווידערגעבורט.

מ. צאַנין

אין איבערגאַנג פון צײַטן

צבי, דער בכור פון בערל און אסתּר סימקין, האָט בײַ זײַן שווערער אַרבעט מיט צוויי טראַקטאָרן אין נגב, געפירט אַ גענויע בוכהאַלטעריע אין זײַן ארויפאַרבעטן זיך. ווי ער האָט זיך דערשלאָגן צו זײַן אייגנס נאָך זײַענדיק אַ בחור, אַזוי האָט ער פלאַנירט און חתונה געהאַט מיט שושנה הר־נבו, אַ רחובותער טאָכטער פון זײַנס גלײַכן, אויך אַ קבלן וואָס האָט, ווי ער, געאַרבעט מיט גראַבמאַשינען אין נגב בײַ מיליטערישע אינסטאַלאַציעס. נאָך דער חתונה האָט דער שווער, בן־ציון הר־נבו, אים פאַרגעלייגט זיי זאָלן פירן זייערע געשעפטן אין אַ שותּפות און ס׳וועט זײַן מזל־ברכה. אַז צבי האָט דערציילט דעם טאַטן, אַז דער שווער לייגט אים פאָר אַ שותּפות, איז אסתּר געוואָרן אויפגעבראַכט.

„דו ביסט אַ קבלן, דער טאַטע איז אַ קבלן, וואָס זשע האָט דאָ צו טאָן אַ דריטער קבלן אַ שותּף? אויב שותּפות, פאַר וואָס נישט מיטן אייגענעם טאַטן? די באָבע פעסע, אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל זי האָבן, פלעגט זאָגן: ,אַ שווער איז אַ בער — נאַשט אויף דעם האָניק און לאָזט איבער אַ טרער׳. האָסט גענומען זײַן טאָכטער פאַר אַ ווײַב, זאָל אײַך זײַן צו גליק, נאָר חתונה האָבן מיט בן־ציונען דאַרפסטו נישט״.

אָט אַזוי האָט בן־ציון הר־נבו גורם געווען צו דער גרינדונג פון דער פירמע „דב סימקין את בנו בע״מ״ און דערצו האָט ער פאַרדעכטיקט, אַז די סימקינס קלײַבן זיך אונטערגראָבן זײַנע געשעפטן. כּדי צו איבערצײַגן דעם שווער, אַז ער האָט נישט קיין אויסטערלישע כּוונות לגבי אים, האָט צבי אַפילו געוואָלט בויען פאַר זיך אַ הויז טאַקע נעבן דעם הויז פונעם שווער אין רחובות, אָבער דאָ האָט זיך אַרײַנגעמישט שושנה. אין רחובות איז נישטאָ קיין לעבן. דאָס לעבן איז אין תּל־אָביב. צבי האָט נישט געהאַלטן פון תּל־אָביב. ס׳איז אַ שטאָט ווו מען לויפט

אַרײַן אין דער פרי און מען לױפט אַרױס פאַר נאַכט, האָט ער געזאָגט. אָבער אַז זײַן שושנהן ציט קײן תּל־אָבֿיב — האָט ער פאַר זיך אױפגעבױט אַ הױז אין תּל־אָבֿיב.

שושנהן האָט געצױגן דאָס פרײַע גרױסשטאָטישע לעבן. אַלע מאָל, װען זי פלעגט קומען צו אירע פרײַנד און באַקאַנטע אין תּל־אָבֿיב, האָט זי זיך אָנגעטראָפן אױף זאַכן פאַר װעלכע עס לױנט צו לעבן: מאָדע־אױסשטעלונגען, נאָכמיטאָג־טײ מיט טענץ אין די נײַ־אױפגעבױטע גרױסע האָטעלן, אין די פאַרמיטאָגן קען מען זיצן אַ פאַר שעה אין אַ קאַפע און זיך דערװיסן װעגן דער נײַער מאָדע אין מעבל, װאָס לײַטן ברענגען פון אױסלאַנד, און אױך װעגן „װאָס װער מיט װעמען”. בעיקר האָבן שושנהן אינטריגירט יענע פרײַטיק־צו־נאַכט־פאַרװײַלונגען, װאָס מען רופט זײ אָן „נשף חשק”, גלוסט־פאַרװײַלונגען. עטלעכע מאָל האָבן אירע באַקאַנטע אין תּל־אָבֿיב זי פאַרבעטן אױף אַזעלכע פרײַטיק־צו־נאַכטסן. שושנה האָט געציטערט פון נײַגער בײַצוזײַן אױף אַזאַ נשף. כּל־זמן זי האָט נישט געהאַט חתונה געהאַט האָט זי מורא געהאַט פאַר דעם נסיון, װאָס אױב זי װעט אים נישט בײַשטײן קען ער שאַדן איר נאָמען. האָט זי געחלומט חתונה צו האָבן אַזױ, אַז זי אַלײן זאָל האָבן איר אײגן הױז אין תּל־אָבֿיב מיט פרײַטיק־צו־נאַכטסן װי אַלע אירע באַקאַנטע האָבן בײַ זיך אײַנגעפירט.

צבֿי האָט זיך נישט אױסגעקענט אױף די אַלע זאַכן. װי זײַן פאָטער בערל האָט אױך ער ליב אַרבעטן, פלאַנירן, בױען און װאַקסן. ער איז געבליבן דער ראשונער, נאָר נישט װי זײַן זײדע מיט אַן אַקער און פרידה; מיט טראַקטאָרן און בולדאָזערס. אױך דאָס חתונה האָבן מיט שושנהן איז אַ מין פלאַנירן און בױען: אַ מאַן דאַרף חתונה האָבן, געבױרן קינדער, כּדי אױפצוהאַלטן דעם אימפעט װײַטער צו פלאַנירן און װאַקסן. אױב שושנה װיל ברענגען מעבל פון פראַנקרײַך — מסתּמא װײסט זי װאָס זי װיל. והראיה, זי װײסט װאָס זי װיל — זי האָט אים געװאָלט. ער האָט ליב זײַן שושנהן. זי איז קװעקזילבערדיק, מיט גרױסע שװאַרצע צעליכטיקטע אױגן און פעך־שװאַרצע האָר. זי איז פון די פרױען װאָס נישט זײ זעטיקן זיך אַלײן און נישט זײ איבערזעטיקן דעם מאַן. אין זײַן פאַרטאָגנקײט במשך אַ גאַנצע װאָך אין נגבֿ, אין באר־שבֿע און װוּ דער טײַװל האָט אַן עק, בענקט ער נאָך שושנהן און אין די נעכט ברענט ער פון בענקשאַפט און קוקט אױס אױף סוף־װאָך אַראָפצופאָרן אַהײם קײן תּל־אָבֿיב. מיט זײַן גרױסער אַמעריקאַנער שװאַרץ־גלאַנציקער מאַשין, פון די זעלבע מיט װעלכע עס פאָרן די מיניסטאָרן, װאָלט ער אַפּילו געקענט זיך אַראָפּכאַפּן קײן תּל־אָבֿיב אױף אַ צװײ דרײַ נעכט אין דער מיט װאָך. בײַ נאַכט װערן די טראַקטאָרן געהיטן דורך בעדװיִנער, באַגינען נעמען איבער די מאַשינען זײַנע טראַקטאָריסטן, װאָס האָבן אַן אַרבעטפּלאַן אױף אַ גאַנצער װאָך. נאָר ער, צבֿי, האַלט נישט פון די זאַכן. אױך אַ טראַקטאָר דאַרף האָבן דאָס אױג פון אַ באַלעבאָס.

קומט צבֿי אַהײם אַ מאָל אין די דאָנערשטיקס און אַ מאָל ערשט פרײַטיק. ער קומט אַ מידער, אַן אַדורכגעברענטער פון דער זון און פון דער מידבר־לופט.

טאָמער קומט ער אין אַ דאָנערשטיק, שלאָפט ער איבער אַ האַלבן מעת־לעת, פרייט זיך מיט שושנהן ווי מיט אַ קינד, לייענט זיך אָן מיט אַן ערב־שבתדיקער נאָכמיטאָג־צייַטונג, שעלט די מפא״י־רעגירונג, אַז רק זי ברענגט אונטער דאָס לאַנד, און עס ווערט אים ענג אין זייַן אייגן הויז. כאַפּט ער שושנהן און פרייט זיך מיט איר ווי מיט אַ קינד און דערנאָך קערט ער צוריק צו דער נאָכמיטאָג־צייַטונג צו לייענען נאָך אַ מאָל וואָס ער האָט שוין געלייענט.

„קום״, זאָגט ער ווידער צו שושנהן, „לאָמיר פאַרגעסן דעם ,סאָציאַליסמוס בימינו׳ ״.

דערנאָך זאָגט אים שושנה, אַז זיי זענען פאַרבעטן צו באַקאַנטע, וואָס גרייטן צו אַ פרייַטיק־צו־נאַכט לויט דער ריי. צבי האָט נישט קיין חשק צו גיין אויף אַזעלכע פרייַטיק־צו־נאַכטסן, נאָר טאָמער גייט ער יאָ, טוט ער עס פאַר שושנהן. נאָך דעם איז ער צופרידן וואָס ער איז געגאַנגען. אויף די צונויפֿקומענישן רעדט מען וועגן פּאָליטיק, וועגן די רעוואַנזש־אַקציעס אויף די גרענעצן, וועגן דערווירטשאַפט, וואָס די רעגירונג האָט נאָך נישט באַגריפן וואָס עס איז אַזעלכס, מען טרינקט וויסקי מיט אייַז, וואָס דער עולם רופט עס אָן אויף אַ קול — „אָן דהי ראָקס״, און מען פאַרבייַסט מיט סענדוויטשלעך ווי פאַר זויגקינדער.

טאָמער קומט צבי אַהיים פרייַטיק, וועט זי אים אין אָוונט פון שטוב נישט אַרויסשלעפן. נאָך אַ הייסער וואַנע גייט ער אַרום אין די אונטערהויזן איבער די ווייכע טעפּעכער און בענקט נאָך דעם ריח פון דעם שבת־געבעקס, מיט וועלכן עס איז געווען אויסגעפּילט דאָס הויז פון זייַנע עלטערן אין ראשון, ערב שבת. ער וואָלט אָוועקגעגעבן ווייס־איך־וואָס פאַר אַ גוט שטיקל קוגל ווי אין דער היים. שושנה קען דווקא די אַלע זאַכן, זי איז אַ רחובותער טאָכטער, אָבער די צייַטן זענען אַנדערע. דער ראַדיאָ זאָגט, אַז קאַלאָריעס זענען סם־המוות פאַרן מענטש. און אין אַ שבתדיקן קוגל איז פאַראַן אַזאַ גרויסע צאָל קאַלאָריעס, אַז זיי קענען אָוועקלייגן אַפילו אַ פערד. ווייל זי נישט, זייַן שושנה, באַקן קוגלס ווי אין רחובות צי אין ראשון. אַזוי אויך בלאָזט זיך אָן דאָס בייַכל פון צבי ווי בייַ זייַן טאַטן. אויסער דעם — די הענט. אַפילו אין די קיבוצים, זאָגט מען, רירט זיך נישט מער צו אַ פרוי צו אַ טעפּל, אָדער צו אַ טעלער מיט די גאָקעטע הענט, נאָר אַלץ דורך גומי־הענטשקעס, די צאַרטקייט פון דער הויט זאָל נישט צעשטערט ווערן און דער מאַניקור זאָל נישט קאַליע ווערן.

שושנה היט אָפּ איר גוף ווי ער וואָלט געווען אַן אתרוג ערב סוכות. דאָס טואַלעט־טישל אין איר שלאָפצימער איז באַשטעלט מיט סלאָיִקלעך און פלעשעלעך, ווי אין אַן אַפּטייק. צבי באַוווּנדערט זייַן שושנהס זכרון, ווי זי געדענקט עס אַזוי גוט צו וואָס יעדעס פלעשעלע, צי סלאָיִקל איז גוט. ווען די פלעשעלעך און סלאָיִקלעך וואָלטן געווען נוגע אים, וואָלט ער צווישן זיי פאַרפאַלן געוואָרן — ער וואָלט געשמירט די נאַז דערמיט מיט וואָס ער וואָלט געדאַרפט שמירן די פיס און ער וואָלט אייַנגעריבן די הענט דערמיט מיט וואָס ער וואָלט געדאַרפט מאַסאַזשירן די בריסט, ווען ער וואָלט געהאַט בריסט. ער האָט ליב זייַן שושנה

ווען זי איז געשמירט און געפּוצט ווי אַ פילמסטאַר פון האָליוווד. זי צינדט אים דעמאָלט אָן ווי ער וואָלט געווען דינאַמיט און זי — אַ פונק. אַפילו אין די הייסע מינוטן צווישן זיי פאַרגעסט ער' נישט צו זאָגן איר, אַז טאָמער וואָלט ער אַלע מאָל געבליבן אין דער היים, וואָלט זי אים נאָך אַנאַנד אויפגעריסן, ווי ער רײַסט אויף מיט דינאַמיט פעלדזן אין נגב.

אין יענע פרײַטיק־צו־נאַכטסן, ווען צבי פוילט זיך צו גיין צו גאַסט, ווערט שושנה אָנגעבלאָזן. זי קוקט דעמאָלט כּסדר אין שפּיגל ווי איר פּנים און פריזור וואָלטן איר געזאָגט וואָס אַלץ זי פאַרלירט טאָמער גייט זי נישט. און טאָמער וויל ער טאַקע נישט גיין — ווערט זי אויס פונק.

שפּעטער האָט צבי זייער אָפט מוותּר געווען אויף אַזעלכע פרײַטיק־צו־נאַכט־וויזיטן און געעצהט שושנהן זי זאָל גיין אַליין. פון אָנהייב האָט שושנה נישט געוואָלט הערן דערפון. זי האָט מורא געהאַט אַרײַנצופאַלן אין די מײַלער פון אירע פרײַנדינס. זיי וועלן זיכער פּלאַפּלען, אַז איר מאַן איז נישט געווען מיד צו גיין אין וויזיטן דעמאָלט ווען אַ וויזיט פרײַטיק־צו־נאַכט איז געווען אַ פאַרשפּיל צום בעט. איצט שלאָפט ער ליבערשט מיט זײַנע טראַקטאָרן אײדער מיט שושנהן. מסתּמא וועלן זיי אַ ליאַדע טאָג גיין מיט אַ וויזיט צום ראַבינאַט. און ווער איז דער אויף וועמען שושנה האָט שוין פאַרוואָרפן אירע געפאַרבטע האָר ?...

אַז די פאַרפעלטע פרײַטיק־צו־נאַכטסן האָבן זיך איבערגעחזרט, האָט שושנה בײַ זיך אָפּגעמאַכט אַז עס קימערט זי נישט וואָס אירע פרײַנדינס וועלן זאָגן. בײַ דער נאָענטסטער געלעגנהייט וועט זי מאַכן אַזוי, אַז די גאַנצע וועלט זאָל זען, אַז זי איז מיט איר צבי, ווי זיי וואָלטן נאָר וואָס אָפּגעקומען פון אונטער דער חופּה.

איינעם אַזאַ „סאַלאָ־וויזיט", ווי זי האָט עס גערופן, האָט שושנה געמאַכט בײַ גדעון און חדווה בר־עוז. אומגעריכט איז עס געווען איר ערשטער „נשף־חשק".

גדעון, אַ זון פון אַ רחובותער פּרדס־אייגנטימער אפרים שטאַרקמאַן, האָט געלערנט אַדוואָקאַטערײַ, זיך איבערגעוואָרפן צו פאַרזיכערונגס־געשעפטן און געוואָרן אַ געזוכטער שידוך. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ טאָכטער פון איינעם פון יענע עקאָנאָמיסטן, וואָס באַלד נאָך דער אַנטשטייונג פון דער מדינה האָבן זיי געדינט דער רעגירונג מיט עצות וועגן עקספּאָרט און אימפּאָרט פאַר אַ לוין פון איין דאָלאַר אַ יאָר. באַלד ווי ס'האָט זיך געענדיקט די תּקופה פון „צנע" האָט דער קומענדיקער שווער פון גדעונען אָפּגעדאַנקט דער רעגירונג, אויפגעשטעלט אַ מאָדערנע מעטאַלורגישע פאַבריק מיט באַשטעלונגען פון דער רעגירונג און איז געוואָרן פון די ערשטע דיסקרעטע מיליאָנערן אין לאַנד. כאָטש זײַן טאָכטער חדווה איז אויפגעבראַכט געוואָרן אין רײַכקייט, האָט זי, ווי אַ יונג מיידל, געחלומט צו גיין אין אַ קיבוץ. זי האָט אָפּגעביסן אַלע אירע נעגל פון די פינגער בײַם לייענען אַ. ד. גאָרדאָן. אָבער נאָך דעם ווי זי האָט צוויי טעג פאַרבראַכט מיט איר שולקלאַס אין אַ קיבוץ און געהאָלפן אַראָפּנעמען מאַראַנצן פון די ביימער, האָט

זי אויסגעפונען, אַז אַ קיבוץ איז אַזאַ פּלאַץ וווּ אַלע קאָוועטעפּלעך פון פּאָרצעלײַ זענען מיט אָפּגעבראָכענע אויערלעך.

חדווה האָט אײגנטלעך נישט געוווּסט פאַר וואָס דער פאָטער האָט זי צוגערעדט זי זאָל אויפן ירושלימער אוניווערסיטעט לערנען גריכישע געשיכטע און ענגלישע ליטעראַטור. זי האָט נישט געוווּסט דעם סוד, אַז דער פאָטער האָט געהאַלטן, אַז גריכישע געשיכטע און ענגלישע ליטעראַטור זענען אַ גוטע מאַטרימאָניאַלע אויסבילדונג.

קיין שײנע איז זי נישט, חדווה. צו איר טיפער קורצזיכטיקייט, וואָס זי וויל נישט אַרויסהעלפן זיך מיט ברילן, און צו דער נאָז, וואָס פאַלט איר אַריבער איבער דער אײבערשטער ליפּ, איז זי אַ שנעל־רעדערקע. זי מאָלט דאָס לשון מיט שנעלע, שאַרפע האַלדזיקע חי״תן און עס דאַכט זיך ווי ס׳לשון וואָלט זיך בײַ איר אויסגעשיט. איר איז דווקא יאָ געפעלן צו לערנען גריכישע געשיכטע און ענגליש, נאָר נישט פאַר דער זעלבער סיבה וועגן וועלכער עס האָט געטראַכט איר פאָטער. נאָך דעם ווי זי האָט איבערגעלײענט אַ פּאָר ביכלעך פון יוסף חיים ברענער, האָט זי פײַנט באַקומען יידן. די פײַנטשאַפט איז נישט געקומען פּלוצעם. פאַר דעם האָט זי געלײענט, אַז אין דער היטלער־צײַט האָבן יידן אין גלות זיך געלאָזט פירן צו דער שחיטה ווי שעפּסן. יידן אין גלות זענען אַלע מאָל געווען שפּלע מענטשן, געלעבט פון דער לופט און געטראַכט בלויז ווי אַזוי אָפּצונאַרן אַנדערע. די מער מענטשלעכע זענען פריִער געקומען קיין פּאַלעסטינע, כּדי צו ווערן מענטשן מיט אַלע מענטשן גלײַך. האָט זי אָפּגעמאַכט בײַ זיך, אַז איר בינדט גאָרנישט מיט די יידן אין דער וועלט, אַפילו נישט מיט די, וועלכע זענען מיט דער מאַסן־עליה געקומען פון די לאַגערן. זײ זענען אַ דור־המידבר.

דערפאַר, ווען זי האָט אָנגעהויבן אַרויסגיין מיט גדעונען, בשעת ער איז נאָך געווען אַ סטודענט, האָט זי אים צוגערעדט ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון זײַן יידישן פאַמיליע־נאָמען און אים בײַטן אויף אַ ישׂראלדיקן נאָמען. שטאַרקמאַן איז גלותדיק; פון דעם נאָמען שטאַרקמאַן טראָגט זיך דער ריח פון געטאָ און פון אַ מעברה. זי האָט לאַנג געטראַכט וועגן דעם אין די נעכט — האָט זי אים פאַר־זיכערט — און זי האָט אַפילו צוגעטראַכט אַ גוטן ישׂראלדיקן נאָמען: בר־עוז, גדעון בר־עוז! ווי אַרויסגענומען פון תנ״ך. צי איז נישט גדעון בר־עוז אַפילו בעסער פון גדעון בן־יואש? אַז ער, גדעון, וועט שפּעטער וועלן, וועט אויך ער קענען זײַן אַ שופט. און חדווה איז באַשטאַנען דערויף ער זאָל בײַטן דעם נאָמען פון שטאַרקמאַן אויף בר־עוז נאָך פאַר דער חתונה, כּדי עס זאָל זיך איר אַפילו נישט דאַכטן, אַז זי האָט חתונה מיט אַ גלות־ייִד.

די פרײַטיק־צו־נאַכטסן בײַ גדעון און חדווה בר־עוז זענען געזוכטע. גדעון האָט אַ רײַכן באַר מיט סקאָטש ווהיסקי פון זעלטענע נעמען, וואָס אַז מ׳זאָגט זײ אַרויס מיטן אָקספאָרדער אַקצענט, אַ ביסעלע שטאַמלענדיק, האָט מען גלײַך דאָס געפיל, אַז מ׳איז אין אויסלאַנד. די סענדוויטשן באַשטעלט חדווה פּריוואַט. כּדי זי זאָל נישט דאַרפן געבן דעם אַדרעס בײַ וועמען זי באַשטעלט זײ, שקרט זי, אַז זי

מאַכט זיי אַליין. קיינער פון אירע פריינדינס גלייבט איר נישט, וואָרעם די גאַנצע וועלט ווייסט, אַז זי האָט צוויי לינקע הענט און מחמת שווערער קורצזיכטיקייט וואָלט זי דעם קאַוויאַר פאַרביטן אויף כומוס.

אַלע פאַרבעטענע געסט האָבן איין פּנים: די פרויען איין פּנים און די מענער איין פּנים. די מענער רעדן מיט זעלבסטזיכערקייט. זיי האָבן נישט קיין ספקות. די ספקות וואָס זיי זאָגן אַרויס איז נאָר כּדי נישט מסכּים צו זיין מיט דעם זעלבן וואָס עס זאָגט אַ צווייטער. זייער העברעיִש לשון איז געמישט מיט ענגליש און מיט צעטרייבערטע ווערטער פון ייִדיש און רוסיש פּאָר קללות און באַהעמישקייט. די פרויען רעדן מיט אַ טאָן ווי זיי וואָלטן געהאַט רק טענות און, ווי מען וואָלט זיי נישט געהערט — שרייען זיי מיט אַן אויסלאָז פון אַ קרייעלע. שפּעטער, ווען דוד אַרטאַפּאַנוס איז אַריינגעקומען אין דער געזעלשאַפט, האָט ער באַמערקט, אַז די אַלע פרויען זענען ענלעך צו זיך ווי די נייַע שיכּון־בלאָקן, מען דאַרף פאַר זיך מאַכן אַ סימן אין וועלכן בלאָק מ׳וווינט, כּדי נישט צו פאַרבלאָנדזשען אין אַ פרעמד בעט.

אַן אויסנאַם איז הדה סיימאָן. זי האָט רויטע צעצונדענע האָר אין גרויסע כוואַליעס, איר פּנים און די הענט זענען געדיכט פאַרקלייַענט מיט רויטן קלייַען אַז מ׳זעט קוים אַרויס אַ פּיצל פון ווייַס לייַב. פון אירע טייטל־פּאַרעמיקע, גרויסע טונקל־גרינע אויגן טראָגט זיך אַ סעקסועלער כאַמסין. זי האָט דאָס באַוווסטזיין פון איר סעקסועלקייט און זי פאַרשפּרייט איר כאַמסין אַפילו צווישן פרויען. חתונה געהאַט האָט זי מיט אַ יונגן־מאַן פון בירמינגהעם, אין ענגלאַנד, ריטשאַרד סיימאָן, אַ שטילן און סאָלידן אינזשעניר פון עלעקטראָניק. זי האָט אים געבראַכט קיין ישׂראל צוזאַמען מיט אַ רייַכער אויסשטאַטונג פון קליידער און אַ קאָמפּלעט אַלט ענגליש מעבל פון דער תּקופה פון דער קעניגין עליזאַבעט, וואָס איר פאָטער האָט געקויפט פאַר איר אויף אַ ליציטאַציע אין לאָנדאָן. אין די פּאָר יאָר אין וועלכע איר פאָטער, שימקע ציפּורי, איז געווען אין דער אייַנקויף־דעלעגאַציע פון דער ישׂראל־רעגירונג אין ענגלאַנד האָט זי געלערנט אין אַן אַריסטאָקראַטישן קאָלעדזש, וואָס האָט אָפּגעשליפן אירע סאַברישע קאַנטיקייטן. די אויסערלעכע געמעסיקטקייט האָט איר סעקסועלן רייץ צוגעגעבן עפּעס פון ווולקאַנישער אומגעריכטקייט. ווי הדה טיילט זיך אויס פון דער געזעלשאַפט פון גדעון בר־עוז, אַזוי טיילט זיך אויך אויס איר ריטשאַרד סיימאָן. ער קומט זעלטן ווען צום וואָרט, פאַלט קיין מאָל קיינעם נישט אַריין אין די רייד. ער רעדט געלאַסן, ווי ער וואָלט די ווערטער אַרויפגעצויגן אויף אַ נישט־געזעעגעם פאָדעם. אַפילו ווען ער רעדט אויף אַקטועלע פּאָליטישע טעמעס פאַררופט ער זיך אויף מקורות. אויף דער ווייַבערישער געזעלשאַפט ווירקט ער מער מיט דער סעקסועלקייט פון הדהן ווי מיט זיין אייגענער מענלעכקייט.

צו איינעם אַזאַ פּרייַטיק־צו־נאַכט בייַ גדעונען זענען פאַרבעטן געוואָרן צבי און שושנה. צבי האָט בשום־אופן נישט געוואָלט גיין. מיט אַ פּאָר טעג פריִער זענען פּאַדאַיִנס אַריבער די ירדנישע גרענעץ און זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט אַ

ישׂראלדיקן פּאַטראָל. די פּאַדאַינס זענען אומגעבראַכט געוואָרן, אָבער אויך פונעם ישׂראל־פּאַטראָל זענען געפאַלן צוויי. איינער פון זיי איז געווען אַ פריַינד פון צבֿי. ער איז געווען אין רעזערוודינסט און ער האָט אויף אייביק פאַרענדיקט זיַינע מלחמות.

יענעם פריַיטיק איז צבֿי געקומען אַהיים ערשט נאָך האַלבן טאָג. ער איז אַריַינגעפאַלן ווי ער אַליין וואָלט געקומען פון רעזערוודינסט און געבראַכט מיט זיך שטויב פון די פעלדער איבער וועלכע ער האָט זיך געיאָגט נאָך פּאַדאַינס.

„נו, וואָס זאָגסטו דערצו?" האָט ער געפרעגט שושנהן, ווי זי וואָלט געוווּסט וועגן וואָס ער פרעגט.

שושנה האָט אַנגעשטעלט אויף אים אירע צעליכטיקטע אויגן און אויפגעשטעלט די ראָזע נאָזלעכער ווי אַן אינד:

„וואָס איז געשען?"

„האָסט נישט געהערט דעם ראַדיאָ, נישט געלייענט?" האָט ער אַראָפּגעצויגן די שיך און זיי אַ וואָרף געטאָן. „איציק איז שוין נישטאָ. איציק הערשמאַן. די פּאַדאַינס האָבן אים אַוועקגעלייגט".

„דער ראַדיאָ לאַנגווייליקט מיך", האָט זי זיך פאַרענטפערט, און כּדי ער זאָל איר גלייבן פאַר וואָס דער ראַדיאָ לאַנגוויַיליקט זי, האָט זי צוגעגעבן: „ווידער בן־גוריון און נאָך אַ מאָל בן־גוריון. דאָ רעדט ער אין דער כּנסת און דאָ פאָרט ער קיין שׂדה בוקר און דאָ קליַיבט ער זיך אַרויספאָרן קיין אויסלאַנד קויפן ביכער. ווי ער וואָלט געווען דער איינציקער אין דער מדינה וואָס קויפט ביכער. איך מאַך נישט אויף דעם ראַדיאָ. די פּאַדאַינס אויף די גרענעצן קריכן שוין פון האַלדז. קיין סוף נעמט נישט צו זיי".

צבֿי האָט געקוקט אויף איר פאַראיבלדיק:

„איציק איז געווען אַ טיַיערער חבֿרה־מאַן. בלויז האַרץ. האָסט גאָרנישט געהערט?"

זי האָט געמאַכט אַ באַוועגונג וואָס ער האָט שלעכט פאַרשטאַנען און ער האָט פּלוצעם אויסגערופן:

„ווי קען עס זיַין דו זאָלסט נישט האָבן געהערט אַזאַ זאַך? מיט וואָס ביסטו פאַרנומען אויב דו ווייסט נישט וואָס ס'איז געשען נעבן קלקיליה?"

די שאלה האָט איר אַ ברי געטאָן און זי האָט אים געענטפערט מיט רוגזה:

„וואָס בין איך, דער ראש־הממשלה, דער שי"ן בי"ת, איך זאָל וויסן וואָס עס טוט זיך אין קלקיליה? ווען עס טרעפט אַ פּאַנטשער דער ליגט אונטער דער מאַשין".

„איציק איז אַ פּאַנטשער", האָט ער געזאָגט אַ קוים באַהערשטער.

צבֿי איז אַריַין אין באָדצימער נעמען אַ טוש. נאָך אַ פּאָר מינוט ווי שושנה האָט געהערט דאָס גיסן זיך פון וואַסער, האָט זי נאָענט צו דער פאַרמאַכטער טיר גערופן מיט אַ זאָרגלאָזער שטים:

„צבֿי, מיר זענען היַינט אין אָוונט פאַרבעטן צו גדעון!"

אַז קיין ענטפער איז נישט געקומען און דער שטראַם וואַסער איז געוואָרן רעשיקער, האָט זי באַרירט די קליאַמקע און אַרײַנגעשריגן נאָך העכער:

„צביקאַ, דו הערסט? גדעון בר־עוז וויל אונדז האָבן בײַ זיך צו גאַסט הײַנט אין אָוונט!"

זי האָט צוגעלייגט אַן אויער צו דער טיר און געוואַרט אויף אַן ענטפער. איר געמאַכטע פריילעכקייט איז אַראָפּגעפאַלן. זעט אויס ער איז נאָך אַלץ אָנגעברוגזט. דער שטראַם וואַסער און איר שטים האָבן נאָך נישט אַראָפּגעשווענקט פון אים די אָנגעדראָלנקייט. זי האָט זיך נישט געריכט מער צו באַקומען אַן ענטפער ווי זי האָט דערהערט זײַן קול אין מיטן פון דעם רויש פון וואַסער:

„מיינסט גדעון וואָס האָט די מציאה מיט דער לאַנגער נאָז? די קורצזיכטיקע יפהפיה? איך, נישט. איך וויל נישט צוליב איר פאַרלירן מײַן מאַנצבילישקייט".

זײַן ענטפער האָט זי דערפרייט און זי האָט אַרײַנגעשריגן אַ צעשפּילטע:

„צביקאַ, דאָרט וועט אויך זײַן הדה! ווייסט, די רויטע, וואָס אַלע זאָגן אַז זיי האָבן פולע הויזן צוליב איר!"

„שאַש, כ׳גיב נישט אַוועק אַנדערע וואָס איך האָב געבראַכט מיט זיך נאָר פאַר דײַנעט וועגן!"

דער שטראַם וואַסער האָט זיך אָפּגעשטעלט.

שושנה האָט געפילט, אַז זי איז מיט אים אויף אַ דרך. זי האָט געאײַלט צום שפּיגל, פאַרריכט אירע האָר, אויפגעהויבן אַ ביסל אירע ווִיעס, זיך אײַנגעקוקט אין אירע אייגענע אויגן און מיט די הענט געגלעט אירע בריסט. אין שפּיגל האָט זי דערזען הינטער זיך צבי אַרומגעוויקלט מיט אַ באַדלײַלעך. פאַר אים איז פאַרויסגעלאָפן דער שאַרפער ריח פון זײַן אָדעקאָלאָן. און שוין האַלט ער זי פעסט אַרומגענומען, טוליעט זײַן קאָפּ אין איר רוקן און זוכט מיט די פינגער אירע בריסט.

„צביקאַ, נישט איצט, נישט איצט... וואָס ווּעסטו טאָן בײַ נאַכט?" האָט זי זיך געצערטלט.

„דאָס זעלבע וואָס איצט", האָט ער זי געדריקט צו זיך און זי געצויגן צום טעפּעך. זי האָט זיך אים נישט קעגנגעשטעלט. זי האָט אים געדאַרפט האָבן ער זאָל גיין מיט איר צו גדעונען אין אָוונט.

מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער, ווען ער איז געבליבן ליגן נעבן איר אַ פאַרלאָשענער, האָט זי אים געפרעגט, ווי עס וואָלט געווען אַ המשך פון דעם וואָס איז נאָר וואָס געשען צווישן זיי:

„וואָס וועלן מיר מיטנעמען צו גדעונען, אַ ‚בלעק ענד ווהײַט' אָדער אַ ‚לאָנג דזשאָן'?"

„נישט מיר וועלן מיטנעמען", האָט ער געענטפערט האַלטנדיק צוגעמאַכט די אויגן. „ערשטנס גיי איך נישט. צווייטנס, אויב דו ווילסט קענסטו גיין אַליין. און דריטנס, דאַרפסטו גאָרנישט מיטנעמען. זײַן שווער האָט זיך אין דער צײַט פון

„צנע' אַזוי פאַרזאָרגט, אַז ער קען צושטעלן וועסקי אַפילו זײַנע קומענדיקע אוראייניקלעך".

שושנה האָט געהאַט חרטה הלמאַי זי האָט פאַר דעם נישט אַרויסבאַקומען פון אים זײַן הסכּמה צו גיין מיט איר אויף דעם וויזיט. וויפל מאָל זי האָט שוין געהאַט בײַ זיך אָפּגעמאַכט, אַרויסצובאַקומען וואָס זי וויל פון אים אַרויסבאַקומען פאַר דעם, לאָזט זי זיך אין אַזעלכע פאַלן אַלע מאָל מיטרײַסן פון דער שוואַכקייט און זי פאַרשפּילט. פון דעסטוועגן האָט זי געהאָפט, אַז ביזן אָוונט וועט ער זיך נאָך אויף ס'בײַ אָנציינדן און דעמאָלט וועט ער איר מוזן צוזאָגן, אַז זי וועט נישט גיין אַליין.

זי איז געגאַנגען אַליין.

בײַ גדעונען אין הויז איז זי אַרײַנגעפאַלן אין די אָרעמס פון נתן שפּילבערגער, וואָס האָט פאַר איר געעפנט די טיר. כאָטש אַ סאַבּרע און געלערנט בלויז אין ישׂראל, האָט ער אין זײַן העברעיִש אויפגעהאַלטן דעם יעקישן אַקצענט פון זײַנע עלטערן. ער איז אַלע מאָל אויפגעלייגט, מיט אַ פרײַ און פרעך לשון, דער עיקר אין דער קעגנוואַרט פון פרויען. אַז ער האָט דערזען אין דער טיר־ראַם שושנהן, האָט ער זי אָפּגעמאָסטן מיט אַן אויסטוענדיקן בליק, זי אַרומגעכאַפּט און אויסגערופן:

„שושנה, דו שמעקסט, אַז איך וואָלט שוין געגאַנגען מיט דיר אין בעט אַרײַן!"

„אויף דעם דאַרף מען צוויי", האָט זי זיך באַפרײַט פון זײַנע אָרעמס. „און איך וויל נישט קאָנקורירן מיט דײַן ווײַב".

ס'איז אַנטקעגנגעקומען חדווה מיט אירע פאַרזשמורעטע, קורצזיכטיקע אויגן, און דערפילנדיק שושנהן מער דורך דעם ריח פון איר פערפום ווי דורך איר גוף, האָט זי געזוכט איר מאַן צבי:

„ביסט אַליין?" האָט זי זיך געוווּנדערט. „אַלע מאָל אַליין?"

„פאַר וואָס ,אַלע מאָל אַליין'?" האָט זי זיך באמת נאָכמאַכן חדווהס שטים. „צביקאַ לאָזט מיר קיין מאָל נישט גיין אַליין. אייערנעכטן בײַ נאַכט זענען פאַדאַיִנס געקומען פון יענער זײַט גרענעץ אין נגב, פאַרווונדעט דעם בעדויִנער וואָס היט אונדזערע טראַקטאָרן און איין מאַשין באַשעדיקט. האָט צבי געמוזט צופאָרן צו מײַן פאָטער אין רחובות".

די מעשׂה מיט די פאַדאַיִנס האָט זיך גוט אָנגענומען. ס'האָט זיך געלייגט אויפן שׂכל. גדעון, דער ספּעציאַליסט אין פאַרזיכערונגען, האָט אויפן קאָפּ געמאַכט דעם חשבון, אַז אויב צבי סימקין וועט האָבן דעם קאָפּ אויפן קאַרק און וויסן ווי אַזוי צו באַגיין זיך מיט די רעגירונגס־עקספּערטן, קען ער פון דעם באַשעדיקטן טראַקטאָר פאַרדינען מער וויפל דער טראַקטאָר וואָלט אים אַרײַנגעבראַכט פאַר פינף יאָר אַרבעט.

ריטשאַרד סײַמאָן, וואָס האָט געהערט די סברה פון גדעונען, איז געוואָרן שטאַרק פאַראינטערעסירט צו וויסן ווי אַזוי עס אַרבעט אין ישׂראל די רעגירונגס־פאַרזיכערונג פאַר היזקות וואָס פאַדאַין־טעראָריסטן זענען גורם, און פאַר וואָס

שושנהס מאַן קען פֿאַר איין באַשעדיקטן טראַקטאָר האָבן מער ווי דער טראַקטאָר וואָלט געאַרבעט פֿינף יאָר.

„די שאלה וואָלט געפּאַסט זי זאָל געפֿרעגט ווערן פֿון מײַן פֿאָטער דעם יעקע", האָט שפּילבערגער גוט־ברודעריש אים געפּעטשלט אין דער פּלייצע. „אויף צו מאַכן אַזעלכע קאָמפּליצירטע חשבונות דאַרף מען זײַן אַ מאַטעמאַטיקער און נישט קיין עלעקטראָניקער".

„איך וויל פֿאַרשטיין!" האָט סײַמאָן נישט נאָכגעלאָזט.

גדעון האָט אים דערלאַנגט אַ ווהיסקי און קוקנדיק פֿון אונטער די ברעמען, ווי ער וואָלט געווען אַ פּראָפֿעסאָר וואָס רעדט פֿון איבער די ברילן, האָט ער געזאָגט ערנסט:

„אַ סטודענט, וואָס וויל אויפֿן ערשטן יאָר לערנען די תּורה וואָס איז באַשטימט פֿאַרן דריטן יאָר, וועט פֿאַרפֿעלן די עיקר־זאַכן. סך־הכּל ביסטו אַ פּאָר יאָר אין ישׂראל און געקומען ביסטו פֿון בירמינגהעם, ווילסטו דעם גאַנצן קורס ישׂראלאָגיע אויסלערנען אויף איין פֿוס?!"

„ליידי סײַמאָן!" האָט שפּילבערגער מיט אַן אויפֿגעהויבענער גלאָז ווהיסקי געזוכט הדהן, „פֿאַרשרײַב דײַן ריטשאַרדן אין אַן אולפּן אויף אַ קורס ישׂראלאָגיע!"

מיט איין מאָל האָבן זיך טומלדיק אַרײַנגעשטעלט די איבעריקע פֿאַרבעטענע געסט, יונגע, זאָרגלאָזע מענטשן, מיט אַ טריוויאַלן הומאָר און מיט זעלבסטזיכערקייט. זיי האָבן זיך אַרײַנגעשטעלט אַזוי, אַז אַ פֿרעמדער מענטש וואָלט ביז צום סוף פֿון דעם אָוונט נישט געוווּסט ווי אַזוי צוזאַמענשטעלן די פּאָרפֿעלקער. פֿון דער פֿרײַקייט אין באַנעמען זיך האָט זיך פֿון אָנהייב באַקומען ווי אַלע צוזאַמען וואָלטן אַ מאָל געפֿירט אַ בשותּפֿותדיק אינטים לעבן. נתן שפּילבערגער איז אַרומגעגאַנגען צווישן די פֿרויען, זיי געגעבן צו פֿאַרזוכן פֿון זײַן גלאָז ווהיסקי, דער געגעבן אַ קניפּ אין הינטן, דער צווייטער — אַ גלעט איבער אַ ברוסט און אַ דריטער איז ער מיט דער האַנט אַרײַנגעקראָכן אין דעקאָלט. בלויז די פֿרויען האָבן רעאַגירט, יעדע אויף איר שטייגער. פֿון די מענער האָט קיינער נישט געלייגט קיין אַכט. גדעון האָט אויפֿן באַר אַרויסגעשטעלט עטלעכע אָפֿענע פֿלעשער ווהיסקי מיט אײַזקלעצלעך און אויסגערופֿן:

„חבֿרה, מאַכט אַ לעבן איידער איר גייט אַוועק אײַער לעבן אויפֿן מזבח פֿון דער זיכערקייט פֿון דער מדינה!"

יורם בן־גון, אַ קליינטשיקער און דאַרער, מיט דינע אויסגעקליגלטע וואָנסעלעך, האָט זיך געווענדט צו אײנער פֿון די פֿרויען, וואָס זענען געשטאַנען נעבן אים:

„קום, אירית, לאָמיר מאַכן אַ לעבן, אפֿשר וועט פֿון דעם אַרויסקומען אַ נײַער זעלנער פֿאַר צה"ל".

„און קענען?" האָט אירית רעאַגירט.

„אירית, איך פֿאַרזיכער דיר, אַז ער קען", האָט זיך אָפּגערופֿן אַ צווייטע פֿרוי, דפנה, די פֿרוי פֿון דעם קליינטשיקן און דאַרן מיט די וואָנסעלעך, יורם בן־גון.

יורם האָט באַמערקט:

„דפנה, אירית האָט געפרעגט די שאלה בלויז לשם תפארת מליצה. זי קען מײַן טאַלאַנט".

„דפנה, האָסט אַ מאַן אַ פּערפעקטן דזשענטלמען", האָט אירית אַרײַנגעלאַכט אין פּנים פון דפנהן.

מיט אַ פּלוצעמען טומל האָט אויפגעריסן טאַנצמוזיק. דאָס האָט גדעון געלאָזט אין גאַנג דעם נײַעם פּאַטעפאָן, וואָס זײַנע הילכערס זענען געווען צעשטעלט אין קעגנזײַטיקע ווינקלען פון דעם סאַלאָן. ער האָט געכאַפּט שושנהן און אויסגערופן:

„חברה, איידער איר באַקומט אַ צוו־קריאה, מאַכט אַ לעבן!"

נתן שפּילבערגער האָט שושנהן אַרויסגענומען פון גדעונס אָרעמס:

„הײַנט געהערט זי צו מיר, די סעקסבאָמבע!"

עמעצער האָט אָראָפּגעדרייט דאָס עלעקטרישע ליכט. נאָך אַ רגע פון פּולער פינצטערניש האָבן אָנגעהויבן אַרײַנשײַנען דורך די פענצטער און דורך דעם באַלקאָן די שוואַכע פאַרנעפּלטע ליכטער פון די אַרומיקע הײַזער. אין דער טונקלקייט איז די טאַנצמוזיק געוואָרן נאָך מער רעשיק. די פּאָרלעך האָבן זיך באַוויגן ווי שאָטנס, וואָס האָבן זיך צוזאַמענגעפּלאָכטן אין נישט רעאַלע פיגורן. די לופט איז געוואָרן אַ געדיכטע, ווי איר פײַכטקייט וואָלט פּלוצעם שטאַרקער געוואָרן. איין מענער־שאָטן האָט געצויגן אַ שאָטן פון אַ פרוי. ביידע זענען אַרויס אויפן באַלקאָן, באַלד צוריק אַרײַן אין סאַלאָן און ערגעץ ווו פאַרשוווּנדן. פון די הילכערס האָט זיך געטראָגן די מוזיק ווי פון צעהיצטע קעץ אין פײַכטע הייסע זומערנעכט. דער שאָטן פון ריטשאַרד סײַמאָן האָט זיך אַרויסגערוקט אויפן באַלקאָן. מיט די הענט האָט ער זיך אָנגעשפּאַרט אָן דעם פּאַראַפּעט, אַריבערגעקוקט צום שכנותדיקן הויז, ווו אויף די ליכטיקע באַלקאָנען האָבן שטילע געזעמלעך געשפּילט אין קאָרטן. ס'האָט אויסגעזען ווי די געזעמלעך אויף די באַלקאָנען וואָלטן אַלע אײַנגעשלאָפן זיצנדיקע, און דאָס שפּילן אין קאָרטן איז מתוך אינערציע. נאָך יאָרן זיצן אויף די באַלקאָנען אין דער פײַכטער לופט האָבן זיך די הענט צוגעוווינט צו מעכאַנישע באַוועגונגען פאַר צווואַרפן אָדער אָננעמען אַ קאָרט. דעריבער איז אַזוי שטיל. ריטשאַרד האָט זײַן בליק איבערגעפירט פון די באַלקאָנען צום הימל. ער איז געווען באַדעקט מיט אַ ראָזלעכן נעפּל, וואָס האָט אָפּגעשלאָגן דאָס ליכט פון דער שטאָטישער באַלײַכטונג. ריטשאַרד איז געוואָרן אומגעדולדיק, דער באַלקאָן איז אים געוואָרן צו ענג. ס'איז אַרויסגעקומען הדה. זי האָט אַרויפגעלייגט איר האַנט אויף זײַן האַנט אויפן פּאַראַפּעט און זי אַ דריק געטאָן.

„האָסט נישט קיין סיבה צו זײַן בייז", האָט זי געזאָגט שטיל און אויף ענגליש.

סײַמאָן האָט געשוויגן. ער האָט געפּרוּווט באַפרײַען זײַן האַנט פון אירער און זי האָט אים די האַנט נישט באַפרײַט. פון דעם אַנטקעגנאיבערדיקן הויז אויף אַ באַלקאָן האָט פּלוצעם אַ הילד געטאָן אַ פאַראייַנצלטער קוויטש: „יש לי!" און

דער קוויטש איז אָפּגעשטאָרבן. די שאָטנס דאָרט האָבן זיך ווידער באַוועגן אין זייער סאָמנאַמבולישן שלאָף.

„ריטשאַרד, מיר זענען מאָדערנע יונגע מענטשן. טאָר איך נישט טאַנצן מיט אַ פרעמדן מאַן?" האָט הדה אויפגעהויבן איר קאָפּ און געזוכט דעם בליק פון איר מאַן.

„טאַנצן מיט דער האַנט אין דײַן דעקאָלט איז מאָדערניזם?" האָט ער געפרעגט נישט קוקנדיק צו איר.

„נישט ריכטיק!" האָט הדה געלייקנט. „איך דערלויב עס נישט קיין מאָל".

„דאַנט לאַי!" האָט ער דורכגעזיפּט דורך די ציין און אַ ריס געטאָן זיך, כּדי צו אַנטלויפן. זי האָט אים פאַרהאַלטן מיט אַ בעטנדיקן טאָן:

„מיר זענען געסט. מאַך נישט קאַליע עמעצנס נשף. קום, איך וועל טאַנצן בלויז מיט דיר".

ער האָט נישט רעאַגירט. ער איז געווען פאַרקוקט צו די באַלקאָנען פון דעם אַנטקעגנאיבערדיקן הויז. מיט אַ געענדערטן טאָן האָט זי געפרעגט אויסשטרעקנדיק די האַנט צו די באַלקאָנען:

„זעען זיי נישט אויס ווי זיי וואָלטן געשפּילט אין קאָרטן אויף יענער־וועלט?"

ווי ס'איז פּלוצעם פאַרלאָשן געוואָרן דאָס עלעקטרישע ליכט, אַזוי פּלוצעם און צו דער איבערראַשונג פון די טאַנצנדיקע האָט זיך דאָס ליכט אָנגעצונדן. דאָס ליכט האָט באַלויכטן חדווהן און צוויי אַנדערע פרויען באַלאָדענע מיט טאַצן סענדוויטשן. די טענצער האָבן די דערשײַנונג מקבל־פּנים געווען מיט אַפּלאָדיסמענטן. נתן שפּילבערגער האָט אַ שפּרונג געטאָן צו די טאַצן, געכאַפּט אַ סענדוויטש און אויסגערופן מיט פריילעכקייט:

„כ'האָב שוין געהאַלטן בײַ אַן אַנדער סענדוויטש, איז חדווה געקומען מיט איר קאָנקורענץ!"

„יענעם סענדוויטש וועסטו נישט אויפעסן", האָט יורם אַ קוק געטאָן אויף שושנהן און זי האָט געלאַכט אַ צעהיצטע.

יענע נאַכט איז שושנה אַהיימגעקומען אַ שיכּורע. זי האָט געקענט נתן שפּילבערגער פון פריִערדיקע פרײַטיק־צו־נאַכטסן בײַ אירע פרײַנד, אָבער בײַ גדעון בר־עוז האָט זי אים ריכטיק באַקענט. ער האָט אין איר אויפגעוועקט נײַע תּענוגים. זי איז געווען צופרידן וואָס דאָס מאָל איז צבי געבליבן אין דער היים. זי האָט זיך בײַ גדעונען געקענט פילן פרײַ, נישט געהעמט געוואָרן ווי הדה, וואָס ווי עמעצער האָט זיי באַמערקט אויפן באַלקאָן האָט ריטשאַרד אויפגעהויבן איבער איר די האַנט, נאָר דער קאַלטער ענגלענדער אין אים האָט אים באַהערשט. אַלץ אין לעבן האָט זײַן ווערט, אַפילו דאָס וואָס דער מאַן בלײַבט אין דער היים און לאָזט זײַן פרוי אַליין גיין צו אַ פאַרווײַלונג.

די שעה איז געווען אַ פאַרטאָגיקע, דאָס גאַנצע הויז איז געשלאָפן. שושנה

איז געגאַנגען אויף די טרעפּ אויף די שפּיץ פינגער, כאָטש געטראַכט האָט זי בלויז נישט איבערצוּוועקן איר מאַן. זי האָט אָנגעצונדן דאָס עלעקטרישע ליכט אין דער קיך, אויסגעטאָן די שיך און ביי דער קיכשיסל אָפּגעוואַשן די הענט, ווי זי וואָלט פון די הענט געוואָלט אָפּמעקן עפּעס וואָס זי דאַרף אויסבאַהאַלטן. אין דעם טונקעלן סאַלאָן האָט זי זיך אויסגעטאָן, די קליידער אַוועקגעוואָרפן פון זיך אָן צו קימערן זיך ווו זיי פאַלן. זי האָט זיך דערמאָנט, אַז די פלעשעלעך און סלאָיִקלעך אַראָפּצונעמען דעם מאַקיאַזש פון איר פּנים זענען אויפן טישל אין שלאָפצימער. איצט טאָר זי דאָרט נישט קלימפּערן, צבי וואָלט זיך איבערגעוועקט, זי וויל ער זאָל איצט זיין ווייטער פון איר. דער תּענוגדיקער ציטער מיט נתן שפּילבערגער הויערט נאָך אין איר גוף און זי וויל מיט דעם ציטער איינשלאָפן. האָט זי ביסלעכווייז אַראָפּגעווישט דעם מאַקיאַזש מיט טואַלעט־פּאַפּיר, זיך איינגעקוקט אין די פאַרבן־ביזאַנסן וואָס זי האָט אַראָפּגעווישט פון איר פּנים און געשמייכלט צום פּאַפּיר. שטיל, שטיל האָט זי זיך אַריינגעשאַרט אין שלאָפצימער, אַפילו נישט געזוכט איר נאַכטהעמד, און פאַרזיכטיק זיך אַוועקגעלייגט צו ערשט אויפן ראַנד פונעם בעט און דערנאָך זיך געמאַכט באַקוועמער. צבי האָט זיך איבערגעוועקט מיט אַ כאָרכל און מיט דער האַנט געזוכט שושנהן, ווי זי וואָלט אין דעם בעט געהאַט פאַרלוירן געגאַנגען.

„שוין לאַנג ווי דו ביסט צוריקגעקומען?" האָט ער געפרעגט מיט אַ קול פול מיט שלאָף.

„נישט לאַנג, נאָר איך באַדויער וואָס איך האָב דיך נישט געהערט און נישט געבליבן אין דער היים", האָט זי געזאָגט אַזוי ווי זי וואָלט געווען פאַרלאַנגוויילט.

„אַ מאַן דאַרף מען הערן. ווידער געפּלאַפּלט וועגן פּאָליטיק, וואָס?" איז זיין קול געוואָרן וואַכער.

„סתּם נישט אינטערעסאַנט", האָט זי געזאָגט און מיט דער האַנט געזוכט איר נאַכטהעמד.

צבי האָט זיך צוגערוקט צו איר און זי אַרומגענומען:

„נישטאָ עפּעס בעסערס ווי אַן אייגענער מאַן", האָט ער געשמעקט צו איר פּנים.

„וואָס איז אמת איז דאָס, אַז דער אָוונט האָט מיך שרעקלעך אויסגעמאַטערט. גאָרנישט מאַטערט אַזוי אויס ווי לאַנגווייליקייט", האָט זי נישט רעאַגירט אויף זיינע צערטלעכקייטן.

„מאָרגן איז שבת, וועלן מיר זיך איצט ביידע פאַרמאַטערן און מאָרגן וועלן מיר זיך ביידע אויסרוען".

שושנה האָט איבערצייגט איר מאַן, אַז כאָטש דער אָוונט ביי גדעון בר־עוז איז געווען אַ לאַנגווייליקער, מוז זי זיך רעוואַנזשירן. ביי דער געלעגנהייט וועט זי ווייזן דער הדה סיימאָן, אַז דאָס וואָס זי האָט געלערנט אין לאָנדאָן במשך פון יאָרן, קען זי, שושנה, פון אינסטינקט. און די חדווה מיט די קורצזיכטיקע אויגן

האָט זיך נאָך נישט אויסגעלערנט, אַז צו וועסקי דערלאַנגט מען איילבירטן און נישט פאַרשימלטע קרייקערס. ס׳האָט בײַ שושנהן גענומען אַ וואָך צײַט טעלעפאָניש אָפּצורעדן מיט אַלע באַקאַנטע וואָס זי האָט געוואָלט האָבן בײַ זיך אויף אַ פרײַטיק־צו־נאַכט. בײַ דער געלעגנהייט האָט זי זיך דערוווּסט, אַז יורם האָט געצוווּנגען דפנהן צום צווייטן אַבאָרט. דערווײַל ווייסט מען נאָך נישט די ריכטיקע סיבה. ס׳קען זײַן, אַז יורם קלײַבט זיך צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד, ס׳איז אים נימאס, זאָגט ער, דאָס כּסדרדיקע גיין אין רעזערוודינסט. ס׳קען אויך זײַן, אַז דפנה איז צו קאַלט פאַר אים און ער וויל זי אײַנטוישן. איןביידע פאַלן זענען קינדער צוגעבונדן צו די פיס ווי שטיינער. צי האָט דען שושנה נישט געזען ווי אַט דער קליינטשיקער מיט די דינע וואָנסעלעך איז געקראָכן הדהן אין בוזעם אַרײַן און זי האָט אים אַ ביס געטאָן אין דער האַנט? יעס, מײַ דאַרלינג. אַז מ׳האָט אויגן זעט מען אַלץ.

פון די אַלע טעלעפאָנען, וואָס שושנה האָט געמאַכט במשך פון אַ גאַנצער וואָך האָט זיך אָנגעקליבן אַ לאַנגער צעטל פון געסט. זי האָט דורכויס געוואָלט בײַ זיך האָבן איר שוואָגער מאָטל סימקין, דעם חבר־הכּנסת, וואָס כאָטש ער איז מסתּמא דער ייִנגסטער אין דער כּנסת, האָט נישט די מפא״י־רעגירונג פון אים קיין נחת. זײַנע שטעכיקע צווישנרופן בעת עס רעדן די מיניסטאָרן, ווערן באַשריבן אין די צײַטונגען. אויך זײַן פאָטאָגראַפיע איז שוין צוויי מאָל געווען אין די מיטאָגבלעטער. זי וויל אויך האָבן בײַ זיך איר שוועגערין יוכבד מיט איר חבר דוד, אָדער סטעפאַן אַרטאַפאַנוס.

יוכבד דערציילט נישט קלאָר פאַר וואָס איר חבר האָט סײַ אַ ייִדישן און סײַ אַ קריסטלעכן נאָמען. דאָס וואָס יוכבד און דוד האָבן נישט חתונה כאָטש זיי גייען שוין אַרום לאַנג, איז אפשר אַ סימן, אַז אין ראַבינאַט איז מען נישט זיכער צי אונטער דעם ייִדישן נאָמען דוד באַהאַלט זיך נישט אַ גויישער סטעפאַן. איר אַליין, שושנהן, אַרט עס נישט. עס פאַרדריסט איר נאָר פאַר וואָס אין הויז פון איר שוויגער שווײַגט מען דערוועגן. פון די עטלעכע מאָל ווי זי האָט זיך באַגעגנט מיט דודן, אָדער מיט סטעפאַנען, זעט ער איר אויס נישט ווי אַלע ייִדישע יונגע־לײַט. ער רעדט אַפילו גערן ייִדיש און דאָך... אפשר טאַקע וויל ער מיט ייִדיש פאַרשטעלן זײַן גוייִשקייט?... צבי פּטרט זי אָפּ מיט דעם ענטפער, אַז יוכבד איז אַלע מאָל געווען אַ נישט־געצוימטע, נאָר זי האָט דעם קאָפּ אויפן קאַרק. און די רעשט גייט אים נישט אָן. אַגב, די מאַמע האָט באַקענט דעם פאָטער פון דוד־סטעפאַן אַרטאַפאַנוס. ער איז אַ דאָקטער, נאָר אַן אויסטערלישער דאָקטער, אַן אַלטמאָדישער. אַז מ׳קלאָגט זיך פאַר אים אויף די נירן, וויל ער וויסן אַלץ וואָס עס טוט זיך אין דער משפּחה. כאָטש גיי דערצייל אים ווי עס האַלט מיט דײַן מס־הכנסה...

נישט ווי בײַ חדווה בר־עוז, האָט שושנה באַשטעלט צוויי פרויען זיי זאָלן איר העלפן אין דעם פרײַטיק־צו־נאַכט באַדינען אירע געסט. אויך די סענדוויטשן און די געטראַנקען האָט זי באַשטעלט און גענומען קבלות. צבי וועט די קבלות

אריינגענעמען ווי הוצאות פאַר מס־הכנסה, וועט איר דער פּרייַטיק־צו־נאַכט גאַרנישט קאָסטן. צבי איז גערעכט: מ'דאַרף נאָר האָבן דעם קאַרק אויפן קאָפּ.

דער פרייַטיק־צו־נאַכט איז נישט אויסגעפאַלן ווי שושנה האָט געהאָפט. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט, אַז פּונקט ווי אירע סענדוויטשן און די צוויי עוזרות, וואָס זי האָט גענומען צו הילף פאַר דעם אָוונט, וועלן זײַן אַן איבערראַשונג, אַזוי אויך וועט איר קומענדיקער שוואָגער, דוד־סטעפאַן אַרטאָפּאַנוס, זײַן אַ סורפּריז פאַר איר געזעלשאַפט. יוכבד האָט איר אַזוי פיל דערציילט וועגן אים. ער איז שוין כמעט אַ וותיק. געקומען אין לאַנד אַרײַן יאָרן פאַר דער אַנטשטייונג פון דער מדינה, אַנטייל גענומען אין אַלע ביזאַנטיקע מלחמות און דאָך איז ער אַנדערש פון אַלע יונגע מענטשן אין דער מדינה. אַפילו זײַנע מאַנירן זענען נישט קיין ישראלדיקע. דער פאָטער, בערל, וואָס געדענקט די פּוילישע אַרמיי, ווען זי איז געווען אין פּאַלעסטינע אין דער צווייטער וועלט־מלחמה, זאָגט אַז דודס מאַנירן זענען „פּראָשע פּאַנאַ", געבויגן זיך אַהער און געבויגן זיך אַהין. אַז ער איז געקומען דאָס ערשטע מאָל צו זיי אַהיים, אין ראשון־לציון, האָט ער, דוד, אַ קוש געטאָן דער מאַמע אסתּר אין דער האַנט. שפּעטער האָט די מאַמע געשמעקט צו איר האַנט צי זי פילט זיך נישט מיט ציבל, אָדער מיט קנאָבל, אָדער מיט אַן אַנדער ריח פון דער קיך. ווען זי זאָל פריִער וויסן אַז ס'איז פאַראַן אַזאַ זאַך אויף דער וועלט, וואָלט זי די האַנט אָנגעשמירט מיט פּאַרפום, אָדער אַפילו בלויז געוואַשן זי מיט שמעקעדיקן זייף.

פון דעם געהערטן האָט שושנה צוגעגרייט אירע הענט. זי האָט פריִער קרעמירט, דעם קרעם געלאָשן מיט אײַנזאַפּ־פּאַפּיר, זיי לײַכט באַבשמימט מיט פּאַרפום און אויף די פינגער אַרויפגעצויגן דרײַ בריליאַנטענע רינגלעך. נאָר דוד האָט באַגריסנדיק זיך מיט איר נישט געקושט איר האַנט. ער האָט זיך בלויז טיף פאַרנייגט און אויפהייבנדיק צוריק דעם קאָפּ האָט ער געזאָגט אַ ביסל שעמעוודיק:

„אַזאַ שיינקייט זעט מען נישט צו אָפט אין ישראל".

שושנה האָט זיך פאַררויטלט און אַ קוק געטאָן אויף יוכבדן:

„און יוכבד?" האָט זי געפרעגט.

„דאָס וואָס איך זאָג", האָט ער יוכבדן אַ קוש געטאָן, „אַזאַ שיינקייט זעט מען נישט צו אָפט און ביידע שוועגערינס שאַפן די דערשײַנונג".

שושנה איז געווען גליקלעך, אָבער נישט צו לאַנג. צבי סימקין האָט זיך שוואַך אויסגעקעקנט אויף טאַנצמוזיק. דערצו האָט ער צוריקגעקערט אַהיים זייער שפּעט און ער האָט נישט געהאַט גענוג צײַט זיך אויסצושלאָפן פאַרן אויפנעמען די געסט. אַז שושנה האָט אים געהייסן ער זאָל לאָזן אין גאַנג דעם פּאַטעפאָן מיט טאַנצמוזיק, האָט ער אָנגעשטעלט אַ פּלאַטע מיט ווינער וואַלצן. גדעון בר־עוז האָט פאַרבעטן יוכבדן צו טאַנצן מיט אים, נאָר ער האָט זי פאַרבעטן נישט מיט ווערטער. ער האָט זי אַ צי געטאָן בײַ דער האַנט. דודן האָט זײַן באַוועגונג אַ צי געטאָן בײַם האַרץ. אין דער רגע האָט ער גדעונען פײַנט

געקריגן. אַז גדעון, וואָס האָט זיך געגרייט צו אַ שווונגטאַנץ, האָט דערהערט די ערשטע טענער פון אַ וואַלץ, האָט ער אויסגערופן אַן אַנטוישטער:

„צבי, האָסט פאַרגעסן, אַז מיר זענען נישט אויף אַ ייִדישער חתונה אין גלות?!" און ער האָט אָנגעהויבן מאַכן לעכערלעכע באַוועגונגען שטייענדיק נאָענט צו יוכבדן.

דוד האָט זיך אַרײַנגעשטעלט צווישן אים און איר און אים געפרעגט פּראָוואָצירנדיק:

„חבר, ביסט אַ מאָל געווען אין דעם גלות פון וועלכן דו מאַכסט חוזק?"

„וואָס פאַלט דיר איַין?" האָט גדעון געענטפערט מיט אַ פראַגע.

„האָסט אַ מאָל בײַגעוווינט אַ ייִדישע חתונה אין יענעם גלות?" האָט דוד אָנגענומען יוכבדן בײַם אָרעם און זי געצויגן אָן אַ זײַט, ער זאָל נישט שטיין צו איר מיטן רוקן.

„כ'האָב געזען אינטערעסאַנטערע זאַכן ווי גלותדיקע חתונות", האָט גדעון זיך געהויבן אויף די שפּיץ פינגער, כּדי צו זײַן אויף דער זעלבער הייך ווי דוד.

יוכבד האָט אַ גלעט געטאָן דודס קאָפּ, כּדי אים צו צוימען. דוד האָט זי באַרויִקט מיט אַ בליק און זיך צורוקנדיק נענטער צו גדעונען האָט ער געלאָזן געצויגן זײַנע ווערטער:

„מעגלעך אַז דו האָסט געזען אינטערעסאַנטערע זאַכן ווי אַ ייִדישע חתונה אין יענעם גלות, וואָרעם וואָס האָט בכלל געקענט זען אַ פּראָווינצער סנאָב אָן קולטור? וועל איך דיר זאָגן עפּעס נאָך מער אינטערעסאַנטס: אַ מענטש וואָס חוזקט און שעצט גרינג זאַכן וואָס ער קען נישט, ווייסט גאָרנישט וועגן זיי, נאָר פּלאַפּלט נאָך אינדאָקטרינאַציע־טראַפּאַרעטן, איז אַן עם־הארץ".

„דער גלות־ייִד האָט זיך באַליידיקט!" האָט גדעון אויסגערופן.

צבי סימקין האָט געפּרווט אַ סוף מאַכן צום צוזאַמענשטויס, ער האָט זיך געשטעלט צווישן בײדע מיט צוויי גלעזער וויסקי:

„לאָזט איבער דעם וויכּוח פאַר דער כּנסת", האָט ער געשטופּט דעם אַ גלאָז און דעם צווייטן אַ גלאָז.

דוד האָט גענומען די גלאָז אַלקאָהאָל, טועם געווען פון איר און אויפהייבנדיק זי ווי צו אַ טאָסט האָט ער געזאָגט, זיך אָפּווענדנדיק פון גדעונען:

„איך וואָלט וועלן, אַז אַלע ישׂראלדיקע סנאָבן זאָלן וויסן, אַז כּדי מיר דאָ, אין ישׂראל, זאָלן דערגרייכן צו דער מאָראַלישער הייך און צו דער קולטור, צו וועלכער עס איז דערגאַנגען דער גלות אין מיזרח־אייראָפּע, וועלן מיר דאַרפן האָבן וויניקסטנס אַ פינף הונדערט יאָר, בתּנאַי די אַנגלאָ־זאַקסישע לעוואַנטיניזאַציע זאָל פון אונדז נישט מאַכן קיין קולטור־קאַליקעס. הגם איך... איך..." דוד האָט זיך אויף אַ רגע פאַרלוירן און דערנאָך אַ שמייכל געטאָן צו יוכבדן. „זײַן אַ גלות־ייִד און זיך האַלטן בײַ די ווערטן וואָס דער גלות האָט געשאַפן, מיינט זײַן אַ ייִד פון אַ העכערער מדרגה..."

„ווער איז דאָ אַ ייִד?" האָט גדעון אויסגערופן. „איך בין נישט קיין ייִד, איך

בין אַ ישׂראלי. מײַן שײַכות צו ייִדן איז די שײַכות אַז איך האָב נישט צו זיי קיין שײַכות. מיר דאָ זענען אַ באַזונדער פאָלק".

„מזל־טובֿ!" האָט דוד אויסגערופֿן נאָך העכער, „אַ פאָלק מעיד אין 1948, מיט אַ קולטור מעיד אין 1948!"

דעם וויכּוח האָט איבערגעריסן דאָס אַרײַנקומען פֿון דעם כּנסת־מיטגליד מרדכי סימקין. ער איז געקומען מיט נאָך צוויי יונגע מענטשן, וואָס האָבן באַצײַטנס זיך פֿאַרלאָזט בײַכלעך, מיט הויזן־רימענס אונטער די בײַכלעך ווי אַ צייכן פֿון אַרויפֿגעאַרבעטקייט מיט די אייגענע כּוחות. מרדכי האָט געמאָלדן שושנהן אַז ער און זײַנע באַגלייטערס קומען פֿון אַ וויכטיקער זיצונג און זיי זענען פֿאַר אָוונטברויט. די מעלדונג האָט צעשטערט שושנהס פּלענער בנוגע דעם כּיבוד. ס'איז אויך נישט דערגאַנגען צום טאַנצן. די אויגן זענען איצט געווען געווענדט צום חבֿר־הכּנסת, וואָס מסתּמא ווייסט ער אַלע סודות פֿון דער מדינה. חדווה בר־עוז האָט זיך געסודעט מיט הדה סײַמאָן, אַז שושנה קען אַפֿילו קיין פּריוואַטיק־צו־נאַכט־נשף נישט אײַנאָרדענען. שפּעטער זענען די מענער אַפֿילו געווען צופֿרידן. אַנשטאָט צו טאַנצן האָבן זיי זיך דערוווּסט פֿון דעם חבֿר־הכּנסת, אַז אין דער זעלבער שעה ווערט באַשאָסן מיט אַרטילערישע קוילן די מצרישע מיליטערישע באַזע אין עזה אַלס שטראָף פֿאַר דעם איבערפֿאַל פֿון פֿאַדאַיִנס אויף אַ ייִדישן גרענעץ־יישובֿ. ריטשאַרד סײַמאָן, וואָס האָט ליב פּינקטלעכקייט האָט געוואָלט וויסן וואָס עס וועט זײַן דער סוף פֿון די טעראַראַקטן און די רעוואַנזשאַקטן. מרדכי סימקין האָט אין דער ריכטונג פֿון סײַמאָנען אויפֿגעהויבן דעם אָפּגעביסענעם סענדוויטש און צוזאַמען מיטן קײַען דעם ביס אין מויל געזאָגט:

„דאָס איז די ריכטיקע פֿראַגע, וואָס אונדזער באַוועגונג הערט נישט אויף צו פֿרעגן דעם מפא״י־רעזשים: וואָס וועט זײַן דער סוף? מפא״י האָט נישט ליב צו פֿאַרענדיקן זאַכן. אין 1948, ווען אצ״ל האָט געהאַלטן בײַם פֿאַרנעמען די אַלטשטאָט פֿון ירושלים און פֿאַרטרײַבן דעם מלך אַבדאַללאַ צוריק אין דער מידבר פֿון וואַנען די ענגלענדער האָבן אים געבראַכט, האָט בן־גוריון געשלאָסן מיט אים אַן אָפּמאַך, אים אָוועקגעגעבן דעם וויכטיקסטן טייל פֿון ארץ־ישׂראל מיט חבֿרון, מיט שכם, צוזאַמען מיט דער אַלטשטאָט פֿון ירושלים. דערפֿאַר באַצאָלן מיר איצט מיט קרבנות אויף דער גרענעץ. איצט, אַנשטאָט אַרײַנגיין מיטן גאַנצן כּוח אין עזה און זיך דאָרט פֿאַרפֿעסטיקן און אָנלערנען די אַראַבער זיי זאָלן זיצן שטיל, טוט ווידער מפא״י אַ האַלבע אַרבעט".

„צי וואָלט דען עמעצער געמאַכט עס בעסער?" האָט יורם אַ וויש געטאָן זײַנע וואַנסעלעך אין דער און אין דער פֿאַרקערטער ריכטונג.

דער חבֿר־הכּנסת האָט אַראָפּגעשלונגען אַ צעקײַטן ביסן און געווישט איין פֿינגער אין צווייטן.

„דאָ איז נישטאָ קיין בעסער און קיין ערגער", האָט ער געזאָגט מיט זיכערקייט, „די אַראַבער דאַרף מען איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל געבן צו פֿאַרשטיין,

אַז מיר זענען די באַלעבאַטים פון ארץ־ישׂראל. אונדזער קושאַן טראָגן מיר מיט זיך זינט צוויי טויזנט יאָר. דאָס וואָס מיר האָבן דעראָבערט מיט בלוט איז בלויז אַ קליינער טייל פון אונדזער אייגנטום אין ארץ־ישׂראל. כּל־זמן מיר לאָזן די אַראַבער זיצן אויף אונדזער ערד, מיינען זיי, אַז דאָס קומט זיי און אַז זייערס איז אויך וואָס מיר האָבן דעראָבערט. מפּא״י פאַרשטייט עס נישט, דעריבער זענען מיר אויס ווי מיר זענען אויס״.

„וואָס וואָלט איר געטאָן ווען איר וואָלט איבערגענומען די מאַכט?״ איז אים דוד אַרייַנגעפאַלן אין די רייד.

„איך האָב געוואָלט שטעלן די זעלבע פראַגע״, האָט באַמערקט ריטשאַרד סיימאָן.

מרדכי סימקין האָט סיַי אויף דעם און סיַי אויף יענעם אַ קוק געטאָן ווי אויף באַיווע און ער האָט געזאָגט ווי ער וואָלט גערעדט פאַר תּלמידים:

„וואָס מיר וועלן טאָן ווען מיר וועלן קומען צו דער מאַכט? מיר וועלן מיט די אַראַבער טאָן דאָס זעלבע וואָס מיר האָבן געטאָן מיט די ענגלענדער — מיר וועלן זיי פאַרטריַיבן פון ארץ־ישׂראל ביז איבער אונדזערע היסטאָרישע גרענעצן, ווי דוד המלך האָט זיי באַשטימט און שלמה המלך האָט זיי באַפעסטיקט. דעמאָלט וועלן מיר נישט האָבן קיין פּאַלעסטינעזער פּליטים־פראַגע, נישט קיין אַראַבישע פראַגע און נישט קיין פראַגע פון פּאַדאַיִנס. דאָס פאַרשטייט נישט מפּא״י און זי פירט מיט די אַראַבער די זעלבע פּאָליטיק ווי אַ מאָל מיט די ענגלענדער: אָפּציִען, נישט באַשליסן, זוכן שתּדלנות, ווי די ייִדישע שתּדלנים אין גלות״.

„פאַר אַ גרויס מדינת־ישׂראל!״ האָט אויסגערופן צבי און געטראָגן פאַר זיך אַ טאַץ מיט ליידיקע גלעזער אין איין האַנט און אין דער צווייטער האַנט אַ פלאַש וויסקי.

דוד האָט גענומען אַ גלאָז אַלקאָהאָל און אויסגערופן אין דעם זעלבן טאָן וואָס צבי:

„לאָמיר טרינקען פאַר דעם ערשטן אָפּטובלען זיך אין טיַיך פּרת!״

„צום ערשט פאַר אָפּטובלען זיך אין ירדן!״ האָט אויפגעהויבן זיַין גלאָז איינער פון מרדכי סימקינס באַגלייטערס.

„ניין, ניין!״ האָט דוד דערווידערט, „פון די וואָס האָבן זיך געטובלט אין ירדן איז געוואָרן אויס ייִדן; קריסטן זענען זיי געוואָרן. און איך וויל אַ מדינה פון ייִדן, ווי גאָט האָט צוגעזאָגט: פון נחל מצרים ביז פּרת און חדקל, קיין איין דונאַם נישט ווייניקער!״

„יוכבד, דיַין חבר איז געוואָרן אַ ציוניסט־מאַקסימאַליסט? אַזוי שנעל?״ האָט מרדכי סימקין געפרעגט זיַין שוועסטער.

יוכבד האָט געלאַכט מיט צוויי שורות וויַיסע ציין:

„זעט אויס, די השפּעה פון אונדזער היים אין ראשון־לציון״.

דוד האָט זי אַרומגענומען און געזאָגט, אַז אַלע זאָלן הערן:

„די השפּעה גייט אַ סך ווײַטער. אויב מיר זאָלן אָננעמען די הנחה, אַז דער גאָט פון ישׂראל האָט באַשאַפן די וועלט, און די הנחה איז אַ ריכטיקע, ווײַל אויך די קריסטן און די מאָסלעמס זענען אין דעם זיכער, פרעג איך די שאלה: פאַר וועמען בויט אַ פאָטער זײַן הויז אויב נישט פאַר זײַנע קינדער? פאַר וועמען, אויב אַזוי, האָט גאָט באַשאַפן די גאַנצע וועלט אויב נישט פאַר זײַן אויסדערוויילט פאָלק? איך האַלט דעריבער פאַר אַן אומזין צו טראַכטן בלויז וועגן באַגרענעצטע גרענעצן. נישטאָ פאַר אונדז קיין גרענעצן. די גאַנצע וועלט געהערט צו אונדז!"

„וואָס וועסטו טאָן מיט די גוים?" האָט נתן שפּילבערגער געפרעגט טוענדיק אַ ווונק צו גדעון בר־עוז.

„דאָס זעלבע וואָס ,חרות' וויל טאָן מיט די אַראַבער — פאַרטרײַבן זיי אין דער מידבר. די ערד פאַרמאָגט אַ סך מידבריות", האָט דוד געזאָגט מיט איבערגעטריבענעם ערנסט, „סײַדן זיי וועלן זיך מגייר זײַן און דאַן וועלן מיר האָבן אַ געזיכערטע מל־זײַן־אינדוסטריע אויף אַ פּאָר הונדערט יאָר, וואָס וועט אונדז אַרײַנברענגען מער פרעמדע וואַלוטע ווי עס באַקומען די אַראַבער פאַר זייער נאַפט".

„טראַג אַרײַן וועגן דעם אַ פאָרשלאָג אין דער כנסת צו דער מפא"י־רעגירונג", האָט מרדכי פאַרשטאַנען דודס סאַרקאַזם.

„אין דער כנסת קענען אַרײַנטראָגן פאָרשלאָגן נאָר מיטגלידער פון דער כנסת און נישט סתּם שטײַער־צאָלערס", האָט דוד געטרונקען צו זײַן קומענדיקן שוואָגער.

דער פרײַטיק־צו־נאַכט איז געווען אַ פאַרשפּילטער. דער אייציקער צופרידענער איז געווען צבי סימקין. ער האָט ליב צו רעדן וועגן פּאָליטיק און איינער זאָל אַרײַנזאָגן דעם צווייטן...

(קאַפּיטל פונעם בוך „דער ירדן פאַלט אַרײַן אין ים המלח")

ק. צעטניק

אין אַראַבישן דאָרף

(פּערטע דימענסיע)

א

מיט נאַכט־אַראָפּנידערונג קערן צוריק די זעונגען, אויפגעוועקטע, כּדי אַרומצושוועבן אין דער טונקלקייט. אַ שטייגער, שטומע פעלדזן גיבן צוריק דעם אייַנגעזאַפּטן טעגלעכן זונגלי צו דער פינצטערניש. אין אוישוויץ, בשעת לעצטער אויסגעלאָשענער האָפענונג, פלעגט ער אין מיטן נאַכט־חשכות זיך אַרויסשאַרן פון בלאָק, כּדי אָנצוהיטלען דעם הימל־קייַלעך אויפן קאָפּ. אין דער שטומער נאַכט־איינזאַמקייט האָט אַנטקעגן אים געפינקלט זייַן קיום ווי אַ בלאָנדזשענדיק, אַרומפליִענדיק גליווערעמל, און זייַנע אויגן האָבן געשפּונען אַ נייַ געוועב צו כאַפּן דעם קיום.

פון לאַנג שוין איז ער אַ צוגעווינטער צו זייַנע זעונגען. ער זעט זיי ווי פאַרנדיקע קאַמיוואַזשאַרן מיט היבטערווייַלעכצדיקע געדאַנקען אין זייערע טשעמאָדאַנען. זיי קומען אים אַנטקעגן, שטויסן זיך אין אים אָפּ. זייער געהיימע שפּראַך איז אים באַקאַנט. ער, ווי זיי, געהערן צו איין לאַנדשאַפט. זיי קומען פון איין געגנט. ער האָט געמיינט, אַז בשעת דעם ערד־ציטערניש זענען זיי אַראָפּגעזונקען אין תּהום און נישט געוואָרן. פּלוצעם, ווי רייַטנדיק אויף אַ קאַרוסעל, געדרייט פון די טאָג־קאַלענדאַרן, פאַרשווינדן זיי פון זייַנע אויגן און באַווייַזן זיך ווידער; פאַרשווינדן און באַווייַזן זיך. אייביקע מיט פאַראַנדערשטער פּנימדיקייט, אייביקע מיט הסתּר־פּנימדיקייט. אָבער אין בליק פון זייער אַלעמענס אויגן ליגט די זעלביקע מאָנונג. מסתּמאַ איז דאָס טאַקע זייער כּוונה: זאָל ער זען זייַן חתימה אויפן אָפּמאַך און נישט פאַרגעסן דעם טאָג פון אָפּצאָל!

קוקנדיק איצט צום געבערג וואָס גאַרטלט אַרום דעם דאָרפּפּלאַץ, באַקעט זיך אין אים אַרויס דאָס געדענקעניש ווי אַ רעטראָספּעקציע. ער דערזעט דאָס אין

די אויפגעשנירלטע פּיַערלעך פון די לוקסלעמפּ, וואָס פינקלען דאָרטן אויפן בּאַרגפּאַס. אַ פאַרכישופטע שטימונג שוועבט אין דער לופט, אַ מין השארת־הנפש־געפיל. באַקאַנטע עלעמענטן, וואָס מ׳קאָן זיי נישט אָנטאָפּן מיט די הענט.

מיטן אַראָפּנידערן פון דער סכנה שעפּטשעט דער הימל־קופּאָל סײַ אין דײַן אויער, סײַ אין אויער פון לאָקערער אין זײַן לאַך־באַהעלטעניש, אַ מין פאַרהוילענעם, טרויעריקן ניגון־קלאַנג, וואָס נישטאָ צו אים קיין פּיתרון. בלויז דערווידערקול וואָס קומט אַרויס פון דײַן טיפקייט ענטפערט צוריק דעם לאָקערער אויף זײַן שפּראַך.

אויף יענער זײַט פון דער שנור לוקסלעמפּ, אויף יענער זײַט הפקר־שטח פון דער אויסגעשפרייטער פאַרטונקלעניש — וואָס פאַר אַ צורה און געשטאַלט האָט איצט די סכנה וואָס איר ריח טראָגט זיך אַהער מיט יעדן ווינטבלאָז? די שנור לעמפּלעך אויף דער אוישוויצער עלעקטריש־געלאָדענער שטעכלדראָט־צוים האָט בײַ נאַכט אײַנגערוימט אין דײַן אויער לעגענדעס וועגן אַ פאַרהוילענער וועלט וואָס שפרייט זיך דאָרטן אויף יענער זײַט פינקלענדיקער לעמפּלשנור. מעגלעך אַז דאָרטן עקסיסטירן מענטשן, וואָס זייערע געשטאַלטן צינדלען זיך נאָך צו מאָל אַרויס פאַר דײַנע אויגן, פון דער פלאַנגעטן־ווײַטער, אַטאַוויסטישער פאַרגעסנקייט.

נאָר דערנאָך, אין דער שפּעטער אינדרויסנדיקער צײַט, האָט זיך פּלוצעם אַרויסגעוויזן אַז אויך יענע וואָס האָבן דיך געהאַלטן פאַרשפּאַרט אין אוישוויץ זענען געווען מענטשן.

אויף יענער זײַט באַרגפּאַס — וואָס באַהאַלט דאָרטן אין זיך די נאַכט?

הונדערטער קעפּ צוזאַמען. שורות. שורות. לוקסלעמפּ אַנטבלויזן די קעפּ. עלעהײַ אַ באַלויכטענע אָזערע אַנטפּלעקט זיך פון דער טונקלקייט וואָס גאַרטלט זי אַרום. עס טראָגט זיך אַ מאַכטיק געזאַנג פון זייערע העלדזער. מ׳קאָן זאָגן, אַ גײַ אַנטפּלעקטער תּוכן אין די אָפּגעבליאַקעוועטע ווערטער. פון דער מקומדיקער פאַרשלאָסנקייט איז אַרויס די אַנטפּלעקונג. און ווי מיט בונטאַריש־רעוואָלטירטן אויסגעשריי שאַלט דאָס געזאַנג: מה טוב ומה נעים שבת אַחים — — —

פאַר דײַנע אויגן: ניכבדים פון דאָרף, אין ציכטיקער קעפּיע־ווײַסקייט, לעבן אַמעריקאַנישע יוגנטלעכע. אָקעאַנען, קלימאַטן שיידן אָפּ צווישן זיי; ווי דאָ, אויף דעם ענגן לאַנדפּאַס, צווישן צוויי פעלקער־שכנים, שיידן פאַרנעפּלטע מרחקים נאָך מער פונאַנדער. נאָר הײַנטיקע נאַכט פאַראייניקט זיי אַלעמען אַ געריייניקטער אויפציטער. פון ווייטיקלעכער שינאה גייט אויף דער ציטער מיט דבקות און מיט דערהויבנקייט.

ווי באַלד דו האָסט איבערגעגעבן דײַן קול צום זינגענדיקן כאָר, זענען מער נישטאָ קיין באַגרענעצונגען. ס׳פאַרשווינדן די אָפּהאַלטן. אויפגעריסן די פאַרצוימונגען. דו שעמסט זיך נישט דורכן געזאַנג אַרויסצוברענגען די ווונטשן פון דער טיפעניש. צווישן אַלגעמיינעם זינגענדיקן כאָר קאָנסטו זאָגן דאָס, וואָס מיט שפּראַך וועסטו זיך נישט דערוועגן צו זאָגן. דעריבער נאָך אַ מאָל; און

טאקע נאָך אַ מאָל! אַ שאָד צו פאַרלירן וואָס עס האַלטן איצט די הענט. אַלע ווייסן וויל דעם פּירוש פון די ווערטער. אויגן צו אויגן זאָגן דעם באַשייד און קעל צו קעל ענטפערט. דעריבער געזונגען זאָל ווערן! ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל: מה טוב ומה נעים — — דזשיבנאַלקום סאַלאַם אַלייקום — — — —

וואָס פאַרשטעקט אין זיך די נאַכט און וואָס וועט מיט זיך ברענגען דער מאָרגן־שטערן?

„פון דער דאָזיקער עקסקורסיע וועלן מיר נעמען מיט זיך אָט דעם נישט־פאַרגעסלעכן אָוונט. איצט ווייסן מיר אַז איינעם היילקן לאַנד קאָנען לעבן צוזאַמען ייִדן און אַראַבער".

די פרעמדע שפּראַך פון מיקראָפאָן אָטעמט זיך אַריַין אין דער דאָרפישער אַטמאָספער. דאָלמעטשערס שטייען אין ביידע זייַטן פון דעם ייִנגל־פרעלעגענט פון דער אַמעריקאַנער ראַבײַ־גרופּע. זאָץ בײַ זאָץ ווערט פאַרטײַטשט פון ענגליש אויף אַראַביש און אויף עברית. כאָטש נישט קאָנענדיק די שפּראַך, זאַפּט פון דעסטוועגן דאָס האַרץ אין זיך אַריַין דעם יש דערפון, עלעהיי ס'זענען דערין פאַראַנען וויטאַמינען וועלכע ס'איז געזונט אַראָפּצושלינגען. די אַטמאָספער איז דעזינפעקטירט אָנטקעגן דעם ציבישן מיקראָב פון רעאַליטעט. דאָ קאָן הויזן בלויז איינער פון די צוויי עלעמענטן: חסד אָדער שינאה.

אַזוי ציִען זיך די רעדעס. דרײַשפּראַכיק. ס'רעדן ייִדן. ס'רעדן אַראַבער און ס'רעדט דער ראַבײַ. זיי זאָגן: דאָס פונאַנדערערעדן זיך פּנים־אל־פּנים איז אַ באַפעל פון דער שעה! זיי זאָגן: ס'דאַרף קומען אַ פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט צווישן די צוויי פעלקער! און אַזוי ווײַטער און ווײַטער. ווי גלײַך דער מעמד בייטיקט זיך איצט אין דער אויסגעדראָשנקייט פון מליצות, כדי די נשמות זאָלן נישט, פליִענדיק, אויסגיין אין דער הויכער ספערע.

מעשענע פּנימער פון די דאָרף־ניכבדים, געהילטע אין ווײַס־ציכטיקע קעפּיִעס; זיי שפּאַנען מיט פּאַוואַליעדיקע טריט בײַ די עקן פון פּלאַץ. זייערע געשטאַלטן מיגלען אין תּחום פון ליכט און טונקל. פאַרגייען און באַווײַזן זיך ווידער. דער באַזיץ אויף דעם מקום רוט בכבודיק אויף דער געלאַסנקייט פון זייערע טריט. ניכבדים אין זייער היעראַרכיע. נישטאָ קיין גרענעצן בײַ די פּאַלוסן פון דמיון. אויב ס'טרעפט, אַז די שײַן פון אַ לוקסלאָמפּ גיט פּלוצעם אַ דעק אויף דאָס הערמעטישע שווײַגן אויף אַזאַ פּנים, אַ בליק באַגעגנט זיך מיט אַ בליק, דעמאָלט צעטרעט דער סאַנדאַל דעם ציגאַרעט אין זאַמד: אַזוי פיל פרעמדשפּראַכן הערשן איצט אויף זייער דאָרפישן פּלאַץ. דו קאָנסט פּשוט זיך נישט ווענדן צו אַ מענטש אָן דער הילף פון אַ פאַרמיטלער. סײַ ווי וועסטו נישט קאָנען זיך אַרויסזאָגן וועגן דאָס און יענץ, וואָס אין דער מוטערשפּראַך קאָנסטו דאָס אַזוי קלוג און גוט פאַרקאָמופּלאַזשן. אין דײַן שפּראַך, חביבי, וועט קיינעם נישט געראָטן דיר אונטערצושטעלן אַ פיסל. בעסער אַ הערמעטיש פאַרשווײַגעניש.

בלויז די יונגע אין דאָרף קענען לייענען די אײַנגעקריצטע היעראָגליפן אין די פאַרמעטן פון די זקנים פּנימער. אָבער די יונגע, זיי זענען איצט אין מיטן

פלאַץ, אין טאַנץ מיט דעם יאָהוד. קרײַז אין קרײַז. הענט פאַרשלאָסענע מיט הענט. פאַרכּישופט איז די נאַכט. אין די הערצער באַגט אַ גאַרונג ביז כּלות־הנפש. דו ביסט אַזש מסוגל צו טראַכטן: אפשר דאָ, אויף אָט דעם פּלאַץ, האָבן אַ מאָל אַזוי געטאַנצט פאַסטעכער פון שבט יצחק מיט פאַסטעכער פון שבט ישמעאל. שאלות, נאָך און נאָך, ווײַטע פון טאָג, פון דער קלאָרקייט פון טאָג.

באַשײַמפּערלעך איז די זעונג. דו קאָנסט זיך מער נישט מאַכן נישט־וויסנדיק. דו פילסט דאָס קלאַפּן פון דפק אין דער איבערקערעניש. דו ביסט אַ טייל אין דעם וויטראַזש וואָס שאַפט דאָס בילד. די פעולה שאַפט דאָס געשעעניש. צו וואָס גריבלען זיך אין די פאַרבאָרגענישן פון מענטשלעכן האַרץ? אָט איז פאַר דיר וואָס דײַנע אויגן זעען. דאָס וועט דערגיין ביז צו די וואָרצלען פון די כּוונות, דאָ איז נישט קיין נאַטור־פּרעזערוואַציע. דו שטייסט אין דעם ברויזנדיקן פערמענט און דאָס איבערקערעניש קלאָרט זיך, גייט אויף.

אַ נײַער דור. ברעכט פענטצוימען פון דאָרפישע מסורות. זיי, די טאַנצנדיקע, בויען די ייִדישע שטאָט מיט שווייסיקער פאַרשטומטקייט, מיט שפּלדיקייט, און אין זייער האָרץ ציט אַ נאַגעניש צו איר ווי צו אַ קאָקעטישער ווידערשפּעניקערין, וואָס זיי וועלן צו איר קיין מאָל נישט דערלאַנגען.

איצט איז די שטאָט געקומען צו זיי. זי איז געקומען צו זייער פּרימיטיוו־פאַרוואָרפענעם דאָרף. צו זיי איז זי געקומען. זין און טעכטער. תּל־אָביב און ניו־יאָרק. אַ רייצנדיקער אַראָמאַט. ביז ווייטיק. ביז כּלות־הנפש.

קרײַז אין קרײַז. הענט געשלאָסן אין הענט. אויך אין די וואָרצלען פון אַן אומהיילעוודיקער קרענק דרינגען אַרײַן לייזערשטראַלן צו היילן.

ס'איז אויך גרײַלעך געמאָלט אַז די שטראַלן, בײַם ברעכן זיך אין צעשפּריצטקייט, שפּרייטן אויס פאַר דײַנע אויגן אַ מיראַזש; אַ פאַרפירערישע נאַכט, צײַטווײַליק און פאַרגייענדיק.

ב

די שטוב פאַר אורחים איז געווען אין אַ נעפּל פון פאַפּיראָסן־רויך. איינציקווײַז האָבן זיך דאָ פאַרזאַמלט קרובים און משפּחה. אין דרויסן איז דאָס אַראַבישע דאָרף געווען אײַנגעוויגט אין אַ שטילער פינצטערקייט. ביז שפּעט אין דער נאַכט האָט מען אין דרויסן געפּײַערט אַ גרויסע חאַפליע, ייִדן און אַראַבער, אפילו דער ראַבײַ פון אַמעריקע מיט זײַן טוריסטן־גרופּע זענען געוואָרן מיטגעריסן אינעם טאַנץ. גלילה האָט זיי פאַרבעטן צו דער שׂימחה בײַם צוטיילן אַ לערן־סטיפּענדיע פאַר אַ מיידל פון אַן אַראַביש דאָרף. מע האָט געהוליעט, געטאַנצט און געזונגען: הבאנו שלום עליכם...

איצט האָבן זיך פאַרזאַמלט קרובים און משפּחה, אַ סך פון זיי זענען געקומען אויסדריקן דאַנקשאַפט גלילהן און איר מאַן האַרי, אַנדערע זענען געקומען זיך געזעגענען מיט זייער זשומאַנאַ, דאָס סטיפּענדירטע מיידל.

— איך בין גליקלעך וואָס איר בלײַבט נעכטיקן בײַ אונדז — זאָגט זשומאַנאַ

צו גלילה און הארי. — מארגן, קאיאר, וועלן זיי צוזאמען ארויס אין וועג קיין נצרת. פעטער דערוויש, זשומאנאס אפוטרופוס נאכן טראגישן טויט פון אירע עלטערן, וועט זי באגלייטן צום לערן־אנשטאלט אין נצרת. גלילה וועט דארפן דארטן דערליידיקן די פינאנציעלע ענינים.

— זע, סארא הארציקע נאבלקייט אינעם פנים פון אט דעם מיידל — לאזט גלילה פאלן אין האריס זייט.

אין דרויסן האט די נאכט־פינצטערניש אויסגעלידיקט דעם ברייטן דארפפלאץ פון אלץ וואס האט דארטן נאר וואס אזוי געררושט און געפילדערט, ווי גלייך די אוועקגעפארענע געסט האבן מיט זיך מיטגענומען די שטורמישע פריילעכקייט וואס זיי האבן מיט זיך געבראכט. אויך די אראבישע דארפווייבער זענען אוועק אין די שטיבער און מיטגענומען מיט זיך די לוקסלעמפ, וואס האבן דא יום־טובדיק געלויכטן ארום פלאץ. איצט האט דאס דארף זיך צוריק איינגעהילט אין זיין נארמאלן איינהיל. בלויז אין הויז ווו גלילה און הארי זענען געווארן פארבעטן צו נעכטיקן, האט זיך געהערט פון קיך דאס שטויסן קאווע אין אראבישן מערזשער, א שטויסן ווי מוזיק, צום טאקט; מע גרייט דארטן צו כיבוד פאר די חשובע געסט.

אזוי האט עס אויך תחילת אויסגעזען. ביז דער סיפור־המעשה אין מויל פון דער אלטיטשקער מוטער האט זיך פלוצלינג פארהאקט אין מיטן, כדי צו מאכן פלאץ אין איר קעל פאר דעם אדורכגאנג פון טרערן, וואס גייען אין איר ארויף פון ערגעץ טיף, שווער און שטום, ווי א פאנצערטאנק אויף די ראלנדיקע קייטן, און ווען זיי קומען ארויס פון די אויגן, לאזן זיי זיך אראפ צווישן די גרודעס און בייטן פון איר צעאקערטן פנים. ערשט דעמאלט איז זי ממשיך דעם סיפור־המעשה מיט דעם זעלביקן טאן און טאקט ווי פריער, און ווידער סיפור־המעשה און ווידער איבעררייס.

שטיל. בלויז די מוזיק אין אראבישן קאווע־מערזשער טראגט זיך פון דער קיך.

דאס איז געווען ווי אן איבערגאנג צו אן אנדער וועלטטייל, אן אנדער קלימאט. דא האבן זיך געעפנט טירן, הינטער וועלכע עס ליגן פארשפארט באהאלטענע סודות, וואס די שליסלען צו זיי ווערן איבערגעגעבן דורך די שבטים־עלטסטע פון דור צו דור.

ס'איז א פלוצעמדיקער איבערגאנג פון דער שטימונג וואס האט פריער געהערשט אין דרויסן, אויפן ברייטן דארפפלאץ. און אפשר גארנישט פלוצלינג און אומגעריכט, אפשר גאר א לאגישער סך־הכל. ס'איז די געקייטלטקייט פון געשעענישן און אייגנצייטיק א באווייז פון צוטרוי צו גלילה און הארי. ווייל איצט האט געעדט די באהאלטענע משפחה־ווונד. איצט האט דער ווייטיק זיך ארויסגעשיילט פון דער הויט וואס פארדעקט אים אין גוף.

דער הײַנטיקער פייערלעכער אוונט אויפן דארפפלאץ, דווקא ער, האט איצט

צעשמאָלצן די אײַזערנע ריגלען וואָס פאַרשליסן די סמען אינעווייניק, און דאָס לעבן האָט אָנגעהויבן אויסטיילן פון זיך די שעדלעכע סובסטאַנצן.

— יאָ, בינתי גלילה, אַמעריקע איז ווײַט? יאָ, ווײַט. קוק אין פענצטער. דאָרטן, אויף יענער זײַט בערגל, איז פאַראַן אַ דאָרף. אויך אַ סטעזשקע. איך בין אויף איר געגאַנגען אַהין, איך בין אויף איר געגאַנגען צוריק. פאַרשליס דײַנע אויגן, אַזוי ווי איך. און ווי איך, וועסטו זען דאָס דאָרף. עס איז נאָענט? אָבער אַ סך ווײַטער ווי אַמעריקע. איך האָב געזען אײַער ראַבײַ פון אַמעריקע, זאָל אַללאַ אים געבן לאַנג לעבן, נאָר מײַן זון וואָס איז דאָרטן אין דעם דאָרף, קאָן איך נישט זען. צוואַנציק יאָר האָב איך אים נישט געזען, מײַן זון. איך בין אַלט. איך וועל שטאַרבן און נישט זען מײַן זון.

פון אַ ווינקל שטוב האָט געקוקט צו האַרין דאָס בולטע אויג פון דער טעלעוויזיע, בלייך און פאַרלאָשן. אין ישראל איז נאָך נישט פאַראַן טעלעוויזיע, אָבער אין די אַראַבישע דערפער קאָנסטו על־פּי רוב זען די טעלעוויזיעס אָנגעשטעלט צו די שכנותדיקע אַראַבישע לענדער. ווען ער איז אַרײַנגעקומען, האָט האַרי געעפנט די טעלעוויזיע, און באַלד האָבן דאָ פאַרבײַמאַרשירט מיליטעריש־באַוואָפנטע גרופּעס, באַשטיוולטע, די פּיס הויך געהויבן צום מאַרשטאַקט, זייער בליק אין די אויגן גלײַך צו דיר: „מיר קומען צוריק!" און באַלד דאָס פולע פּנים פון נאַצער צווישן די מיקראָפאָנען. און באַלד אַ ים פון קעפּ, צעפלאַמטע קולות פון אויפגעריסענע מײַלער: „איטבאח אל יאהוד!"

דאָס איז געווען אַן אויפטרייסלענדיקער איבערגאַנג, ווי אַן אַכזריותדיקע פויסט וואָלט דיך אָנגעכאַפּט און אַריבערגעוואָרפן פון דער שטימונג אַנהייב אָוונט אין דרויסן, אויפן דאָרפּלאַץ, צו דער שטימונג וואָס האָט זיך אַרויסגעשיילט פון די טיפענישן דאָ, אין דעם אינעווייניק פון דער אַראַבישער שטוב, און ווײַל די אָנטפּלעקונג איז געשטאַנען אַזוי קלאָר פאַר די אויגן, איז פאַרשווונדן די פּלוצעמדיקייט פון דעם שינוי. ס'האָבן זיך אָפּגעווישט די גרענעצן. ביסט אַרײַן אין דעם הערשנדיקן קלימאַט, ביסט אין אים. פון ערגעץ טיף, שיכטן אונטער שיכטן, האָבן פאַרהוילענע וועגן געפירט פון דער איבערלעבונג אין דרויסן, פריִער, צו די געעפנטע וווּנדן, איצט.

אַ סך פון די אַרומזיצנדיקע האָבן אַראָפּגעלאָזט די אויגן, בשעת פעטער דערוויש האָט גערעדט, באַזונדערש דער יונגער דור. זיי האָבן זיך נישט געפילט באַקוועם וואָס אין זייער בײַזײַן ווערן אַרויסגעבראַכט די רייד. בעסער אַזעלכע זאַכן זאָלן בלײַבן אין דער פאַרהוילנקייט, כּדי סוף־כּל־סוף צו קאָנען שווימען מיטן שטראָם פון נײַעם לעבן. די בושה איז קענטיק אויף זייער פּנים, ווי גלײַך דער פעטער דערוויש שטעלט אַרויס דעם שאַנדפלעק פון דער משפּחה אין רשות־הרבים. אָבער אַפּוועגדן די רייד וואָלט געווען אַ חילול־הקודש, ווײַל וועגן זײַן פלייש און בלוט רעדט איצט דער פעטער דערוויש, וועגן זײַן פאָטער, וועגן זײַן לײַבלעכן ברודער.

— ווי אַלט בין איך דעמאָלט געווען, מאַמע? — פרעגט דערוויש, און די אַלטיטשקע מיט אויגן צו דער פינצטערניש פון פענצטער ענטפערט:

— אפשר אַכט יאָר ביסטו געווען, מײַן זון.

— דער טאַטע האָט זיך אָװעקגעלייגט אויפן שטרוי אין שפּײַכלער: איך וועל נישט פאַרלאָזן מײַן הויז! געדענקסט, יאַמאַ?

דערבײַ האָט זיך אַרויסגעריסן פון האַריס מויל:

— און פאַר וואָס בעצם זענען זיי אַלע אַנטלאָפן?

— אַוודאי האָט דאָס דאָרף דעמאָלט געקעמפט קעגן דעם יאַהוד, אָבער דער טאַטע איז געווען העכער אַכציק, בלויז אויסלייזגעלט צו קויפן אַ ביקס האָט ער געגעבן. און אפשר האָט ער מורא געהאַט: אויב די ייִדן וועלן זײַן די זיגערס, וועלן זיי שעכטן די זין זײַנע. ווען ער איז מיט אונדז אַריבער אויף דער צווייטער זײַט גרענעץ, האָט ער זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים אויף צוריק, געקוקט מיט די אויגן אין דער ריכטונג פון זײַן הויז, זיך אַוועקגעלייגט אין מיטן וועג און געשטאָרבן. איך און אַטאַללאַ זענען געשטאַנען לעבן אונדזער טאַטנס טויטן גוף. אַטאַללאַ האָט נישט געוואָלט צוריקגיין אין דאָרף. נקמה־פײַער האָט געגליט אין זײַנע אויגן. אַפילו ווען קיינער אויף דער גאַנצער וועלט זאָל נישט שטיין אויף זײַן זײַט, וועל איך שטיין אויף זײַן זײַט, ווי אַלט איז דעמאָלט געווען אַטאַללאַ, יאַמאַ?

— אפשר צען יאָר אַלט, מײַן זון, — אירע אויגן, אין דער פינצטערקייט פון פענצטער.

און דו זעסט די גרענעץ וואָס ברענט אין רויען פלייש פון אַ לעבעדיקן גוף, דאָס האַרץ פון אַן אַלטיטשקער מאַמען שנײַדט דורך אַ גרענעץ און ווי אַן אייטערדיקע ווונד טריפט ער זײַנע פאַרסמטע טראָפּנס אין וואָרצלען פון קומענדיקן דור. ייִדיש־אַראַבישע ברידערלעכקייט. דיאַלאָג. פרײַנדשאַפט און באַקאַנטשאַפט פּנים־אל־פּנים. בשותּפותדיקע צוזאַמענאַרבעט. וועגן וואָס נאָך האָט מען אַלץ נישט גערעדט הײַנטיקן אָוונט אין דרויסן? און וועגן וואָס אַלץ האָט מען נישט געזונגען און געטרוימט אין דרויסן? און אינעווייניק — אַ גרענעץ ווי אַ שווערד טיילט פונאַנדער און צעשיידט, ברענט און גליט, נישט צו פאַרלעשן. ווערט געהייצט דורך פרעמדע כּוחות, וואָס ווילן דאָס פײַער, בייטיקן זיך, ווײַזט אויס, אין די פלאַמען. וואָלט אויף יענער זײַט בערגל נישט געווען קיין גרענעץ, וואָלט דאָך אַטאַללאַ, דער ברודער פון דערוויש, געקאָנט איצט זיצן מיט אונדז.

די יונגע שווײַגן. זייערע הענט האַלטן די שעלעכלעך קאַווע און פּאַפּיראָסן שטעקן צווישן די פינגער. מע דאַרף זיך צוהערן בשעת משפּחה־עלטסטע רעדן, און אַוודאי בשעת דער בלוט־טריפנדיקער משפּחה־כּבוד לאָזט הערן זײַנע רייד.

פון ווינקל גלאָצט צו האַרין דאָס פאַרלאָשענע בלייכע בעלמעאויג פון דער טעלעוויזיע. די פריִערדיקע מויל־אויפגעריסענע געשרייען פון די המונים ווידערקולען נאָך אין זײַנע אויערן. מיט פאַרמאַכטע אויגן קענסטו ווידער זען דעם סאָלדאַטישן מאַרש: „מיר קומען צוריק!...‟ פּלוצעם שווימט אין אים אַרויף

די שאלה: אַטאַללאַ, דערווישעס ברודער, צי איז ער נישט פון די וואָס קומען צוריק אונטער נאַכט־פינצטערניש, כדי צו מינירן די שאָסייען פון לאַנד מיט אויפרײַס־באָמבעס?

ער האָט געזײַטיקט אַ בליק צו גלילהן. אַ ווינקל פון איר אונטערשטער ליפּ איז אײַנגעביסן צווישן אירע ציין. אָט די מויל־באַוועגונג איז אים באַקאַנט. אַזוי תּמיד, ווען איר געהער איז קאָנצענטרירט צו שווערוואָגיקע רייד. איר פּנים איז איצט אָנגעשפּאַנט צו די ווערטער פון דערווישן, נאָר אויך אין אויטאָ, פאַרנדיק אַהער, האָט ער געזען די זעלביקע מויל־באַוועגונג, בשעת זי האָט זיך צוגעהערט צו די רייד פון רעגירונגס־פאַרשטייער פון דער זיכערקייט־אָפּטיילונג: „צי קאָנען מיר זיך אַ רגע דערלויבן — האָט ער געזאָגט — צו פאַרהוילן אַן אויג פון אַזעלכע וואָס זענען מסוגל אויסצובאַהאַלטן די פאַרשפּרייטערס פון טויט אויף די לאַנדשאָסייען?"

— זײַ מיר מוחל, דערוויש, — האָט האַרי פּלוצעם געזאָגט — מיט אַלע מײַנע געפילן שאַץ איך אָפּ דײַן אָפנהאַרציקייט צו אונדז, איך זע דאָס ווי אַ צייכן פון צוטרוי און כּבוד צו אונדז. איך האָב געהערט דײַנע ביטערע רייד וועגן דער באַציִונג פון ייִדן אין שטאָט צו די אַראַבישע אַרבעטערס. ווער פון די וואָס געפינען זיך דאָ ווייס נישט וועגן די פּעולות וואָס ווערן געטאָן כּדי צו פאַרבעסערן דעם מצב? דו גופא האָסט זיך דאָך באַקענט מיט גלילהן, בשעת זי האָט געבראַכט מלוכה־פאַרשטייערס צום נאַקעטן פעלד, זיי זאָלן זען ווי אין גאַסיקן רעגן נעכטיקן אַראַבישע אַרבעטערס אונטער בלעכענע פּעסער, אויף אַ פעלד אין תּל־אָביב. די ענינים זענען באַקאַנט. אָבער דערלויב מיר מיט דער זעלביקער אָפנהאַרציקייט דיך צו פרעגן: אויב, למשל, דײַן ברודער אַטאַללאַ וואָלט זיך באַוויזן דאָ, בײַ דײַן טיר, אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט, מיט אַ פולן רוקזאַק אויפרײַס־מאַטעריאַל געלאָדן אויף זײַנע פּלייצעס, צי וואָלסטו אים אויסבאַהאַלטן?

די שעלעכלעך קאַווע צווישן די פינגער האָבן לײַכט געציטערט. אַ געדיכטע שטילקייט איז געהאָנגען צווישן פרעגער און געפרעגטן, אפשר גאָר צווישן צוויי יסודות, און אפשר צווישן צוויי פעלקער. דאָס איז אַ שווײַגן וואָס קאָן זיך נישט צִיִען. די שאלה איז געשטעלט געוואָרן און זי פאָדערט אַ קלאָרע תּשובה אין גײַסט פון דער קלאָרער קאַלטער שנײַדיקער שאלה. נישטאָ קיין אָנטרינען. די שאלה אין איר אימה הענגט נישט בלויז דאָ, אין דער איצטיקער רגע, זי הענגט אינעם חלל פון דעם אַדורכגעטיילטן, צעשניטענעם לײַב פון לאַנד.

— איך פאַרשטיי זייער גוט — ענטפערט דערוויש און אין זײַן קול, אַ געדריקטער צער — אָבער איך וועל דיך אַ סך בעסער פאַרשטיין, אויב דו וועסט מיר זאָגן, צי דו, אויף מײַן אָרט, בשעת דײַן לײַבלעכער ברודער, וואָס דו האָסט זיך פון אים צעשיידט מיט צוואַנציק יאָר צוריק, לעבן דעם טויטן גוף פון דײַן פאָטער, וואָס ליגט אויף אַ זאַמדיקן ברענענדיקן שאָסיי, ווי דער פּגר פון אַ טויטן הונט, וואָלט פּלוצעם געשטאַנען בײַ נאַכט לעבן דײַן טיר, און אַ רוקזאַק

מיט אויפרייס־מאַטעריאַל אויף זײַן רוקן, צי וואַלטסטו אים איבערגעגעבן צו דער מאַכט?

זשומאַנאַ, דאָס סטיפּענדירטע מיידל, אַ שטום געבעט ליגט אויף איר פּנים. אַלעמענס אויגן זענען געווענדט צו איר, ווי צו אַ רעטונגשיפל.

ס'איז דאָ מער נישט געווען קיין המשך צו רייד. ס'האָט אויך מער נישט געקאָנט זײַן. אַלץ איז קלאָר. תּהומיש קלאָר. דו דאַרפסט בלויז זיך איבערגעבן אין די הענט פון דער בלינדער סטיכיע און זי וועט דיך טראָגן וואוהין זי וועט דיך טראָגן. אָט דאָס איז איצט די ווירקלעכקייט צו וועלכער דו דאַרפסט קוקן מיט אָפענע אויגן. ס'איז אַ ברענענדיקע וווּנד אין דער נשמה פון אַ דורכגעטיילטן מענטש אין אַ דורכגעטיילטן לאַנד. זיי וועלן שטראָמען אַלץ מער צו די ייִדיש־אַראַבישע „פרײַנדשאַפט־ברידערלעכע" צוזאַמענטרעפן אין הויז פון גלילה. ס'וועלן זיך עפענען מער און מער אַזעלכע גלילה־הײַזער אין צפון און אין דרום פון לאַנד. מע וועט אײַנאָרדענען נאָך און נאָך אַזעלכע צוזאַמענטרעפן אין אַראַבישע דערפער, מע וועט טאַנצן, מע וועט זינגען לידער, מע וועט האַלטן רעדעס, מע וועט אויסטיילן סטיפּענדיעס, און אַן אַלטיטשקע מוטער וועט קוקן אין דער פינצטערניש פון דער נאַכט צום דאַרף אויף יענער זײַט גרענעץ, און וואַרטן איר זון זאָל קומען צו איר איידער זי וועט שטאַרבן, אַפילו מיט אַ רוקזאַק אויפרייס־מאַטעריאַל אויף זײַן רוקן.

ס'איז צײַט צוצוגרייטן די געלעגערס. מאָרגן, קאַיאַר, דאַרף מען זיך לאָזן אין וועג. איינציקווײַז האָבן געסט זיך אָנגעהויבן צו געזעגענען. אין זייערע אויגן איז נאָך אַלץ געווען די אַנטשולדיקונג, מחמת כשרות און מחמת דעם ראַבײַ פון אַמעריקע, אַלמאַי ס'איז נישט געווען מעגלעך צו שעכטן שעפּסן און צוגרייטן אַ חאַפליע ווי עס געהער פאַר די בכבודיקע געסט. זיי האָבן מיט אונטערטעניקייט זיך געזעגנט. זייערע הענט — שוואַכלעך און שווייסיק. נישטאָ אין זייער מויל אַ וואָרט. ס'לייגט זיך אויפן שׂכל, אַז אַרויסקומענדיק אין דרויסן, האָבן זיי סוף־כּל־סוף פרײַ אָפּגעאָטעמט.

ג

הינטער די פרימאָרגן־נעפּלען האָט דער מיזרח זיך אָנגעצונדן מיט אַ פּורפּורדיקן אַרויסגאָס, וואָס איז געפלאָסן ווי אַ טײַך. עס וועט נישט לאַנג געדויערן און אַ זון וועט פּלוצלינג אַרויס. גוט זי צו כאַפּן מיטן אויג אין אָט דער רגע — זאָגט זשומאַנאַ. נאָר נישטאָ איצט קיין צײַט. לויטן חשבון פון פּעטער דערוויש, וועט ער נאָך באַווײַזן צו זײַן הײַנט בײַ דער אַרבעט אין תּל־אָביב. ממילא אַרבעט ער אויף „קבלנות". אַפילו ער וועט אָנהייבן די אַרבעט עלף אַ זייגער, וועט ער נאָך באַווײַזן צו מאַכן זײַן טאָגשיכט.

פון זינט דערוויש האָט געקויפט דעם טענדער, קומט ער אין די אָוונטן צוריק אין דאָרף. ער דאַרף מער נישט שלאָפן ווי אַ שטשור אין תּל־אָביבער דערנערפעלדער, און אויב אים פאַרגלוסט זיך אַפילו צו זען אַ פילם אין שטאָט,

קאָן ער אוועקשטעלן דעם טענדער ווו עס לאָזט זיך. „איך שלאָף אין טענדער ווי אַ מלך" — זאָגט ער. דער עיקר, אויב זיי וועלן איצט פאָרן מיט אַ ריכטיקן טעמפּאָ, דורכשניַידן דעם וועג קיין נצרת מיט דעם זיַיטנוועג צווישן די צוויי נאָענטע קיבוצים, וועלן זיי באַלד אָרויף אויפן הויפּטשאָסיי, גלאַטיק ווי אַ ליניע.

גלילה האָט אָנגעצונדן איר אויטאָ. נעכטן, בעתן שׂימחה־הארמידער, האָט זי פאַרגעסן אָרויפצוציִען דעם אויטאָדאַך, און די זיצפלעצער זענען געווען אָדורכגעווייקט פון טויפיַיכטקייט.

דער טענדער האָט זיך אַ ריס געטאָן פון אָרט. זשומאַנאַ פאָכעט מיט דער האַנט צו גלילה און הארי, וואָס פאָרן נאָכן טענדער. מיט איר אויפגעהויבענער האַנט געזעגנט זי זיך פון איר היים, פון איר דאָרף. צי וועט זי צוריקקומען אַהער נאָך פיר יאָר? אַ נאָגנדיקע פּאַטעטישקייט ליגט אין דער אויפגעהויבענער האַנט פון דעם מיידל. „שטענדיק האָב איך געחלומט צו זיַין אַ לערערין, איצט ווערט מיַין חלום מקוים..." — האָט זי געזאָגט אין איר דאַנקוואָרט נאָכן צוטיילן די סטיפּענדיע. וואָס וועט זשומאַנאַ לערנען נאָך פיר יאָר מיט די אַראַבישע קינדער? — האָט הארי זיך געפרעגט אין הארצן. נאָר ער האָט באַלד אַוועקגעשטופּט די געדאַנקען. איצט האָט ער נישט געוואָלט טראַכטן וועגן דעם.

זיי זענען פאַרביַיגעפאָרן דעם רונדיקן דאָרפּלאַץ, די רייען טישן זענען נאָך געשטאַנען ווי נעכטן. אויף זיי, כּלערליי געשיר, ליידיקע פלעשער, שורות בענק, דער טיש פאַר די רעדנערס; דער הילכער אויפן טיש ליגט שוויַיגנדיק: — „מה טוב ומה נעים שבת אחים — —"

זיי זענען אַרויס פון דאָרף. ס'איז נאָך פאַר זונאויפגאַנג. מ'קאָן זען אין מיזרח דעם גערענגל פון פרימאָרגן מיט די נאַכטנעפלען, וואָס קומט פאַר אויף אַ פּורפּורנער פלאַך, צעפלאַמט רויט ווי בלוט.

— ס'וועט היַינט זיַין אַ חמסין — האָט גלילה געזאָגט.

הארי איז געווען צופרידן, וואָס ער געפינט זיך איצט לעבן איר. ס'קוקט אויס, אַז נישט אין אַ רויִקן שלאָף איז די נאַכט פאַרביַי פאַר גלילהן. ער האָט נישט געוואָלט פרעגן, כּדי נישט אויפצוּוועקן די ענינים. ס'איז אַ ניַיער טאָג, אַ ווונדערלעכער פרימאָרגן. ווי איר שטייגער בשעתן פאָרן אין די וועגן, האָט הארי דערוואָרט אַז גלילה זאָל אַרויס מיט אַ געזאַנג. ער האָט נישט געוואָלט זיַין צודרינגלעך.

זיי זענען געפאָרן מיטן שטויבוועג. פון דאַנען זאָל דער טענדער אַרויס אויפן וועג צווישן צוויי קיבוצים. פּעטער דערוויש קען די וועגן. זיַין טעלעוויזיע האָט ער געקויפט ווען ער האָט געאַרבעט לעבן אָט די מקומות. „געווען טעג פון שיינע פאַרדינסטן..." — זאָגט ער. ביז עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין תּל־אָביב, ביַים בויען דעם הילטאָן־האָטעל, קאָן מען פאַרדינען נאָך מער.

אַ פּאַסטאָראַלישע רויִקייט האָט זיך געשפּרייט איבער די פעלדער. אַ טל־געוואַשענער פרימאָרגן, שפּראָציק, יונג. ווען זי איז אין די וועגן, קאָן גלילה

נישט איינזיצן ביים שטייערראַד אָן צו באַגלייטן די נסיעה מיט געזאַנג, מיט לידער אין אַלע אירע זיבן שפּראַכן.

דערצו האָט אויך געהאָלפן זשומאַנאַ, וואָס קאָן נישט איינזיצן רויק אויף איר אָרט אין טענדער. איר פּנים איז אויסגעדרייט צו גלילהן.

— אַ זיס מיידעלע — זאָגט גלילה — מיר וועלן דאַרפן פון צייט צו צייט קומען איר מאַכן אַ וויזיט. קוק, האַרי, ווי גליקלעך עס שיינט איר פּנים. מיר זינגען, האַ? אויב אַזוי, לאָמיר זינגען אויף אַראַביש, כּדי אויך זשומאַנאַ זאָל זינגען מיט אונדז. מיר הייבן אָן: „זשיבנאַלקום סאַלאַם עליקום!" — —

קאַקטוסקוסטן ביי די זייטן פון שמאָלן וועג האָבן דערלאַנגט אַנגעהויפטע אָרעמס מיט זאַפּטיקע סאַבּרעס. אַ שאָד, נישטאָ קיין צייט צו אָט דעם כּיבוד. צייט איז דער אַליינהערשער, דער געוועלטיקער, און מיר — ווי פלעווע אויף איר שטראָם, שווימען אַנטקעגן אונדזער גורל. זשומאַנאַ, מיטן פּנים געווענדט צו גלילהן און האַרין, זינגט מיטן פולן מויל און יונג־טעמפּעראַמענט. זי פּאַטשט מיט די הענט צום טאַקט. אַ זינגענדיקער פּרימאַרגן. אין האַרץ ברויזט די פרייד פון אַ חלום וואָס ווערט מקוים, אַ שטייגער אַ פּאַספּאַרירטער וועגצייכן שלאָגט דיר צוריק דאָס ליכט וואָס דו גופא האָסט אין אים אָנגעצונדן. אַפילו פון דער וויי̆טנס איז אַ פרייד צו זען זשומאַנאַס שיינענדיק פּנים. און אין אָט דעם אויגנבליק — — דער טענדער גיט זיך אַ הייב פון דער ערד און ווערט צעריסן אין די הייכן. דאָס אויג האָט בלויז באַוויזן צו טראַנסמיטירן אין ברענפּונקט פון מוח דעם זשאָנגלירנדיקן סאַלטאָ־מאָרטאַלע פון טענדער אין דער לופט.

און שוין. מער גאָרנישט.

פאַרלאָשנקייט. פאַרברעגטער צעלולאָיד. פאַרלוירענע מאָס פון דער צייט. פלעווע אַרויסגעוואָרפענע פון צייטשטראָם.

אויפגעריסענע אויגן. אפשר געשלאָסן אַ רגע, אפשר לגמרי נישט געשלאָסן. מוח־קורצשלוס. אַ צייטרעדעלע אָפּגעריסן פון איר אייביקייט־קייט האָט זיי איינגעשלונגען אין זיך און אוועקגעקייקלט מיט זיי צו דער פאַרלאָרענער אומבאַוווסטזיניקייט. אויף דער שוועל פון צוריקקום צום באַוווסטזיניקן אומבאַוווסטזיין האָבן אויגן געקוקט מיט אומפאַרשטענדלעכקייט אויף די רויכיקע טענדערטיילן. זיי האָבן זיך געטונקט אין דער צעבראָזגעטקייט פון גלאָז און נאָך אַלץ נישט באַנומען דעם מיין פון דעם שינוי. ווען מע זאָל זיי איצט פרעגן, וואָלטן זיי אפשר געקענט אָנרופן נעמען פון די זאַכן צו וועלכע די אויגן קוקן. נאָר דאָס וואָלטן געווען נעמען אָן אַ זינען.

גלילה איז די ערשטע צוריקגעקומען צו דער קלאָרער אומפאַרשטענדלעכקייט פון דעם געשעעניש. זי האָט די ערשטע אויסגעשריִען:

— האַרי, וואָס האָט פּאַסירט!?

ס'איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט צוצוקומען צו דעם צעריסענעם גוף פון פעטער דערוויש. דער צאָרן פון צעשמעטערטן אייזן האָט אים אין זיך

איַינגעשלונגען. אין דער בהלה האָבן זיי זיך דערמאָנט אין זשומאַנאַן, ווי זי וואָלט עקסיסטירט מחוץ דעם געשעענעם. זיי זענען געלאָפן צו דער צווייטער זיַיט פון איבערגעקערטן טענדער. דאָס שטיַיערראָד איז נישט געווען און אויף אַזאַ אופן האָט זיך געעפנט אַ צוגאַנג צו זשומאַנאַס קערפּער.

צווישן צוויי ייִדישע ייִשובים זענען זיי געווען. האַרי האָט געטראָגן זשומאַנאַן אויף זיַינע אָרעמס און ער האָט נישט געוווסט צו וועלכן פון די צוויי ייִשובים איז דער וועג נענטער. אפשר בעסער זי איבערלאָזן און לויפן רופן הילף? אפשר וואַרטן ביז עמעצער וועט פאַרבײַפאָרן און מיט איר אַוועק צו גיכער הילף. אין געמיש פון געדאַנקען האָט ער זיך דערמאָנט, אַז גלילה איז שוין געלאָפן אין דער צווייטער זיַיט נאָך הילף. ס׳איז נישט געווען קיין צייכן פון לעבן אין דעם גוף פון דעם מיידל. איטלעכע רגע קאָן איצט דעצידירן. ער האָט זי געטראָגן אויף זיַינע אָרעמס און זיַינע קניִען האָבן זיך געבראָכן אין זיַין געלויף. וויַיזט אויס אַז ער גופא איז פאַרוווּנדיקט. פון זיַין קאָפּ איז גערונען בלוט איבערן פּנים. זיַינע הענט זענען נישט געווען פריַי אָפּצווווישן דאָס בלוט וואָס איז גערונען איבער זיַינע אויגן. מיט אַ משונהדיקער קלאָרקייט האָבן מחשבות געוואָרפן בײַטנדיקע בילדער אין זיַין מוח. בילדער פון וויַיטע, פרעמדע געשעענישן אין זיַין לעבן. ער האָט זיי געזען קלאָר, בשעת זיַינע אויגן זענען איַינגעשטאָכן אין וועג און אין וואַסער־טורעם וואָס צייכנט זיך אין הימל, וויַיט איבער די ביימערקרוינען. ער האָט נישט געזען די ערד אויף וועלכער ער איַילט, קאָן זיַין אַז אין אַ רגע אַרום וועלן זיַינע פיס אַרויף אויף נאָך אַן אויפריַיס־באָמבע וואָס ליגט באַהאַלטן אויפן וועג.

„אויב דיַין ברודער אַטאַללאַ וועט זיך דאָ באַוויַיזן מיט אויפריַיס־באָמבעס אין רוקזאַק אויף זיַינע פּליִיצעס, צי וועסטו אים אויסבאַהאַלטן?״ — ער האָט איצט נישט געהאַט קיין שליטה אויף דער צעשטורעמטקייט פון זיַינע מחשבות. ער קאָן זיי נישט צוריקהאַלטן, ווי ער קאָן איצט נישט צוריקהאַלטן דעם לויף פון זיַינע שטרויכלענדיקע פיס. צו זיַינע אויערן זענען דערגאַנגען די שריַיענדיקע ווערטער פון זיַין מויל: צי וועט גלילה אים דערגרייכן פון היִנטערוויַילעכץ מיט עפּעס אַ מאַשין, צי וועט ער, לויפנדיק, פריִער דערגרייכן צו אַ ייִשוב?

פּלוצעם האָט ער דערפילט אין דעם גוף וואָס ער טראָגט איצט, אַז עס איז זיַין אייגענער גוף. זיַינע אָרעמס האָבן זיך אָפּגעזונדערט פון זיַין גוף. ער האָט זיי נישט געפילט. פרעמדע. נישט זיַינע אָרעמס.

אַזוי, אויף זיַינע אָרעמס, האָט אים געטראָגן דער טאַנקיסט פון דער רויטער אַרמיי, ווען ער האָט אים געפונען אַ גוססדיקן אויפן שניי, אַן איבערגעבליבענער נאָכן טויטנמאַרש פון אוישוויץ. אַזוי, אויף זיַינע אָרעמס, האָט דער רויט־אַרמייער אים געטראָגן צום טאַנק און מיט אים אַוועק צו דעם דיוויזיע־שפּיטאָל.

איצט, צום ערשטן מאָל, האָבן זיַינע דעמאָלטיקע געפילן אָנגענומען פאָרעם און געשטאַלט. די געפילן וואָס זענען דעמאָלט אַראָפּגעזונקען אין זיַין אונטער־באַוווסטזיַין, האָבן איצט אויפגעוואַכט פאַר זיַינע אויגן. דאָס וואָס האָט דעמאָלט

מיט אים פאַסירט, בשעת זיינע אויגן זענען געווען פאַרמאַכט, האָט ער איצט געזען קלאָר. מיט אָפענע אויגן. די איבערלעבונג פון דעמאָלט האָט זיך פאַרוואַנדלט אין גוף וואָס ער טראָגט איצט אויף זיינע אָרעמס, אָרעמס וואָס וואַקסן גאָר נישט פון זיין אייגענעם גוף.

ער האָט געפילט אַז זיין אייגענער גוף ווערט איצט געטראָגן אויף זיינע אייגענע אָרעמס. די אָרעמס פון אַ נישט-געזעענעם מציל.

און ווי דעמאָלט, אַזוי אויך איצט, האָט דער מיזרח זיך אָנגעצונדן רויט מיט דער אויפגייענדיקער זון. נאָר דאָס מאָל, דער מיידלשער גוף אויף זיינע אָרעמס, האָט מער נישט אין זיך קיין לעבן...



ישראל קאַפּלאַן

נדן אַ משל

הדשים קוים עטלעכע נאָך דער חתונה האָט אפרים זרח שוין קלאָר געזען, אַז די אַרייַנקומעניש זייַנע איז ווייַט ניט ווי עס איז געווען גערעדט. אים, דעם מצוין פון אַ גרויסער ישיבה אין ירושלים, האָט מען דאָך פאַר דער חתונה צוגעזאָגט הרים־וגבעות. לעבט ער איצט מיט דעם ווייַב טאַקע בייַם שווער, דעם אַלמן, אין שטוב. די התחייבותן אָבער נאָך אַנדערע וועגן אים אויסהאַלטן — האָבן ניט קיין יסוד. די יניקה וואָס דער אַלטער ציט דאָ אין ירושלים פון זייַן כולל, און נאָך מקורות פון הכנסות, — איז אַ פּנים ניט ווי מען האָט אים פאָרגעשטעלט. אַ בעל־הוצאה אַ גרויסער איז דער שווער גאָר אויף אַ זון, וואָס ליגט שוין יאָרן אין אַ מוסד. און אויף אים ליגט אויך די לאַסט פון דעם קראַנקנס ווייַב און קינדער. טאָ וואָס קאָן ער שוין ריידן, אפרים זרח, מכּוח די צוגעזאָגטע מלבושים און נאָך הבטחות אַזעלכע גרויסע? הייַנט די נדן־מזומנים!.. די דחקות פון שווער זעט זיך אָן טאָג־טעגלעך אַפילו אין דעם אָרעמען טיש, וואָס ער, אפרים זרח, מיט דער פרוי עסן בייַ אים, פון דעם צוגעזאָגטן קעסט. נאָר אָט די דירה אַליין, די כוללשע, וואָס איז געווען אַנגעגעבן כּמעט ווי אַן אייגענע און מען האָט אַלץ באַטאָנט די רחבות אירע, — נעמט זיך אויך וואַקלען. רב משולם, דער זעלבער וואָס האָט עס אים פאַרשדכנט, דרייט זיך גאָר פּעסט אַרום שווער. אַז ווי באַלד די מיזינקע שוין אויסגעגעבן, טענהט ער אין אים אַרייַן, איז דאָך געוויס ניט רעכט צו זייַן אַ שרוי בלא אישה. און ווי מען רעדט, האַלט טאַקע בייַ אַ חופּה. איז שוין אויס די רחבות, און אפשר מיט דער גאַנצער דירה!

מחשבות אַזעלכע לעסטיקע פאַרפּאַלגן אפרים זרחן און שטערן אים ממש אין לערנען. ווי שטאַרק ער צעשאָקלט זיך ניט איבערן ספר און באַמיט זיך

צו פאַרטיפן מער און מער אין אַ סוגיה — טרייסלט אים אויף אַ טשיקאַווער שמייכל אויף פנימער אַרומיקע. ווייס ער שוין, אפרים זרח, אַז אין זײַן גמרא־ניגון האָט זיך ווידער אַרײַנגעגאָסן אַ גאָר פרעמדער קלאַנג. ניט צו פאַרטרײַבן פון קאָפּ דאָס לידל וואָס ער פלעגט הערן פון דער מאַמען:

אָט אַזוי, אָט אַזוי נאַרט מען אָפּ אַ חתן:
מען זאָגט אים צו אַ פולע נדן,
און מען גיט אים ניט קיין גראָשן...

און אָט האָט אים גאָר פאַרכאַפּט ווידער אַ לצניש ווערטל. וועגן דעם שידוך פון זײַנעם אַ חבר אין ישיבה האָט איינער אַ זאָג געטאָן: „ניט קיין פנים, ניט קיין מזומנים, ניט קיין מחותנים"... יאָ, האַרב ווערט אים לעצטנס, אפרים זרחן, טאַקע אויך אין תּופס צו זײַן דעם שווער. ער שמט דאָך פאַר אַ גרויסן מגיד און געוועזן רב אין באַרימטע ליטווישע קהילות. אָט דער למדן און גאון — פון זײַן מויל אַליין האָט ער דאָך, אפרים זרח, בפירוש געהערט וועגן דעם נדן און די אַלע הבטחות גילדערנע... וואָס אמת, ער זעט שוין קלאָר — אַז ניטאָ. די דחקות אין שטוב און אָרעמקייט איז אײַן־לשער. טאָ ווי שיקט זיך עס פאָרט מיט די רייד פון אַזאַ גדול, היתּכן?... אָט דאָס טאַקע בעיקר מאָנט אַ פאַרענטפער, אײַנזועצן די שרײַענדיקע בתּמיהה!

אין אַ האַרבסטיקן ירושלימער פאַרנאַכט האָט ער בײַ אַ שעת־כּושר געגומען אויסגיסן זײַן גרויסע טענה פאַרן שווער אַליין. און ער האָט אויפן אָרט באַקומען אַ הסבר. מילד האָט געגערדט דער אַלטער, גוטמוטיק און מיט אַרײַנדרינג:

— שוין קרוב פופציק יאָר, מײַן קינד, ווי איך זאָג דרשות, און געגערעדט האָב איך שוין אין בתּי־מדרשים און שולן פון פאַרשיידענע שטעט און לענדער. דערציייל איך אויך דעם עולם פון פּאַסירונגען מיט מלכים און בני־מלכים, פון שׂרים און גענעראַלן. מיט אַלע קליפּערלעך לייג איך אויס סיכסוכים צווישן פריצים און אַרענדאַרן, און דין־תּורות צווישן סוחרים און בעל־מלאָכות. הײַנט באַגעגענישן מיט בעל־חיים און שׂיחת־חיות־ועופות... פאַר די גאַנצע יאָרן האָט מיר נאָך קיין איינער פון דעם קהל צוהערערס ניט צוגעוואָרפן אַ פראַגע: איז דאָס טאַקע אמת? איז געווען אַזוי פאַרגעקומען?... נייך. אַפילו דער המון־עם ווייס אַז די כּוונה פון מגיד איז גאָר מזרז זײַן דעם ייִדן צו מיצוות און מעשׂים־טובים און צו וואָרענען פון אַ דבר־עבירה. אַרויפנעמען אָבער אויף זיך דעם גאַנצן עול־התּורה איז ניט פאַר יעדערן לײַכט, און מען בריקעוועט זיך. זעט דעריבער דער דרשן צו מסביר זײַן מיט דברים הנכנסים אל הלבֿ: ער פאַרזיסט מיט אַ מעשׂה אַ פײַנער, אַן אָנצינעוודיקער... אָט דו אַליין, אפרים זרח, האָסט יום־כּיפּור געהערט מײַן דרשה נאָך כּל־נדרי. געדענקסטו זיכער, אַז איך האָב דערציילט פון אַ בעז און אַ פייגעלע. די בעז ווינקט מיט אירע אויסגעשפּרייטע אויגן צו דעם עוף־השמים און פאַרבעט אים צו אירע זיסע קערנדלעך. אַ שמועס אַ ברייטער גייט אָוועק צווישן די ביידע; און פון ווײַטן

לויערט דער פאנגער!... נו, ביסט דאך אויך געווען, אפרים זרח, אין פול געפאקטן בית־מדרש; האסטו אפשר געהערט פון וועמען א טענה? ניט איינער האט דאך געקענט זאגן, אז א נעץ און א פויגל קאנען גאר בכלל ניט ריידן און איך בראך שקרים בפני קהל עם ועדה, יום־כיפור ביים ארון־קודש!.. ניין. יעדער איינער ווייס אז דאס איז נאר א משל קעגן יצר־הרע און דעם מענטשנס נשמה. דער עיקר איז דא דער אויספיר, דער נימשל, אז מען זאל זיך ניט לאזן פארנארן פון א פעטן ביסן, מען זאל זיין אפגעהיט פון א פאלשן שריט אין לעבן...

די רייד זיינע, זעט שוין דער אלטער, נעמען אויס ביים איידעם גאר און גאר. איז שוין זיין ווארט תקיפותדיק און מיט שלאגיקן דערוויַיז.

— אויך חתונה האבן איז א מיצווה מן־התורה. ניט אבער יעדער בחור איילט זיך מיט א שידוך. עס שרעקט אפ דער עול פון א משפחה. מוז מען דעם פחדן אונטערמוטיקן מיט א נדן און קעסט; מען איז משפיע מיטן אויסרעכענען טייערע מתנות. דאס איז דער משל. דער נימשל אבער איז דאך די כלה. אט דו, אפרים זרח, האסט באקומען א בת־ישראל כשרה, כדת משה וישראל, און ביסט אויסגעלייזט פון דער חרפה צו ווערן אלץ מער אלטער בחור.

א פויזע אין מחותנס רייד ברענגט גלייך ארויס א וואקלדיקע און געבראכענע שטים פון אפרים זרחן:

— אין ווי מיינט איר איצט, שווער, מכוח דעם מצב מיינעם?.. מיינעם און אייער טאכטערס?... אונדזער מצב?...

— וואס, שוין כלו כל הקיצין? א יאוש אזא, רחמנא־לצלן!.. — כאפט זיך באלד דער מגיד מוטיקן אפרים זרחן — אט האט באזוכט דאס לאנד א גאר רייכע פאר פון דרום־אפריקע. איז גערעדט געווען מיט זיי וועגן א טיר און עטלעכע פענצטער אויף זייער נאמען אין א וואנט פון דעם נייעם בנין, וואס איך האלט אין בויען פאר די רבנים־פליטים. א ביסל געלט האבן זיי שוין געגעבן און זאגן צו גאר א סך. שטייען שוין אויף דעם פלאץ פועלים און איך טרייב זיי אן אין דער מלאכה פון דער א וואנט. אין דריי וואכן ארום, צוריקוועגס פון אייראפע, זיינען די דרום־אפריקאנער ווידער אין ירושלים. וועט עס דעמאלט, אם־ירצה־השם, פארקומען די הקדשה. און געוויינטלעך ברוב עם, און איבער דער וואנט א גרויסער שילד מיט דער גאנצער חשיבות און אויסלויב פון דעם נדבן מיט זיין וויַיב, ווי עס פירט זיך. דערביי וועלן זיכער זיין נאך טוריסטן, אורחים פון חוץ־לארץ. קאן דאך באותו מעמד קריגן חשק אויך נאר ווער מנדב צו זיין פארן בנין א בימה, אדער גאר אן ארון־קודש. איז דאך אלץ געראטעוועט.... איז ניטא זיך וואס צו מיאש זיין; תשועת השם כהרף־עין!

די שטימונג ביי אפרים זרחן איז כהרף־עין טאקע געווארן גאר אן אנדערע, און מיט אומגעדולד האט ער גענומען ווארטן אויף דעם שווערס אויפטו. שוין אבער ביי די סאמע לעצטע הכנות צו דער פייערונג און אויפנעמען די אורחים,

איז צום מגיד אין שטוב מיט האסט אריינגעשפרונגען א מענטש פארשמירט מיט פרישן בעטאָן:

— רבי, די וואַנט פאלט איין!

א שוידער איז אַדורך אפרים זרחן און זיין פרוי. אַלץ איז געוואָרן שוואַרץ פאַר די אויגן. באַגרייפן האָבן זיי ניט געקענט דעם אַלטן. רויק אַזוי איז ער, און שאָקלט נאָר מיטן קאָפּ:

— כ׳האָב שוין נעכטן געוווּסט.

וואָס געוווּסט, פאַרשטייען זיי בײדע ניט. זיי ווייסן נאָר אַז דער בנין איז שוין לאַנג אָנגעהויבן און ציט זיך יאָרן. קומט אַרײַן אַ ביסל געלט, ווערט דערבויט נאָך אַ שטיקל, און שוין אָן אַן אינזשעניר, וואָס איז אויך אַ הוצאה... באַלד הערן זיי פון אַלטן שוין ברייטער וועגן דעם ענין:

— דעם פּלאַן פאַר דער וואַנט האָב איך געמאַכט, געווייינטלעך, לויטן תוספות אין בבא־בתרא. אַ קוק געכטן אין אַנדערע מפרשים, ערשט דער נימוקי יוסף שטעלט זיך שאַרף אויף דעם תוספות און פרעגט אים געשמאַק אָפּ; און דער ראב״ד האַלט דאָ מיטן נימוקי יוסף און איז אויך קעגן תוספות!.. איך בין שוין פון נעכטן שטאַרק אין יאוש וועגן דער וואַנט...

נאָך אין זעלבן טאָג האָט דער שווער צו ריידן מיט זײַן איידעם וואָס באַזונדערש. שטעלעס פאַר לומדישע ייִדן, זאָגט ער, ווײַזן זיך אַלץ מער. אין לאַנד בויען זיך ריזיקע האָטעלן און פּענסיאָנען, און עס קומען צו ייִדישע שיפן, און עס עפענען זיך נײַע פאַבריקן פאַר וויפל מיני מאכלים. די אַלע נייטיקן זיך דאָך אין משגיחים אויף כשרות. ווייס ער פון איינער אַזאַ פאַבריק בײַ תל־אָביב, וואָס געהערט גאָר צו אַ קיבוץ. און אַ גרויסער דעה־זאָגער איז דאָרט זײַנער אַן אַמאָליקער געוועזענער תלמיד. וועגן דער שטעלע, ווי מען האָט אים פאַרטרויט, מוז מען זיך אָבער צואײַלן. אם־ירצה־השם מאָרגן דאַרף מען זיך לאָזן אין וועג.

ווײַטלעך נאָך פאַרן קיבוץ האָט דער אויטאָבוס אַרונטערגעלאָזן דעם אַלטן מגיד מיט זײַן איידעם, און דער שאָפער האָט זיי געהייסן זיך פאַרנעמען מיטן שטעג דערבײַ. נאָר בײדע אַליין צו פוס צווישן פּרדסים און ברייטע צעאַקערטע פעלדער, שטאַרקט זיך בײַם אַלטן דער קול אין זײַן אַרײַנקנעלן מיט אפרים זרחן. ער גרייט אים צו ווי מען דאַרף ריידן מיט אַ קיבוצניק. דער חבר שושן, ווי ער הייסט איצט און וואָס צו אים גייען זיי עס, — געוויס געדענקט ער נאָך זײַן אַמאָליקן ראש־ישיבה אין דעם ליטווישן שטעטל; און אפשר וועט ער אים אויך דערקאָנען. מען מוז אָבער בײַ יעדן וואָרט זײַן ניזהר מיט אַזוינע...

אַ פאַרע האָט זיך געטראָגן פון די פּרדסים, און דער שאַרפער ריח פון די פּירות, אָט די אַפּעלסינען און מאַנדערינען, האָט ממש געטאָן פאַרשיכורן. דאָס אַרײַנגיין ווײַטער און ווײַטער אין שמועס, און דאָס היצן זיך, און דאָס פאָכענען ברייט־ברייט מיט די הענט — מאַכט באַלד פילן דעם אַלטן ירושלימער, אַז

כאָטש עס איז שוין נאָך די יום־טובים, איז אין די מקומות בײַם ים גוט וואַרעם. אַ שווייס אַ בײַסיקער גיסט אים אָפּ, און עס העלפט ניט דאָס הייבן פון קאָפּ אַלע ווײַלע דעם ברייטראַנדיקן קאַפּעליוש, דאָס ווישן דעם פּנים מיט די באַמבלדיקע פּאות און באָרד און דאָס צעשפּיליען די לאַנגע, שווערע קאַפּאָטע. די היץ מאַכט שטײַגן בײַ אים נאָך מער — דער אַנבליק פון אפרים זרחן. דאַכט, אויך מיט די ירושלימער בגדים, און ווי געמיטלעך ער גייט זיך! די אויגן ברייטערן זיך אים אַזוי שטראַליק אויף אַלע זײַטן, און ער הערט אַ פּנים אויך ניט וואָס מען רעדט צו אים. גאָרניט ווי צום ענין נעמט דער יונגער־מאַן אָט ריידן:

— קינדווײַז, אַז אונדזער פאַמיליע איז נאָך געווען אין ווילנע, פלעגט מיך אַ פעטער נעמען צו זיך אין אַ דערבײַיִקן שטעטל אויף זומער. די פעלדער ווי שיין דאָרט, און די לאַנקעס און סעדער; און דער וואַלד, און אַ טײַך מיט אַ וואַסערמיל... אויפן וועג קיין ארץ־ישׂראל האָבן מיך דער טאַטע און די מאַמע, עליהם־השלום, ניט געקאָנט אָפּרײַסן פון די פענצטער אין וואַגאָן. חודש אָב דעמאָלט געווען, און פולע פעלדער תבואה, און פּירות אויף די ביימער!.. אין ירושלים זע איך, בײַ נאָר אַ מעגלעכקייט, צו גיין דורך רחביה און בית־הכרם. ווי חיותדיק יעדעס הויז דאָרט מיט די געוויקסן אַרום!..

דורך אַ געדיכטן נעפּל צעשווימט זיך בײַם אַלטן אין מוח אַן אַזערע אַ ברייטע פון זײַן געבוירן־שטעטל דוסיאַט, אויך אין דער ליטע, און נאָך אַזערעס מיט פישערשיפלעך און זעגלען, און טײַכן מיט קוועלכעלעך ריזלדיקע און בערגלדיקע לאַנקעס אויף מײַלן ווײַט... אַלץ פאַרפליט אָבער באַלד ווי ער דערהערט ווידער ווערטער פון אײדעם, וואָס ציט דאָ גאָר אַ נײַעם געדאַנק:

— אַ קיבוץ, אין גרונט גענומען, קאָן זײַן באמת אַ שיינער מוסד... דער גאַנצער אַרום דאָ איז דאָך מחיה־נפשות!

— צו ווײַט פאַרגאַנגען!.. — קריגט דער מגיד מורא שוין אויף פאַר זיך אַליין. — מיר פאַרגעסן, אפרים זרח, וואָס איז פאַרבונדן מיט דעם „מה נאה אילן זה, מה נאה ניר זה", ווי שיין איז דער בוים, ווי שיין איז דאָס פעלד... דער תנא וואָרנט אונדז: המהלך בדרך ושונה, דער וואָס גייט אין וועג און לערנט, ומפסיק ממשנתו ואומר, און ער איז מפסיק פון לערנען און זאָגט זיך אָט די דערמאָנטע ווערטער, איז ווי ער וואָלט ריזיקירט מיט זײַן לעבן... מען דאַרף אָבער פאַרשטיין, אַז די וואָרענונג איז ניט צוליב דער התפעלות פון הדר הטבע. דער טראָפּ איז אויף די ערשטע ווערטער: המהלך בדרך ושונה ומפסיק. דער מענטש וואָס גייט אין דעם דרך־החיים און לערנט תורה, און פלוצלינג פאַרכאַפּט אים דער רעיון פון „נאַטור", און גאָר די שיינקייט נעמט ער זען אין בוים און צעאַקערטן פעלד, און מסתמא אויך אין שקיעה־שטראַלן איבער אַ וואַסער מיט אַ מיל, — ומפסיק ממשנתו, אויס תורה!.. ישיבות גאַנצע זײַנען דאָך געוואָרן לײדיק, און באַלד חרוב, פון די מפסיקים, רחמנא־לצלן. נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה איז דאָס געווען. האָבן די בעסטע תלמידים אויך בײַ

אונדז אין ליטע זיך געגעבן אַ וואָרף צו די ציוניסטן. חלוצים זײַנען זיי געוואָרן, די בחורים, און געגומען גורס זײַן, אַז דער יסוד פון עם־ישראל איז ניט דווקא די תורה, און עבודת־אדמה איז בײַ זיי געוואָרן אַ דת, אַ גאַנצע אמונה, רחמנא־לצלן. פון די אַ כּופרים זײַנען עס אויפגעקומען די קיבוצים, יִשובים פון ייִדן אָן אַ סימן ייִדישקייט; קיין מזוזה בײַ דער טיר, קיין תפילין, ציצית. און אַ שול צום דאַווגען איז דאָ בײַ זיי? איז דאָך שוין אָפּגערעדט פון אַ מיקווה און כּשרות. אָן תורה און אָן מיצוות!... אַט זײַנען מיר שוין בײַ די בנינים פון אזא „קהילה“... געווען אַ מאָל בײַ מיר אין ישיבה אַ בחור אַן עילוי, לייבל רייזעלאָוויץ — דאָס איז דער חבר ארי שושן, וואָס צו אים גייען מיר...

שטאַרק באַווירקט פון די רייד, שפּרינגט פונדעסטוועגן אַרויס בײַ אפרים זרחן אַ טאָן פון עפּעס אַ סטרונע וואָס וואָרצלט טיף אין אים, און ער זוכט דווקא אַ וועלכן זכות:

— מען קאָן נאָך ניט וויסן אויף ווי ווײַט די מענטשן זײַנען דאָ אַוועק פון ייִדישקייט. אויף די פעלדער האָבן זיי פּאָרט אויפגעטאָן. די פּירות!..

אפרים זרחן האָקט איבער אַ ייִנגל בײַ אַ יאָר אַכט, וואָס לויפט אָן און בלײַבט שטיין צעשראָקן און פאַרגאַפט. די ענטלעך פונאַנדערגעשפּרייט און ברייט צעעפנט מויל און אויגן, קוקט ער אָן אַ ווײַלע די צוויי, און לאָזט זיך אָן אָטעם צוריק צו דעם קינדער־רווישיקן הויז, וואָס פון דאָרט איז ער עס געווען אַרויס. מיט די פינגער און הענט און גאַנצן קערפּער נעמט ער רופן צו זיך, און אָט שטייט ער ווידער מיט נאָך צוויי חברים. אָן לשון און ווי צוגעשמידט, צעפינטלען זיך בײַ די אַלע דרײַ די אויגן, גראָבן זיך און ריִען אין די פּנימער און אין הילוך פון די גייערס, און די שטערנדלעך פאַרגייען אין קנייטשן טיפער און טיפער. מיט אַ מאָל גיבן זיך די קינדער אַ כאַפּ פאַר די הענט און אַ ריס פון אָרט, און אַלע צוזאַמען צו דעם גאַנצן הויז מיט אַ טשיקאַווער בשורה און אײַליקן רוף:

— יהודים באו!.. יהודים!!!..

— די פּירות... — נעמט דורך אפרים זרחן דער מגיד מיט אַ בליק, וואָס איז גרייט פּאָטערלעך צו פאַרגעבן און אים ווײַטער מדריך זײַן.

ברכה קאַפּשטיין

ירושלים בײַ נאַכט

אויסגעשטערנט ליגט די ערד
אונטערן הימל.
אַזוי פיל כּישוף־
פּעדעמלעך פון ליכט —
צעצינדן
און פאַרבינדן
שטרעקעס לאַנד
מיט אַ דינעם
פּלאַטערבאַנד.

ווי אין אַ מעשׂה־ביכל,
אויסגעווירעט
מיט אַ ווירע,
ליגט דער וואונדער
און ער זינגט שירה...

בײַ דער וואַנט

כ׳האָב געקושט די פאַרטריקנטע טרערן
וואָס גלאַנצן אין בראַנדזענעם שטיין,
כ׳האָב געפילט —
מײַנע ליפּן צעקושן זיך
לעבעדיק
מיט דורות געוויין.

כ׳האָב געקושט די פאַרטריקנטע טרערן
וואָס גלאַנצן אין בראַנדזענעם שטיין,
כ׳האָב נישט געוווּסט אַז איך וויין...
אַזאַ פרייד
האָט געשפּרודלט פון בלוט...
אַזאַ טעם פון אַ קוש
קאָן נאָר פילן
אַ מלאך
וואָס קושט זיך מיט גאָט...

צ פ ת

אויף דײַנע קרומע, שמאָלע גאַסן
גייען ייִדן אום מיט שיר־השירים־גאַנג.
חורבות שווײַגן. חורבות בלאַסן, —
מיט דורות־געיאָמער, מיט דורות־געזאַנג...

אויף דײַנע נידעריקע דעכער
ליגט אַ גאָלדענער דער שימל
און פון ענגשאַפט, פון די לעכער,
טראָגט זיך שירה צו דעם הימל.

דײַנע טויערן מיט אַלטע שלעסער
היטן סודות אין די אינגעווײדן,
און ווײַסע פּריזבעס, גרויסע, גרעסער, —
מיט טויזנט חנען ריידן...

דײַנע הויפּנס פריש געצוואָגן, —
טירן פירן אַרויס, אַרײַן.
די שעה פון אייביקייט האָט דאָ געשלאָגן
און זי קוועלט ווי גוטער ווײַן.

דורות אַלטע, דורות יונגע
קומען־אויף אויף זעלבער ערד.
זיי זינגען שירה פון קבלה, —
זיי דערציילן נסים פון אַ שווערד...

פון ווײַטנס — ציִען וועגן ברייטע,
עס פּישופט באַרג, עס פּישופט טאָל.
ערגעץ וואַרטן שׂונאים גרייטע
מיט אַ שפּיז פון שאַרפן שטאָל!

נאָר מ׳הערט נישט, מ׳זעט נישט,
ס׳שלאָפט אין דרימל — וואַך די שטאָט.
פון יעדן שטיין גייט אויף אַ שפּראָצונג —
און אַ לויב צו גאָט.

דער ערב־שבת, ווי אַ תּפילה,
זינגט אַרײַן אין יעדער וואַך.
אין דײַנע שטיבלעך נידעריקע, שטילע,
וויקלט זיך אין אַטלאַסזײַד דער יאָך!

דאָ לויכט דער הימל תּמיד, שטענדיק,
אַפילו ווען ער שווײַגט מיט נאַכט.
קילע לופט דעם אָטעם בלענדיקט,
זויבערט, צויבערט אים מיט פּראַכט.

עס וויל דאָס בלוט אַ לויב אויסזינגען
דער השגחה — וואָס זי פּאַרהיט,
נעמען אַלע חושים דיך באַצווינגען:
זינג אַן ווערטער דאָ אַ ליד.

ברכה קאַפּשטיין

טויטער ים

ביסט גרויס און ביסט מאַכטיק
אין דײַן טריקעניש
טויטער ים.
דײַן אָטעם־צעשפּאַלטענע לאַווע
שלאַנגיש פאַרדרייט און פאַרדאַכט,
ווו נעמסטו דעם קוואַל
צו שטילן מײַן דאָרשט?

יאָרטויזנטער רו
איז דײַן שווײַגן.
ווי שוואַך כ׳בין איצט
אין ליכט פון דײַן פּנים,
ווי נישטיק מײַן וואָרט.
איך שטיי פאַר דיר
קליין און אַליין,
איך בעט פאַר דיר:
זינג מײַן געוויין...

זײַ אייביק,
פאַרקריץ און פאַרשרײַב
מיט דײַן זאַמדיקן שטיין
אין מײַן בלוט און געביין
דאָס דאָזיקע אָרט.
פאַרצייכן
די פרייד פון אַ טרער...

אָ, וויפל צויבער
קאָן שלינגען אַ בליק?
אייביקער סוד...
געוועלטיקט
און פורעמט דאָ גליק!
עדות פון וועלטן ניטדאָזיקע מער,
(אין מענטשלעכע גופים געפורעמט)
פאַרשרפּעט, פאַרלאָזן,
ווער האָט אין אײַך
גאָטס אָטעם אַרײַנגעבלאָזן?

פון וואַנען דער כּוח
אַזוי קרעפּטיק צו בלייַבן?

אייביקער ווונדער,
מחילה כ׳וויל בעטן
פאַר מייַן שוואַכקייט אַצינדערט,
וואָס מיט פּען
אויף פּאַפּיר
דייַן כּוח
כ׳באַריר...

דייַן שווייַגן,
ווי קלאָר ער קלינגט אין דייַן טרוים,
מייַן שפּראַך אַ פּעדעמל
קוים, קוים...
די הייסע,
די זויבערע לופט דאָ
שטעלט אָפּ
דאָס טראַכטן פון מוח.
דייַן צויבער
פון „זייַן"
וועקט אויף,
און וויגט איַין...

וואלף קארמיאל

עמוס

פון דער קאכיקער אליעזר בן־יהודה־גאס איז שמעון אריין אין א זייטיק געסל, פארנומען זיך אין רחוב הירקון און אט שטייט ער שוין ביים ים, ביי דעם שטיינערנעם באריער, וואס גרענעצט אים אפ פונעם רוישיקן עולם אין דער נידער.

ס'וויסלט זיך דער זאמד אין דער בלענדנדיקער זון. מענטשן האלב־נאקעטע, ברוינע און רויטלעכע, פליושקען זיך אין וואסער, שפרינגען אונטער מיט דער הויכער כוואליע, כאפן זיך פאר די הענט, פרובירן גיין אין א קאראהאד. אנדערע שווימען ווארפנדיק מיט די הענט און פיס, ווי ריזיקע זשאבעס.

טוריסטן דרימלען אויף אויסלייגשטולן מיט דעכלעך, פנימער מיט טונקעלע גלעזער, פלייצעס שמאלע, צעוואקסענע סמאליען זיך אין דער זון.

יונגווארג לויפט מיט א געפילדער אהין און צוריק, שפילנדיק אין באלעם. לעבן ים־ברעג דריבטשען און טאפטשען זיך אין נאסן גרונט בארוועסע פיסלעך פון קינדער, קעפלעך בליען מיט פארשידנפארביקע שפיציקע היטעלעך.

אונטער דעם גליענדיקן הימל שפרייט זיך דער ים א גרין־בלויער, ברויזט מיט בערגיקע כוואליעס, לויפט מיט שפילעוודיקע שוימיקע פעלבלעך, פאלט צו צום ברעג מיט לאשטשענדיקן שפריץ, אטעמט מיט קילן ווינט.

— ים, מיין ים, ווי איינזאם ביסטו געווען מיט יארן צוריק... שטיל איז געווען דיין ברעג אין וואכעדיקע טעג. ביסט דאן, שמעון, אן ארבעטסלאזער סטודענט, געזעסן ביים וואסער און געזוכט אויפן ווייטן האריזאנט שיפן. פלעגסט אין געבריל פון ים הערן דעם דונער פון טויזנטער וואגאנען וואס לויפן אויף די רעלסן דא אהער... דא אהער...

און אַט זענען די אַלע געקומען... און דו ביסט אויך דאָ... אמת, אויף אַ ווײַלע... אָבער דײַן טאָכטער וויל דאָ בלײַבן...

דער ים האָט זיך אַ הייב געטאָן מיט אַ ווילדן בראַזג. אַ געשריי האָט אָפּגעהילכט, אַ געלעכטער האָט נאָכגעפּאָלגט.

דער אַמאַליקער שפת־הים: פון איין זײַט האָט ער זיך געצויגן ביז די טורעמדיקע מעטשעטן און קאַפּעהײַזער פון יפו, פון דער צווייטער זײַט זענען די זאַמדן געלאָפן העט ווײַט נאָך די רויטלעכע מויערן פון דעם אַמאָליקן בית־ההסתדרות.

אַט דער זאַמדיקער מידבר איז געווען שמעונס היים בײַ טאָג. ער פלעגט זיך דאָ שלעפּן פּוסט־און־פּאַס, באַגלייט פון די ווײַסע מעוועס, וואָס זענען געפלויגן נידעריק איבערן וואַסער און גערעדט צו אים מיט כאָרכלענדיקע שטימען.

פון צײַט צו צײַט האָט ער געכאַפּט אַ טאָג אַרבעט בײַם בנין, עטלעכע טעג בײַם גראָבן אַ ברונעם. אַ מאָל געווען מזלדיק און געקראָגן אַ גאַנצע וואָך בײַם קטיף אין די פּרדסים אין רמת־גן. ער האָט זיך אָפּגעריסן די זײַטן בײַם טראָגן די בעטלעך מיט די אָנגעהויפטע קוישן מאַראַנצן. ער פלעגט דאָן אַרײַנטליקען די זאַפטיקע תפוזים צוזאַמען מיט ברויט און אָנעסן זיך אויף אַ גאַנצן טאָג. אַהיימגייענדיק פלעגן חברה אָפּרײַסן פאַרבאַטענע גרײַפּפרוכטן און אַרײַנשטופן זיי שנעל אין זעקלעך מיט מאַראַנצן, וועלכע דער אויפזעער האָט דערלויבט מיטצונעמען.

ווען ס׳זענען געקומען די רעגנטעג, איז שמעון אַרומגעלאָפן זוכן לעקציעס. און אַט האָט ער געקנעלט עברית מיט אַ גרופּע אונגאַרישע מיידלעך, געלייענט דעם „דבר״ מיט אַן אויסגעכאַליעט ווײַבל, געלערנט אַ צערודערטן בחור, אָדער געשטאָפּט מיט ליטעראַטור אַ רײַך געשטופּלט מיידל, וואָס האָט געזוכט אַ חתן.

צי ער האָט זיך אַרומגעדרייט ליידיק אָדער געאַרבעט, איין טרוים איז שטענדיק געווען אין זײַן האַרצן: — קריגן אַרבעט אין ירושלים און דאָרט זיך לערנען אויפן אוניווערסיטעט...

און איצט וויל זײַן טאָכטער דאָרט שטודירן... שמעונס בליק איז ווידער צוגעפאַלן צום וואַסער.

דער ים איז געווען טונקל־בלוי, ווי די אויגן פון אַ צה״ל־אָפיציר, וועמען ר׳האָט געטראָפן מיט עטלעכע וואָכן צוריק בײַ זײַנע פרײַנד.

דער בחור איז געווען הויך און בלאָנד. אַ שויבער פון גילדענע האָר איז געפאַלן אויף זײַן שטערן, אויפגעהעלט זײַן פאַרברוינט פנים וואָס איז געווען אי קינדעריש, אי יונגמענעריש. דער קין רונדיק און ווייך, אָבער די אויגן טונקל־בלוי, שטאַרק און זיכער, ווי די כוואַליעס פון ים.

דער קצין איז געקומען אויף שבת צו זײַנע עלטערן פון פּאָסטן אין בקעת הירדן.

דער באַלעבאָס האָט פאַרגעשטעלט זײַן זון פאַרן אַמעריקאַנער גאַסט און אַ צעשטראָלטער האָט ער גערופן צו דער פרוי אין קיך.

— רחל, גיב שוין אַרײַן ס׳עסן, עמוס איז הונגעריק, ווי אַ וואָלף!

דער בחור האָט וויניק גערעדט, נישט צו פיל געגעסן, געוואָרפן אַ פרײַנדלעכן בליק אויף שמעונס טאַכטער און זיך צעשמייכלט, ווען ס׳מיידל האָט געפרעגט אויף ענגליש:

— אַר יו אָן דייעט (זענט איר אויף דיעטע)?

בײַם טיש האָט מען געשמועסט וועגן דער ישראל־אַרמיי, פּאָליטישער לאַגע. שמעון האָט אַ זאָג געטאָן:

— די ישראל־בחורים זענען אמתע העלדן, בין איך נישט גערעכט, עמוס?

דער אָפיציר האָט אַ קוק געטאָן אויפן גאַסט מיט אַ נישט־דאַיִקן בליק.

דער טאַטע האָט זיך צעלאַבט:

— פון דער חברה ווילסטו עפּעס אַרויסקריגן? מאַך זיך נישט נאַריש!

דער זון איז אַרויס פון צימער. אַ גערויש פון וואַסער איז דערגאַנגען צו שמעונען.

— ער נעמט אַ שפּריץ — האָט די מוטער, אַ צופרידענע, געשאָקלט מיטן קאָפּ — געזונט זאָל ער זײַן!

און אָט האָט ער זיך אומגעקערט: אין זײַן גרין־געלבלעכן מונדיר, הויך און בלאָנד, ס׳פּנים פאַררויטלט.

— כ׳גיי פאַרברענגען מיט חברים — האָט ער זיך צעשמייכלט — כ׳נעם, אַבאַ, דײַן אויטאָ.

— אָבער קומסט דאָך צוריק? — האָט דער פאָטער, אַ צעשראָקענער, אַ פרעג געטאָן.

— יאָ — אָבער שפּעט... און ווילט איר זיך אפשר באַקענען מיט די ישראלים? — האָט דער בחור שפּאָסיק פאַרטשעפּעט שמעונס טאָכטער.

זיי זענען ביידע אַוועק. די באַלעבאָסטע איז אַרײַן אין קיך. דער גאַסט איז געזעסן אַ פאַרטראַכטער. זײַן פרײַנד האָט אָנגערירט זײַן אָרעם:

— וואָס האָסטו זיך, שמעון, פאַרדבקעט... וועגן דײַן „ביזנעס״? אפשר איז שוין צײַט זאָלסט אַוועק פון אים, פון דײַן שיכגעשעפט.

— און זיך דאָ באַזעצן... — האָט פאַרענדיקט דער גאַסט.

— ביסט דאָך אַ מאָל געווען אַ חלוץ, מיט יאָרן צוריק — האָט זיך צעשמייכלט דער ישראלי.

— אַ חלוץ, וואָס איז צוריקגעפאָרן קיין פּוילן?

— פאַרגעס וואָס ס׳איז געווען און קום צוריק!

— כ׳בין שוין נישט מער יונג און דאָס לעבן דאָ איז פול מיט שפּאַנונג, די מלחמה ציט זיך שוין יאָרן און מ׳זעט נישט קיין סוף — און איך זוך רו...

— דערצייל מיר נישט קיין באָבע־מעשיות, כ׳קען דיך גוט, דו האָסט

קיין מאָל נישט מורא געהאַט, שמעון, דו ביסט דער ערשטער געלאָפן קיין יפו, ווען די אַראַבער האָבן זיך דאָרט געוואָרפן אויף די ייִדן.

דער גאַסט האָט געשוויגן אַ ווײַלע. ער האָט אָנגעשפּאַרט זײַן קאָפּ אויף דער האַנט און אַ זאָג געטאָן:

— כ'בין שוין נישט מער יונג, ברוך, און כ'בין נישט אַליין...

— כ'פאַרשטיי דיך זייער גוט, מײַן ליבער, דו האָסט נישט מורא פאַר זיך, דו ציטערסט פאַר דײַן בת־יחידה...

— דאָס איז אַלץ, וואָס כ'האָב אָפּגעשפּאַרט, מײַן משפּחה און מײַן פרויס משפּחה זענען אַלע אומגעקומען.

דער באַלעבאָס האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט און אַרויפגעלייגט זײַן האַנט אויף שמעונס אַקסל.

— און מיר, וואָס זאָלן מיר זאָגן?... אונדזערע קינדער, דאָס איז אַלץ וואָס מיר פאַרמאָגן!... און דאָך... און איר ווילט דאָס פאַרטיידיקן ס'לאַנד מיט אײַערע תרומות, מיט אײַערע דאָלאַרן?

ער האָט זיך צוריקגעכאַפּט: — זײַ מיר מוחל, שמעון...

— האָסט רעכט אַזוי צו רעדן — האָט דער אַמעריקאַנער אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ — האָסט יאָרן קרעפּירט אין דעם צעלעכערטן צריף בײַם ים, נישט געוואָלט פאַרלאָזן ס'לאַנד, געהאַקט שטיינער אונטער דער סמאַליענדיקער זון אויפן כביש, אָפּגעלעבט טעג מיט אַ פּענעץ טרוקן ברויט און אַ מאַראַנץ...

— כ'בין נישט געווען דער איינציקער... און ס'קומט מיר נישט דערפאַר קיין גלעט איבערן קאָפּ... און דו, ברודערל, וועסט זיך אומקערן, דו קומסט צוריק — האָט געשמייכלט דער פרײַנד.

✶

פאַרגאַפּט אין דעם בלוי־גרינעם וואַסער, זענען שמעונען צוריקגעקומען אויפן זכרון די לעצטע ווערטער פון זײַן חבר. ער האָט זיך אָנגעלענט אָן דעם שטיינערנעם באַריער:

איז ער געקומען זיך געזעגענען מיטן ים איידער ער פאָרט אוועק? ווער ווייסט ווען ער וועט ווידער זען דעם אַלטן, גוטן פרײַנד, דעם טרייסטער אין די צײַטן פון זײַן שטורמישער יוגנט.

זענען דאָס די זעלבע ווײַסע מעוועס, וואָס פליִען איבער די קעפּ פון דעם צעליאַרעמטן עולם אין דער נידער?

שטאָל־בלויע כוואַליעס זענען ווידער געלאָפן צום ברעג און דערמאָנט דעם קצין, וועלכן ר'האָט געזען דעם לעצטן פרײַטיק בײַ זײַנע פרײַנד.

ס'איז שוין געווען שפּעט אין אָוונט. די ליכט האָבן געטריפט אויף די זילבערנע לײַכטערס, דער טיש האָט געבלאַנקט מיטן ווײַסן טישטעך, מיט די אויסגעשטעלטע טעלער, מיטן בלישטשענדיקן באַשטעק. דער קידוש־בעכער האָט געפינקלט מיט גאָלדיקן אָפּשײַן, געוואַרט אויפן ווײַן.

טאטע־מאמע האָבן זיך איבערגעקוקט מיט אומרויִקע בליקן:

— עמוס איז נאָך נישטאָ...

דעם גאַסט איז דורך אַ נערוועזער ציטער: די „גויִס" וועלכע ר'האָט געהערט אין דער פרי זענען נישט געווען צו גוט.

ענדלעך האָט ער זיך באַוויזן — דער זון. אַ פאַרשטויבטער, ס'פּנים שווייסיק־רויט, נישט געענטפערט אויף פראַגעס, זיך אַוועקגעזעצט בײַם טיש.

— ר'איז מיד — האָט אַ שעפּטשע געטאָן די מאַמע — לאָזט אים צו רו...

דער באַלעבאָס האָט געמאַכט קידוש. דער עולם האָט גענומען עסן די פיש. רחל האָט גענומען אויספרעגן שמעונס טאָכטער, ווי ס'געפעלט איר ס'לאַנד, אונטעררוקנדיק גלײַכצײַטיק דעם זון אַ טעלער פלייש:

— גיב אַ קוק, עמוס, האָסט דאָך אַפילו נישט אָנגערירט די פיש, עס זשע כאָטש די הון...

די באַלעבאָסטע האָט געשמייכלט צום מיידל, באַמערקנדיק אירע באַהאַלטענע בליקן, שנעלע און שעמעוודיקע, וועלכע זי האָט געוואָרפן צום יונגן אָפיציר.

שמעון האָט גערעדט צו זײַן פרײַנד:

— געדענקסט, ווי דו האָסט אַ מאָל געזידלט די יידישע מיידלעך, וואָס פאַרברענגען מיט די רײַכע אַראַבישע זינדלעך? האָסט פאַרויסגעזאָגט די צרות, וואָס וועלן קומען פון אונדזערע שכנים... אָבער אונדזערע בחורים גיבן זיי איצט פולווער צו שמעקן... אונדזערע גיבורים...

עמוס איז אויפגעשפרונגען פון טיש. דער בעכער מיט ווײַן האָט זיך איבערגעקערט, אַ רויטער פלעק האָט זיך צעגאָסן איבערן ווײַסן טישטעך.

עמוס איז אַרויס פון צימער. די מוטער איז אים נאָך. דער בחור איז געשטאַנען אין דער קיך און שטיל געוויינט:

— דער גראַנאַט האָט אים געטראָפן... ר'האָט אים צעשפּאָלטן אויף צוויי העלפטן, ווי אַ האַק אַ בוים... ר'איז געפאַלן בײַ מײַנע פיס. מײַן חבר, מײַן גוטער, טײַערער חבר — יצחק...

די מאַמע האָט אים אַרומגענומען, געקושט און גערעדט צו אים:

— עמוס, עמוסל, וואָס קענסטו טאָן?

די מענער זענען אַרײַן אין קיך. דער בחור איז אַוועק אין שלאָפצימער, געלייגט זיך אויפן בעט.

דעם מאָלצײַט האָט מען פאַרענדיקט אין שטילשווײַגן. שמעון האָט געקוקט ווי רחל באַמיט זיך צו פאַרדעקן דעם רויטן פלעק מיט פּאַפּירענע, ווײַסע טישטעכלעך און די בלוטיקע פאַרב קומט אַלץ קאַפּויער.

עס איז שווער אָנגעקומען דאָס געזעגענען זיך. די מענער האָבן זיך אַרומגענומען, די פרויען האָבן זיך צעקושט.

לאַנג איז מען געשטאַנען בײַ דער טיר און געווונטשן זיך אַל דאָס גוטס.

בײַם אַרויסגאַנג פון הויז, אויף דער גאַס, האָט זיך שמעונס טאָכטער פאַרהאַלטן:

— וואַרט זשע, טאַטע, כ׳קום גלייַך צוריק...

איידער שמעון האָט באַוויזן צו ענטפערן, איז זי נישט געוואָרן. ס׳האָט גענומען אַ לאַנגע צייַט ביז זי האָט זיך צוריק באַוויזן.

— כ׳האָב זיך געזעגנט מיט עמוסן — האָט זי אַ זאָג געטאָן און גענומען גיין. אין איר שטים איז געווען אַזוי פיל פרייד, אַז שמעון איז געבליבן שטיין אַ ווייַלע אַ פאַרבליפטער.

— טאַכטערשי — האָט ער געוואָלט עפּעס פרעגן — דאָריס... טאַכטערשי, — האָט ער איבערגעחזרט און אַנטשוויגן געוואָרן.

ס׳מיידל האָט אים אַנגעקוקט מיט אַ שטיפערישן בליק.

— עמוס איז שטאַרק געשלאָפן און כ׳האָב אים אויפגעוועקט — האָט זי גענומען דעם פאָטער אונטערן אָרעם.

זיי האָבן געשפּאַנט אויפן וועג צום האָטעל. דער טאַטע, פאַרזונקען אין זייַנע מחשבות, האָט נישט באַמערקט, ווי זייַן בת־יחידה עפנט פון צייַט צו צייַט איר האַנטבייַטל, גיט אַ קוק אינעווייניק און פאַרמאַכט אים שנעל. ווען זי עפנט אים בליצט אַרויס אויף אַ רגע, אין דער שייַן פון די גאַסנלאָמפּן, אַ דין, גאָלדן קייטעלע און אַ פאַרביק צה״ל־שלייפעלע פון דער זעקס־טאָגיקער מלחמה.

✶

נאָך זעקס וואָכן אין ישׂראל האָט די 103טע גאַס ביי בראָדוויי אויסגעזען אין שמעונס אויגן מאָדנע פרעמד. דער געפילדער פון מענטשן, אויסגעשפּיגן און איינגעזויגן פון שמוציקן סאַבוויי, דער ליאַרעם פון פאַרבייַיאָגנדיקע פאַרטאַריקאָנערס, נעגערס, פיליפינערס, יידן, האָט געקלונגען אין זייַנע אויערן ווי דאָס קלאַפּן און פויקן פון אַ ווילדן שבט. דאָס הודזשען פון די אויטאָס האָט אַרויסגערופן אין שמעונס אויערן אַ באַקאַנטן געררויש.

— דער ים גייט מיר נאָך — האָט ער זיך צעשמייכלט.

שמעון איז אַרייַן אין זייַן געוועלב. ס׳געשעפט איז געווען פול מיט קונים. ער האָט זיך אַרומגעקוקט, די ווענט באַהאַנגען מיט פּאַליצעס פול מיט פּודלעס שיך, האָבן געאָטעמט מיט זויערער טוכלעקייט. די קונים זענען געווען פול מיט חוצפּה, די סוביעקטן — שלאָבערדיקע, אַפּאַטישע ברואים, זייַן ווייַב ביי דער קאַסע — אַרייַנגעטאָן אין מיסחר.

— כ׳גיי נעמען אַ קאַווע — האָט שמעון אַ זאָג געטאָן צו זייַן פרוי און אַרויס אויף דער גאַס.

ער האָט טיף אָפּגעאָטעמט. ס׳איז געווען פולער טאָג און דאָך טונקל. ר׳האָט אויפגעהויבן זייַן קאָפּ צום הימל: ר׳איז געווען גרויליך — פאַרסאַזשעט.

✶

שמעונס טאָכטער פלעגט איצט גלייַך נאָכן אָונטברויט פאַרמאַכן די טיר פון איר צימער, לערנען זיך און שפּילן ישׂראל־פּלאַטן.

— ווי אַזוי קען מען מאַכן די לעקציעס און הערן מוזיק גאַנצע שעהען! — האָט זיך געבייזערט דער טאַטע.

אָפט מאָל האָט זי גענומען עטלעכע פּלאַטן אונטערן אָרעם, אַרײַנגעפּאַקט אירע שולביכער אין דער טאַרבע און זיך אַ לאָז געטאָן מיט עטלעכע גאַסן ווײַטער צו איר חברטע לאָרעין. זי איז דאָרט געזעסן ביז שפּעט אין אָוונט און צו מאָל אַפילו גענעכטיקט. שמעון איז דאַן געווען אויסער זיך:

— ווער דאַרף דאָס שלאָפן בײַ די מאָריסאָנס אין שמוץ און עיפּוש?!

— איז דאָס בײַ דיר אַ נײַעס? — האָט די פרוי אים אָנגעקוקט האַלב בייזלעך, האַלב איראָניש.

— צו וואָס קריכט זי דאָרט? אַ טײַוול האָט אָנגעטראָגן די לאָרעין...

— זי איז איר ערשטע אמתע פרײַנדין. ווען מען האָט זי געהאַט ביז איצט. ווער האָט זיך געחברט מיט איר אין דער ישיבה, וואָס איז געווען פול מיט רעליגיעזע סנאָבן? — האָט געטענהט די מוטער — ערשט איצט, אין דעם לעצטן קלאַס פון דער שטאָטישער „הייסקול", האָט זי פרײַנד...

— אַ וואָזשנע מעצאַצע לאָרעין מיט די אַלע האָלעדריגעס און משונהדיקע ברואים, באַוואַקסענע און באַבערדלטע, וואָס קומען זיך צונויף בײַ די מאָריסאָנס.

שמעון האָט אַ כאַפּ געטאָן די צײַטונג און געמאַכט זיך לייענען. ר'האָט נישט געזען די אותיות. צענדליקער געדאַנקען האָבן געעקבערט זײַן מוח.

— וואָס טרײַבסטו ס'מיידל פון דער שטוב? ס'וואָלט זיכער געווען אַנדערש, ווען ז'האָט יונגע עלטערן... אפשר יאָגט זי אַרויס ס'פּוסטע הויז אָן קרובים און נאָענטע? פילט זי, קען זײַן, דעם פאַרבאָרגענעם עלנט פון אירע עלטערן — געוועזענע קאַצעטלערס? ווען האָט ער, דער טאַטע, פאַרלוירן דעם שליסל צו דער טיר, וואָס טראָגט דעם נאָמען דאָריס?

— וויפל מאָל וועסטו דאָס שפּילן די זעלבע פאַרבענקטע און טרויעריקע לידער? — האָט שמעון געפרעגט זײַן טאָכטער.

— וואָס איז דער מער מיט דיר, דעדי? ווי אַ קינד פלעגסטו מיך אײַנשלעפערן מיט מעשׂיות וועגן ארץ־ישׂראל, מיט לעגענדעס פון דוד המלך. האָסט מיך געשיקט אין אַ ישיבה צו קענען העברעיִש, האָלטסט אין איין רעדן וועגן ישׂראל... און איצט... פאַר וואָס?

זי האָט אים אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט וועלן דערגיין פון זײַן געזיכט די סיבה פון זײַן אומרו.

זײַן כּעס האָט שמעון ערשט אויסגעלאָזט אין אָוונט, ווען דאָריס איז אַוועק.

— רבקה, צו וואָס האָסטו מיר געהייסן פאַרן קיין ישׂראל אויף אָפּרו?

זײַן פרוי האָט אים אָנגעקוקט, אַ ווײַלע געשוויגן און דאַן רויִק אַ זאָג געטאָן:

— דו נעמסט זיך צו פיל איבער מיט די שטימונגען פון דײַן טאָכטער.

— אַזוי גאָר — האָט ער מיט אַ געבייזער געפרעגט.

ווי אויסטערליש זי באַמערקט נישט, זײַן פרוי, די נערוועזע שפּאַנונג בײַ דאַריסן, ווען זי פּאַלט אַרײַן אין שטוב פון דער שול:

— איז דאָ אַ בריוו פאַר מיר?

שמעון בלעטערט אַדורך אין זײַן זכרון די אָוונטן, וועלכע זײַן טאָכטער האָט פאַרבראַכט מיטן יונגן אָפיציר. עמוס פלעגט קומען פרײַטיק בײַ נאַכט און אומקערן זיך אין בקעת־הירדן זונטיק פרי. דאַריס האָט אים נישט אָפּגעלאָזט אויף קיין איין מינוט. שפּעט בײַ נאַכט פלעגט זיך ס'מיידל אַרײַנשלײַכן אין האָטעל־צימער אויף די שפּיץ פינגער. און דאָך האָט זי שטענדיק איבערגעוועקט דעם טאַטן: אויף דעם פאָספאָרירנדיקן ציפערבלאַט פון זײַן האַנטזייגערל איז געווען פיר אָדער שפּעטער.

זעט נישט די מאַמע, אויף וואָס איר טאָכטער וואַרט? אָדער מאַכט זי זיך נישט זען?

ווי אַ בליץ, האָט אַ לײַכט געטאָן אין שמעונס מוח דער געדאַנק, אַז אים אַליין האָט די רײַזע קיין ישׂראל אַרויסגעטריבן פון דער באַקוועמער, וואַרעמער בלאָטע, ווו ר'איז געזעסן. און איצט קען ער נישט קיין רו געפינען.

ס'איז געקומען אַ בריוו פון עמוסן און שמעונס הענט האָבן געציטערט, ווען ר'האָט עס איבערגעגעבן זײַן טאָכטער. דאַריס האָט אַ כאַפּ געטאָן דעם בריוו און אַרײַן אין איר צימער. אַ צעשטראָלטע איז זי אַרויס און גענומען שנעל דערציילן:

— אין אַ פינף חדשים אַרום ווערט עמוס באַפרײַט פון דער אַרמיי. זײַענדיק אין צה"ל האָט ער שוין איין מאָל דורכגעמאַכט אַן עקזאַמען אויף דער ירושלימער אוניווערסיטעט זיך אַרײַנצוקריגן אויפן מעדיציניש פאַקולטעט. ר'איז דורכגעפאַלן. נאָך דעם ווי ר'וועט פאַרענדיקן זײַן דינסט, וועט ער נאָך אַ מאָל פּרוּוון. אויב ס'וועט אים נישט געלינגען, וועט ער אַרויספאָרן קיין פראַנקרײַך אָדער ענגלאַנד און וועט דאָרט שטודירן, אָבער ר'וועט זיך אומקערן קיין ישׂראל נאָך דעם ווי ער וועט ווערן אַ דאָקטער, ווייל נאָר אין ישׂראל וויל ער לעבן... ער שרײַבט אַז אַ צאָל פון זײַנע חברים זענען געפאַלן אין קאַמף מיט דער „אַל־פאַטאַך"... ער וואָרנט מיך, נישט צו קומען קיין ישׂראל, ווײַל די אַראַבער לייגן אונטער באָמבעס אין ירושלים, תל־אָביב...

— ער איז גערעכט, כשר גערעכט — איז אויפגעשפּרונגען שמעון.

— און איך וועל פאָרן אַהין — האָט זיך צעשרײַען די טאָכטער — איר ווייסט דען וואָס עמוס טוט? מיר נאָר האָט ער דערציילט: ער צעלייגט מינעס לענג־אויס דעם ירדן, יאָגט נאָך די טעראָריסטן, שלעפּט זיי פון די היילן — זייערע באַהעלטענישן. דאָס איז נאָך נישט אַלץ: עמוס צענעמט די מינעס, ר'איז יעדע מינוט אין געפאַר פון טויט... און איך וועל זיך דאָ באַהאַלטן אונטערן אויוון? — אָ, ניין!

זי איז גיך אַרויס פון צימער.

שמעון איז געזעסן אויף זײַן שטול ווי געליימט. זײַנע געדאַנקען האָבן געיאָגט ווי פאַרסמטע ראַצן.

— מיר וועלן בלײַבן אַליין, דאָריס... מיט וואָס דערנערן מיר זיך, אויב נישט מיט דײַן געלעכטער, מיטן בליאַסק פון דײַנע אויגן, מיט די באַוועגונגען פון דײַן דינעם גוף, אַפילו מיט דײַן געשריי... אויב דו גייסט אַוועק, וועלן מיר זיך אײַנברעכן, ווי אַלטעביימער וואָס צעפאַלן זיך, ווײַל זייערע אויסגעקרומטע וואָרצלען קענען נישט מער דערגרייכן ס׳וואַסער אין דער טיפעניש פון דער ערד...

עס זענען געקומען נײַע בריוו פון עמוסן, ענטפערס אויף די, וואָס דאָריס האָט געשיקט. די ישׂראל־פּלאַטן האָבן אָנגעפּולט שמעונס וווינונג מיט אַ טיפער בענקשאַפט. ס׳מיידל איז געזעסן אין איר צימער, צו ביסלעך זיך געלערנט, די גרעסטע טייל צײַט געווען פאַרזונקען אין דערמאָנונגען.

...זיי זענען געזעסן בײַם ים אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל, וווּ מ׳האָט נישט געזען קיין מענטש.

— דו ווייסט, עמוס — האָט דאָריס געזאָגט — אָפּט דאַכט זיך מיר, כ׳קען אַנטלויפן דאָ, אין ישׂראל, דעם הימל, אַזוי נידעריק הענגט ער איבערן קאָפּ... אָט זאָג איך צו זיך: כ׳וועל אויסשטרעקן מײַן האַנט און אָנרירן אים...

— זיי נישט קיין דיכטערין, דאָריס... דאָס לאַנד איז האַרט און די מענטשן זענען האַרט... און דיכטערס, מײַן טײַערע, שרײַבערס — אַ גרויסער טייל פון זיי האָט געדינט, אין פאַרשידענע צײַטן, די טיראַנען, דעמאַגאָגן, דעספּאָטן און דיקטאַטאָרן... גלייב מיר, די האַנט וואָס פירט דעם טראַקטאָר אין פעלד איז ערלעכער ווי די האַנט, וואָס פירט די פעדער אויפן פּאַפּיר.

— מײַן פאָטער זאָגט, ער פּילט עפּעס שבתדיקס אין אַ געוויינלעכן טאָג, ווען ער שפּאַצירט איבער די גאַסן פון תל־אָביב.

עמוס האָט זיך צעלאַכט:

— אַ נאַיִווער מענטש דײַן טאַטע... שבת און יום־טוב איז בײַ די גרויסע און קליינע קרעמערס, דער גרעסטער טייל ישׂראלים האָרעוועט שווער דורכצוקומען. און אויך אויפן פּראַנט איז נישטאָ קיין יום־טוב. דער פּראַנט איז איין גרויסע שטינקענדיקע יאַטקע, ווו צעשפּריצטער, פון קוילן, מאַרד וואַלגערט זיך צוזאַמען מיט שטיקער אברים, מיט צעפּערטלטע לײַבער, מיט אויפגעריסענע בײַכער, מיט קישקעס קלעפּיקע און לאַנגע, ווי צעדולטע שלאַנגען. ער איז אַנטשוויגן געוואָרן.

— ס׳ערשטע מאָל — האָט עמוס איבערגעריסן די שטילקייט — האָב איך דערזען די לײַבער פון טויטע מיצרים נאָך דער שלאַכט בײַ אום־כּתף. וויפל זענען דאָס געפאַלן פון מײַנע קוילן? פאַר וואָס, פאַר וואָס האָב איך געמוזט זיי טויטן? פאַר וואָס מוז איך הרגענען, ווען כ׳וויל זיך גאָר לערנען, שטודירן?

— מוזסטו זײַן אין אַזאַ געפערלעכן אָרט, ווי די בקעת־הירדן?

— די געגנט רויעט פון טעראָריסטן, וואָס האַלטן אין איין זייען טויטמינעס.

ס׳זענען דאָ וויניק ספּעציאַליסטן, ווי איך, וואָס קענען די מלאָכה פון צענעמען די באַזוקעס און די מוקשים. כ׳בין שוין אַ יאָר אין דער בקעה. מ׳האָט מיר שוין עטלעכע מאָל פאָרגעשלאָגן צו ווערן אַ מדריך אין אַ מיליטערישער באַזע, אין אַ רויִקן פּלאַץ... אָבער קען איך אַנטלויפן פון דער בקעה? טאָר איך אַנטלויפן?...

✶

שמעון האָט באַמערקט ווי זײַן טאָכטער האָט זיך געענדערט. זי האָט איצט גישט פאַרלוירן צו פיל צײַט בײַם שפּיגל, זי האָט אויפגעהערט צו ברומען אַ זאַרגלאָז לידל, מ׳האָט זי איצט זעלטן געהערט שרײַען, גוואַלדעווען. זי איז געוואָרן אײַנגעהאַלטן, מיושבדיק. אירע אויגן האָבן פאַרלוירן דעם שטיפערישן בליק. זי האָט אויסגעמיטן „פּאַרטיס", אויפגעהערט צו שפּילן פּלאַטן. זי האָט זיך באַדאַכט צוגעהערט צו די ראַדיאָ־נײַעסן און געזוכט אויף דער טעלעוויזיע פּראָגראַמען וועגן ישראל. זי האָט זיך אינטענסיוו געלערנט.

ס׳האָט זיך דערנענטערט דער זומער. עמוס האָט איצט געשריבן איין מאָל אין אַ חודש און אַ מאָל אין צוויי חדשים.

שמעון האָט געגעסן וועטשערע, ווען דאָריס איז אַרײַן אין שטוב ווי אַ ווילדער קאָזאַק:

— כ׳האָב זיך פאַרשריבן אויפן יערלעכן קורס פון ירושלימער אוניווערסיטעט... גלײַך נאָכן גראַדויִרן פאָר איך אַוועק...

צו ערשט האָט זיך שמעון אָפּגעזאָגט צו באַצאָלן פאַרן קורס. דער תּירוץ איז געווען: מ׳האָט אים נישט געפרעגט.

דאָריס האָט מיט אַ מאָל געלאָזט וויסן די עלטערן, זי ציט זיך אַרויס פון דער שטוב. די עלטערן זענען פאַרציטערט געוואָרן.

— וואָס מיינסטו, טאָכטערשי? — האָט געשטוינט די מאַמע, — פאָרסט קיין ישראל צו שטודירן, אָדער צו עמוסן?

ס׳מיידל איז אַרויס מיט אַ געוויין.

שמעון האָט איצט געלעבט ווי אין אַ הינערפּלעט.

— פאַרקויפן אַלץ און אַוועק קיין ישראל — האָט אַ משוגענער געדאַנק געטאַנצט אין זײַן מוח. ווי מאָדנע, די פאַרצווייפלונג אין אים איז געווען דורכגעדרונגען מיט אַ דינער, ליכטיקער וואַרעמקייט. גלײַך אָבער האָט ער זיך דערמאָנט: — ווער וועט קויפן מײַן געשעפט, דאָ אין דער „פאַרשוואַרצטער געגנט"? — און ער האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ מיט אַ זיפץ.

✶

דער טעלעפאָן האָט געקלונגען אָן אויפהער. עמוס איז אַראָפּ פון געלעגער, צו צום טרײַבל. ס׳איז געווען דער קאָמענדאַנט.

— עמוס!

— כ׳בין דאָ!

— מוכן? לעבן ירדן, בײַ דער בריק, געפינט זיך אַ באַזוקע מיט אַ זייגער...

אַ פּאָר מינוטן שפּעטער האָט דער בחור געשניטן מיט זײַן דזשיפּ דעם שמאָלן כּביש קיין יריחו.

די זון איז ערשט אַרויס פון הינטער די בערגלעך. אַ לײַכטער פּיאָלעט האָט אײַנגעהילט דעם הימל אויף אַ ווײַלע. גלײַך נאָך דעם איז אַ רויטלעך ליכט באַפאַלן דעם סערפּענטין־וועג, די טאָלן און די ריזיקע פעלדזן. עמוס איז געפלויגן פּײַל־פון־בויגן. זײַנע פינגער האָבן שוין געשפּירט די דראָטן, די לאַדונג, וואָס מ׳האָט גענדאַרפט צענעמען.

איז עס געווען דאָס טשוויטשערן פון פייגל, אָדער די שטים פון דאַריס?

— עמוס, עמוס! — האָט ער דײַטלעך געהערט לעבן זיך. ר׳האָט דערשפּירט אויף זײַן פּנים אירע לײַכטע פינגער.

דער אויטאָ איז געפלויגן אויפן אַספאַלט מיט היציקער גיכקייט, געשלונגען דעם כּביש, געריסן די לופט. אַ שטיק פעלדז האָט זיך באַוויזן. געלעגן אין מיטן פון שמאָלן וועג. עמוס האָט געוואָלט פאַרקירעווען, דער דזשיפּ איז אַרײַן אין שטיין. דער הימל האָט זיך געגעבן אַ דריי, אַ בייג אַראָפּ צום בחורס געזיכט, צוגעפאַלן צו זײַנע ליפּן.

✶

די ערשטע פּאָר מינוט האָט שמעון נישט געקאָנט באַנעמען, ווער ס׳שרײַט אַרײַן אין טעלעפאָן.

— דאָס בין איך, ברוך, דײַן חבר פון תּל־אָביב, ניטאָ מער עמוס — אַ געיאָמער האָט פאַרהילכט דאָס טרײַבל — ר׳איז געפאַלן אין דער בקעה — מײַן זון...

שמעון איז געבליבן אָן לשון. ס׳האָט אים גענומען שווינדלען פאַר די אויגן, ר׳האָט זיך קוים צוגעשלעפּט צום געלעגער.

די פרוי איז נישט געווען אין שטוב. דאַריס איז אַרײַן פון גאַס.

— פאַר וואָס ליגסטו, דעדי?

ס׳האָט גענומען אַ לאַנגע ווײַלע, ביז ר׳האָט באַוויזן אַרויסצושטאַמלען די שרעקלעכע בשׂורה.

זי איז אַרויס אין אַ היסטעריש געשריי:

— ס׳איז שקר, ליגן... עמוס, מײַן עמוס...

זי איז זיך פאַרגאַנגען אין אַ ביטערן העשען:

— ווער האָט דאָס געטאָן מיר? פאַר וואָס? אוי, ווי לײדיק איך בין, ווי אויסגעהוילט... משוגעים קעמפן פאַר אַ לענדל די גרויס פון ביו־דזשוירזי... ניין, ס׳איז נישטאָ קיין גאָט... ווי וואָלט ער געלאָזט אים שטאַרבן?...

✶

זי איז געלעגן גאַנצע טעג אויף איר בעט, די האָר נישט פאַרקעמט, די אויגן פאַרקוקט אין אַ ווײַטעניש, ווייניק גערעדט, ווייניק געגעסן. די עלטערן און

לאַרעין האָבן געפּרוּווט זי אַרויסרײַסן פון דער שטוב. אַ נישט־דאָיִקער שמייכל איז אַרויס אויף אירע בלייכע ליפּן:

— צו וואָס? ער וואַרט דאָך נישט דרויסן אויף מיר...

זי איז געלעגן מיט פאַרשלאָסענע אויגן און געזען עמוסן, זײַן שטילן, פאַרשעמטן שמייכל, זײַן געזיכט. זי האָט גערעדט צו אים. בײַ נאַכט פלעגט זי זיך אויפכאַפּן מיט אַ געשריי, זי האָט געהאַט שוידערלעכע חלומות.

אַ געפיל פון אומזיכערקייט האָט זי דורכגעדרונגען. זי האָט מורא געקראָגן אַז אירע עלטערן וועלן פּלוצעם שטאַרבן. זי האָט דאָס לעבן דערזען ווי אײן קייט פון אומגלייבלעכע פּאַסירונגען. זי האָט זיך אַרײַנגעטראַכט אין דער אויסטערלישער אומזעעוודיקער מאַכט, וואָס האָט זי אָפּגעריסן פון עמוסן אין דער לעצטער מינוט איידער זיי האָבן זיך געזאָלט טרעפן:

— פאַר וואָס? ווו איז דער זין פון דעם אַלעמען?

זי האָט מיט אַ מאָל דערזען די נישטיקייט פון אַלע באַגערן און שטרעבונגען. אַ ווילדער געדאַנק איז אַדורך איר מוח: — כ'וועל שטאַרבן און זיך טרעפן מיט עמוסן.

די עלטערן האָבן באַמערקט איר לעטאַרגישן צושטאַנד און אַן אימה איז זיי באַפאַלן. די מאַמע האָט גערעדט צו איר:

— קינד מײַנס, האָסט נאָך אַ גאַנץ לעבן פאַר זיך...

דער טאַטע האָט זיך אײַנגעשפּאַרט — זי מוז אַרויס אויף דער פרישער לופט, וויפל וואָכן קען מען דאָס ליגן אין שטוב?

זי האָט זיך געלאָזט אָנטאָן ווי אַ שטײַפע ליאַלקע. די מאַמע האָט זי גענומען אונטערן אָרעם און אַרויס מיט איר אין גאַס. פאַרבלענדט פון דער זון האָט ס'מיידל געשפּאַנט ווי אַ לונאַטיקער. די וואַרעמע, זומערדיקע לופט האָט זי אַרומגענומען. זי האָט דערשפּירט דעם ריח פון די צעבליטעביימער און ס'זענען אין איר אויפגעגאַנגען די דערמאָנונגען פון ישראלדיקן ים, דעם בלויען, נידעריקן הימל, דער אייביק גרינער ערד.

— איז דען עמוס נישט געווען אַ טייל פון זיי?

זי האָט דערפילט אַ נאָגנדיקע בענקשאַפט נאָך דעם לאַנד, ווו ר'האָט געלעבט, ווו ר'האָט געקעמפט.

זי איז אַוועק אין אָוונט צו איר חברטע לאַרעין. זי האָט אָנגעטראָפן דאָרט די זעלבע ליאַרעמענדיקע, באַוואַקסענע יונגע־לײַט און צעכיכעטע מיידלעך און מיט אַ מאָל דערזען די פּוסטקייט פון דער געזעלשאַפט, די זינלאָזיקייט פון זייער עקסיסטענץ.

— כ'קוק אויף זיי מיט די אויגן פון עמוסן — האָט זי געזאָגט צו זיך.

ווען זי האָט זיך אומגעקערט אַהיים, האָט די מוטער ס'ערשטע מאָל, נאָך לאַנגע וואָכן, דערזען אויף איר טאָכטערס פּנים אַ שמייכל.

— כ'מוז אַוועק אַהין, ווו עמוס האָט געלעבט — האָט דאָריס געטראַכט — כ'וועל זיך דאָרט לערנען, כ'וועל דאָרט לעבן...

יצחק קאָרן

ייִדיש האָט אַ צוקונפט

עטאַפּן פֿון אַנטוויקלונג

אין אויגוסט 1976 איז אין ירושלים פֿאָרגעקומען די ייִדיש־קאָנפֿערענץ מיט דער באַטייליקונג פֿון דעלעגאַציעס פֿון 14 לענדער. אויף דער דאָזיקער וועלט־קאָנפֿערענץ איז געגרינדעט געוואָרן דער וועלטראַט פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור.

זינט דעמאָלט זענען פֿאַררעגיסטרירט געוואָרן אייניקע וויכטיקע דערגרייכונגען אויפֿן געביט פֿון אויפֿוועקן דעם אינטערעס פֿאַר שטאַרקן און פֿאַרפֿעסטיקן ייִדיש און ייִדישע קולטור. די פֿאַרגאַנגענע צען יאָר האָבן באַוויזן, אַז ס׳האָבן געלוינט די אַלע אָנשטרענגונגען וואָס זענען געמאַכט געוואָרן, און אַז ס׳איז נאָך פֿאַראַן אַ גרויסער פּאָטענציאַל פֿאַר ייִדיש. מיר דאַרפֿן אָבער זיך נישט באַנוגענען מיט דעם וואָס איז דערגרייכט געוואָרן, ווײַל דער שטח פֿון נישט דערגרייכטן איז נאָך גרויס און בולט.

ווי איינער וואָס האָט עפּעס צוגעטראָגן צו דער „אָפֿענסיווע" פֿאַר ייִדיש אין ישראל און פֿאַרשידענע לענדער, מוז איך מיט באַדויער אויך פֿעסטשטעלן, אַז עס זענען נאָך פֿאַראַן געוויסע גרויסע קרײַזן, ייִדן אָפּשטאַמיקע פֿון מיזרח־אייראָפּע, וואָס שטייען מן־הצד און לייגן נישט צו קיין האַנט צו דער היסטאָרישער שליחות. זיי שעמען זיך נאָך אַלץ מיט ייִדיש. דעריבער דאַרפֿן מיר אַראָפּרײַסן די „בושה" און צעברעכן די געטאָ־מויער אין וועלכער ייִדיש איז געוואָרן אַרײַנגעשטופּט. אונדזער אויפֿגאַבע איז צו הייבן דעם פּרעסטיזש פֿון ייִדיש אין די ייִדישע געצעלטן.

ייִדיש, וואָס האָט אין משך פֿון הונדערטער יאָרן באַגלייט דאָס רוב פֿון ייִדישן פֿאָלק, איז נאָך אַלץ אַ גרויסער נאַציאָנאַלער ווערט און אויך אין דער

איצטיקער תּקופה איז ייִדיש ביכולת אויסצופילן נאַציאָנאַלע אויפגאַבעס. דעריבער זענען מיר באַרעכטיקט צו פאָדערן פון מדינת־ישׂראל פולע אָנערקענונג און שטיצע פאַר ייִדיש, קודם־כּל אַ דערנענטערונג פון דער העברעיִש־מחנה צו דער ייִדיש־מחנה.

אויף דעם געביט זענען פאַראַן באַדײַטנדיקע דערגרייכונגען. די וועלכע האָבן בײַגעוווינט די ייִדיש־וועלט־קאָנפערענץ אין מײַ, יאָר 1985, אין תּל־אָביב, זענען זיכער געווען באַגײַסטערט דערפון וואָס ס'האָבן זיך אין איר באַטייליקט ישׂראלדיקע פּראָמינענטע פּערזענלעכקייטן מיטן פּרעזידענט פון דער מדינה חיים הערצאָג בראָש, און האָבן אויסגעדריקט זייער אָנערקענונג פאַר ייִדיש און איר וויכטיקער ראָלע אין אונדזער תּקופה סײַ אין מדינת־ישׂראל און סײַ אין די תּפוצות.

די דערגרייכטע גינסטיקע אַטמאָספער פאַר ייִדיש אין ישׂראל לייגט אַרויף אַ חוב אויף דער ייִדיש־מחנה אין ישׂראל און אין די תּפוצות, אַז זי זאָל אויפריכטיק זיך דערנענטערן צו דער העברעיִשער מחנה און צו ישׂראל, ווײַל נאָר דאָס איז דער וועג וואָס קען אָפּהאַלטן דעם שטראָם פון דער שפּראַך־אַסימילאַציע וואָס דראָט אויסצוראָטן אונדזערע נאַציאָנאַלע ווערטן.

מיר דאַרפן אויך פאַרצייכענען דעם דערפרייענדיקן פאַקט פון אַן אָנהייב פון אינטערעס פאַר ייִדיש צווישן דער ייִדישער יוגנט און ייִדישע אַקאַדעמישע קרײַזן.

ס'איז דעריבער אַ געבאָט פון דער שעה אין דער מערכה פאַר ייִדיש צו שאַפן אַן ערנסטן יוגנט־ייִדיש־צענטער, וואָס זײַן שליחות זאָל זײַן: אַרײַנדרינגען אין די פאַרשידענע יוגנטלעכע און אַקאַדעמישע קרײַזן און דאָרט פאַרשפּרייטן און פאַרפעסטיקן ייִדיש.

אויף דער זיצונג פון דעם ביוראָ פון וועלטראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור, וועלכע איז לעצטנס פאָרגעקומען, איז באַשלאָסן געוואָרן צו קאָאָפּע־רירן מיט דער לייטונג פון ייִדיש־פּראָגראַם בײַם אָקספאָרד־אוניווערסיטעט וועגן שאַפן דאָרט דעם יוגנט־צענטער.

די קרוין־טעטיקייט פון וועלטראַט

ווי די קרוין־טעטיקייט פון וועלטראַט פאַר ייִדיש אין משך פון די לעצטע יאָרן קען זיכער פאַררעכנט ווערן דאָס אַרײַנברענגען דעם ייִדיש־לימוד אין די שולן און לערן־אַנשטאַלטן אין ישׂראל און אין אַ טייל לענדער אין די תּפוצות. די מאַפּע פון ייִדיש־לימוד נעמט אַרום אויסער ישׂראל אויך קאַנאַדע, אַרגענטינע, אויסטראַליע, דרום־אַפריקע, בראַזיל און אַנדערע לענדער.

דאָס וואָס געשעט מיט ייִדיש־דערציִונג אין ישׂראל איז ממש אַן איבער־ראַשנדיקע דערשײַנונג, גראָד אין ישׂראל האָט זיך פאַרבעסערט די אַטמאָספער פאַר ייִדיש. אַ סך לערן־אַנשטאַלטן ווײַזן אַרויס אַן אינטערעס צו ייִדיש־לימוד. דער

וועלטראַט פירט אָן אַן אַקציע צו שאַפן אינטערעס און דערמוטיקן דעם יידיש־לימוד אויך אין אַזעלכע שולן אין וועלכע יידיש האָט ביז איצט נישט געהאַט קיין דריסת־רגל. דער וועלטראַט פאַר יידיש האָט אויך דערמוטיקט דעם משרד החינוך צו פאַרפעסטיקן דעם יידיש־לימוד אין די שולן און צו באַמיגירן אַ ספּעציעלן אינספּעקטאָר פאַר יידיש אין די געהעריקע שולן און לערן־אַנשטאַלטן.

צוזאַמען מיטן אײַנפירן דעם יידיש־לימוד אין קרוב 30 שולן אין ישראל איז אויך אונטערגענומען געוואָרן אַ וויכטיקע אַרבעט צוצוגרייטן קאַדערס פון יידיש־לערערס פאַר די שולן אין ישראל בײַ דער יידיש־קאַטעדרע אין בר־אילן און אין ירושלימער אוניווערסיטעט.

דער וועלטראַט גרייט צו אין מכון־גרינבערג אין ירושלים יידיש־לערערס פאַר די שולן אין די תפוצות. אויך אין אייניקע גרעסערע יידישע ישובים אין חוץ־לארץ ווערן דורך די אָרטיקע חינוך־צענטערס צוגעגרייט לערער־קאַדערס פאַר יידיש.

מיטן וווּקס פון דער צאָל יידיש־תלמידים וואַקסט אויך די נויטווענדיקייט פון צוגרייטן פּאַסיקע לערן־ און טעקסט־ביכער פאַר די אָנפאַנגערס און אַוואַנסירטע תלמידים. דער וועלטראַט פאַר יידיש האָט לעצטנס אַרויסגעגעבן פּעדאַגאָגישן מאַטעריאַל, און דער משרד החינוך פון דער ישראל־רעגירונג שטיצט אונדז אויף דעם געביט.

מיטן פּנים צו יונגע קאַדערס

א

יידיש און יוגנט זענען אין לעצטן דור (נאָכן חורבן) דערשיינען כמעט ווי היפּוכדיקע באַגריפן. דאָס רוב פּעדעם צווישן זיי זענען איבערגעריסן געוואָרן. די דאָזיקע דערשײַנונג איז אַ גאָר שווערע פאַר די קרײַזן וואָס גלייבן אין יידיש און ווילן העלפן שטאַרקן די יידיש־קולטור.

מקרב זײַן די יוגנט צו יידיש איז געווען און איז אויך הײַנט איינע פון די הויפּטצילן פון וועלטראַט פאַר יידיש און יידישער קולטור.

די לעצטע יאָרן מערקט זיך אַ דערפרייענדיקע דערשײַנונג אין פאַרשידענע יידישע קהילות אין דער וועלט: יידישע יוגנטלעכע ווײַזן אַרויס אַן אינטערעס פאַר די מקורות פון יידיש, ווילן וויסן מער וועגן דער יידישער קולטור.

אין ישראל זענען מיר עדות פון דער זעלביקער דערשײַנונג. בײַם וועלט־ראַט פאַר יידיש האָט זיך אָרגאַניזירט אַן אַקטיווע יוגנט־גרופּע, וועלכע האָט אַליין פעסטגעשטעלט איר טעטיקייט־פּראָגראַם.

אין „יידיש־וועלט" נומ' 45 איז צום ערשטן מאָל פּובליקירט געוואָרן די פּלאַטפאָרמע פון דער יוגנט. דאָס איז אַן ערנסטער פּרווו צו באַגרינדן די מיט־אַרבעט מיטן וועלטראַט פאַר יידיש און אַזוי אַרום קלאָר מאַכן דעם וועג. דער

עלטערער דור פון וועלטראַט האָט אויפגענומען מיט צופרידנקייט די ערשטע אידעיִשע שריט פון דעם דור־ההמשך.

ב

דאָס אָרגאַניזירן זיך פון יונגן דור בײַם וועלטראַט פאַר ייִדיש מאַכט אַ סוף צו דער מיינונג, אַז אין ישראל און טײַלווײַז אין אַנדערע לענדער, איז צווישן ייִדיש און דער יוגנט נישטאָ קיין שום פאַרבינדונג. דאָס וואָס איז לעצטנס פאַר־געקומען אין ישראל באַווײַזט, פאַרקערט, אַז עס זענען פאַראַן ערנסטע אויסזיכטן מיר זאָלן אַנפילן מיט יונג בלוט די אָדערן פון דער ייִדיש־קולטור, אַז ס׳זענען פאַראַן יונגע, פעיִקע מענטשן, וועלכע שטרעבן אײַנצופלעכטן זיך אין דער ייִדישער קולטור־טעטיקייט.

כדאי צו באַמערקן, אַז אַ סך סקעפּטיקערס האָבן געטענהט, אַז אויב עס וועט אַ מאָל קומען אַ דערנענטערונג פון יונגן דור צו ייִדיש, וועט עס זײַן נאָר אין אַ באַזונדערער פאָרמאַציע, ווײַל יוגנטלעכע קענען זיך נישט משתּף זײַן מיט דעם עלטערן דור. אַזאַ אײַנשטעלונג אויפן געביט פון קולטור איז אַ פאַלשע. אויב מיר ווילן באַאײַנפלוסן דעם גאַנצן אָרגאַניזם פון קולטור־אַרבעט אין אונדזער תּקופֿה, דאַרף די סיסטעם נישט געבויט ווערן אויף סעפּאַראַטע פאָרמאַציעס. די יונגע קרײַזן דאַרפן אָנטייל נעמען אין די אַלגעמיינע ייִדישע אָרגאַניזאַציעס און בײַטראָגן זייער דינאַמיזם צו דער אַרבעט פאַר ייִדיש, דאָס הייסט: קאָאָפּעראַציע און נישט סעפּאַראַטיזם איז דער ריכטיקער וועג פאַר דעם אָרגאַניזירטן יונגן דור. אַזוי איז טאַקע געשען בײַם וועלטראַט פאַר ייִדיש אין ישראל און דאָס קען דינען ווי אַ בײַשפּיל פאַר אַנדערע לענדער.

דאָס מיינט נישט אַז די יוגנטלעכע פאַרלירן זייער זעלבשטענדיקייט ווי אַ יונגער פליגל פון וועלטראַט. פאַרקערט, זיי וועלן באַקומען פון עלטערן דור פונעם וועלטראַט פּילוזײַטיקע שטיצע, כּדי צו קענען אויספילן זייער שליחות.

דער יונגער דור קען אַרײַנברענגען אין דער טעטיקייט פאַר ייִדיש־קולטור נײַע שיטות און איניציאַטיוון, וועלכע זאָלן עפענען די טירן פון וועלטראַט פאַר מאָדערנערע מעטאָדן און באַרײַכערן די אַנטוויקלונג פון דער אַלגעמיינער אַרבעט.

דער אינטערעס פון יונגן דור פאַר ייִדיש דריקט זיך אויס נישט בלויז דורכן שאַפן די אָפּטיילונג פון דור־ההמשך בײַם וועלטראַט. עס זענען פאַראַן נאָך וועגן צו אַקטיוויזירן די יוגנטלעכע, זיי זאָלן ווערן שותּפים אין דער מערכה פאַר ייִדיש־קולטור. מײַן כּוונה איז: דער אָפּמאַך וואָס דער וועלטראַט האָט געשלאָסן מיט דער לייטונג פון דער פּראָגראַם פאַר ייִדיש אין אָקספאָרד (ענגלאַנד), לויט וועלכער ס׳וועט אין יאָר 1988 עטאַבלירט ווערן אַ געמיינזאַמער יוגנט־צענטער בײַם וועלט־ראַט און בײַ דער לייטונג פון דער פּראָגראַם פאַר ייִדיש אין אָקספאָרד. דער הויפּטציל איז צוגרייטן פאַסיקע יוגנטלעכע וואָס וועלן נאָכן פאַרענדיקן דעם קורס ווערן מאָביליזירט פאַר ייִדישער קולטור־אַרבעט אין פאַרשידענע לענדער. דאָס

איז נישט קיין לײַכטע אַרבעט, אָבער מיט אַ סך עקשנות וועט אונדז געלינגען צוצוגרייטן אַ קאַדער יוגנטלעכע, וואָס וועט אויספּילן אַ נוצלעכע אַרבעט פֿאַר דער ייִדיש־טעטיקייט אין פֿאַרשידענע לענדער.

דערמיט האָבן מיר נישט אויסגעשעפּט אַלע וועגן אַרײַנצוציִען די ייִדישע יוגנט אין דער טעטיקייט פֿאַר ייִדיש־קולטור. מיר דאַרפֿן זײַן באַהערשט פֿון דעם אָפּטימיסטישן געדאַנק, אַז פֿאַר דער ייִדישער יוגנט איז ייִדיש נישט קיין אָפּגעשלאָסענע טעריטאָריע.

ג

דער וועלטראַט פֿאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור איז אין משך פֿון זײַנע 12 יאָר עקזיסטענץ געשטאַנען פֿאַר ערנסטע פּראָבלעמען. נישט אַלץ וואָס איז אָנגעצייכנט געוואָרן צו טאָן האָט בײַם אָנהויב אַרויסגערופֿן פֿולן צוטרוי. מיט אונדזער באַמיִונג אַרײַנצוברענגען ייִדיש־לימוד אין די מלוכה־שולן אין ישׂראל, האָבן מיר אין יאָר 1987 דערגרייכט אַ דערפֿאָלג אין קרוב 40 לערן־אַנשטאַלטן. דאָס האָט אַרויסגערופֿן גרויס פֿרייד בײַ די אמתדיקע פֿרײַנד פֿון ייִדיש און נישט ווייניק עגמת־נפש בײַ אַ הײַפֿל נישט־פֿאַרגינערס. גלײַכצײַטיק האָבן מיר אין עטלעכע לענדער געהאָלפֿן דורכפֿירן גרויסע קולטור־אימפּרעזעס אין ייִדיש: פֿעסטיוואַלן, טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען אאַז״וו. לעצטנס האָט דער וועלטראַט זיך פֿאַרמאָסטן אויף אַ ברייטערער אַרבעט אין שותּפֿות מיט אייניקע שטאַט־פֿאַרוואַלטונגען אין ישׂראל: דורכצופֿירן ביי די פֿאָלקס־אוניווערסיטעטן קורסן פֿאַר ייִדיש און ייִדישער ליטעראַטור פֿאַר דערוואַקסענע. ס'איז נייטיק אויסצושטרעקן אַ האַנט דעם עלטערן דור וואָס וויל פֿילן דעם טעם פֿון אַ זאַפֿטיקער ייִדישער שפּראַך.

אין דער קייט פֿון אַרבעט איז דער יוגנט־דור אייגער פֿון די סאַמע וויכטיקסטע רינגען. דאָס וואָס עס איז געשען לעצטנס אין ישׂראל, דאַרף באַווײַזן דעם עלטערן דור פֿון חובֿבֿי־ייִדיש, אַז דער וועלטראַט וועט אויפֿנעמען מיט צעשפּרייטע הענט דעם דור־ההמשך, געבן די יונגע דאָס געפֿיל, אַז זיי זענען בײַ זיך אין דער היים.

די אָפּטיילונג פֿון דעם יונגן דור — דעם דור פֿון המשך — בײַם וועלטראַט פֿאַר ייִדיש אין ישׂראל, האָט מיט דער פּובליקירטער פּלאַטפֿאָרמע באַוויזן דעם עלטערן דור, אַז די יונגע דריקן אויס אויף אַ קאָנקרעטן אופֿן זייער פֿולע קאָאָפּעראַציע מיט די צילן פֿון וועלטראַט.

אויב די פֿאַרשטענדיקונג און מיטאַרבעט פֿון ביידע דורות וועט ווערן אַווירקלעכקייט, וועלן מיר קענען פֿאַרצייכענען אַ נײַעם עטאַפּ אין דער מערכה פֿאַר ייִדיש־קולטור און באַנײַען דעם „אייביקן" דיאַלאָג צווישן ביידע דורות, בשײַכות מיט דעם געמיינזאַמען ציל.

דער ייִדיש־שרײַבער

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז די זאָרג פֿאַר דער שאַפֿונג פֿון ייִדישן שרײַבער, וועלכער נייטיקט זיך אין וואָס מער אויפֿמערקזאַמקייט און דערמוטיקונג. די

ייִדישע ליטעראַטור, וואָס אַ גרויסער טייל פון אירע שאַפערס געפינט זיך הײַנט צו טאָג אין ישׂראל, איז דער גרונטזײַל פון דער ייִדיש־קולטור. דער וועלטראַט פאַר ייִדיש האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן עטלעכע און דרײַסיק ביכער פון פאַר־שידענע ווױכטיקע ייִדיש־שאַפערס. דער וועלטראַט פּלאַנירט צו שאַפן אַ פאָנד פאַר ייִדיש־שרײַבערס, וואָס זאָל דערמעגלעכן אַרויסצוגעבן זייערע שאַפונגען.

דער וועלטראַט האָט לעצטנס באַשלאָסן אַרויסצוגעבן אַ גרויסן זאַמלבוך פון די ייִדיש־שרײַבערס אין ישׂראל אויף דער טעמע: „די ישׂראל־טעמאַטיק אין די שאַפונגען פון די היגע ייִדיש־שרײַבערס". דאָס וועט זײַן אַן אייגנאַרטיקע אַנטאָלאָגיע געווידמעט 40 יאָר מדינת־ישׂראל.

דער וועלטראַט זאָרגט אויך פאַר דער ייִדיש־פּרעסע. אַ דאַנק זײַן ווירקונג ווערן דורך דער ייִדישער אַגענץ געשטיצט אַ גאַנצע ריי ייִדיש־אויסגאַבעס אין דער וועלט, וועלכע מוזן נאָך פאַרגרעסערט ווערן. די ווײַטערדיקע באַמיִונגען זענען צו פאַרזיכערן דעם המשך פון דער ייִדישער פּרעסע.

דער וועלטראַט, ווי די צענטראַלע ייִדיש־קולטורעלע אינסטאַנץ, גיט אַרויס רעגלמעסיק אייניקע וויכטיקע אויסגאַבעס: די פּעריאָדישע ליטעראַריש־געזעל־שאַפטלעכע העפטן „ביי זיך", אונטער דער רעדאַקציע פון יצחק יאַנאַסאָוויטש, וועלכע האָבן זיך דערוואָרבן גרויס אָנערקענונג. נאָך „די גאָלדענע קייט" פאַרנעמט „בײַ זיך" דעם וויכטיקסטן פּלאַץ אין דער ייִדיש־ליטעראַרישער פּעריאָדיק. דאָס גלײַכן דערשײַנט, זינט דרײַ יאָר, די חודש־אויסגאַבע פון וועלטראַט „ייִדיש־וועלט", וואָס צייכנט זיך אויס מיט איר רײַכער ייִדישער קולטור־אינפאָרמאַציע פון דער גאָרער וועלט, מיט ליטעראַרישע אָפּשאַצונגען און באַהאַנדלונגען און בכלל מיט דער פּראָבלעמאַטיק פון דער ייִדיש־קולטור אין אונדזער תקופה. כּדי צו דערנענטערן ביידע מחנות — פון ייִדיש און פון העברעיִש — גיט דער וועלטראַט אַרויס די צווייישפּראַכיקע אויסגאַבע „גשרים—בריקן".

דאָ דאַרף אויך באַטאָנט ווערן, אַז די געפאַר פאַר דער ייִדיש־פּעריאָדיק איז נישט בלויז דער מאַנגל אין פינאַנציעלע מיטלען. ייִדישע צײַטונגען און פּעריאָדישע אויסגאַבעס קענען פאַרשווינדן ווערן צוליבן מאַנגל אין זעצערס, לינאָטיפּיסטן, קאָרעקטאָרן און אויך מחמת דעם מאַנגל פון אַ יונגער פּלעיאַדע זשורנאַליסטן, וואָס זאָל ממשיך זײַן די גאָלדענע קייט פון דער ייִדיש־פּרעסע. די פראַגע טאָר נישט אַראָפּגיין פון אונדזער סדר־היום.

ישׂראל ווי אַ וועלטצענטער פון ייִדיש־קולטור

אין משך פון דורות האָט דער ייִדיש־צענטער געוואַנדערט פון פּלאַץ צו פּלאַץ. אין דער צעשפּרייטער געאָגראַפיע פון דער ייִדיש־קולטור האָבן עקסיסטירט ייִדיש־צענטערס, ווי צום בײַשפּיל: אָדעס, וואַרשע, ווילנע, ניו־יאָרק. צוויי כאַראַקטעריסטישע שטריכן האָבן כּמעט תּמיד אַנטשיידן דאָס נײַע אָרט פאַר אַ וועלטצענטער: ערשטנס — אַ גרויסע ייִדישע קהילה מיט אַ פולסירנדיקן ייִדישן

קלימאַט: צווייטנס — אַ שפע פון יידישער קולטור־שעפערישקייט אויף זייער אַ סך געביטן. דאָס פאַרלירן די קולטור־צענטראַליטעט איז געקומען פון פאַר־שידענע סיבות, למשל, אַדעס (מ׳דאַרף דאָ אויך אַריינרעכענען קיעוו און מאָסקווע) האָט פאַרלוירן איר צענטראַליטעט צוליב דעם וואָס דער קאָמוניס־טישער רעזשים האָט איזאָלירט די סאָוועטישע יידן פון יידישן פאָלק אין דער וועלט. די ראָלע פון יידישן קולטור־צענטער האָט איבערגענומען וואַרשע און האָט אים געהאַלטן ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין דער זעלבער צייט האָט זיך צעבליט און פאַרשטאַרקט דער יידישער קולטור־צענטער אין ניו־יאָרק, דערגייענדיק צו אַ היכער שטופּע פון יידיש־שעפערישקייט.

ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה האָט ישׂראל געהאַט באַשיידענע גרופּעס פון יידיש־שאַפערס. נאָך דעם ווי דער נאַצי־חורבן האָט אָפּגעמעקט פון דער מאַפּע די ברוזיענדיקע יידישע קולטור־סביבה אין מיזרח־אייראָפּע, איז דער יידיש־קולטור־צענטער פון וואַרשע אַריבער קיין ניו־יאָרק.

יידישע קולטור־צענטערס האָבן זיך אַנטוויקלט איינצייטיק אין פאַרשיידענע ערטער. אַזוי, צום ביישפּיל, האָט אַדעס פונקציאָנירט פּאַראַלעל מיט וואַרשע, דערנאָך וואַרשע־ניו־יאָרק. אַ שטיק צייט נאָכן חורבן איז ניו־יאָרק כמעט געבליבן אײנע אַליין. מיט דער אָפּשוואַכונג פונעם יידישן קולטור־צענטער אין ניו־יאָרק שיילט זיך אויס ווידער די פּערספּעקטיוו פון אַ טאָפּלטער אַקס: ניו־יאָרק—תל־אָביב. די פראַגע איז איצט: צי איז ישׂראל רייף דערצו, צי פאַרמאָגט זי גענוג יידיש־כּוחות דערויף?

מען קאָן נישט פאַרענדיקן דאָס קאַפּיטל און נישט דערמאָנען, אַז אין דער יידיש־מערכה זענען פאַראַן אויסטערלישע עקסטרעמע דערשיינונגען. פאַראַן אַזעל־כע, וואָס רעדן יידיש אָבער זיי געהערן נישט צו דער יידישער נאַציאָנאַלער מחנה. ס׳איז צום באַדויערן וואָס אַ קיבוץ מיט צוויי מיליאָן יידן אין סאָוועט־רוסלאַנד איז אין גאַנצן אָפּגעזונדערט.

גלייכצייטיק זענען פאַראַן, בעיקר אין די פרייע לענדער, באַדייטנדיקע עקס־טרעמע רעליגיעזע קרייזן, וועלכע באַנוצן זיך מיט יידיש אין אַלע פּערזענלעכע און געזעלשאַפטלעכע ענינים אָבער איזאָלירן זיך אויך פון דער יידישער נאַציאָ־נאַלער מחנה. אַ וואַנט פון שׂינאה און ביטול גרענעצט זיי אָפּ פון באַוווסטזיניקן נאַציאָנאַלן רוב פון יידישן פאָלק אין ישׂראל און אין גלות.

פון דעם דאָזיקן בילד קאָנען מיר זען ווי ווייט אונדזערע קולטור־הימלען זענען פאַרוואָלקנט. דאָך דאַרף מען כאָטש דערמאָנען, אַז לעצטנס באַמערקט מען אין פאַרשידענע ערטער קליינע שפּראָצונגען פון אונדזער יונגן דור, וואָס האָט אָנגעהויבן אַרויסצווייזן אינטערעס צו אונדזער יידיש־קולטור.

זינט ס׳איז אויפגעקומען מדינת־ישׂראל, פון 1948 ביז היינט, איז געשאַפן גע־וואָרן אַ גרויסער יש אין דער היגער יידיש־מערכה. פאַראַן וויכטיקע דערגרייכונגען אין דער יידיש־שעפערישקייט אין ישׂראל וואָס צוזאַמען שטעלן זיי פאָר אַ באַ־דייטנדיקן קולטור־פאַרמעג.

אין יאָר 1986 זענען אין ישראל געווען קרוב 120 שרײַבערס: פּראָזאַיִקערס, דיכטערס, עסייִסטן, ליטעראַטור־ און קונסט־קריטיקערס, און איבערזעצערס. אַ טייל פון זיי דערגרייכן מיט זייער יצירה ווײַט איבער די גרענעצן פון ישראל. פאַראַן אויך אַזעלכע וואָס שאַפן מיט זייערע ווערק טיילווײַז די בריק צו דער הערבעיִשער מחנה.

קיין ישראל זענען אָנגעקומען ייִדיש־שרײַבערס פון פאַרשידענע לענדער, פון די פּליטים־מחנות, ווי אויך פון דרום־אַמעריקע, געציילטע פון צפון־אַמעריקע און אין די 70ער יאָרן — פון סאָוועט־רוסלאַנד.

אין דער תקופה פון זעלבשטענדיקייט האָט זיך אין ישראל אַנטוויקלט אַ גרויסע ייִדיש־קולטור־טעטיקייט, וואָס באַרעכטיקט, אַז ישראל זאָל, פּאַראַלעל מיט ניו־יאָרק, באַטראַכט ווערן ווי אַ צענטער פון ייִדיש־קולטור.

אַברהם קאַרפּינאָוויטש

די פּאָן

דער קאָנצערט האָט זיך אָנגעהויבן מיט דער אוווערטור צו דער אָפּערע „פּריישיץ". דער לאַנגזאַמער אַרײַנפיר, וועלכער האָט געדאַרפט, לויט דעם קאָמפּאָזיטאָרס כּוונות, שילדערן דעם וואַלד, איז פאַרגאַנגען צו די ווײַטסטע ווינקלען פון תּפיסה־הויף. דער צאַרטער פידלקלאַנג האָט זיך אויפגעגאָסן מיט דער שטילער, צעצויגענער מעלאָדיע פון די וואַלטאַרנעס און געשאַפן דעם רושם פון אַ דעמערונג, וואָס רײַסט זיך דורך דיביימער. אַ שיטערער טרעמאָלאָ, אַ דומפּער קלאַפּן פון די קעסלפּויקן, באַגלייט מיט דעם זיפצן פון טשעלאָס, האָבן אַזוי ווי באַדויערט דעם פאַרשווונדענעם טאָג.

וועבערס מוזיק האָט טאַקע געטריבן דעם דמיון צו זען דעם בין־השמשות זיך פאַרשפּרייטן אין אַ וואַלד, אָבער דער טאָג אין נאַקעטן תּפיסה־הויף איז געשטאַנען באַלויכטן פון אַ הייסער, אָנפּניותדיקער, נאָכמיטאָג־זון. די אַרעסטאַנטן האָבן זיך געהאַט אויסגעזעצט אויף דער ערד, האַרט בײַ די ווענט פון די תּפיסה־בלאָקן, ווו דער שאָטן איז געווען לענגער, כּדי ניט צו פאַרלירן קיין איין קלאַנג פון לאַנג דערוואַרטן קאָנצערט. דער דיריגענט האָט דווקא געוואָלט אָנהייבן דעם קאָנצערט אין אָוונט, אָבער די וועכטערס האָבן זיך קעגנגעשטעלט. דער רעגולאַמין פאָדערט די אַרעסטאַנטן זאָלן זײַן אין אָוונט פאַרמאַכט אין זייערע קאַמערן. האָט דער דיריגענט, בלית־ברירה, מסכּים געווען. ער האָט זייער געוואָלט דערפרייען די אַסירים מיט אַ ביסל מוזיק. די מוזיקערס האָבן ניט געהאַט קיין באַזונדערן חשק צו פאָרן אין אַ הייסן סעפּטעמבער־טאָג קיין רמלה געבן קאָנצערט, אָבער דער דיריגענט האָט זיך אײַנגעעקשנט. ער מוז וויסן ווי ווערן אַרעסטאַנטן באַווירקט פון מוזיק. אויך דער תּפיסה־דירעקטאָר, אַ געוועזענער קיבוצניק, איז געווען מלא־התלהבות. ער האָט עס אָנגערעגט אין אַ בריוו צו דער אָרקעסטער־

לייטונג אַראַנזשירן אַזאַ אימפּרעזע. ערשט ניט לאַנג איז ער געקומען פון אַ באַזוך אין דענעמאַרק און דער קאָפּ איז אים פול געווען מיט נײַע אויפטוען און אויסבעסערונגען לטובת דעם אַרעסטאַנט. אַט האָט ער געזען אַ תּפיסה, ניט ווײַט פון קאָפּענהאַגען, וווּ די טויערן זענען אָפן און אַ ווײַב קאָן קומען צו אַן אַרעסטירטן מאַן איין מאָל אין חודש. מען גיט זיי אַפילו איבער נאַכט אַ באַזונדערן צימער.

די וועכטערס זענען ניט געווען גליקלעך פון זײַנע גוטע כּוונות. ס׳וועט שוין באַלד פון דער תּפיסה ווערן אַן אָפּרוהויז. אויך דער קאָנצערט איז ניט געווען פאַר זייער געמיט. אַט האָט מען געשלעפּט ברעטער צו בויען אַ פּאָדיום. פרעמדע מענטשן האָבן זיך געדרייט איבערן שטח. מוזיקערס זענען פאַרקראָכן מיט זייערע אינסטרומענטן אין אַלע פאַרבאָטענע ווינקלען. ס׳איז שווער געווען צו האָבן השגחה אויף דעם גאַנצן האַרמידער.

די אַרעסטאַנטן האָבן זיך יאָ געפרייט מיט דעם קאָנצערט. מען וועט אַ פּאָר שעה אַרויס פון דער איינטאָניקייט. כאָטש פאַר דעם גרעסטן טייל איז די מוזיק געווען זייער פרעמד. דאָרט האָט געפעלט דער צעצויגענער מידבר־ניגון, דער געציקלטער לייטמאָטיוו. דאָך זענען זיי אַרטיק געזעסן אויף דער ערד און צוגעשאָקלט מיט די קעפּ בײַ יעדער קונציקער פידל־קאָדענצע. ווי אַראָפּגעפאַלענע מאַראַנצן, בראַרע, אין אַ פּרדס, האָבן זיי אויסגעזען פון דער ווײַט אין זייערע רעקלעך פון אַראַנזשן־קאָליר, דעם פּריווילעגירטן מלבוש פאַר אַרעסטאַנטן מיט אַן אורטייל ביז פיר, פינף יאָר.

נאָך די אָוואַציעס האָט דער דיריגענט, דורך זײַן איבערזעצער, געפרעגט וואָס וויל דער עולם מען זאָל נאָך שפּילן.

דאַ האָט אַ קול, פון גאַרגל אַרויס, אָפּגעקלונגען:

— בייטהאָווען!...

דער דיריגענט האָט זיך איבערגעקוקט מיט די מוזיקערס. די שטילקייט האָט אָנגעהאַלטן בלויז איין רגע. ווי דורך אַ געעפנטער דאַמבע האָט אַ פלאָס געטאָן פון פּאָדיום אַ געלעכטער, וואָס האָט אַלעמען מיטגעריסן, אַפילו די פאַרכמורעטע תּפיסה־וועכטערס. דערנאָך האָט דער דיריגענט געבעטן דעם איבערזעצער זאָגן, אַז דער אָרקעסטער האָט ניט צוגעגרייט קיין בעטהאָווען אין דער פּראָגראַם. ער איז אַראָפּ פון פּאָדיום, אַרײַן אין אַ דערבײַיִק צימער און גלײַך אַרויס צוריק פון דאָרט אָנגעטאָן אין אַן אַרעסטאַנטן־רעקל. די תּפיסה האָט געשטורעמט. דער בײַפאַל איז געווען גאָר גרויס. די אַרעסטאַנטן האָבן פאַרטויבט דעם הויף מיט זייער בראַוואָ־פּאַטשערײַ.

דער קאָנצערט האָט זיך געענדיקט מיט גערשווינס „אַמעריקאַנער אין פּאַריז״, מיט טיילן פון „פּאָרגי און בעסס״. אַלע האָבן זיך אײַנגעשלאָסן אינעם טאַקט פון די באַקאַנטע מעלאָדיעס, געהערטע אַ מאָל אויף דער פרײַ.

✶

— וואָס האָסטו געשריִען בייטהוווייז, אַלע זאָלן לאַכן?
— גרינבערג האָט מיר געגעבן אַ פּעקל פּאַפּיראָסן איך זאָל שרייַען.
— אַז מען ווייס ניט, שרייַט מען ניט. יענע, די אַשכּנאַצים, זוכן אונדז נאָר צו פאַרשעמען. פאַר וואָס האָט ער אַליין ניט געשריִען?
— ער האָט זיך געשעמט...
— פריִער גנבענען זיי, דערנאָך שעמען זיי זיך...
— און פון וואַנעט ווייסטו אַזוי ריכטיק דעם נאָמען?
— ווייַל איך האַלט אַ בוך אין האַנט.
— און נסים האַלט דעם קליינעם אין האַנט... האַ, נסים?...
— זיך צוגעטשעפּעט ווי די מאַנדאַוואַשקעס. ווער איז דאָס דער גאַנצער בעט... אין זייַן מאַמעס פּיריק אַרייַן...

די פיר געלעגערס אין דער תּפיסה־קאַמער סקריפּען ווי טאַרמאַזן פון אַלטע וואָגאָנעס. קיינער פון די אַרעסטאַנטן שלאָפט ניט. נאָכן איבעררייד גייט יעדער פון זיי אַוועק צו זייַנע מחשבות. נסים טראַכט, אַז מאָרגן, בעתן שפּאַציר, וועט ער וואַרפן דאָס פּעקל פּאַפּיראָסן גרינבערגן אין פּרצוף אַרייַן. זשאַק איז געזעכט. אַפילו אין תּפיסה זוכן זיי בטל צו מאַכן דעם מאַראָקאַנער. מאָרגן וועט ער אים זאָגן אַ פּאָר ווערטער, דעם מאַניאַק. ער מיינט, אַז ער איז געוועזן אַ דירעקטאָר אין אַ באַנק...

זשאַקן נאָגן די זאָרגן וועגן דער אַפּעלאַציע. דער אַדוואָקאַט גיט גוטע האָפענונגען, נאָר גיי ווייס... דערווייַל ציט ער געלט. ס'איז שוין באַלד אַוועק אַ העלפט פון דעם פאַרדינסט... דער פּאַסער האָט געזאָגט שושנהן אַז בריליאַנטן זענען געפאַלן... ס'וואָלט שוין אפשר געלוינט אָפּצוזיצן די פּאָר יאָר און ניט אויפהייבן דעם קאָפּ.

פּסח מאַכט השבונות מיט דער צייַט. אים איז געבליבן נאָך אַכט חדשים. וואוהין וועט ער גיין? אהיים? וועלכע היים? פון וואָס וועט ער אָנהייבן? ווידער גנבענען אויטאָס? דער מנהל האָט צוגעזאָגט אים אייַנצואָרדענען אין אַ גאַראַזש, טאָקע ניט ווייַט פון תּפיסה, אויפן וועג קיין רמלה; אָבער טאָמער?... טאָמער הייבן אים אָן ווידער ציטערן די הענט בייַם אָנרירן דעם רודער, ווי בייַ אַ שיכּור בייַם אָנרירן די פלאַש בראָנפן? דער פּסיכיאַטאָר האָט געזאָגט, אַז דאָס גנבענען אויטאָס איז בייַ אים אַזאַ מחלה... קומט אויס, אַ טריפּער קאָן מען היילן און דאָס ניט?

בלויז יעקב, וואָס מען רופט אים „די פליגעלע" צוליב זייַן הייך און גרייס, מאַטערט זיך ניט מיט זייַנע מחשבות. ער איז שוין דאָס צווייטע מאָל אין תּפיסה. ער דערוואַרט גאָרניט פון קיינעם. יעקב האָט פייַנט שותּפים, ניט צו קיין מחשבות און ניט צו קיין משא־ומתּנס. ער האָט שוין אַ פּלאַן וואָס ער האָט צו טאָן אין צוויי יאָר אַרום, ווען ער וועט אַרויס. ער וועט ווידער גיין אויף גרויס, אין אַ באַנק. מיט אַ שפּייַער אין האַנט. אַ פּאָר מיליאָן מיט איין קלאַפּ.

דערנאָך אַוועק. צום בעסטן קיין דײַטשלאַנד. דאָרט זענען אַנגעפּאָרן אַ סך אייגענע.

אַ פֿולע לבֿנה שײַנט אַרײַן דורך דעם שמאָלן פֿענצטערל, האָרט אונטערן סופֿיט. די קראַטן שפּאַלטן דאָס ליכט. דער שלאָף דאַרף ניט לאַנג קעמפֿן מיט די פֿיר יונגען. נאָך אַ פּאָר מינוט און זיי דרייען זיך אויס מיט די פּנימער צו די רויע בעטאָנווענט פֿון דער ענגער קאַמער און אין באַגער קלעפּט זיי די אויגן — אַ חלום וועגן אַ נאַקעט מיידל מיט צעלאָזטע האָר און גרויסע בריסט, ווי מען זעט עס אין דעם זשורנאַל, וואָס זשאַק האָט אַרײַנגעשמוגלט אין תּפֿיסה.

✶

— ...און כּדי איר זאָלט פֿאַרשטיין וואָס באַדײַט אמונה, וועלן מיר עפֿענען די גמרא „ברכות". דאָרט ווערט דערציילט וועגן אַ מחלוקת צווישן דעם מלך חזקיהו און דעם נבֿיא ישעיהו. מען האָט זיך געקריגט איבער כּבֿוד, ווער וועמען עס זאָל גיין באַזוכן. וואָס האָט גאָט געטאָן? ער האָט געבראַכט יסורים אויף חזקיהון און באַפֿוילן ישעיהון — גיין מבֿקר־חולה זײַן. איז דער נבֿיא ישעיהו בן־אמוץ אַוועק און געזאָגט צום קראַנקן: שרײַב אַ צוואה, ווײַל דו גייסט שטאַרבן. האָט יענער געפֿרעגט: הלמאַי? האָט ישעיהו געענטפֿערט: ווײַל דו האָסט ניט געזאָרגט צו האָבן קינדער. האָט חזקיהו זיך פֿאַרענטפֿערט: כ'האָב מורא געהאַט זיי וועלן זײַן רשעים. האָט אים ישעיהו פֿירגעהאַלטן: מיש זיך ניט אין גאָטס געשעפֿטן!... דו טו וואָס דו דאַרפֿסט און גאָט וועט טאָן וואָס ער דאַרף!... האָט חזקיהו פֿאָרגעלייגט — אדרבא, גיב מיר דײַן טאָכטער, אפֿשר וועלן פֿון אונדז אַרויס גוטע קינדער. האָט ישעיהו זיך צוריקגעכאַפּט. צו שפּעט. דײַן גזר איז געחתמעט. האָט חזקיהו אויסגעשריִען — ענדיק דײַן נבֿואה און גיי אַרויס פֿון מײַן שטוב. האָסט פֿאַרגעסן, אַז ווען אַפֿילו אַ שאַרפֿע שווערד ליגט אויפֿן האַלדז, זאָל מען ניט פֿאַרלירן די אמונה און בעטן רחמים...

הרבֿ בערלינער קומט אַלע וואָך געבן אַ שיעור אין דער תּפֿיסה. די אַרעסטאַנטן זיצן אויף די בענק אין דער גרויסער קאַמער, וווּ עס שטייט די טעלעוויזיע, און האָרכן אויס די רייד פֿונעם רבֿ. ניט אַלץ איז צו פֿאַרשטיין, אָבער דאָ, דאָרט פֿאַראַנקערט זיך אַ וואָרט אין אַ מוח, וואָס איז יאָרן אײַנגעשטעלט אויף זוכן וועגן ווי אַרויסצוגיין טרוקן פֿון אַן אײַנבראָך. דער רבֿ שאָקלט זיך איבערן באַלעמער, גלעט די פּעך־שוואַרצע באָרד, הויך צעוואַקסן פֿוןביידע זײַטן פּנים, און באַמיט זיך איבערצײַגן זײַן כּיתּה די וויכטיקייט פֿון אמונה און בטחון אין דער השגחה־עליונה.

אויף דער ערשטער באַנק זיצט חגי דער בעל־תּשובֿה. מען דערקענט אים דורך דעם קאַפּל אויפֿן קאָפּ און דעם טלית־קטן, אָנגעטאָן איבער דער אַרעסטאַנטן־בלוזע. ער שאָקלט זיך אין איין טאַקט מיט דעם רבֿ און די דבֿקות פֿאַרשטשעמעט זײַנע ליפּן. כאָטש פֿאַר זײַן זינד, אַ רויבאָנפֿאַל אויף דער תּל־אָבֿיבֿער צענטראַל־באַנק, דאַרף ער זײַן אין דעם פֿאַרשלאָסענעם קאָרפּוס, האָט אים דער תּפֿיסה־

דירעקטאָר אַריבערגעפירט אין אַ קאַמער, וווּ די טיר איז אָפן ביז דעם אוונט־אָפּעל. דאָס האָט הרב בערלינער זיך משתדל געווען. ער האָפט, אַז חגי וועט זײַן פון די ערשטע תּלמידים אין דער ישיבה, וואָס ער פּלאַנט צו גרינדן אין תּפיסה. די וועכטערס האָבן ניט קיין איבעריקן צוטרוי צו חגיס פרומקייט, אָבער דער דירעקטאָר זאָגט, אַז מען דאַרף פּרוּוון.

הרב בערלינער האָט נאָך געוואָלט דערציילן אַ באַלערנדיקן משל פון דובנער מגיד, אָבער ס'איז ניט געבליבן קיין צײַט. ער האָט זיך געאײַלט באַזוכן דאָס אַרעסטהויז אין אַבו־כביר, אויפמונטערן דאָרט עטלעכע אסירים. האָט ער זיך בלויז באַנוגנט מיט אַ פראַגע:

— וועמען איז עפּעס ניט קלאָר?...

גרינבערג, אַ צערייצטער וואָס נסים האָט אים אין דער פרי צוריקגעוואָרפן דאָס קעסטל פּאַפּיראָסן, האָט זיך אָפּגערופן:

— רבי, מיר איז ניט קלאָר איין זאַך — חזקיהו איז געלעגן טויט־קראַנק, האָט ער גאָר געטראַכט וועגן מאַכן אַ ברית...

גרינבערג איז געזעסן אויף דער לעצטער באַנק, האָט חגי ניט געקאָנט צוקומען צו אים. איז ער געבליבן בײַם שרײַען:

— רבי, זאָגט אים! אַניט וועל איך אים זאָגן, דעם...

דאָ האָט געדאַרפט פאַלן אַ שמוציק וואָרט, אָבער הרב בערלינער האָט, מיט אויפהייבן אַ האַנט, באַרויִקט די געמיטער:

— גרינבערג, גרינבערג... אַזאַ מענטש ווי איר... מיט אײַער בילדונג, דאַרפט עס נעמען ברייטער. צווייטנס, אַז גאָט וויל, נעמט ער אַרויס חזקיהון פון בעט און שטעלט אים אונטער דער חופּה...

דאָ גייט ניט אָן אַזאַ געלעכטער ווי בעת דעם קאָנצערט. הרב בערלינער קומט ניט פאַרוויילן. ער הערט אויס אַ קשיה, אַ תּחינה, און ניט איין מאָל טראָגט ער אַפילו אַרויס אַ גרוס צו דער משפּחה. באַנוגענען זיך גרינבערגס בײַזיצערס מיט אַ שיפּען: — קאָסעממאַ, בן־זונה...

✶

דער אײַטאַ, וואָס האָט געדאַרפט קומען נעמען הרב בערלינער קיין אַבו־כביר, איז ניט געקומען צו דער באַשטימטער צײַט. דער תּפיסה־דירעקטאָר האָט אײַנגעלאַדן דעם רב טרינקען אַ גלאָז טיי. שוין העכער אַ יאָר ווי הרב בערלינער קומט אין תּפיסה געבן אַ שיעור. דער דירעקטאָר פון תּפיסה, וואָס חלומט וועגן אַ תּפיסה, וואָס זאָל מגולגל ווערן אין אַ קיבוץ הינטער קראַטן, איז שטאַרק צופרידן פון עם רבס באַזוכן. זיי האָבן זיך ביידע באַפרײַנדעט. הרב בערלינער לייגט אַרויס פאַרשידענע בקשות און דער תּפיסה־דירעקטאָר גיסט אויס פאַר אים זײַן ביטער האַרץ אויף די צרות, וואָס מען מאַכט אים אין מיניסטעריום. ער וויל אײַנפירן אין תּפיסה נײַע מינהגים, און זיי, דאָרט, טענהן, אַז מען האָט

זיך נאָך קיין עצה ניט געגעבן מיט די אַלטע מינהגים. יעדער חידוש איז פאַרבונדן מיט בודזשעטן, מיט קאָפּדרייעניש.

הרב בערלינער האַלט דאָס גלאָז טיי אין ביידע הענט און צווישן איין זופּ און דעם אַנדערן שטאַמלט ער:

— אַדון בר־זעירא... איך... וויל אייך בעטן וועגן חגין... אפשר קען מען אים געבן אַ וואָך אורלויב. ער וויל זען זיין יינגל. דאָס קינד דאַרף ניט וויסן, אַז דער טאַטע איז אין תּפיסה, חגיס ווייב איז אַוועק אין אַ ווייטן ישוב. דאָרט גייט חגי אַן ווי איינער פון געהיימדינסט. ער געפינט זיך, מכּלומרשט, אין אויסלאַנד...

בן־זעירא שטעלט אַן אויפן רב אַ פּאָר אויגן, ווי יענער וואָלט געבעטן מען זאָל צעברעכן די תּפיסה־מויערן. הרב בערלינער האַלט אויס דעם בליק. ער ווייס, אַז דער קיבוצניק געהערט ניט צו די אָפיצירן, וואָס די עפּאָלעטן האָבן זיי געמאַכט האַרב און ניט צוטריטלעך.

— איר ווייסט דען וואָס איר בעט? חגי האָט צו זיצן נאָך פינף יאָר. אפילו ווען מען וועט אים אַראָפּרעכענען אַ דריטל פאַר גוטער אויפפירונג. ווען ניט איר, איז זיין אָרט אין אַן איינצל־קאַמער. איז נאָך ווייניק, איז ער געווען פאַרמישט אין אַ פּרווו צו אַנטלויפן. איר זעט חגין מיט זיין קאַפּל אויפן קאָפּ און דעם טלית־קטן. איך זע חגין מיט דעם מאַשין־געווער אין דער באַנק. זייט מיר מוחל, נאָר איך האָב ניט קיין גרויסן צוטרוי צו זיין פרומקייט נאָכן דערשיסן דעם שומר, אַ פאָטער פון זעקס קינדער.

— אַדון זעירא, עס שטייט געשריבן — במקום שבעלי־תּשובה עומדים, אינם צדיקים גמורים עומדים...

אַ שמייכל צעלייגט זיך אויף דעם דירעקטאָרס דאַרפישן פּנים, אַן אַ סימן פון אַ באָרד:

— די סקעפּטיקערס גיבן צו — ווייל דאָרט איז ניט אַזוי ריין...

— דאָס מיינט מען דעם בעל־תּשובה, וואָס איז פריער געווען פרום, אָבער ניט וועגן אַזאַ, וואָס גאָטס וואָרט איז אים פריער פרעמד געווען.

בן־זעירא זיפצט אָפּ:

— איך מוז אייך זאָגן, כּבוד הרב, אַז איך באַוווּנדער אייך. לויט מיין חשבון דאַרפט איר איצט זיין ביי אַ יאָר פערציק.

— אמת...

— איר זעט? בערך, אין מיין עלטער. אין דער מועצת־התּורה האַלט מען זייער שטאַרק פון אייך. איר האָט געקאָנט אַרויף גאָר הויך. לויפט איר פון תּפיסה צו תּפיסה, און איך ווייס ניט ווער ס׳וועט אייך זאָגן אַ דאַנק.

הרב בערלינער שטעלט אַוועק אויפן טיש דאָס ליידיקע טייגלאָז און רעדט אין זעלבן נוסח:

— איך מוז אייך זאָגן, אדון בן־זעירא, אַז איך באַוווּנדער אייך. איך ווייס, אַז איר זענט אַ פּראָנט־אָפיציר מיט אויסצייכענונגען. איר האָט געקאָנט אַרויף

גאָר הויך. זיצט איר אין דער תּפיסה פון רמלה, מיט וועלן מאַכן אַלץ בעסער, און איך ווייס ניט ווער ס'וועט אײַך זאָגן אַ דאַנק...

ביידע לאַכן.

— אַ דאַנק, זאָגט איר? אין מיניסטעריום באַשולדיקן זיי מיך, אַז די דיסציפּלין איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. כ'האָב אויך געהאַט אַ דורכפאַל. איך האָב רעקאָמענדירט מען זאָל סאַלים סאַלם, דעם בעדויִנער, וואָס האָט דערהרגעט דעם שוואָגער צוליב צוויי קעמלען, געבן אורלויב. איז ער מער ניט צוריקגעקומען. ס'איז רעכט, אַז מען האָט אים דערמאָרדעט אויס נקמה. איך האָב אים געזאָגט: סאַלים, אין תּפיסה ביסטו זיכערער ווי אויף דער פרײַ. און ער האָט זיך געבעטן — כאַוואַדזשאַ, לאָז מיר שלאָפן אַ פּאָר נעכט אין מידבר, ציילן די שטערן, הערן דעם שאַקאַלן־געוווי...

— איז וואָס זענט איר שולדיק?

— שולדיק, ניט שולדיק, זיי זאָגן, אַז איך האָב חטאים.

— וועלכע חטאים?

— וואָס איך וויל פאַרלײַכטערן אַ ביסל די מערכה פון אַרעסטאַנט. איר האָט דאָך געזען אין וועלכע באַדינגונגען מיר האַלטן זיי. אין אַ קאַמער פון פיר זיצן צען.

— ווער האָט זיך עס געקאָנט פאָרשטעלן, אַז אין אונדזער קליינער מדינה וועלן זײַן אַזוי פיל פאַרברעכערס?

בן־זעירא ציינדט זיך אָן:

— און וועלכע פאַרברעכערס!... מילא, אַזאַ גרינבערג, זיצט פאַר דעפראַודאַציע; אָבער איך האָב דאָ רוצחים, פאַרגוואַלדיקערס, רויבערס, אײַנברעכערס, סוחרים פון העראָין...

— מיר האָבן זיך אויסגעגלײַכט מיט די אומות־העולם...

— ניין, הרב בערלינער, מיר האָבן זיך ניט אויסגעגלײַכט מיט די אומות־העולם. מיר האָבן זיך אויסגעקרימט מיט זיי.

— ערגעץ ווו האָבן מיר פאַרזען.

— אפשר... אָבער דאָס זאָגט ניט, אַז מען דאַרף זיי האַלטן ווי חיות אין אַ שטײַג. זיבן טויזנט פאַרברעכערס האָבן מיר. אין שאטה, אין כּפר־יונה, אין דער תּפיסה פון באר־שבע, אין יגור. אַפילו אין תּל־מונד, ווו עס זיצן די יוגנטלעכע. זאָלן זיי כאָטש אַרײַס אויף דער פרײַ ניט צעבראָכן, ניט פאַרקריפּלט נאָך מער ווי זיי זענען דאָ אַרײַן. מען דאַרף זיי צוגרייטן ווידער אָנצוגיין מיט זייער לעבן. אָט ברענג איך אָן אָרקעסטער. קויף ביכער. כ'האָב אַפילו אײַנגערעדט אַ ייִדן, ער זאָל אָרגאַניזירן אין תּפיסה אַ ברילִיאַנטן־שלײַפערײַ. זאָלן אַרעסטאַנטן לערנען אַ פאַך. שטעלט זיך פאַר — אַ שפּריצל פון אַ שטיין פעלט ניט.

— זעט איר, דאַרף מען דאָך גלייבן אינעם מענטש...

— און מיך האָבן אָנגעהויבן מאַטערן ספקות...

בן־זעירא האָט געעפנט דעם שופלאָד פון זײַן שרײַבטיש, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ בריוו און אים אויסגעשטרעקט צו הרב בערלינער:

— לייענט, וועט איר אפשר פאַרשטיין מײַן געמיט.

דער רב האָט אָפּגערוקט דאָס זײַטל פּאַפּיר פון זײַנע אויגן. די אותיות דאָרט זענען געלעגן אין קרומלעכע שורות, אָבער געשריבן דײַטלעך, ניט געציקלט, ווי אַרויסגענומען פון אַ לערנבוך פאַר די ייִנגערע קלאַסן. ער האָט געוואָנדערט מיט זײַן בליק איבער דעם כתב און ניט פאַרראַטן מיט אַ מינדסטן צוק פון זײַן בערדיק פּנים, וואָס ער טראַכט און וואָס ער פילט. בלויז פון שורה צו שורה האָט ער געקנייטשט דעם שטערן, ווי בײַ אַ שווערער סוגיא:

פראַנקפורט, 19.8.83

טײַערע זשאַנעט,

איך האָב דיר צוגעזאָגט צו שרײַבן גלײַך ווי איך וועל זיך אײַנאָרדענען. שרײַב איך דיר. גאָט צו דאַנקען, איך בין אײַנגעאָרדנט. איך אַרבעט אין אַ קאַפע, אויף דער מאַזעלסטראַססע. די שטאָט איז זייער שיין. דו גייסט און דו גייסט, און דו זעסט בלויז געשעפטן. פון כל־טוב. אונדזער שטעטל גייט דאָרט אַרײַן אין איין גאַס. די קאַפע איז אַזוי: אונטן טרינקט מען קאַווע און אויבן שטייט אַ בעט. דאָרט נעמט מען אויף געסט. איך טראָג אַ מגן־דוד אויפן האַלדז און מיר גייט זייער גוט. בעסער ווי די צווייטע — מערי. זי איז אַ דײַטשע שאַרמוטא, פאַר די טערקישע גאַסט־אַרבעטערס. אַ בעסערער גאַסט גייט צו מיר. איך פאַרדין, פרעג ניט. ס׳טרעפט אַ נאַכט ענדיקט מען מיט אַ פינף גראָסע. און אַן אַן אַלפאָנס, אַן אַרס. דאָ האָט זיך געוואָלט איינער צוטשעפּען צו מיר. אַ ישראלי. ער האָט מיר געזאָגט: איך וועל דיך היטן פון אַ קלאַפּ. אָבער כ׳האָב אים געשיקט קעביינע מאַט. די דײַטשן זענען זייער פײַנע מענטשן. מען דאַרף ניט מורא האָבן פאַר אַ קלאַפּ. זיי האָבן ליב אָרדענונג. אַ דײַטש דרייט ניט קיין קאָפּ. אַרויף, אַראָפּ, באַצאָלט און שלום על ישראל. בלויז איין מאָל האָב איך געהאַט אַ מאָדנעם גאַסט. ער איז געווען גוט שיכור. כ׳האָב געמוזט אים העלפן זיך אויסטאָן. אונטערן לינקן אָרעם האָב איך געזען בײַ אים אויסגעטאַטויִרט אַ נומער און נאָך עפּעס אַ סימן. פריִער האָט ער זיך געשפּילט מיט דעם מגן־דוד, געדרייט אים אין אַלע זײַטן, און געהירזשעט דערבײַ ווי אַ פערד. דערנאָך האָט ער זיך צערעוועט — איך וואָפן עס־עס! קיינע ראַסן־שאַנדע! כ׳האָב אים געוואָלט באַרויִקן, האָט ער מיך אָפּגעשטופּט. כ׳בין שיִער ניט אומגעפאַלן. ער האָט מיר צוגעוואָרפן אַ באַנקנאָט און זיך קוים אַרויסגעוואָלגערט פון קאַמער, דער אַלטער פריק. כ׳האָב דאָס דערציילט עליזהן. יענע דרייט זיך בײַם באַנהויף, בײַ זייער תחנה מרכזית, האָט זי מיר געזאָגט, אַז לויטן טאַטויִרטן נומער איז ער געווען זיכער פון די, וואָס האָבן געשאָסן ייִדן. ווייסט דאָך, ווען ס׳איז בײַ אונדז יום־השואה.

אין פראַנקפורט זענען מיר בײַ אַ דרײַ הונדערט מיידלעך פון ישראל. רעגיסטרירטע אין דער זיטן־פּאָליציי. אַלע פאַרדינען זייער גוט. כ׳האָב שוין גערעדט מיטן שעף. גלײַך ווי דו קומסט, טרײַבט ער אַרויס די דײַטשע הור, און מיר וועלן זײַן צוזאַמען. איך צייל די טעג זאָלסט ענדיקן דעם אורטייל. אַרום און אַרום בין איך דאָ גוט עלנט. ניט איין מאָל כאַפּט מיך אַ קריושע. כאַשיש איז דאָ ניט טײַער.

זיי געזונט און ענטפער גלײַך
דײַן חברטע שׂרה גינדי

שרײַב מיר מיט וועמען זיצסטו אין איין קאַמער.

הרב בערלינער איז אַ גוטע רגע געזעסן מיטן בריוו אין האַנט און געשוויגן. לסוף האָט ער צוריקגעגעבן דעם בריוו:

— פון וואַנען קומט עס צו אײַך?

— די תּפיסה־צענזור האָט אים איבערגעכאַפּט. מען האָט געמיינט, אַז דאָרט איז צעשאָטן אַ ביסל קאָקאַין. איר ווייסט גאָרניט מיט וועלכע וועגן מען שמוגלט אַרײַן אין דער תּפיסה נאַרקאָטיק.

— אַך, גאָט, גאָט... צו וואָס מיר זענען דערגאַנגען.

— איצט פאַרשטייט איר שוין מײַנע ספקות? אפשר איז עס אַ ווונד וואָס מוז אייטערן?...

הרב בערלינער האָט גאָרנישט געענטפערט. עמעץ האָט אָנגעקלאַפּט אין טיר. דער אויטאָ איז געקומען נעמען דעם רב קיין אַבו־כּביר. האָט ער זיך לאַנגזאַם אויפגעהויבן פון שטול און מיט שווערע טריט אַרויס פון קאַבינעט.

★

דער טאָג איז אויפגעשטאַנען אַ כמורנער. אויך די אַרעסטאַנטן. אין דרויסן האָט געגאָסן אַ רעגן, געקלאַפּט מיט גרויסע וואַסער־טראָפּנס אין די קראַטן. די עלעקטריע־לעמפּלעך אין די קאָרידאָרן, פאַרפאַנדערט הינטער געדיכטע נעצן פון שטאָלדראַט, זענען ניט מסוגל געווען בײַצוקומען דעם טונקל, בלויז געוואָרפן פאַסן ליכט אויף דעם אַרומיקן בעטאָנענעם עלנט.

כאָטש די נאַכט אין תּפיסה איז זייער אַ לאַנגע, האָבן די אַרעסטאַנטן, אויפן וועג צום עסצימער, געגענעצט און געצויגן די גלידער. אפשר צוליב דעם וועטער, וואָס האָט געקלעפּט די אויגן און גערייצט די געמיטער. בכלל זענען די לעצטע פאָר חדשים געפלאָסן אין דער תּפיסה ווי אַ שטראָם, הארט אונטער דער ערד. מען האָט געהערט זײַן אומרויִקן ריזלען און יעדע רגע דערוואַרט זײַן צערײַסן דעם דינעם שיכט באָדן. צו פיל האָט זיך געהאַט אָנגעקליבן. קיינער איז ניט געווען צופרידן. די וועכטער אַוודאי ניט. זיי האָבן באַשולדיקט בן־זעיראן, אַז די אַרעסטאַנטן נוצן אויס זײַן נאַיִוקייט, זײַן קיבוצישן צוגאַנג. אַלע האָבן אים

געוואָרנט, אַז ער האָט צו טאָן מיט כיטרעוואַנעס, ליגנערס, מעסערשטעכערס, וועלכע שטעלן זיך פֿאַר קיין זאַך ניט אָפּ. און ער האַלט זיך בײַ זײַנס. מען דאַרף פֿאַרבעסערן זייער קיום, וועלן זיי ווערן בעסער. סוף־כּל־סוף האָט זיי אַ מאַמע געבוירן, ניט דער טײַוול. אַלע וועכטערס האָבן געהאַט שאַדנפֿרייד ווען צוויי אַרעסטאַנטן זענען אַנטלאָפֿן בעת אַן אויספֿלוג אין די כּרמל־בערג. בן־זעירא האָט אָרגאַניזירט אָט דעם יוצא־דופֿנדיקן פּרווו צו דערנענטערן די אַרעסטאַנטן צו דער נאַטור. זיי זענען דערנאָך געזעסן אינעם לײדיקן עסצימער, די וועכטערס, געצאַפּט קאַווע פֿון קעסל און געלאַכט אויף אַלע ציין. זיי האָבן ווידער אַ מאָל איבערגעחזרט דעם דירעקטאָרס מאָטיוו פֿאַר דעם אויספֿלוג. זאָלן זיי, די אַרעסטאַנטן, זיך באַקאָנען מיט דער ישׂראלדיקער לאַנדשאַפֿט. זאָלן זיי באַגרײַפֿן דעם שײנעם אָרט, ווען אויף באַגרײַפֿן דעם שײנעם אָרט דאַרף גאָר אָט די באַנדע אַ גוטע פּאַרציע הערױן.

בן־זעירא האָט געוווּסט, אַז מען טראַכט אים צו באַפֿרײַען פֿון זײַן אַמט. אַפֿילו בלויז פֿאַר דעם ניט־געלונגענעם אויספֿלוג. דאָס פֿאַרלירן די אַרבעט האָט אים ניט אַזוי געאַרט. אים האָט מער געאַרט דאָס פֿאַרלירן דעם גלויבן. אפשר זענען זיי אין מיניסטעריום פֿאָרט גערעכט? דער רעפֿערענט דאָרט האָט געשריִען:

— אַ פֿאַרברעכער דאַרף וויסן, אַז אין תּפֿיסה וועט ער ניט האָבן ווי אין דער היים!

ביז וואָס־ווען האָט בן־זעירא מצליח געווען אין פֿאַראינטערעסירן אַ פֿאַבריקאַנט פֿון קינדער־וועגעלעך צו עפֿענען אַ וואַרשטאַט אין תּפֿיסה. ער האָט אויך אָוועקגעשיקט אַ גרופּע ייִנגערע אַרעסטאַנטן אין קיבוץ, מען זאָל זיי באַשעפֿטיקן אין בהמות־שטאַל, אין פּרדס. אָבער הונדערטער גייען אום אָן אַרבעט. זיי רײַבן זיך איינער אָן אַנדערן אין דער ענגשאַפֿט. האָבן טענות צו אַלץ און צו אַלעם. אויך צו דער מדינה.

זענען זיי געגאַנגען דורכן קאָרידאָר צום עסצימער, און דער פֿאַרשטייענדיקער מעניו האָט זיי אויפֿגערעגט נאָך איידער זיי האָבן אים געזען אויפֿן טיש. אַ שטיקל געלן קעז, האַרט ווי אַ ביליאַרד־קעגל; אַלט געבאַקן ברויט, מאַרגאַרין, אַ צעקנייטשטער פּאָמידאָר, וואַסערדיקע מאַרמעלאַד און ביטערע ציקאָריע. אַלץ עסנוואַרג אויף ניט צו הונגערן, אָבער שווער אַראָפּצושלינגען. דער ערשטער האָט זיך אָפּגעשטעלט בײַ דער תּפֿיסה־קאַמער פֿון די אַראַבישע אַרעסטאַנטן נסים. די טיר דאָרט איז געווען אָפֿן, לויטן מינהג וואָס עס האָט אײַנגעפֿירט בן־זעירא צום ווײל פֿון די אַרעסטירטע. נסים האָט דאָרט אַרײַנגעקוקט. אין תּפֿיסה האָט מען געוווּסט, אַז די אַראַבישע אַרעסטירטע ניצן אויס די צײַט אויף לערנען. דער טיש אין קאַמער איז טאַקע געווען פֿאַרוואָרפֿן מיט ביכער. בלויז איינצלנע פֿון זיי האָבן זיך אָנגעבאָטן צו גיין אַרבעטן. די איבעריקע האָבן אויסגעהערט פֿון די מער געבילדעטע חבֿרים לעקציעס וועגן קאַמף אין על־סאַלוואַדאָר און ליבעריע. גאַנצע טעג זענען אָנגעגאַנגען הייסע וויכּוחים

וועגן דער צוקונפטיקער פאלעסטינער מדינה. ווי איר צו פירן ניט ערגער ווי די ייִדן זייער מדינה. איצט, שוין פאר פרישטיק, זענען זיי געזעסן ארום טיש, אבער צוזאמען מיט די ביכער איז דארט געלעגן אויסגעשפרייט א טוך אין פיר פארבן — שווארץ, ווייס, גרין און רויט. נסים האט ניט פארשטאנען וואס דאס איז, און זיך אפגערופן צו גרינבערגן:

— גרינבערג, בייטהווויין! גיב א קוק אויפן טישטעך, וואס די אראבושים האבן אויסגעשפרייט.

גרינבערג האט זיך אפגעשטעלט נעבן ביישטידל פון דער קאמערטיר. ווי א בושל ביים טשאטעוועו אויף א זשאבע, האט ער ארייַנגערוקט זיין לאנגע נאז טיפער אין קאמער, כדי צו זען בעסער נסימס אנטדעקונג. אין א רגע ארום האט ער זיך אויסגעדרייט צום געזעמל ארעסטאנטן, וועלכע האבן זיך אפגעשטעלט נעבן דער טיר.

— דאס איז ניט קיין טישטעך. דאס איז א פאן.

זשאק האט זיך געוווּנדערט:

— א פאן? וועלכע פאן?

גרינבערג האט זיך צעשמייכלט, געשאקלט מיטן קאפ מעשה הויכקאמיסאר, וואס דארף עפעס דערקלערן די טובילצעס:

— א פאלעסטינער פאן...

נאך עטלעכע, צוזאמען מיט זשאקן, האבן איבערגעפרעגט:

— וואס הייסט א פאן? ווי קומען זיי אין תפיסה צו א פאן?

און גרינבערג, אויפן רעכט ייִדישן שטייגער, ווי ער האט עס געירשנט פון זיין טאטן אינעם פוילישן שטעטל, ענטפערט מיט דער זעלבער פראגע:

— ווי קומען זיי אין תפיסה צו א פאן? מען נעמט א קאלאשע פון א פאר שווארצע הויזן. דאס ווייסע שטיק רייסט מען אפ פון די גאטקעס. פון א סוויטער נעמט מען א גרינעם פאס. צו רויט ניצט מען א טריקאטאזשנע אונטערהעמדל. מען נייט עס צוזאמען און — אט האט איר א פאלעסטינער פאן.

דא איז זשאק ארויס פארויס און אויסגערופן אויפן קול:

— אבער אן א מדינה!

— זיי וועלן דאס אויך האבן... דו זעסט יענעם פארביסענעם מיטן שנאר אויפן באק? דאס איז זייער מנהיג. דו זעסט די עקשנות אין זיינע אויגן? ווּעסט מיט זיי גארניט מאכן...

פסח איז צוגעשפרונגען צו גרינבערגן:

— אוי וועלן מיר מיט זיי מאכן!...

— א גרוס דיר פון דער מלחמה אין לבנון...

זשאק האט א כאפ געטאן גרינבערגן פאר די לעצלעך פון דער ארגאנזשן־בלוזע:

— נאַ, מאַניאַק, איך צעברעך דיר באַלד דעם פּרצוף. מײַן ברודער איז דאָרט געפאַלן! דו הערסט? אַרמאַנד, מײַן ברודער!...

ער האָט אָפּגעשטופּט גרינבערגן און אויסגעשריִען:

— נסים, גיי אַרײַן צו די אַכמעדס און צערײַס די פאָן! אויף שטיק־שטיקלעך! דו הערסט?!...

שוין איז נסים געווען אינעווייניק, אין דער קאַמער פון די אַראַבישע אַרעסטאַנטן. ער האָט אויסגעשטרעקט אַ האַנט צו דער פאָן. באַלד איז ער געלעגן אַ צעבלוטיקטער אויף דעם צעמענטענעם דיל. פון איבערן טיש האָט זיך מיט אַ שווונג אַראָפּגעלאָזט אויף זײַן קאָפּ אַ פיסל פון אַ בענקל, פאַרזען מיט אַן אײַזערנער סקאָבע.

זשאַק האָט אַרײַסגעכאַפּט זײַן געווער — אַ ניקלנע לעפל, וואָס ער האָט וואָכן פאַרשפּיצט און געשאַרפט אין אַ ווינקל הויף, ווײַט פון וועכטערס אויגן.

אין איין רגע איז די צעל פול געוואָרן מיט שינאה און בלוט. זשאַק האָט געהויבן דאָס אייגן־געמאַכטע כּלי־זין און געשניטן פאַסן לעבעדיקן פלייש. די אַראַבישע אַרעסטאַנטן האָבן זיך פאַרטיידיקט מיט די בענקלעך. לסוף האָט מען זיך געקלאַמערט איינער אין אַנדערן און זיך געקנוילט צוזאַמען אויפן דיל מיט פאַרקריצטע ציין און פאַרשטשעמעטע גאָרגלען. דער האַס האָט אַלץ פאַרטרונקען — די ענגשאַפט, דאָס בידנע עסן. אויף איין מינוט איז צעריסן געוואָרן די נעץ פון גלײַכגילט, וואָס יאָרן תּפיסה שפּינען זי און פאַנגען יעדן אַרעסטאַנט. פּלוצעם האָבן די יידישע אסירים דערפילט, אַז זיי געהערן ערגעץ ווו. טאָקע הינטער קראַטן, אָבער דאָך אַ טייל פון דעם אַרום. דעם אַרום וואָס מען רופט מדינה.

דער יונגער־מאַן גרינבערג, וואָס דאָס גאַנצע לאַנד האָט באַוווּנדערט זײַן גאונות בײַם פעלשן באַנק־דאָקומענטן, האָט דער ערשטער פאַרשטאַנען צו מאַכן אַ גוואַלד, אַז די וועכטערס פון אַלע בלאָקן זאָלן זיך צוזאַמענלויפן. זיי האָבן זיך קוים דערקליבן דורך דעם אָנגעפּראָפּטן קאָרידאָר צו דער קאַמער, ווו ס'איז אָנגעגאַנגען דער אַכזריותדיקער געשלעג. מען האָט מיט שטעקנס פאַרטריבן די אַרעסטאַנטן אין די קאַמערן און פאַרהאַקט די טירן אויף קייט און שלאָס.

בן־זעירא איז ניט געווען אין תּפיסה. מען האָט אים אַלאַרמירט אין דער היים ער זאָל גלײַך קומען. אין אַ האַלבער שעה אַרום איז ער געזעסן בײַם שרײַבטיש און געגלעט די נאַסע האָר אויפן קאָפּ. בײַ זײַן זײַט זענען געזעסן דער פאַראַנטוואָרטלעכער פאַר דער זיכערהייט אין תּפיסה און דער הויפּטוועכטער. בן־זעירא איז ניט אַרויסגעקראָכן פון זײַערע כאַאָטישע דערקלערונגען וואָס ס'איז געשען. האָט ער באַפוילן מען זאָל אויפזאַמלען די יידישע אַרעסטאַנטן אין עסצימער, נאָכן פרישטיק זאָל מען זיי אָפּפירן צוריק אין די תּפיסה־קאַמערן און פאַרשליסן די טירן. בײדע געהילפן האָבן זיך איבערגעוווּנקען. בן־זעירא איז דאָך געווען אַזאַ חסיד פון אָפענע טירן...

די אַרעסטאַנטן האָבן געהאַלטן בײַ דער מוטנער קאַווע. בן־זעירא האָט זיך

געגרייט האַלטן פאַר זיי אַ רעדע. בעת אַן אַסיפה אין קיבוץ איז אים דאָס רעדן געגאַנגען גאָר לײַכט. אָבער דאָ, צווישן די תּפיסה־ווענט, וואָס זייער גרויקייט האָט זיך צוזאַמענגעגאָסן מיט די פּנימער פון די אַרעסטאַנטן — דאָ האָט בן־זעירא געשטאַמלט. ס׳איז אים שווער געווען צוצוקומען מיט דעם ריכטיקן וואָרט צו מענטשן, וואָס דאַרפן זיצן יאָרן און קאַרמען זייער פאַרביטערטקייט. בן־זעירא האָט זיך גערעכנט, אַז מען וועט איבערדרייסן זײַנע רייד מיט די שטענדיקע טענות וועגן דעם עסן, וועגן דער ענגשאַפט, וועגן אָפּטערע זעונגען מיט דער משפּחה. אָבער צו דער טענה, וואָס האָט זיך געריסן פון הונדערטער מײַלער נאָכן אויסרעדן די ערשטע פּאָר ווערטער, האָט ער זיך אין גאַנצן ניט גערעכנט.

— איך וויל אײַך זאָגן... דאָס איז אַזוינס... נסים חליוה איז שווער פאַרווונדעט. אויך די אַנדערע — סאַלים אַל עביד און אַטאַשי זיידאַן... זשאַק זיצט אין קאַרצער...

בן־זעירא האָט אויפגעהויבן דעם טאָן:

— יעדער פאַרמישפּטער איז אונטערן שוץ פון דער מאַכט! מיר זענען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר זײַן זיכערקייט! און אי... איר...

קולות האָבן אים איבערגעריסן.

— זיי וועלן דאָ ניט זײַן קיין באַלעבאַטים!

אַפילו גרינבערג, וואָס האָט געגלייבט בלויז אינעם כּוח פון געלט, האָט אויך געשריִען:

— מען דאַרף צו זיי אַ שטאַרקע האַנט!

יעקב „די פליגעלע" האָט ניט געשריִען. זײַנע פלענער האָבן ניט געהאַט צו טאָן מיט דעם אַרום. ער איז געזעסן ווי אַ זײַטיקער. ווי די אַלע טענות געהערן אים ניט אָן. מיט זײַנע מחשבות איז ער שוין לאַנג ניט געווען דאָ, ניט צווישן ייִדן און ניט צווישן אַראַבער.

בן־זעירא האָט נאָך געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער דער ליאַרעם האָט גובר געווען. די אַרעסטאַנטן האָבן אָנגעהויבן סקאַנדירן:

— אַ בלוי־ווײַסע פאָן! אַ בלוי־ווײַסע פאָן!

— ס׳איז אונדזער תּפיסה! אונדזער תּפיסה!...

✶

בן־זעירא איז געזעסן בײַ זיך אין קאַבינעט קעגן איבער אַן אָפּגעבליאַקעוועטן איילבילד, וואָס אַן אַמנעסטירטער גנב מיט אַ טאַלאַנט צו מאָלן האָט איבערגעלאָזט אַ מתּנה. אין די אויערן בײַ בן־זעירא האָבן נאָך אַלץ אָפּגעהילכט די אויסרופן פון די אַרעסטאַנטן אין עסצימער, באַגלייט מיט אַ קלאַפּערײַ פון די אַלומיניום־קענדלעך. ער האָט נאָר געוואָלט פאַרשטיין, צי מיינען זיי דאָס ערנסט, אָדער סתּם אַ קונדסערײַ צו פאַרטרײַבן דעם לאַנגווײַל. זיי האָבן נאָך געפאָדערט מען זאָל אַרויפציִען אַ ווײַס־בלויע פאָן אויפן דאַך, וווּ עס שטייט די טעלעוויזיע־אַנטענע. מען זאָל זי זען פון דער ווײַט... און ווער האָט עס געשריִען?

מעסער־שטעכערס, וואָס זענען מסוגל קוילענען אַ מענטש צוליב אַ פּאַפּיראָס. לומפּן פון ערגסטן אַרט. אַפילו דער ציניקער גרינבערג.

ס'האָט געקלונגען דער טעלעפאָן. בן־זעירא האָט אויפגעהויבן דאָס טרײַבל:

— יאָ, מאָרגן? בסדר. אַכט אין דער פרי? גוט.. צום ווידערזען...

מען האָט אים געריפן קיין ירושלים. דער תפיסה־דירעקטאָר האָט זיך אויפגעשטעלט, צוגעגאַנגען צום פאַרקראַטעווטן פענצטער, וואָס איז אַרויס צום תפיסה־הויף. אַ גרופּע אַרעסטאַנטן האָט געשפּילט קוישבאָל. פאַרלעך האָבן מאַרשירט הין און צוריק, געאיבט די פיס זיי זאָלן קאָנען דינען אויף דער פרײַ. אַנדערע זענען געשטאַנען אין אַ געזעמל, זיך מתווכח געווען וועגן די לעצטע געשעענישן. בלויז איינער איז געזעסן אַנגעשפּאַרט אָן וואַנט. דער אייביקער־תפיסהניק מסעודי, וואָס וויל ניט געבן קיין גט זײַן ווײַב, כאָטש דער ראַבינאַט האָט אַזוי געפסקנט. בן־זעירא האָט געקוקט אויף מסעודין און געשמייכלט, באַוווּנדערט זײַן עקשנות. באַדײַ זיצן אין תפיסה און ניט נאָכגעבן, ווײַל אַ ווײַב דאַרף האָבן אין זיך הכנעה, ניט לױפן צו דיינים.

דער גאַנצער תפיסה־הויף איז געווען פאַרגאָסן מיט דער בעסטער ישראל־זון, די זון פון פרילינג דעצעמבער. זי האָט זיך אַרײַנבאַקומען דורך דער דראָטנ־נעץ, געצויגן גאָר הויך איבערן גאַנצן שטח. דאָס איז געווען דער איינציקער פלאַץ ווו די זון האָט געהאַט אַ צוטריט. אין דער גאַנצער תפיסה האָט געוועלטיקט דער האַלב־חושך.

בן־זעירא האָט זיך צוריקגעקערט צום שרײַבטיש, געעפנט דעם שופלאַד און אַנגעהויבן אַרויסשלעפּן פון דאָרט אַ בלײַער, אַ בוך, העפטן, גילזן פון ביקסנקוילן — אַלץ קלייניקייטן וואָס קלײַבן זיך אָן אין משך פון דינסט און וואַרטן אויף אַ פרײַער מינוט צו מאַכן אַ סדר צווישן זיי. ער האָט גוט געוווּסט וועגן וואָס מען רופט אים קיין ירושלים. אפשר האָט ער טאַקע ניט מצליח געווען? קאָנצערטן, גמרא־שיעורים... און דאָ דער רוצחישער געשלעג... אָבער די געשרייען וועגן דער פאָן...

בן־זעירא האָט געהויבן די אַקסלען, ווי ער וואָלט שוין געווען אין מיניסטעריום, כּדי צו דערקלערן מעשים, וועלכע ער אַליין באַגרײַפט ניט.

ער האָט געוואָרפן דעם תוכן פון שופלאַד אין אָפּגעניצטן רײַזעטאַש און געטראַכט וועגן די אַמאָליקע קיבוץ־אסיפות. דורך דעם קנויל ווערטער, וואָס האָבן זיך אַרײַנגעפּאַסט בלויז אין לאַזונגען און שטיקער דיאַלעקטישע פאָרמולעס, איז געפלויגן אין דער לופט אַ רוף צו בויען אַ נײַע געזעלשאַפט. און די מדינה איז געבליבן בײַם אַלטן... כּנראה, אַז צוזאַמען מיט דער פאָדערונג אויפצוהענגען גאָר הויך אַ בלוי־ווײַסע פאָן, איז עס אַ ווונד וואָס מוז אייטערן, אַרײַנגערעכנט די מיטל־אַלטערלעכע שגעונות פון אַ מסעודי און די מיידלעך אין פראַנקפורט.

בן־זעירא האָט צוגעוואָרפן שׂרה גינדיס איבערגעכאַפּטן בריוו צו דעם מיש־מאַש אין טאָרבע, גענומען זי אין האַנט און אַרויס פון קאַבינעט אויף ניט צוריקגעקומען.

רבקה קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק

די לעצטע

(געווידמעט די קאַצעטלער־העלדן פון דער באַפרייַונג־מלחמה)

אין געדיכטן ציגאַרעטן־רויך, וואָס איז ווי אַ שווערער נעפּל געהאָנגען איבער זייערע קעפּ, האָבן זיך די שיכּורע פּנימער כּמעט נישט אונטערשיידט.

אַלע זענען זיי געלע, פאַרטריקנטע, פאַרדאַרטע, קוים באַדעקט מיט אַ דין הייַטל, ווי די זיקנה וואָלט פון לאַנג אַרויפגעלייגט אויף זיי איר חותם.

די האָר דינע, צעשאָטענע, כּמעט אויסגעקראָכענע, ווי דאָס גאַנצע חיות וואָלט פון זיי אויסגעגאַנגען.

זייערע אויגן, וואָס האָבן ערשט ניט לאַנג געגליט מיט דעם ברען פון יונגע בחורים, פון נישט אויסגעלעבטע, יאָרן לאַנג דערשטיקטע תאוות, זענען איצט פאַרלאָפענע, פאַרטרערטע, מאַטע.

עס זענען שוין אויסגעטרונקען געוואָרן די בעכערס וויַין און קאָניאַק צו פאַרגיסן דעם טרויער און ווייטיק נאָך אַלע נאָענטע וואָס זענען אומגעקומען, נאָך דער פאַרלוירענער יוגנט אין די וויסטע קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

אויף די וויַיס־געדעקטע טישן ליגן אויסגעלייגט טעלערס מיט געבעקס, קוגציק פון טייג אויסגעשניטענע בלומען, הערצלעך און שטערנדלעך. וורשטן און סאַרדינען באַפּוצט מיט גרינע און רויטע פּאָמידאָרן, אַזוי ווי עס ווייסן דאָס צו טאָן די דייַטשע ווייַבער און מיידלעך ביַי מסיבה־טישן.

בערטאַ און אָלגאַ האָבן אין דעם צימער פון דער קליינער, איינזאַמער מאַרטאַ, דאָס גלאָזוואַרג געבראַכט פון זייערע היימען. פון די פול אָנגעשטעלטע שענק מיט יידישע סערוויזן און טישבאַדעק.

די בחורים, זלמן, שלמה און איציק האָבן געבראַכט די פולע טאַרבעס עסנוואַרג און געטראַנקען.

דער פּערטער, מאיר, פון שטעטעלע ב... אַ הויכער, שלאַנקער בחור,

אין שפּאָגל נײַע שטיוול און אויסגעפּאַסטע גאַליפּע־הויזן האָט באַלד אין דעם אָנהייב פון דער מסיבה אָוועקגעזעצט זיך אויף דער שמאָלער קאַנאַפּע אַן אָפּגעזונדערטער. טרינקען נישט געוואָלט. געקוקט אויף די טישן געדעקטע מיט טאָרטן און פּרוכט, מיט ווײַן און לעקעך, אויף די דרײַ אויסגעפּוצטע דײַטשע שיקסעס, ווי אויף אַ ווילד אַנשיקעניש, און געשוויגן.

ער מיינט נישט איצט צו מאַכן אַ חשבון־הנפש. עס איז נאָך נישט געקומען די צײַט... ער ווייסט, אַז זײַן נשמה איז פאַרזונקען אין אַ טיפן תהום און אפשר אויסגערונען צוזאַמען מיט זײַנע יוגנט־חלומות.

אָבער אים איז קלאָר:

נישט דערויף האָט ער יאָרן געוואַרט אויף דער באַפרײַונג, כּדי איצטער פּראַווען שׂימחות מיט די אויסגעפּרעסענע דײַטשקעס, באַהאַנגענע מיט ייִדיש צירינג, זײַן נשמה איז אין טיפן גליוועך, ווי אַ גוף נאָך אַ לאַנגער קראַנקייט. ער ווייסט אַליין נישט, ווי אַזוי עס האָט זיך צו אים איצטער צוגעטשעפּעט אַזאַ געדאַנק גאָר:

„מ׳דאַרף חתונה האָבן... פאַרלייגן אַ היים״...

פאַר וואָס דווקא איצטער, אין דער פּוסטקייט פון דער מסיבה, מיט די קוויטשעדיק צעזונגענע שיקסעס, שיכּורע און אָנגעפּרעסענע, איז געקומען די בענקשאַפט צו אַ היים.

צו וואָס פאַר אַ היים ?

צו דער אַלטער, פאַרלוירענער, אָדער צו דער נײַער, מאַרגנדיקער ?

ווי אַזוי קאָן מאיר, דער לעצטער פון זײַן שטאָט, דער לעצטער פון זײַן שטוב טראַכטן פון אַ היים, אַז אַלע ייִדישע מיידלעך זענען אַוועק אין אַש און אין רויך ?

„פאַר וואָס קאָן איך נישט פאַרגעסן, אָנטרינקען זיך, ווי זיי אַלע, ביז משוגעת ?״ — טראַכט מאיר אין זיך און קאָן קיין ענטפער נישט געפינען.

דאָס האָט דאָס ווײַסע טישטעך מיט אַ ייִדישן מאָנאָגראַם אַזוי צערודערט זײַנע בלוטן.

צוויי ייִדישע אותיות, קונציק אויסגעשטיקטע אויפן ברעג פון ווײַסן טישטעך אין אַ דײַטשער שטוב.

וואַקסט פאַר זײַנע אויגן אויס דאָס בילד פון זײַן טאַטן, דעם קליינוווּקסיקן, קרעפּטיקן ייִדן, מיט זײַן לאַנגער ווײַסער באָרד און העלע גוטמוטיקע אויגן, וואָס האָט זײַן גאַנץ לעבן אויפן שטיין אויסגעקריצט ייִדישע אותיות.

גרויסע, פּירקאַנטיקע, פעסטע, אייביקע.

ווײַסע מאַרמאָרנע פּלאַטן מיט גרויסע באַזילבערטע אותיות, אויסגעקריצטע פּסוקים פאַר די שטאָטישע גבירים. קלייגע מצבות אָרומגערעמטע מיט שוואַרצע אותיות פאַר די סוחרים און קרעמערס.

איז אין שטעטל געשטאָרבן אַן אָרעמער בעל־מלאָכה און נישט געהאַט אויף אַ מצבה — נאָר אַ בלעך אָדער אַ ברעטל מיט זײַן נאָמען איז אים

צוגעשטעלט געוואָרן צו זײַן קאָפּ — האָט טאַקע זײַן טאַטע, דער מצבה־קריצער, אויף אַ פּשוטן שטיין אויסגעקריצט זײַן נאָמען לנצח ישראל. מיטן ייִדישן אות.

איז דער טאַטע אין אַ טראַנספּאָרט געפאַלן ערגעץ ווו אויף אַ וועג און קיינער האָט אויף דעם בערגל זאַמד זײַן נאָמען נישט דערמאָנט.

זײַן טאַטע, דער מצבה־קריצער, ליגט אָן אַ מצבה אויף אַ פעלד, פאַרגעסן.

„ווער וועט דעם טאַטן אַ מצבה שטעלן, — פרעגט דער פּלוצעם דערוואַכטער מאיר, — ווער?"

זײַן האַרץ הייבט אָן שטאַרקער צו זעצן אין דער ברוסט, ווי דער גוף וואָלט אים אַן ענגע שטײַג געוואָרן.

מאיר, דער לעצטער פון זײַן שטוב, דער לעצטער פון זײַן שטאָט באַשליסט:

„איך וועל שטעלן אַ מצבה פאַרן טאַטן, פאַר דער גאַנצער שטאָט, פאַר אַלע אומגעקומענע ייִדן!"

פון שפּיגל קוקן אַרויס זײַנע דערשראָקענע אויגן. ער זעט זיך אין דעם אויסגעפּאַסטן רעקל, אין די גאַליפע־הויזן, אין די הויכע גלאַנציקע שטיוול און דרייט אויס דעם קאָפּ צום פענצטער, צום טיש...

„וואָס וואָלט דער טאַטע געזאָגט אויף אַזאַ הולך? צוליב וואָס האָב איך גאָר אַזעלכע וואָנסעס פאַרלאָזט?" — טראַכט ער אַ פאַרשעמטער, ווי זײַן אייגן פּנים וואָלט אים מיט אַן עקל אָנגעפּילט.

די צוויי ייִדישע אותיות אויף דעם דײַטשן מסיבה־טיש האָבן שטיל אַראָפּגעווונקען צו אים:

— גיי אָוועק פון דאַנען און נעם מיך מיט... נעם מיך מיט!

מיט איין שפּרונג איז מאיר צוגעלאָפן צום פול אָנגעשטעלטן טיש און מיט אַ פעסטן ציִ אַראָפּגעשלעפּט דאָס ווײַסע טישטעך, פון ווײַן אַ באַפלעקטער, ווי מיט בלוט באַגאָסן.

איבערן דיל האָבן זיך צעשאָטן די פּרוכטן מיטן געבעקס. צעבראָזגעט די קרישטאָלענע, פײַן געשליפענע יום־טובדיקע גלעזלעך. די פלאַשן וויין און ליקער. צעגאָסן און באַשפּריצט די צעזונגענע, באַטרונקענע.

מיט אויפגעריסענע מײַלער און דערשטוינטע פּנימער האָבן אָלגאַ, מאַרטאַ און איציק געהערט ווי איבער די טרעפּן טראָגט זיך מיט אַ שטיוול־טראַסקערײַ דער „פאַריקטער מאיר".

*

פרימאָרגן, אויף דער בערזע, האָט זלמן געטראָפן פאַרבײַגיין מאירן, אין גרויען פּשוטן אָנצוג און שוואַרצע האַלב־שיך, האָט ער אים קוים דערקענט.

— וואָס עפּעס אין אַ היטל? — האָט זלמן אַ פאַרוווּנדערטער געפרעגט.

— מײַן טאַטע איז געווען אַ פרומער ייִד, האָט רויִק און שטיל געענטפערט מאיר, ווי ער וואָלט זײַן שטים פון ערגעץ, פון דער טיף געצויגן.

— ביסט אַן אייגענער, מאיר, איך האַלט פון דיר, האָט זלמן אויף זײַן שטייגער גענומען רעדן. אַ שאָד, וואָס האָסט זיי נעכטן נישט אויסגעשמירט די

פּיסקעס! ווי מיינסטו, איך וואָלט צו די דײַטשקעס געגאַנגען? טאָרטן געבראַכט! אַ בראָך און אַ מגיפה! דאָס האָט מיך איציק פאַרשלעפּט! נאָר גוט האָסטו זיי אָפּגעטאָן! מער קוק איך נישט אָן זייער פּרצוף. נאָך אַ ביסל — פאָר איך אַוועק פון דאַנען. איך דאַרף נאָר צוהאַנדלען. קומען צו געלט און ווערן אַ מענטש!

פאַלט אַרײַן אין זײַנע רייד מאיר, אַ בלייכער און אײַנגעבויגענער, ווי ער וואָלט איבער דער נאַכט אַלט געוואָרן:

— איך פאָר אַוועק קיין ארץ־ישראל... הײַנט... מאָרגן. כ'טרעט אַרײַן אין אַ קיבוץ. כ'וועל זײַן מיט ייִדן...

— קיין פּאַלעסטינע, ווידער אין אַ געטאָ? — זאָגט נאָך ווי אַן עכאָ זלמן, וואָס ווייסט אַליין נישט, וואָס צו טאָן מיט זיך נאָך דער באַפרײַונג.

— איך מיין — ציט ער ווײַטער, אַ פאַרטראַכטער — אַז עס איז בעסער צו פאָרן אין אַמעריקע! — ווי מיינסטו מאירל? — גיט ער אַ פרעג אומבאַהאָלפן און נישט וואַרטנדיק אויף זײַן תשובה הייבט ער אָן מיט צאָרן און בייזקייט:

— איך וויל אַוועק, אַוועק ערגעץ ווײַט אין דער וועלט... וווּ עס זענען ניטאָ קיין ייִדן מער! כ'וויל נישט זײַן קיין ייִד! — וואַרפט ער אַרויס פלאַמיק, ווי אין די פּאָר ווערטער וואָלט זײַן גאַנצע לעבנס־ביטערקייט זיך אָנגעזאַמלט — כ'וויל נישט זײַן קיין ייִד און כ'וויל נישט די ייִדישע צרות! — חזרט ער איבער מיט עקשנות — ס'איז סײַ ווי נישט דאָ קיין גאָט... קיין ייִדישער גאָט! אויס מיט אַלעמען! — גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט מער קיין ווערטער נישט געקאָנט געפינען אויסצודריקן זײַן אַנטוישונג אין דער וועלט — איך דאַרף נאָר צוקומען צו געלט, — פאַרענדיקט ער אַ באַרויִקטער — אַ מענטש מיט געלט ווערט אין ערגעץ נישט פאַרפאַלן.

מאיר שווײַגט. זלמנס ווערטער זענען צערונען אין חלל, צו אים נישט דערגאַנגען. ער וויל אים אַפילו נישט ענטפערן. זאָל יעדער גיין מיט זײַן וועג. שווײַגנדיק גייען זיי ביידע איבער דער ברעזע, וווּ עס דרייען זיך אַרום צענדליקער באַפרײַטע בחורים. מאַכן געלט און וויסן נישט וואָס צו טאָן מיט זיך און וואָס צו טאָן מיטן געלט.

עס איז אַ ליכטיקער זומערטאָג.

אין דער קלאָרער, לויטערער לופט טראָגט זיך אָן אָנזאָג פון ווידערגעבורט, פון באַנײַונג. די וועלט אָטעמט מיט נצחון, מיט האָפענונג.

פינצטער איז אין האַרצן פון יעדער באַפרײַטן ייִדן. באַפרײַט פון די דײַטשישע קאַצעטן. באַפרײַט פונעם שׂונא! נאָר ווער קאָן זיך אַליין באַפרײַען פון דעם נעכטן?

פון יעדער אויסגעמאַטערטן גוף ווײַנט אַרויס די איינזאַמקייט:

„וואָס פאַר אַ זין האָט דאָס לעבן, ווען מען האָט קיינעם אין דער וועלט?" — גייען זיי נאָך די שאָטנס פון די פאַרפײַניקטע טאַטעס און מאַמעס, שוועסטער און ברידער, קלינגט אין די אויערן דאָס לעצטע געוויין פון די דערמאָרדעטע קינדער.

זענען זיי נישטאָ מער און וועלן קיין מאָל נישט קומען צוריק!?
צו אַזאַ פרײַהייט בעסער נישט דערלעבן, — טראַכט יעדער בײַ זיך אין האַרצן און אַנטלויפט פון זיך צו דעם גלעטגעיעג פון דער בערזע.
ווען די מלחמה איז אויסגעבראָכן האָט זלמן געהאַט צוועלף יאָר. אין זײַן שטעטל האָט מען אים גערופן זאַלמעלע דער עילוי, זײַן טאַטע, דער אָרעמער קרעמער, האָט אים געוואָלט מאַכן דווקא פאַר אַ רב.
הײַנט איז זלמן, דער „לוסט־קנאַבע" פון לאַגער ב., אַ מצליח אויף דער בערזע. ער האַנדלט אויף „שוואַרץ" און אויף „סתם" מיט אַלץ וואָס עס לאָזט זיך: מיט פאָרצעלאַן, פעלצן, ציגאַרעטן. טוישט געלט, פאַרקויפט פאַרלאָזענע דירות, גיט אַ פאַר צו צו דער גרענעץ מיט אַ קליין רײַזעטאַשל און קומט צוריק מיט אַ שווערער וואַליזע...
אין זײַן דרײַצימער־וווינונג, וואָס ער האָט פאַרנומען נאָך אַ דײַטשן סוחר, איז אַ לאַגער פון כּל־טוב. אין די ברייטע, מאַסיווע שענק און קאָמאָדן ליגן פּעק מיט זײַדענע וועש, טײַערע שפּיצן, וואַטענע קאָלדרעס, גלאָזוואַרג און אַלומיניום־טעפּ.
חברה דערציילט, אַז זלמן שלאָפט אויף אַ מאַטראַץ מיט געלט.
אין די ווינקלען פון אַלע צימערן ליגן זעקלעך מיט צוקער, רײַז, געטריקנטע פּרוכטן און סאַרדינען. יעדער מאָל, ווען זלמן קומט פון דער גאַס, ברענגט ער אַ נײַ פּעקל שפּײַז:
„ווער ווייסט וואָס פאַר אַ צײַטן עס קאָנען נאָך קומען — טראַכט זלמן אין שטענדיקן אומרו — היטלער איז נישט געשטאָרבן... ער קאָן נאָך צוריקקומען..."
חברה פון דער בערזע קומט גערן אין זלמנס שטוב. אין די ערשטע טעג האָבן זיי נישט פאַרטראָגן די שווערע טעפּעכער און דאָס נישט־ייִדישע מעבל. דער דײַטשער טעם־וריח איז איבער זייערע קעפּ געהאַנגען און זיי געשטיקט. זיי האָבן אָבער שנעל זיך צו די קרעדענסן און קאָמאָדן צוגעוווינט.
די חברה פון דער בערזע ווייסט, אַז בײַ זלמנען איז שטענדיק דאָ אַ „פּאַרטיקע פּרעס". ווער עס זאָל נאָר צו אים גיט קומען, נעמט ער גלײַך אַרויסשלעפּן די קעזן און סאַרדינען פון די קעסטלעך און וואַליזעס און טיילט — וויפל וועמענס האַרץ פאַרלאַנגט.
— עסט, עסט, — גיט ער זיי צו מוט, — שוין גענוג געהונגערט אין די לאַגערן, גענוג אײַנגעשרומפּן געוואָרן. און ווער עס וויל „שווענקען דעם האַלדז", קאָן אַלץ אין מײַן אַפּטייק געפינען...
איצט גייט ער שווינגנדיק לעבן מאירן. עס זענען אים פּלוצעם טרויעריקע מחשבות באַפאַלן.
זיי גייען לענג־אויס די פײַן געריייניקטע ברוקירטע גאַסן און זלמן שפּײַט מיט שינאה אויף די שטיינער, אויף די בלענדנדיק ריינע טירן פון די דײַטשע געשעפטן.

— זלמן, וואָס טוסטו, — האַלט אים צוריק מאיר, וואָס פאַרטראַגט ניט קיין הפקרות.

— כ׳האָב זיי אין דר׳ערד, זאָל עס זיי קרענקן. די דײַטשן, דאָס נבלה־פאָלק! — צעשרײַט זיך מיט טרערן אין די אויגן דער געוועזענער עילוי, דער „לוסט־קנאַבע״ פון לאַגער ב. און באַלד רעדט ער מיט אַ שטים פון געבעט:

— מאירל, וועסטו אין ארץ־ישראל טרעפן עמעצן פון מײַן משפחה, — שרײַב אַ קאַרטל. עס האָט דאָך געמוזט עמעצער בלײַבן! געדענק... און ער גייט אוועק מיט פאַמעלעכע טריט און מיט אַ נידעריק אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.

✶

טראָגט זיך איבערן ים אַ שיף, ווי אַן אַלטער צעבראָכענער קאַסטן. מיט שוימיקן רעש און מיט כוואַליעס־געוויי שטויסט זי דער ים אויף צוריק, באַדעקט זי מיט וואַלקנס וואַסער, ווײַל זי פאַרשלינגען אין די אין־סופיקע טיפענישן.

גייט נאָך דעם לאַנגן קאַסטן די לבנה מיט אַ גוטמוטיקן העלן פּנים. באַלײַכט איר איינזאַמען וועג אויפן צעשטורעמטן ים, ווי זי וואָלט געוואַכט איבער די אַלע אויסגעוואָרצלטע, פאַרלוירענע, ווידערגעבוירענע.

אין אַלע טיילן פון דער שיף ביזן דעק, ליגן אויף שמאָלע אויסלייגבעטלעך קעפּ, קעפּ, קעפּ.

זיי, די געראַטעוועטע פון די קאַצעטן, הערן זיך אײַן אינעם געוויי פון די שוימיקע כוואַליעס רויק, אָן צווייפל, אָן ציטער.

און ווען דער ים־שטורעם וועט צענעמען די ברעטער פון דער שיף, צעטראָגן זיי און פאַרגיסן דעם דעק, וועלן זיך איבער די כוואַלעס לאָזן קעפּ, קעפּ, קעפּ, צום איינציקן לעבנסברעג — קיין ארץ־ישראל!

ארץ־ישראל איז דער איינציקער, ליכטיקער שטראַל, וואָס שײַנט אין זייער איינזאַמקייט. און אויב די טויערן פון ישראל וועלן זיך נישט עפענען פאַר זיי, איז די באַפרײַונג קיינעמס פרײַהייט. וואָלט בעסער געווען צו בלײַבן אין די מיסטן און אַשן פון די קאָנצענטראַציע־לאַגערן.

זיי אַלע, אויף די אויסלייגבעטלעך אויסגעלייגטע, די בחורים און מיידלעך פון יוגאָסלאַוויע און אונגאַרן, פּוילן און ליטע, טשעכיע און דײַטשלאַנד זענען איין גרויסע היימלאָזע משפחה. געבונדן מיטן זעלבן וויי, פאַראייניקט דורך דעם זעלבן גורל.

די עלטערע מיידלעך האָבן די ייִנגערע אונטער זייער אויפזיכט גענומען. די על־פּי־נס געראַטעוועטע פרוי מילער, מיט די ווײַסע פאַסן האָר אויפן קאָפּ, גיט זיך אָפּ מיט די צוויי בלייכע, שווינדזוכטיקע בחורים, זי היט זיי ווי אַן אייגענע מאַמע, פאַרריכט זייער וועש, פאַרטיילט דאָס עסן, לאָזט נישט אַראָפּ קיין אויג פון זיי אויף אַ רגע.

דאָס יונגוואַרג האָט עטלעכע טעג פאַרן אָפּפאָרן חתונה געהאַט. צוויי

יתומים זענען צום רב געגאַנגען חופּה־וקידושין נעמען. ווער האָט דען כּוח זיך לאָזן איינער אַליין אין דער וועלט?

נאָר די 17־יעריקע סולאַ פון ווארשע פאַרט איינע אַליין. זיצט אין אַ ווינקל, פון אַלע אַן אָפּגעזונדערטע, פאַרשלאָסן אין זיך, אַ פרעמדע.

מאיר האָט זי נאָך אין קאַפּריסין פון דער וויַיטנס באַטראַכט. ער איז אָבער דעמאָלט פאַרטאָן געווען אין די מצבה־צייכענונגען. אין זיין טאַשן־פּינקס האָט ער וואָס אַ מאָל אַנדערע מצבות געריכט — אונטערגעהאַקטע ביימלעך מיט מאַכטלאָז אַראָפּגעהאָנגענע צווייַגלעך. ברייטע, מאַסיווע מצבות מיט לייבנקעפּ און מיט מנורות.

חדשים לאַנג האָט ער פּסוקים געזוכט צו יעדער מצבה און נישט געקענט געפינען. אַלע פּסוקים, וואָס ער האָט ווען אַ מאָל געלערנט, און די וואָס דער טאַטע האָט אויף מצבות אויסגעקריצט, זענען פון זיין מוח ווי אויסגערונען. נאָר איין פּסוק רעדט צו אים מיט זיין פולער קראַפט:

„...זכור את אשר עשה לך עמלק!"

„ער וועט דאָס אויף זיין מצבה אויסקריצן" און גענומען זיך צו נייַע צייכענונגען.

יעדער מאָל, ווען מאיר האָט זיך געטראָפן מיט סולאַס ברייט צעעפנטע, דערשראָקענע אויגן האָט אים אַרומגענומען אַ מאָדנער רחמנות־געפיל. איר שטילע אומבאַהאָלפנקייט און אָפּגעזונדערטקייט איז געווען פול מיט סודות. ער האָט נישט געוואָגט אַפילו צוגיין צו איר.

איצט ווייסט ער שוין פון איר אַלץ.

צענדליקער מאָל האָט סולאַ אים דערציילט:

„די מאַמעשי האָט מיך געוואָלט אָוועקפירן צו אַ פּוילישער משפּחה. זי האָט געזאָגט, אַז זיי וועלן מיך ראַטעווען. פון געטאָ וועלן אַלע פאַרשיקט ווערן! איך האָב געוויינט, איך האָב נישט געוואָלט אַרויסגיין פון געטאָ צו זיי. דער פּאָליציאַנט קאָלאַרסקי איז אַליין געקומען מיך נעמען פון אונדזער שטוב.

די מאַמעשי האָט אים געגעבן אַלע פינגערלעך און דאָס זייגערל און אַ גאָלדענע קייט. זי האָט געבעטן ער זאָל אַלץ פאַרקויפן און געבן מיר גוט צו עסן.

ער האָט געזאָגט, אַז ער וועט מיך אָפּהיטן, ווי זיין אייגן קינד. ער האָט אויך דעם טאַטעשי ערגעץ אויסבאַהאַלטן.

איך בין צו זיי אין דער שטאָט געגאַנגען. נאָר זיין וויַיב האָט מיך פיַינט געהאַט.

פאַרשלאָסן אין דעם לעצטן צימער אין אַ שאַנק. איך האָב געהערט ווי אירע קינדער לויפן איבער דער שטוב, שפּילן זיך און לאַכן. איך בין געשטאַנען צווישן קליידער און מאַנטלען און האָב גאַנצע טעג געוויינט. כ'האָב געוואָלט אַהיים, צו דער מאַמעשי גיין. כ'האָב שוין נישט געהאַט קיין מורא פאַר די דייַטשן, כ'האָב נישט געוואָלט מער שטיין אין דער שאַנק...

נאָר ביי נאַכט האָט זי מיך אַרויסגעלאָזט פון דער שאַנק, געלייגט אין בעט אַריין.

איין מאָל האָב איך אין דער פינצטער געזען ווי זי באַטאַפּט מײַנע זאַכן, זוכט, זוכט... ביז זי האָט געפונען דאָס ביכעלע!

האָט די קאָלאַרסקי גענומען שרייַען צו מיר:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ ביכעלע? וואָס פאַר אַן אַדרעסן זייַנען דאָרט פאַרשריבן? ווער זייַנען זיי די לייַט? איבער דיר וועלן אונדז די דייַטשן פאַרשיקן! איבער דיר, ממזר איינער!

איך האָב איר געזאָגט, אַז דאָס זענען אַדרעסן פון אונדזערע באַקאַנטע ווו די מאַמעשי האָט די זאַכן באַהאַלטן. אַזוי האָט מיר די מאַמעשי געזאָגט..."

איצטער זעט מאיר ווי אויף דער וואַר דאָס בילד, ווי סולאַ גייט אַרום איבער די וואַרשעווער גאַסן מיט איר „פאַרזאָרגערין" אָפּנעמען די זאַכן.

ער זעט זי שטיין אויפן פערטן שטאָק ביי דער שוועל פון אַ טיר און ציטערדיק קלאַפּן.

ער הערט איר קול ווי זי שטאַמלט אַרויס מיט טרערן: „די מאַמעשי האָט מיך געשיקט נאָכן קישן"...

און באַלד זעט ער זי מיט דעם שווערן קישן אין די דינע הענטלעך לאַנגזאַם, אָן כּוח, אַראָפּגיין פון די טרעפּ.

אין די לאַנגע, שלאָפלאָזע נעכט, זעט ער זי וואָס אַ מאָל אויף אַנדערע גאַסן שלעפּן מיט זיך שווערע פּעק און לעבן איר שלייַכט זיך אַ שטן מיט לאַנגע, גיריקע הענט: קאָלאַרסקי, דאָס ווייַב פון פּוילישן פּאָליציאַנט, וואָס נעמט אָפּ די פּעקלעך מיט זאַכן און שאַרט זיך פאַרזיכטיק צווישן די מויערן מיט זיי אַהיים.

פאַרפאָלגן אים וואָס אַ מאָל אַנדערע קאָשמאַרן:

אַט זעט ער ווי סולאַ שטייט ביי אַ טיר אַ פאַרלוירענע, דערשראָקענע:

„די מאַמעשי האָט מיך געשיקט נאָכן פּעלץ"...

— ווען די קאָלאַרסקי האָט שוין אָפּגענומען די זאַכן פון אַלע אַדרעסן — האָט זי מיך צוגעפירט צו אַ הויכער געביידע...

— גענוג!, גענוג! — נעמט שרייַען מאיר. — דאָס איז געווען דאָס הויז פון געסטאַפּאָ! זיי האָבן דיך גלייַך פאַרהאַלטן! אָבער דאָס איז שוין געווען לאַנג! לאַנג! פאַרגעס! מיר פאָרן איצט קיין ארץ־ישׂראל. דו וועסט גיין אין אַ קיבוץ און איך אין דער הגנה...

— גיי, גיי פון מיר — טרייַבט אים סולאַ — וועסט נישט צוריקקומען, איך ווייס שיין... וועסט מיך לאָזן איינע אַליין — און רוקט זיך אַרייַן צוריק אין איר ווינקל, אַ פרעמדע, פאַרשלאָסענע אין זיך.

ווערט מאירן קלאָר, אַז סולאַ איז קראַנק. די מורא פון אַלע יאָרן האָט זיך איינגעפרעסן אין יעדער קעמערל פון איר לייַב, און איצט איז זי אומבאַהאָלפן, דערשיטערט. ער ווייסט, אַז ער דאַרף זי אָפּהיטן, נישט פאַרלאָזן. דאָס איינזאַמע

מיידל, אויף איר רוקזאַק אָנגעלענט, אין אַ ווינקל פון דעק, איז איצט דאָס טײַערסטע און איינציקע אין זײַן לעבן.

אָבער ער מוז גיין.

ער וועט גיין מיט אַלע בחורים פון יוגאָסלאַוויע און טשעכיע, פון פּוילן און ליטע. צוזאַמען מיט די אַלע פון געטאָס און קאַצעטן, ווו יעדער איז אַ לעצטער פון זײַן שטאָט, פון זײַן היים.

„און אויב איך וועל נישט צוריקקומען און סולאַ וועט בלײַבן ווידער איינע אַליין?״ — הייבן שטאַרקער אָן צו שלאָגן זײַנע בלוטן, וואָס רײַסן זיך צום לעבן, צום המשך. אַ נאָגנדיקע זאָרג פאַר דער קליינער חנעוודיקער סולאַ נעמט אים אַרום ווי אַ פעסטע רייף, אָבער נאָך פעסטער באַשליסט ער:

„כ׳וועל גיין אין דער הגנה גלײַך פון דער שיף...״

העשיל קלעפּפיש

צפת — די שטאָט פון מיסטיק

ווען אונדזערער אַ מיזרח־אייראָפּעיִשער ייִד שפּאַצירט הײַנט צו טאָג אין די שמאָלע געסלעך פון צפת, די הויפּטשטאָט פון אייבערשטן גליל, די העכסטע פון אַלע שטעט אין ישׂראל, באַוווּנדערט ער, פאַרשטייט זיך, די אָנשטרענגונגען, וואָס ווערן געמאַכט, צו מאָדערניזירן צו ביסלעך די שטאָט און זי צו פאַרוואַנדלען אין אַ צוציִענדיקן טוריסטישן צענטער; ער באַוווּנדערט די באַמיִונגען צו באַפעלקערן די שטאָט מיט די נײַע אימיגראַנטן, וועלכע זײַנען אין די לעצטע יאָרצענדליקער אָנגעקומען פון אַלע עקן וועלט, און ער הערט זיך צו מיט אויפמערקזאַמקייט צו די אַלערליי דיאַלעקטן, וואָס ווערן דאָ גערעדט, כּדי צו קענען אויסטערשיידן, וואָסער דיאַלעקט עס קלינגט אים אָפּ נאָענט; ער ווערט אויך, נאַטירלעך, מיטגעצויגן מיט דער מיסטיק, וואָס הענגט דאָ אַראָפּ פון די בלויע הימלען, און עס לעבן אין אים אויף די פאַרכאַפּנדיקע קאַפּיטלען פון דער ייִדישער גײַסטיקער געשיכטע, וואָס האָט דאָ פּולסירט אין די פאַרגאַנגענע דורות.

צפת איז ענג צונויפגעבונדן מיט די גײַסטיקע שטרעמונגען, וואָס האָבן זיך אויסגעקריסטאַליזירט צווישן אונדזער פאָלק. די אַלטע שולן, צו וועלכע מען דאַרף אַרויפגיין אויף אומצאָליקע טרעפּ, די חורבות, אויף וועלכע מען טרעפט זיך אָן אין דער שטאָט און אין דער אומגעגנט, די בית־עלמינס פון פאַרצײַטנס מיט זייערע אײַנגעבויגענע מצבות, דערציילן בעיקר וועגן דער אייגנאַרטיקער ריכטונג פון דער ייִדישער מיסטיק, וואָס האָט זיך דאָ אַנטוויקלט. אויסער דעם וואָס נאָענט צו צפת, אין מירון, געפינט זיך, לויט דער אָנגענומענער טראַדיציע, דער קבר פון רבי שמעון בן־יוחאי, וועלכער ווערט פאַרהייליקט ווי דער, וואָס האָט געעפנט דעם וועג פאַר דער ייִדישער מיסטיק — די קבלה, — און איבערגעלאָזט פאַר דורות דאָס צענטראַלע ספר פון דער קבלה, — דעם זוהר, —

איז אין צפת אויסגעוואַקסן דער מיסטישער אָפּצווייַג, וואָס זייַן פֿאָטער איז געווען רבי יצחק לוריא אַשכּנזי, מער באַקאַנט ווי דער אר״י הקדוש. דער געטלעכער רבי יצחק, דער הייליקער. (די ראשי תיבות פֿון אר״י זייַנען: אלוקי רבי יצחק).

נאָך דעם ווי ייִדן זייַנען פֿאַרטריבן געוואָרן פֿון שפּאַניע און ארץ־ישׂראל איז אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער טערקישער הערשאַפֿט, האָט זיך אין צפת, אין זעכצנטן יאָרהונדערט, פֿונאַנדערגעבליט אַ וויכטיקער ייִדישער ייִשוב. אַרומגערינגלט מיט די בערג פֿון גליל, — דער באַרג מירון איז דער העכסטער אין ארץ־ישׂראל, — האָבן די וועלכע האָבן לייַדנשאַפֿטלעך געזוכט באַשייד פֿאַר די סודות פֿון אוניווערס און אַן ענטפֿער אויף די ביטערע פֿאַרוואָסן, וואָס האָבן זיך אָנגעזאַמלט אין ייִדישן געמיט, אויסגעקליבן צפֿת פֿאַר זייער וווינאָרט. דענקערס, פּאָעטן, מיסטיקערס. אין די סטעזשקעס צווישן די בערג האָבן זיך איינגעגראָבן די פֿוסטריט פֿון רבי יצחק לוריא און זייַנע תּלמידים, פֿיבערנדיקע מיט אויסלייז־דערוואַרטונגען, אַזוי ווי ער, עקזאַלטירטע און אַנטשלאָסענע געווני ווי ער: רבי משה קאָרדאָווערא, רבי חיים וויטאַל, רבי ישׂראל נאַדזשאַרא, רבי שלמה אַלקאַביץ. אין צפת האָט אויך אויפֿגעשטעלט זייַן געצעלט רבי יוסף קאַרא, וואָס הגם ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיטן ייִדישן געזעץ און מיטן שרייַבן דאָס מאָנומענטאַלע ספֿר פֿון ייִדישן געזעץ, — דעם שולחן־ערוך, — איז דאָך אויך פֿאַר אים די מיסטיק געווען אַ גײַטוועונדיקייט, ווי די לופֿט צום עטעמען. אין ייִדישקייט, האָט ער געהאַלטן, איז אויך דער דין פֿול מיט געדיכטן סוד. ייִדיש געזעץ לאָזט זיך נישט אָפּטיילן פֿון פֿאַרטיפֿטער מחשבה און וויזיע.

העכער פֿיר הונדערט יאָר זייַנען שוין פֿאַרבייַגעגאַנגען פֿון יענער תּקופֿה, אָבער אין צפת פֿאַרווישן זיך צייַטווייַטקייטן. דאָ ווייַזט זיך אויס, אַז די מיסטיקערס פֿון אַ מאָל האָבן בכלל נישט איבערגעריסן זייערע שמועסן, נאָר אַז זיי ציִען כּסדר זייערע באַטראַכטונגען איבער די פֿאַרהוילענע זאַכן. דאָ באַקומט זיך דער אייַנדרוק, אַז דער עכאָ פֿון זייערע געזאַנגען דרינגט אַרייַן כּסדר אין דער נשמה. די געזאַנגען, וועלכע זייַנען געוואָרן אַ טייל פֿון אונדזערע שבתדיקע תּפֿילות און זמירות, און וואָס אין זיי איז די רייד וועגן דעם ווונדער פֿון באַשאַף און דאָס אָרט, וואָס דאָס פֿאָלק־ישׂראל פֿאַרנעמט אין די געטלעכע פּלענער (אזמר בשבחין), וועגן אויפֿשווידערנדיקן ייִדישן גלות־וויי (ריבון עלם ועלמיא), ציִ גאָר דאָס פּאָפּולערסטע געזאַנג פֿון אַלע, ווו עס ווערט באַגריסט די הייליקייט פֿון שבת (לכה דודי).

אָבער אונדזערער אַ ייִד, וואָס און ווו ער זאָל נישט זייַן, און וווּהין ער זאָל נישט גיין, באַגלייט אים די דערפֿאַרונג פֿון ייִדישן מיזרח־אייראָפּע, באַמערקט אין דער דורכזיכטיקער בלויקייט פֿון צפת אויך די פּעדעם, וואָס שפּינען דאָס דאָזיקע אָרט צונויף מיט דעם גייַסטיקן אומרו פֿון פֿאַרשניטענעם מיזרח־אייראָפּעישן ייִדנטום.

טאָקע שוין בלויז די געשטאַלט פֿונעם שעפֿער און באַגרינדער פֿון דער שיטה

אין דער מיסטיק, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין צפת, דער געטלעכער רבי יצחק. ווער איז ער געווען?

די אַלגעמיין באַקאַנטע פאַקטן זײַנען: געבוירן אין ירושלים, פרי געוואָרן אַ יתום, אַ שטיק צײַט געלעבט אין עגיפּטן, ווּ די נײַע לערע איז אין אים רײַף געוואָרן, זיך באַזעצט אין צפת, אַוועקגעגאַנגען פון דער וועלט אין פריִען עלטער פון 38 יאָר, אין צפת געפינט זיך זײַן קבר. אָבער וואָסערע פּרטים ווייסן מיר חוץ דעם? פון וואָסער משפחה האָט ער געשטאַמט? פון די פאָרשונגען ווערט אַלץ קלאָרער אַז זײַן פאָטער איז געקומען קיין ארץ־ישראל פון דײַטשלאַנד, אָדער מעגלעך פון פּוילן. שוין דער פאַמיליע־נאָמען קען דינען ווי אַ באַווײַז: לוריא. פּאָפּולער צווישן יידן אין צענטראַל־און מיזרח־אייראָפּע. די באַצייכענונג, וואָס איז צוגעגעבן געוואָרן, דאַרף דאָך אַוודאי נישט איבערלאָזן קיין ספק: אַשכּנזי. די מעגלעכקייט פון מיזרח־אייראָפּעיִשן אָפּשטאַם פון רבי יצחק לוריא איז אָנגעוויזן געוואָרן בײַ די פאָרשערס שמואל אַבא האָראָדעצקי און גרשום שלום.

ערשט די שיטה, וואָס דער מיסטיקער פון צפת האָט אויפגעבויט. זי שפּאַרט זיך טאַקע אָן אויף די לערעס פון די פריִערדיקע דורות מקובלים, און זי שעפּט פון די קוואַלן פון ספר־הזוהר, אָבער זי איז פאַרט נײַ. זי איז: די אַקטיווע מיסטיק, אָדער ווי זי ווערט באַצייכנט אין לשון־קודש: קבלה־מעשׂית, דאָס הייסט אַז מיר, מיט אונדזער אַקטיווקייט, מיט אונדזערע טאַטן, זײַנען מסוגל אויסצווירקן אונדזער אײַנפלוס אין אוניווערס און אין זײַן קאָסמישן סדר, און אויך אין דער געזעלשאַפט און אין איר סאָציאַלן סדר. דער מענטש איז גאָרנישט אַזוי אָפּהענגיק און שוואַך, ווי מען קען מיינען. מיר זײַנען שותּפים צום באַשעפער און צום באַשאַף. אָפּגערעדט דערפון, אַז די אויסלייזונג פון דער יידישער אומה איז און מוז זײַן אַ ציל פון אונדזער אַקטיווקייט און אָנשטרענג.

אײַיב די מיסטיקערס פון דער פריִערדיקער תּקופה האָבן דער עיקר אונטערגעשטראָכן די וויכטיקייט פון דער טעאָריע, אָדער ווי מען וואָלט הײַנט געזאָגט: פון דער מעדיטאַציע, פאַרנעמט בײַ רבי יצחק לוריא די אַנטשיידנדיקע ראָלע די אַקטיווע מיטבאַטייליקונג פון מענטש, פון ייִד, אינעם פאַרריכטן די פעלערן — אין זײַן לשון קלינגט דאָס: מתקן זײַן דעם פּגם, — וואָס טרעטן אַרויס אינעם סדר פון דער וועלט. אונדזער אַקטיווקייט דאַרף זיך אויסדריקן אין דער אַנטשלאָסנקייט מיט כּוח צוצוגרייטן די געזעלשאַפט צו איר מאָראַלישן אויפשטײַג. אָנהייבן דאַרף מען מיט זיך אַליין. אויסבעסערן די אייגענע אויפפירונג. באַהערשט ווערן פון געפיל פון ליבשאַפט. זײַן ערלעך און באַשיידן. באַפרײַען זיך פון עגאָיִזם. אַזוי אַרום קענען מיר, איך און דו, דערנענטערן די טריט פון משיח.

אין דער לערע פון רבי יצחק לוריא וועט נישט משיח ברענגען די גאולה, נאָר מיר וועלן זי ברענגען, דורך דעם, וואָס מיר וועלן זיך צוגרייטן צו זײַן רוף איבערצובויען אונדזער לעבן. אַ סך אָנשטרענגונג איז נייטיק פון אונדזער

זייט כדי צו באווייזן, אַז מיר נעמען טאָקע ערנסט אַנדזער אויפגאַבע. דער „געטלעכער מקובל פון צפת" איז געווען איבערגעצייגט, אַז ווי אַ באַווייז פון אונדזער ערנסטקייט קען דינען אונדזער אַנטשלאָסנקייט גישט נאָכצוגעבן די אַלערליי פאַרלאַנגען פון אונדזער גוף. טאָן גוטס, געבן צדקה, צונויפברידערן זיך מיט די אָרעמע און געפאַלענע, זייַנען אַנדערע שטאַפּלען, וואָס פירן באַרג־אַרויף. אויך פראַווען אָפט תעניתים, און טראָגן דעם פולן באַוווסטזיין צוליב וואָס און פאַר וואָס מיר פאַסטן, איז אַ מיטל, וואָס קען העלפן אויפצוהייבן די פונקען פון געטלעכקייט אין אַ וועלט, וואָס איז אַראָפּ פון די רעלסן.

טויזנטער מייַלן ווייַט פון צפת, אינעם דעמאָלטיקן אויפגייענדיקן יידישן יישוב אין פוילן, זייַנען די זעלבע פּראָבלעמען און פראַגע־צייכנס פון גאָט, מענטש און געזעלשאַפט געשטאַנען אין צענטער פון דער אויפמערקזאַמקייט. אין אַ רירעוודיקן קיבוץ פון האַנדל־וואַנדל און שווערן טאָג־טעגלעכן געראַנגל פאַר קיום האָבן די צעפלאָסענע אידעען און אידעאַלן פון די טרוימערס אין צפת אָנגענומען אַ מער ממשותדיקן כאַראַקטער. דער וועד אַרבע ארצות, ווי עס האָט זיך דעמאָלט גערופן דער קהילה־ראָט פון פּוילישן יידנטום (דער ראָט פון די פיר פּראָווינצן), וועלכער איז אין יענעם יאָרהונדערט געגרינדעט געוואָרן, האָט זיך נישט אונטערגענומען צוצואייַלן די אויסלייזונג פון דער יידישער אומה, אָבער געענוי ווי אין צפת, האָט מען אין יידישן פּוילן אָפּגעוואָרפן די פּאַסיווקייט אויפן וועג אויפצוהייבן דעם יידישן מענטש. דער לאָזונג, וואָס איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען, איז געווען: טון, ווירקן, נישט שפּאָרן קיין באַמיִונגען בכדי אַרייַנצוברענגען די ווערטן פון געטלעכקייט און הויכער מענטשלעכקייט אין דער יידישער געזעלשאַפט.

נישט קיין וווּנדער דעריבער, וואָס גלייַך ווי די לערע פון רבי יצחק לוריא איז באַקאַנט געוואָרן אין מיזרח־אייראָפּע, האָבן מיזרח־אייראָפּעישע יידן דערשפּירט, אַז אין איר האָבן זייערע אייגענע שטרעבונגען געפונען אַן אויסדרוק.

צווישן גייַסטיקן צענטער אין פּוילן און דעם צענטער אין צפת האָט זיך געשאַפן אַ נאָענטקייט. ביי די אַלע שוועריקייטן, וואָס האָבן דעמאָלט עקסיסטירט אין דעם פּרט פון קאָמוניקאַציע און דרוק, זייַנען דאָך די שטערונגען באַזיגט געוואָרן. אין די פּוילישע שטעט און שטעטלעך האָבן אָנגעהויבן גיין פון האַנט צו האַנט די ספרימלעך פון די מקובלים פון צפת. מען האָט זיי אפילו גענומען דרוקן אין קראָקע. רבי יצחק לוריא, רבי משה קאָרדאָווערא, רבי חיים וויטאַל, זייַנען געוואָרן היימישע געשטאַלטן פאַר פּוילישע יידן. אינטעלעקטואַלן און לומדים האָבן זיך פאַרטיפט אין זייערע ווערק. אַנדערע, ווי למשל דער גאון רבי יואל סירקיש, באַרימט פון זייַן ספר „בית חדש" (דער ב"ח), האָבן אפילו געשריבן פּירושים צו דער מיסטיק, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין צפת. מער: שליחים האָבן זיך באַוויזן אויף דער פּוילישער ערד, שליחים פון ארץ־ישראל, צי פון אַנדערע מיסטישע צענטערס אין אייראָפּע, וועלכע האָבן דערקלערט און אויסגעטייטשט, יעדער איינער אויף זייַן שטייגער, וואָסער באַדייַט די תורה פון צפת האָט פאַר

דער יידישער איצטיקייט און פארן יידישן מארגן. מיט גאר שטארקער התלהבות איז אויפגענומען געווארן דער מיסטיקער רבי ישראל סאראק, וועלכער איז געקומען פון איטאליע, כדי פונאנדערצוטראגן דאס געלייטערטע ווארט פון געטלעכן רבי יצחק לוריא צווישן פוילישע יידן. זיין באזוך, זיינע פלאמיקע דרשות, האבן איבערגעלאזט א טיפן רושם אין יידיש־פוילישן קיבוץ. יידיש פוילן וואקסט אויס ווי א באדייטנדיקער זאמלארט פאר די אינספירירטע ענטוזיאסטן פון דער מיסטיק.

מען האט זיך געריסן מיט אלע כוחות אוועקצולאזן זיך איבער די ימים אין דער וויטער און געפערלעכער רייזע צו די בערג אין גליל, ווו עס האבן געשפאצירט די מיסטיקערס און פארזייט זייער לערע. אויב מען האט נישט געהאט מער דעם זכות צו געפינען זיך אין זייער גאענטקייט, בעת זיי האבן געלעבט, זאל לכל־הפחות באשערט זיין זיך איינצוליגן אויף זייערע קברים.

איינער אזא, וועלכער איז טאקע דערגאנגען קיין צפת, פארנעמט אן ארט אין אויבנאן אין דער גייסטיקער געשיכטע פון פוילישן יידנטום: רבי ישעיה הורוויץ. באקאנט ווי דער של״ה צוליב זיין ספר „שני לוחות הברית״, די צווײ לוחות פון סיני (של״ה זיינען די ראשי־תיבות פון שני לוחות הברית). אין באנעם פון פאלק ווערט ער באצייכנט, ווי דער הייליקער של״ה, של״ה הקדוש. א בארימטער רב און ראש־ישיבה אין פוילן, האט ער אין איינעם א טאג באשטימט צו פארלאזן די שטעלעס, וואס ער האט פארנומען, די ערטער, ווו ער איז געווען פארערט. ווהין וואנדערט אויס רבי ישעיה? — האבן יידן געפרעגט. גיך איז קלאר געווארן די זאך: ער האט זיך אוועקגעלאזט קיין ארץ־ישראל, צו ערשט קיין ירושלים, און דערנאך קיין צפת. אים האט געצויגן דער סוד פון דער מיסטיק, וואס איז דארט אויסגעטראגן געווארן. ווארעם אויב אפילו מיטן דאזיקן סוד איז געווען אויסגעפולט דאס לעבן פון של״ה, אויך ווען ער האט געוווינט אין פוילן, איז דאך אין צפת פארבארגן דער „רזא דרזין״, דער סוד פון די סודות.

אנגעהויבן האט רבי ישעיה הורוויץ זיין גרויס ספר, — איינער פון די וויכטיקסטע אין דער רעליגיעזער ליטעראטור, וואס איז אנטשטאנען צווישן פוילישן יידנטום, — נאך אין דער היים, אין לעמבערג צי אין קראקע, אבער ערשט אין הייליקן לאנד האט ער אים דערפירט ביז צום סוף. דאס וואס ווערט דארט געזאגט, קומט אויס צו זיין א המשך פון דער אריגינעלער לערע פון צפת. ביי דער גאנצער פארערונג, וואס דער מחבר טראגט פארן רמב״ם, דעם גרויסן דענקער און געזעצגעבער, וואס דאס שפאנישע יידנטום האט ארויסגעגעבן מיט הונדערטער יארן פריער קען, לויט זיין מיינונג, דער רמב״ם נישט באפרידיקן פולשטענדיק דעם יידישן מענטש. יידישקייט איז געפיל. יידישקייט איז נשמה. געפיל און נשמה לאזן זיך נישט דערקלערן און אנאליזירן מיטן שכל. מען קען מיטן פארשטאנד נישט דערקלערן יידישן קיום, יידישע לײדן, יידישן גלות און יידישע גאולה. וואס מער מיר רעדן זיך איין, אז מיר באגרייפן

די זאַכן, מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז אונדזער אײַנרעדעניש איז פֿאַלש. מיר פֿאַרשטייען גאָרנישט.

אויך אין דאָזיקן ספר, ווו די פּאָעזיע, דער פּיוט, נעמט אָפּט מאָל די איבערהאַנט, פֿאַרבלײַבט רבי ישעיה הורוויץ געטרײַ דער מיסטיק פֿון טאַט. ווער עס איז נישט אַקטיוו אין זײַן מיסטישן דרך פֿאַרלירט זײַן וועלט, דערקלערט דער מחבר. מען האָט גאָרנישט קיין באַגריף, זאָגט ער, ווי שטאַרק אונדזערע מעשׂים אַנטשיידן אין אוניווערס. די אויפֿפירונג פֿון יעדן איינעם איז ווי אַ וואָג, נישט בלויז לגבי אים גופא. זי קען איבערוועגן אין קאָסמאָס צום גוטן און אויך צום שלעכטן. מיר קענען אויסשפּרייטן און פֿאַרגרעסערן די געטלעכע כּוחות, און מיר קענען זיי אויך, חלילה, אײַנצוימען און מצמצם זײַן. וואָס שייך אונדזערע לײדן ווי יִדן, וואָס שייך דער שווערער ווירקלעכקייט, וואָס מיר ווערן געיאָגט און געפּלאָגט צווישן די פֿעלקער, פֿאַרזיכערט רבי ישעיה הורוויץ, אַז יסורים לײַטערן. יִדישער צער איז הייליק. אין די לײדן דערגענטערט זיך די גרויסע שעה פֿון אויסלייזונג.

דאָס ראָד פֿון דער געשיכטע האָט זיך באַוועגט. ענדערונגען זײַנען אַרײַנגעטראָטן אין דער פּאָליטישער און סאָציאַלער סיטואַציע אין מיזרח־אייראָפּע. אָבער נישט געענדערט האָבן זיך די בענקעגישן פֿון יִדן פֿון מיזרח־אייראָפּע. קיין צפֿת. נישט בלויז איינצלנע מענטשן אָדער עקזאַלטירטע מקובלים זײַנען אָדורכגענומען געוואָרן מיט דער גוואַלטיקער בענקשאַפֿט. אין געוויסע תּקופֿות איז דער דראַנג צו צפֿת און צו איר מיסטיק געוואָרן אַ מאַסן־דערשײַנונג צווישן פּוילישן יִדנטום. מען האָט טאַקע געלעבט אין פּוילישן שטעטל, אָבער מען האָט געאָטעמט מיט צפֿת און מירון.

מיטן אויפֿקום פֿון חסידות איז די לערע, וואָס איז אויסגעוואַקסן אין צפֿת, אָבער נישט געענדערט האָבן זיך די בענקעגישן פֿון יִדן פֿון מיזרח־אייראָפּע די יִדן אין אוקראַיִנע, אין פּאָדאָליע און וואָלין, אין פּוילן און ווײַסרוסלאַנד, וועלכע זײַנען נישט מיד געוואָרן צו זוכן כּוונות און רמזים אין דער אינטענסיווער דראַמע, וואָס זיי האָבן איבערגעלעבט, — די שחיטות פֿון די קאָזאַקן אונטער דער אָנפֿירונג פֿון כמיעלניצקי, די אילוזיעס פֿון דער באַוועגונג פֿון פֿאַלשן משיח שבתי צבי, די ביטערע אַנטוישונג, וואָס איז דערנאָך געקומען, — האָבן פֿון דער ווײַטנס אין שפּאַנונג אַריבערגעקוקט צו די בערג אין גליל. אין דער אַקטיווקייט, צו וועלכער די באַוועגונג פֿון חסידות האָט געוועקט דעם יִדישן מענטש, איז טאַקע נישט אונטערגעשטראָכן געוואָרן די נייטיקייט צו פּראַווען תּעניתים, וואָס פֿאַרנעמט אַזאַ וויכטיקן פּלאַץ אין דער תּורה פֿון צפֿת. דער שעפֿער פֿון חסידות, רבי ישׂראל בעל־שם־טוב, האָט נישט געהאַלטן, אַז מען דאַרף פּײַניקן דעם גוף. אָבער פֿאַרט איז אָט די מיסטיק פֿאַרבליבן דער יסוד פֿון חסידות. אין ביידע שיטות דערשײַנען מיר, מענטשן, ווי שותּפֿים צום באַשאַף און באַשעפֿער. אין ביידע שיטות איז די יִדישע אומה אַ ווירקנדיקער כּוח אין סדר פֿון דער וועלט. יִדן פֿאַרמאָגן די קראַפֿט, מיט זייער ווילן און טאַט אויפֿצורודערן די הימלען,

און אפילו אַראָפּצובּרענגען דעם הימל אויף דער ערד, לויט דעם אויסדרוק פון רבי מענדעלע פון קאָצק, און ווי רבי לוי יצחק בערדיטשעווער האָט געהאַלטן, האָבן מיר, ייִדן, אַפילו דאָס רעכט אַרויסצורופן דעם רבונו־של־עולם אויף אַ דין־תורה.

אָן וועלכע עס זאָלן נישט זײַן מאַטעריעלע מיטלען, און נישט ווייסנדיק געענוי ווי אַזוי עס איז מעגלעך צו דערגרייכן צום ווײַטן גליל, האָט רבי מנחם מענדל פון וויטעבסק, צוזאַמען מיט דרײַ הונדערט חסידים, זיך אַוועקגעלאָזט. בײַם סוף פון אַכצנטן יאָרהונדערט קיין צפת. ווער מיר שווערקייטן, וואָס מיר מרחקים, — האָבן זיי געזאָגט. מיט אַ לעכצנדיקער נשמה קען מען אַדורכשנײַדן ברוויזנדיקע ימים. די אויסזיכט אַרײַנצוזאַפּן אין זיך די לופט פון דער מיסטיק האָט נישט בלויז אַוועקגעיאָגט די מידקייט, נאָר זי האָט אַרײַנגעגאָסן מונטערקייט אין פרייד. עטלעכע יאָרצענדליק שפּעטער האָבן אויך די קעגנערס פון דער חסידישער באַוועגונג, די מתנגדים, אַדורכגעמאַכט דעם אומזיכערן וועג. די תלמידים פון ווילנער גאון זײַנען אַנגעגליט געוואָרן פון זעלבן מעכטיקן פאַרלאַנג צו וואָגלען אין די בערג, וווּ עס האָבן געוואָגלט די מיסטיקערס. רבי מנחם מענדל און רבי ישׂראל פון שקלאָוו זײַנען געגאַנגען די ערשטע, און נאָך זיי האָט געשפּאַנט די חבורה.

איז דערפאַר, ווען אונדזערער אַ ייִד שפּאַצירט הײַנט אין צפת, און דערצו נאָך, אויב עס קומט אים אויס שבת צו דאַוונען דאָרט אין אַ חסידיש שטיבל, מיט חסידים, וועלכע טראָגן דעם טראַדיציאָנעלן פּויליש־ייִדישן שטרײַמל אויפן קאָפּ, און דאָס עברית, אין וועלכן זיי זאָגן די תפילות, האָט אויפגעהאַלטן די ייִדיש־פּוילישע אויסשפּראַך, און די ניגונים וואָס זיי זינגען אויס, זײַנען אונדזערע היימישע, האַרציקע, נאָגנדיקע מעלאָדיעס פון אומעט און פרייד, ווײַזט זיך אים אויס, אַז ער האָט זיך צוזויפגעטראָפן נישט בלויז מיט דער מיסטיק פון צפת, נאָר אויך מיט דער מיסטעריע, וואָס וואַרפט אַ בריק צווישן אונטערגעגאַנגענעם ייִדישן שטעטל פון מיזרח־אייראָפּע און די בערג פון גליל אין ארץ־ישׂראל, און בינדט צונויף דעם פאַרהאַוועטן, פאַרדאגהטן ייִד פון אײַנטערגעגאַנגענעם שטעטל מיט דער לויטערער לערע, וואָס איז אויפגעגאַנגען אין צפת.

אין דער שטאָט פון דער מיסטיק קלינגען עד־היום אָפּ די פערזן פון רבי יצחק לוריא אשכנזי:

קריבו שושבינין, דערנענטערט זיך, אָ איר אַלע, בײַ וועמען עס האָט זיך נישט אויסגעלאָשן דער ווילן אַרויפצופירן מענטש און וועלט אויפן גלײַכן און ריכטיקן וועג!...

יוסף קערלער



דאָס ביימל בײַ מײַן פענצטער

דאָס ביימעלע,
וואָס כ'האָב פֿאַרפֿלאַנצט ניט לאַנג,
האָט שוין מיט גרין געזאַנג
אַ קלאַפּ געטאָן אין מײַנע שויבן
אויפֿן שטאָק דעם צווייטן...
ניין, ניט דערפֿאַר,
ווײַל ס'וויל איך זאָל עס לויבן,
געדיכטער ווערט עס און צעשפּרייטער,
קיין עין־הרע, ווי אַ שיינער פּעכער —
ס'וויל גרייכן, קענטיק,
העכער, העכער
פֿון שטאָק דעם סאַמע לעצטן,
אַ לייג טאָן זײַנע צווײַגן
אויפֿן דאַך,
זיך אײַנפֿלעכטן
אין די אַנטענע־נעצן,
די זשעדנע־אָנגעשפּיצטע,
שטענדיק אויף דער וואַך
צו אַלץ וואָס אויף דער וועלט

זיך טוט,
בעיקר — צי פּאָר ייִדן
איז דאָס גוט?...

1985

**
*

אין דער לופטן טראָגט זיך נאָך
דאָס נישט־געשטילטע אַש
און אַרום — די הפקר־וועלט, —
זי הוליעט און זי רעשט,
און אַרום — די הפקר־וועלט —
אַ רויטלעך־ברודנער שוים,
פאַרשווימען ווערט, פאַרשווינדן ווערט
ווי בבל און ווי סדום;

און איך האָב אײַנגעוואָרצלט זיך
אין אַלץ וואָס איך געדענק, —
פון אַלע מײַנע טיפקייטן,
אין שטילקייט אויסגעשווענקט,
פון אַלע מײַנע הויכקייטן —
איין הימלשאַפט צעהעלט
איבער מײַן לאַנד, מײַן לענדעלע
מײַן בראשיתדיקער וועלט.

1985

אויף געסעלער אַלטצײַטיקע

אַברהם סוצקעווערן, מיט ליבשאַפט

אויף חידושדיקע געסעלעך,
קרום־קנײַלעכדיקע, שמאָלע,
אויף געסעלעך אַלטצײַטיקע,
פּאַמעלעכל,

פאַוואָליע —
אין מײַנע זיסע ווײַטקייטן
איך שווים, איך שטראָם,
איך טובל זיך,
ווי אַ פאַרחלומט וועלעכל
פון וואָרע, קלאָרע, שטראַליקע,
פאַרלאָרענע אַמאָלן.

צי האָב איך וועגן פאַרלאָרן זיי? —
באַרירט נישט מײַן זכרון,
ווײַל ס׳קען אַ שפּריץ טאָן
זודיק בלוט
פון יעדן שטיין און דאָרן!

פון שׂרפות — אַ פאַררייכערטער,
פון קאַלטע פרעסט — פאַרביטערט,
צום לייב אויף די פּרוכתן,
וואָס מיט דער לאָם זיך פּיטערט.

ווי קום איך צו די געסעלעך,
נאָר זעט איר דאָך — געקומען.
זי איז נישט קיין פאַרגעסענע
מײַן מאַמעניו, מײַן פרומע.
סע קלינגט און זינגט
און ס׳וויינט אין מיר
דער אויסגעקרענקטער ניגון:
אַ תּפילה צו דעם איינציקן
פאַר קינדער אין די וויגן,
פאַר קינדער אויף די שלאַכטפעלדער,
פאַר קינדער אין די תּפיסות,
פאַר קינדער וועלכע בלוטיקן,
ווען ס׳הרגענען זיך גויים
און בלויז צו דיר, מײַן טאַטע זיסער,
קען מען זיך פאַרטרויען!

ווי קום איך צו די געסעלעך?
נאָר זעט איר דאָך — געקומען.
צי דען האָב איך פאַרגעסן דען

ווי ס׳פּלעג מײַן טאַטע ברומען
זײַן תּפילה די פאַרבאַרגענע
וואָס לינדערט אַלע פּלאָגן.
די זעלבע תּפילה וואַרקען דאָ
די טויבן אויף די ראָגן,
מײַן טאַטעס ניגון קומט אַצינד
צעגלעקלט, פריש און קוועליק
און ס׳פליגלען הימלען אויפן ווינט,
ווען קינדער, אַ געזונט אין זיי,
ווען קליינע קינדער קנעלן.

1984

✶

צו ערשט געווען איז —
חושך על פּני תּהום
און מיט מײַן זינדיק, בייניק לײַב
האָב איך דעם חושך אויסגעהאַקט
ווי מיט אַ לאָם...
איך האָב זיך דורכגעבראָכן
צום קאַיאָר
און צו דער שטראַלנדיקער מענטשנפּאָר
אין בראשיתדיקן ביימער־שאָטן,
און צו דעם סאַמע ערשטן וואָרט,
וואָס כ׳האָב אַ מאָל אַרויסגעאָטעמט:
מאַמע...
סאַראַ פרישקייט!
סאַראַ הימלשאַפט,
באַקרוינט מיט רעגן־בויגן —
דאָס לאַנד פון מײַנע קינדסקינדער
פאַר די פאַרווײנטע אויגן...

1971

יוסף קערלער

דאָס געזאַנג צו די יהודה־בערג

פאַראַן אַזעלכע בערג —
זיי שפּאַרן מיט די שניישפּיצן
אַלץ העכער צו די הימלען,
זיי זאַמלען אין געהיימעניש פון טיפע תהומען
פינצטערניש און שרעק...
זיי זײַנען חוצפּהדיק
מיט יעדן ריס אַרויף,
זיי זײַנען שיין און בייז,
די בערג די יעניקע —
אַריבער ווילד־געוואַלגער
פון געפאַלענע,
געקראַכטע,
מיט שטומען אויסגעשריי
זיי שטופּן זיך
און קריכן איינס אויף ס'אַנדערע
אַלץ העכער פון די כמאַרעס, —
רק — צום הימל,
רק — צו גאָט!...

נאָר אונדזערע יהודה־בערג,
זיי זײַנען אַנדערש:
באַטרונקענע מיט זון, מיט לופטיקייט
און מיט לבנה־שטילקייט
אין די ווייכע פאַלדן —
זיי האָבן אַלץ געזען אויף אָט דער וועלט.
זיי ווייסן אַלץ.
זיי זײַנען רויִק.
זיי האָבן דאָך אַפילו נישט געשטוינט,
ווען כ'בין צו זיי געקומען
צוריק פון די יאָרטויזנטער אין וואָגל!...
פראָסט־פּשוט —
זיי האָבן מיך דערקענט
און אָנגעפילט מײַן אויסגעפּלאָגטע זעל
מיט בענטשונג און מנוחה.

יאָ, די יהודה־בערג,
זיי זײַנען אַנדערש!
ס'איז צווישן זיי נישטאָ
קיין קריגערײַ, קיין שטויסערײַ
און קיין פאַרשטיינט געשריי —
זיי זײַנען רויִק.
וואָס דאַרפן זיי זיך שטופן צו די הימלען,
אויב גאָט ברוך־הוא אַליין
האָט זיי פון דאָרט אַראָפּגעלאָזט
צו אונדז,
אויף אָט דער ערד?

אָ, די יהודה־בערג,
ווי פליגל רחבותדיק צעשפּרייטע
אַרום דער שטאָט מײַנער
ירושלים של זהב...

פון וויגלאַנד צו היימלאַנד

פון וויגלאַנד צו היימלאַנד —
ס'טוט ווי נאָך דער שניט...
ווער מיינט אַז געזאַנג
פון די אַרבל זיך שיט?

די זילבן געזאַלבטע,
געטובלט אין פּײַן,
זיי טריפן ווי בלוט
פון צעשניטענער שײַן.

זיי האָבן דאָך פּײַער
געפּרוווט אויפן טעם.
פון שטײַגל צום צווײַגל —
מײַן שטאַמלענדער שטאַם.

פון שטײַגל צום צווײַגל,
פון בראָך ביז צום תּוך,
פון פּענט און פון בענקשאַפט
ביז פליגל־געפּאָך

אויף ראַנדלאָזע הימלען
פון קליינינקן לאַנד,
וואָס ליגט ווי אַ לעבעדיק האַרץ
אויף דיין האַנט.

דער שליאַך...

דער שליאַך, צי ווי מען רופט אים — כּביש,
ער וואַרפט זיך, צאַפּלט ווי אַ פיש
אונטער די שווינדלענדיקע רעדער.
כ׳האָב ליב דעם ליבלעכן מאַרשרוט,
פון דער טאַקסי, וואָס הייסט: שירות,
ער פליט און פאַלט און ווידער קלעטערט
אויף לויכטנדיקן פעלדזנבאַרג
מיט מאַנדלביימלעך אויפן קאַרק
און מיט דער זון
אויף שטיין צעשמעטערט.

כ׳האָב ליב דעם כּביש,
די רחבות ברייטע
פון אָט דעם קליינעם, ענגן לאַנד,
צו וועלכן כ׳שמיד זיך ווי מיט קייטן
פון פרייער טרייַשאַפט און פאַרשטאַנד.

בייַם כּותל

דער וועג צו דיר —
ווי באַרוועס איבער שטאַרצנדיקע שטיינער
און הינטער מיר — אַזוי פיל ווייטקייטן
צעאַשטע
און שטיין אויף שטיין
פון ווענט געפאַלענע,
געקראַכטע ווענט געוויין...

הינטער פאַרשטאַרטע פלייצעס:
אויפן וועג אַ שטיין,

זיץ איך אויפן שטיין
עלנט ווי אַ שטיין...
אַצינד כ׳בין לעבן דיר
מיט קינדערש פּנים
אײַנגעגראָבן
אין דײַן מוטערלעבער ווייבקייט,
כ׳בין בײַ דער וואַנט
וואָס ליכטיקט אין דער אייביקייט
און טרויער אויס די טרייסט
פּאָר מײַנע קינדסקינדער.

רחל קראַמף

צפת — לאר״י הקדוש

איך שטיי אין בלווילעכן טאָל
אויפֿן וועג צו דײַן הויכן באַרג.
בענקשאַפֿט קוקט מיט מיר
צו אים אַרויף;
איך וויל זיך דאָרטן טרעפֿן
מיט די אויגן פֿון אין־סוף.

בלײַב איך זיצן אונטערן באַרג
ווי אַ בענקעלע אַוועקגעשטעלט
צו דײַנע פֿיס,
איך קוק נאָך אַלץ אַרויף
צום באַרג
און פֿרעג זיך:
ווער פֿון ביידן אײַך
איז דאָ דער ריז.

מ׳זאָגט:
אַז דער גאַנצער באַרג
איז דײַן,
ווײַל דו האָסט איעדער פֿרײַטאָג

באַגאַסן אים מיט קידוש־ווײַן,
מיט חברותא זיך צעטאַנצט
צו קענען מיט דער מלכּה־שבת
פרייִלעך זײַן.
מ׳זאָגט, אַז ווען דו האָסט
צום ערשטן מאָל
די אויגן דײַנע אויפגעמאַכט
האָט גאָט פון פרייד
אין מיטן נאַכט
זיך מיט דער זון
אַרומגעכאַפּט
אוןביידע האָבן
אויפן קול
זיך הויך צעלאַכט.

מ׳זאָגט:
אַז דײַן פּנים
האָט באַלויכטן שכינה־שײַן,
אַז דײַן קול האָט אָפּגעהילכט
פון עק צו עק אויף וועלט,
און ווײַל דו ביסט געווען
אַזוי שיין
האָט קיינער נישט געקענט
אויף דײַן פאַרלאַנג
דיר זאָגן ניין.

מ׳זאָגט:
אַז דו האָסט אַליין
מיט דײַנע הענט
אַוועקגעלייגט אָט דאָ
דעם ערשטן שטיין
פאַר דעם מקום־קדוש
וואָס דאַרף פאַר תּפילה
אייביק אָפן זײַן.

אַ סך, אַ סך דערציילט מען
וועגן דיר,
רייד דערציילן אָן אַ שיעור,

נאָר איך קאָן זיך נישט דערקלײַבן
ווו איז אמת
און ווו די מעשׂה הייבט זיך אָן;
ווייל איך עפּעס מיר פֿאַרשרײַבן,
זוך איך אויפֿן באַרג דײַן פּאָן.

האָב איך שוין
אַלץ וואָס איך ווייס
וועגן דיר דערציילט;
נאָר דעם סוד
פֿון לויטערקייט אין קוואַל
וואָס פֿליסט פֿאַר טבֿילה דיר,
היט איך אָפּ
ווי אַ סגולה פֿאַר מיר
און אפֿשר אויך
פֿאַר דיר.

קיין ירושלים

אויף די וועגן
קיין ירושלים
גייען ייִדן מיט פּעקלער,
זיידעס און באָבעס
אַלע פֿון אַ מאָל,
אַלע, וואָס זענען אַרויס
פֿון מצרים;

ס׳גייען קינדער
אָן טאַטע־מאַמע,
ס׳גייען טאַטעס, וואָס
האָבן פֿאַרלוירן
די קינדער
אין אַלערליי ימען.

אַ הויכער ייִד מיט אַ באָרד,
לאַנג ווי זײַן שטעקן,

טראָגט אין די ביינער
דעם מאַרך
פון דער תּפילה, —
די תּפילה צום וועקן:
די שעה נישט פאַרזאַמען
חלילה,
די איצטיקע שעה, —
וואָס אָטעמט מיט
חלום פון דורות
צו זײַן אָט אָ דאָ.

פון ווײַטע מרחקים
מיר צײַען
צוריק איצט צו דיר,
ירושלים!
מיר בעטן דײַן ליבשאַפט
זאָל קומען אויף ס׳נײַ
אונדז אַנטקעגן;
מיר זענען דײַן מאַפּע,
געצייכנט מיט די הענט
פון נביאים,
צו טרעפן צוריק
צו דײַנע אַמאָליקע
וועגן.

דײַן חן
האָט געלויכטן
אין די פינצטערע
קאַטאַקאָמבעס
ווו מיר האָבן די תּפילה
געשעפּטשעט געהיים,
מיר האָבן דײַן נאָמען
אין אַ כּישוף־געוועב
אײַנגעשפּונען;
אַ געוועב, וואָס פאַרכּישופט
מיט בענקשאַפט נאָך
היים.

ירושלים!
דו האָסט זיך באַהאַלטן
אין די קנייטשן פון יאָרן,
וואָס גייען און קומען
פאַר אייביקע דורות;
ירושלים!
דו האָסט זיך באַהאַלטן
מיט אַלע פרוכתן
מיט אַלע מנורות
אינעם שאָטן
פון לײַכטנדיקע שטעט, —
און גרויסאַרטיקע לענדער,
וואָס ברענען
יאָר־אײַן און יאָר־אויס
די טריט פון
די „פרעמדע"...

ירושלים!
דו ביסט אונדז געבליבן
געטרײַ —
ווי ס'איז געבליבן געטרײַ דיר
די וואַנט,
וואָס שטייט אויף דײַן באַרג
ווי פון וועגווײַזער
די האַנט;

באַהאַלטן זיך דאָרטן
די טרערן
וואָס רינען אָן אויפהער
טויזנטער יאָרן,
ווײַל דער דאַך אויף
דײַן קאָפּ
איז חרוב געוואָרן.

כּנרת

דו ליגסט אויפֿן
סאַמע ברעג
פֿון מײַן זײַן
און דו קוקסט אַרײַן
אין דער טיף
פֿון מײַן געביין.

פֿישעלער קליינע
און גרויסע פֿיש
טאַנצן מיט דײַנע וואַסערן,
זיי שפּרינגען שטיפֿעריש
אַראָפּ און אַרויף,
נאָר איך פֿיל
אין זייער טאַנץ
דעם פּחד...
דער פּחד פֿאַרן סוף...

שטיי איך כּמעט שוין
אַ האַלבע אין דײַן וואַסער,
און איך קוק אַזוי
ווי פֿון הימל די וואַנט
האָט דײַן אייבערשטע ראַנד
צוגעדעקט מיט
איר הערלעכן בלוי
און געבענטשט דיך
און דײַן זײַן
צו בלײַבן אייביק
שיין.

ביסטו
ים־כּנרת
אויף דער וועלט
אַליין!
נישטאָ אין ערגעץ,
נישטאָ דײַנס גלײַכן —

דו ביסט אַנדערש
ווי אַלע וואַסערן,
אַנדערש ווי אַלע טײַכן.
דו האָסט דערצויגן
קינסטלערס,
האָסט דערצויגן
דיכטערס,
זינגען זיי אַרײַן
אין דײַנע כוואַליקע שטראָמען
די ווייכקייט פון
ליבע
אין די הענט וואָס גלעטן...

מנוחה ראַם

חג־שמח

(דערציילונג)

העניע האָט איַיליק געזעדט אין טעלעפאָן — איך וויל פון גאָרניט וויסן — נאָך קיין מאָל ביסטו ביַי אונדז, אין קיבוץ, ניט געווען שבועות. שטעלסט זיך ניט פאָר ווי שיין מיר יום־טובן דעם חג־הביכּורים. ניין, ניין — האָט זי דערווידערט דינהן — נאָר אויף יום־טוב זאָלסטו קומען. וועסט ניט באַדויערן. מיר וואַרטן אויף דיר!

דער טעלעפאָן האָט זיך אָפּגעהאַקט.

דינהן איז גוט געווען מיט העניעס באַשטיין ניט אָפּצולייגן דאָס פאָרן. אויך זי האָט שוין זייער געוואָלט זיי זען.

געקומען פון מרחביה קיין עפולה און אַ האַלבע שעה שפּעטער זיצט שוין דינה אין אויטאָבוס, וואָס פירט קיין חיפה.

דער שאָפער איַילט. עס איז ערב יום־טוב. יאָגט דער אויטאָבוס גיכער ווי געוויינטלעך. די גלבוע־בערג דערוויַיטערן זיך.

אָפּגערוקט פון וועג שטייען היַיזער. עס טרעפט, זיי זענען אַזוי פאַרשטעלט מיטביימער, אַז מען זעט נאָר די דעכער. דאָרטן ליגן קיבוצים, שטעטלעך. אויסגעטראָטענע שטעגלעך פירן פון זיי צום כּביש, צו די סטאַנציעס, ווו דער אויטאָבוס פאַרהאַלט זיך. עמעץ שטיַיגט אויס. אַ מאָל קומט ווער אַרויף און דער אויטאָבוס פאָרט וויַיטער.

דער ראַדיאָ שפּילט אָן אויפהער. צעשריענע קולות זינגען אויף ענגליש, אויף פראַנצייזיש. צוויי ייִדן האָבן זיך אַריַינגעלאָזט אין אַ שמועס. זיי ריידן הויך איבערצושריַיען דעם רעש. פּלוצלינג ווערט שטיל. מען הערט דעם סיגנאַל פון די חדשות. דער פּרוי לעבן דינהן איז הייס. זי הייבט זיך אויף, מיט מאַטערניש

באַוויַזט זי צו עפֿענען דאָס פֿענצטער לעבן זיך, רוקט אים אַוועק. דער מאַן אויף דער באַנק, הינטער איר, רוקט אים גלײַך צוריק.

— קוק, גברת, אַזוי איז עס אין מיטן. אַ ביסל דרויסן פֿאַר דיר און אַ ביסל פֿאַר מיר. בסדר ?

— בסדר — ענטפֿערט די פֿרוי ווישנדיק דעם שווייס.

די בערג זענען שוין ווײַט. פּלוצלינג דערזעט מען אַ טשערעדע שוואַרצע ציגן אויף אַ היגל, בײַ דער זײַט. זיי קריכן אַלץ העכער אַרויף. פֿאַרהאַלטן זיך, צופּן דינע פּלאַנצן, וואָס וואַקסן אויפֿן האַרטן באָדן. צווישן זיי אַ פּאַסטעך. דעם קאָפּ אַרומגעוויקלט מיט אַ כּפֿיה. דער שוואַרצער באַלאַכאַן אויף אים איז לאַנג ביז צו דער ערד. אין האַנט האַלט ער אַ גרויסן שטעקן, ווי ער די גרייס. ער שפּאַרט זיך אָן אויף אים. קוקט נאָך דעם אויטאָבוס, וואָס יאָגט ווי אַ ווינט. בײַ אים דאָ, מיט די ציגן, האָט זיך די צײַט פֿאַרהאַלטן. ליגן אויסגעשפּרייט שטיקער בראשית אין מיטן פֿון אַ נײַ לעבן, צווישן קיבוצים און מושבים, וווּ עס אַרבעטן טראַקטאָרן, וווּ ממטרות באַוואַסערן פֿריש באַוואַקסענע פֿעלדער און וועלדער. דורך הײכע פֿאַבריק־קוימענס שפּאַרט רויך צוזאַמען מיט ברענענדיקע פֿונקען, וואָס שפּריצן אין דער לופֿטן. אויטאָס יאָגן היץ און צוריק אויפֿן בײַ־געפֿלאַסטערטן וועג. און דער פּאַסטעך, צווישן זײַנע שוואַרצע ציגן, ווייסט ווו עס שטייט די זון. ווען אַזאַ אויטאָ מיט פּאַסאַזשירן פֿאָרט פֿאַרבײַ, יאָגט ער דעמאָלט זײַן טשערעדע צום היגל און קוקט אים נאָך מיט נײַגער.

פֿון אָפּלויפֿנדיקן אויטאָ זעט מען זיי סאַמע אויבן און שוין זענען זיי ניטאָ. פֿאַרשוווּנדן. זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט איפֿן אַנדערן זײַט פֿון היגל.

— איר זעט ? קוקט אַהין, דאָרטן ליגט עס דער קיבוץ שריד. — דאָס האָט איינער פֿון די פּאַסאַזשירן, וואָס רעדט אָן אויפֿהער, אָנגעוויזן זײַן שכן.

דינה קען שריד. זי איז שוין דאָרט געווען. אין דעם קיבוץ וווינען אירע שטעטלשע. די משפּחה ראָזען, דער זון פֿון לערער אין זייער תּלמוד־תּורה, ווו איר ברודער הירשל האָט געלערנט.

דער אויטאָבוס יאָגט און איר זכרון פֿירט זי צוריק. זי זעט די היים פֿון דעם לערער. אויף דער זעלביקער גאַס, ווו זיי, וווינט ער. זיי בײַם סוף פֿון שטעטל, ניט ווײַט פֿון בית־עולם. צווישן מיעטשאַניעס, וואָס האָבן זייערע גרויסע גערטנער און לאַנקעס הינטער די הײַזער. דער לערער נענטער צום צענטער. בײַ ר׳ הערצן אין דער צווייטער העלפֿט פֿון זײַן גרויס הויז.

פֿרײַטיק צו נאַכט, נאָך דער וועטשערע. געשעט, דער טאַטע נעמט זי מיט הירשלען זיך דורכשפּאַצירן. גייען זיי אין מיטן פֿון דער שמאָלער גאַס, צווישן ווערבעס און אַקאַציע־ביימלעך. עס איז פֿינצטער. בײַ קאַוואַלסקיס בילן די הינט, רײַסן זיך פֿון דער קייט. און כאָטש מען ווייסט אַז זיי זענען צוגעבונדן, וואַרפֿן זיי אָן אַן אימה.

דער הימל איז פֿול מיט שטערן. וואָס לענגער מען קיקט אַרויף, אַלץ מערער זענען זיי דאָ. נידעריקער שווימט די לבנה ווי אַ גרויסע לאָמטערנע.

זיי גייען פאַרביי דאָס הויז פון ר' הערצן. דעם טאַטן ציט אַרייַנצוגיין צו דעם לערער. וויל זיך וויַיזן פאַר אים מיט זיַין נחת. דערציילן אים אַז ער וועט דעם ייִנגל אָוועקשיקן לערנען אין דער מירער ישיבה. מיט אַזאַ קעפּל ווי הירשל האָט און מיט אַזאַ קול־נגינה, קען ער אם־ירצה־השם ווערן חזן־שוחט. אַ געזיכערטע פּרנסה.

ביַי דעם לערער איז שוין אויך נאָך דער וועטשערע. די קינדער זענען שוין ניטאָ אין שטוב. אָפּגעגעסן און אַרויס שפּאַצירן. ביַים טיש, פאַרן שיַין פון די שבת־ליכט, קוקט ער אַריַין אין אַ ספר. ער נעמט זיי אויף פריַינדלעך. אַזוי נאַטירלעך, ווי ער וואָלט געוווּסט אַז זיי דאַרפן אַריַינקומען. זיַין וויַיב האָט שוין קאַנטיק אָפּגעוואָשן דאָס געפעס. זי גיסט אָן צוויי גלעזער טיי פאַר די מענער און גייט שלאָפן. איז מיד נאָכן גרייטן דעם שבת.

זיצן די מענער ביַים טיי. דער לערער צוגעבויגן דעם קאָפּ צו הירשלען, הערט ווי ער זינגט. דער טאַטע שמייכלט צופרידן מיט הנאה.

„איז געקומען אַ חזן אין אַ קליין שטעטל,
דאַוונען אַ שבת, דאַוונען אַ שבת".

הירשל זינגט טאַקע שיין. קיין חזן־שוחט איז ער אָבער ניט געוואָרן.

דינה זעט דעם האַרבסטיקן טאָג. אָן אויפהער האָט גערעגנט, אַ נאַסקייט האָט דורכגענומען. פּלוצלינג האָט זיך אָן עפּן געטאָן ביַי זיי די טיר. אויף דער שוועל איז געשטאַנען הירשל. דערזען אים, איז דער טאַטע וויַיס געוואָרן, און הירשל איז נאָך אַלץ געשטאַנען, ניט געוועזן זיכער צי מעג ער אַריַינקומען.

ענדלעך איז ער צו צום פענצטער. זיַינע שיך האָבן געפּישטשעט, געלאָזן נאַסע פלעקן אויף דער פּאָדלאָגע. אַ שוויַיגנדיקער האָט ער געקוקט דורך די טריבע שויבן ווי עס גיסט אין דרויסן. דער טאַטע האָט ברוגז געשפּאַנט הין און צוריק און געקרעכצט פאַר צער.

און שפּעטער ? דאָס האָט דער טאַטע געקויפט פאַר הירשלען דעם פידל. מיט הנאה האָט ער געשמייכלט, בעתן זען פאַרביַיגיין און זיך אָפּשטעלן הינטערן פענצטער. דאָס האָט מען זיך פאַרהאַלטן צו הערן ווי שיין זיַין זון שפּילט. ווען הירשל איז אַוועק אין געטאָ האָט ער דעם פידל מיטגענומען... ער האָט שוין געהאָט אַדורכגעגאַנגען דעם קאַנאַל. בעתן לויפן צום וואַלד, האָט אים געטראָפן די קויל. אַ געראַניעטער...

דער אויטאָבוס האָט זיך אָפּגעשטעלט. דינה האָט זיך ווי איבערגעוועקט. נאָר וואָס האָט עמעץ געזאָגט, אַז ניט וויַיט איז דער קיבוץ שריד, דערמאָנט זי זיך.

אַ הויכער מאַן קומט אַריַין, זיַין גרויער קאָפּ געבויגן. אונטערן אָרעם האַלט ער אַ טעקע. אין האַנט, עפּעס, אַרומגעוויקלט מיט פּאַפּיר, איבערגעבונדן אַזוי, אַז עס זעט אויס צו זיַין אַ בילד. ער בלייַבט שטיין פאַרן נהג. הייבט אויף דעם קאָפּ, קוקט אָן אַלע מיט אַ פאַרנעפּלטן בליק. פון קעשענע נעמט ער אַרויס אַ בייַטל צו באַצאָלן דעם בילעט. די טיר פאַרמאַכט זיך הינטער אים. דער

אויטאָבוס רירט פון אָרט. דער מאַן טוט זיך אַ וואַקל, דאָס געלט פאַלט אים אַרויס פון די הענט, די מטבעות צעקייַקלען זיך, ער בייגט זיך איַין אויפצוהייבן זיי, פאַלט אים די טעקע אַרויס פון אונטערן אָרעם. גיך הייבט ער זי אויף און קוקט דערשראָקן.

— איז גאָרניט אַרויסגעפאַלן?

— גאָרניט — ענטפערט אַ יונגער בחור, וואָס האַלט אין קלייַבן דאָס צעשאָטענע געלט.

— איר זעט דאָך, די טעקע איז פאַרמאַכט — באַרויִקט אים די פרוי לעבן דינהן.

ער קיקט זי אָן ווי ער זאָל ניט הערן וואָס זי זאָגט. באַצאָלט דעם נהג און פאַרנעמט דאָס ליידיקע אָרט, אַנטקעגן דינהן. דער בחור טראָגט אים צו געפונענע מטבעות. אויך דינה דערלאַנגט אים אַ שקל, וואָס האָט זיך דערקייַקלט צו אירע פיס. ער דאַנקט, ניט קוקנדיק אויף קיינעם, איז פאַרנומען מיטן איַינאָרדענען דעם באַגאַזש אויפן שויס. לייגט אַוועק די טעקע, אויף איר דאָס פאַרבונדענע פעקל. און באַלד לייגט ער עס איבער פאַרקערט.

— איר קומט פון שריד? — פרעגט אים דינה.

— פון שריד — ענטפערט ער ניט גלייַך, ווי ער זאָל זיך עס דאַרפן דערמאָנען — פון קיבוץ שריד קום איך.

— איך בין געווען אין שריד. האָב דאָרטן פרייַנד. שוין לאַנג ווי זיי לעבן אין קיבוץ. איר קענט זיי געוויס. די ראַזענס. — און אַז ער שווייַגט נאָך אַלץ, גיט דינה צו — אין דער יום־כיפור־מלחמה האָבן זיי פאַרלאָרן אַ זון.

מאָדנע טוט ער אַ פינטל מיט די אויגן. דינהן דאַכט זיך, אַז ער ווייס שוין וועמען זי מיינט. עס געדויערט אָבער ביז ער רופט זיך ווידער אָן:

— ניין. איך קען זיי ניט. איך בין ניט פון קיבוץ. אין כפר מוצקין וווין איך. דאָס האָט מייַן זון... מייַן זון האָט געלעבט דאָרטן. — ער ווייַזט אָן אויפן פאַרוויקלטן פעקל אין פאַפּיר. — דאָס איז אַ בילד פון אים. אין קיבוץ האָבן זיי עס געמאַכט. בין איך געפאָרן דאָס אָפּנעמען.

דינה פרעגט מער גאָרניט.

— אין דער טעקע האָב איך אַלע זייַנע פּאַטאָס. איך פון דעם מידל מיט וועלכן ער האָט געזאָלט חתונה האָבן. — ער נעמט אַרויס אַ פאָטאָ גרויס ווי אַ פּאָסטקאַרטל. — פון דעם אַ, האָבן זיי געמאַכט צוויי גרויסע בילדער. איינס פאַר מיר און איינס אויפצוהענגען אין חדר־האוכל. באַלד אַ חודש אַז ער איז ניטאָ. געפאַלן. אַ קאָמאַנדיר געווען.

דינה נעמט די פאָטאָ פון זייַן האַנט. די פּאַסאַזשירן אַרום הערן זיך צו צום שמועס, ווילן אויך זען דאָס בילדל. זי האַלט עס אָבער לאַנג. שווער איר אָפּצורייַסן דעם בליק פון יונגן, צעלאַכטן בחור מיט דער צעשויבערטער טשופּרינע. זי קען עס ניט פאַרבינדן מיטן טויט.

— אָט דאָס איז מיר געבליבן — זאָגט ער שטיל — און איך לעב.

דאָס בילדל גייט שוין פון האַנט צו האַנט. דער אויטאָבוס יאָגט. דער ראַדיאָ רעשט מיט געזאַנג. דאָס קאַרטל קומט צוריק צו דינהן. ווידער קוקט זי לאַנג און גיט עס ענדלעך דעם טאַטן. אויך ער פאַרגראָבט זײַן בליק אין דער פאָטאָ.

— ווילט איר זען דאָס גרויסע בילד פון מײַן זון? — דערמאָנט ער זיך — אײַליק לייגט ער אַרײַן די פאָטאָ צוריק אין טעקע, נעמט איבער דאָס פעקל פון אויבן, וויל אים אָפּבינדן.

דער אויטאָבוס שטעלט זיך אָפּ.

— ווּ זענען מיר? — קוקט ער זיך אַרום — איך דאַרף דאָך אַראָפּגיין.

— קיין חיפה? — פרעגט אַ שטים פון דרויסן.

— יאָ — ענטפערט דער נהג.

אַ פרוי קומט אַרויף, די טיר פאַרמאַכט זיך.

— רגע! רגע!

דער מאַן מיט דער טעקע אונטערן אָרעם, מיטן בילד אין האַנט אײַלט צום אַרויסגאַנג. אַ ווײַלע פאַרהאַלט ער זיך בײַ דער צוריק געעפנטער טיר, קוקט אָן אַלע מיט זײַן פאַרנעפלטן בליק — חג־שׂמח! — זאָגט ער און שוין איז ער אויף די טרעפלעך.

— חג־שׂמח! — ענטפערט מען פון עולם.

מען פאָרט ווײַטער. זיי דערנענטערן זיך צו חיפה. מען זעט שוין דעם כּרמל. אין חיפה וועט דינה נעמען דעם אויטאָבוס, וואָס פירט קיין אילון.

העניע איז געווען גערעכט. שיין איז דער חג־הביכּורים אין קיבוץ. אויך דער גאַנצער אַרום איז יום־טובדיק.

דער הימל איז בלוי. די לופט אַזוי דורכזיכטיק, אַז מען זעט פון ווײַטן דעם חרמון, די ווײַסקייט פון שניי אויף דעם שפּיץ פון באַרג.

פון צווישןביימער און בלומען, דורך אַלע וועגן און אַלעס שטראָמט מען צום פּלאַץ, גיט ווײַט פון חדר־האוכל. אַלע זעצן זיך אויס אויפן גרינעם גראָז, אַנטקעגן דער צוגעפּגעשטעלטער בינע, מען וואַרט.

קיבוצניקעס קומען אָן אויף באַלאָדענע טראַקטאָרן. ווײַזן זיך מיט זייערע אויפטועכץ אין פעלד, אין די שטאַלן, אין פאַבריק. ברוין־אָפּגעברענטע פּנימער שטראַלן מיט הנאה פון זען די פרוכטן נאָך שווערער מי. פאָרן זיי לאַנגזאַם פאַרבײַ דעם יום־טובדיקן עולם, וואָס באַגריסט זיי מיט פרייד. עס רוישט, ס'טומלט אַ פּאַטשערײַ, אַן איבערשרײַען זיך מיט צעשטיפטע קינדער, וואָס זיצן אויף די טראַקטאָרן.

אַ ייִנגעלע רײַסט זיך פון דער מאַמעס הענט צום עלטערן ברודערל. וואַרפט אים די מאַמע אַרײַן אין די אָרעמס פון אַ צעכראַסטעטן דזשינדזשי מיט לאַנגע וואָנסעס. יענער זעצט אים אַוועק נעבן זיך און אַזוי שטייענדיק כאַפּט ער בײַ אַ מאַמען נאָך אַ קינד, וואָס שרײַט קולות. וויל אויך מיטפאָרן.

בעתן אויפמאַרש פון די מאַמעס מיט זייערע קינדערלעך, געבוירענע אין

דעם יאָר, ביים באַוויַיזן זיך פון די פּאַרפּוצטע מיידלעך מיט די פּרוכטן פון ערשטן שניט, בעת זייער אָנקומען מיט די יונגע וויַיסינקע לעמעלעך, ווערן אַלע נאָך מער מיטגעריסן.

שוין גאָר בידעריק איז די זון און עס דויערן נאָך אַלץ די שפּילן, די טענץ, דאָס צעבענקטע התלהבותדיקע זינגען, וואָס פאַראייניקט יונג און אַלט. וואַקסט די שימחה. עס איז יום־טוב, שבועות אין לאַנד.

איך אָוונטברויט עסט מען אונטערן פריַיען הימל.

לעבן חדר־האוכל שטייען לאַנגע טישן אָנגעלייגט מיט כּל־טוב. זיצט זיך יעדער משפּחה מיט אירע פריַינד און געסט. מען פאַרברענגט, מען טיילט זיך מיט איַינדרוקן. אַ רעדל לעבן אַ רעדל אין גרינעם גראָז.

קאַלקע מיינט אַז אַ מאָל זענען די יום־טובים געווען שענער.

— אַ מאָל — איז העניע ניט מסכּים — ביסט געווען יינגער, האָט דיר אַלץ אויסגעזען שענער. מיר זענען אויך געווען שענער. ניט אַזוי?

די יונגע חברה קומט אָן, זיי שלעפּן מיט אַ שטול.

— זיצט, דינה. ניט אַלע מוזן דאָך זיצן אויפן גראָז.

— אַז איך קען אין גראָז, וועל איך זיצן אויף אַ שטול? — דערווידערט דינה און לאָזט זיך אַראָפּ אויפן אָרט ווו זי שטייט.

— דער שטול קומט מיר — זאָגט קאַלקע. — צווישן איַיך אַלע, בין איך דאָך דער וועטעראַנסטער. איר שטעלט איַיך פאָר וויפל עס האָט געקאָסט דעם קיבוץ מיַין טראַנסיסטאָר, ביים הארץ. איז אַדרבא, מאַכט אַ חשבון וויפל בין איך ווערט צוזאַמען מיטן טראַנסיסטאָר?

— אַ געלעכטער אָן אַ זײַט — לאָזט זיך די שטענדיק מאַמיש־פאַרזאָרגטע העניע ניט אַריַינציען אין שפּאַס. — דו זעץ זיך טאַקע אויפן שטול און קום ניט אָפּ מיט וויצלען זיך. ביסט שוין מסתמא גוט מיד.

אַלע חוץ קאַלקען לאָזן זיך אַראָפּ אויף דער ערד.

העניע אַליין וויל זיַין די גאַסטגעבערין, לאָזט קיינעם ניט העלפן. זי האָט געבראַכט אַלע מאכלים אויף דעם פאַרשפּרייטן סערוועט. זיצן אַלע אַרום און עסן מיט הנאה.

— איך קען דאָך ניט אַזוי סטערטשען אין דער לופטן — זאָגט קאַלקע, און אויך ער לאָזט זיך אַראָפּ אויפן גראָז.

פון ציַיט צו ציַיט כאַפּט זיך ווער פון די יונגע צו צו די טישן און ברענגט עפּעס, וואָס העניע האָט ניט באַמערקט.

— פאַרזוכט. דאָס איז זייער געשמאַק.

פון דעם דערבייַיקן געזעמל האָט זיך אָפּגערוקט אַ קינד. שטייט מיט אַ גרויסן עפּל אין האַנט און קוקט ווי אַ צוגעשפּיצט העזל. דער עפּל פאַלט אים אַרויס פון האַנט. דאָס קינד לייגט ניט אויף דעם קיין אַכט, לאָזט זיך מיט וואַקלדיקע טריטעלעך פאַרויס.

— קום, שלומית! קום, מותק, צו דער אמה!

די קליינע דרייט זיך אום. קוקט אָן דער מאַמען און אַ צופרידענע פון קענען גיין אַליין, טוט זי דאָס איריקע, גייט ווײַטער.

— קוקט! — רופט אויס העניע מיט התפעלות — שלומית גייט שוין אַליין. ווי שיין זי איז, די קליינע.

— שוין אַ פּאָר וואָכן ווי זי גייט.

— אַ וווּנדער? איר מאַמע איז זייער שיין — זאָגט דינה פאַרקוקט אין דער גרופּע דערבײַ — אויך דער טאַטע איז שיין.

— דער יונגער־מאַן, וואָס זיצט דאָרטן מיט זיי, איז ניט דער טאַטע. ער איז דעם טאַטנס ברודער. געקומען אויף יום־טוב.

— און דער טאַטע?

טרויעריק קוקט העניע אָן דינהן. זי לאָזט אַראָפּ די האַנט מיטן ברויט, וואָס זי האַלט אין אײַנבײַסן. בלײַבט זיצן מיט אַן אַראָפּגעבויגענעם קאָפּ און מורמלט גאָר שטיל, ווי צו זיך אַליין:

— ניטאָ.

שלומית איז שוין גאָר נאָענט. זי בײַט די פיסלעך אַזוי גיך, אַז אָט, אָט טוט זי זיך אַ קײַקל אין גראָז. די מאַמע יאָגט נאָך איר און כאַפּט זי אויף די הענט.

— חג־שמח! — באַגריסט זי זיך.

— חג־שמח! חג־שמח!

הדסה רובין

שפּינוועבס

שפּינוועבס
וועבט מיך איַין
אַלץ ענגער און געדיכט.
באַלד וועט איר נעץ דערגיין
ביז צו דעם שוואַרצאַפּל
און שיטן אין די אויגן זאַמדיק ליכט —
אַדורכגעזיפּטע שיַין
דורך שפּינוועב־זיפּן.

איך בין געניט אין דעם.
דאָס זיַידענע געוועב,
די פּעדעמלעך, אומשולדיק דינע,
אָט וועלן זיי זיך איַינשניַידן אין ליַיב
און אויסמעקן מיַין קול
מיט פרומער שינאה.

1980

פרימאַרגן

פאַרט געזונט, זאָג איך
צו דעם שנירל וואַגאָנען,
וואָס שנײַדט אַדורך דעם פרימאַרגן —
ראָזעווען טונעל.
פאַרט געזונט, זאָג איך,
און איך וויל זיך נישט דערמאָנען,
ווי האָב איך געזען אַזאַ פרימאַרגן
און ווען.

זײַ געזונט, זאָג איך
צו דער סטעזשקע ווײַס־שמאָלער,
וואָס לויפט אַראָפּ פון העט־ווײַט,
און פאַרקערעוועט אויף רעכטס.
זײַ געזונט, זאָג איך,
און גיב אַכטונג אויף די טאָלן —
זאָל גאָט אײַך אָפּהיטן פון שלעכטס.

פלי געזונט, זאָג איך
צו דעם זינגענדיקן פליער.
פלי געזונט,
און זע צו האַסטיק נישט לאַנדן אין געצווײַג.
די ביימער שטייען אין סאַמע מיט פון בליען,
זאָל צוויט נישט פאַלן פאַר דער צײַט...

זײַ געזונט, מײַן פרימאַרגן,
איין־און־איינציקער, איינער.
פרימאַרגן פון באַפרײַטן געשריי.

איך בין צעבענקט
מיט אַ בענקען אַ גוטן ביז וויינען,
אַ בענקען, וואָס טוט נישט וויי.

קליינגליק

אַזאַ נס,
ברויט און זאַלץ אויפן טיש,
אַ ווינקל, באַוואָרנט פון קעלט און פון רעגן,
לופט פאַר די לונגען וויפל דו ווילסט,
און דער נס פון אַ ציכטיק געלעגער.

און דער נס פון אַ בריוו,
וואָס דערגייט צו מײַן טיר
דורך בריקן פאַרוואָרפענע איבער תּהומען,
און דער נס פון אַ שכנה, וואָס ווינט איבער מיר
און רופט מיך אויף ייִדיש בײַם נאָמען.

זאָל נאָר מיר נישט ווערן, חלילה, פאַרשטערט
מײַן שטילער,
בײַשוועליקער יום־טוב.
פאַר עמעצן קליינגליק,
פאַר מיר — גאָרע וועלט,
אויסגעחלומטע, אויסגעטרוימטע.

יעקב־צבי שאַרגעל



ביסט אַלט, מײַן בוים

פון „ביימער אין מײַן הויף"

בײַם בוים מיט מאַראַנצן

איך שטיי בײַ מײַן בוים פול מאַראַנצן,
דאָס שאַרפע ליכט מאַכט שווערער מיר ס׳הײַען.
זײַנע בלעטער פון אַט דער שײַן אַרויס גלאַנצן
און פון זיי — אַ ווײַט פאַרגאַנגען שרײַען.

דער גאָרטן שווײַגט. מײַן בוים איך דערקלער איצט ליבע: —
זע, איך באַוואַסער דיך און באַמיסטיק דיך באַהבה,
נאָר דײַן פרוכט דערמאָנט מיך אין אַ זומער אַזאַ טריבן
און אין אַ ווייןענדיקער אויסגעהאַפטענער פּאַווע.

אַ פרי געברענגט דעם טאַטן כ׳האָב — אַ פּאַמעראַנץ,
ווען ר׳איז געלעגן דעמאָלט מיט גן־עדן־טרוים אין בעט.
מיט לעצטער ברכה זײַן האַרץ האָט זיך צעטאַנצט,
און זײַן בלייבע האַנט האָט זי בענטשנדיק געגלעט.

האָט פון „מיזרח" די פּאַווע געטאָן אַזאַ מין שוועב —
גלײַך צום קראַנקנבעט פון טאַטנס לעצטער וויי;

געטאָן אַ ווייע מיט איר אויסטערלישן וועב
און געלאָזט זיך גיין אין קאַנוועדיקן גיי.

האָט מײַן שוועסטער פון פחד זיך צעזונגען: —
„מיידל, מיידל, וואָס גיסטו אײַן? —
איך גיב אײַן מײַן צאָפּ!"...
פון טאַטנס האַנט איז די פּרי אַרויסגעשפּרונגען
און געפאַלן אַבלדיק בעט־אַראָפּ.

איז די נאַכט אונדז אויסגעגאַנגען נאָך פאַר חצות
און אויף וויסטן גורל מיר האָבן געביטערט —
אַ מאַראַנץ זאָל ווערן אַ צייכן און אַן אות?..
אַ שטוב אַ שלוהקע געוואָרן איז צעציטערט.

הײַנט, אַז דו וואַקסט אין מײַן הויף אַזוי זוניק, אַזוי פריידיק,
צאָלסטו מיר אָפּ מיט זאַפטן פאַר מײַן מי.
דײַן מינדסטער רויש איז פּותר, איז באַשיידיק
מײַנע אַלע שאלות פון אונטן ביז פרי.

„ווי מירטן גרינען"

דער סוכּותדיקער דופט פון מײַן יונגן מירטנביימל
האָט מיך אויפגעוועקט אין פאַר באַגין.
דער חלום איז נאָך געהאַנגען דין, דין,
אין בלויען ליכט פון דער שויב
און די לויב פון די אויפגעוואַכטע פייגל
איז אַרײַנגעדרונגען דורך די שטאָרן.

דער גרין־בלויער פיקער — פּיקנדיק אַן אַרבעסל פון בלי
האָט געזונגען אַ לויבעניש צו דער פרי,
צום טאָג, וואָס האָט ווײַט אין די בערג שוין געטאָגט,
צום ליכט, וואָס אין ווײַסן האָריזאָנט שוין געליכטיקט.
און ווי אין מעשׂהלע אויפגעוועקט דעם פאַסטער מיטן האָרן.

האָט דאָס געפלויש פון דער מירט מיך באַשווירן,
צו זיך מיך גערופן און רייצנדיק געסודעט:
געדענקסט דאָס ליד וואָס זינגען פלעגסט זינגען

אין דײַן אָרעמער היים מיט געבעט —
„נישט זוך מיך דאָרט, וווּ מירטן גרינען"...
אַט האָסטו מיך מיט דײַנע אייגענע הענט פאַרפלאַנצט
און קאָנסט מיך יעדער רגע דאָ געפינען.

בין איך געגאַנגען דעם ביימל אַנטקעגן
מיט פיס, ווי צו תּפילות אײַנגעבויגענע,
מיט הענט — אָנגעגאָסענע מיט מי
און מיט אויגן צוגעמאַכטע — בדחילו ורחימו,
און ס'האָט מיך אויפגענומען אין גאַנג אַן אויפגעשטאַנען בלימל.

צום מילגרוימבוים

אַ גוט־יאָר דיר, מײַן מילגרוימבוים,
בוים פון לעצטער שורה.
פון אַלע פּירות זאַפטיקע
טראָגסט דו די פּרוכט פון בשׂורה.
פאַר וואָר צו הייכן שטײַגסטו נישט,
פאַרנעמסט נאָר ברייט דעם שטח,
צו דײַן רײַנקייט איך קוק זיך צו
און מיט טריט פון שטוינונג טרעט איך.

אַ גוט־יאָר דיר, מײַן מילגרוימבוים,
מיט דײַנע צווײַגן צאַרטע, שמאָלע.
איך זאַפּ דעם סאָק, די תּוכן דײַנע,
און לאָז דיר איבער די שאָלן.
אין אַלטע ספרים שטייט געשריבן
אַזוי זאָל מען זיך פירן.
איז דאָס אין האָרץ בײַ מיר פאַרבליבן
מיט דיר איך זאָל זיך צירן.

אָ, ווי קלוג דו ביסט, מילגרוים מײַן,
ווי ווײַן ביסט זיס אַזוי און ביטער.
תּרי"ג טיילן טראָגסט אין זיך
צו זײַן פאַר זיי אַ היטער.
נאָר איך — אַ לאָם אין פלאָנטערנעץ
אַרײַנגעדרייט די הערנער,

בין מיד צו זוכן חכמה מער —
ציילנדיק די קערנער.

אַ גוט־יאָר דיר, מײַן מילגרוימבוים,
אָ, שוין אויסגעציילט דאָס יאָר.
אַלע טרוימען שוין געווען דאָ,
געבליבן בלויז די וואָר.
נאָר דו, אין רויטקייט אויסגעשטאַנען,
קילסט מײַן הייס געמיט;
דײַן יעדער בלעטל וואָס וועט פאַרוויאַנען,
אַרײַן וועט אין מײַן ליד.

אַסקעדיניע

דײַן לויטער געזאַנג פון געבלי
וואָס ריזלט אַרײַן אין מײַן פענצטער,
הייבט אויף מײַן געמיט ווי צום פלי —
בוים מײַן שענסטער.

דײַן ליכטיק געצווײַג פאַרבענקט איז
צו יענער זײַט לאַנד.
אויך איך, וואָס אין חלום איך גלײַך זיך צו דיר,
אויך איך בין געקומען אַ פאַרבענקטער
פון יענער זײַט לאַנד.
עפן איך אַצינד פענצטער און טיר
פאַר דײַן דופט, פאַר דײַן צוויט
און זע —
אויך איך בין צעבליט.

בין צעבליט —
אין מידבר אַ קאַנדלשטעקן
וואָס ווערט פון בלענדליכט באַטויִקט און באַרעגנט,
בין דערפרייט
וואָס פוןביידע וועלטס עקן
מיר האָבן דאָ זיך באַגעגנט.

פרילינגט דער האַרבסט אין דײַן גרינשאַפט,
גרוסן ער ברענגט דיר פון אַ היים;
פרילינגט דײַן האַרבסט
און עפנט מײַן האַרץ פאַר דײַן בלישאַפט —
די ווײַסע קרינאַלינע,
און בינען גאָלדענע קושן פאַרליבטע דײַן חן —
ווײַטלאַנדיקע אַסקעדיניע.

קאַליסטעמאַן, מײַן שכן

דאָס יונגע רייצנדיקע קאַליסטעמאַן־ביימל
וואָס וואַקסט אַרײַן אין מײַן הויף
מיט זײַנע ווײַנרויטע בלימלער־בלי
און זאָגט מיר צו קומענדיקן שאָטן,
האָט דעם פרילינג מיר געברענגט פאַר דער צײַט
און מיט ליכטשטרײַפּן זוניקע זיך צעשמייכלט.
ער האָט אַ בליק געטאָן שטיפעריש אַרום,
אַ וואָרף געטאָן דעם שפּיצבוים זײַנעם, די טשופרינע,
עלעהיי אַ יונגלינג וואָס שטייט פאַרן שפּיגל,
זײַנע איידלצווײַגן — קלאַווישן אין אַ פּיאַנע —
האָבן פאַרשײַטע זיך געשטרעקט צו מײַן צײַטיקער אַסקעדיניע
און מיך מיטגעריסן מיט זייער טאַנץ־קאַראַהאָד.

האָט פּלוצעם אין מיר אַ קול זיך צעשריגן: —
ווי קאָנסטו פרייען זיך און טאַנצן הײַנט מיט ביימער?
זע, ווי בלייך עס איז דער הימל פון רויכעס און פון שחיטות,
זע, ווי נידעריק דערשלאָגן ס'זענען אָבלדיקע שטיבער.
ווי קאָנסטו איצטער זינגען גאָר לידער?
ווי מעגסטו זאָגן שירה ווען דער רעגן־בויגן ציטערט
און וואַרפט אויף אַלעמען אָן אַן אימה,
ווי קאָנסטו פרייען זיך און טאַנצן איצט מיט ביימער?

און ווי דאָס ביימל וואָלט דערהערט מײַן דערמאָן,
איז געבליבן שטיל און פאַרשטײַפט דער קאַליסטעמאַן.

יעקב־צבי שאַרגעל

ווען נישט דער בוים

אריה שמרין לזכר

א

ווען נישט דער בוים —
דער אַפּגעריסן־אָפּגעשליסענער,
וואָס האָט דעם הויף אונדז דאָרט געהיט
און אין עלנטע שבתים זמירות מיטגעזונגען —
ווער ווייסט צי דער פראָסט אויף די שויבן
וואָלט ווינטער אונדז געצייכנט
בלעטער און צווײַגן.

ווען נישט דער בוים,
וואָס די ייִנגלעך האָבן באַפּײַכט מיט זייערע „בויגנס״
און די מאַמעס — מיט וואַסערן קויטיקע,
ווער ווייסט צי מיר וואָלטן ווען געוווּסט
פון פייגל־געזאַנגען און פון נעסטן.

און אַז דער אויסגעשטרעקטער אָרעם פון באַשעפער
האָט געטריבן און געיאָגט איבער וועגן
און ווער אין האַרצן געהאָט האָט אַ גאָט
איז אין וועלדער געלאָפן, צו ביימער
דעם גזר אָפּצוּוואַרטן,
דעם שטורעם,
דאָס געוויטער,
דעם גרים און דעם צאָרן —
איז דער בוים געווען אַ באַשיצער,
אַ היטער געוואָרן.

אוי, ווען נישט דער בוים.

ב

ווען נישט דער בוים,
ווען מען דו האָסט אויסגעהיילט מיט עצות
און געבענטשט מיט גרינעם מזל פון דײַן דאָרף,
ווער ווייסט צי געל־גאָלדיקע מאַנדערינקעס
וואָלטן הײַנט באַשײַנט
דעם האַרבסט אין מײַן הויף.

ווען נישט דער בוים,
וואָס האָט זומער גראָד שנייִק זיך צעבליט
און דו — מיט לעצט אין דײַן אָטעם —
האָסט מיך געלערנט
ווי צו פלעגן אים און היטן,
ווער ווייסט צי דער זאַפט פון זײַנע פּירות
וואָלט ווען ס'איז געזיסט
און געביטערט
מײַן גומען.

נאָר אַז דו ביסט נישטאָ מער
און נישטאָ שוין דײַן ראָט,
בלויז פאַרשריבן אויף אַ בלאַט איז דײַן וואָרט
און אויף פאַרמעטן גרינע,
צאַפּלט מײַן בוים פאַר זײַן בליצײַט
און עס שטאַרן זײַנע צווײַגן אין חמסינען —
מיר קאָנען ביידע קיין רו נישט געפינען.

ג
וואַלענסיאַ
הייסט דער מאַראַנצן־בוים
וואָס כ'האָב דאָ נישט לאַנג פאַרפלאַנצט.
נישט ווי חוני,
וואָס איז זיבעציק יאָר געשלאָפן
און דערוואַכט
ווען זײַנע אוראייניקלעך אַרום האָבן געטאַנצט.
מײַן בוים —
יונג אַזוי, און מיט בלעטער אַנגעקוואָלענע — ברוסטן,
זייגט אָן זײַנע קײַלעכדיקע עפּל
און רייטלט זייער פּנים מיט גינגאָלד —
און איך, און מײַנע קינדער,
רוען אין זײַן שאָטן.

זע, אָ זע,
ווי שיין אַזוי דער בוים איז,
ווי שיין עס זענען די מאַראַנצן זײַנע
ווען פייגל אין זײַנע צווײַגן קושן זיך און טוליען,
און איך —

פון זײַנע ריחות אַנגעטרונקען
זאָג „מה נאה" גאַפּנדיק, און שטוין
ווי דער האָניק־זייגער און האָניק־זייגערין
— קאַרליק־פייגעלער, זומערנאַכטיק בלויע —
ליבן זיך און פּאָרן זיך
אין זײַן קרוין.

אוי, ווען נישט דער בוים.

ביסט אַלט, מײַן בוים

ביסט אַלט, מײַן בוים, ביסט אַלט.
סע פּלאַצט דײַן קאָרע אין פּאַסן און אין שטיקער.
אין שווילן תּמוז פּיקט דער פּיקער פון דיר ס'חיות
און דו פיבערסט, ווי זײַן עס וואָלט דיר קאַלט;
דײַן קרוין צעפאַלט, נייגט אַראָפּ אַן אויסגעדרינטע,
און פון די אויגן כּביכולס טריפן אויף דיר טויען און
געוויינען.

דײַנע פאַלנדיקע בלעטער נישט אין זייער צײַט
לייענען
ווי פון אַן אָפן ספר
די לעצטע שטראַלן, די שקיעה־ליכטער.
ביסט איצט ניכטער אין דײַן ווײ,
ביסט שטאַלטיק אין דײַן פאַרגיי
און אַרום — צו יעדער בלום
קוקסט מיט דאָרשטיקע בליקן,
נאָר איך,
וואָס וויל מיט וואַסערן קוואַליקע דיך קוויקן,
ברעך די הענט אין באַדויער.

אַ שטיין, ווען וואָלט זען דאָס אַצינד,
וואָלט פון טרויער אָט דעם בוימישן אויך זיך געבראָכן —
הלמאי די בינען וואָס רויען אַרום דײַן וווּנדיק לײַב,
ווי אויסגעטראָגן זיי וואָלטן דאָ אַלע זייערע יאָכן,
טרינקען אויס דײַנע לעצטע סאָקן.
נאָר מײַנע אויגן וואָס קוקן דאָס צו
פאַרלירן אויף שטענדיק שוין די רו.

שלמה שווייצער

דב סדן —
געשטאַלט און אויפטו *

צו זײַן פינף און זיבעציקסטן געבוירן־טאָג

ווען דו שטייסט פאַר אַזאַ נאַטור־פענאָמען, ווי דב סדן, ווייסטו ניט פון וואָס מער אָדער פריִער זיך צו חידושן: פון זײַן אויסער־געוויינטלעכער אַרבעטקראַפט, זײַן וווּנדערלעכער אַרבעט־שיטה, די אומצייליקע תחומים פון זײַנע פאַראינטערעסירונגען, פון זײַן פענאָמענאַלן זכרון, זײַן גוואַלדי־קער ערודיציע, זײַן אַנאַליטישן כּוח, זײַן חריפות, זײַן אינטעלעקטועלן יושר, פון זײַן אידעיִשער אויסגעהאַלטנקייט און דבקות אינעם וועג וואָס ער האָט אויס־געקליבן.

אָט די אַלע אייגנשאַפטן פון דב סדן — און די רשימה איז דאָ ווײַט ניט אויסגעשעפּט — זענען אפשר דער שליסל צו קענען פאַרשטיין דעם נס פון זײַנע אויפטוען און דערגרייכונגען: קרוב זעקס צענדליק אָריגינעלע ביכער, טויזנטער אַרטיקלען, עסייען און רעפעראַטן, אַ שלל איבערזעצונגען פון פּאָעזיע און פּראָזע, פון עברית אויף ייִדיש און פון ייִדיש אויף עברית, און פון אַנדערע שפּראַכן אויף אונדזערע ביידע לשונות; און נאָך ביכער וואָס ליגן בײַ סדנען שוין אויסגעפּאַר־טיקטע, גרייט צום דרוק און וואַרטן אויף זייער פאַרלעגערישן תּיקון; אַנדערע ביכער האַלטן אין אויסגעפּאַרטיקט ווערן.

סדנס טעמאַטיק איז אַ ברייטע און פאַרשידנמיניקע: ליטעראַטור־געשיכטע, ליטעראַטור־קריטיק, ביאָגראַפיע, מעמואַריסטיק, ליגנוויסטיק, פאָלקלאָר, ווערטלעך, מינהגים, הומאָר, רעליגיע; און אומעטום איז ער אַ בן־בית, אַלץ איז אים אייגן, אויף אַלע שטחים, צו וועלכע ער רירט זיך צו, קומט ער מיט אַ טיפן אַנאַליז, מיט בליציקע אײַנפאַלן, מיט חידושים, אַנטפּלעקונגען, אויסגעפינסן. רעדט ער וועגן אַ ליטעראַרישן ווערק, דרינגט ער אַרײַן אין די טיפענישן פונעם מחבּרס

---

* „די גאָלדענע קייט", נומ' 92, 1977.

מהות, דערגרונטעוועט ער זיך צום מחברס שלשלת־היוחסין, פאַרשט ער אויס די השפּעות צו וועלכע ער איז בּיודעים אָדער בּלא יודעים, געווען אויסגעשטעלט, בּרענגט ער אַרויס פאַרגלײַכן און אַנאַלאָגיעס און דעקט אויף פאַרהוילענע מאָטיוון אַזוי ווייט, אַז ניט זעלטן קומט אויס, אַז סדן ווייס וועגן דעם מחבר מער ווי דער מחבר אַליין. דעם זעלבן מעטאָד פון פאַרגלײַכן און אַנאַלאָגיעס, פון דערגרונטעוועון דעם אָפּשטאַם באַניצט ער אויך בּנוגע ווערטלעך, וויצן און אַנעקדאָטן — אַ תּחום אויף וועלכן ער האָט קיין גלײַכן ניט און ווו ער האַלט אין איין צוטראָגן און מחדש זײַן.

אַ באַזונדער קאַפּיטל איז זײַן שפּראַך און זײַן סטיל, הן אין העבּרעיִש הן אין ייִדיש. געבּוג איבּערצולייענען אַ פּאָר שורות, וואָס זענען אַרויס פון אונטער זײַן געבּענטשטער פּען, מ׳זאָל תּיכּף דערקענען דעם מחבר. מע וואָלט געקענט זאָגן, אַז פּונקט ווי ס׳איז פאַראַן אַ תּנך־לשון און אַ גמרא־לשון, איז אויך פאַראַן אַ לשון־סדן, וואָס געהערט בּלויז אים, אַ לשון אין וועלכן ער הערט ניט אויף אַרײַנצוברענגען חידושים און חנדלעך — אין עבריתּ און אין ייִדיש. אין העבּרעיִש שעפּט ער פון די מקורות פון אַלע ליטעראַטורישע תּקופות, פון תּנך ביז הײַנט; אין ייִדיש זוכט ער אויס די פּערל פון די פאַרבּאָרגנסטע פאָלקס־אוצרות פון אַלע צײַטן און אַלע געגנטן. דער סטיל איז דורכויס און בּלויז זײַנער, שטאַרק אייגנדיק, אײַנגעטונקען אין חריפות, פאַרווירצט מיט וויצן, ווערטלעך, דערמאָנונגען און פאַרגלײַכן, און אַלץ אין אַ היימיש־פאָלקסטימלעכן, ממש שפּילעוודיקן טאָן, וואָס פאַרמינערט חס־ושלום ניט דעם ערנסט פון דעם געזאָגטן, און דערלאַנגט דעם לייענער דעם אמתן גײַסטיקן נחת און האַלט אים כּסדר אין שפּאַנונג. זײַן שפּראַך־ און סטיל־ווירטואָזקייט גייט בּײַ אים קיין מאָל ניט אויפן חשבּון פונעם אינהאַלט, וואָס איז תּמיד אַ טיף דורכגעטראַכטער און וואָגיקער.

סדנס פאַראינטערעסירונג איז, ווי געזאָגט, אַ פאַרשיידנמיניקע. זי ציט זיך איבּער דער גאַנצער ייִדישער גײַסטיקער אימפּעריע, איבּער אַלע ייִדישע קולטור־ספערעס, פון הײַנט און פון נעכטן, פּונקט ווי איבּער די אַלגעמיינע קולטור־ספערעס אין דער וועלט. סדן איז בּקי אין יעטווידער פון זיי, קען געגנוי אַלע זייערע פאַרבּאָרגענע ווינקעלעך, און פון דעם אַלעם וואָס ער האַלט כּסדר אין איין פאַרפולקומען און אײַנזאַפּן אין זיך, האָט ער זיך אויסגעבּויט אַן אייגענעם באַנעם פון אַ ייִדישער קולטורוועלט, וואָס נעמט אַרײַן די גאַנצע ייִדישע ליטעראַטור אויף די ייִדישע און ניט־ייִדישע שפּראַכן און אויך ייִדישן שטייגער, פאָלקלאָר, ווערטלעך — מיט איין וואָרט, אַלץ וואָס דאָס ייִדישע פאָלק האָט געשאַפן אין משך פון דורות. אַלץ איז אים אייגן און נאָענט, אַלץ האָט ער געגנוי אויסגעפאָרשט און וועגן אַלץ האָט ער צו זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס איז בּיז אים ניט געזאָגט געוואָרן.

שוין מיט דרײַסיק יאָר צוריק האָט ער אין זײַן ספר על ספרותנו — מסת מבוא (1947) געפאָדערט אַ גרונטיקע רעוויזיע אין באַנעם פון אונדזער ליטעראַטור און אירע גרענעצן אין די לעצטע דורות. אין סתירה צו די וועלכע האָבּן בּיז דעמאָלט

באגרענעצט די ליטעראטור אויף איין טייל פונעם פאלק אדער אויף איין שפראך, וואס שפיגלט ניט אפ די שאפונג פון גאנצן פאלק און זיינע ליטעראריש אויפטועו, האלט סדן אז די דאזיקע ליטעראטור איז, ווערליק אירע מקורות, א דריישפראכיקע, מחמת זי נעמט אריין אי דעם שטראם פון חסידות, אי דעם שטראם פון מתנגדות, אי דעם שטראם פון השכלה, „אזוי אז די ליטעראטור פון אלע דריי איז די כלל־ליטעראטור פונעם פאלק". דערצו קומט נאך צו די דריישפראכיקייט, ווי זי איז אנגעגאנגען אין דער דאזיקער תקופה — העברעיש, יידיש, לע"ז. געווען אזעלכע, וואס האבן געוואלט אין דער ליטעראטור צעררייסן דאס וואס איז אין לעבן פון פאלק ניט געווען צעריסן, כדי צו בארעכטיקן דעם שפעטערן ריס „לויט זייער אידעאלאגיע", אבער „אידעאלאגישער און בפרט אידעאלאגיש־פראגראמאטישער אמת". (פון זיין מאמר: „חובב יידיש, אוהב יידיש וכדומה").

סדן האלט, אז צווישן ביידע שפראכן, העברעיש און יידיש, איז פאראן א „פערסאנאלע אוניע", אזוי ווי זי האט עקסיסטירט ביי מענדעלען, פרצן, ביאליקן און פאקטיש געלעבט אין פאלק גופא אין משך פון א סך יארהונדערטער. דאס ווען אריבערשפרינגען אדער ארויסלאזן תקופות אין אונדזער געשיכטע איז א חטא קעגן זיך גופא. א פאלק טאר זיך ניט אליין ארעמער מאכן. קיין באקווע־מערע געשיכטע — האלט ער — קען מען זיך ניט איינארדענען. די געשיכטע פארבלייבט אזוי ווי זי איז. אין דעם פרט האבן געזינדיקט ניט נאר די וואס האבן געוואלט ארויסשטויסן פון אונדזער געשיכטע די גמרא אדער דאס חסידות, נייערט אויך די וואס האבן געוואלט ארויסרייסן פון איר דאס גלות־שטעטל מיט אלץ וואס איז אין דעם געשאפן געווארן, אריינגערעכנט, פארשטייט זיך, יידיש און די יצירות אין יידיש.

סדן, וואס איז שוין אין זיין יוגנט געווען א מיטגליד פון א ציוניסטישער ארגאניזאציע, איז ווי א חלוץ אוועק קיין ארץ־ישראל, מקיים־זיין די מיצווה פון „הגשמה עצמית"; ער האט אבער בשום־אופן ניט איבערגעריסן מיט דעם וואס איז אין גלות געשאפן געווארן. ער האט שוין, זעט אויס, בעת זיין עולה־זיין, דערפילט א נאסטאלגיש בענקעניש נאך זיין היים, נאך זיין שטאט, נאכן שטייגער וואס ער לאזט איבער באוווסטזיניק און ער האט אויף דער געזעגענונג־מסיבה לכבוד אים געהאלטן פאר זיינע חברים חלוצים א רעפעראט וועגן יידישן פאלק־לאר, דערמוטיקנדיק זיי, זיי זאלן אט דעם פאלקלאר אליין כאווען. דערמיט איז ער געשטאנען אין סתירה צו א סך ציוניסטן, וואס האבן געפרידיקט אפצוהאקן און צעשטערן אלע בריקן מיט גלות־שטייגער און מיט דער יצירה וואס איז אין גלות אויפגעקומען. דער יונגער בערל שטאק האט געפרידיקט ליבשאפט צו דער גלות־יצירה, די פאלקס־אוצרות וואס זענען געשאפן געווארן, כאטש ער האט געשטרעבט ארויסצונעמען פון שטעטל וואס מער יידן און אריבערפירן זיי קיין ארץ־ישראל.

מיר שטעלן זיך פאר ווי אזוי ס'האט אים געמוזט קלעמען דאס הארץ, ווען ער האט אין די יארן נאך זיין עליה (סוף 1925), אין די צוואנציקער און דרייסיקער יארן, זיך אנגעשטויסן דא אין לאנד, אפילו און דווקא אין די קרייזן צו וועלכע

ער איז געווען נאָענט, אין אַ ווילדער קעגנערשאַפֿט צו ייִדיש־לשון און צו ייִדישער ליטעראַטור, אין אַ זילזול־ און ביטול־באַציִונג צום ייִדישן שטעטל אין גלות און צו דער גײַסטיקער יצירה וואָס איז דאָרט אָנגעגאַנגען (וואָס האָט, אגב, ניט ווייניק געהאָלפֿן צום אויפֿקום פֿונעם כּנעניזם), אַ באַציִונג אויף וועלכער אַ סך פֿון די דעמאָלטיקע טאַנגעבערס האָבן זיך שוין, אין משך פֿון דער צײַט, באַוויזן צו קלאַפּן על־חטא. סדן, ווי דער רעדאַקטאָר פֿון דער ליטעראַרישער בײַלאַגע פֿון דבר, האָט אָנגעהאַלטן אַ לעבעדיקן קאָנטאַקט מיט אַ סך ייִדישע שרײַבערס אין דער וועלט און האָט ערלעך אינפֿאָרמירט די לייענערס זײַנע וועגן אַלע נײַע ייִדישע ביכער, און אַפֿילו געדרוקט אין דבר זײַנע העברעיִשע איבער־זעצונגען פֿון ייִדישע לידער. פֿון דעם וואָס מיר האָבן אין די שפּעטערדיקע יאָרן געהערט פֿון אים בעל־פּה און אויך געלייענט בכתב („וועגן צווייִשפּראַכיקייט", היימישע כּתבים 2, ז' 425) איז צו דריגגען, אַז ער האָט אין יענער צײַט זיך באַצויגן מיט סימפּאַטיע צו דער קליינער גרופּע ייִדיש־שרײַבערס און צו דער קליינער גרופּע לינקע פּועלי־ציון אין ארץ־ישׂראל, צו וועלכער די ייִדיש־שרײַבערס זענען געווען גאָר נאָענט און וואָס ביידע האָבן זיי געקעמפֿט פֿאַר די רעכט פֿון ייִדיש אין לאַנד און וואָס זייער אָנפֿירער, „זייער געטרײַער שטיצער און ראַט־געבער", איז געווען דניאל לייבל.

ס'איז קיין וווּנדער ניט, וואָס דאָס ערשטע בוך וואָס דב סדן האָט אַרויס־געגעבן אין ארץ־ישׂראל (אין יאָר תּצ"ח) איז געווען דאָס בוך וועגן זײַן געבוירן־שטאָט בראָד מִמחוֹז הילדוּת (פֿונעם קרײַז פֿון דער קינדהייט).

אַפֿילו אויב דב סדן האָט זיך ניט פֿאַרגעשטעלט וואָסער גורל ס'דערוואַרט זײַן היימשטאָט מיט אירע ייִדן פֿון גאַנץ אייראָפּע, האָט ער זיכער געוואָלט, אַז די דאָזיקע שטאָט מיט איר שטייגער, פּונקט ווי אַנדערע ייִדישע שטעט און שטעטלעך אין פּוילן מיט זייער שטייגער, זאָלן באַקאַנט ווערן דעם יונגן ארץ־ישׂראלדיקן לייענער, ווען מ'האָט דעמאָלט געהאַלטן די דאָזיקע שטעט און שטעטלעך אין איין פֿאַרמיאוסן. און ווען ער האָט, מיט עטלעכע יאָר שפּעטער (אין תּש"ו), אַרויסגעגעבן זײַן צווייט בוך זכרונות מִמעגל הנעורים (פֿון קרײַז פֿון דער יוגנט), האָט ער עס געהייליקט צוויי געפֿאַלענע יונגע מענטשן, אוּכּמה און אוּרי. ביידע „קינדער פֿונעם יונגן דור, וואָס איז געבוירן און אויפֿגעוואַקסן אין אונדזער לאַנד און וואָס אים, דעם דאָזיקן דור, איז דאָס בוך געהייליקט, כּדי ער זאָל פֿאַרשטיין דעם דור פֿון זײַנע עלטערן". דעמאָלט האָט שוין סדן געוווּסט וואָס ס'איז געשען מיטן דור פֿון די עלטערן, מיט זײַנע ברידער און שוועסטער, וואָס ער האָט זיך תּמיד געפֿילט ווי אַן אינטעגראַלער טייל פֿון אים.

די געקייטלטקייט, די נאָכאַנאַנדיקייט פֿון די דורות איז פֿאַר סדנען אַ כּלל־גדול — געקייטלטקייט פֿון לעבן, געקייטלטקייט פֿון שאַפֿן.

אינעם אַרײַנפֿיר־וואָרט צום זשורנאַל פּויליש ייִדנטום שרײַבט ער (היימישע כּתבים, ז' 353): „פֿאַרגעסן מיר דעם נעכטן, אָנגעהויבן פֿון דעם גאָר ווײַטן

און פאַרענדיקט מיט דעם נאָענטן, שטייט דער הײַנט, און ממילא דער מאָרגן, אויף היגערשע פּיסלעך. שוין דאָס אַליין באַשטימט, אַז דאָס לעבעדיקע געדעכעניש פון אַלע ייִדישע נעכטנס, אין אַלע ערטער און אין אַלע צײַטן, איז אַ וויטאַלער עלעמענט פון אונדזער לעבן".

דעם דאָזיקן געבאָט איז דב סדן מקיים זײַן גאַנץ לעבן. ער האָט עס געטאָן נאָך פאַר דער מלחמה, פאַר דעם חורבן, בעת דאָס מיזרח־איראָפּעיִשע ייִדנטום האָט נאָך געלעבט און געשאַפן גײַסטיקע אוצרות. זײַן גאַנצע פאָרשערישע און ליטעראַרישע אַרבעט האָט פאַר אַ ציל צו העלפן אויפבויען דעם גרויסן בנין, וואָס זאָל אַרומנעמען און אויפהיטן פאַר די ווײַטערדיקע דורות אַלע קולטור־אוצרות פונעם פאָלק, ווען און דורך וועמען זיי זאָלן ניט זײַן געשאַפן, און צו וועלכע דער שבט אשכנז האָט אַזוי פיל צושטײַער געגעבן. ער, סדן, טראָגט צו מיט זײַנע שאַפּונגען זײַן חלק, זײַנע שטיינער צו דעם אַ בנין. און ניט בחינם האָט ער אַ ריי ביכער זײַנע אַ נאָמען געגעבן „שטיינער", ווי למשל: **אבן בוחן, אבני גדר, אבני זכרון, אבני שפה, אבני גבול, אבני ברק, אבני מפתן**.*

מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק איז סדנען אָנפאַרטרויט געוואָרן די קאַטעדרע פאַר ייִדיש אין העברעיִשן אוניווערסיטעט אין ירושלים. קיין בעסערער אויסקלײַב פאַר אָט דעם פּאָסטן האָט ניט געקענט זײַן. ער האָט פאַרמאָגט אַלע בייטיקע קוואַליפיקאַציעס: וויסן, באַהאַוונטקייט, פּעדאַגאָגישע פעיִקייט און דער־פאַרונג. איינס האָט אים יאָ געפעלט: דער אַקאַדעמישער טיטל. און ניט נאָר דער אַקאַדעמישער: ער האָט אַפילו קיין פּשוטע מאַטורע ניט געהאַט, מחמת ער איז אַ יאָר פאַרן אַרויסלאָז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער פּוילישער גימנאַזיע אין לעמבערג, פאַרן חטא וואָס ער האָט אָנגעגעבן העברעיִש ווי זײַן מוטערשפּראַך. אָבער דער אוניווערסיטעט־סענאַט האָט זיך געפירט לפנים משורת הדין און האָט אים די קאַטעדרע אָנפאַרטרויט. אַרויסגעוויזן האָט זיך גאָר גיך, אַז מען האָט קיין טעות ניט געמאַכט.

סדנס פּערזענלעכקייט האָט צוגעצויגן תלמידים און ער האָט באַוויזן אויפ־צושטעלן יונגע געלערנטע, פאָרשערס, וואָס זענען אַליין געוואָרן פּראָפעסאָרן פון ייִדיש און ייִדישער ליטעראַטור. און די עצם קאַטעדרע, ממש אַ רעוואָלוציע אין דער היגער אוניווערסיטעט־וועלט, האָט ניט ווייניק צוגעטראָגן צום הייבן דאָס חשיבות פון ייִדיש אין דער ייִדישער מדינה.

מ'קען זאָגן, אַז אין דעם אַ סך בעסערן מצב פון ייִדיש אין ישׂראל, אין פאַר־

* דאָס לעצטע ווערק אין דרײַ בענד, **שוועלשטיינער**, איז כּולל 112 עסייען וועגן 70 ייִדישע שרײַבערס און וועגן פּראָבלעמען פון דער ייִדישער ליטעראַטור. ענלעכע טעמעס באַהאַנדלט ער אין זײַנע אַנדערע ביכער אויף ייִדיש היימישע כּתבים. און זאָלן דאָ נאָך דער־מאָנט ווערן זײַנע אַנדערע ביכער אויף ייִדיש: **די חכמה פון חכמות**, 2 בענד; **חן־גריבלעך** (אַלע דרײַ: צו דער ביאָגראַפיע פון וואָרט און ווערטל) און דער ערשטער באַנד פון **אַ וואָרט באַשטייט** (שפּאַצירן צווישן שפּראַך און ליטעראַטור), נאָך וועלכן ס'דאַרפן בקרוב אַרויס אַנדערע צוויי בענד.

גלייך מיטן מצב פון ייִדיש דאָ אין לאַנד מיט יאָרן צוריק, האָט דב סדן אַ גרויסן חלק. קיין „ייִדישיסט" אין אַנגענומענעם זינען פון וואָרט איז ער קיין מאָל ניט געווען. בײַם ייִדיש־סימפּאָזיום אין תּל־אָביב, אין 1953, האָט ער צווישן אַנדערן געזאָגט: „אַלע אַנטיילנעמערס האָבן אין זייער ביאָגראַפיע אַ היפּש ייִדישיסטיש קאַפּיטל, ווער אַ פלאַמענדיקס און ווער אַ פלימערדיקס, אָבער אין מײַן ביאָגראַפיע פעלט דאָס לחלוטין, און מסתּמא האָט מורי וידידי ר' דניאל לייבל געטראָפן אין פּינטל, ווען ער האָט איבער מיר מרמז געווען, אַז העברעיִש איז פאַר מיר אַזאַ זיכערער אָרגאַניש־היסטאָרישער און וויטאַל־אַקטועלער עלעמענט אין אויפלעב פון אונדזער פאָלק אין זײַן היימלאַנד, אַז איך האָב אַפילו פאַרשפּאָרט צו זײַן אַ העברעיִסט".

ניט קיין ייִדישיסט און ניט קיין העברעיִסט — אויף אַזוי פיל אויף וויפל איינער שטעלט זיך קעגן דעם אַנדערן. סדן טראָגט זיך נאָך הײַנט אַרום מיט זײַנע באַוואָרעניש בנוגע דער טשערנאָוויצער שפּראַך־קאָנפערענץ פון מיט זיבעציק יאָר צוריק און דירקט זיי אויך אויס ווען ס'מאַכט זיך אַ געלעגנהייט. דאָס אַלץ האָט אים אָבער ניט געשטערט אויפצוטאָן פאַר ייִדיש — ניט נאָר אין ישׂראל, נאָר פאַר ייִדיש בכלל — אַן אַ שיעור מער ווי אַ סך געשווירענע ייִדישיסטן איבער דער גאָרער וועלט.

זיכער איז עס אים אָנגעקומען ניט גרינג. ער האָט געמוזט אָפט שטיין אויף צוויי פראָנטן, בעסער געזאָגט: קעגן צוויי פראָנטן. קעגן ביידע איז ער געשטאַנען, און שטייט נאָך אין אַ באַשטימטער מאָס הײַנט, ווי אַ נאָנקאָנפאָרמיסט, ווי אַ מענטש מיט אייגענע, ניט תּמיד פּאָפּולערע מיינונגען. און דאָ האָט אים אַרויס־געהאָלפן זײַן אויסגעהאַלטנקייט, זײַן גראַדליניקייט, זײַן דבקות אינעם וועג, וועלכן ער האָט אויסגעקליבן — אָט די מעלות זײַנע, וואָס מיר האָבן דערמאָנט באַלד אין אָנהייב, און לאָמיר דאָ צוגעבן — אויך זײַן טיפער גלויבן אין דער ריכטיקייט פון זײַן וועג.

דב סדנס ליטעראַרישע אָדער לינגוויסטישע קאָנצעפּציעס זענען ניט סתּם מיינונג־אויסדרוקן פון אַ ליטעראַטור־היסטאָריקער, פון אַ ליטעראַטור־קריטיקער, אָדער אַ שפּראַכפאָרשער. זיי זענען אַ טייל פון זײַן גאַנצן וועלטבאַנעם, פון זײַן היסטאָריאָסאָפישער אָריענטאַציע, ווי אַ ייִד און ווי אַ מענטש, פון זײַן אמונה און זײַן לעבנסוועג, וועלכן ער האָט אויסגעקליבן ווי אַ יונג בחורל מיט מער ווי זעכציק יאָר צוריק און וועמען ער איז געבליבן געטרײַ ביזן הײַנטיקן טאָג. דער וועג איז אים ניט געווען קיין לײַכטער, פאַרקערט, ער האָט געשפּאַנט אויף אים אַן אָנגעלאָדענער מיט אַ שווערן עול.

און ווי האָט דער בעל־יובל געזאָגט בײַם סוף פון זײַן וואָרט אויפן ייִדיש־צוזאַמענטרעף, דעם לעצטן אויגוסט אין ירושלים: „וואָס שייך ווײַטער ענין כּבוד, צעפּאַלט זיך כּידוע זײַן שורש אין צוויי באַטײַטן — ניט בלויז ער איז האָנאָר, נאָר אויך שווער אין עול". דעם שווערן עול האָט ער זיך אַליין גענומען. לאָמיר אים צו זײַנע פינף און זיבעציק יאָר צוטיילן דעם כּשר־פאַרדינטן כּבוד.

מאַשע שטוקער־פּאַיוק

אַ שבת אין ישׂראל

גלאַטיק־גרין אַ פרישער טעפּער
אויף די הויפן אויסגעשפּרייט.
און בציבור בלוען בלומען
מיט אַ פאַרביקפּולער פרייד.

לכּבוד שבת האָט דער הימל
זיך צעהעלט מיט הייליק בלוי,
און די לופט איז לויטער ליבשאַפט,
יעדן גליד עס גלעט אַזוי.

נאָר דער שונא פון ישׂראל
האָט דעם שירה־טאָג פאַרשטערט:
אַלע זין און מענער זענען
אויפן פראָנט מיטן געווער...

קוקן ווייַבעלעך און מאַמעס
מיט אַ בליק — וואָס אַלץ דערזאָגט —
צו דער רויטער זון אין מערב
אויפן ראַנד פון בענקשאַפט־טאָג...

פליגערויש פון קריגאוויאנען
רייסן אויף אין הארץ א שראם;
פליען נאך זיי אלע תפילות:
— קום גאנץ אהיים! מיין זון! מיין מאן!

אשקלון, אקטאבער 1973

ישראל מיין היים

כ׳וועל צופאלן צו דיר
און אויסקושן איעדן שפאן ערד
וואס מיר איז באטרעטן באשערט.

איך קער זיך אום צו דיר אצינד,
א היימדארשטיק קינד,
פון א חוץ־לארץ־וועלטשפאציר,
וואס פינקלט מיט פארפירערישן בלענד;
און ביים ערשטן באריר —
גיסט אפ מיט א שעפל קאלט־פרעמד...
ניין! איך פלאנץ זיך נישט אריין
אין דער שענסטער לענדעריי
אין קיין איינער!
איך בייט נישט איבער יענע גרינסטע בערג
אויף דיינע בערג מיט זאמד און שטיינער.

דיין זאמד ווערט ווידער באפרוכפערט,
דיינע שטיינער באוואלדיקט
און אויף וואסער וועג איך פאר פארביי
דערשפיר איך, ווי יעדער שפראץ איז מיינס,
יעדער צווייגל פאכעט צו מיר: כ׳בין דיינס! דיינס!...
עס בליט צו מיר דיין יעטווידער גארטן.

ווי פארמידברט איך פיל זיך אין אלע דארטנס;
צווישן מענטשן מיליאנען
וואס ווירבלען און שטראמען
פיל איך זיך עלנט, איינזאם — אליין:
ישראל — מיין היים!

ירושלים

„של נעליך״! שטויב־לבושים!
שאַל און פּראַל אויף אַלע חושים:
ייִדיש פאָלק אין פלאַם פון דאָרן,
זע — ס'איז אויסגעלייזט געוואָרן
ירושלים.
הללויה, הללויה.

בערג און טאָלן, האַרץ פון ציון,
אַלע תּפילות צו דיר גליִען;
— „אם אשכחך״... קדושה־ליפּן
זיבן זונען־אותיות זיפּן:
ירושלים.
הללויה, הללויה.

גאָט, פאַרגין אונדז דעם נצחון;
וויפל פעלדזן אָפּגעבראָכן,
העלדנזין פון הר־החיים
אינעם פלאַקער פון באַפרייַען
ירושלים.
הללויה, הללויה.

לויבט אויף אייביק יעדנס נאָמען;
פונעם פּיַערזיַיל זיי מאָנען:
יעדער ייִד זאָל זיַין אַ פּאַנצער
פאַר דער קרוין אונדזער דער גאַנצער —
ירושלים.
הללויה, הללויה.

מרדכי שטיינבערג



בדמייך חיי

(דערציילונג)

יונה בערליץ שטייט בײַם פענצטער און זײַן בליק גלאָצט אַרויס אויף דער גאַס. שוין העכער אַ צענדליק יאָרן אַז ער וווינט דאָ אין שיכון וואָס ער אַליין האָט געהאָלפן בויען, און בעת ער האָט זיך פאַרקליבן אַהער זענען די הײַזער געווען אין גאַנצן שיטער און שטאַרקע ווינטן האָבן דורכגעבלאָזן צווישן די בנינים מיט שאַרפן געוווי. פאַר דער צײַט זענען ווי שוואָמען אויסגעוואַקסן פרישע הײַזער און אין די שמאָלע אויסגעאַספאַלטירטע גאַסן האָבן זיך באַוויזן בלוי־געפאַרבטע אויטאָבוסן פון „אגד".

שטייט ער איצטער יונה בערליץ און זוכט מיט די אויגן דעם אויטאָבוס וואָס שטעלט זיך דאָ אָפּ פאַר די פענצטער. שפרה, זײַן ווײַב, פּאָרעט זיך אין קיך און גרייט צו אָוונטברויט. זיי וואַרטן איצטער אָפּ מיט אומגעדולד דעם בן־יחיד זייערן יאַנקעלע, וואָס דאַרף אַ ליאַדע מינוט זיך אומקערן פון דעם מאָביליזאַציע־ביוראָ. און אַז די טיר האָט זיך צעפּראַלט מיט גערויש און יאַנקעלע, אַ פריילעכער, מיט די הענט פאַרשטעקט אין די הויזנטאַשן האָט אַרײַנגעטאַנצט אין שטוב, האָבן טאַטע־מאַמע זיך אַרויפגעוואָרפן אויף אים:

— נו, וואָס הערט זיך?

— בסדר, איר קענט מיר העלפן מסדר זײַן מײַנע זאַכן. מאָרגן פרי פאָר איך אַוועק.

און יאַנקעלע איז אַרײַן אין זײַן צימער.

די זון האָט געהאַלטן בײַם פאַרגיין, און איידער זי איז פאַרשוווּנדן פונעם האָריזאָנט האָבן זיך אירע מילדע שטראַלן צעפעכערט איבער די גרינע צווײַגן פון די ביימער, אָפּגעלעקט דאָס גראָז און אָפּגעפאַרבט דעם הימלראַנד מיט פּורפּור־רויטן קאָליר.

יונה בערליץ האָט נאָך אַלץ געקוקט אויפֿן אָרום. דער באַרג וואָס האָט זיך געשלענגלט לענג־אויס דער גאַס, אַ צעגרינטער, האָט געאָטעמט מיט פֿײַכטקייט. די יונגע ביימעלעך אויף זײַן רוקן האָבן זיך געפֿאַליעט ווי האָריקע קעפּלעך פֿון יונגע קינדער, די פֿאַרנאַכטיקע שאָטנס האָבן זיך צוגעקלעפּט צו די בלעטלעך און גראָזן און אונטערגעצייכנט מיט זייער טונקלקייט די ליכטיקע גרינקייט אין די לעצטע שטראַלן פֿון דער פֿאַרגייענדיקער זון.

דאָס צימער האָט זיך אײַנגעהילט אין שאָטנס פֿון בין־השמשות און יונה בערליץ האָט זיך נישט געאײַלט אָנצוצינדן ליכט. ער האָט זיך אויף אַ לענגערער ווײַלע פֿאַרטראָגן אין אַ בין־השמשות פֿון אַ לאַנג פֿאַרגאַנגענער צײַט.

אָט שטייט זײַן פֿאָטער רב יעקב מיט דער ברייט צעוואַקסענער באָרד, אין דעם טונקעלן באַגאַרטלטן כאַלאַטל, פֿאַרן עמוד אין דער אָסטריער קלויז. זײַן שיין קלינגענדיקע שטים ציקלט אויס די אָוונטיקע תּפֿילה און זײַן געזיכט פֿאַרלירט מיט אַ מאָל די געוויינטלעכע טאָג־טעגלעכקייט און נעמט אָטעמען מיט פֿאַרצײַטישקייט פֿון אַ לאַנג פֿאַרשווּנדענער וועלט וואָס איז אײַנגעטונקען אין גאָלער מיסטעריע. און טאַקע די דאָזיקע מיסטעריע האָט יונהן אָוועקגעשטויסן פֿונעם טאַטן. ווי אַ סך אַנדערע יוגנטלעכע, פֿאָרט יונה אַוועק אויף הכשרה, זעגט קלעצער אין אַ טאַרטאַק, האַקט שטיינער אין אַ שטיינהאַקערײַ כּדי ער זאָל שפּעטער קענען אַרויסרײַסן די שטיינער אין פֿאַרלאָזטע פֿעלדער פֿונעם עמק — — —

יונה בערליץ וואָלט נאָך אַוודאי לאַנג געשטאַנען אַזוי אַ פֿאַרטראָגענער אין די מחשבֿות, נאָר דער ראַדיאָ האָט גענומען אויספּיקן די שעה און געבראַכט די לעצטע נײַעס. שׂפֿרה האָט פֿאַרשטאַרקט דעם הילכער און פֿול מיט נײַגער זיך אײַנגעהערט.

די נײַעסן זענען שוין גוט באַקאַנט, כּמעט אַלע טאָג דאָס זעלבע. אַקטן פֿון טעראָר. אינצידענטן אויף דער גרענעץ. יעדער מינוט קען זיך צעפֿלאַקערן אַ פֿײַער — זאָגט דער ספּיקער פֿון קול־ישׂראל און שׂפֿרה גייט פֿאַרענדיקן די אַרבעט אין קיך מיט נישט קיין קלאָרע געפֿילן.

יונה בערליץ שטייט נאָך אַלץ אַ שווײַגנדיקער. זײַן מוח איז איצט פֿאַרנומען מיט די לעצטע ווערטער פֿונעם ספּיקער. נאָך דעם הײַנטיקן לענגערן שמועס מיטן זון, אין וועלכן ער האָט אים געראָטן צו לערנען אינזשעניריע אין טכניון, האָט יונה געזען אַז יעדער וואָרט איז איבעריק. יאַנקעלע איז פֿעסט אַנטשלאָסן צו בלײַבן אויף שטענדיק אין מיליטער. דאָרט, האַלט ער, וועט ער האָבן די בעסטע שאַנסן צו פֿאַרבינדן דעם אייגענעם גורל מיט די נוצן פֿאַרן פֿאָטערלאַנד, און יונה האָט נישט קיין אַנדער ברירה ווי אונטערגעבן זיך. אָבער דער געדאַנק אַז שוין מאָרגן פֿרי דאַרף יאַנקעלע זיך צושטעלן צו דער אייניקייט, צעוויקלט אין אים אַ מערקווערדיקן אומרו. נאָר ער וועט פֿאַר קיין פֿאַל נישט פֿאַרראָטן דעם דאָזיקן ציטער, פֿאַר קיין שום מענטשלעך אויג און אַפֿילו נישט פֿאַר שׂפֿרהן. שטופּט ער אַראָפּ דאָס געפֿיל נאָך טיפֿער, פֿאַרלייגט עס פֿון אויבן מיט

אַ שיכט גלייַכגילטיקייט, גלעט עס צו ווי ער פלעגט עס שטענדיק מאַכן מיטן שפּאַכטעל צעמענט אויף דער רושטאָוואַניע.

— גו — וואַרפט יונה בערליץ אַרויס מיט געמאַכטער לעבעדיקייט — מען דאַרף, הייסט עס, מאָרגן פרי זיך אויפכאַפּן אַ ביסל פריִער! — און ער זעט ווי שפרה פּאַרעט זיך אַרום אין קיך, לייגט צוזאַמען פאַרשיידענע קלייניקייטן און יאַנקעלע פּוצט אויס די שיך און פייַפט אויס דאָס לעצטע שלאָגער־לידל פון אַריק אייַנשטיין. — —

✶

דאָס געפיל אַז מאָרגן ווערט מען אַ חייל, נעמט צו אויך פון יאַנקעלען דעם שלאָף. די נאַכט ציט זיך עפּעס אַזוי לאַנג און מען קאָן זיך שוין נישט דערוואַרטן דעם פרימאָרגן. און אַז דער פּאַרטאָג הייבט זיך אָן צו ווייַסלען אין די פענצטער, שווענקט מען אויס אויף שנעל דאָס מויל און מען פליוסקעט זיך אָפּ מיט קאַלטן וואַסער, מיט רעש און געפּילדער. אַלץ זידט עפּעס פון אינעווייניק און שטייענדיק גיסט מען אַרייַן אין זיך אַ גלאָז מילך. דאָס מאָל לאָזט זיך יאַנקעלע באַדינען פונעם טאַטן וואָס לויפט אַרום אין אַלע ווינקעלעך און קאָנטראָלירט, צי האָט מען גאָרנישט פאַרגעסן, און בעת שפרה טראָגט אים צו אַ פולן גליאַזן מיט זיסוואַרג — כאַפּט יונה אָן יאַנקעלעס קאָפּ און גיט אים אַ הייסן פּאַטערלעכן קוש.

— להתראות! — שרייַט אויס יאַנקעלע.

— להתראות! — רופן אויס טאַטע־מאַמע אין כאָר.

און טאַטע־מאַמע מעסטן זיך אָפּ שטום מיט די אויגן. מער קענען זיי קיין איינציק וואָרט נישט אַרויסברענגען פונעם מויל. און אַז די לעצטע טריט פונעם בן־יחיד האָבן זיך אָפּגעקלאַפּט אויפן טראָטואַר, האָט שפרה גענומען זוכן אַ טיכעלע און יונה בערליץ האָט פאַרקוועטשט אַ טרער און אין די אויגן און אין האַלדז האָט זיך געקייַקלט אַ שטיקעניש. ער האָט איצט דערזען באַשייַמפּערלעך, אַז ס'איז נישט פאַראַן אַזאַ כוח וואָס זאָל יאַנקעלען אָפּקערן פון זייַן באַשלוס. אָבער וואָס איז דאָ דער וווּנדער? ער אַליין איז דען אַ מאָל בעסער געווען?

מיט יאָרן צוריק, אַז ער איז געקומען פון הכשרה אויף עטלעכע שעה אַהיים, כדי זיך צו געזעגענען מיטן פאָטער פאַר אָפּפאָרן קיין ארץ־ישראל — האָט זיך דעם טאַטנס באָרד טרויעריק געשאָקלט און די קליינע טונקעלע אויגן האָבן זיך טיפער פאַרשטעקט אונטער די ברעמען. לאַנג האָט דער פאָטער געשוויגן. ער איז דאָך ניט שווה־בשווה געווען מיטן זון צוליבן פאַרלאָזן די ישיבה, וווּ יונה האָט זיך גערעכנט פאַר אַ פעיִקן תלמיד, און באַזונדערס פאַר זייַן אָפּענער אפּיקורסות. דאָך האָט ער נאָך אַ לענגערן שיקול־הדעת אָנגענומען דעם זונס רעכטע האַנט, וואָס איז געווען שאַרסטקע און האַרט פון פיזישער אַרבעט, און גענומען הויך ציילן זייַנע ווערטער:

— זון מייַנער, אַ מענטש דאַרף האָבן אמונה און ווען אַ מענטש גלייבט

שטאַרק אין זײַנע מעשים — מוז ער מצליח זײַן. פאַר זשע געזונט און שטאַרק און זײַ מצליח! — —

✶

די שטוב האָט איצט געשמעקט מיט פּוסטקייט. נישט איין מאָל פלעגט יאַנקעלע אַוועקגיין אין גדנע, אָבער דאַן האָט זיך די עלנטקייט נישט אָפּגעפילט, ווײַל יונה בערליץ האָט נאָך געאַרבעט אין דער גרויסער בוי־געזעלשאַפט „סולל־בונה". דעם זומער האָט ער, נאָך פינעף און דרײַסיק יאָר, פאַרלאָזט די אַרבעט און האָט נאָך נישט באַוויזן אײַנצושטעלן פאַר זיך קיין נײַעם סדר־היום. כאָטש די ערשטע טעג האָבן אים אויסגעזען ווי דער היימישער אָפּרוהויז אין וועלכן ער פלעגט פאַרברענגען צוזאַמען מיט שפרהן אין פולער זאָרגלאָזיקייט — איז די פּלוצעמדיקע ענדערונג, דער איבערפלוס פון פרײַער צײַט, דאָס אָן אחריותדיקע שפּעטע אויפשטיין — אים פאַרגעקומען ווי אַ נישט פאַרדינטע שטראָף. יונה בערליץ איז אין גאַנצן נישט געווען צוגעגרייט דערצו און ער האָט זיך דערפילט אויסגעליידיקט און אפילו דערשלאָגן. בײַ זײַנע זעכציק יאָר — האָט ער גע־טראַכט — קען ער נאָך אַ סך לייסטן און די געצוווּנגענע פרײַהייט איז פאַרט אַ צוואַנג וואָס קען דעם שטאַרקסטן מענטשן דערדריקן. איצט איז צוגעקומען יאַנקעלעס באַשלוס און האָט אים אין גאַנצן צעשרויפט, גלײַך מען וואָלט פונעם לעבנס־בנין פּלוצעם אַפּירגעשלעפּט אַ זײַל פונעם פונדאַמענט, און אַלץ נעמט זיך איצטער וואַקלען. ער האָט אויך באַמערקט לעצטנס געוויסע טרויעריקע סימנים אויף שפרהס געזיכט און עס האָט אים ווי געטאָן, אָבער באַשלאָסן בעסער צו שווײַגן. פון נסיון האָט ער געוווּסט, אַז מען דאַרף לאָזן דער צײַט עס צו פאַר־היילן. זיי האָבן געלעבט אין טיפער קעגנזײַטיקער רעספּעקטירונג. די קאָנטשאַפט זייערע ציט זיך שוין זייער לאַנג, נאָך פון די קיבוצישע יאָרן. שפרה האָט מיט גרויס פאַרשטענדעניש אויפגענומען זײַן אַ ביסל איבערגעטריבענע ליבע צום בוך, געקענט זײַנע אינטימסטע מחשבות און הויך געשאַצט זײַן באַצימצומדיקן ריידן, און אין צייכן פון טיפער פרײַנדשאַפט גערן אים גערופן בײַם פאַמיליע־נאָמען, ווי עס איז געווען אָנגענומען אין יענע יאָרן בײַ אַ סך יוגנטלעכע פאָרלעך.

אויך שפרהן האָט די פּלוצעמדיקע לערקייט אין שטוב אַרויסגעפירט פון דער טאָג־טעגלעכקייט. אַלע געדאַנקען האָבן זיך איצט געוויקלט אַרום איר בן־יחיד, וואָס איז נאָך לאַנגע יאָרן פרוכטלאָזיקייט געקומען דערפרייען דאָס מאַמעשע האַרץ. זי איז געווען מער ווי זיכער, אַז אַ דאַנק זײַנע אײַנגעבוירענע פעיִקייטן וועט ער אָן שוועריקייטן דערוואַרבן אַ בכבודיק פאַך און נישט באַדאַרפן אַרבעטן אַזוי שווער ווי דער טאַטע. שפרה איז געווען געשניטן פון האַרטן חומר. זי האָט שטענדיק געקענט זיך באַהערשן, כּדי נישט געבן די שלעכטע געפילן קיין איבע־ריקע שליטה אויף זיך. אירע ווײַסע, קורץ געשניטענע האָר האָבן איר צוגעגעבן אַ געוויסע צאַרטקייט און דער קוק אירער האָט פאַרמאָגט פיל פון ווײַבלעכער

שטילער איבערגעגעבנקייט. אויך זי האָט געפילט אַז יונה בערליץ ליַידט. עס האָט זיך נישט צוזאַמענגעלייגט אַזוי ווי ער האָט פּלאַנירט. אָבער זי האָט פּשוט נישט געוווסט ווי אַזוי מען קאָן אים העלפן. די שטובאַרבעט האָט אים קיין מאָל נישט אינטערעסירט און זי גיט זיך דערוויַיל אַן עצה איינע אַליין און נייטיקט זיך נישט אין קיין שום הילף. זי האָט נאָך אַפילו צייַט פאַר געזעלשאַפטלעכער אַרבעט אין „ועד למען החייל" און אין „רויטן מגן־דוד". עס וואָלט אוודאי גוט געווען פאַר אים ווען ער געפינט עפּעס אַ פּאַסיקע באַשעפטיקונג און אַפילו זאָל זיַין אַ וואָ־לונטירע — אָבער זי קען דאָס אים נישט פאָרלייגן, טאָמער טיַיטשט ער עס אויס נישט ריכטיק — וויַיל די פּענסיע וואָס יונה בערליץ באַקומט איז גענוג פאַר אַ שיין און בכבודיק לעבן.

שפרהן פאַרדריסט וואָס יאַנקעלע קומט לעצטנס זייער זעלטן אַהיים און כאָטש זי ווייסט אַז די אָפיצירן־שול פאַרשלינגט אים אין גאַנצן און אַז ער איז איינער פון די בעסטע שילערס — לייַדט זי אין דער שטיל דערפון וואָס זי קען אים נישט זען אָפטער. איר איינציקע טרייסט איז דאָס וואָס יאַנקעלע איז צופרידן און וואָס דער שטענדיקער שמייכל באַגלייט אים אַז ער קומט אַהיים.

אין איינעם אַ פאַרנאַכט האָט אַ שאַרפער קלונג אין דער טיר צעריסן די שטילקייט. שפרה איז אין שטוב נישט געווען. זי איז אַוועק אויף אַ זיצונג אין „רויטן מגן־דוד" און יונה בערליץ איז מיטן בוך אין דער האַנט צוגעלאָפן צו דער טיר. יאַנקעלע איז געשטאַנען אויפן שוועל אַ צעשמייכלטער:

— אַבא, מיַין צייַט איז זייער באַגרענעצט און איך בין געקומען בלויז אויף אַ פּאָר מינוט.

— וואָס איז געשען? — האָט יונה בערליץ אויסגערופן — די מאַמע איז גראָד אַרויס פון דער שטוב און זי וועט ערשט קומען אין אַ שעה אַנדערטהאַלבן אַרום.

ער האָט זיך דווקא געריכט, נאָך אַ לענגערער אָפּוועזנהייט, צו הערן עפּעס מער פונעם זון, אָבער יאַנקעלע האָט זיך אויף גיך אַוועקגעזעצט אויפן פּאָטעל און אויסטרינקענדיק מיט איין שלוק אַ גלאָז מילך, וואָס דער טאַטע האָט אים אונטערגעטראָגן, האָט ער געזאָגט:

— אַבא, צום באַדויערן, דו וועסט מוזן גריסן פון מיר דער מאַמען. איך וועל אַ לענגערע צייַט בכלל נישט קענען קומען אַהיים.

— וואָס איז דען געשען אַזוינס? — האָט יונה בערליץ איבערגעחזרט.

— נו, אַבא, דענקסטו דען אַז אַלץ קען איך דיר דערציילן? איינס, אַבא, וויל איך דיר זאָגן: לויט מיר, וואָלסטו געמעגט אַ ביסל צוהעלפן די גרענעצ־דאָרפישע געביטן. דאָרט נייטיקט מען זיך שטאַרק אין מענטשן.

יונה בערליץ איז געווען גערירט. מיט האַלב־פאַרמאַכטע אויגן האָט ער גע־קוקט אויפן זון, כדי צו פאַרדעקן די טרערן וואָס האָבן זיך פאַר פרייד געוואָלט צעגיסן. מיט אַ מאָל האָט ער דערזען אַז פאַר אים זיצט נישט דאָס קליינע

הילפלאָזע יאַנקעלע, נאָר אַ דערוואַקסענער, זעלבשטענדיקער מענטש מיט אַן אייגענער פעסטער מיינונג. ער האָט געוואָלט נאָך עפּעס פרעגן, אָבער יאַנקעלע איז שוין געשטאַנען בײַ דער טיר גרייט צום אַנטלויפן.

— זײַ געזונט, אַבאַ, גריס דער מאַמען און טו דאָס וואָס איך האָב דיך געראָטן, להתראות!

שפרה האָט זיך שפּעטער נישט געקענט מוחל זײַן. זי האָט זייער באַדויערט און דער פאַרדרוס האָט איר געדריקט דאָס האַרץ. און נאָר כּדי צו פאַרדעקן אירע געפילן האָט זי געגרייט אָוונטברויט און אָרויסגעשריגן פון דער קיך:

— בערליך, קום עסן. דאָס אָוונטברויט שטייט שוין אויפן טיש — און אַליין האָט זי פונעם עסן כּמעט נישט טועם געווען.

צו מאָרגנס פאַר טאָג האָט יונה בערליך זיך אויסגעפוצט אין זײַנע אַרבעט־קליידער. שפרה האָט אים אָנגעקוקט אַ פאַרגאַפטע:

— וואָס גייסטו מאַכן, בערליך?

ערשט דעמאָלט האָט ער איר דערציילט, אַז יאַנקעלע האָט אים אויפגעגעבן דעם געדאַנק. ער האָט דאָך מסתמא די אינפאָרמאַציע פונעם ערשטן קוואַל. און שפרה האָט גלײַך אויסגעדריקט איר צופרידנקייט דערמיט וואָס זי האָט בערליצן צוגעטראָגן אויף כּבוד אַ פולן ניילאָן מיט פרישן קוכן וואָס זי האָט נעכטן אַליין געראָטן, להתראות!

דער זיכערהײַטס־אָפיציר האָט אים געשיקט אין אַ נאָענטן גרענעצדאָרף אויף אַרבעט. ער האָט קודם־כּל געהאָלפן אויסבעסערן די שוצגרובנס, אויסרייניקן די שעלטערס און דערנאָך האָט ער צוגעלייגט אַ האַנט אויך אין דער דרינגענדיקער אַרבעט אויפן פעלד.

מיט אַ מאָל האָט יונה בערליך דערפילט אין זיך אַן ענדערונג צום גוטן. די טרויעריקע מאַכטלאָזיקייט איז פאַרשוווּנדן. ער האָט דערשפּירט די אייגענע וויכטיקייט, גלײַך אַ נײַער פרישער אײ ך וואָלט אויפגעשפּראָצט אין אים פאַר די געציילטע טעג.

די דיוורסאַנטישע קוילן וואָס האָבן פון צײַט צו צײַט געשניטן די אויערן און די אונטערגעלייגטע מינעס, וואָס האָבן צעריסן טראַקטאָרישע אינגעווייִדן, האָבן יונה בערליצן נישט באַאומרויִקט. דער בלויזער געדאַנק אַז ער קען נאָך ברענגען נוצן דעם לאַנד און דער געזעלשאַפט, האָט אויפגעוועקט אין אים נײַע יונגע כּוחות. די אַרבעט אין פעלד האָט אים אין גאַנצן פאַרכאַפּט און ער האָט מיט באַזונדערער פרייד און פאַרגעניגן געטאַפּטשעט אויף די ווייכע פעלדישע סטעזשקעס, גערייניקט פלאַנצן אוןביימער און אײַנגעאָטעמט דעם זויבערן אַראָמאַט פון צײַטיקע פרוכט און גרינס.

שפרה פלעגט אים יעדן פאַרנאַכט אָפּוואַרטן אויף דער שוועל אַ צעשטראַלטע.

די לעצטע וואָך אַרבעט יונה בערליץ אין אַ קיבוץ וואָס ליגט האַרט אויף דער גרענעץ. דאָ באַגעגענען זיך אַלטע פרײַנד און חברים פון דער הכשרה און מען לאָזט אים נישט פאַרן יעדן טאָג אַהיים. שפרה באַשטייט דערויף, זאָל בערליץ בלײַבן נעכטיקן און זאָל ער זיך אַ ביסל צעשטרײַען. זיצט מען אין די אָוונטן אין קיבוצישן קאַפעקלוב און מען קוויקט זיך מיט זכרונות און מען לעבט אויף צוריק די גאָלדענע יוגנטלעכע טעג.

פאַר יונה בערליץ איז דאָס געווען אַ טיפע איבערלעבונג. דער קיבוץ איז שוין ווײַט נישט דאָס וואָס ער איז געווען אַ מאָל. שווער צו בלײַבן אַ קליין אינדזעלע אין אַ ברויזנדיקן ים — טראַכט יונה בערליץ — אָבער דאָך וואַקסן דאָ אויס מענטשן פון אַ גאַנץ אַנדערן שניט.

נאָך דרײַ טעג אין קיבוץ האָט ער דערשפירט אַז ער האָט שוין אָנגעלאָדן צוריק די באַטעריעס. דאָך, זיצנדיק שוין אין אויטאָבוס, האָט ער נאָך אַלץ געוואָנדערט מיטן בליק איבער דעם קיבוצישן פייזאַזש וואָס האָט זיך שנעל דערווײַטערט. די קליינע הײַזקעס מיט די רויטע דעכלעך האָבן זיך געטונקען אין גרינס ביז זיי זענען אין גאַנצן פאַרשווונדן פון זײַנע אויגן.

דער וועג האָט זיך געשלענגלט אין די בערג. די גרינע וואַדיס פון ביידע זײַטן האָבן זיך געמיניעט אין די לעצטע שטראַלן פון דער זון. יונה בערליץ איז געווען גוט אויפגעלייגט און האָט דערפילט אַ באַדערפעניש זיך צו טיילן מיט זײַנע געפילן. ער וועט איצטער קאָנען ראַטן אַנדערע פענסיאָנערן נישט צו פאַרטאַכליעווען די צײַט אויף שעש־בעש און קאָרטן — יעדער מענטש קאָן ברענגען נוצן זיך און דער געזעלשאַפט.

פון ווײַטנס האָבן שוין אויפגעבליצט די נעאָנען. די שטאָט האָט זיך לאַנגזאַם אַנטקעגנגעגליטשט מיט איר אָוונטיקן פראַכט. ער האָט געטראַכט וועגן די טונקעלע נעכט אין קיבוץ און וועגן די אַלטע פרײַנד וואָס פאַרמאָגן אַ סך איבער־מענטשלעכע כּוחות, און נישט באַמערקט אַז דער אויטאָבוס איז שוין שטיין געבליבן אויף דער סטאַנציע. ער האָט זיך איצטער געאײַלט אַהיים מיט אַ גאַנצן שקאַרמיץ מיט גרויסע עפל וואָס דער קיבוץ האָט אַראָפּגענומען צום ערשטן מאָל. שפרה וואַרט שוין אוודאי מיט אומגעדולד. און אָט זעט ער שוין פון ווײַטנס זײַן שיכון. עס איז ליכטיק אין אַלע פענצטער. אויפן טראָטואַר שטייט אַ מיליטערישער דזשיפ. שוין זשע איז יאַנקעלע געקומען צו פאָרן. גאַנץ מעגלעך, ווײַל שפרה האָט געוווּסט מיט וואָסער אויטאָבוס ער דאַרף אָנקומען און זי איז נישט געקומען אים אַנטקעגן. הייסט עס אַ גוטער סורפריז. פאַרגרעסערט יונה בערליץ זײַנע טריט, ער וויל שוין וואָס שנעלער זײַן אין דער היים, און קוים צו כאַפּן דעם אָטעם בלײַבט ער שטיין אויפן שוועל. אַ צה״ל־אָפיציר כאַפּט אים גלײַך אונטערן אָרעם. די שטוב איז פול מיט שכנים. ווו זשע איז יאַנקעלע? און ווו איז שפרה? עפּעס איז אים דאָס אַלץ אין גאַנצן נישט קלאָר. נאָר ער לאָזט זיך פירן פונעם אומבאַקאַנטן צה״ל־אָפיציר וועמענס געזיכט איז מילד און דאָך

אַנטשלאָסן, די אויגן ווייך און דאָך אַפּיציעל, די שטים ליבלעך אָבער זייער ערנסט.

אין שלאָפצימער זיצט שפרה מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אירע ווײַסע האָר זענען צעוואָרפן איבערן שטערן. יונה בערליץ לאָזט זיך אַראָפּ אויפן בעט:

— שפרה, וואָס איז?..

זײַנע ליפּן האָבן זיך געפּלאָנטערט און נישט געקענט פאַרענדיקן די פראַגע. גרויסע רעדער האָבן זיך צעדרייט פאַר זײַנע אויגן און גלײַך נאָך דעם איז אַלץ אַרום אים געוואָרן שטיל, גלײַך ס׳וואָלט אוועקגעשווומען אין אַן אָפּגרונט — — —

בעת ער האָט געעפנט די אויגן האָט אַ לײַכטע האַנט אין אַ ווײַסן כאַלאַט אים געהאַלטן פאַרן פולס. שפרהס קאָפּ האָט זיך נאָך פאַר אים געוויגלט. איר טרויעריקער בליק איז געהאַנגען ערגעץ ווו אין דער ווײַטקייט און צוויי שכנות זענען געזעסן לעבן איר און זי אונטערגעהאַלטן. ער האָט געפּרוווט זיך אויפשטעלן פונעם בעט, אָבער דער רויִקער און ווייכער בליק פונעם צה״ל-אָפיציר האָט אים אָפּגעהאַלטן.

— מר בערליץ, גבֿרת שפרה פילט זיך גוט, אָבער איר מוזט נאָך אַ ביסל ליגן. איר מוזט זײַן שטאַרק, ווי עס פּאַסט פאַר אַ פאָטער פון אַזאַ העלדישן זון, וואָס איר האָט פאַרמאָגט.

צו מאָרגנס האָט זיך די זון אַ פרישע און לויטערע אויסגעשיילט פון צווישן די בערג, אַנגעפילט מיט לעבן און פרייד אַ סך קינדערשע הערצער, אַנגעגאָסן מיט גרינעם זאַפט די פעלדער און גערטנער און צעבלאָזן איר וואַרעמען אָטעם אויפן אַרום.

יונה בערליץ האָט זיך איצט נישט געאײַלט צו דער אַרבעט און נישט געלייענט קיין בוך. שפרה שטייט נעבן אים אַ שווײַגנדיקע און ער זוכט אַ תשובה אויף אַ פראַגע, וואָס עקבערט אים דעם מוח. ער ווייסט אַז דאָס לעבן פאַרמאָגט האַרטע געזעצן און אַז אַלץ וואָס לעבט מוז אונטערגיין. אָבער יעדער אין זײַן צײַט, און ריכטיק וואָלט געווען ווען אַ זון באַגלייט צו דער אייביקער רו דעם טאַטן. נאָר יונה בערליצס פראַגע בלײַבט דערווײַל אָן אַן ענטפער, ווײַל ער האָט דאָ נישט קיינעם וואָס זאָל אים קענען געבן אַן ענטפער. ער פּרוווט בעסער צו קאָנצענטרירן די געדאַנקען און ווייסט נישט וואָס ער דאַרף איצטער טאָן. ער דערפילט אַז שפרה ציטערט אין גאַנצן און ער קען זי מיט גאָרנישט העלפן, ביז אַ שכנה כאַפּט זי אונטערן אָרעם און באַרויִקט זי.

דורך האַלב-פאַרזשמורעטע אויגן זעט ער ווי רידלען צעשיטן פריש-צעדרויבלטע ערד וואָס מישט זיך אויס מיט שפרהס האַסטיקע טרערן, און די ערד וואַקסט שנעל, יוירט אַן, גלײַך זי וואָלט וועלן וואָס שנעלער צודעקן אַן אָפּגעטאָן פאַרברעכן.

דער קבֿר איז אָפּגעשיט מיט בלומען און די קלינגענדיקע שטים פונעם מיליטערישן רבֿ צעוויגט זיך אין צוגעקליבענע פּסוקים פון תהילים.

עמעצער טראָגט אונטער אַ סידור און יונה בערליץ פאַרריכט אינסטינקטיוו דעם הוט פון וועלכן ער איז שוין יאָרן לאַנג אָפּגעוווינט.

— יתגדל ויתקדש...

נאָר די קניִען צעציטערן זיך און יונה בערליץ פאַלט אַוועק אויפן קבר און זײַן שטים צעוויגט זיך אין אַ שטאַרקער יללה:

— זון מײַנער, טײַערער זון מײַנער!..

אַ שטראָם פון טרערן נעצט אײַן די פרישע ערד און צו זײַנע אויערן דערגייען די לעצטע ווערטער פונעם מיליטערישן רב:

— מיר לעבן אין אַ צײַט ווען גאָט פאָדערט אויף אָן אמת די זין צו דער עקדה. בדמייך חיי!

עמעצער פרוווט אים העלפן אויפשטיין נאָר יונה בערליץ לאָזט זיך נישט. ער פילט זיך אַזוי בעסער, אויפן קבר. אַ לײַכטקייט צעגיסט זיך אין אַלע זײַנע אברים, אַ מין מערקווערדיקע זיסקייט, וואָס עס קאָן באַנעמען נאָר אַ מענטש וועלכער קערט זיך אָפּ אויף אייביק פון קערפּערלעכער ווײ און זאָרג———

*

אינעם זעלבן בין־השמשות האָט מען דאָ אויסגעגראָבן אַ קבר פאַר יונה בערליץ, בשכנות מיטן זון. אַלע פראַגעס זענען מיט אַ מאָל געוואָרן פאַרענטפערט. אויפן צײַטווײַליקן שילדל איז געוועזן פאַרצייכנט: פּ. נ. יונה בן־יעקב און יעקב בן־יונה.

א. שעדלעצקי

ערשטע יאָרן

א. אין מחנה עולים

דאָס איז געווען אין מחנה־עולים אין נתניה. יאָר תש״ח. אַ שבת־צו־נאַכטס. דער גרויסער זאַל, וואָס איז אַ מאָל געווען דער קלוב פון בריטישן מיליטער, האָט איצט געברויזט און געטומלט מער ווי אין אַ געוויינלעכן טאָג. די עולים האָבן זיך געגרייט צו דעם אָוונט ווי צו זייערס אַן אייגענער שימחה. די בענק זײַנען געשטעלט געוואָרן אין דער ברייט — אַ באַנק נעבן אַ באַנק, די טישן, בײַ וועלכע די עולים פלעגן עסן זייערע אָרעמע מאָלצײַטן אַ גאַנצע וואָך, האָט מען אוועקגערוקט אין אַ זײַט. אויבן אָן אינעם גרויסן זאַל איז צוזאַמענגעשטעלט געוואָרן אַן אימפּראָוויזירטע טריבונע. דער עולם האָט זיך געגרייט צו אַן אָוונט פון געזאַנג, וואָס ער אַליין האָט אײַנגעאָרדנט סײַ פאַר זיך, סײַ פאַר די געסט פון דער סוכנות, וואָס זײַנען פאַרבעטן געוואָרן צו אָט דער שימחה.

אַזאַ אָוונט אין מחנה־עולים מאַכט אַ ביסל פאַרגעסן די טעגלעכע זאָרג. אָפילו ניט ווילנדיק ווערן די מענטשן אַרײַנגעצויגן אין אַן אמתדיקער ארץ־ישׂראל־אַטמאָספער, ווען אַלץ ווערט פאַרפלייצט מיט געזאַנג און מיט טענץ. בעיקר איז דאָס אַ יום־טוב פאַר דער יוגנט.

מײַן נייגער האָט דערוועקט אַ יונג מיידל, 10—11 יאָר אַלט, מיט לאַנגע בלאָנדע צעפּלעך. זי איז די גאַנצע צײַט געשטאַנען אין אַ זײַט, געקוקט אויף אַלץ אַרום מיט צוויי בלויע אומעטיקע אויגן, ווי זי וואָלט געווען גלײַכגילטיק צום גאַנצן אַרום, צו די פריידיק־טומלדיקע קינדער און יוגנטלעכע. זי איז געווען די איינציקע וואָס האָט זיך נישט באַטייליקט אין די הכנות צו דעם אָוונט. נישט בײַם צוזאַמענברענגען די בענק, נישט בײַם באַצירן די טריבונע.

איך האָב אָנגעהויבן מיט דעם מיידעלע צו שמועסן. באַלד איז מיר אַלץ

קלאָר געוואָרן. אַלע קינדער אינעם עולים־לאַגער האָבן געהאַט עלטערן אָדער קרובים — זי איז דאָ געווען איינזאַם, אַליין.

אַ סך האָבן מיר אין יענע ערשטע נאָכמלחמה־יאָרן געהערט וועגן קינדער, יתומים אָן קרובים, וואָס האָבן געהאַט דאָס מזל על־פי־נס ניצול צו ווערן. די געשיכטע פון דער קליינער זאָשקע, וואָס האָט איצט זיך גערופן שושנה, איז געווען טרויעריק און טראַגיש ביז גאָר.

נאָך דער מלחמה איז זאָשקע נישט געבליבן אַליין, ווי דאָס איז געשען מיט אַ סך אַנדערע יידישע קינדער. הגם אירע עלטערן, דרײַ שוועסטער און אַ ברודער זײַנען אומגעקומען אין טרעבלינקע, איז זאָשקע געווען פון די ווייניקע קינדער, וואָס דער שווערער גורל האָט נישט געשטראָפט מיט דער גאַנצער הארבקייט. זי האָט נאָך געהאַט אַ ברודער, די פינף־יעריקע זאָשקע; עלטער פון איר, אַ ברודער, וואָס איז פאַר איר געווען סײַ אַ פאָטער, סײַ אַ מוטער.

ער טאָקע איז געווען דער, וואָס האָט זי אָפּגעראַטעוועט, ווען אַלע זײַנען אַוועק אין די טויטוואַגאָנען. ער האָט זי אָפּגעגעבן צו אַ פּוילישער משפּחה אין וואַווער בײַ וואַרשע, געצאָלט פינף הונדערט זלאָטעס חודשלעך פאַר אויסבאַהאַלטן זי. אין געהיים פלעגט ער קומען צו איר יעדע וואָך, געבראַכט זיסוואַרג. דער ברודער, מיעטעק האָט מען אים גערופן, האָט אויסגעזען ווי אַן „אַריער", געהאַט אַ פאַלשן פּאַס, און געקענט זיך באַוועגן פרײַ. קיינעם איז נישט אײַנגעפאַלן אַז דער אַ געזונטער, בלאָנדער „שייגעץ" איז אַ ייִד.

זאָשקע איז אַזוי געווען אָפּגעשיידט פון איר ברודער די גאַנצע מלחמה־צײַט. ווען די מלחמה האָט זיך פאַרענדיקט האָבן שוועסטער און ברודער זיך פאַראייניקט. מיעטעק האָט געאַרבעט, פאַרדינט. ער האָט זיך געמיט זײַן קליין שוועסטערל זאָל גאָרנישט נישט פעלן, זי זאָל זיך נישט פילן פאַריתומט.

דאָ איז אָבער ווידער אויסגעבראָכן אַ ווילדע אַנטיסעמיטישע העצע. אין אַ סך שטעט זײַנען אַפילו פאַרגעקומען פּאָגראָמען, ווידער איז ייִדיש לעבן געווען באַדראָט אויף פּוילישער ערד.

„איך האָב מײַן שוועסטערל מיט אַזוי פיל צרות אָפּגעראַטעוועט פון די דײַטשן, איצט וועל איך זי פאַרלירן בײַ די פּאָליאַקן?" — האָט מיעטעק זיך געטראַכט. ביז ער האָט פאַרפאַקט אַ רענצל, גענומען די קליינע זאָשקע און צוזאַמען מיט אַנדערע טויזנטער ייִדן זיך אַרויסגעלאָזט שוואַרצן די גרענעץ קיין דײַטשלאַנד.

ער האָט גוט געוווּסט, אַז אויך דאָ וועט ער נישט האָבן קיין רו. ער האָט גוט געקענט די דײַטשן, נישט פאַרגעסן זייער אַכזריות. זײַן נאַטירלעך געפיל און שכל־הישר האָט אים געוואָרנט, אַז דײַטשלאַנד קען אוודאי נישט זײַן קיין אַנטרינונג, אַז ער דאַרף אויך פון דאַנען וואָס פריִער אַנטלויפן. ער האָט באַשלאָסן צו פאָרן קיין ארץ־ישראל, בלויז דאָרט וועט אַ ייִד זיך פילן זיכער. די טויערן

פון ארץ־ישראל זײַנען אָבער נאָך געווען געשלאָסן אויף זיבן שלעסער, די ענגלענדער האָבן נאָך געהערשט ביד־רמה.

מיעטעק האָט געוואַרט, געוואַרט מיט אומגעדולד.

באַלד זײַנען געקומען די גרויסע טעג, מעכטיקע געשעענישן. עס איז פּראָקלאַמירט געוואָרן די אַנטשטייונג פון מדינת־ישראל. די ענגלענדער האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד. עס האָט זיך אָנגעהויבן דער באַפרײַונגס־קריג. אין די דײַטשע לאַגערן און אין גאַנץ אייראָפּע האָט זיך אָנגעהויבן דער „גיוס". ייִדישע יוגנטלעכע זײַנען פרײַוויליק אַוועק אין דער אַרמיי, העלפן באַפרײַען דאָס לאַנד פון די שונאים. אויך דער פינף־און צוואַנציק־יעריקער מיעטעק איז מיטגעריסן געוואָרן מיטן שטראָם.

„איך פאָר כּדי צו קעמפן, זאָשקעלע זאָל האָבן אַ זיכערע היים"... האָט ער ווי צו זיך אַליין געזאָגט.

אָנגעקומען אין לאַנד אַרײַן איז ער צוזאַמען מיט די מאָביליזירטע. דאָס שוועסטערל האָט ער איבערגעלאָזט אין פּליטים־לאַגער בײַ באַקאַנטע, מיט וועלכע ער האָט זיך ערשט ניט לאַנג באַפרײַנדעט. יענע האָבן ליב באַקומען די קליינע זאָשקע. זי האָט דאָרט אָנגעהויבן לערנען העברעיִש, האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ שיינער שטים צום זינגען.

„זאָשקעלע, איך פאָר, און איך וועל דיך אָפּוואַרטן אינעם פּאָרט חיפה, ווען דו וועסט אָנקומען אין לאַנד אַרײַן". — מיט די דאָזיקע ווערטער האָט ער זיך געזעגנט.

— איצט איז מיעטעק מער נישטאָ — האָט די קליינע פאַרענדיקט איר דערציילונג — ער איז געפאַלן אין נגב. קיינער האָט אויף מיר נישט געוואַרט אין פּאָרט, בײַ מײַן אָנקומען...

דער עולם האָט זיך דערווײַל פאַרזאַמלט. דער אָוונט האָט זיך אָנגעהויבן. אַ קינדערכאָר האָט געזונגען לידער אין העברעיִש און אין ייִדיש. דערנאָך האָט דער לערער אויסגערופן:

— איצט וועט שושנה אונדז זינגען עטלעכע לידער.

דאָס האָט מען געמיינט אונדזער זאָשקעלע. מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן האָט זי זיך דערנענטערט צו דער בינע. זי האָט זיך געשטעלט בײַם אַראָפּגענידערטן מיקראָפאָן, נישט אויפהייבנדיק דעם בליק צום עולם. זי האָט אָנגעהויבן זינגען, ווי פאַר זיך אַליין. דאָס איז געווען דאָס דעמאָלט פּאָרפּאַסטע ליד „בערבות־הנגב", אַ ליד, אין וועלכן אַ פאַריתומטע מאַמע דערציילט וועגן איר געפאַלענעם זון אין די זאַמדן פון נגב.

בערבות הנגב מתנוצץ הטל,
בערבות הנגב איש מגן נפל.
לא נשם הנער ונדם הלב
את בלורית השער רוח תלטף...

עס האָט אויסגעזען, דאָס ליד איז דער קליינער באַזונדערס נאָענט. מיר האָט געשײַנט, אַז זי דערציילט דאָס וועגן איר ברודער, וואָס איז געפאַלן ערגעץ ווו אין נגב, און דער ווינט גלעט און שויבערט צערטלעך די האָר פון זײַן קאָפּ.

זינט דעמאָלט זײַנען יאָרן אַדורך. דאָ נישט לאַנג צוריק האָב איך צופעליק געטראָפן אַ פרוי אויף אַ קינדער־פאַרשטעלונג אין ירושלים. בײַ דער האַנט האָט זי געפירט אַ קליין 10־11־יעריק מיידעלע — איך טו אַ קוק: זאָשקעלע! די בלאָנדקייט, די בלויקייט פון די אויגן, די צעפּעלעך — דאָס האָט מיר גלײַך דערמאָנט אין יענעם שבת־צו־נאַכטס אין נתניה, אין ערשטן חודש פון מײַן אָנקומען אין לאַנד אַרײַן.

איך האָב זיך אָנגענומען מיט דרײַסטקייט. כ׳בין צוגעגאַנגען צו דער פרוי. „זענט איר אַ מאָל נישט געווען אין מחנה־עולים אין נתניה?״ איך האָב טאַקע נישט געהאַט קיין טעות. יענע זאָשקע איז אַן אײַנוווינערין פון ירושלים, האָט אַ מאַן, איז אַ מאַמע פון דרײַ קינדער. דער עלטסטער — זי רופט אים מיטעק, אַלע אַנדערע רופן אים מרדכי — מאַכט דאָס יאָר מאַטורע...

ב. איטשעלע גייט אין מיליטער...

בראשית זײַנען דאָ געווען פעלדזן, און מער גאָרנישט. אין איינעם אַ טאָג האָבן שווערע בולדאָזערס גענומען אויסגלײַכן די ערד — מ׳האָט אָנגעהויבן בויען. ביסלעכווײַז האָבן פון צווישן די פעלדזן אָנגעהויבן אַרויסשפּראָצן געמויערטע הײַזער, ווײַסע הײַזער — איין הויז ענלעך צום צווייטן, ווי קינדער פון איין מאַמען, דערנאָך האָט מען זיך אָנגעהויבן אַרײַנציִען אין די נײַע דירות. דירה נאָך דירה, שטאָק נאָך שטאָק און הויז נאָך הויז זײַנען באַוווינט געוואָרן. עדות געזאָגט וועגן דעם האָבן די פירהאַנגען, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו פלאַטערן איבער די טונקעלע פענצטער־עפענונגען, — אַ נײַע גאַס אין דער „שכונה״ האָט אָנגעהויבן לעבן, איינע פון אַ סך גאַסן אין די פיל נײַע קוואַרטאַלן פון אונדזערע שטעט.

תחילת האָט יעדער איינער געלעבט דאָ ווי ביחידות, פאַר זיך. איינער האָט נאָך דעם צווייטן נישט געקענט. דער שכן פון ערשטן שטאָק האָט צו מאָל נישט געוווסט ווער ס׳וווינט אין דער דירה פון פּאַרטער.

מיט אַ מאָל איז די פרעמדקייט ווי אַנטרונען. הגם די מענטשן האָבן געשטאַמט פון פאַרשיידענע געגנטן און אַפילו פון פאַרשיידענע לענדער, האָט זיי עפּעס וואָס צוזאַמענגעבונדן: ענלעכע איבערלעבונגען, געמיינזאַמע האָפענונגען, גורל.

די ערשטע קענטשאַפטן זײַנען געשלאָסן געוואָרן צופעליק, — בײַם וואָגן מיט אײַז, בײַם פּורל נאָפט, אין דער „צרכניה״, אין דער ריי צום אויטאָבוס. וואָס אַ מאָל איז מען אָבער געוואָרן היימישער. פון עפענען נישט דרײַסט די קליאַמקע אין טיר פון אַ שכן, איז מען גיך אַריבער אויף לענגערע וויזיטן,

איינער ביים אנדערן. דער ערשטער ווינטער איז קוים פארביי, און שוין האט איינער דעם אנדערן אנטקעגנגעטראגן דעם „שלום", ווי אלטע באקאנטע, ייי שכנים וואס וווינען שוין צוזאמען מי יודע ווי לאנג.

די מענטשן וואס האבן באזעצט די נייע גאס זיינען געווען יונגע פארפעלקער, הגם דאס רוב פון זיי איז שוין געווען אין די מיטעלע יארן. זיי זיינען נאר וואס געהאט געקומען מיט דער עליה פון פוילן, פון די לאגערן אין דייטשלאנד און פון ציפערן.

קוים אדורך א יאר — און אין דער גאס איז געבוירן געווארן דאס ערשטע קינד. די מאמע — אן אפגעראטעוועטע פון אוישוויץ, דער טאטע — א רעפאטריאנט פון רוסלאנד. געטראפן האבן זיי זיך אין א לאגער ביי מינכען. צוזאמען געפארן מיט א מעפילים־שיף, געווען אינטערנירט אין ציפערן און דארט געהאט „געשטעלט" א חופה.

דער ערשטער „ברית" איז געווען אן אנזאג. באלד זיינען געבוירן געווארן נאך קינדער, קינדער־וועגעלעך זיינען געווארן א טייל פון גאסנבילד, און אז מ'האט געזען שפאצירן די מאמעס איבערן נאר וואס ברוקירטן וועג מיט די וועגעלעך, איז ביי א סך פון זיי גוט קענטיק געווען, אז נישט דאס ערשטע מאל קעכלען זיי קינדער אין די וויגעלעך... וועגן דעם האט אויך עדות געזאגט די ניט געוויינלעכע ציטערקייט, זארג, מיט וועלכע מ'האט געארעמט די קינדער אויך ווען זיי האבן אנגעהויבן וואקסן.

בריתן און מזל־טובן זיינען עטלעכע יאר נאך אנאנד געווען א טאג־טעגלעך געשעעניש אין נייעם געסל, אויך ווען צום דאזיקן געסל איז צוגעקומען נאך א גאס און נאך א גאס — א קווארטאל א גאנצער. דאס ערשטע קינד איז אבער די גאנצע צייט פאר אלעמען פארבליבן די ערשטע מילדקייט און די ערשטע פרייד.

— איטשעלע שטייט שוין! איטשעלע גייט שוין! איטשעלע רעדט שוין!

אזוי זיינען, ווי בשורה־טעלעגראמעס, פארשפרייט געווארן פון צייט צו צייט די לעצטע נייעס — אזוי אויפן קול דורך די פענצטער און וועראנדעס און אין שמועסן אויף דער גאס.

יארן זיינען אדורך און די גאנצע גאס האט מיטגעלעבט מיט אלע אנטוויקלונגס־שטאפלען פון ערשטן קינד. אט האט איטשעלע אנגעהויבן גיין אין שול, אט איז ער געווארן בר־מיצווה, — די גאנצע גאס האט געפייערט די שימחות, ווי איין משפחה.

— אם־ירצה־השם ביי אייך — האבן די עלטערן צוריקגעווונטשן אויף די ברכות פון די שכנים, און דאס איז נישט געווען סתם מליצה, איטשעלעס קינדער־שימחות זיינען באמת געווען א סימן און אן אנזאג, אז אט דערנענטערט זיך באלד אויך די בר־מיצווה פון יאנקעלען און פון משהלען, פון פינחסלען און פון שמואליקן, פון שמועלען און פון עלי, פון וועלוועלען און כתריאלן, אלץ

קינדער וואָס זײַנען געבוירן געוואָרן אַ יאָר אָדער צוויי נאָך איטשעלען. אַלץ נעמען פֿון אויסגעשאָכטענע ייִדעס.

נאָך אַ פּאָר יאָר זײַנען אַדורך. איטשעלע האָט פֿאַרענדיקט די שול און איז אַרײַן אין „תיכון”. אַ שיינער, ליכטיקער בחור — געוואָרן דער שטאָלץ פֿון דער גאַנצער גאַס שכנים.

— אונדזער איטשעלע, אונדזער איטשעלע, געזען ווי ער האָט דאָס געטאָן אַ שיס אַרויף? — אַ גאַנצער בחור!

און אָט האָט זיך מיט אַ מאָל צעטראָגן די בשורה, ווי דאָס וואָלט געווען אַ זאַך, וואָס קיינער האָט נישט דערוואַרט.

— איטשעלע גייט אין מיליטער!...

אין די אַכצן יאָר נאָך איטשעלעס געבוירן האָט, אמת, די גאַס אַ סך זיך געענדערט. עס זײַנען, ווי געזאָגט, צוגעקומען נאָך פֿיל הײַזער און גאַסן, וואָס גיסן זיך צונויף מיט אָט דער גאַס און האָבן שוין אין גאַנצן פֿאַרטריבן פֿון דאָרטן די פֿעלדזיקע וויסטעניש; אַ סך קינדערלעך, קיין עין־הרע, זײַנען דאָ פֿאַראַן — קלענערע און גרעסערע. אַ סך פֿון די אַלטע אײַנוווינערס פֿון דעם עולים־געסל האָבן זיך אַפֿילו פֿאַר דער צײַט אַריבערגעצויגן אין בעסערע „שיכּונים”. יענע וואָס זײַנען געווען די ערשטע אויף דער גאַס, קענען אָבער נישט פֿאַרגעסן אַלץ וואָס דערמאָנט די „ערשטקייט”.

זיי וווּנדערן זיך אַלץ:

— ערשט „נעכטן” איז דאָך דאָס „קינד” געבוירן, ערשט נעכטן געשטעלט די ערשטע טריט, ערשט נעכטן אָנגעהויבן לערנען אין שול — און זעט וואָס פֿאַר אַ בחור! שוין אַ חייל!

באַלד דערמאָנט מען זיך אָבער אין די אייגענע קינדערלעך און מע „מאַכט שלום” מיט דער ווירקלעכקייט:

— אין אַ יאָר אַרום גייט דאָך אין מיליטער אויך יאַנקעלע און שלמהלע, משהלע און שמעון, שמואל און פּינחסל.

— און ווי לאַנג וועט דען דויערן, אַז אויך דני און כּתריאל וועלן זײַן חיילים?

— אין אַ יאָר אַרום וועלן מיר דאָך האָבן אַ גאַנצע אייגענע „אַרמיי” פֿון אונדזער גאַס... — מאַכט עמעצער דעם סך־הכּל, נעמענדיק צו הילף אַלע פֿינגער פֿון די הענט בײַם אויסרעכענען די קינדער, וואָס דערנעענטערן זיך צום מיליטער־עלטער.

✶

יאָ, רהוב פּרי מגדים איז געוואָרן דערוואַקסן, רײַף, פֿאַרוואָרצלט, אײַנגעפֿונדעוועט. אַ סימן? — איטשעלע גייט שוין אין מיליטער...

ג. ר' אַברהם־משה פאַרלירט נישט דעם בטחון...

ר' אַברהם־משה איז אַ הויכער, שטאַלטנער, נישט־געבויגענער ייִד, וואָס טיילט זיך אויס מיט זײַן הדרת־פּנים, מיט זײַן כּמעט ווײַס געוואָרן בערדל, פון וועלכן עס קוקט אַרויס אַ יונג געזיכט מיט צוויי לעבעדיק־פּיקחותדיקע אויגן און גוטמוטיקן שמייכל. ער געהערט צו די עלטסטע תּושבים פונעם דאָזיקן ווײַטן קוואַרטאַל בײַם ראַנד פון דער שטאָט, וואָס איז טרײַ געבליבן דעם אָרט ביזן הײַנטיקן טאָג. אָנגעקומען אַהער איז ער תּיכּף אין די ערשטע חדשים פון דער מדינה, ווען די ענגלענדער האָבן סוף־כּל־סוף באַפרײַט די אינטערנירטע פון זייערע פּליטים־לאַגערן אויפן אינדזל ציפּערן, — די פּליטים פון מיזרח־אייראָפּע, וואָס האָבן אין די יאָרן פון גערענגל מיט אומלעגאַלע שיפן זיך געריסן צו די ברעגעס פון ארץ־ישׂראל, ווען די בריטן האָבן נאָך דאָ געהערשט ביד־רמה. בעת די מלחמה־יאָרן האָט ער דורכגעמאַכט דעם גאַנצן ייִדישן נע־ונד — געווען פריִער בײַם דײַטש, שפּעטער בײַ די סאָוועטן, פאַרזוכט דעם טעם פון לאַגערן און פאַרשיקונג, פאַרלוירן אַלע נאָענטע, ווײַב און קינדער, און לסוף — אָדם־נאַקעט אַרויף אויף איינע פון די שיפן וואָס האָבן געפירט ייִדן איבערן צעשטורעמטן ים קיין ארץ־ישׂראל. די היפּשע פּאָר יאָר, וואָס ער איז געווען אין ציפּערן, באַדויערט ער אָבער נישט. „עס האָט געלוינט. דאָס איז געווען אַ גוטער פּרוזדור" — טענהט ר' אַברהם־משה.

ווען ער איז לסוף, אונדזער ר' אַברהם־משה, אָנגעקומען אין לאַנד אַרײַן און באַקומען אַ שטיקל מקום־מנוחה אינעם דעמאָלט נאָר וואָס מיט ייִדן באַזעצטן קוואַרטאַל, האָט ער קודם־כּל געזאָרגט פאַר אַ מקום־תּפילה פאַר ייִדן. ער האָט דאָס געטאָן אַ סך פריִער איידער ער האָט אָנגעהויבן עפּעס וואָס טאָן פאַר זײַנע אייגענע הצטרכותן, נאָך איידער ער האָט זיך גענומען אויפשטעלן פאַר זיך אַ נײַע היים, ווידער אַ מאָל בויען אַ פאַמיליע־נעסט.

דאָס איז אים נישט אָנגעקומען שווער. תּחילת זײַנען טאַקע נישט געווען מער ווי פיר ווענט. ווען עס האָבן זיך אָבער געמערט די צאָל נײַ־געקומענע ייִדן, נײַע עולים, ווי ער, איז אויך דאָס געגרינדעטע בית־הכּנסת געוואָרן גרעסער, גערוימער, שענער, ווי עס פּאַסט פאַר אַ מיקדש־מעט אינעם הייליקן לאַנד. מ'האָט כּסדר אַלץ מער צוגעבויט און אַרומגעבויט, און אויסגעשטאַט דאָס בית־כּנסת מיט אַ שיינעם אָרון־קודש און זײַדענעם פּרוכת, מיט אַ בעלעמער און שיינעם הענגלאָמפּ, מיט טישן און בענק. מיט דער צײַט האָט מען אַפילו צוגעבויט אַ צווייטן שטאָק פאַר דער עזרת־נשים. ר' אַברהם־משה, מיט נאָך ייִדן פון זײַן סגאַל, האָבן וועלטן אײַנגעריסן, אָנגעקלאַפּט טירן ווו מען דאַרף. אין דער „מועצה" און אַפילו בײַ דער „הסתדרות", און באַקומען די גײַטיקע „בודזשעטן" פאַר דעם. אויך מתפּללים זײַנען געווען געננוג. אַ שיינע פּאָר מנינים ייִדן האָבן דאָ געדאַוונט, נישט בלויז שבת און יום־טוב. אויך אין אַ פּראָסטן טאָג האָבן קיין ייִדן נישט אויסגעפעלט צום מנין. ר' אַברהם־משה האָט דאָ אײַנגעשאַפט

פאַר זיך אַ מקום־תּפילה נישט ערגער ווי אין זײַן שטעטל אויף יענער זײַט בוג. מיט דער צײַט האָבן זיך בײַ אים אַפילו אָנגעהויבן פאַרהיילן אַ ביסל די ווונדן פונעם ביטערן נעכטן. ער האָט צוריק אויפגעשטעלט אַ משפּחה, זיך אָנגעהויבן פילן ווי אַ בעל־בעמו, געדאַוונט בײַם עמוד, געלערנט מיטן עולם אַ פּרשה חומש, משניות, ווי ער האָט זיך נוהג געווען אַ מאָל, אַ מאָל...

יאָרן זײַנען אַדורך. דאָס לעבן אין דער שכונה איז אָבער נישט געשטאַנען אויף איין אָרט, גרויסע שינויים זײַנען דאָ מיט דער צײַט פאָרגעקומען, ביז — אין אַ שיינעם טאָג האָט ר׳ אַברהם־משה מיט אַ מאָל דערזען: נישטאָ זײַן עדה. די צאָל מתפּללים פאַרקלענערט זיך כּסדר און איז געוואָרן זייער קנאַפּ. שוין באַלד אַפילו שווער צוזאַמענקלויבן אַ מנין. נישטאָ באַלד מיט וועמען צו שטעלן זיך דאַוונען... און דאָס איז געווען צוליב כּל־המינים סיבות. קודם זײַנען אַוועק — בדרך כּל־בשר — אַ סך פונעם עלטערן דור, די וואָס זײַנען תּחילת געווען דאָס רוב מנין ובנין פונעם ערשטן מנין, מיט וועלכן ער האָט געגרינדעט דעם מקום־תּפילה. דאָס זײַנען געווען ייִדן אַ ביסל עלטער פון אים און טאַקע אויך פון זײַן עלטער, וואָס האָבן נישט זוכה־געווען צו אַריכות־ימים נאָך זייערע שווערע איבערלעבענישן אין די מלחמה־יאָרן. אַנדערע זײַנען אַוועק אין בתּי־אָבות, ענדיקן דאָרט זייערע לעצטע יאָרן. די ייִנגערע ווידער האָבן זיך, ברוך־השם, „אַרויפגעאַרבעט", זײַנען זיי אַוועק אין בעסערע דירות, און „שיכּונים", ווײַט פון דער אַלטער שכונה מיט די אַ מאָל אַראַבישע הײַזער אָן מאָדערנע אײַנריכטונגען. די וואָס האָבן אָפּגענומען „שילומים" האָבן זיך אויך אַריבערגעצויגן, דאָרט אויפן „צפון". יענע וואָס זײַנען אָנגעקומען מיט זייערע עלטערן נאָך קינדער, זײַנען מיט דער צײַט אונטערגעוואַקסן, אַוועק אין מיליטער, חתונה געהאַט און לסוף אויך אַריבער אין שיכּונים ווײַט פון דער שכונה. די מענטשן וואָס האָבן זיך אַרײַנגעצויגן אויף זייער אָרט זײַנען בדרך־כּלל נישט געווען פון דעם מין וואָס קומען אין בית־כּנסת, און די וואָס דאַוונען יאָ, האָבן זיי אַן אַנדער נוסח, זיי דאַוונען ניט מיט אשכּנזים.

דער נײַ־געשאַפענער מצב האָט ר׳ אַברהם־משהן אַרײַנגעטריבן אין אַ מרה־שחורה, רחמנא־לצלן. ער האָט אַלץ מער באַקומען דאָס געפיל פון „מעשׂי ידי טובעים בים" אַזוי פיל מי האָט ער אַרײַנגעלייגט אין אויפשטעלן אַ בית־כּנסת אַ פּראַכט, אָבער נאָך אַ ביסל און דאָס אָרט וועט בלײַבן פּוסט, אַפילו אָן אַ מנין ייִדן צום דאַוונען אין אייגענעם נוסח. ווער ווייסט? אפשר וועט ער אַליין אויך מוזן זיך לסוף פון דאַנען אַרויסציִען... דעם געדאַנק האָט ער אָבער באַלד פאַרטריבן פון זיך: ווי קען ער איבערלאָזן דאָס בית־כּנסת אויף הפקר? אַ פּחד איז אים באַפאַלן, ווען ער האָט דערבײַ נישט־ווילנדיק זיך אָנגעהויבן דערמאָנען און פאַרגלײַכן צו זײַן בית־כּנסת אינעם שטעטל, וואָס איז חרוב געוואָרן פאַר זײַנע אויגן, בעת אים זײַנען פאַרבליבן בלויז די שליסלען אַליין, ווי אַ זכר־לחורבן...

זײַנע טרויעריקע מחשבות האָט ער פאַרן מויל מורא געהאַט צו ברענגען,

געשראָקן זיך אַפילו פאַר עמעצן זיך אַראָפּצורעדן פון האַרץ, נישט צו זינדיקן מיט די רייד. די ווייניקע, וואָס זײַנען פאַרבליבן מיט אים האָבן דאָס אָבער געפילט, געלייענט זײַנע מחשבות, געמערקט דאָס באַזונדער אין זײַן קול, ווען ער האָט זיך בײַ אַ כמעט ליידיקן בית־כּנסת געשטעלט, ווי דער שטייגער, בײַם עמוד צו דער תּפילה. די זיסע סאַמעטענע שטים פונעם געניטן בעל־תּפילה האָט זיך געבראָכן, האָט אָנגעהויבן פאַרצווייפלט־נעבעכדיק אָפּקלינגען ווי אין אַ פוסטן חלל אַרײַן.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט און עס האָט אַ שײַן געטאָן אַ שטראַל פון האָפענונג, וואָס האָט אָנגעהויבן צוריקיאָגן פון אים דעם אומעט.

אויפן שכונותדיקן זאַמדבערגל, דאָרט וווּ אין די ערשטע טעג האָט עס גערויעט מיט שאַקאַלן, שלאַנגען און עקדישן, האָט זיך עפּעס אַ ריר געטאָן. שווערע בולדאָזערס האָבן אָנגעהויבן אויסגלײַכן דעם שטח, טראַקטאָרן האָבן אָנגעהויבן בויען אַ וועג אַרום און אַרום. אַ בשורה האָט זיך באַלד פונאַנדערגעטראָגן: מען טרעט דאָ צו בויען נײַע שיכּונים. אָן שום שהיות איז דער גאַנצער אַרום אָנגעפולט געוואָרן מיט אַרבעט און בויונג. פונדאַמענטן זײַנען געגראָבן געוואָרן. רושטאָוואַניעס האָבן זיך געהויבן צום זוניקן הימל. געבײַדעס גאַנצע זײַנען געוואַקסן אַרויף, אַלץ העכער און העכער, שטאָק נאָך שטאָק. מיט אַ מאָל האָבן בלאָקן גאַנצע באַדעקט דאָס פוסטע זאַמדבערגל. לאַנגע שורות הײַזער מיט צענדליקער ברייט פאַרנעמיקע דירות זײַנען מיט אַ מאָל געבליבן שטיין אויסגעפּאַרטיקט, גרייט אויפצונעמען משפּחות גאַנצע, נײַע עולים. באַלד דערנאָך האָט מען אָנגעהויבן בויען נאָך אַ שורה נײַע הײַזער — דעם „שיכּון חסכון" פאַר אַלט־אײַנגעזעסענע, פאַר יונגע פּאָרלעך. איבער נאַכט איז מער נישט געווען צו דערקענען דאָס אַמאָליקע זאַמדבערגל, אַ שטאָט אַ גאַנצע איז אויפגעקומען, וואָס האָט אַרײַנגעבראַכט אויפלעבונג אויך אין דער אַלטער שכונותדיקער שכונה. אויך אין האַרץ בײַ אונדזער ר' אַברהם־משה האָבן זיך אָנגעהויבן וועקן האָפענונגען: נישט שייך, בײַ אַזאַ נײַער עדה ייִדן, בלי עין־הרע, וועלן זיך אַוודאי אויך געפינען אַ ביסל נײַע מתפּללים פאַר זײַן האַלב־פאַרלאָזטן בית־כּנסת...

ווען אין איינעם אַ שבת האָבן פון די נײַע שיכּונים אַראָפּגענידערט עטלעכע יונגע־לײַט מיט קאַפּעלעך און טליתים אונטערן אָרעם, איז ר' אַברהם־משה געשפּרונגען פון פרייד. בײַם שוועל פון בית־כּנסת האָט ער זיי אָפּגעגעבן אַ ברייטן שלום־עליכם, ווי ער וואָלט אויף זיי געוואַרט נישט ווייניקער ווי אויף משיחן. די בשורה, אַז עס איז פאַראַן בשכנות אַזאַ שיינער בית־כּנסת האָט זיך גיך פונאַנדערגעטראָגן איבער אַלע נײַע שיכּונים. ייִדן האָבן אָנגעהויבן קומען נישט בלויז שבת. אויך אין די וואָכנטעג זײַנען אַרײַנגעפאַלן אַלץ מער מתפּללים צו מינחה־מעריב, צו זאָגן אַ קדיש. אָפּרעדן וועגן אַ בר־מיצווה....

דער פאַרלוירענער בטחון האָט זיך צוריקגעקערט צום אַלטן געפּרוּווטן ר' אַברהם־משה. „לא אלמן ישׂראל" — מורמלט ער צו זיך אַליין ווען ער זעט דעם נײַעם עולם, ווען ער קוקט ווי די שול ווערט ווידער פול מיט מתפּללים

יעדן שבת. זײַן קול בײַם שטעלן זיך צום עמוד באַקומט צוריק דעם אַמאָליקן גלאַנץ, די האַפּערדיקייט.

דעם לעצטן חודש אלול האָט ר׳ אַברהם־משה מיטן נײַעם ועד צום ערשטן מאָל, נאָך אַ הפסקה פון עטלעכע יאָר, מכריז געווען וועגן פאַרקויפן „שטעט" אויף די ימים־נוראים, ווי אַ מאָל. דערבײַ האָט ער אַרויסגעשטעלט אַ ספּעציעלן פּרײַזקוראַנט: ייִדן וואָס דאַווענען אַ גאַנץ קײַלעכדיק יאָר, ווײַניקסטנס שבת, באַקומען די פּלעצער פאַר אַ פערטל פּרײַז פון דעם וואָס אַזאַ „שטאָט" קאָסט פאַר אַזעלכע וואָס דאַווענען בלויז די ימים־נוראים. נײַע עולים ווידער, די וואָס זײַנען לעצטנס געקומען פון רוסלאַנד, זײַנען אין גאַנצן באַפרײַט פון אָפּצאָל. צו זיי האָט ר׳ אַברהם־משה אַ ספּעציעלן יחס, ווי צו פאַרלוירענע ברידער, וואָס האָבן זיך צוריק אָפּגעפונען. „את אחי אנוכי מבקש" — זאָגט ער.

„אַ ייִד טאָר נישט פאַרלירן דעם בטחון!" — זאָגט איצט ר׳ אַברהם־משה, מוסרט זיך אַליין און שעמט זיך דערבײַ מיט די מחשבות־זרות, וואָס האָבן אים געהאַט באַפאַלן וועגן דער צוקונפט פון זײַן בית־הכנסת, מורא האָבנדיק אין אַ מאָמענט פון חולשת־הדעת אַז, חלילה, כּלו כּל הקיצין... ווי האָט ער געקענט בכלל צולאָזן צו זיך אַזאַ מחשבה? — חידושט ער זיך אויף זיך אַליין.

דעם לעצטן ראָש־השנה האָט ר׳ אַברהם־משה אַרויסגענומען פון פאַרגעסנקייט דעם אַלטן ניגון צום פּיוט פון מוסף אינעם יום־הזכּרון, דעם האַפּערדיקן ניגון וואָס ער האָט אַ מאָל געהערט אין אַ חסידישן הויף אין זײַנע קינדער־יאָרן, דעם ניגון פון „ויאתיו":

— „ויאתיו כל לעבדך, ויברכו שם כבודך" — אַלע וועלן זיי באַווויליקן דיך צו דינען, בענטשן דעם נאָמען פון דײַן כּבוד וועגן" —

ד. פון דער ווײַט אָבער נאָענט

גוט איז צו רעדן און שמועסן מיט די עולים, וואָס קומען איצט פון „דאָרט", פון אַזאַ ווײַטער פאַר אונדז וועלט, נאָך אַזוי פיל יאָרן פון אָפּגעריסנקייט, פון פאַרשטיקטן געשריי, וואָס איז קוים־קוים צו אונדז דערגאַנגען...

דאַכט זיך פרעמד, ווײַט, אַן אַנדערע מענטאַליטעט, פון אַן אַנדערן רעזשים און לעבנס־שטייגער — מיט אַ מאָל זעסטו אָבער: לא היו דברים מעולם. אַלע איזאָלאַציע־ריגלען זײַנען פאַרשוווּנדן, ווי זיי וואָלטן קיין מאָל נישט געווען.

דער „אחינו אתה" איז דאָ כּלל נישט קיין מליצה, קיין באַנאַליטעט... דאָס איז פּאָרט די ריינסטע וואָר. זיי זײַנען מיט אַלע אונדזערע מעלות און חסרונות.

כּ׳לעבן — אַפילו אונדזערע פּאַרטייען מעגן זײַן רויִק. אויך נאָכן קומען פון אַ סך צענדליקער טויזנטער וועט דער פּאַרטייען־צוזאַמענשטעל זײַן דער זעלבער. די עליה־כוואַליעס וועלן שטאַרקן אַלע פּלאַטפאָרמעס צו גלײַך — פאַר די „טויבן" און פאַר די „שפּאַרבערס", פאַר די מינימאַליסטישע רודפי־שלום און פאַר די מאַקסימאַליסטישע „ארץ־השלימה"ניקעס אין דער זעלבער מאָס כּמעט,

און הלוואי זאָל איך ליגן זאָגן: אויך אונדזערע קרומע קעפּ וועלן באַקומען זייער חלק...

מיט איין וואָרט: אַ ייִד בלייבט אַ ייִד, בפרט ווען ער באַפרייט זיך פון אויפגעצוווּנגענעם דענקען און זיין מוח ווערט פריי צום אייגענעם שׂכל און טאָט...

די היים

דערציילט אַן אָקערשט געקומענער:

— די ערשטע טעג, ווען איך בין אָנגעקומען אין לאַנד אַריין האָב איך זיך שטאַרק געוווּנדערט ווי אַלץ איז דאָ אַזוי אַנדערש, הגם, דעם אמת געזאָגט, — בין איך נישט אַזוי שטאַרק פאַר דעם אַלעמען, וואָס איז דאָ אַזוי אַנדערש. אַ סך אַנדערשקייטן געפעלן מיר פּשוט נישט. איך וואָלט, למשל, מיט אַ גרינג האַרץ מוותר געווען אויפן פאַרגעניגן בייצוווינען יענע נאַכט פון די פּאַנטערס אין ירושלים, ווען דו האָסט מיך געפירט ווייזן די „אַנדערשקייט" דאָ... ווי מען קען אַפילו דאָ כוליגאַנעווען, ווי ייִדן שלאָגן ייִדן. מילא, אָבער ווער נאָך ווי איך ווייס, אַז ס'איז נישטאָ און עס איז נישט מעגלעך קיין אידעאַלע וועלט? דאָ איז אָבער פאַראַן אַזוי פיל זאַכן צום באַוווּנדערן וואָס זיינען נישט שכיח דאָרט, באַזונדערס דורך אַ ייִד, אַזוי אַז אויך יענע נאַכט האָט נישט אין דער אמתן צו פיל צעשטערט מיין פרייד פון זיין דאָ.

ובכן — איך האָב אַזוי לאַנג באַוווּנדערט און געשטוינט פון די ספּעציפישקייטן ביז עס האָט זיך אָנגעהויבן דערנענטערן דער טערמין פון אַרויסגיין פון „מרכז־קליטה". איך האָב אָנגעהויבן אַרומלויפן איבער די אַמטן, זוכן אַרבעט, אַ דירה. מיט אַ מאָל — כ'גיב אַ קוק, כ'בין דאָך אין דער אַלטער היים... — גיט צו מיין עולה מיט סאַרקאַזם. — אָט הייסט מיך דער פּקיד קומען מאָרגן. איך קום — און ער איז נישטאָ... ער פאַרגעסט היינט וואָס ער האָט מיר נעכטן צוגעזאָגט... דערצו זאָגט ער מיר נאָך מוסר, שפּילט אויף מיין פּאַטריאָטיזם...

„כ'בין אין דער אַלטער היים" — דער זאָג פון דעם נייעם עולה הערט ביי מיר נישט אויף צו עקבערן אין מוח, ווייל ווער נאָך, ווי איך, ווייס זיין באַציִונג צו יענער היים, וואָס איז פאַר אים אַלע יאָרן געווען אַ שטיפלאַנד און ווי ווייט ער האָט געשטרעבט פון דאָרט אַוועק. אין ישׂראל וויל ער דאָך געפינען זיין אמתע היים, לאָמיר זשע אים העלפן וואָס פריִער צו דערשפּירן די היים...

ישעיהו שפּיגל

צוויי לידער

א

די קרוין פון קרבן און נצחון

איצט איז דאָ
פול־לבנהדיקע נאַכט.
אַרום מײַן גרינעם, טיפן וואַדי
שוועבט נאָך די שוואַרצע פּראַכט
פון נאַכט —
און
פון יענער בריק,
ווו וואָלקנס געשוואָלענע,
מיט יִאוש,
טרײַבן און צינדן
דעם קינדער־פּחד
אויף יענער ערד אין לעצטן בליק.

באַלד, באַלד
רײַפט דער סוד,
פאַרזיגלט הינטער אַלע שטערן

פון טויטן וואַלד
אויז פון גאָט.

קיינער איז נישט געשטאָרבן.
אַרום מײַן גרינעם וואַדי
בליט נישט מער
יענער טויט —
און נישט די טרער.
ס׳גייט אויף די קרוין פון קרבן.

ווער האָט אין וואַדי
די קרבן־קרוין געצונדן ?
דאָס טויטע קינד מיטן שוואַרצן שמייכל ?
די ברוינע שטריק ?
זי האָט געוואָרפן אונדז
אין תהומען,
צו אַלע ווונדן —
מיר זאָלן אַהער
צום גרינעם, לײַכטנדיקן וואַדי,
קומען אײַנגעבויגענע צוריק ?

ווײ, ווײ,
אונדזער אַש אַליין
פליסט נאָך אויסגעמישט
מיט די וואַסערן פון רהיין
און
אויף די גרונטן פון דניעפּר, ווײַסל און דאַנײַ.

פון גרינעם, לבנהדיקן וואַדי
ווערט איצט אַ זילבערנער טײַך.
דאָ זעגלען גאָטס אייביקע שעהען.
מיר זענען די פאַרשטאַרבענע פיש
אין אַלע טײַכנס פינצטערע דנאָען.

גאָט,
בענטש אונדז די האַנט
אין צוגעזאָגטן לאַנד.
האָף, האָף,
אַז ס׳קומט די שטראָף.

שוין זינגט די וויג
פון אונדזער זיג
בײַם גרינעם וואַדי.
די תּליה איז שוין לאַנג
צעבראָכן —
און אויף אונדזער קאָפּ
שימערט זי און בלאַנקט —
די גילדענע קרוין פון קרבן און נצחון.

1986

ב

מײַן הויז אַרום וואַדי

מײַן הויז כ׳האָב דאָ געבויט
פון ערשטע, בלייכע גראָזן־טויען;
פאַריאָגט זיי האָבן שוין דעם טויט
מיט אַלע שענסטע הימלס בלויען.

מײַן הויז — אַ נעסט איז שוין איצט
פון תּהילים־פּסוקים זיסע, אַלטע;
אין וואַדי שלאָגט נאָך אַלץ דער בליץ
מיט זײַנע הימלענס קושן קאַלטע.

מײַן וויג — זי איז אַ מאָל געשטאַנען
בײַ די ווערבעס און טאָפּאָליעס;
געוויגט זיי האָבן זיך, געוויגט
אין פינצטערנישן פון מזלות.

כ׳האָב מײַן הויז שוין דאָרט געפונען —
שטשאָפּעס אַלטע, שוואַרץ־פאַרקוילטע;
אַלע ביימער שוין פאַרוועלקטע
מיט די נעסטן אויסגעהוילטע.

בלויז אין ווינט דאָרט וואַנדערט, וואַנדערט
אונדזער ניגון נאָך פון תּהילים;
בלויז די בליצן לעבן וואַדי
וועלן דאָ מײַן כליפּ פאַרשטילן.

1986

אפרים שרייַער

אין קליינעם פּאַנסיאָן

מיר געפינען זיך אויפן הר־כּנען. עס שליסט זיך אַ קייט פון בערג. בערג נידעריקע און העכערע, נאַקעטע, אַ טייל שיטער באַוואַקסענע, אַנדערע — טונקל — באַגרינטע. איבער זיי אַ בלויער לויטערער הימל. דער אמתער הר־כּנען פון חומש, וועלכער האָט זיך אַזוי איַינגעקריצט אין זכרון נאָך פון די חדר־יאָרן.

די פּרימאָרגנס זענען קילע. אין די פרימאָרגנס איז די גאַנצע נאַטור אין דייַן רשות. די בערג נישט פאַרשטעלטע פון נעפּל, נאָר אַ דינע נעץ פון פרישן טוי פאַלט אַראָפּ און עס צייכענען זיך שאַרף די קאָנטורן פון די וויַיטסטע באַרגרוקנס, וועלכע קייטלען זיך, שלענגלען זיך און פירן אַראָפּ אין די טיפן, צום טאָל, ווו עס געפינט זיך צפת.

באַטראַכסט די לאַנדשאַפט. די פּאַנאָראַמע דערמאָנט פון דאָס ניַי דעם בראשית ברא. אַ בליק אַראָפּ צופוסנס די בערג און פאַר אונדז — די קאָפּשווינדלענדיקע געדרייטע סערפּענטינע־וועגן. מיר זעען פאַר זיך די גאַנצע פּראַכט פון דער געגנט: פעלדזן און שטיינער, טרעפּ אַראָפּ, טרעפּ אין אַלע זיַיטן, חורבות פון פאַרציַיטיקע, אַלטע היַיזער, דאָ און דאָרט נידעריקע, געקריַיזלטע איילבירטביימער. דאָס אַלץ דערמאָנט די פאַרציַיטיקע הייליקע בילדער, וועלכע ייִדן פלעגן פאַרקויפן פאַר די קריסטן אויף די ירידים אין אונדזערע פּוילישע שטעטלעך. דו פילסט ממש דעם גערוך פון פאַרב פון אָט די פריש געדרוקטע בילדער.

די שאָסייען און שטעגן פירן קיין צפת, די שטאָט פון אַמאָליקע מקובלים.

ווי נאָר עס פאַלט צו די נאַכט — זעען די בערג אויס העכער, אויסגעגליַיכטער, זיי גרייכן ממש צו די הימלהייכן. מיר דערשפירן זיך אינטימער מיט דער נאַטור, מען דערפילט דעם סוד פון דורות.

עס צינדן זיך די נאַכטליכטער. אויף די גאַסן פון צפת אַ לעבהאַפטע באַוועגונג. פון דאָ און דאָרט דערטראָגן זיך קלאַנגען פון טאַנצמוזיק.

✶

אַ שמאָלער, זײַטיקער וועג, אויסגעפלאַסטערט מיט גרויסע גלאַטיקע שטיינער, פירט צום פּאַנסיאָן. דער פּאַנסיאָן „פרידמאַן" געפינט זיך אין אַן אַלט אַראַביש הויז. די צימערן קליינע, מיט הויכע געוועלבטע סופיטן, אײַנגעאָרדנט באַשיידן אָבער אינטים. עס איז אויך ווײַט פון דרויסנדיקן רעש. דער אויסבליק דורך די פענצטער האָט געפירט צו נאַקעטע, נישט הויכע, אָפּגעוועלקט־גרינע, פאַרנעפּלטע באַרגפּראָפילן.

דער קורסעזאָן האָט קענטיק זיך שוין געענדיקט. צו מיטאָג זענען מיר געווען בלויז דרײַ געסט. בײַ מײַן טיש איז געזעסן אַ יונגע פרוי און אין אַ ווינקל בײַ אַ טישל איז געזעסן איינער אַליין אַן עלטערער מענטש, מיט אַ געדיכט ווײַס בערדל — אַ מאָלער, שטענדיק מיטן פּאַסטעלקרײַד אין האַנט און פאַר אים אַ טאָוול.

— לאַנגווײַליק — האָט נישט דרײַסט זיך צו מיר אָפּגערופן מײַן שכנה, — לאַנגווײַליק, נישט אמת? — סוף זומער.

אַזוי זענען פאַרבײַ אייניקע טעג. אַ וואָרט, נאָך אַ וואָרט, אַ שמייכל און מיר זענען געוואָרן באַקאַנט. די פרוי האָט פאַרמאָגט היימישקייט. שטענדיק פּשוט אָבער פּעדאַנט געקליידט, דער פריילעכער גלאַנץ פון אירע טונקל־ברוינע אויגן האָט דערגענטערט, געוועקט אינטערעס, אַפילו פּראָוואָצירט.

— איר, זע איך, באַטראַכט, — האָט זי מיר זיצנדיק בײַם טיש געזאָגט, — מײַן קידושין־רינג אויף מײַן פינגער. קום איך אײַך פאַר צו יונג נאָך צו האָבן חתונה געהאַט? כ'בין עלטער ווי איר מיינט. ווי איך פאַרשטיי, — האָט זי פאַרגעזעצט, — זענט איר נישט לאַנג אין לאַנד. אויב אײַך איז נאָך נישט באַקוועם צו רעדן עברית, קענען מיר רעדן ייִדיש, פויליש, אויך רוסיש.

— יאָ, איר האָט געטראָפן. אַ נײַער אין לאַנד און צום ערשטן מאָל אין צפת. — ווײַבעריש, קאָקעטיש האָבן אירע דראָבנע פינגער פון צײַט צו צײַט באַרירט די לאָקן פון אירע שאַטען־ווייכע האָר. קינדישקייט איז געווען אין די גריבעלעך נעבן די קישעלעך פון אירע הענט.

✶

וואָס נעענטער, אינטימער ס'זענען געווען אונדזערע געשפּרעכן, אַלץ ערנסטער איז זי מיר פאַרגעקומען; פון דער נאָענט האָט מען דײַטלעך געקענט מערקן ווי פון הינטער דער פאַרצעלאָן־דינער, העל־קרעם געפלעגטער הויט פון איר געזיכט, זענען פאַרבאַהאַלטן שמערצלעך אויסגעאײדלטע שפּורן פון איבערלעבענישן. טייל מאָל האָט איר פריידיקן שמייכל באַגלייט אַן אומרו, אַ נערוועזער רעפלעקס.

אין אַזעלכע מינוטן האָט איר שטים מיר אויסגעוויזן צו זײַן ווייכער, ליבלעך וואַרעמער, איר וואָרט האָט באַרויִקט, — געגלעט און גערייצט צו גלײַך.

— איר האָט אפשר באַמערקט — האָט זי, ווי אַ סוד, מיר אײַנגערוימט — דער אַלטיטשקער דאָרט אין ווינקל, שוין אייניקע טעג ווי ער באַטראַכט מיך. אַ בליק און ווידער אַ צייכן מיטן בלײַפעדער איבער זײַן פּאַפּיר. קענטיק, ער צייכנט מײַן פּאָרטרעט?

— אויף זײַן אָרט וואָלט איך אויך דאָס זעלבע געטאָן.

— קום איך אײַך פּאָר אַזוי שיין? — האָט זי שפּאַסיק געפרעגט.

— פאַר אַ מאָלער, מוזט איר פאַרשטיין, איז שיין דאָס וואָס זעט אים אויס צו זײַן אינטערעסאַנט.

— זאָל איך עס אָננעמען ווי אַ קאָמפּלימענט? — אַ דאַנק.

✶

אין איינעם פון די לאַנגווײַליקע פאַרנאַכטן, האָט מײַן שכנה מיר פאָרגעלייגט צו מאַכן מיט איר אַ שפּאַציר אויף דער „מצודה״. איך האָב מיט פאַרגעניגן צוגעשטימט.

— אויף „מצודה״ וועט איר קענען זען דעם באַרגיקן אַרום, דעם צויבער פון דער נאַכט, וועלכער שפּרייט זיך צופוסנס פון באַרג. עס האָט געלאָקט איר שטיפעריש־מעלאָדישער טאָן, דער קאָקעטישער חן.

דער שטילער גערויש פון די בלעטער האָט זיך סודותפול געטראָגן ווי אַ תפילה־געמורמל. פאָרזיכטיק, טריט בײַ טריט, זענען מיר געגאַנגען איבער די גלאַטיקע שטיינער און געדיכטע קוסטעס בײַ די סטעזשקעס וואָס האָבן געפירט צום באַרג, און בעתן אָנשטויסן זיך אין אַ גליטשיקן שטיין האָבן זיך אונדזערע הענט באַרירט, געפאַנגען, און אַ מחיהדיקע שפּירונג, אַ וואַרעמקייט האָט דורכגעריזלט אין די אָדערן.

ראַשיק, מיט אַ מאָל, איז צוגעפאַלן די נאַכט. די לעצטע פיאָלעט־בלאַסע שטרײַפן אויף די הימלראַנדן זענען פאַרשוווּנדן ווי זיי וואָלטן פאַרשלונגען געוואָרן דורך דער דינער נעפּלנעץ וואָס האָט פאַרצויגן דעם באַרגיקן האָריזאָנט און איז געוואָרן געדיכטער און טונקעלער. די קאָנטורשאַרפן פון די באַרגרוקנס האָבן זיך אויסגעוויזן איצט מילדער, שוואָמיקער און זיך צונויפגעגאָסן מיט דער נאַכטבלוי.

אַ רונד געדרייטע סערפּענטינע האָט געפירט אַרויף צו דער „מצודה״. דערווײַל איז אַ פולע לבנה־שײַן אויפגעגאַנגען, וואָס העכער מיר זענען אַרויף אַלץ העלער איז זי געוואָרן. אַ ווינטל האָט מילד געצערטלט מיט מחיהדיקער פרישקייט. דער נעפּל איז זיך פונאַנדערגערונען און אַ דורכזיכטיקע לויטערקייט האָט דערלויבט דאָס אויג צו גרייכן צו די ווײַטקייטן פון האָריזאָנט.

אויפן סאַמע שפּיץ פון באַרג. דער הימל־געוועלב, די בלאַסע שטערן האָבן דערמאָנט אָן אַלטפרענקישן חופּה־באַדעק פון בלויען פּליוש מיט גאָלדפליטערס

אויסגענייט, די אַראָפּהענגענדיקע שפּיזיקע צווײַגן פון די גאַדלביימער האָבן ווי פּרענדזלען אַרומגעצוימט די ברעגן פון דער הימל־חופּה.

די לבנה־שײַן האָט זילבערדיק באַהעלט דעם צאַרטן פּראָפיל פון מוראס פּנים, אַ שפּילעוודיקער חן האָט געפינקלט אינעם גלאַנץ פון אירע אויגן.

מײַן באַגלייטערין האָט דערציילט עפּיזאָדן פון טויזנטער גרוילן פון אירע איבערלעבענישן: אין געטאָ, אַ געוויסע צײַט אויף דער אַרישער זײַט, שפּעטער מיט די פּאַרטיזאַנער אין די וועלדער פון וואָלין. געפאַרן, טויטשרעק, האָפענונגען, — די אויסגעבענקטע שעה פון באַפרײַונג.

— איך, — האָט מורא דערציילט, — בין געווען די יינגסטע צווישן דער גרופּע אין וואַלד, קוים 17 יאָר אַלט. אויסער איינעם אַ ווײַסרוס האָט קיינער נישט געוווסט, אַז איך בין נישט קיין קריסטין. יעדער ווײַלע האָב איך איבערגעלעבט טויטשרעק, אַז יענער ווײַסרוס זאָל מיך נישט אויסגעבן אָדער שאַנטאַזשירן. צו מײַן מזל האָט ער זיך לגבי מיר אויפגעפירט קאָרעקט. קיין מאָל פלעגן מיר נישט רעדן וועגן דעם, נאָר זײַנע בליקן האָבן געעקבערט, ווי געגעבן אָנצוהערן, — איך וויס. — נאָך הײַנט, ווען איך טראַכט וועגן יענע טעג, בלײַב איך זיצן אין פאַרשטומטן גליווער, איך פיל אויף זיך יענע בליקן...

ליכטרעפלעקסן האָבן געצערטלט איר געשאָטנט געזיכט; יעדער געזיכט־גרימאַס האָט דערציילט, יעדע ווײַלע שטילשווײַגן האָט גערעדט. זי האָט געשילדערט פּרטים, ס׳זאָל נישט פאַרלוירן גיין קיין מינדסטער ניואַנס. ווי פאַר זיך, האָט זי אייניקע מאָל איבערגעחזרט די ווערטער: פרײַ זײַן... ווער קען פאַרשטיין, פילן דאָס גליק פון ווידער לעבן, פרײַ אָטעמען...

היימישע וואַרעמקייט, ייִדישער אומעט האָט געטליעט אין יעדער וואָרט. דער אומעט איז געווען דורכגעדרונגען מיט שפּאַסיקייט, יונגטלעכן הומאָר.

— עס ווילט זיך פאַרגעסן און געדענקען צו גלײַך, זעט ווי שיין דאָ איז. אַלץ קומט מיר פאָר ווי אַ נײַער בראשית.

— וויפל מאָל כ׳האָב זיך צוגעזאָגט מער קיינעם נישט צו באַאומרויקן מיט מײַנע איבערלעבונגען, העלפט עס נישט. ווידער און ווידער וויל איך אויסדערציילן — פלוידערן אָן אַ סוף.

מורא האָט לײַכט אָפּגעווישט איר שטערן, די אַקסלרונדן האָבן פרײַער זיך באַוועגן ווי זי וואָלט זיך באַפרײַט פון אַ לאַסט. דער נערוועזער צאַפּל פון די אַקסלען איז פאַרשוונדן, מער ווײַבעריש איז געוואָרן איר האַלטונג, אויסגעאיידלטער איר פּנים.

אַ צווײַג האָט זיך פונאַנדערגעוויגט ווי אַן אומרו פון אַ וואַנטזייגער און האָט שפּילעוודיק געשאָטנט איבער איר געזיכט, — הין און הער, הין און הער, רויקייט האָט זיך געזעצן אין אירע צעשמייכלטע אויגן, מאַרמאָר־גלאַטיק און מאַט איז געווען די הויט פון איר האַלדז.

— אַ שאָד, האָב איך זיך אָפּגערופן, וואָס דער אַלטיטשקער, דער מאָלער איז איצט דאָ נישטאָ. איצט וואָלט ער באַדאַרפט זען אײַער געזיכט.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן ?
— איר קומט מיר פאָר אַנדערש צו זײַן ווי יענע מורא אין פּאַנסיאָן.
— וואָס הייסט אַנדערש ?
— מאַלעריש אינטערעסאַנטער, אויסדרוקספולער. ס'האָט זיך אַנטפּלעקט דער סוד פון אײַערע לײַדנשאַפטן.

✶

אַן אַלולדיקער אומעט האָט זיך געטראָגן און זיך געשפּרייט צווישן די בערג. ווי אויף די פליגלען פון ווינט, זענען געקומען צו שוועבן פאַרבאָרגענע טענער, אַ ניגון, אַזאַ היימישער ניגון, — אַ ניגון פון סליחות. עס האָט זיך מיר אויס־געוויזן ווי אַ געוועב פון דינע גאָלד־ווײַסע פעדעם שפּינען זיך אין קרישטאָל־דורכזיכטיקן פּיאַלעט, וועלכער טויכט אויף צווישן דער צווײַגן־געדיכטעניש, פאַרצײַטיקע אותיות האָבן זיך באַוויגן, געפּלאָנטערט מיט קבלה־רמזים.
מײַן דמיון האָט מיך אַוועקגעפירט אין אַ צווייטער וועלט, אין אַ ווײַט לאַנד, אין דער סביבה פון קיטעוו און קאָסעוו, אַהין צו, וווּ עס איז געבוירן געוואָרן די בעל־שם־לעגענדע. ס'האָבן זיך פאַרווישט די מחיצות צווישן צײַט־מרחק. די הימל־חופּה האָט אַלץ דערנענטערט, פאַראייניקט — אינטים געמאַכט דעם עבֿר מיט דעם הײַנט.

✶

אין דער קילער פרישקייט פון דער לופט האָב איך נאָר געשפּירט דעם ברי פון אירע ליפּן, דעם צאַפּל פון אירע אַקסלען, דעם פינגער־באַריר אירן אויף מײַן געזיכט. די ביימער האָבן זיך שטיל צעוויגט ווי ייִדן בײַ שמונה־עשרה און דער סליחות־ניגון האָט זיך דערווײַטערט, דערווײַטערט.
אומבאַמערקט האָבן זיך אונדזערע אָרעמס באַפרײַט. ביידע האָבן מיר געוווּסט, דער צווייטער זאָל איבעררײַסן דאָס שווײַגן.

✶

צפת איז שוין געזונקען אין טיפן שלאָף. די לאַדנס פון די פענצטער זענען אומעטום געווען געשלאָסן, נאָר די אָרומיקע בערג האָבן, ווי וועכטער געהיט די פאַרכטיקע שטילקייט.
— איר דערמאָנט אײַך — האָט מורא געפרעגט — דאָס ייִדישע פאָלקסליד :
„עס דרימלט דאָס שטעטל, די לאַדנס פאַרמאַכט, צו מיר, מײַן געליבטער, אין שטיבעלע אַרײַן״.
מיר גייען צוריק. דער וועג צום פּאַנסיאָן פירט אַראָפּ אין דער נידער. דער ריטעם פון אונדזער אָטעם האָט אין דער שטילקייט באַגלייט אונדזערע טריט.

ביאָ־ביבליאָגראַפיע

קירצונגען און ראָשי־תּיבות

א״אַ, א״אַנד	— און אַנדערע
אאַז״וו	— און אַזוי ווײַטער
אויפל׳	— אויפלאַגע
אוניברס׳	— אוניברסיטה
אוניוו׳	— אוניווערסיטעט
א״ט	— אונטערן טיטל
א״י	— ארץ־ישראל
איבערז׳	— איבערגעזעצט, איבערזעצער
א״נ	— אונטערן נאָמען
אַסס״ר	— אַווטאָנאָמע (אויטאָנאָמע) סאָוועטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליק
אַרויסגג׳	— אַרויסגעבער, אַרויסגעגעבן
ב״א	— בוענאָס־אײַרעס
בב׳	— בענד
ד״ז	— דאָס זעלביקע, דער זעלבער
דז״י	— דאָס זעלביקע יאָר
ד״י	— דאָס יאָר
העבר׳	— העברעיִש, העברעיִשער
הוצ׳	— הוצאה
ז׳, זז׳	— זײַט, זײַטן
זמ״ב	— זאַמלבוך
זמ״ה	— זאַמלהעפט
טשערנ׳	— טשערנאָוויץ
יאַנ׳	— יאַנואַר
ייִד׳	— ייִדישער
ייִוו״ק	— ייִדישער וועלט־קאָנגרעס
י—ם	— ירושלים
ייִק״אָ	— ייִדישע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט (פון רוסיש)
ייִק״ק	— ייִדישער קולטור־קאָנגרעס
נ״י	— ניו־יאָרק
מהד׳	— מהדורה
סעקר׳	— סעקרעטאַר
עמ׳	— עמודים
פ״ג	— פאַרלאַג
פוע״צ	— פועלי־ציון
פראָפ׳	— פּראָפעסאָר
פש״אַ, פ״ש	— פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע
ציש״אָ	— צענטראַלע ייִדישע שול־אָרגאַניזאַציע
צוו״אַ	— צווישן אַנדערע
צ״ק	— צענטראַל־קאָמיטעט
צ״ש	— צייטשריפטן
ריאָ	— ריאָ דע זשאַנייראָ
רעד׳	— רעדאַקציע, רעדאַקטאָר
ר״פ	— ראַטן־פאַרבאַנד
ת״א	— תל־אביב

איזנמאן צבי

געבוירן 20סטן סעפטעמבער 1920 אין ווארשע. געענדיקט א ציש״א־שול. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין ראטן־פארבאנד. סוף 1946 צוריקגעקומען קיין פוילן, פרילינג 1947 אפגעשוואומען פון די איטאליענישע ברעגן מיט דער מעפילים־שיף „מולדת״. געכאפט געווארן און פארשיקט קיין ציפערן. 1949 אנגעקומען אין מדינת־ישראל. זיך באזעצט אין קיבוץ יגור. שפעטער אלונים (ביז היינט). דעביוטירט מיט לידער אין ניי־וועלט (ת״א) 1948, דערנאך אריבער צו פראזע. דערשינען אין בוכפארעם: די באן, דערציילונגען, קיבוץ יגור, 1956, 162 זז׳; המסילה, סיפורים, „הקיבוץ המאוחד״, ת״א 1960, 134 זז׳; מזלות, פ״ג י. ל. פרץ, ת״א 1965, 167 זז׳ (אין העברעאיש: „הקיבוץ המאוחד״, ת״א 1969); צווישן גרענעצן, דערציילונגען, „הקיבוץ המאוחד״, ת״א, 1974, 154 זז׳; המספר שאתה מבקש מזמן עלה באש (איבערז׳ פון יידישן כתב־יד), „הקיבוץ המאוחד״, ת״א 1981, 114 זז׳; אין לאנד פון פארגעסן, דערציילונגען און בילדער, קיבוץ אלונים 1983, 91 זז׳.

אסיא

געבוירן אין ווילנע. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין ראטן־פארבאנד. 1946 זיך רעפאטריירט קיין פוילן. עולה געווען אין 1951. פארענדיקט א טעאטער־שול. 1955—1956 געשפילט אין „הבימה״. ערשטע לידער פארעפנטלעכט 1948 אין דער לאדזשער יידישער פרעסע: דאס נייע לעבן, באפרייאונג, ארבעטער־צייטונג; זיך באטייליקט אין זמ״ב נידערשלעזיע (ווראצלאוו 1949); אין ישראל: די גאלדענע קייט, ביי זיך (ת״א), ירושלימער אלמאנאך א״א. דערשינען אין בוכפארעם: צווייגן־ציטער (לידער), הקדמה: יעקב גלאטשטיין, „המנורה״, ת״א 1972, 110 זז׳; נייט קיין אלבאטראס, לידער, „ישראל־בוך״, ת״א 1981, 77 זז׳.

אשעראוויטש הירש

געבוירן 25סטן יוני 1908 אין פאנעוועזש, ליטע. פארענדיקט א „תרבות״־גימנאזיע און אין 1933 דעם יורידישן פאקולטעט פון קאוונער אוניווערסיטעט. ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה געארבעט אין פארשיידענע יידישע צייטונגען, די לענגסטע צייט — אין קאוונער אידישע שטימע. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה געלעבט אין סאוועט־רוסלאנד. סוף 1944 צוריקגעקומען קיין ליטע. 2טן יולי 1949 ארעסטירט אין ווילנע און פארמישפט געווארן אויף 10 יאר צוואנגלאגער פאר „אנטיסאוועטישער נאציאנאליסטיש־ציוניסטישער טעטיקייט״. נאך 7 יאר עבודת־פרך רעהאביליטירט און זיך צוריקגעקערט קיין ווילנע. עולה געווען אין 1971. דערשינען אין ישראל, אין בוכפארעם: צווישן בליץ און דונער, לידער און פאעמעס, פארטרעט פון מחבר: מ. מילבערגער, פ״ג י. ל. פרץ, ת״א 1973, 380 זז׳; מיין פאנעוועזש (צוזאמען מיט דער איבערז׳ אין עברית פון שלונסקי, פוניבז׳ שלי), „איגוד יוצאי פוניבז׳ בישראל״, ת״א 1974, 30 זז׳; אין דער וועלט פון עקדות, לידער און פאעמעס, „המנורה״, ת״א 1975, 176 זז׳; אוחז הליל סכין כחולה, שירים, „הקיבוץ המאוחד״ ו„אגודת הסופרים העברים״, ת״א תשל״ו, 60 זז׳; געזאנג אין לאבירינט, לידער און פאעמעס, הילע: צ. קיפניס, „ישראל־בוך״, ת״א 1977, 316 זז׳; בלויע בומעראנגען, לידער און פאעמעס, „ישראל־בוך״, ת״א 1979, 232 זז׳; חנך־פאעמעס, „רשפים״, ת״א 1979,

175 זז׳; בײַם עץ־הדעת, לידער, „ישראל־בוך", ת״א 1981, 210 זז׳; װוּנדיקער בטחון, „ישראל־בוך", ת״א 1987, 216 זז׳.

באַסמאַן (בן־חיים) רבקה

געבוירן 1925 אין װילקאָמיר, ליטע. געלערנט אין אַ ייִדישער פֿאָלקשול און ליטװישער גימנאַזיע. בעת דער צװייטער װעלט־מלחמה אין װילנער געטאָ און צװאַנגלאַגער פֿאַר פֿרויען. נאָך דער באַפֿרײַונג זיך באַטייליקט אין דער „בריחה"־באַװעגונג אין אייראָפּע. עולה געװען זומער 1947 און זיך באַזעצט אין נײַ־געגרינדעטן קיבוץ המעפּיל. אָנטייל גענומען אין דער באַפֿרײַונג־מלחמה („הגנה"). פּאַרענדיקט אַ סעמינאַר און געאַר־בעט װי אַ לערערין אין קיבוץ. 1961 אויף אַ קורס פֿון ענגלישער שפּראַך און ליטע־ראַטור אין קאָלומביאַ־אוניװערסיטעט. 1963—1965 אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, אין דער ישראל־אַמבאַסאַדע, מיט איר מאַן, דעם מאָלער מולה בן־חיים װי קולטור־אַטאַשע. מיטגרינדערין פֿון דער גרופּע „יונג־ישראל". אָנגעהויבן שרײַבן לידער אין געטאָ און לאַגער, זיך געדרוקט 1945—1947 אין זשורנאַלן פֿון דער שארית־הפּליטה אין אייראָפּע און נאָך דער עליה אין די גאַלדענע קייט, בײַ זיך, ישראל־שטימע (ת״א); סביבה (נ״י) א״אַ; פֿאַרטראַטן אין אַנטאָלאָגיעס און זמ״ב. דערשינען אין בוכפֿאָרעם: טױבן בײַם ברונעם, לידער, פֿ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1959, 112 זז׳; בלעטער פֿון װעגן, לידער, צייכענונגען: מולע בן־חיים, „ישראל־בוך", ת״א 1967, 122 זז׳; ליכטיקע שטיינער, לידער, הילע: מולע בן־חיים, „ישראל־בוך", ת״א 1972, 80 זז׳; צעשאָטענע קרעלן, לידער, הילע און פּאָרטרעט פֿון מחבר: מולע בן־חיים, „ישראל־בוך", ת״א 1982, 112 זז׳; אַנדערן די צײַט, לידער, „ישראל־בוך", ת״א 1988, 144 זז׳.

בוימװאָל רחל

געבוירן אין אָדעס, אוקראַינע. איר פֿאָטער, ייִדישער דראַמאַטורג און רעזשיסאָר, איז דערמאָרדעט געװאָרן פֿאַר אירע אויגן בעת די אַנטי־ייִדישע פּאָגראָמען אויף אוקראַינע אין 1920. פֿון 6־יאָריקן עלטער, מיט איר מוטער און שטיפֿפֿאָטער, אין מאָסקװע. צו 9 יאָר געדרוקט לידער אין דער מאָסקװער ייִדישער קינדער־פּרעסע (פּיאָנער, זײַ גרייט א״אַנד.). צו 15 יאָר אַרויסגעגעבן דאָס ערשטע לידערביכל. אין 1930 פֿאַרענדיקט אַ מוזיק־טעכניקום און אין 1936 — דעם ליטעראַרישן פֿאַקולטעט, רוסישע אָפּטיילונג, פֿון 2טן מאָסקװער מלוכה־אוניװערסיטעט. דעם זעלביקן יאָר אַריבערגעפֿאָרן קיין מינסק, צוזאַמען מיט איר מאַן דעם פּאָעט זיאַמע טעלעסין און זייער קינד. זיך באַשעפֿטיקט מיט ליטעראַרישער אַרבעט. 1941 צוריק אין מאָסקװע. געשריבן ייִדיש און רוסיש. עולה געװען אין 1971. דערשינען אין די פֿאַרלאַגן פֿון מאָסקװע און מינסק איבער צװיי צענדליק ביכלעך אין רוסיש און 6 אין ייִדיש: קינדער־לידער, צענטרפֿאַרלאַג, מאָסקװע 1930, 32 זז׳; לידער, מעלוכע־פֿאַרלאַג, מינסק 1936, 80 זז׳; װײַנשל־ביימער בליען, מעלוכע־פֿאַרלאַג, מינסק 1939, 82 זז׳; לידער, „דער עמעס", מאָסקװע 1940, 80 זז׳; קינדער־מעשהלעך, „דער עמעס", מאָסקװע 1941; ליבשאַפֿט, לידער, „דער עמעס", מאָסקװע 1947, 144 זז׳; דערשינען אין ישראל: אויסגעבענקט, לידער, פֿ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1972, 200 זז׳; אַמאָל איז געװען אַ העלפֿאַנד, מיניאַטורן, מעשהלעך פֿאַר גרויס און קליין, פֿ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1973, 174 זז׳; חמישים אגדה ואגדה, מיידיש: שלמה אבן־שושן, הוצאת אגודת הסופרים העברים, ת״א 1973, 100 זז׳; סטיכי ראַזניך לעט (רוסיש), „אייגנס", ירושלים 1976; פֿון ליד צו ליד, „אייגנס", ירושלים 1977, 214 זז׳; דרײַ העפֿטן, לידער, „אייגנס", ירושלים 1979, 178 זז׳; אַליין דאָס לעבן, לידער, אַרויסג׳

ביאָ־ביבליאָגראַפיע

„הורוויץ־פאָנד", ירושלים 1983, 184 זז׳; מײַן יידיש, לידער, הילע: י. רײַזמאַן, פ"ג י. ל. פרץ, ת"א 1988, 205 זז׳.

בוסתן אַריה

געבוירן 1913 אין לאַפּי, אַ שטעטל לעבן ביאַליסטאָק, פּוילן. אין 1932 עמיגרירט קיין לאַטײַן־אַמעריקע. שטודירט און זיך פאַרנומען מיט זשורנאַליסטישער אַרבעט. עולה געווען אין 1949, געאַרבעט אין ווייצמאַן־אינסטיטוט, דערנאָך אין אויסערן־מיניס־טעריום. פיר יאָר געווען קולטור־אַטאַשע אין אַרגענטינע, שפּעטער — אַמבאַסאַדאָר אין אייניקע לאַטײַן־אַמעריקאַנער לענדער און גענעראַל־קאָנסול אין דרום־אַפריקע. דעביוטירט מיט אַרטיקלען און לידער אין דער שפּאַנישער פּרעסע, מיטגעאַרבעט אין די יידישע צײַטשריפטן פון דרום־אַמעריקע און ישראל. דערשינען אין יידיש, אין בוכפאָרעם: געווען אַ הויז אין פּוילן, לידער, מעקסיקע 1945, 155 זז׳; חיים ווייצמאַן, לעבן און ווערק, „המנורה", ת"א 1963, 458 זז׳.

בילעצקי ישראל־חיים

געבוירן דעצעמבער 1914 אין קאָברין, פאַרענדיקט אַ העברעיִשע גימנאַזיע אין פּרוזשאַנע. געווען טעטיק אין „השומר־הצעיר" און „החלוץ". פון 1935 אין ישראל. אויסגעפירט קולטור־שליחותן אין צפון־ און דרום־אַמעריקע, דרום־אַפריקע און אייראָפּע. לעקטאָר פון יידישער ליטעראַטור אין תל־אביבער אוניווערסיטעט (במשך 10 יאָר), באַקומען דאָקטער־טיטל אין תל־אביבער אוניווערסיטעט פאַר דער דיסער־טאַציע „די וויזיאָנערישע דראַמאַטורגיע פון ה. לייוויק", אונטער דער אויפזיכט פון פּראָפ׳ דב סדן. לעקטאָר אין בר־אילן־אוניווערסיטעט, בײַ דער יידיש־קאַטעדרע פאַר פאָלקלאָר און יידישער ליטעראַטור. לעקטאָר אין סעמינאַר בית־העמלין. שרײַבט אין ביידע שפּראַכן, באַטייליקט זיך מיט עסייען און אַרטיקלען אין דער יידישער און העברעיִשער פּרעסע אין לאַנד און אויסלאַנד. דערשינען אין בוכפאָרעם: אומרן, 1937, 102 זז׳: שוועלן, לידער, ת"א 1938, 80 זז; וויי און גלויבן, לידער, ת"א 1944, 32 זז׳; יידישע ווערטער, „פאַר זיך", ת"א 1948, 80 זז׳; אַ מזמור דעם טאָג — מזמור ליום, לידער (העבר׳ איבערז׳ — מ. אמיתי), „אייגנס", ת"א 1957, 91 זז׳; מײַנע ווײַסע טויבן, לידער, ב"א 1962, 148 זז׳; השיר והמשורר (וועגן א. סוצקעווער), פ"ג י. ל. פרץ, ת"א 1962, 112 זז׳; מסות — בשבילי ספרות יידיש, „גזית", ת"א 1960—1963 (2 בענד); לידער צום מענטש, „המנורה", ת"א 1967, 559 זז׳; ח. נ. ביאַליק יידיש, פ"ג י. ל. פרץ, ת"א 1970, 162 זז׳; 71 לידער, „המנורה", ת"א 1973, 141 זז׳; בײַם קוואַל פון קאָצק, פּאָעמע, „ישראל־בוך", ת"א 1975, 177 זז׳; איציק מנגר, פרקי מסה, „ישראל־בוך", ת"א 1976, 385 זז׳; אחר, פּאָעמע, פ"ג י. ל. פרץ, ת"א 1977, 104 זז׳; אלהים, יהודי, שטן ביצירת יצחק בשביס־זינגר, „ספרית פועלים", ת"א 1979, 150 זז׳; שורות זעכצן, לידער, „נײַ לעבן", ת"א 1980, 151 זז׳; אריאל אין דער אַלטער היים, פּאָעמע, פ"ג ה. לייוויק, ת"א 1981, 112 זז׳; אברהם ליעסין — משורר, מסאי, עורך, „מועדון בית ליסין", ת"א 1981, 29 עמ׳; בקהל חכמים — אני אתה וחלם, „גזית", ת"א 1981, 172 עמ׳; שורות צוואַנציק, פון דער סעריע: לידער פון צווייטן גלגול, פ"ג ה. לייוויק, ת"א 1982, 104 זז׳; 40 באַלאַנען [פּאָעמעס], „ישראל־בוך", ת"א 1985, 45 זז׳; פרוזדור וטרקלין בבית יידיש, מסות, „פפירוס", ב"ה באוניברסיטת ת"א, 1988, 276 זז; דרײַ לעגענדאַרע געשטאַלטן אין דער יידישער ליטעראַטור, משיח, אליהו הנביא, בעל־שם־טוב, עסייען, „ישראל־בוך", ת"א 1988, 119 זז׳; ליריקערס אין דער יידישער ליטעראַטור, ערשטער באַנד, פ"ג י. ל. פרץ, ת"א 1988, 168 זז׳.

בירשטיין יאָסל

געבוירן 1920 אין ביאַלאַ פּאָדלאַסקאַ, פּוילן. 1937 עמיגרירט קיין מעלבורן, אויס־טראַליע. עולה געווען מיט זײַן פֿרוי און טאָכטער אין 1949. בילדונג: חדר, פֿאָלק־שול, ביכער. מלאָכות: קאָמאַשן־שטעפּער, שנײַדער, פֿאַרטאַרבעטער. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה געדינט 4 יאָר אין דער אויסטראַלישער אַרמיי. נאָך דער מלחמה: זשורנאַליסט, סעקרעטאָר פֿון דער יידישער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק „קדימה" אין מעלבורן. אין ישראל: פֿאַסטעך אין קיבוץ גבת, באַאַמטער אין אַ באַנק, איצט — אַרכיוויסט אין די יידישע אַרכיוון פֿון דער נאַציאָנאַלער ביבליאָטעק בײַם העברעישן אוניווערסיטעט אין ירושלים. געדרוקט זײַנע דערציילונגען אין די גאָלדענע קייט, בײַ זיך, ירושלימער אַלמאַנאַך. דערשינען אין בוכפֿאָרעם: אונטער פֿרעמדע הימלען, לידער, הילע און צייכענונגען: יאָסל בערגנער, אַרויסג' מיט דער הילף פֿון דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „קדימה", מעלבורן 1949, 77 זז'; אויף שמאָלע טראָטואַרן, ראָמאַן, פֿ"ג י. ל. פּרץ, ת"א 1958, 300 זז'; אַ מאַנטל פֿון אַ פּרינץ, דערציילונגען, הילע: יאָסל בערגנער, פֿ"ג י. ל. פּרץ, ת"א 1969, 166 זז'; דער זאַמלער, ראָמאַן, פֿ"ג „ספרי סימן קריאה" און „הקיבוץ המאוחד", ת"א 1985, 224 זז'; אין העברעיש: במדרכות הצרות, רומן, מיידיש: מ. רביד, שער: אודרי ברגנר, הוצאת „המתמיד", ת"א 1959, 216 זז'; נסיעתו הראשונה של רולידר, רומן, מיידיש: נסים אלוני ויוסל בירשטיין. שער ואיורים: יוסל ברגנר, „ספרית הפועלים", ת"א 1970, 138 זז'; ציפייה ועוד סיפורים, מיידיש: נסים אלוני, יוסל בירשטיין ואחרים. שער: יוסל ברגנר, ספרית „תרמיל", ירושלים 1966, 141 זז'; המוטבים, מיידיש: מנחם פרי, „ספרי סימן קריאה" ו„הקיבוץ המאוחד", ת"א 1982, 156 זז' (מהד' השנייה: תחת שם „הבורסה"); סיפורים קטנים, הוצאת „גשר", ת"א 1985, 64 זז'; כתם של שקט, סיפורים קצרים, „כתר", ירושלים 1986, 240 זז' (די לעצטע צוויי האָט דער מחבר געשריבן אין העברעיש).

בנימין ה.

ה. בנימין איז דער פּסעוודאָנים פֿון בנימין הרשב (פֿריִער הרושאָווסקי). געבוירן אין ווילנע 1928. 1941—1946 אין ראַטן־פֿאַרבאַנד, געענדיקט דאָרט אַ מיטלשול און שטו־דירט מאַטעמאַטיק. 1946—1948 אין דער יוגנט־באַוועגונג אין אייראָפּע „דרור — החלוץ הצעיר", מיטרעדאַקטאָר פֿון די זשורנאַלן „להבות" און „דרור" (יידיש און העברעיש). געקומען קיין ישראל מיט אַ העפּלה־שיף, 1948. בעת דער באַפֿרײַונגס־מלחמה — אין 5טן גדוד פֿון פּלמ"ח. 1949—1957 שטודירט יידישע און העברעישע ליטעראַטור און יידישע געשיכטע אין העברעישן אוניווערסיטעט, 1957—1960 — אַלגעמיינע ליטעראַטור אין יעל־אוניווערסיטעט, פּש"א. לעקטאָר אין תל־אָביבער אוניווערסיטעט, בראָש פֿון דעם פֿאַרטער־אינסטיטוט פֿאַר פּאָעטיק און סעמיאָטיק, און פֿון 1987 — פּראָפֿעסאָר פֿאַר העברעישער ליטעראַטור אין יעל־אוניווערסיטעט, פּש"א. פֿאַרעפֿנטלעכט לידער אין די גאָלדענע קייט, איבערגעזעצט אויף העברעיש די פּאָעטישע שאַפֿונגען פֿון אַברהם סוצקעווער, א. גלאַנץ־לעיעלעס, משה לייב האַלפּערן, יעקב גלאַטשטיין א"אַנד. די איבערזעצונגען זענען דערשינען אין בוכפֿאָרעם אין די פֿאַרלאַגן פֿון „מוסד ביאַליק" און „סימן קריאה". אַרויסגעגעבן צוזאַמען מיט זײַן פֿרוי אַן אַנטאָלאָגיע פֿון דער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע (קאַליפֿאָרניע־אוניווערסיטעט, 1986, 850 זז'). אין 1948 אַרויסגעגעבן (אין דײַטשלאַנד) אַ ביכל לידער א"ב שטויבן.

בערקמאן יונה

געבוירן 1904 אין אשמענע, ווילנער געגנט. געלערנט אין חדרים און ישיבות. 1924 פארענדיקט די ווילנער יידישע רעאל־גימנאזיע. 1926—1927 געדינט אין דער פויליש־ער ארמיי. פאטאגראף אין גלובאק, לעבן ווילנע. 1941 אנטלאפן קיין רוסלאנד, שטודירט מעטאלורגיע, געארבעט ווי אינזשעניר אין מעטאלורגישן קאמבינאט פון מאגניטאגארסק. 1946 צוריקגעקומען קיין פוילן, געווען לייטער פון בילדונג־אפטייל ביים יידישן קאמיטעט אין שטשעטשין, עולה געווען אין 1950. לערער פון פיזיק און מאטעמאטיק. אנגעהויבן שרייבן לידער צו 18 יאר, דעביוטירט ערשט אין 1964. דערשינען אין בוכפארעם: המשך, פ״ג י. ל. פרץ, ת״א 1971, 176 זז׳; ווייפרייד, פ״ג י. ל. פרץ, ת״א 1977, 158 זז׳; לידער, איבערזעצונגען פון י. צ. רמונס העבר׳ לידער, „ישראל־בוך״, ת״א 1983, 101 זז׳; נאך טליעט דער סנה, אריינפיר פון י. יאנאסאוויטש, „ישראל־בוך״, ת״א 1988, 203 זז׳.

בראט יצחק

געבוירן 1910 אין ראפאלאווקע, וואלין, מערב־אוקראינע. פארענדיקט א חדר, מיטלשול, האנדלסקורסן; אקטיוו אין די יידישע קולטור־געזעלשאפטלעכע טעטיקייטן פון וואליע, סעקרעטאר פון דער יידישער קהילה. דעביוטירט מיט רעפארטאזשן, נאוועלעס און סקיצעס אנהייב 30ער יארן אין דער וואלינער יידישער פרעסע, קארעספאנדענט פון ווארשעווער מאמענט און ווארשעווער ראדיא. אנהייב צווייטע וועלט־מלחמה אנטלאפן קיין רוסלאנד. 1946 צוריקגעקומען קיין פוילן. אין זעלביקן יאר אריבערגעפארן קיין דייטשלאנד, פארנומען דעם אמט פון גענעראל־סעקרעטאר אין דער לאגער־פארוואל־טונג היידנהיים, ביי שטוטגארט. 1947—1950 מיטארבעטער אין די יידישע צייטונגען פון דער שארית־הפליטה אין דייטשלאנד דאסווארט און אונדזער וועג. עולה געווען אין 1951. מיטרעדאקטאר אין דאס ווארט, די צייט (מפא״י). 1954 אריבער אין די לעצטע נייעס — נייס־רעדאקטאר, רעדאקציע־סעקרעטאר און, ביז היינט, רעדאקטאר פון דער צייטונג. חוץ די וועכנטלעכע פעליעטאנען, פארעפנטלעכט אין דער צייטונג ראמאנען (אין המשכים) אונטער די פסעוודאנימען י. דין און א. שיינבערג. געשריבן הומאריסטישע מאנאלאגן און סקעטשן פארן דזשיגאן־טעאטער און די קליינקונסט־בינעס אין ישראל. דערשינען אין בוכפארעם: אין היימישן שפיגל, „המנורה״, ת״א 1974, 382 זז׳; אראפגעלאכט פון הארצן, „המנורה״, ת״א 1976, 335 זז׳.

גורין משה

פען־נאמען פון משה גורעוויטש. געבוירן 1921 אין ווילנע. געענדיקט א יידיש־וועלטלעכע שול. מלחמה־צייט אין ווילנער געטא, און בעת דער ליקווידאציע (סעפ־טעמבער 1943) פארשיקט געווארן אין א קאנצענטראציע־לאגער אין ריגע. נאך דער באפרייונג, 1945—1947, אין שטאקהאלם, שוועדן. עולה געווען אין 1947. פארענדיקט א לערער־סעמינאר, לערער און מנהל פון א מיטלשול. פארעפנטלעכט זיינע לידער אין יידישע צייטונגען און זשורנאלן: וויא־טועדיא (שטאקהאלם); אונדזער קיום (פאריז); יידישע קולטור (נ״י); די גאלדענע קייט (ת״א) א״אנד. דערשינען אין בוכפארעם: די גרינע בריק, לידער, פ״ג י. ל. פרץ, ת״א 1966, 96 זז׳; מיט זיבן אויגן, לידער 1966—1971, „המנורה״, ת״א 1973, 96 זז׳; ווו זונען טרעפן זיך, לידער, פ״ג י. ל. פרץ, ת״א 1987, 96 זז׳.

גלילי־גלאַצער דוד

געבוירן 1925 אין ניזשנעוו, פּוילן. 1941 אַנטלאָפן קיין סאָוועט־רוסלאַנד. 1943—1948 אין דער רויטער אַרמיי. געענדיקט פאַקולטעט פון רוסישער שפּראַך און ליטעראַטור אין אַ לעניגראַדער אוניווערסיטעט. געווען לעקטאָר אין אַן אָווענט־אוניווערסיטעט. 1958 געקומען קיין פּוילן און 1961 קיין ישראל. געדרוקט לידער און אַרטיקלען אין פאָלקסשטימע, וואַרשע, לעצטע נייעס און גאָלדענע קייט, ת״א. דערשינען אין בוך־פאָרעם: בײַם קוואַל (לידער), פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1963, 62 זז׳.

גראַנאַטשטיין יחיאל

געבוירן 1913 אין לובלין, פּוילן. געלערנט אין חדר, בתי־מדרשים, „שטיבלעך" און בײַ ספּעציעלע מלמדים. גלײַכצײַטיק געענדיקט עקסטערן אַ מיטלשול. 1941—1942 אונטער דער דײַטשישער אָקופּאַציע אין סלאָנים. בעת דער שחיטה אין 1942, אַוועק אין וואַלד. געווען אַ פּאַרטיזאַנער. אָנהייב 1945 צוריקגעקומען קיין פּוילן, זיך אויפֿ־געהאַלטן אין לאָדזש. זומער 1946 ביז 1950 — אין פּאַריז, פראַנקרײַך. עולה געווען אין יוני 1950 מיט זײַן פרוי און קינד. אָנגעהויבן שרײַבן פאַר דער מלחמה, געדרוקט דערציילונגען אין דאָס יידישע טאָגבלאַט (אָרגאַן פון „אגודת ישראל", וואַרשע) א״אַנד פּעריאָדישע אויסגאַבעס. נאָך דער מלחמה — רעדאַגירט אין פּאַריז אַ וואָכנ־בלאַט בשער. אין ישראל — זיך געדרוקט אין די לעצטע נײַעס, הצופה, שערים. צוזאַ־מען מיט משה קאַגאַנאָוויטש אַרויסגעגעבן דעם לכסיקון הגבורה, וועגן געפאַלענע יידישע פּאַרטיזאַנערס (יד־ושם, ירושלים 1965—1968, צוויי בענד, 213, 251 זז׳); אין די יאָרן 1981—1986 אַרויסגעגעבן פיר גראָב־בענדיקע פאַרשאַרבעטן א״ט תלמידי הבעל־שם־טוב בארץ־שראל, ארץ־שראל של מעלה (צוויי בענד), און השביל והדרך. פּראָזע־שאַפונגען אין בוכפאָרעם: איך האָב געוואָלט לעבן, אַרויסג׳ יידישער פּען־קלוב אין פראַנקרײַך, פ״ג צעראַטאַ, פּאַריז 1950, 210 זז׳; יהודי ביער, מיידיש — ב. גינטון, „מורשת", ת״א 1955 (דאָס זעלביקע איבערגעזעצט דורכן מחבר, פ״ג „מאור", ת״א 1981, 246 זז׳; דערשינען אויך אין ענגלישער איבערז׳); אורות מאופל (געשריבן אין עברית), „קרית ספר", י—ם 1958, 258 זז׳; שמש בענן (דער־ציילונגען), „מוסד הרב קוק", י—ם 1975, 235 זז׳; פרעמדע פעלדער — אייגענע ערד (דערציילונג), פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1979, 215 זז׳; הוד וגבורה, דערציילונג וועגן ראַדאָשיצער רבין אין געטאָ און לאַגערן, „מכון זכר נפתלי", ת״א — ב״ב 1987, 220 זז׳.

העלער בינם

געבוירן 1908 אין וואַרשע, פּוילן. געלערנט אין חדר און ישיבה. פון 1937 ביז מיי 1939 געלעבט אין בעלגיע און פּאַריז, ערב־מלחמה צוריקגעקומען קיין וואַרשע. סעפּטעמבער 1939, בעת דעם דײַטשן אָנפאַל אויף פּוילן, אַוועק קיין ביאַליסטאָק אין דאָרט געלעבט ביז יוני 1941, שפּעטער זיך אויפגעהאַלטן אין אַלמאַ־אַטאַ און מאָסקווע. זומער 1947 צוריקגעקומען קיין פּוילן און געוואָרן אָנפירער פון דער ליטעראַטור־און קונסט־אָפּטיילונג בײַם צענטראַלן יידישן שרײַבער־פאַראיין. פון פעברואַר 1957 — אַ תושב אין מדינת־ישראל. דעביוטירט אין ליטעראַרישע טריבונע, לאָדזש 1930, זיך באַטייליקט אין די יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס פון פּוילן ביז און נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה. רעדאַקטאָר פון דער ליטעראַרישער אָפּטיילונג פון ביאַליסטאָקער שטערן (1939—1941), ביז דער היטלער־אַגרעסיע; ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון דאָס נײַע לעבן, יידישע שריפטן אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן און רע־דאַקטאָר פון דער אַנטאָלאָגיע דאָס ליד איז געבליבן, וואַרשע 1951, 264 זז׳ (געמט

אַרײַן לידער פון 36 ייִדישע דיכטערס פון פוילן, וואָס זענען אומגעקומען בעת דער היטלערישער אָקופּאַציע). דערשינען אין בוכפאָרעם: דורך שטאָכעטן, לידער, ווארשע 1932, 64 זז׳; אין אומרו פון טעג, וואַרשע 1933, 31 זז׳; אויפן ווינט, לירישע פּאָעמעס וועגן אַרבעטער־ליבע, וואַרשע 1936, 42 זז׳; לידער, מינסק 1940, 114 זז׳; די ערד האָט געציטערט, לידער, מאָסקווע 1947, 112 זז׳; דער וועג אויף וואַרשע, פּאָעמע, מאָסקווע 1948, 122 זז׳ (צווייטע אויפלאַגע: „ייִדיש־בוך״, וואַרשע 1955); דורך שאָטן און שײַן, לאָדזש 1948, 224 זז׳; אַ פרילינג אין פוילן, לידער, וואַרשע 1950, 92 זז׳; היימערד, לידער, וואַרשע 1951, 166 זז׳; אין אונדזער צײַט, לידער, וואַרשע 1954, 148 זז׳; דאָס ערשטע ליד, וואַרשע 1956, 97 זז׳; קלאָרקייט, וואַרשע 1957, 178 זז׳; בײַם ראַנד, פ״ג „קרית־ספר״, י—ם 1957, 97 זז׳; נײַע לידער, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1964, 157 זז׳; דור און דויער, לידער, „המנורה״, 1967, 171 זז׳; אַ בוים אין אוונט, לידער, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1971, 155 זז׳; אין וואַרשעווער געטאָ איז חודש ניסן, לידער, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1973, 157 זז׳; ביחידות, לידער, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1975, 94 זז׳; דאָס צוגעזאָגטע אָרט, לידער, הילע: מ. בערנשטיין, בילד פון מחבר: אַ. באָגען, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1978, 109 זז׳; דיי וועלן אויפשטיין, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1984, 152 זז׳.

וואַלדמאַן משה

געבוירן מאַרץ 1911 אין אָזאָרקאָוו, פוילן. געלערנט אין חדר און אין אַ פּוילישער פאָלקשול. 1927—1931 אין לאָדזש, שפּעטער — פּאַריז און בריסעל. 1933 צוריק־געקומען קיין פוילן. טעטיק אין דער פּוע״צ־באַוועגונג. 1939, בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע אַוועק קיין ביאַליסטאָק. פאַרשיקט געוואָרן קיין קאָמי אסס״ר. 1946 צוריקגעקומען קיין לאָדזש, 1949 אַוועק קיין פּאַריז. טעטיק אין ייִדישן ליטעראַטן־פאַראיין און „קולטור־קלוב״ פון פּאַריז. געפינט זיך אָפּט אין ישראל. דעביוטירט 1932 אין אַרבעטער־וואָרט (בריסעל) מיט אַן אַרטיקל און אין די אידישע וועלט (פילאַדעלפיע) מיט אַ ליד. געדרוקט זײַנע לידער אין צײַטונגען און זשורנאַלן. רעדאַגירט צוזאַמען מיט י. ראָטענבערג די פרײַע יוגנט (לאָדזש 1947), לאָמיר קינדער לערנען (וואַרשע), פאַר אונדזערע קינדער (פּאַריז), צונויפגעשטעלט און רעדאַגירט דעם זמ״ב ה. לייוויק, פּאַריז 1979, 124 זז׳ א״אַ. דערשינען אין בוכפאָרעם: פאַרטונקלטע פרימאָרגנס, אילוסטראַציעס: י. טינאָוויצקי, וואַרשע 1938, 80 זז׳; הונדערט יאָר שמעון דובנאָוו, פּאַריז 1961; גאַנג אַרויף צו ירושלים, פּאָעמע, 1976, 24 זז׳; איינער פון מאָנפּאַר־נאַס, מאָנאָגראַפיע וועגן קינסטלער ז. שרעטער, פּאַריז 1976, 108 זז׳; פון אַלט וויטן, לידער, פ״ג ה. לייוויק, פּאַריז־ת״א 1980, 366 זז׳; פאַרפרוירענע שטערן — כוכבים שקפאו, געקליבענע לידער, העבר׳ איבערז׳: ק. א. ברתיני, „ברק״, ת״א 1985, 55 זז׳; בהק של חלום, ת״א תשמ״ו.

וואַרזאַגער שלמה

געבוירן דעצעמבער 1917 אין כעלעם, פוילן. דאָרט געענדיקט די ייִדישע רעאַל־גימנאַזיע. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין ראַטן־פאַרבאַנד (מיטל־אַזיע). נאָך דער מלחמה — צוריק קיין פוילן, פון פוילן קיין מערב־דײַטשלאַנד, עולה געווען אין 1949. באַזוכט דעם פאַקולטעט פון פילאָסאָפיע און הומאַניסטיק בײַם תל־אביבער אוניווערסיטעט. דעביוטירט אין 1933 מיט אַ ליד אין דער צײַטשריפט פרײַע יוגנט, אין 1936 פאַרעפנטלעכט לידער אין וואַרשעווער פרײַנד, און אין ישראל זיך גע־דרוקט אין די גאָלדענע קייט, ביי זיך, ישראל־שטימע, לעצטע נײַעס א״אַנד. דער־

שינען אין בוכפאָרעם: זײַן, לידער, מינכען 1948, 64 זז׳; ברויט, ראָמאַן, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1960, 184 זז׳; זאַמד, ראָמאַן, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1963, 256 זז׳; גורלות [ראָמאַן], „המנורה״, ת״א 1967, 198 זז׳; יאַרן [ראָמאַן], פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1973, 168 זז׳; דאָ גייט אויף די זון, לידער, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1975, 125 זז׳; תשע סיפורים, תירגם מיידיש: מ. יונגמאַן, הוצ׳ ספרים מ. ניומן, ת״א 1979, 158 זז׳; הי, ראָמאַן, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1982, 211 זז׳; אַזוי צו זאָגן, עסייען, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1985, 366 זז׳; יאַמערגעזאַנג, פּאָעמע, פּאָרטרעט און צייכענונגען: מ. בערנשטיין, „ישראל־בוך״, ת״א 1987, 129 זז׳; יוני 1941, באַוועלע, „ישראל־בוך״, ת״א 1988, 144 זז׳.

ווערבער שפרה

געבוירן 1908 אין ווילנע. 1926 פאַרענדיקט די ווילנער יידישע רעאַל־גימנאַזיע. דעם זעלביקן יאָר עמיגרירט קיין בעלגיע. שטודירט אין גענטער הויכשול, געווען אַקטיוו אין די אַרבעטער־ און קולטור־אינסטיטוציעס פון לינקע פּועל־צ אין בריסעל, לערערין אין די יידישע צוגאָבשולן. בעת דער דײַטשישער אָקופּאַציע (1940—1944) געווען טעטיק אין דער יידישער ווידערשטאַנד־באַוועגונג אין בעלגיע, לערערין אין די יידישע שולן בײַ דער יידישער קהילה, טעטיק אין דער אָפּטיילונג (בײַם בעלגישן אומאָפּהענגיקייט־פראָנט) וואָס האָט זיך פאַרנומען מיט ראַטעווען יידישע קינדער און זיי אויסבאַהאַלטן בײַ בעלגישע משפחות, מיטאַרבעטערין אין דער יידישער אומלעגאַלער פּוע״צ־צײַטונג אונדזער וואָרט. עולה געווען אין 1954 צוזאַמען מיט איר מאַן אבוש ווערבער און זון משה. פון 1956, במשך 15 יאָר, געאַרבעט אין תל־אביבער אָפּטייל פון „יד־ושם״, שטודירט פיר יאָר אין תל־אביבער פאָלקס־אוניווערסיטעט. דעביוטירט מיט אַ ליד אין קינדער־זשורנאַל פון דער ווילנער רעאַל־גימנאַזיע אין 1925. דערשינען אין בוכפאָרעם: ניסעלעס טרער, קינדער־פּאָעמע, בריסעל 1950, 46 זז׳; דמעתו של איציק, צוויי קינדער־פּאָעמעס, איבערגעזעצט אויף עברית: י. אָרלאַנד, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1963, 44 זז׳; וווּנד אין בלי, לידער, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1968, 94 זז׳; אויף גראָז און לײַם, לידער, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1976, 103 זז׳; זכרון אין שפּיגל, לידער, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1984, 120 זז׳.

ווײַנינגער פריד

געבוירן 1915 אין טשערנאָוויץ, בוקאָווינע. געווען טעטיק אין „השומר־הצעיר״ און „יוגנט־בונד״. 1940 אַנטלאָפן פון רומעניע קיין יוגאָסלאַוויע און פון דאָרט קיין ניו־יאָרק. לערער אין די „אַרבעטער־רינג״־שולן, מאָלער, סעקרעטאַר פון יידישן פּען־קלוב אין ב״י. עולה געווען אין 1968. אָנגעהויבן שרײַבן אין 1930 אין דײַטש. פון 1933 געשריבן יידיש. די ערשטע לידער געדרוקט אין טשערנאָוויצער בלעטער, אויפגאַנג (סיגייט), שויבן (בוקאַרעשט), אין יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס פון פאַרשיידענע לענדער. דערשינען אין בוכפאָרעם: נאַרציסן, סאָנעטן, פ״ג „טשערנאָוויצער בלעטער״, טשערנ׳ 1937, 20 זז׳; אָוונט בײַם פּרוט, סאָנעטן און לידער, ב״י 1942, 96 זז׳; אַ פּאָסטוך אין ניו־יאָרק, סאָנעטן און לידער, ב״א 1951, 26 זז׳; בײַם פּרוט, לאַ פּלאַטאַ און ירדן, לידער און סאָנעטן, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1966, 158 זז׳; אין גרויסן דרויסן, לידער, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1974, 224 זז׳; אותיות — ווערטער — סטראָפן, לידער, פ״ג ה. לייוויק, ת״א 1981, 144 זז׳; ערב עי״ן, לידער, ש. און ר. הורוויץ־פאָנד, ירושלים 1985, 160 זז׳.

זיגעלבוים פּייוול

געבוירן 1908 אין קראַסנאָסטאַוו, לובלינער קרייז, פּוילן. געלערנט אין חדר, ישיבה, אין ד״ר ווייכערטס טעאַטער־סטודיע. אַקטיאָר אין וואַרשעווער „יוגנט־טעאַטער״. אין 1937 אַוועק קיין אַפריקע. אָנגעפירט מיט אַ דראַמאַטישן קלוב „תושיה״, געשפּילט און רעזשיסירט אויף יידיש און ענגליש, מיטגרינדער פון דער „יידישער קולטור־פעדעראַציע״ און זשורנאַל דרום־אַפריקע. **פאַרעפנטלעכט דראַמעס, דערציילונגען און אַרטיקלען. אינסצעניזירט פאַר „הבימה״:** דער קיסר און דער רבי, **לויט זלמן שניאור,** אריה בעל־גוף, **לויט ח. נ. ביאַליק און** די מעשה פון יענער־וועלט, **לויט איציק מאַנגער. דערשינען אין בוכפאָרעם:** געטאָגראַד, **דראַמע, געווידמעט אַרטור זיגעלבוים, באַאַרד אַף דעפּיוטעס, יאָהאַנעסבורג 1945, 70 זז׳;** די אוהאַמאַס, **פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1971, 225 זז׳;** בני אוהמה, **מיידיש בנימין טנא, „יבנה״, ת״א 1973, 180 זז׳;** דער כוח צו שטאַרבן, **משפּחה־בוך, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1976, 380 זז׳ (צווייטע אויפלאַגע אין 1987);** משיח פון רמלה, **דערציילונגען, „קיום״, ת״א־ב״א 1980, 235 זז׳.**

זעלצער חיים

געבוירן 2טן אויגוסט 1912 אין קעשענעוו. געלערנט אין חדר, **העברעישער גימנאַזיע, קונסטשול און בוקאַרעשטער קונסט־אַקאַדעמיע. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין ראַטן־פאַרבאַנד. פון 1948 אין טשערנאָוויץ. עולה געווען אין 1973. דעביוטירט 1932 מיט לידער אין אָנזאָג (קעשענעוו), שפּעטער:** סאָוועטיש היימלאַנד (מאָסקווע), פאָלקס־שטימע **(וואַרשע) און אין די יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס פון ת״א, פּאַריז, לאָנדאָן, יאָהאַנעסבורג א״אַנד. דערשינען אין בוכפאָרעם:** רו אין רוינען, **לידער און באַלאַדן, צייכענונגען — פון מחבר, „המנורה״, ת״א 1975, 176 זז׳;** פון היימישן ברונעם, **לידער און באַלאַדן, צייכענונגען — פון מחבר, „ישראל־בוך״, ת״א 1976, 160 זז׳** אין גרינעם טאָל, **לידער און באַלאַדן, צייכענונגען — פון מחבר, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1978, 158 זז׳;** שאָטנס אין מידבר, **לידער און באַלאַדן, „ישראל־בוך״, ת״א 1982, 96 זז׳;** שטערן אויפן יאַריד, **אָדער** די פעסטונג פון חכמה, **כעלעמיאַדע, מיט אַן אַריינפיר פון דב סדן, „ישראל־בוך״, ת״א 1985, 190 זז׳.**

חלמיש־פלינט מרדכי יוסף

געבוירן 1911 אין גער, פּוילן. 1914 אַריבער מיט די עלטערן קיין וואַרשע. פאַרענדיקט דעם בית־המדרש לרבנים „תחכמוני״, טעטיק אין „השומר הצעיר״ (סעקר׳ פון דער וועלטלייטונג) און „החלוץ״ (סעקר׳ פון וואַרשעווער סניף), געווען צווישן די גרינדערס פון דער דיכטער־גרופּע „ערשטער שניט״. עולה געווען אין 1935. פון 1947 מיטרעדאַקטאָר פון דער העברעישער טאָגצייטונג על־המשמר, **גלייכצייטיק טעטיק אין יידישן שרייבער־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין אין ישראל (געווען גענעראַל־סעקרעטאַר), פאַרעפנטלעכט אַרטיקלען און עסייען אין** די צוקונפט **(נ״י),** די גאָלדענע קייט, ביי זיך **(ת״א),** ירושלימער אַלמאַנאַך **א״אַנד. רעדאַגירט און איבערגעזעצט אויף** עברית **פון יידיש,** פּויליש, ענגליש **און** דייטש, **אָנגעשריבן הקדמות צו איבער פופציק ביכער און איבערגעזעצט פון יידיש אויף עברית דערציילונגען פון א. מ. וויסענבערג, שלום אַש, פּרץ הירשביין, רחל אויערבאַך, נחמן מייזיל, הערש סמאָליאַר ומקרוב״, אַריינפיר פון דב סדן) מיט איבערזעצונגען (פון יידיש אין עברית) פון 65** יידישע שרייבערס אין ישראל.

חריץ מאיר

געבוירן סעפּטעמבער 1912 אין אַ דאָרף און אויסגעוואַקסן אין ייִדישן שטעטל מאַר־קולעשט, בעסאַראַביע. פון 1934 אין טשערנאָוויץ. דעביוטירט מיט לידער אין טשערנאָוויצער בלעטער אין 1935. געענדיקט דעם ייִדישן לערער־סעמינאַר בײַם טשערנאָוויצער שולפאַראײן. 1940—1972 — סאָוועטישער בירגער. געדרוקט אין אײניקײט, הײמלאַנד (מאָסקווע), אין שטערן (קיעוו), שפּעטער אין סאָוועטיש הײמ־לאַנד (מאָסקווע), ייִדישע שריפטן און פאָלקס־שטימע (וואַרשע). עולה געווען אין מאַרץ 1972. זיך באַטייליקט מיט לידער אין די ייִדישע צײַטונגען און זשורנאַלן אין לאַנד. דערשינען אין ישראל, אין בוכפאָרעם: אין פרעמדן גן־עדן, פ״ג י. ל. פרץ, ת״א 1974, 344 זז׳; הימל און ערד, „אייגנס״, י—ם 1974, 284 זז׳; לידער צו אייגענע, „ישראל־בוך״, ת״א 1975, 216 זז׳; שטערן אויפן הימל, „אייגנס״, י—ם 1977, 240 זז׳; דאָס פינפטע ראָד, „אייגנס״, י—ם 1978, 192 זז׳; גרינער ווינטער, לידער; מאַרקולעשט, פּאָעמע, „אייגנס״, י—ם 1982, 264 זז׳; געקליבענע לידער און געצײלטע פּאָעמעס, „אייגנס״, י—ם 1983, 480 זז׳; נאָכן סך־הכל — אײנס, „אייגנס״, י—ם 1987, 160 זז׳.

טאַפּ שמואל

געבוירן מאַרץ 1904 אין נאָווידוואָר, פּוילן. געלערנט אין אַ חדר, אין אַ פּוילישער שול, פאַרענדיקט אַ לערער־סעמינאַר אין וואַרשע. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין ראַטן־פאַרבאַנד, 1946 צוריק אין פּוילן. עולה געווען אין 1950. דעביוטירט 1930 מיט אַ ליד אין וואַרשעווער פאָלקס־צײַטונג, פאַרעפנטלעכט לידער און רעפּאָר־טאַזשן אין די ייִדישע פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין ישראל און חוץ־לארץ. דערשינען אין בוכפאָרעם: אין הויז פון חלומות, לידער, „המנורה״, ת״א 1967, 76 זז׳; באַשערטקייט, לידער, פ״ג י. ל. פרץ, ת״א 1978, 94 זז׳; שטערן פאַלן, לידער און פּאָעמעס, פ״ג ה. לייוויק, ת״א 1982, 118 זז׳; אין היימישן גאָרטן, פ״ג ה. לייוויק, ת״א 1986.

טעלעסין זיאַמע

געבוירן יולי 1909 אין קאַלינקאָוויטש, ווײַסרוסלאַנד. געלערנט אין אַ ווײַסרוסישער שול. 1936 פאַרענדיקט די ייִדישע אָפּטיילונג פון ליטעראַריש־פילאָלאָגישן פאַקול־טעט אין מאָסקווער צווייטן אוניווערסיטעט. 1936—1941 אין מינסק. דעקאַן פון דער ייִדישער אָפּטיילונג אין דעם ווײַסרוסישן פּעדאַגאָגישן אינסטיטוט. מיטגעאַרבעט אין דער צײַטונג אָקטיאַבר און אין אַ ווײַסרוסישן קינדער־זשורנאַל. 1941, אָנהייב מלחמה, אַוועק פרײַוויליק אויפן פראָנט, געווען קאַפּיטאַן אין דער רויטער אַרמיי, פאַרווונדיקט געוואָרן אין די שלאַכטן. נאָך דער מלחמה זיך צוריקגעקערט קיין מאָסקווע. עולה געווען אין 1971. דערשינען אין בוכפאָרעם: אויף מײַן אייגענער ערד, בעלגאָסיזדאַט, מינסק 1939, 87 זז׳; לידער און פּאָעמען, בעלגאָסיזדאַט, מינסק 1941, 150 זז׳; אויף דער ליכטיקער וועלט, „עמעס״, מאָסקווע 1948, 175 זז׳; גלובאָקיע קאָרני (רוסיש), „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, מאָסקווע 1957, 190 זז׳; בליזקאָ ק סערדצו (רוסיש), „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, מאָסקווע 1965, 150 זז׳; אויף מײַנע אחריות, „עמעס״, מאָסקווע 1968, 250 זז׳; געוויין פון זכרון, פ״ג י. ל. פרץ, ת״א 1972, 253 זז׳; קמץ־אַלעף — אָ, פ״ג י. ל. פרץ, ת״א 1980, 207 זז׳; דער וועג פונעם פויגל, פ״ג י. ל. פרץ, ת״א 1988, 114 זז׳ (אין דער רשימה זענען ניט אַרײַן פינף קינדערביכלעך אין רוסיש, דערשינען אין מאָסקווער „דעטגיז״, קינדער־פאַרלאַג, 1953—1970).

יאַנאַסאָוויטש יצחק

געבוירן 1909 אין יעזעוו, לאָדזשער געגנט, פוילן. 1925—1939 געלעבט אין לאָדזש. בעת די דײַטשן האָבן פאַרנומען פוילן אַוועק קיין ביאַליסטאָק און פון דאָרטן, זומער 1941, קיין אַלמאַ־אַטאַ. נאָך דער מלחמה צוריקגעקומען קיין פוילן, ביז 1948 געלעבט אין לאָדזש, שפּעטער אין פּאַריז און פון זומער 1952 — אין אַרגענטינע. עולה געווען אין 1972. אָנגעהויבן שרײַבן צו 17 יאָר, דעביוטירט מיט אַ ליד אין זשורנאַל ליטעראַרישע האָריזאָנטן, **געדרוקט לידער אין דער זאַמלונג** ערשטער שניט **אין 1930, און זינט דעמאָלט זיך באַטייליקט מיט לידער, פּובליציסטישע אַרטיקלען, טעאַטער־רעצענזיעס, עסייען וועגן ליטעראַטור און קונסט און דערציילונגען אין צענדליקער צײַטשריפטן. רעדאַגירט די זאַמלונגען** צווישן מויערן **(לאָדזש 1932),** אויפן שטיינערנעם ברוק **(לאָדזש 1935),** לאָדזשער נאָטיצן; אויף נײַע וועגן **(לאָדזש 1937—1938),** ליטעראַטור און קונסט **(פּאַריז 1951—1952),** מיטרעד' **פון** ש. קאַטשערגינסקי־אָנדענק־בוך **(ב"א 1955),** יזכור־בוך ראַטנע **(ב"א 1955), פון דעם זמ"ב** יעקב באַטאָשאַנסקי צו זײַנע 60 יאָר **(ב"א 1955), רעדאַגירט די אויסגאַבע** 100 יאָר שלום־עליכם **(ב"א), רעדאַקטאָר פון** יידיש־וועלט, חודש־שריפט **(ת"א)** און פון די העפטן **פאַר ליטעראַטור,** קולטור **און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען** ביי זיך **(ת"א, ווערלטראַט), נומ' 31 אַרויס אין נאָוועמבער 1977. אַרויסגעגעבן אין בוכפאָרעם:** ראַיכיקע פּאַרטאַגן, **לידער און פּאָעמעס, לאָדזש 1933, 48 זז' (א"ג י. יאַנאָס);** שטילקייטן, **לידער אויף** יידישע טעמעס, **לאָדזש 1938, 42 זז';** באַפרײַונג, **לידער, הקדמה פון י. גורשטיין,** „עמעס", **מאָסקווע 1941, 46 זז';** אַ שטוב אין שטעטל, **פּאָעמע, פּאַריז 1951, 122 זז';** פּעטל די בעסטער־קענערין, **פּאַריז 1952, 15 זז';** מיט יידישע שרײַבער אין רוסלאַנד, **ב"א 1959, 322 זז';** פּנימער און נעמען, **באַנד איינס:** יידישע פּאָעטן, **באַנד צוויי:** **יידישע פּראָזאַיקערס און זייערע ווערק פון נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, „קיום", ת"א־ב"א 1971—1977, 368, 326 זז';** אויף יענער זײַט וונדער, **פ"ג י. ל. פּרץ, ת"א 1974, 154 זז';** אָן אויסרוף־צייכנס, **עסייען און פּעליעטאָנען, „המנורה", ת"א 1975, 235 זז';** ה. לייוויק — עטישע אַחריות און מאָראַלישער פּאַטאָס, **„ביבליאָס", ת"א 1977;** דאָס בשׂמים־ביקסל און אַנדערע דערציילונגען, **„קיום", ת"א־ב"א 1979, 243 זז';** אין פּרדס פון יידיש, **עסייען און אָפּהאַנדלונגען.** הילע: **צפניה קיפּניס, פ"ג י. ל. פּרץ, ת"א 1980, 251 זז';** אברהם סוצקעווער, זײַן ליד און זײַן פּראָזע, **פּאָרטרעט פון א. סוצקעווער: אריה נבון, „ישראל־בוך", ת"א 1981, 135 זז';** לאָדזשער יאָרן, מענטשן, סביבות, געשעענישן, **פ"ג י. ל. פּרץ, ת"א 1987, 292 זז'.**

יעלין מאיר

געבוירן 3טן אָקטאָבער 1910 אין סרעדניק, ליטע. 1928 פאַרענדיקט די קאָוונער העברעיִשע רעאַל־גימנאַזיע און 1933 די טעכנישע הויכשול **אין דאַרמשטאַדט, דײַטשלאַנד. דיפּלאָמירט** אויך **פון** קאָוונער אוניווערסיטעט. **געאַרבעט ווי** בוי־אינזשעניר. **בעת דער נאַצי־אָקופּאַציע — אין קאָוונער געטאָ, אַנטלאָפן אַפּריל 1944. גענומען אָנטייל אין דער** ווידערשטאַנד־באַוועגונג. **נאָך דער באַפרײַונג געלעבט אין קאָוונע, זינט 1949 אין ווילנע.** עולה געווען אין **1973. דעביוטירט אין** די אידישע שטימע **(קאָוונע), געדרוקט לידער, דערציילונגען, אַרטיקלען אין קאָוונער** דאָס וואָרט, די צײַט **א"אַנד. זיך באַטייליקט אין** די קאָוונער **זאַמלביכער** טויערן **(1937),** בלעטער **(1938),** נײַע בלעטער **(1939),** בלעטער **1940,** איניציִירט די **צוזאַמענאַרבעט מיט** „יונג־ווילנע". **נאָך דער מלחמה געדרוקט אין מאָסקווער** איינקייט, היימלאַנד, **סאָוועטיש היימלאַנד; אין ישראל — אין** די גאָלדענע קייט, ביי זיך, לעצטע נײַעס, ישראל־שטימע, פאָלקסבלאַט; **אין פאַריזער** אונזער וואָרט, **ניו־יאָרקער** צוקונפט

א״אַנד. דערשינען אין בוכפאָרעם: פּאַרטיזאַנער פון קאָוונער געטאָ (מיט ד. געלפּערן), „דער עמעס״, מאָסקווע 1948, 164 זז׳; זייערע בליקן האָבן זיך באַגעגנט, „סאָוועטסקי פּיסאַטעל״, מאָסקווע 1972, 381 זז׳; דער פּרײַז פון יענעם ברויט, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1977, 268 זז׳; בלוט און וואָפן, „המנורה״, ת״א 1978, 253 זז׳; די מיראַזשן פונעם אַמאָק־לויפער אָסקאַר גריק, פ״ג ה. לייוויק, ת״א 1981, 190 זז׳; באַרוועס איבער שניי, פ״ג ה. לייוויק, ת״א 1984, 253 זז׳; דם ונשק (איבערגעזעצט פון יידיש), הוצאת ה. לייוויק, ת״א 1985, 192 עמ׳; פּיערדיסן אינעם חושך, פ״ג ה. לייוויק, ת״א 1988, 238 זז׳. אויף ליטוויש און רוסיש:

PER VIENĄ NAKTĮ, Valst. Grožines literaturos leidykla, Vilnius 1963, psl. 241; PENKIOS MINUTES PO VIDURNAKCIO, Vaga, Vlinius 1966, psl. 194; MIRTIES FORTUOSE, Mintis, Vilnius 1966, psl. 122; KAUNO GETAS IR JO KOVOTOJAI (su D. Gelpernu), Mintis, Vilnius 1969, psl. 214; KRAUJAS IR GINKLAI, Vaga, Vilnius 1970, psl. 255. ЗА ОДНУ НОЧЬ, „Советский писатель", Москва 1966, 212 стр.

לאַצמאַן יהושע

געבוירן מאַרץ 1906 אין פּאַקראָי, ליטע. 1926 פאַרענדיקט אַ העברעישן לערער־סעמינאַר אין קאָוונע. לערער אין אַ „תרבות״־שול אין קאָוונע. 1941 אַנטלאָפן קיין ראַטן־פאַרבאַנד. 1945 צוריקגעקומען קיין ליטע און אין 1948 אַרעסטירט געוואָרן און פאַרשיקט אין אַ לאַגער. נאָך דער רעהאַביליטאַציע געלעבט אין ווילנע. עולה געווען אין 1971. נפטר געוואָרן אין ישראל מאַרץ 1984. דעביוטירט מיט לידער אין די אידישע שטימע, קאָוונע (1929), געדרוקט לידער און עסייען אין די ליטעראַרישע זאַמלונגען מיר אַליין (1930), שליאַכן (1932), בריקן (1937), נײַע בלעטער (1939), ווילנער עמעס, אייניקייט, סאָוועטיש היימלאַנד און וואַרשעווער פאָלקס־שטימע; בײַ זיך (ת״א). אין בוכפאָרעם: לידער און פּאָעמעס, קאָונאַס 1939; תהילים־געזאַנגען, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א תשל״ט, 189 זז׳.

לאַקיעטש משה

געבוירן 1911 אין וואַרשע. פון 1917 מיט די עלטערן אין קיעוו. 1921 צוריק קיין וואַרשע. געלערנט אין „אָרט״, שפּעטער אין „סעמינאַר פאַר יידישיסטיק״ בײַם פאָלקס־אוניווערסיטעט פון „קולטור־ליגע״. אָנהייב צווייטער וועלט־מלחמה אַריבער אין בריסק, אויף דער סאָוועטישער זײַט. פאַרשיקט געוואָרן מיט דער משפּחה קיין קאָמי אַסס״ר. דאָרט איז אומגעקומען זײַן פּאָטער. 1946 צוריקגעקומען קיין וואַרשע. 1947 אַוועק קיין בראַזיל. געלעבט דאָרט 35 יאָר, עולה געווען אין סעפּטעמבער 1983. דעביוטירט מיט אַ סקיצע אין בלעטער פאַר יידישיסטיק, 1932. זיך געדרוקט אין יידישע פּרעסע (ריאָ), יידישע צײַטונג (ריאָ), אין דער אַנטאָלאָגיע בראַזיליאַניש (ב״א), אונדזער בײַטראָג (בראַזיל), די צוקונפט (נ״י) א״אַ. דערשינען אין בוכפאָרעם: גורל פון אַ קרייז, לידער, פאָרוואָרט: ה. ש. קאַזדאַן, „ציקאָ״, נ״י 1969, 144 זז׳; מיט שטילן קול, לידער, פאָרוואָרט: יודל מאַרק, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1975, 144 זז׳.

לודען יצחק

געבוירן 22סטן אָקטאָבער 1924 אין וואַרשע. געלערנט אין אַ ציש״אָ־פאָלקשול. מלחמה־יאָרן — אין ביאַליסטאָקער תפיסה, וואָרקוטאַ־לאַגערן, קאָלכאָזן אין דרום־

מיזרח־אַזיע, קאַראַקאַלפּאַקישע אַסס״ר. 1945—1946 געלערנט אין קעשענעווער אַגראַר־אינסטיטוט, 1947—1948 אין אַ פֿילמשול בײַ דער הויכשול פֿון פּלאַסטישער קונסט אין לאָדזש. עולה געווען אין דעצעמבער 1948. זינט 1952 רעדאַקציע־מיטגליד פֿון לעצטע נײַעס (ת״א), פֿון 1971 — רעדאַקטאָר פֿון לעבנס־פֿראַגן (ת״א). 1970—1974 שטודירט קונסט־געשיכטע און פֿילאָסאָפֿיע אין תּל־אָביבער אוניווערסיטעט. פֿאַרעפֿנטלעכט אַרבעטן וועגן קונסט אין גזית און די גאָלדענע קייט, זיך באַטייליקט אין לעצטע נײַעס, לעבנס־פֿראַגן (ת״א), אונדזער צײַט (נ״י), אונדזער שטימע (פּאַריז) א״אַ. איבערגעזעצט ח. חפֿרס מיסדר הלוחמים אין ייִדיש (קעמפֿער־פּאַראַד, ת״א 1968). דערשינען אין בוכפֿאָרעם: פֿון חלום צו שלום, אַרטיקלען און רעפּאָרטאַזשן מיט פּאָטאָבילדער פֿון מצרים, צייכענונג: י. בערגנער, הקדמה: מ. צאַנין, פֿ״ג „לעצטע נײַעס״, ת״א 1979, 235 זז׳; פּערל פֿון גן־עדן, וועגן קונסט און וועגן קינסטלער, עסייען, אָפּהאַנדלונגען, שמועסן; רעפּראָדוקציעס אין פֿאַרבן (32 זז׳), גראַפֿישע פֿאָרמירונג: אורית לודען, הילע: ברכה אַלחסיד, פֿאָטאָגראַפֿישע באַאַרבעטונג: בערטאָלד אבנר, פֿ״ג ה. לייוויק, ת״א 1987, 326 זז׳.

ליס אַבֿרהם

געבוירן אין ביאַליסטאָק, פּוילן. פֿאַרענדיקט ביאַליסטאָקער העברעיִשע גימנאַזיע. עולה געווען אין 1936 און זיך פֿאַראייניקט מיט זײַן משפּחה וואָס האָט זיך באַזעצט אין לאַנד מיט יאָרן פֿריִער. טעטיק אין ייִדישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב, איניציאַטאָר פֿון קאַמף פֿאַר די רעכט פֿון ייִדיש אין ארץ־ישׂראל, פֿאָרזיצער פֿון דער געזעלשאַפֿט „פֿרײַנד פֿון ייִוואָ״ אין ישׂראל. באַשעפֿטיקט אין „קול ישׂראל״ אין דער ייִדיש־שעה פֿון ישׂראל־ראַדיאָ. 1949—1952 געפֿירט שמועסן א״ט „ארץ־ישׂראל־מאָטיוון אין דער ייִדישער ליטעראַטור״ א״אַ; במשך 28 יאָר, מיט קורצע איבעררײַסן, אָנגעפֿירט און רעדאַגירט די ראַדיאָ־פּראָגראַמען „שרײַבער און ווערק״, „טעאַטער און קונסט״, די פּראָגראַם פֿאַר אויסלאַנד „פֿאַר אַלע״ א״אַ. 1962—1968 דירעקטאָר פֿון י. ל. פּרץ־פֿאַרלאַג אין ת״א, פֿון 1968 — דירעקטאָר פֿון בית שלום־עליכם. דעביוטירט אין ביאַליסטאָקער אונדזער לעבן, אין 1935, מיט אַן עסיי וועגן קינסטלער א. חריף. געדרוקט עסייען און אָפּהאַנדלונגען אין דאָס נײַע לעבן (ביאַליסטאָק), די פֿרעסע און דער שפּיגל (ב״א), טינט און פֿעדער (טאָראָנטאָ), די צוקונפֿט און ייִדישע קולטור (נ״י), אונדזער וואָרט (פּאַריז), דרום־אַפֿריקע (יאָהאַנעסבורג), פֿאָלקס־שטימע (וואַרשע), נײַוועלט, לעצטע נײַעס, אונדזער הײַנט, בלעטער, שטאַמען, אונדזערס, ישׂראל־שריפֿטן, פֿאָלקסבלאַט, ישׂראל־שטימע, על־המשמר, וועלט, פֿאָלק און מדינה, ידע עם, בײַ זיך, די גאָלדענע קייט, ייִדיש־וועלט (ישׂראל). מיטרעדאַקטאָר פֿון בלעטער, אַרויסג׳ פֿון ייִד׳ ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פֿאַראיין אין ישׂראל (ת״א 1941—1944), פֿון דער זאַמלונג אונדזערס (ת״א 1941), אונדזערס (ת״א 1949), רעדאַגירט די ליטעראַרישע זאַמלונגען ד״ר י. רובין־ברקאי, אָפּשאַצונגען און זכרונות, ייִדיש־עברית (ת״א 1963), זלמן שזר — נשיא וסופר, ילקוט מאמרים ומסות, ייִדיש־עברית (ת״א 1969), ספר ראובן רובינשטיין, ייִדיש־עברית (ת״א 1971), זלמן שזר, אָפּשאַצונגען און עסייען (ת״א 1976), טיבערגס אויף שליאַכן פֿון צײַט (ת״א 1987). דערשינען אין בוכפֿאָרעם: היים און דויער, וועגן שרײַבער און ווערק, פֿ״ג י. ל. פּרץ־ביבליאָטעק, ת״א 1960, 333 זז׳; אין זכות פֿון וואָרט, עסייען און שמועסן, פֿ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1969, 330 זז׳; אין דער מחיצה פֿון שאַפֿער (עסייען), בילד פֿון מחבר: מ. בערנשטיין, פֿ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1978, 267 זז׳; שמועסן בכתב, בילד פֿון מחבר: מ. בערנשטיין, פֿ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1985, 235 זז׳.

לערנער יאָסל

געבוירן 24סטן נאָוועמבער 1903 אין בריטשאַן, בעסאַראַביע. געלערנט אין חדר, ביי גמרא־מלמדים, אין אַ העברעיִשער שול און רומענישער גימנאַזיע. העברעיִשער לערער אין בריטשאַן. פון 1938 אין טשערנאָוויץ. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין לאַגער טראַנסניסטריע. 1944—1972 אין טשערנאָוויץ. עולה געווען אין 1972. דעביוטירט מיט לידער אין טשערנאָוויצער בלעטער אין 1929, געדרוקט לידער אין אונזער צייט (קעשענעוו), שויבן (בוקאַרעשט), ליטעראַרישע בלעטער און פאָלקס־שטימע (וואַרשע), האָריזאָנטן, זאַמלבוך (מאָסקווע), נייע פרעסע און אונזער וואָרט (פּאַריז), אידישע צייטונג (ב״א), לעצטע נייעס, ישראל־שטימע, ביי זיך (ת״א), ירושלימער אַלמאַנאַך א״אַ. זיך פאַרנומען מיט זאַמלען יידישע פאָלקסלידער, מעשיות, לעגענדעס און וויצן. געשריבן פאַר קליינקונסט־טעאַטער, אויפגעפירט און רעזשיסירט ספּעקטאַקלען אין די לאַגער־באַדינגונגען פון טראַנסניסטריע, שפּעטער אין טשערנאָוויץ. דערשינען אין בוכפאָרעם: דאָס גוזאַנג פון דער הינטערגאַס, בוקאַרעשט 1936; פון כעלעמער פינקס, אַריינפיר: משה אַלטמאַן, בילד פון מחבר: משה קרעניץ, פ״ג י. ל. פרץ, ת״א 1975, 213 זז׳; ביז ס׳הייבט אָן טאָגן (לידער), פ״ג י. ל. פרץ, ת״א 1977, 160 זז׳; ביים אָפענעם פענצטער (לידער), „ניי לעבן״, ת״א 1979, 154 זז׳; לידער און מעשהלך מיט אַ גוטן מיין, פ״ג ה. לייוויק, ת״א 1983, 126 זז׳; על בהונות עולה השחר, איבערגעזעצט פון יידיש: ש. מלצר, ק. א. ברתיני, ש. שבהוד, א. תלמי, מ. סבר, א. נוף און י. טראַצקי, „קדקד״. ת״א 1981, 80 זז׳.

סאַקציער מאָטל

געבוירן 1907 אין לעאָווע, בעסאַראַביע. באַקומען אַ יידיש־וועלטלעכע דערציונג. געאַרבעט אין דער אַדמיניסטראַציע פון אַ רומעניש־ציוניסטישן זשורנאַל אין בוקאַ־רעשט. 1928 געלערנט אין ווינער העברעיִשן לערער־סעמינאַר. פון 1929 אין פּאַריז. 1931 צוריקגעקומען קיין רומעניע. 1934 סעקרעטאַר פון דער בוקאַרעשטער צייט־שריפט די וואָך, שפּעטער פון חודש־זשורנאַל שויבן. איינער פון די גרינדערס פון יידישן מלוכה־טעאַטער אין מאָלדאַוויע און זיין ליטעראַרישער אָנפירער. 1941 עוואַ־קוירט צוזאַמען מיטן טעאַטער קיין אוזבעקיסטאַן. נאָך דער מלחמה זיך אומגעקערט קיין קעשענעוו. 1948 פאַרשיקט געוואָרן אויף צען יאָר אין אַרבעט־לאַגערן פון סיביר. 1955 רעהאַביליטירט, צוריקגעקומען קיין קעשענעוו און זיך פאַרנומען מיט ליטע־ראַריש־טעאַטראַלער אַרבעט. פון 1972 אין ישראל. געדרוקט לידער און עסייען אין די גאָלדענע קייט, ביי זיך, ישראל־שטימע, פאָלקסבלאַט, לעצטע נייעס, יידיש־וועלט. אין בוכפאָרעם: לידער־זאַמלונגען מיט פאַרבאַטענעם בלייער, פ״ג י. ל. פרץ, ת״א 1977, 197 זז׳; דער שייטער ביים וועג, פאָרטרעט פון מחבר: מ. רובינער, „ניי לעבן״, ת״א 1978, 226 זז׳; טויבן אויף אַנטענעס, פ״ג ה. לייוויק, ת״א 1982, 224 זז׳; אַ שפּור אויפן וועג, פ״ג ה. לייוויק, ת״א 1986, 224 זז׳.

סדן דב

העברעיִשער נאָמען פון דב־בערל שפּערבער־שטאָק. געבוירן 21סטן פעברואַר 1902 אין בראָד, גאַליציע. געגאַנגען אין חדר, געלערנט אין אַ יידישער פאָלקשול, אין אַ פּוילי־שער גימנאַזיע, צו ערשט אין בראָד, דערנאָך אין לעמבערג. 1917 אין „השומר״ (שפּעטער „השומר־הצעיר״), 1922 טעטיק אין „החלוץ״, 1924 סעקרעטאַר פון „ברית הנוער העברי״ אין וואַרשע. 1925 פאַרלאָזט וואַרשע און עולה געווען קיין ארץ־ישראל. 1928 אין דייטשלאַנד ווי אַ שליח פון „החלוץ״. נאָכן צוריקקומען קיין א״י — אַ לערער

אין נהריים און אין תבריה. 1950 אינסטרוקטאָר פון העברעיִשער סטיליסטיק אין
ירושלימער אוניווערסיטעט. פון 1952 — דאָצענט, דערנאָך פּראָפעסאָר פון ייִדישער
שפּראַך און ליטעראַטור, אָנפירער מיט דער ייִדיש־קאַטעדרע בײַם העברעיִשן אוני־
ווערסיטעט. 1964 געהאַלטן די צענטראַלע רעדע בײַ דער עפענונג פון העברעיִשן
שרײַבער־צוזאַמענפאָר אין ירושלים. איז אַ בן־בית אין כמעט אַלע ליטעראַרישע
פאָרמען. זיך באַטייליקט אין דאָס רוב צײַטונגען און זשורנאַלן אין לאַנד. אין ייִדיש
און עברית, און זינט זײַן שרײַבערישער טעטיקייט זיך באַנוצט מיט איבער 60 פּסעוו־
דאָנימען. מיטגליד פון דער אַקאַדעמיע פאַר דער העברעיִשער שפּראַך און נאַציאָנאַלער
ישׂראל־אַקאַדעמיע פאַר וויסנשאַפטן. די ערשטע שרײַבערישע פּרוּוון געמאַכט ייִנגל־
ווײַז אין אַ דײַטשישער קינדער־צײַטונג, ליטעראַרישע טעטיקייט אָנגעהויבן אין ייִדיש־
פּוילישן טאָגבלאַט כווילאַ (לעמבערג) מיט פּוילישע איבערזעצונגען פון העברעיִש,
גלײַכצײַטיק דעביוטירט אין ייִדיש, אין לעמבערגער טאָגבלאַט, מיט אַן איבערזעצונג
פון מאַריאַ קאָנאָפּניצקיס אַ ליד. אין 1921 אַרויסגעגעבן אין פּשעמישל אַ העברעיִש
לידערבוך צלילים און אַ יאָר שפּעטער אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן לידער אויף ייִדיש
אין וואַרשעווער פאָלק און לאַנד. 1924 רעדאַגירט אין לעמבערג די חלוצישע יוגנט־
בלעטער עתוננו און בשעה זו און אין וואַרשע רעדאַגירט אין אײנעם מיט דוד
ליפשיץ די העברעיִשע וואָכנשריפט העתיד. 1927 אָנגעהויבן רעגלמעסיק שרײַבן
אין דבר (ת״א), שפּעטער זעקס יאָר כּסדר געווען רעדאַקטאָר פון דער וואָכנטלעכער
ליטעראַטור־זײַט אין דבר. בעת דער מאַסן־עליה פון דײַטשישע ייִדן רעדאַגירט
אַ טאָגצײַטונג מיט נקודות הגר און די שווערע ווערטער איבערגעזעצט אין דײַטש.
1933 רעדאַקטאָר פון ביכער־פ״ג „עם־עובד״, מיטרעדאַקטאָר פון אַ ריי זאַמלביכער,
צוו״אַ: רשומות, אמות, פרוזדור, פון יובל־ביכער לכבוד ש. י. עגנון און אַברהם
סוצקעווער. רעדאַגירט ספר סטאַניסלאַב (1952), די העברעיִש־ייִדישע צײַטשריפט
יהדות פולין (ת״א 1963), די ווערק פון ר׳ בנימין א״אַ. זײַנע העברעיִשע איבער־
זעצונגען פון אַנדערע לשונות שליסן אײַן די שאַפונגען פון לי־טאַי־פּע, מאַקס
נאָרדוי, טעאָדאָר הערצל, אַדאָלף שטאַנד, יאַנוש קאָרטשאַק, ב. באָראָכאָוו, י. אָפּאָ־
טאָשו, דער נסתר א״אַ. אייגענע ווערק אין בוכפאָרעם: צלילים, לידער, פּשעמישל
תרפ״א; אַ בינטל בריוו, פון אַ חלוץ צו טאַטע־מאַמע, לעמבערג תרפ״ו; דער אמת
וועגן דער יעווסעקציע און בירא־בידזשאַן, וואַרשע און ב״א 1935 (אַרויס אויך אויף
דײַטש אין פּראָג); ממחוז הילדות (קינדהייטס־זכרונות), ת״א תרצ״ח; זמר עם,
פאָלקסלידער, תש״ב; באלכסון, דערציילונגען, ת״א תש״ב; גורל והכרעה (וועגן
שלמה שילדער, דעם „גאַליציאַנער אחד־העם״), ירושלים תש״ג; ממעגל הנעוריה,
ת״א תש״ו; אחרית השעשועים, דאָרט, דז״י; המנגן המופלא (די ביאָגראַפיע פון
מיכל יוסף גוזשיקאָוו), ת״א תש״ז; מעשים שהיו כך היו, דערציילונגען, ת״א
תש״ז; על ספרותנו, וועגן דעם כאַראַקטער פון ליטעראַטור בײַ ייִדן און וועגן
אירע לשונות, ירושלים תש״י; כוכב נידח, די ביאָגראַפיע פון בנימין גריל, ת״א
תש״י; קערת צימוקים, 1001 ייִדישע אַנעקדאָטן מיט הערות וועגן וואַריאַנטן, ת״א
תש״י; הנמר וידידו המנמנם, פּובליציסטיק און עסייען, ת״א תשי״א (וועגן דײַטשישן
פאָלק, דײַטשישער קולטור און דײַטשישע ייִדן); אבני בוחן, קריטישע אָפּהאַנדלונ־
גען, ת״א תשי״א; קערת אגוזים, 1001 ייִדישע אַנעקדאָטן און זייערע וואַריאַנטן, ת״א
תשי״ג. אבני זכרון, מעמואַריסטישע עסייען, פּאָרטרעטן פון שרײַבערס און אַנדערע
פּערזענלעכקייטן, ת״א תשי״ד; אַבני שפה, שטודיעס אויף טעמעס פון העברעיִשער
לינגוויסטיק, ת״א תשט״ז; על ש״י עגנון, ביאָגראַפיש־קריטישע שטודיע און כאַ־
ראַקטעריסטיק, תשי״ט; אַבני מפתן, העברעיִשע עסייען וועגן ייִדישע שרײַבערס.
ערשטער באַנד, תשכ״ב, אַרויס אין י. ל. פּרץ־פ״ג אין ת״א; בין דין לחשבון,
עסייען וועגן העברעיִשע ביכער, ת״א תשכ״ג; אַבני גבול, ת״א תשכ״ד; גלגל

המועדים, פאַרשיידנאַרטיקער מאַטעריאַל לכבוד יום־טובים, ת״א 1964; ירידי השעשועים, הומאָר און פאָלקלאָר, ת״א 1964; ספרות יידיש בפולין בין שתי מלחמות העולם, ירושלים תשכ״ד, 160 זז׳ (סטענסל); סוגיית יידיש במסכת ביאַליק, ירושלים תשכ״ה, 77 זז׳ (סטענסל); בצאתך ובאהליך, גבעתיים 1966, 144 זז׳; די חכמה פון חכמות, צו דער ביאָגראַפיע פון וואָרט און ווערטל, פ״ג י. ל. פרץ, ת״א 1967, 204 זז׳; בין שאילה לקנין, כרך א׳: י״ב פרקי עיון, אוניברס׳ ת״א 1968, 273 זז׳; אַבני מפתן, מסות על סופרי יידיש, כרך שני (ושלישי), דאָרטן, 1970—1972, 365, 383 זז׳; אַבני גדר, על סופרים וספרים, גבעתיים 1970, 215 זז׳; אלכה ואַשובה, דברים בעניני אמונה ודעות, ת״א 1971, 175 זז׳; חן־גריבעלעך, צו דער ביאָגראַפיע פון וואָרט און ווערטל, קולטור־קאָנגרעס, ב״א 1971—1972, 2 בב׳; בלשון מדבר בעדו, ת״א 1972, 152 זז׳; אלופי ומיודעי, ת״א 1972, 250 זז׳; פולמוס ושווה־פולמוס, ירושלים 1972, 296 זז׳; היימישע כתבים, שרײַבער, ביכער, פראָבלעמען, „המנורה״, ת״א 1972, 2 בב׳; אַ וואָרט באַשטייט, שפּאַציר צווישן שפּראַך און ליטעראַטור, פ״ג י. ל. פרץ, ת״א 1975—1983, 3 בב׳; ארחות ושבילים, מסה, עיון, חקר, כרך האישים, ת״א 1977, 420 זז׳; ארחות ושבילים, מסה, עיון, חקר, כרך העניינים, ת״א 1978, 335 זז׳; על ש״י עגנון, ת״א 1978, 228 זז׳; אור זרוע, בינה בלשונותיו של שמשון מלצר, ירושלים תשל״ט; ארחות ושבילים, מסה, ענין, חקר, כרך סופרי יידיש וספרותה, ת״א תשל״ט, 269 זז׳; טויערן און טירן, עסייען און עטיודן, „ישראל־בוך״, ת״א 1979, 340 זז׳; ממזוז הילדות, „עם עובד״, ביזמת הועד הציבורי להוצאת כתבי דב סדן, ת״א 1981, 289 עמ׳; ממעגל הנעורים, „עם עובד״, כנ״ל, ת״א 1981, 215 זז׳; עיר ואם בעיני בניה, כנ״ל, ת״א 1981, 187 עמ׳; צווישן ווײַט און נאָענט, „ישראל־בוך״, ת״א 1982, 314 [2] זז׳; אַבני שעשוע, כרך ראשון: לשון ספר וספר (לדרכו של ח״נ ביאַליק), ת״א 1983; אין און אַרום יידישוואַרג, ערשטער באַנד, „עם עובד״, ת״א 1985, 376 זז׳.

טוצקעווער אַברהם

געבוירן 1913 אין סמאָרגאָן, פוילן. בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה צוזאַמען מיט דער משפּחה פאַרוואָגלט געוואָרן אין סיביר, ווו ס׳איז געשטאָרבן זײַן פאָטער. 1922 קערט זיך אום די משפּחה אין סמאָרגאָן, וואָס איז אין גאַנצן אָפּגעברענט, און פון דאָרטן — קיין ווילנע. ענדיקט אַ פּאָלקשול און איז אַ פרײַער צוהערער אין אוניווערסיטעט. אַ׳הייב דרײַסיקער יאָרן — מיטגליד פון דער באַרימטער שרײַבער־ און קינסטלער־גרופּע „יונג־ווילנע״; סעפּטעמבער 1941 — סעפּטעמבער 1943 — אין ווילנער געטאָ, מיטגליד פון דער פּאַרטיזאַנער־אָרגאַניזאַציע. 12טן סעפּטעמבער 1943 רייסט ער זיך אַרויס מיט אַ גרופּע קעמפערס, צוזאַמען מיט זײַן פרוי, פון ווילנער געטאָ און שליסט זיך אָן אין די פּאַרטיזאַנער־מחנות פון די נאַראָטשער וועלדער. מאַרץ 1944 ווערט ער אַריבערגעבראַכט אין אַ ספּעציעלן עראָפּלאַן איבערן פראָנט אויף דער רוסישער ערד, ווו ער דערציילט אין מאָסקווע פאַר דער גרויסער וועלט וועגן דעם חורבן פון יידן אין ליטע און אין פוילן.

1946 — אַן עדות אויפן נירנבערגער פּראָצעס; סעפּטעמבער 1947 קומט ער אויף אַן אומלעגאַלן אופן קיין ארץ־ישראל, ווערט דער גרינדער און רעדאַקטאָר פון די גאָלדענע קייט, וואָס דערשײַנט ביזן הײַנטיקן טאָג. באַקומען אַ סך אויסצייכעונגען און פּרעמיעס; דעם ערן־דאָקטאָראַט פונעם לערער־סעמינאַר אין ניו־יאָרק. צוויי מאָל רעפּרעזענטירט די יידישע פּאָעזיע אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פּאָעזיע־פעסטיוואַל אין ראָטערדאַם (1976, 1979). זײַנע לידער און דערציילונגען זענען

איבערגעזעצט אין העברעיִש און אין אַ סך פרעמדע שפּראַכן: ענגליש, פראַנצייזיש, איטאַליעניש, שפּאַניש, דײַטש, רוסיש, אונגאַריש, רומעניש, פּויליש, מאַלאַיִש, שוועדיש און יאַפּאַניש. 1983 איז זײַן זיבעציקסטער געבוירן־טאָג געפּײַערט געוואָרן אין אָקספאָרדער אוניווערסיטעט, אין ירושלימער אוניווערסיטעט, צוזאַמען מיט אַן אויסשטעלונג, און אויך אין בר־אילן־אוניווערסיטעט; ערן־בירגער פון תּל־אָביב און חתן פּרס־ישׂראל פאַר ייִדישער ליטעראַטור.

דערשינען אין בוכפאָרעם: לידער, פּאָרטרעט פון מחבר: יאַנקל אַדלער, ביבליאָטעק פון ייִדישן פּען־קלוב, וואַרשע 1937, 99 זז׳; וואַלדיקס, ייִדישער ליטעראַטן־פאַראיין און פּען־קלוב, ווילנע 1940, 139 זז׳; די פעסטונג, איקוף־פ״ג, נ״י 1945, 112 זז׳; לידער פון געטאָ, איקוף־פ״ג, נ״י 1946, 31 זז׳; ייִדישע גאַס, „מתּנות״, נ״י 1948, 203 זז׳; געהיימשטאָט, פּאָעמע, ת״א 1948, 158 זז׳; אין פײַער־וואָגן, צייכענונג: אַריה נבון, פ״ג „די גאָלדענע קייט״, ת״א 1952, 184 זז׳; סיביר, פּאָעמע, צייכענונגען: מאַרק שאַגאַל, ירושלים 1953, 48 זז׳; אָדע צו דער טויב, פ״ג „די גאָלדענע קייט״, ת״א 1955, 129 זז׳; אין מידבר סיני, צייכענונג: אַ. באַגען, פ״ג פּרץ־ביבליאָטעק, ת״א 1957, 98 זז׳; אָאַזיס, צייכענונגען: פּנחס שער, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1960, 88 זז׳; גײַסטיקע ערד, פּאָעמע, אָריגינאַל־האָלצשניטן: אַ. קאָלניק, „דער קוואַל״, נ״י 1961, 132 זז׳; פּאָעטישע ווערק, באַנד 1־2, יובל־קאָמיטעט, ת״א 1963, 611 זז׳, 528 זז׳; לידער פון ים־המוות, פ״ג „בערגען־בעלזען״, וועלטפאַרבאַנד פון די בערגען־בעלזענער, ת״א—נ״י 1968, 480 זז׳; פירקאַנטיקע אותיות און מופֿתים, פּאָרטרעט פון דיכטער: מאַרק שאַגאַל, פ״ג „די גאָלדענע קייט״, ת״א 1968, 139 זז׳; צײַטיקע פּנימער, פּאָרטרעט פון דיכטער: ראובן, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1970, 158 זז׳; די פידלרויז, צייכענונגען: מאַרק שאַגאַל, פ״ג „די גאָלדענע קייט״, ת״א 1974, 109 זז׳; גרינער אַקוואַריום, דערציילונגען, הקדמה: רות ווייס, „העברעיִשער אוניווערסיטעט אין ירושלים, ייִדיש־אָפּטיילונג״ — „קאָמיטעט פאַר ייִדישער קולטור אין ישׂראל״, ת״א 1975, 170, XXXIII זז׳; לידער פון טאָגבוך, פ״ג „די גאָלדענע קייט״, ת״א 1977, 77 זז׳; דאָרטן ווו עס נעכטיקן די שטערן, דערציילונגען, צייכענונגען: יאַני פּײַן, „ישׂראל־בוך״, ת״א 1979, 149 זז׳; די ערשטע נאַכט אין געטאָ, צייכענונגען: שמואל באַק, פ״ג „די גאָלדענע קייט״, ת״א 1979, 30 זז׳; פון אַלטע און יונגע כּתבֿ־ידן, לידער און פּראָזע, צייכענונגען: יאָסל בערגנער, „ישׂראל־בוך״, ת״א 1982, 245 זז׳; צווילינג־ברודער, לידער פון טאָגבוך, פּאָרטרעט פון דיכטער: מרדכי אַרדון, פ״ג „די גאָלדענע קייט״, ת״א 1986, 220 זז׳; וואַלדיקס, פאָטאָגראַפירטער איבערדרוק, „נאַציאָנאַלע און אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק״, ירושלים תשמ״ד.

איבערזעצונגען אויף עבֿרית: חרות עלי לוח, הקדמה: יעקב פיכמאַן, (תרגמו מיידיש: נתן אלתרמן, רפאל אליעז, לאה גאָלדבערג, פסח גינזבורג, אַביגדור המאירי, עזרא זוסמאַן, אברהם שלאָנסקי), „ספרית פועלים״, מרחביה 1949, 54 עמ׳; סיביר, פואימה, תורגמה על־ידי ש. שלום, ציורים: מאַרק שאַגאַל, „מוסד ביאַליק״, ירושלים 1952, 48 עמ׳; עיר הסתרים, פואימה, תורגמה מיידיש בידי י. גולה, „עם עובד״, ת״א 1963, 159 עמ׳; ברכב אש, שירים ופואימות, תרגמו מיידיש ה. בנימין ואחרים, מבוא: דב סדן, רישום דיוקן המחבר: אַרתור קולניק, „מוסד ביאַליק״, ירושלים 1964, 232 עמ׳; שירים ופואימות, הקדמה: א״ד שפיר, תורגמו ע״י: נתן אלתרמן, אשר ברש, לאה גאָלדבערג, אמיר גלבוע, ש. האַלקין, אביגדור המאירי, עזרא זוסמאַן, אהרן צייטלין, אברהם רעגעלסאָן, י. י. שוואַרץ, זלמן שזר, אַברהם שלאָנסקי, א״ד שפיר. „עם עובד״, ת״א 1975, 130 עמ׳; אַקווריום ירוק, סיפורים, תרגם מיידיש: ק. א. ברתיני, „ספרי סימן קריאה״, הוצאת „הקיבוץ המאוחד״, ת״א 1979; הלילה הראשון בגיטו, מחזור שירים, תירגם מיידיש: ק. ברתיני, רישומים: שמואל בק, „עם עובד״, ת״א 1981; כנפי שחם, שירים מן היומן ושירים אחרים, תרגמו מיידיש:

יעקב אורלנד, ה. בנימין, ק. א. ברתיני, דוד וינפלד, „האמן במסיכת היומן״: מסע מאת דן מירון, רישום העטיפה: יוסל ברגנר, „עם עובד״, ת״א 1983; סיביר, מיידיש: ה. בנימין, ציורים: מאַרק שאַגאַל, „ספרי סימן קריאה״, הוצאת „הקיבוץ המאוחד״ 1983; אקווריום ירוק, תרגם מיידיש: ק. א. ברתיני, ציור השער: רנה סוצקבר, „ספרית תרמיל״, ת״א 1986. איבערזעצונגען אויף אַנדערע שפּראַכן:
SIBERIA, Poem. Translated from the Yiddish and introduced by Jacob Sonntag. With a letter on the poem and drawings by Marc Chagall. London, Abelard-Schuman. (UNESCO Collection of contemporary works), 1961. KOL-NIDRE, Poem. Aus dem Jüdischen übertragen von Leon Bernstein, Basel, Verlag Jüdische Rundschau Maccabi, 1961.
Зеленый аквариум (רוסיש), דערציילונגען, איבערגעזעצט פון יידיש: יאָסיף גלאַזמאַן, פּאָרטרעט פון מחבר: מאַרק שאַגאַל, פאַרלאַג „עליה״, ת״א 1978.
BURNT PEARLS, Ghetto poems. Translated from The Yiddish by Seymour Mayne. Introduction by Ruth R. Wisse. Mosaic press / Valley Editions. Oakville, Ontario 1981. Frontispiece and cover design: Sharon Katz.
גרינער אַקוואַריום אויף שוועדיש, איבערגעזעצט פון סאָלאָמאָן שולמאַן, בילדער: עליף נעלסאָן, פ״ג „סימפּאָזיאָן״, שטאָקהאָלם 1986.
POESIA, seleccion, version y pralogo de Eliau Toker. Grabado de A. Kolnik. Ed. Pardes, B. Aires 1983.
OÙ GÎTENT LE ÉTOILES, oeuvers en vers et en prose, traduites du yiddish par Charles Dobżynski, Rachel Ertel et le collectif de l'université Paris-VII. Seuil. Paris 1988, 216 pp.

סחר משה

געבוירן 19טן פעברואַר 1928 אין לאָדזש, פּוילן. געלערנט אין אַ פּוילישער פאָלקס־שול. אָנהייב צווייטער וועלט־מלחמה אַנטלאָפן קיין בריסק, ווו ס׳האָבן געהערשט די סאָוועטן. פון דאָרטן פאַרשיקט געוואָרן מיט דער משפחה קיין קאָמי אַסס״ר. אין 1946 צוריקגעקומען קיין פּוילן. פון פּוילן אַנטלאָפן קיין עסטרייך. געווען טעטיק אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע „דרור״ אין די פּליטים־לאַגערן. זיך באַטייליקט מיט סאַטירישע לידער אין דער יידישער צייטונג אויפגאַנג וואָס האָט זיך געדרוקט מיט לאַטייניש אותיות, צוליב מאַנגל אין יידישע. עולה געווען אומלעגאַל, אויף פאַלשע פּאַפּירן, אָנטייל גענומען אין דער באַפרייונג־מלחמה. געדרוקט לידער אין היגע צייטונגען און זשורנאַלן. אָנגעשריבן לידער צו דער פּעדאַגאָגישער פּאָעמע, וואָס איז אויפגעפירט געוואָרן אין „אוהל״־טעאַטער (1957), איבערגעזעצט אויף עברית גאָט פון נקמה פון שלום אַש פאַרן באר־שבע־טעאַטער.

סטעמפּל לייזער

געבוירן 1901 אין לאַנצוט, לעבן קראָקע. באַקומען אַ יידיש־רעליגיעזע דערציִונג, שפּעטער געוואָרן אַן אַרבעטער. עולה געווען אין 1922. אַ צייט געווען אין אַ קיבוץ, דערנאָך געאַרבעט ווי אַ שטיינהאַקער ביים בויען וועגן און הייזער אין עמק־ציונה, תל־אָביב א״אַ ערטער. אָנגעהויבן שרייבן לידער אויף א״י־טעמעס אין די יידישע אויסגאַבעס פון די לינקע פּוע״צ, דערנאָך זיך באַטייליקט אין אָנהויב, י—ם; איינס, צוויי, דריי, אייגנס, נייוועלט, ת״א. דערשינען אין בוכפאָרעם: אויף דער

שוועל פון ליכטיקן טאָג, לידער, מיט אַ הקדמה פון דניאל לייבל, ת״א 1928, 32 זז׳. איז פאַרטראָטן מיט לידער אין מ. יפהס אַנטאָלאָגיע ארץ־ישראל אין דער יידישער ליטעראַטור, ת״א 1961.

פּאַדריאַטשיק אליעזר

געבוירן 23סטן סעפּטעמבער 1914 אין קאַמעראָוו, אַ קליין דערפעלע ביים דניעסטער, די קינדהייט פאַרבראַכט אין באַסאַראַבער שטעטל סעקוראַן. געלערנט אין חדרים און ישיבות. 1934 געענדיקט טשערנאָוויצער העברעישן לערער־סעמינאַר. געאַרבעט ווי העברעישער לערער, פּעדאַגאָג און דערציִער אין אַ קינדער־קאָלאָניע א״נ פון א. שטיינבאַרג, אַנגעפירט מיט אַ נאָכמיטאָג־שול ביים טשערנאָוויצער יידישן שול־פאַראיין. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה — אין סאָוועט־רוסלאַנד. זינט 1943 אין מאָסקווע — לעקטאָר און פּעדאַגאָגישער פאַרוואַלטער פון דער טעאַטער־שול ביים מאָסקווער יידישן מלוכה־טעאַטער. עולה געווען אין 1971. מיטאַרבעטער אין אינ־סטיטוט צו פאָרשן די תפוצות ביים תל־אביבער אוניווערסיטעט, לעקטאָר פון יידיש אין תל־אביבער אוניווערסיטעט. אָנגעהויבן ליטעראַרישע טעטיקייט אין טשערנאָוויצער בלעטער מיט אַרטיקלען וועגן ליטעראַטור און פאָלקלאָר. געדרוקט שטודיעס און עסייען אין אייניקייט, סאָוועטיש היימלאַנד (מאָסקווע), יידישע שריפטן (וואַרשע), יידישע קולטור (נ״י), אילוסטרירטע ליטעראַרישע בלעטער (ב״א), די גאָלדענע קייט, ביי זיך, פאָלקסבלאַט, שבות, מיכאל (ת״א), ירושלימער אַלמאַנאַך, הדואר, פנקס, די צוקונפט (נ״י) א״אַ. דערשינען אין בוכפאָרעם: לא אמות כי אחיה, אַן אויסקלייב פון לידער, דערציילונגען, עסייען און 75 ביאָביבליאָגראַפישע רשימות וועגן אומ־געקומענע יידיש־סאָוועטישע שרייבערס, „יידישער שרייבער־פאַראיין אין ישראל״, ת״א 1972 (צווייטע אויפל׳ בשותפות מיט עירית ת״א), 24 זז׳; טקסטים ליידיש, מקראה לסטודנטים לומדי יידיש, היחידה ללימודי עזר — שפות, אוניברסיטת ת״א תשל״ז, 217 עמ׳; איציק מאַנגער — דער דיכטער וואָס איז דערגאַנגען פון גראָ ביז בלאָ, פ״ג „ביבלוס״, חולון 1977, 24 זז׳; יהודה לייב גמזו, יצירות גנוזות, המכון לחקר התפוצות, אוניברסיטת ת״א תשל״ח, 270 עמ׳; אין פראָפיל פון צייטן, שער־בלאַט: צפניה קיפּניס, פ״ג י. ל. פרץ, ת״א 1978, 354 זז׳; שמועסן מיט אַנדערע און מיט זיך, זכרונות און רעיונות, פ״ג ה. לייוויק, ת״א 1984, 247 זז׳.

פּאַפּיערניקאָוו יוסף

געבוירן 22סטן יוני 1899 אין וואַרשע, פוילן. געלערנט אין חדר און אין אַ רוסישער גימנאַזיע. איז אַ צייט געווען אַ משורר ביים חזן גרשון סיראָטאַ. אין די יאָרן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה געווען אויף דייטשער צוואַנגסאַרבעט אין ליטע, דער־נאָך געלעבט אין וואַרשע, אין 1924 עולה געווען קיין ארץ־ישראל. די ערשטע יאָרן געאַרבעט ביי פלאַסטערן שאָסייען, בויאַרבעט און ערדאַרבעט. 1929—1933 אין פוילן. שפּעטער אויף תמיד זיך באַזעצט אין ארץ־ישראל. איז פון די ערשטע מיטבויערס פון דער יידישער שפּראַך. פון די יונגע יאָרן פאַרבונדן מיט דער ציוניסטיש־סאָציאַ־ליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. דעביוטירט מיט דער פּאָעמע „דאָס פעלד״ אין י. מ. ווייסענבערגס זאַמלביכער, 4, וואַרשע 1918. שפּעטער פאַרעפנטלעכט לירישע און רעוואָלוציאָנערע לידער, דערציילונגען און אָפּשאַצונגען וועגן שרייבערס אין אַרבעטער צייטונג, אַרבעטער־וועלט. די יוגנט־פאָן, דער נייער דור, פרייע יוגנט, באַפרייאונג, פרייהייט (וואַרשע); זינט 1920 געדרוקט אין היינט, דער חודש, מאָמענט זמ״ה אויפן וועג (וואַרשע) א״אַ. דערנאָך זיך באַטייליקט אין ליטעראַרישע בלעטער, דער שטראָם, אונזער האָפענונג (וואַרשע) א״אַ; אויפגאַנג, ס׳פעלד, וועגן (לאָדזש) א״אַ: פאַר גרויס און קליין (ת״א); אַמעריקאַנער (נ״י); קולטור (שיקאַגאָ) א״אַ; זינט

1923 פֿאַרעפֿנטלעכט זײַנע אַרבעטן אין די פֿאַן, נײַוועלט, שפּעטער: די גאָלדענע קייט, פֿרײַ ישראל, ישראל־שטימע, היימיש, לעבנספֿראַגן, ישראל־שריפֿטן, דבר, למרחב, על־המשמר, הפּועל הצעיר (ת"א); שטענדיקער מיטאַרבעטער פֿון לעצטע נײַעס, ת"א. ווו חוץ לידער אויך געדרוקט זכרונות און אָפּהאַנדלונגען וועגן ייִדישע אומגעקומענע שרײַבערס; פֿאַרטראַטן מיט לידער אין שמשון מעלצערס אַנטאָלאָגיע פֿון ייִדישער דיכטונג על נהרות, י—ם 1956; מ. יפֿהס ארץ־ישראל אין דער ייִדישער ליטעראַטור, ת"א 1961; מ. באַסאַקס מבחר שירת יידיש, ת"א 1963; י. לעפּטוויטשעס ענגלישע אַנטאָלאָגיע דהי גאָלדען פּיקאָק, לאָנדאָן־ניו־יאָרק, א"אַ. אין בוכפֿאָרעם: אין זוניקן לאַנד (לידער), וואַרשע 1927, 80 זז'; רויט אויף שוואַרץ (לידער), „נײַע קולטור", וואַרשע 1929, 74 זז'; גאָלדענע זאַמדן (לידער), „אייגנס", וואַרשע 1932, 84 זז'; סערגיי יעסענין (געקליבענע לידער), „אייגנס", וואַרשע 1933, 95 זז'; מיט לענדער גלײַך (לידער), ת"א 1934, 64 זז'; די פֿיר און צוואַנציקסטע שעה (לידער), ת"א 1935, 76 זז'; פֿאַר מיר און פֿאַר אַלע (לידער), ת"א 1936, 76 זז'; אַנוואוקס (לידער, ת"א 1938, 76 זז'; אונטערן פֿײַער (לידער), „אייגנס", ת"א 1939, 60 זז'; פֿון רויטן פֿראָנט (לידער), ת"א 1943, 32 זז'; אונטער שוואַרצע הימלען (לידער), ת"א 1944, 32 זז'; מײַן ברענענדיקער שטאָט (לידער), ת"א 1945, 64 זז'; פֿון ערשטן שניט (לידער 1918—1928), ת"א 1946, 64 זז'; היימוויי (לידער), ת"א 1946, 58 זז'; געקליבענע לידער, פּ"ג איקוף, נ"י 1948, 260 זז'; איבערבלײַב, 1918—1925, ת"א 1949, 64 זז'; אַן עלנט הויז (דערציילונגען), ת"א 1950, 64 זז'; פֿרוכט פֿון ווינט (געקליבענע לידער), יאָהאַנעסבורג 1952, 168 זז'; דאָס לאַנד פֿון צווייטן בראשית (לידער), ת"א 1954, 224 זז' (דערשינען אין אַ פֿאַרגרעסערטער אויסגאַבע, 1964, 260 זז'); פֿון מײַן שיר השירים (לידער), ת"א 1955, 100 זז'; די זון הינטער מיר, ת"א 1961, 155 זז'; היימישע און נאָענטע (זכרונות, געשטאַלטן), ת"א 1959, 368 זז'. מן הטנא, ת"א 1942, 96 זז' (אין עברית); פּרי גני (מיט אַן אַרײַנפֿיר פֿון פּראָפֿ' דב סדן), ת"א 1962, 190 זז'. צו זײַן 40־יאָריקן ליטעראַרישן יובל איז דערשינען 40 יאָר פּאַפּיערניקאָוו אין ארץ־ישראל, ת"א 1965, 134 זז'. מײַן שיר־השירים (לידער פֿון ליבשאַפֿט), „המנורה", ת"א 1966, 124 זז', פֿאַרבעסערטע אויפֿלאַגע. איבער חורבות (לידער), „המנורה", ת"א 1967, 108 זז'; אין ליכט פֿון פֿאַרגאַנג, לידער, „המנורה", ת"א 1969, 146 זז'; ירושלים אין ייִדישן ליד, אַנטאָלאָגיע, פּ"ג י. ל. פּרץ, ת"א, 201 זז'; פֿון אַלץ צו ביסלעך, פּ"ג י. ל. פּרץ, ת"א 1974, 200 זז'; אין ווײַסן עלטער, לידער, פּ"ג י. ל. פּרץ, ת"א 1976, 124 זז'; מײַן אַנטאָלאָגיע, פּ"ג י. ל. פּרץ, ת"א 1978, 198 זז'; פֿרוכט פֿון ווינט, צווייטע אויפֿלאַגע, ת"א 1980, 92 זז'; די גרינע ראָסע, לידער, „דויער", ת"א 1983, 92 זז'; באַנײַונג, לידער, הקדמה פֿון אַ. ליס, פּ"ג י. ל. פּרץ, ת"א 1985, 142 זז'; אין אַ נײַ ליכט, לידער, פּ"ג י. ל. פּרץ, ת"א 1987, 142 זז'.

צאַנין מ. (ישעיהו מרדכי)

געבוירן אין סאָקאָלאָוו פּאָדליאַסקי (צענטראַל פּוילן). זינט 1921 געלעבט אין וואַרשע. געלערנט אין חדר, תלמוד־תורה, ישיבה און זיך אויסגעבילדעט אין אַלגעמיינער און ייִדישער געשיכטע. דעביוטירט מיט אַ נאָוועלע אינעם קוואַרטאַלניק אויפֿגאַנג אין יאָר 1929. זיך באַטייליקט מיט נאָוועלעס, רעפּאָרטאַזשן און פֿעליעטאָנען אין פֿאָלקס־צײַטונג; ליטעראַרישע וואָכנשריפֿט (וואַרשע) א"אַ. רעדאַגירט די פּעריאָדישע אויס־גאַבע ביכער־וועלט, אַרויסגעגעבן פֿון פּ"ג „קולטור־ליגע", וואַרשע. געווען אַ זעלנער אין דער מלחמה צווישן פּוילן און דײַטשלאַנד אין אָנהייב פֿון דער צווייטער וועלט־מלחמה. מיטגעמאַכט די באַלאַגערונג פֿון וואַרשע. נאָך צוויי חדשים אונטער דער

נאַצישער אָקופּאַציע אַוועק אין דער סאָוועטיש־באַזעצטער שטאָט ביאַליסטאָק און
באַלד קיין ווילנע. עטלעכע חדשים נאָך דער סאָוועטישער אַנעקסיע פון ליטע,
זיך געקליבן קיין פּאַלעסטינע דורך סאָוועט־רוסלאַנד, יאַפּאַן, אינדיע, וווּ ער האָט
געלעבט אַ האַלב יאָר. דעם 11טן יוני 1941 אָנגעקומען קיין פּאַלעסטינע. באַלד נאָך
דער אַנטשטייונג פון מדינת־ישראל אָנגעהויבן אַרויסגעבן אַ זשורנאַל אילוסטרירטער
וואָכנבלאַט. אין אַפּריל 1949 געגרינדעט לעצטע נײַעס — פון אָנהייב ווי אַ וואָכנ־
בלאַט, באַלד דערנאָך צוויי מאָל אַ וואָך און שפּעטער דרײַ מאָל אַ וואָך, און דורך
אַן עגלעכער שוועסטער־צײַטונג — היינטיקע נײַעס, דרײַ מאָל אַ וואָך — געשאַפן
אַ ייִדישע טאָגצײַטונג. אין די זעלבע יאָרן אַרויסגעגעבן צאַנינס אילוסטרירטער
וואָכנבלאַט. געגרינדעט אַ „פֿאָלקס־ביבליאָטעק”, וואָס האָט אַרויסגעגעבן צען ביכער.
פּאָרזיצער פון דעם פאַראיין פון ייִדישע שרײַבערס און זשורנאַליסטן אין ישראל,
פּאָרזיצער פון דעם וועלטפאַרבאַנד פון ייִדישע זשורנאַליסטן. אין יאָר 1947 גע־
מאַכט אַ רײַזע איבער מער פון הונדערט חרוב געוואָרענע קהילות אין פּוילן. פון
דער רײַזע, במשך אַ האַלב יאָר, אָנגעשריבן צענדליקער באַריכטן, וואָס זענען געווען
געדרוקט אין פאָרווערטס און איבערגעדרוקט כמעט אין דער גאַנצער ייִדישער פּרעסע
אין דער וועלט, און אויך אין דער העברעיִשער פּרעסע אין ישראל. מחמת דער אָפנקייט
פון די באַריכטן, געצוווּנגען געוואָרן צו אַנטלויפן פון פּוילן און אויסגעמיטן אַן
אַרעסט, ווײַל ער האָט די רײַזע געמאַכט ווי אַ בריטישער זשורנאַליסט. זינט דע־
מאָלט — סטאַבילער קאָרעספּאָנדענט פון פאָרווערטס. דערשינען אין בוכפאָרעם:
ויוואַט, לעבן! נאָוועלן, וואַרשע 1933, 117 זז'; אויף זומפּיקער ערד, ראָמאַן, וואַרשע
1935, 186 זז'; ווּהין גייט יאַפּאַן? רײַזע־רעפּאָרטאַזשן, ת"א 1943, 250 זז'; איבער
שטיין און שטאָק, רײַזע איבער 100 חרוב געוואָרענע ייִדישע קהילות אין פּוילן, ת"א
1952, 213 + 7 זז'; שבתדיקע שמועסן, פעליעטאָנען, ת"א 1957, 515 + 5 זז';
פולער העברעיש־ייִדישער ווערטערבוך, ת"א 1960, 888 זז' + הוספות, 111 זז'; צווישן
געטער און מענטשן, רײַזע־רעפּאָרטאַזשן, ת"א 1962, 222 זז'; שיר השירים, איבער־
דיכטונג אין ייִדיש, ת"א 1962; מגילת רות, איבערדיכטונג אין ייִדיש, ת"א 1962;
אויף די וועגן פון ייִדישן גורל, עסייען, „המנורה”, ת"א 1966, 94 זז'; די דעקאַדענץ
פון אַ משיח, קריטישע מאָנאָגראַפיע, פ"ג „קעגן שטראָם”, ת"א 1967, 146 + 6 זז';
אַרטאַפּאַנוס קומט צוריק אַהיים, ייִדישער ראָמאַן, פ"ג „המנורה”, ת"א 1966, 376 זז';
פרעמדע הימלען, ייִדישער ראָמאַן, „המנורה”, ת"א 1968, 401 + 3 זז'; ליבשאַפט
אין געוויטער, ייִדישער ראָמאַן, „המנורה”, ת"א 1972, 296 זז'; גרענעצן ביז צום
הימל, רײַזע־באַשרײַבונג פון אַ פליט איבער דער וועלט קיין ארץ־ישראל, ת"א
1970, 243 זז'; די מרידה פון מעזשיבאָזש, ייִדישער ראָמאַן, ת"א 1976, 440 זז'; דער
שליסל צום הימל, מעשׂיות פון פּאַרצײַטנס, „אַלבאַטראָס”, ת"א 1979, 221 זז'; מאָדער־
נער ייִדיש־העברעיִשער ווערטערבוך, פ"ג ה. לייוויק, ת"א 1982, 472 זז'; דער ירדן פאַלט
אַרײַן אין ים־המלח, ראָמאַן, פ"ג ה. לייוויק, ת"א 1981, 403 + 5 זז'; דער גזר־דין,
ראָמאַן, פ"ג ה. לייוויק, ת"א 1985, 375 זז'; פון יענער זײַט צײַט, נאָוועלן, רעפּאָר־
טאַזשן, זכרונות, ת"א 1988;

אין העברעיִש: מלון עברי־יידי שלם, ת"א 1960, אין 2 בענד, 888 עמ' + מוספים
קי"א (111) עמ'; תל עולם, מסע על פני מאה קהילות חרבות בפולין, ת"א 1962,
332 עמ'; אַרטפּנוס חוזר הביתה, סיפור, ת"א 1968, 248 עמ'; דרכי הגורל היהודי,
מסות, ת"א 1967, 92 עמ'; גזר־הדין, רומן, ת"א 1988, 300 עמ'; אין ענגליש:

ARTAPANOS COMES HOME, A. S. Barnes and Co. Corp., Brunswick and New York, 1980, 382 pp.

אין פראַנצייזיש (אין דרוק):

LA REVOLTE DE MIEDZYBORZ, Edition Jean-Clode Lattes, Paris 1981, 257 + 7 pp.

ק. צעטניק

„...הינטערן פסעוודאָנים ק. צעטניק באַהאַלט זיך אַ יונגער יידישער שרייבער פון פוילן, געצייכנטע מענטשן וויסן זיין ריכטיקן נאָמען. ער וויל נישט מ'זאָל וויסן. ער וויל זיין — און איז — דער אַנאָנימער, דער אומבאַקאַנטער קאַצעטניק" (עלי וויזעל).

דערשינען אין בוכפאָרעם: סלמנדרה, הוצאת „דביר", ת"א תש"ז, 285 עמ' (שמונה מהדורות); הוצאת „שקמונה", חיפה 1971, 222 עמ' (ארבע מהדורות); הוצאת „מודן", ת"א 1975, 184 עמ' (שש מהדורות); הוצאת „הקיבוץ המאוחד", ת"א 1987, 184 עמ'; בית הבובות, הוצאת „דביר", ת"א תשי"ג, 316 עמ' (שבע מהדורות); הוצאת „שקמונה", חיפה 1971, 228 עמ' (ארבע מהדורות); הוצאת „מודן", ת"א 1975, 228 עמ' (שש מהדורות); הוצאת „הקיבוץ המאוחד", ת"א 1987, 228 עמ'; דאָס הויז פון די לאַלקעס, פ"ג „צענטראַל־פאַרבאַנד פון פוילישע יידן", תשט"ז, 363 זז'; ד"ז, פ"ג י. ל. פרץ, ת"א 1958, 357 זז'; קראו לו פיפל, הוצאת „עם הספר", ת"א 1962, 256 עמ' (ארבע מהדורות); פיפל, הוצאת „שקמונה", חיפה 1971, 224 עמ' (ארבע מהדורות); הוצאת „מודן", ת"א 1975, 224 עמ' (שש מהדורות); כחול מאפר, הוצאת „עם עובד", ת"א 1966, 248 עמ' (שלוש מהדורות); העימות, הוצאת „שקמונה", חיפה 1971, 222 עמ' (ארבע מהדורות); הוצאת „מודן", ת"א 1975, 222 עמ' (שש מהדורות); השעון, הוצאת „מוסד ביאליק", ירושלים 1960, 102 עמ' (שתי מהדורות); דער זייגער, פ"ג י. ל. פרץ, ת"א 1961, 131 זז'; צופן: אדמע, הוצאת „סימן קריאה" - „הקיבוץ המאוחד", ת"א 1987, 125 עמ'; די שבועה, פ"ג „י. ל. פרץ", ת"א 1982, 176 זז'; כוכב האפר, הוצאת „משרד הבטחון", תשכ"ז, 120 עמ' (שלוש מהדורות); הנידון לחיים, הוצאת „משרד הבטחון", תשכ"ט, 87 עמ'; אהבה בלהבות, הוצאת „משרד הבטחון", תשל"ו, 112 עמ'; הדמעה, הוצאת „משרד הבטחון", תשל"ח, 89 עמ'; דניאלה, הוצאת „משרד הבטחון", תש"מ, 98 עמ'; נקם, הוצאת „משרד הבטחון", תשמ"ב, 108 עמ'; חיבוטי אהבה, הוצאת „משרד הבטחון", תשמ"ד, 108 עמ'. הספרים: סלמנדה, בית הבובות, פיפל, העימות והשעון — תורגמו לרוב הלשונות בעולם כולל יאפנית ורוסית.

קאַפּלאַן ישראל

געבוירן 1902 אין וואָלאָזשין, ווילנער געגנט, אין אַ רבנישער משפחה. 1919 אַריבער אין קאָוונער ליטע, ווו דער פאָטער איז געווען רב אין פאַרשידענע קהילות. געלערנט אין חדרים און ישיבות. געענדיקט אַ לערער־סעמינאַר, שטודירט געשיכטע און פילאָסאָפיע אין קאָוונער אוניווערסיטעט. דיפּלאָמירט. געאַרבעט ווי לערער אין העברעישע שולן. 1941 אין קאָוונער געטאָ, אַנהייב 1942 דעפּאָרטירט קיין ריגע, דערנאָך קאַצעט דאַכאַו. נאָך דער באַפרייונג, 1945—1949, געבליבן אין מינכען. אָנטייל גענומען אין גרינדן די צענטראַלע ציטונג פון דער שארית־הפליטה אין דייטשלאַנד, אונדזער וועג, מיטגרינדער פון דער צענטראַלער היסטאָרישער קאָמיסיע אין דייטשלאַנד, וויסנשאַפטלעכער סעקרעטאַר פון דער קאָמיסיע, אָנגעפירט מיט זאַמלען גבית־עדותן און דאָקומענטן וועגן די רדיפות קעגן יידן אין די מלחמה־יאָרן. עולה געווען אין 1949. דעביוטירט אין קאָוונער אידישע שטימע מיט פעליעטאָנען און דערציילונגען. זיך געדרוקט אין ריגער פרימאָרגן און אַנדערע יידישע און העברעישע צייטונגען און זשורנאַלן. נאָך דער באַפרייונג מיטגעאַרבעט אין אונדזער וועג (מינכען 1945), רעדאַקטירט זכרונות־ביכער פון די ניצולי־השואה. אין ישראל פאַרעפנטלעכט דערציילונגען און קריטישע אָפּהאַנדלונגען אין די גאָלדענע קייט

(ת״א), דבר, הצופה (ת״א), הדואר, צוקונפט (נ״י). דערשינען אין בוכפאָרעם: אין דער טאָג־טעגלעכער היסטאָרישער אַרבעט, פאָרטראָג אויפן צוזאַמענפאָר פון די היסטאָרישע קאָמיסיעס אין מינכען, מײַ 1947, מינכען 1947, 24 זז׳; דאָס פאָלקס־מויל אין נאַצי־קלעם, ריידענישן אין געטאָ און קאַצעט, אַרויסג׳: היסטאָרישע קאָמיסיע בײַם צ״ק פון די באַפרײַטע ייִדן אין דער אַמעריקאַנער זאָנע, מינכען 1949, 62 זז׳, פאַרברייטערטע אויפלאַגע — פ״ג „בית לוחמי הגיטאות״, ת״א 1982, 166 זז׳; צווייטער אָפדרוק: דאָרט, 1987, 166 זז׳, שליאַך און אומוועג, דערציילונגען, פ״ג י. ל. פרץ, ת״א 1964, 320 זז׳; געשלײַדער, דערציילונגען, „אילת״, ת״א 1970, 282 זז׳; ציִטנשניט, דערציילונגען, „המנורה״, ת״א 1976, 256 זז׳; גור ירושלמי ועוד טיפורים, „רשפים״, ת״א 1980, 219 זז׳; לעצטער פרילינג, היסטאָרישע נאָוועלע, „ישראל־בוך״, ת״א 1985, 224 זז׳. אַ טייל פון קאַפּלאַנס דערציילונגען און מאָנאָגראַפיעס זענען איבערגעזעצט געוואָרן אין ענגליש, דײַטש און רוסיש.

קאַפּשטיין ברכה

געבוירן 15טן אַפּריל 1911 אין פרילוקי, קיִעווער גובערניע, אוקראַיִנע. געלערנט אין אַ חדר און ייִדיש־העברעיִשער שול. צו 11 יאָר געבליבן אַ יתומה. געלעבט בײַ אַ זיידן אין קעשענעוו, געלערנט דאָרט אין אַ פּראָפעסיאָנעלער „דזשאָינט״־שול. 1924 אין וויניפּעג, קאַנאַדע. בײַ טאָג געאַרבעט אין אַ שאַפּ און אין אָוונט געלערנט אין דער י. ל. פרץ־שול. פון 1933 אין ניו־יאָרק. געלערנט אין אַ ייִדישן לערער־סעמינאַר. 1949 זיך באַזעצט אין ישראל. דעביוטירט 1935 אין וואַרשעווער ליטעראַרישע בלעטער. פאַרעפנטלעכט לידער אין אידישער קעמפער, קינדער־צײַטונג (נ״י), דאָס ייִדישע וואָרט, ייִדישער זשורנאַל, קענעדער אָדלער (קאַנאַדע), אונזער וואָרט (פּאַריז), פאָלקסבלאַט, נײַוועלט, ייִדישע צײַטונג, לעצטע נײַעס, ישראל־שטימע (ת״א); פאַרטראָטן אין אַנטאָלאָגיעס: המשך אַנטאָלאָגיע (נ״י 1945), אַמעריקע אין ייִדישן וואָרט (נ״י 1967), די פרוי אין דער ייִדישער פּאָעזיע (ב״א 1966), על נהרות (י—ם תשט״ז) א״אַ. רעדאַגירט (מיט איר מאַן בנימין) די אַנטאָלאָגיע אונטער יאַנקעלעס וויגעלע (נ״י־ת״א 1976). דערשינען אין בוכפאָרעם: שטאַרק בין איך, לידער, נ״י 1939, 32 זז׳; זינג, מײַן האַרץ, לידער, נ״י 1945, 159 זז׳ (צווייטע אויפלאַגע: 1946, 160 זז׳), דאָס פאָלק איז דאָ, לידער, נ״י 1951, 160 זז׳; משמש אל שמש, תורגם מייִדיש, ת״א 1959, 120 זז׳; יום־טוב און וואָך אין ישראל, רעפּאָרטאַזשן, נ״י 1965, 351 זז׳; געקליבענע לידער, מיט נאָטן, נ״י 1968, 193, 15 זז׳.

קאַרמיאל וואָלף

געבוירן 30סטן אָקטאָבער 1914 אין לאָדזש, פוילן. געענדיקט אַ העברעיִש־פּוילישע גימנאַזיע. 1936—1938 שטודירט אין ירושלימער אוניווערסיטעט. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין לאָדזשער געטאָ. פון 1947 אין אַמעריקע. לערער אין די ייִדישע שולן פון פילאַדעלפיע, דעטראָיט און ניו־יאָרק. עולה געווען אין 1971. דעביוטירט מיט אַ דערציילונג אין דאָס נײַע לעבן (לאָדזש 1946), געדרוקט דערציילונגען אין צוקונפט, אידישער קעמפער, פאָרווערטס (נ״י) א״אַ. אין בוכפאָרעם: וועגענער ציִען צום סוף וועלט, „המנורה״, ת״א 1968, 296 זז׳; דער קאָרידאָר, דערציילונגען, „ישראל־בוך״, ת״א 1985, 205 זז׳.

קאַרן יצחק

געבוירן אין קעשענעוו, בעסאַראַביע. דערצויגן געוואָרן אין אַ משפחה וואָס איז געווען טיף פאַרוואָרצלט אין דער ייִדיש־נאַציאָנאַלער, טראַדיציאָנעלער און וועלטלעכער קולטור, אויפגעוואַקסן בשלום מיט ייִדיש, עברית, רוסיש און רומעניש. פאַרענדיקט קעשענעווער העברעיִשע גימנאַזיע און דעם יורידישן פאַקולטעט אין יאַסער אוניווערסיטעט. אַקטיוו אין „צעירי־ציון"־התאחדות און אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון די ייִדישע קהילות אין רומעניע. עולה געווען אין 1940. טעטיק אין דער ציוניסטישער אַרבעטער־באַוועגונג. גרינדער פון דעם קאָמיטעט צו העלפן די געליטענע סאָוועטישע ייִדן מיט פּראָדוקטן־פּעקלעך. 1948, בעת דער מאַסן־עליה פון בעסאַראַבישע ייִדן — בראש פון „ועד עולי בסרביה". 1949 צוזאַמען מיט לוי אשכול אָנגעפירט מיט דער אַקציע אויפצושטעלן 300 עולים־יישובים. 1959—1965 חבר־כנסת און וויצע־מיניסטער ביים שר האוצר לוי אשכול. איניציאַטאָר פון דער וועלט־קאָנפערענץ פאַר ייִדישער קולטור, ירושלים 1976; פאָרזיצער פון וועלטראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין דער קעשענעווער טאָגצייטונג אונזער צייט, רעדאַגירט די סטודענטן־שריפט אונזער וועג און (מיט מ. קאַטיק) דאָס וואָכנבלאַט פון צעירי־ציון ערד און אַרבעט. זיך באַטייליקט מיט אַרטיקלען און עסייען, אין העברעיִש און ייִדיש, אין די פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין לאַנד און חוץ־לארץ. פירט אָן מיט אַרויסגעבן די „העפטן פאַר ליטעראַטור, קולטור און געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען" ביי זיך, אונטער דער רעדאַקציע פון י. יאַנאַסאָוויטש; די חודש־שריפטן פאָלקסבלאַט און ייִדיש־וועלט. דערשינען אין בוכפאָרעם: קעשענעוו, ב"א 1950, 416 זז'; על יהדות אמריקה הדרומית, רשמי סיור, תדפיס „הפועל הצעיר" מס' 38, ת"א 1966, 14 עמ'; מעשים און פאָרמעסטן, ת"א־נ"י 1966, 24 זז'; אויפגאַבן און פּראָבלעמען, ת"א־נ"י 1966, 64 זז'; די געשיכטע פון מושבי עולים אין ישראל, „קיום", ב"א 1968, 500 זז'; דור במאבקו — התנועה הציונית בתקופת המדינה, „אותפז", ת"א 1970, 367 עמ'; דאָס געשטאַלט פון בעסאַראַבישן ייִדנטום, נ"י תשל"ב, 24 זז'; הקונגרס היהודי העולמי, הוצאת הקונגרס, ת"א 1975, 30 עמ'; וועלט־קאָנפערענץ אין ירושלים פאַר דער ייִדישער קולטור, סעפּאַראַט־אָפּדרוק, ת"א 1976, 14 זז'; ייִדן אָן ייִדישקייט, ציוניסטן אָן ציוניזם, ת"א 1977, 26 זז'; ייִדן אויפן שיידוועג, אַרטיקלען און עסייען, פ"ג י.ל. פּרץ, ת"א 1978, 425 זז'; דאָס געשטאַלט פון בעסאַראַבער ייִדנטום (מיט אַן איבערזעצונג אין רוסיש), „בית יהודי בסרביה", ת"א 1979, 286 עמ'; נישט ווערן מיד צו קלעטערן אויפן באַרג פון ייִדישער קולטור, ת"א 1979, 16 זז'; ייִדיש און חסידיש, אַרויסג' פון וועלטראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור, ת"א 1981, 24 זז'; ייִדיש אין ארץ־ישראל, אָפּדרוק פון ביי זיך נומ' 19, ת"א 1981, 24 זז'; ייִדיש אין רומעניע, אַרויסג' פון וועלטראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור, ת"א 1982, 22 זז'; דאָס געראַנגל פאַר ייִדיש, עסייען, הילע: צ. קיפּניס, וועלטראַט פאַר ייִדיש און ייִדישער קולטור, ת"א 1982, 242 זז'; ייִדיש אין רומעניע (געפינט זיך אין דרוק).

קאַרפּינאָוויטש אַבֿרהם

געבוירן 1918 אין ווילנע, ירושלים דליטא. געלערנט אין ווילנער ייִדישער רעאַל־גימנאַזיע. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין סאָוועט־רוסלאַנד, דורכגעמאַכט פאַרשיקונג און לאַגערן. 1944 צוריקגעקומען אין דער באַפרייטער ווילנע. 1946 זיך געלאָזט, איבער לענדער און גרענעצן, קיין ארץ־ישראל. פאַרהאַלטן געוואָרן אויף דער מעפּילים־שיף „טעאָדאָר הערצל" און אָפּגעווען צוויי יאָר אין די לאַגערן פון ציפּערן. עולה געווען אין 1949. זינט 1952 פאַרוואַלטער פון פילהאַרמאָנישן

אָרקעסטער אין תּל־אָביב. שטודירט אַלגעמיינע געשיכטע אין לאָנדאָנער אוניווערסיטעט. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין 1947, זיך באַטייליקט מיט דערציילונגען אין ניי־וועלט, לעצטע נייעס, די גאָלדענע קייט, ביי זיך, פּאָרטראַטן אין די אַנטאָלאָגיעס וואָרצלען (רעד׳ א. שמרי, ת״א 1966), מכאן ומקרוב (רעד׳ מ. חלמיש, ת״א 1966), אין אַלמאַנאַך פֿון די ייִדישע שרייבער אין ישראל (ת״א תשכ״ח). דערשינען אין בוכפֿאָרעם: דער וועג קיין סדום, דערציילונגען (סעריע: יונג־ישראל, 5), פּ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1959, 180 זז׳; ביים ווילנער דורכהויף, דערציילונגען, צייכענונגען: יאָסל בערגנער, פּ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1967, 187 זז׳; אַ טאָג פֿון מלחמה, דערציילונגען וועגן זעקסטאָגיקן קריג, צייכענונגען: מולע בן־חיים, פּ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1973, 150 זז׳; ברוניסלב הוברמן, קוים לדמותו, בהוצאת הספריה המרכזית למוסיקה בישראל, ת״א 1973, 70 עמ׳; אויף ווילנער גאַסן, דערציילונגען, שער־בלאַט: יאָסל בערגנער, פּ״ג „די גאָלדענע קייט״, ת״א 1981, 158 זז׳; צו פֿוס קיין ארץ־ישראל, דערציילונגען, פּ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1985, 192 זז׳.

קוויאַטקאָווסקי־פּנחסיק רבקה

געבוירן 1920 אין לאָדזש, פּוילן. באַקומען אַ טראַדיציאָנעלע דערציִונג. געענדיקט אַ מיטלשול. טעטיק אין דער חלוצישער באַוועגונג „גורדוניה״. דורכגעמאַכט לאָדזשער געטאָ, אָשוויענטשים און שטוטהאָף, באַפֿרייט געוואָרן דורך דער רויטער אַרמיי אין 1945 און אַ לאַנגע צייט, אין אַ שווערן צושטאַנד, געלעגן אין סאָוועטישע שפּיטעלער. 1946 צוריקגעקומען קיין פּוילן. געלערנט ליטעראַטור און פּסיכאָלאָגיע אין לאָדזשער אוניווערסיטעט. עולה געווען אין 1949. אָנגעהויבן דרוקן רעפּאָרטאַזשן אין דער קינדער־צייטונג מאַלי פּשעגלאָנד, אין פּויליש (רעד׳ יאַנוש קאָרטשאַק), שפּעטער אין וואָטום און נאָך דער מלחמה אין דאָס נייע לעבן, ייִדישע שריפֿטן, באַפֿרייונג (לאָדזש), פֿאָלקס־שטימע (וואַרשע), ייִדישע קולטור (נ״י), ניי־וועלט, פּראָבלעמען, פֿאָלקסבלאַט, לעצטע נייעס, ביי זיך, די גאָלדענע קייט (ת״א), פּאָרטראַטן אין אַלמאַנאַך פֿון די ייִדישע שרייבער אין ישראל (1962), אין דער אַנטאָלאָגיע מכאן ומקרוב (1966) א״אַ. דערשינען אין בוכפֿאָרעם: פֿון לאַגער אין לאַגער, פּ״ג „דאָס פּוילישע ייִדנטום״, ב״א 1950; הענט, געטאָ־דערציילונגען, פּ״ג „חיפה״, חיפה 1956; נשים מאחורי הגדר, מיִידיש: שבתי קשב, הוצ׳ י. ל. פרץ, ת״א 1961; בידיים נאמנות, מיִידיש: י. אורלנד, הוצ׳ „חיפה״, חיפה 1964; אין זיכערע הענט, דאָרט 1965, 207 זז׳; טויזנט מאָל פֿאַרוואָס? טאָגבוך פֿון אַ ייִנגל פֿון לאָדזשער געטאָ, ת״א 1971, 163 זז׳; אלף פעם למה? עברית: יונה שחר־לוי, „גשר לנוער״, י—ם 1971; חיימקע, עברית: יוסף אַחאי, י—ם 1975; צווישן כרמל און ים, „אַליין״. חיפה 1976; די לעצטע — די ערשטע וועלן, לידער און פּאָעמעס, „אַליין״, חיפה 1980, 134 זז׳; אחרונים שהיו... ראשונים להיות, שירים ופואמות, מיִידיש: יעקב אורלנד, „עקד״, ת״א 1984, 163 זז׳.

קלעפּפֿיש העשיל

געבוירן אין זשיראַרדאָוו, פּוילן, אין אַ רבנישער משפּחה. געלערנט אין פּוילישע און ליטווישע ישיבות און אין אייראָפּעיִשע אוניווערסיטעטן. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין דער פּוילישער גלות־אַרמיי אויפֿן מערב־פֿראָנט. באַקומען פֿראַנצייזישע, בעלגישע, ענגלישע און פּוילישע מיליטער־אויסצייכענונגען. נאָך דער מלחמה רב אין דער אַשכּנזישער קהילה אין פּאַנאַמאַ, צענטראַל־אַמעריקע, פּראָפֿ׳ אין דאָרטיקן אוניווערסיטעט און דירעקטאָר פֿון אַלבערט איינשטיין־אינסטיטוט. ראַטגעבער אין דער רעגירונג פֿון פּאַנאַמאַ פֿאַר ענייִנים פֿון בילדונג און אויסערן־

פּאָליטיק, מיטגליד פון דער פּאַנאַמאַ־דעלעגאַציע אין די פאַרהאַנדלונגען מיט פ״ש וועגן פּאַנאַמאַ־קאַנאַל. אָנגעהויבן זײַן ליטעראַרישע טעטיקייט אין 1929. מיטגעאַרבעט אין פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין ייִדיש, העברעיִש און פּויליש; רעדאַגירט אין פּויליש דאָס וואָכנבלאַט עכאָ זשידאָווסקע (וואַרשע), געאַרבעט אין אַ פּויליש־ן מלוכה־פאַרלאַג, געשריבן קאָמענטאַרן צו ווערק פון פּוילישע קלאַסיקערס. דערשינען אין בוכפאָרעם: אין די טעג פון דער פּראַגער שחיטה, פ״ג „טאָגבלאַט", וואַרשע 1934, 64 זז׳; ייִדישער אָנטייל אין נאָוועמבער־אויפשטאַנד, דאָרט, 1934, 64 זז׳; די ייִדישע פּרווי (אין פּויליש), „נצח", וואַרשע 1934, 72 זז׳; עכאָס פון אַ פאַרשווונדענער צײַט, עסייען, „וועלטראַט", ת״א תשמ״א, 448 זז׳; צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, ליטעראַרישע עסייען, „וועלטראַט", ת״א תשמ״ב, 564 זז׳; דאָס וווּנדער פון מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדנטום, „וועלטראַט", ת״א תשמ״ה, 404 זז׳; דערשינען אין שפּאַניש: אַ יאָר אין אַלבערט איינשטיין־אינסטיטוט, פּאַנאַמאַ 1962, 100 זז׳;ווירקלעכקייט און וויזיע, איינשטיין־פ״ג, פּאַנאַמאַ 1965, 173 זז׳; בעל־שם־טוב, פ״ג ייִוו״ק, ב״א 1967, 30 זז׳; רבי מנחם רעמבאַ, ייִוו״ק, ב״א 1969, 28 זז׳; די גײַסטיקע קולטור פון פּוילישן ייִדנטום, ייִוו״ק, ב״א 1970, 400 זז׳; ייִדישער בײַטראָג צו דער מערב־קולטור, פ״ג „פּאַנאַמאַ־אוניווע", 1975, 400 זז׳; צען גראַדואַציע־רעדעס, פּאַנאַמאַ 1976, 72 זז׳; די מיסטעריע פון ארץ־ישראל, פּאַנאַמאַ 1978, 32 זז׳; דער באַגריף פון אמונה אין ייִדישקייט, פ״ג „אַליוויאַ", מאַדריד 1979, 20 זז׳; די דרײַ לעצטע גראַדואַציע־רעדעס, פּאַנאַמאַ 1978, 46 זז׳; אין ענגליש: די קולטור פון רחמנות, „כתב", ניו־יאָרק 1983, 260 זז׳; די ייִדישע געשיכטע איז אַ דראַמע (אין שפּאַניש), פ״ג בני־ברית", פּאַנאַמאַ 1983, 280 זז׳.

קערלער יוסף

געבוירן 1918 אין הײַסין, אוקראַיִנע, אויפגעוואַקסן אין אַ קרימער ייִדישן קאָלכאָזניִשט ווײַט פון דזשאַנקאָי. געענדיקט אַ ייִדישע מיטלשול. פון 1937 אין מאָסקווער טעאַטראַלער מלוכה־סטודיע א״נ פון שלמה מיכאָעלס. פאַרענדיקט אין 1941. די צווייטע וועלט־מלחמה געקעמפט אויפן פראָנט, דרײַ מאָל פאַרוווּנדיקט. פון 1944 אין מאָסקווע, מיטגעאַרבעט אין ייִדישן אַנטיפאַשיסטישן קאָמיטעט, אַקטיאָר אין מאָסקווער ייִדישן מלוכה־טעאַטער, געלערנט סלאַוויסטיק אויפן פילאָלאָגישן פאַקולטעט פון מאָסקווער מלוכהשן אוניווערסיטעט. פון 1946 מיטגליד אין סאָוועטישן שרײַבער־פאַראיין. 1950—1955 אַרעסטירט און פאַרשיקט אין די קוילן־שאַכטעס פון וואָרקוטאַ, קאָמי אַסס״ר. 1955 רעהאַביליטירט, צוריק אין מאָסקווע. זיך באַטייליקט אין שאַפן קליינקונסט־רעפּערטואַר פאַר די ערשטע אויף ס׳נײַ אויפגעלעבטע ייִדישע טעאַטראַלע אַנסאַמבלען און זינגערס־סאָליסטן. איינער פון די ערשטע עליה־אַקטיוויסטן אין די זעכציקער, אָנהייב זיבעציקער יאָרן. עולה געווען אין 1971. דעביוטירט מיט אַ ליד אין אָדעסער אַרבעטער אין 1935, געדרוקט לידער אין עמעס, אייניקייט, היימלאַנד (מאָסקווע), שטערן (קיִעוו), פאָלקס־שטימע, ייִדישע שריפטן (וואַרשע), די גאָלדענע קייט, בײַ זיך, ישראל־שטימע, פאָלקסבלאַט (ת״א), רעדאַקטאָר פון ירושלימער אַלמאַנאַך (יאָרשריפט), מיטרעדאַקטאָר פון עצרת עם, פאָלקס־אַקאַדעמיע (ת״א 1972, 29 זז׳), פאַרטראָטן אין אַנטאָלאָגיעס און זאַמלביכער: צום זיג (מאָסקווע 1944), אויף נײַע וועגן (נ״י 1949), פינף לידער פון ייִדישע סאָוועטישע דיכטער (מאָסקווע 1960), אַזוי לעבן מיר (מאָסקווע 1964), האָריזאָנטן (מאָסקווע 1965), צוזאַמען (ת״א 1974) א״אַ. דערשינען אין בוכפאָרעם, אין ישראל: דאָס געזאַנג צווישן ציין (לידער), אַריינפיר: דב סדן, שער־בלאַט און צייכענונגען: מולע בן־חיים, פ״ג י. ל. פרץ, ת״א 1971, 167 זז׳; זעט איר דאָך (לידער), פ״ג י. ל. פרץ, ת״א 1972, 220 זז׳; 12 אויגוסט 1952 (עסייען), הילע: לב סירקין, „אייגנס", י—ם

הימלשאפט, 138 זז׳; די ערשטע זיבן יאָר (**לידער**), **דאַרטן, 1979, 224 זז׳, 1978**; **בלעטלעך פּראָזע און לידער**, „**ירושלימער אַלמאַנאַך**", י—ם 1986.

קראמף רחל

געבוירן אין קריסטינאָפּאָל, גאַליציע. דערצויגן געוואָרן און געלערנט אין וואַרשע. געדרוקט לידער אין וואַרשעווער היינט, ליטעראַרישע בלעטער **און** דאָס וואָרט; דבר, הצופה, קשת, לעצטע נייעס, די גאָלדענע קייט (**ת״א**) **א״אַ. דערשינען אין בוכפאָרעם:** שטילע רייד, **וואַרשע** 1937, **55 זז׳**; אין שטילקייט, **לידער, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1970, 126 זז׳**; חרישית, שירים, „**תרבות וחינוך**", **ת״א 1970, 109 עמ׳**; וואָלקנס ווילן וויינען, **לידער**, **צייכענונגען: תמי ספיר, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1973, 135 זז׳, העברעיִשע איבערז׳**: עבים מתאבים לבכות, **ת״א** 1973; אַראָפּ פון די הייכן, **לידער, פ״ג ה. לייוויק, ת״א 1985, 95 זז׳**.

ראָם מנוחה

געבוירן מאַרץ 1916 אין זשעטל, פּוילן. געלערנט אין ווילנער לערער־סעמינאַר. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין ראַטן־פאַרבאַנד. נאָך דער מלחמה געקומען קיין לאָדזש. 1948 זיך באַזעצט אין פּאַריז. לעקטאָרין פון יידיש אין די אינסטיטוטן פון מיזרח־שפּראַכן און יידישער פאָרשונג אין פּאַריזער אוניווערסיטעטן. פאַר־עפנטלעכט לידער און בעיקר דערציילונגען אין אונזער וואָרט, אונזער שטימע, אונזער קיום (**פּאַריז**); לעצטע נייעס, די גאָלדענע קייט (**ת״א**), די צוקונפט (**נ״י**) **א״אַ. דערשינען אין בוכפאָרעם:** ווייטער פון טראַקט, **דערציילונג, פ״ג פון ייק״ק אין פראַנקרייך, פּאַריז** 1961, 77 זז׳; ווינטן, נאָוועלע, „**יידבוך**", **ב״א 1964, 171 זז׳**; אַרום דער ווערבע, **דערציילונגען, שער־בלאַט און פאָרטרעט: אַרטור קאָלניק**, „**ישראל־בוך**", **ת״א 1970, 282 זז׳**; רוחות, מיידיש: **מרדכי אמיתי**, „**ספרית פּועלים**", **ת״א 1977, 182 זז׳**; שטיינער, **ח״י דערציילונגען**, „**ישראל־בוך**", **ת״א 1981, 188 זז׳**; בצל הערבה (**העבר׳ איבערז׳ פון** אַרום דער ווערבע, **איבערזעצער און רע־דאַקטאָר — משה יונגמאַן**), **ת״א 1983**.

רובין הדסה

געבוירן 1912 אין יאַמפּאָל, אוקראַינע. אַריבערגעפאָרן מיט די עלטערן קיין קרעמע־ניץ, פּוילן. דאָרט געענדיקט אַ מיטלשול. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין ראַטן־פאַרבאַנד. נאָך דער מלחמה געלעבט אין וואַרשע. עולה געווען אין 1961. דעבוטירט אין „ווילנער טאָג" (**רעד׳: זלמן רייזען**), **געהערט צו דער גרופּע** „**יונג־ווילנע**". **געדרוקט לידער אין דער אַרטיקער פּרעסע פון פאַר־ און נאָך־מלחמהדיקן פּוילן** (**געווען סעקר׳ פונעם** חודש־זשורנאַל די יידישע שריפטן, **וואַרשע**), **אין** לעצטע נייעס, די גאָלדענע קייט, ישראל־שטימע, בײַ זיך (**ת״א**), ירושלימער אַלמאַנאַך; **פאָרטראָטן אין די אַנטאָלאָגיעס** וואָרצלען (**צונויפגעשטעלט: א. שמרי, ת״א 1966**), ווען אַ פאָלק דערוואַכט (**רעד׳: ש. ראָזשאַנסקי, ב״א 1968**), ווידערשטאַנד און אויפ־שטאַנד (**ב״א 1970**) **א״אַ. דערשינען אין בוכפאָרעם:** מײַן גאַס איז אין פּענער, **לידער** „**יידיש־בוך**", **וואַרשע 1953, 53 זז׳**; וויטיק און פרייד, **לידער, דאָרטן 1955, 69 זז׳**; טריט אין דער נאַכט, **דאָרטן 1957, 117 זז׳**; פון מענטש צו מענטש, **לי־דער, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1964, 119 זז׳**; אין צוגווינט, **לידער**, „**ישראל־בוך**", **ת״א 1981, 126 זז׳**.

שאַרגעל יעקבֿ־צבֿי

געבוירן 1905 אין כעלעם, פּוילן. געלערנט בײַ אָרטיקע מלמדים און אין כעלעמער און אָדעסער ישיבֿות. עולה געווען, ווי אַ חלוץ, אין 1926. ערשטער סעקרעטאַר פון געשאַפענעם אין 1928 ייִדישן ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־קלוב. זיך באַטייליקט אין שאַפן די צ״ש אָנהייב (ירושלים 1928), איינס, צוויי, שטאַמען, די בריק, אייגנס (ת״א); מיטאַרבעטער און אַ געוויסע צײַט רעדאַקטאָר פון נײַוועלט (ת״א); פון 1954 ליטעראַרישער רעדאַקטאָר פון דער מפּ״ם־צײַטונג אויף דער וואָך און זינט 1961 רעד׳ פון דער ליטעראַרישער זײַט אין ישׂראל־שטימע (ת״א). אָנגעפירט מיט דעם קולטור־אָפּטייל אין פּתח־תּקוה שטאָטראַט. איינער פון די ראשונים אין דער ארץ־ישׂראלדיקער ייִדישער פּאָעזיע. אָנגעהויבן שרײַבן קאָרעספּאָנדענצן פאַר ייִדישע צײַטונגען אין 1925; דאָס ערשטע ליד פאַרעפנטלעכט אין אַרבעטער צײַטונג, 1927 (וואַרשע). געדרוקט לידער און אָפּהאַנדלונגען אין די תּל־אָבֿיבֿער זמ״ב און זמ״ה אונזערס (1931), אָקטיאַבר (1931), יוני (1931), בלעטער פאַר ליטעראַטור (1936, 1941), ארץ־ישׂראל־שריפטן (1937), נײַלעבן א״אַ. איבערגעזעצט פון עבֿרית מרדכי נמירס שליחות אין מאָסקווע (ת״א, 1973, 452 זז׳) א״אַ. דערשינען אין בוכפאָרעם: אין בלויען ליכט, לידער, פ״ג „ליטעראַטן־קלוב“, ת״א 1937, 72 זז׳; פון ווײ און גלויבן, לידער, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1959, 160 זז׳; זוניקע שוועלן, לידער, „ישׂראל־בוך“, 1963, 128 זז׳; עלי ספּים (איבערגעזעצט פון ייִדיש), „ספרית פּועלים“, ת״א 1972, 136 זז׳; טויערן אין די בערג, לידער, „ישׂראל־בוך“, ת״א 1973, 120 זז׳; האַרבסט־טיקע טרויבן, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1977, 116 זז׳; פון אָנהייב אָן, עסייען, ב׳ 1, „ישׂראל־בוך“, 1977, 296 זז׳; קוואַלן אַרום געצעלט, עסייען, ב׳ 2, „ישׂראל־בוך“, ת״א 1981, 320 זז׳; ליכט פון מײַן גאַס, לידער, „ישׂראל־בוך“, ת״א 1984, 136 זז׳; שלהי קיץ, לידער (איבערגעזעצט פון ייִדיש), „ספרית פּועלים“, ת״א 1988, 104 זז׳; זאַלבנדיקע איילן, לידער, „ישׂראל־בוך“, ת״א 1988, 184 זז׳.

שווייצער שלמה

געבוירן 21סטן נאָוועמבער 1903 אין וואַרשע (פּוילן). געלערנט אין חדר און גימנאַזיע, שטודירט יוריי אין וואַרשע און זשענעווע. פון 1924 אין פראַנקרײַך און שווייץ. זינט דער יוגנט אַקטיוו בײַ די לינקע פּוע״צ. פון 1965 אין ישׂראל. געדרוקט אַרטיקלען, רעצענזיעס און עסייען אין מאָמענט, אונדזער עקספּרעס (וואַרשע), אונזער קיום, אונזער וואָרט (פּאַריז), נײַוועלט און די גאָלדענע קייט (ת״א) א״אַנד. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה מיטרעד׳ אין פּאַריזער אומלעגאַלן אָרגאַן פון פּוע״צ אַרבעטער וואָרט. שטענדיקער מיטאַרבעטער און פון 1968 רעדאַקטאָר פון פּאָלקסבלאַט (ת״א). באַטייליקט אין פּאַריזער אַלמאַנאַך (1955, 1960), אונזער וועג אין בוי און קאַמף (ת״א 1958), ספר זרובבל (ת״א 1961). פאַרעפנטלעכט אַ גרעסערע אַרבעט: דאָס ייִדישע קולטור־לעבן אין פּוילן צווישןביידע וועלט־מלחמות, ת״א 1967, 98 זז׳.

שטוקער־פּײַוק מאָשע

געבוירן אָקטאָבער 1914 אין קאַרטוז־בערעזע, פּוילן. עמיגרירט מיט דער משפּחה קיין אַרגענטינע. זיך באַזעצט אין דער קאָלאָניע מאָנטעפיאָרע (אין די ראַמען פון דער ייִק״אָ — באַראָן הירש־קאָלאָניזאַציע). געלערנט אין דער קאָלאָניע־שול, וווּ איר פאָטער איז געווען לערער, און זיך פאַרנומען מיט ערדאַרבעט. אין די 30ער יאָרן פאַרענדיקט אַ ספּעציעלן קורס אין לערער־סעמינאַר אין ב״א און געאַרבעט ווי לערערין אין קינדער־גערטנער. עולה געווען אין 1974. דעביוטירט אין 1933 מיט

אַ סעריע לידער אין ייִדישע צײַטונג, ב״א (רעד׳: יוסף מענדעלסאָן), געדרוקט לידער און דערציילונגען אין צענדליקער ייִדישע צײַטונגען. אירע לידער און מעשה־לעך זענען אַרײַנגענומען אין כרעסטאָמאַטיעס פאַר ייִדישע שולן, צוו״אַ: פאַר ייִדישע קינדער, פון ז. יעפּרויקין און י. מאַרק (נ״י). דערשינען אין בוכפאָרעם: קינדערלעך, קינדער־לידער, ב״א 1948, 115 זז׳; זינגענדיק, קינדער־לידער, אַרויסג׳: ליטעראַטן־ און זשורנאַליסטן־פאַראיין, ב״א 1951, 122 זז׳; פאַרביקע כוואַליעס, לידער, ב״א 1954, 153 זז׳: גוט־יום־טוב, לידער, ב״א 1957; דער צעדערבוים, מעשהלעך און לידער, ב״א 1961, 174 זז׳; צו דיר, ב״א 1966 (דערשינען אין העברעיִשער איבער־זעצונג: כלניות); אַהיים, לידער, ב״א 1969, 199 זז׳; באַן פון מײַנע טעג, לידער און דערציילונגען, פ״ג ה. לייוויק, ת״א 1981, 189 זז׳. אין דער העברעאישער איבערזעצונג פון אפרים תלמי זענען דערשינען 4 ביכלעך פאַר קינדער: טלי וסבתא (1970), עץ־הפלא (1975), גן של שלום (1973) און פלא־איש (1978).

שטיינבערג מרדכי

געבוירן 1טן יאַנואַר 1914 אין בערעסטעטשקאַ, וואָלין (רוסלאַנד־פּוילן). געלערנט אין חדר, „תרבות״־שול און פּוילישער גימנאַזיע. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין ראַטן־פאַרבאַנד. 1946 צוריקגעקומען קיין פּוילן. עולה געווען אין 1957. דעביו־טירט אין 1930 מיט אַ דערציילונג אין ראָוונער וואָכנבלאַט וואָלינער שטימע. געשריבן קאָרעספּאָנדענצן אין היינט (וואַרשע 1935), אין אַלטער קאַציזנעס פריינד א״אַ. פאָלקלאָר־זאַמלער פאַרן ווילנער ייִוואָ. אין ישׂראל פאַרעפנטלעכט רעפּאָרטאַזשן און דערציילונגען אין לעצטע נײַעס, ישׂראל־שטימע, פּראָבלעמען, לעבנס־פראַגן (ת״א) א״אַ. זיך באַטייליקט אין די זמ״ב אַלמאַנאַך חיפה, חיפה העובדת, כל־בו, קול חיפה; אַרויסגעגעבן צוויי נומערן פון זשורנאַל המשך (חיפה), רעדאַגירט, צוזאַמען מיט ד״ר עדה אהרוני דעם זשורנאַל גלים (חיפה). דערשינען אין בוכפאָרעם: בלויע האָריזאָנטן, דערציילונג, מיניאַטור, רעפּאָרטאַזש, פ״ג ה. לייוויק, ת״א 1983, 176 זז׳; שפּיגלען, עסייען, פ״ג ה. לייוויק, ת״א 1984, 192 זז׳.

שעדלעצקי אפרים

געבוירן 6טן יאַנואַר 1922 אין מינסק־מאַזאָוויעצק, פּוילן. געגאַנגען אין חדר, געענ־דיקט אַ העברעיִשע פאָלקשול און גימנאַזיע־קורסן פון „תרבות״. מלחמה־צײַט אין וואַרשעווער געטאָ, שפּעטער זיך אויסבאַהאַלטן בײַ אַ פּוילישן פּויער. נאָך דער מלחמה געווען צווישן די ערשטע מיטאַרבעטערס פון דער צײַטונג דאָס נײַע לעבן (לאָדזש), אַרויסגעגעבן די ערשטע ציוניסטישע צײַטונג אין נאָכמלחמהדיקן פּוילן איחוד (לאָדזש), געשיקט קאָרעספּאָנדענצן פון פּוילן פאַר דער טאָגצײַטונג ידיעות אחרונות (ת״א). 1947 מיטגעאַרבעט אין אונזער וואָרט אין פּאַריז און פון דאָרטן געשיקט קאָרעספּאָנדענצן פאַרן דבר (ת״א). פון 1948 אין ישׂראל. רעדאַקטאָר פון דער ייִדיש־אָפּטיילונג אין ישׂראלדיקן ראַדיאָ ביז אָנהייב 1987. רעדאַגירט פאָלק און ציון (ירושלים) אין משך פון 8 יאָר, רעדאַקטאָר פון פּנקס כמיעלניק (1960, 1300 זז׳), באַטייליקט זיך מיט אַרטיקלען און רעפּאָרטאַזשן אין די ייִדישע צ״ש פון ישׂראל און חוץ־לאָרץ.

שפּיגל ישעיהו

געבוירן 14טן יאַנואַר 1906 אין לאָדזש, פּוילן. געלערנט אין חדר, תלמוד־תורה, פאָלקסשול, מיטלשול. באַקומען פּעדאַגאָגישע בילדונג. ביז דער צווייטער וועלט־

מלחמה לערער פון יידיש און יידישער ליטעראַטור אין די ציש״אָ־שולן פון פוילן. בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה אין לאָדזשער געטאָ, שפּעטער — אוישוויץ־בירקענאַו און אַנדערע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. די גאַנצע משפּחה איז אומגעקומען אין געטאָ און לאַגערן. 1945—1948 לערער אין דער י. ל. פּרץ־שול אין לאָדזש. 1948—1950 סעקרעטאַר פון יידישן שרייבער־פאַראיין אין פוילן און מיטרעדאַקטאָר פון די וואַר־שעווער יידישע שריפטן. עולה געווען אין 1951. געדרוקט זיינע שאַפונגען אין די גאָלדענע קייט, ביי זיך, ישראל־שטימע, לעצטע נייעס (ת״א), צוקונפט (נ״י), נייע פּרעסע (פּאַריז) א״אַ. פּאָרטרעטן אין אַריה שמריס אַנטאָלאָגיע וואָרצלען (ת״א 1966), על נהרות (רעד׳ שמשון מלצר, י—ם תשט״ז), מכאן ומקרוב (רעד׳ מ. חלמיש, ת״א 1966), חורבן (רעד׳ ש. ראָזשאַנסקי, ב״א 1974) א״אַ. דערשינען אין בוכפאָרעם: מיטן פּנים צו דער זון, לידער, פ״ג „אַלפאַ״, לאָדזש 1930, 64 זז׳; מלכות געטאָ, נאָוועלן, „דאָס נייע לעבן״, לאָדזש 1947, 96 זז׳; שטערן איבערן געטאָ, נאָוועלן, „יידישע פאָלקס־ביבליאָטעק״, פּאַריז 1948, 63 זז׳, מענטשן אין תהום, נאָוועלן, פ״ג וואַרשע־לאָדזש 1949, 171 זז׳; ליכט פונעם אָפּגרונט, נאָוועלן, פ״ג „ציקאָ״, נ״י 1952, 320 זז׳; ווינט און וואָרצלען, נאָוועלן, פ״ג „ציקאָ״, נ״י 1955, 281 זז׳; די בריק, נאָוועלן, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1963, 346 זז׳; פלאַמען פון דער ערד, ראָמאַן, פ״ג „ישראל־בוך״, ת״א 1966, 208 זז׳; שטיגן צום הימל, ראָמאַן, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1966, 329 זז׳; געשטאַלטן און פּראָפילן, ליטעראַרישע עסייען, ערשט בוך, „המנורה״, ת״א 1971, 260 זז׳ (צווייט בוך: „ישראל־בוך״, ת״א 1980, 150 זז׳); די קרוין, דערציילונגען, „ישראל־בוך״, ת״א 1973, 148 זז׳; שטערן לייכטן אין תהום, געזאַמלטע דערציילונגען (1940—1944), „ישראל־בוך״, ת״א 1976, 2 בב׳; צווישן תוו און אַלף, געזאַמלטע לידער, דאָרטן, 1978, 343 זז׳; אַברהם סוצקעווערס לידער פון טאָגבוך, עסיי, „ביבלוס״, ת״א 1979, 31 זז׳; הימלען נאָכן שטורעם, נאָוועלן, עסייען, לידער, „וועלטראַט פאַר יידיש״, ת״א 1984, 345 זז׳. דערשינען אין העב־רעישער איבערזעצונג: מלכות גיטו (1952), ערומים בטרם שחר (1968), אור מעמקי תהום (1969), מדרגות אל השמים (1970), הגשר (1974), האשמורה השלישית (1976), שני סיפורים (1978).

שרייער אפרים

געבוירן 8טן יולי 1911 אין טאָלמיטש, גאַליציע. זינט 1930 אין וואַרשע, וווּ פאַר־ענדיקט אַ שול פאַר פאָלקסקונסט. 1940 מאָביליזירט אין דער סאָוועטישער אַרמיי. ביז 1946 געלעבט אין סווערדלאָווסק (ראַטן־פאַרבאַנד). 1946 רעפּאַטריירט קיין פוילן, שפּעטער אַריבער קיין מינכען, דייטשלאַנד. אַקטיוו זיך באַטייליקט אין די אַנפירנ־דיקע אינסטאַנצן פון דער שארית־הפליטה. פון 1950 אין תל־אביב. אָנגעהויבן זיך דרוקן אין די 30ער יאָרן אין אַרבעטער־צייטונג און פרייע יוגנט (אָרגאַנען פון לינקע פּוע״צ אין וואַרשע), באַטייליקט אין די צייטונגען פון יידישע פּליטים אין דייטשלאַנד, שפּעטער אין די יידישע צ״ש פון ישראל און חוץ־לארץ. פּאָרטרעטן אין ספר זרבבל (ת״א 1961), אַלמאַנאַך פון די יידישע שרייבער אין ישראל (ת״א 1962) א״אַ. דער־שינען אין בוכפאָרעם: אירענאַ אייכלער, מאָנאָגראַפיע, וואַרשע 1939, 63 זז׳; פּראָבלעמען פון קינסטלערישן שאַפן, „נייוועלט״, מינכען 1948, 91 זז׳; אמנות ותיאטרון, ת״א 1958; דיוקן ומסכה, ת״א 1963; ביי היימישע שוועלן, איינדרוקן, עסייען, פּראָפילן, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1967, 172 זז׳; בלעטער פון מיין אַלבאָם, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1978, 106 זז׳ (אין העבר׳ איבערז׳ פון יוסף אחאי: עלי אביב, 1979); פרילינג־בלעטער, פ״ג י. ל. פּרץ, ת״א 1981, 95 זז׳; עסטעטישע ווערטן, פ״ג ה. לייוויק, ת״א 1985, 103 זז׳.

that those were the pioneers who laid dawn the foundations for our present-day literature.

The purpose of this Anthology is then to furnish its reader, in so far as possible, with a reliable picture of some sixty Yiddish writers living now in Israel.

In the bio-bibliographical section we have endeavoured to include — in a *concise* form — all the biographic data made available by the authors themselves. Whenever we found our lists of the writers' books to be incomplete, we helped ourselves out with the *Lexicon fun der Yiddisher Literatur* (New York).

It is with deep grief that we remember here the recently deceased writers: Fried Weininger, Yehoshua Latzman, Moshe Lokietch, Motl Saktzier, Volf Karmiol, Rachel Krampf, Masha Shtuker-Payuk, who did not live to see this Anthology published.

Honour to their memory.

THE EDITORS

PREFACE

This Anthology forms an attempt to present the Yiddish-reader, in Israel and in the world, with certain works by Israeli Yiddish-writers — works concerned with the ideals, struggles, and the atmosphere of the Jewish settlement in Israel.

With the birth of the State of Israel, a new reality has clearly emerged both for Jews living in Israel and for those in the countries of Dispersion. The dream of a Jewish Homeland has come true. But this historic climax has also immediately created new, vital problems for Israel; chiefly — the necessity for an incessant strife for its existence and independence. And, quite naturally, the Yiddish-writers' work reflected the heroic aspects of that strife. But, besides that, it also mirrored all the conflicts and hardships, characteristic of all periods of great historic changes. Thus it is the many-faceted Israeli reality that the Yiddish novelists, poets and essayists sought to portray throughout all the four decades of the State's existence.

Every anthology has its share of limitations, and ours is no exception. We were forced to restrict ourselves rigidly in our scope as well as in our thematic choices. We ought to have begun with the first Yiddish literary archievements in the Land of Israel, but a fitting presentation of the writings of those could fill volumes stretching back into the 19th Century. Therefore we had decided to restrict our choice to literary compositions dealing with Israeli themes only. Thus, much to our regret, we were unable to include any of the works who had enriched our literature during the past two generations, and whose authors are no longer with us. Yet we have to remember

Dedicated

to the Fortieth Anniversary of the State of Israel

ANTHOLOGY

OF THE YIDDISH-WRITERS IN ISRAEL

OIF DI SHLIAKHN FUN HEIM
Anthology
of the Jewish Writers in Israel

World Council for Yiddish and Jewish Culture
Tel-Aviv, 228 Bnei Efraim str.

©

Printed in Israel 1989

ON THE ROADS OF HOME

An Anthology

ISRAELI THEMES IN THE WORKS OF THE YIDDISH FICTION-WRITERS, POETS AND ESSAYISTS LIVING IN ISRAEL

Editors:

Y. Yanasovitch, A. Lis, Y. Korn, I. Rudnitzki (secr.)

WORLD COUNCIL FOR YIDDISH AND JEWISH CULTURE

Tel-Aviv, 1989

Editorial board :

M. Halamish, Y. Yanasovitch, A. Lis, Y. Korn,
H. Klepfish, Y. Tz. Shargel, I. Rudnitzki (secr.)

The preparation of this book was made possible by a grant from Rivka and Yehoshua Goldberg, consecrated to the memory of the Goldberg-Lerman families, victimised by the Hitlerists.